STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09125

IN HOLEM UN OYF DER VOR

Israel Efroykin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין חלום און אויף דער וואָר

אין חלום
און אויף דער וואָר

עסייען וועגן אַלטע פּראָבלעמען אין אַ נייער צייט

פון

י. עפרויקין

◈

פאַרלאַג — אויפן שיידוועג — ניו־יאָרק
1 9 4 4.

IN CHOLEM UN OIF DER WOR

BY I. EFROYKIN

NEW YORK

1944

Printed in U. S. A.

מלכהן און דיקען
אַ מתנה

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — 7

ערשטער טייל:

די מלחמה־ און נאָך־מלחמה־וועלט (געזען מיט יידישע אויגן) — 9 — 172

קאַפּיטל איינס: „די בעסערע וועלט" — 11

קאַפּיטל צוויי: נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם בשעת און נאָך דער מלחמה — 25

קאַפּיטל דריי: נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלער פאַרמעגן און סואווערעניטעט — 34

קאַפּיטל פיר: די ירידה פון קאַפּיטאַליזם און די באַדערפעניש פון אַ נייער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט — 57

קאַפּיטל פינף: קאַפּיטאַליזם און דעמאָקראַטיע — 77

קאַפּיטל זעקס: דער פאַשיזם, זיינע ווירטשאַפט־פּרינציפּן און זיין אידעאָלאָגיע — 84

קאַפּיטל זיבן: קאַפּיטאַליזם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם — 113

קאַפּיטל אכט: קאָמוניזם אין דער פרעמד — 122

קאַפּיטל ניין: דער קאָמוניזם אין דער היים אָדער סאָציאַליזם אין איין לאַנד — 132

קאַפּיטל צען: די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — 162

צווייטער טייל:

יידן צווישן די פעלקער — 173—368

קאַפּיטל עלף: גלות און גאולה — 175

קאַפּיטל צוועלף: דאָס פּראָלעטאַרישע פאָלק — 181

קאַפּיטל דרייצן: יידישע אויטאָריטעט און יידישע אויטאָנאָמיע — 191

קאַפּיטל פערצן: דער סוף פון אַ צווייהונדערט־יעריקן טעות — 206

קאַפּיטל פופצן: די קאָנפליקטן פון אַ פאַרשלייערטן מינדערהייט־מצב 225

קאַפּיטל זעכצן: די פאַרבלאָנדזשעטע (אָדער די, וואָס היטן פרעמדע גערטנער) — 241

קאַפּיטל זיבעצן: צי עקסיסטירט אַ יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד? — 248

קאַפּיטל אכצן: יידישע קאָמוניסטן אין דער היים און אין דער פרעמד 270

קאַפּיטל ניינצן: יידישקייט און גלייכבאַרעכטיקונג — 291

קאַפּיטל צוואַנציק: רעכט פאַרן יחיד און פאַרן כלל — 301

קאַפּיטל איין און צוואַנציק: רעכט און פרנסה — 308

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק: אינפילטראַציע אָדער קאָנצענטראַציע פון יידישע וואַנדערונגען? — 323

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק: יידישע אויטאָנאָמיע און יידישע דיסציפּלין 332

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק: אויספירן און אויסזיכטן — 344

נאָכוואָרט — 366

ביבליאָגראַפיע — 373

פאָרוואָרט

דאָס דאָזיקע בוך ווערט געדרוקט אין אַמעריקע על פּי צופאַל, אויב מען קען נאָך היינטיקע צייטן רעכענען פאַר אַ צופאַל וואַנדערונגען פון אַן איראָפּעאישן יידן. איך זאָג עס, כדי דער אַמעריקאַנער יידישער לייענער זאָל וויסן, אַז דאָס בוך איז פאַרטראַכט און אין זיינע גרונט־שטריכן אָנגעמערקט געוואָרן אין איראָפּע, אין די יאָרן 1940—1942 פון אַ יידן, וואָס האָט געלעבט אונטער אַ נאַציסטיש־פאַשיסטישן רעזשים און עס דאַרף בכן באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסדרוק פון איראָפּעאיש־יידישע שטימונגען. דאָס הייסט ניט, אַז די דאָזיקע געדאַנקען ווערן געטיילט פון אַלע איראָפּעאישע יידן. קיין אַנקעטעס וועגן דעם האָב איך ניט געמאַכט, אָבער ווי ווייט איך קען אורטיילן פון שטימען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אויף יידישע אסיפות (פאַרשטייט זיך, אומלעגאַלע, ווייל קיין אַנדערע, וואו „מען זאָל זיך קענען אַראָפּרעדן פון האַרצן" זיינען די לעצטע יאָרן אין איראָפּע ניט מעגלעך געווען), טראָגן זיך ענלעכע געדאַנקען און שטימונגען אַרום אין דער לופט, זיי ווערן פאָרמולירט אויף פאַרשיידענע אופנים — ביי איינע לויטן געפיל, ביי אַנדערע על פּי שכל, אָבער אין תוך זיינען עס די אייגענע געדאַנקען.

קומענדיק קיין אַמעריקע, האָב איך תיכף געקענט קאָנסטאַטירן ווי ווייט עס גייען זיך פאַנאַנדער מיינע געדאַנקען מיט יענע, וואָס הערשן אין אַמעריקאַנער יידישע קרייזן, גייסטיק דווקא נאָענטע צו מיר. איך האָב געפּרואווט דורך ביכער און צייטשריפטן זיך צו דערגרונטעווען צום קערן פון די דאָזיקע פאַרשיידנקייטן און האָב, ווי מיר דוכט, אויסגעפונען זייער תוך: די „נייע וועלט" לעבט נאָך מיט די השגות און אידייען פון דער „אַלטער וועלט" — פאַרקערטע יוצרות! וואו איז דער אמת, דער יידישער אמת, דאָס וועלן די נאָך־מלחמה־יאָרן זאָגן.

איך ווייס וואויל, אַז די געדאַנקען וועגן אַמעריקע און אַמעריקאַנער יידישקייט, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט, וועלן אַפּריאָרי אָפּגעפרעגט ווערן ווי מיינונגען פון אַ „גרינעם". זיכער קען איך ניט די פאַרהעלטענישן אין אַמעריקע אַזוי גוט, ווי אירע תושבים און איך האָב ניט די פּרעטענזיע צו זיין דער „גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס זעט אויף אַ מייל". אָבער

איך קען אויף אַזוי פיל יידישע געשיכטע, ווי אַלע יידן קענען זי, אויף צו וויסן, אַז אירע אימאַנענטע געזעצן ווירקן אומעטום מיט דער אייגענער קראַפט. מען קען האָבן אַ טעות אין פּרטים, מען קען ניט פּינקטלעך טרעפן די צייט און די אומשטענדן, ווען און ווי אַזוי דער יידישער גורל וועט זיך אין דעם אָדער יענעם לאַנד אַנטפּלעקן מיט זיין גאַנצער האַרטקייט. איינס איז אָבער זיכער: קיין יידישער קיבוץ קען דעם דאָזיקן גורל ניט אויסמיידן. ער איז פאַטאַל, ווי פאַטאַל עס זיינען אַלע גרויסע מענטשלעכע טראַגעדיעס.

איך גיב איבער דאָס דאָזיקע בוך דער אַמעריקאַנער יידישער עפנט־לעכקייט און וואָלט זיך געפילט גליקלעך און זיכערער, ווען איך וויס, אַז נאָענט איז דער טאָג, ווען עס וועט קענען קומען צום יידישן עולם אין אייראָפּע, צוריק אַהין, וואו עס געהערט.

י. עפרויקין

תשרי תש"ד — אָקטאָבער 1943.

ערשטער טייל

די מלחמה און נאָך־מלחמה־וועלט

(געזען מיט ידישע אויגן)

קאַפּיטל איינס

„די בעסערע וועלט"

פון די צען מאָס אילוזיעס, וואָס דער רבונו של עולם האָט מיט זיי געבענטשט די וועלט, האָבן היינטוועלטיקע יידן געקראָגן לכל הפחות גאַנצע ניין. וועלכער היינטמאָדישער ייד גלויבט ניט באמונה שלמה, אַז אי"ה נאָכן ניצחון פון די דעמאָקראַטיעס וועט קומען אַ סוף צו דער „ממשלת הזדון" און אַ גערעכטער, יושרדיקער סדר־עולם וועט זיך איינשטעלן. צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע פעלקער וועלן אויך מיר ממילא אויסגעלייזט ווערן און פאַרגיטיקט ווערן פאַר אַלע פורעניות, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין. מיר חזרן אַליין איבער טאָג איין טאָג אויס, אַז אַזאַ בראָך ווי דער איצטיקער, אַזוינע מאַסן־שחיטות ווי די היינטיקע, האָבן יידן נאָך קיינמאָל ניט געהאַט דורכצולעבן. און וואָס מער און וואָס פלייסיקער מיר חזרן דאָס, אַלץ ווייניקער חשק קריגן מיר צו באַגרייפן דעם טיפערן זין פון דער קאַטאַסטראָפע, אַלץ שטייפער פאַרמאַכן מיר די אויגן פאַר דעם טיפן תהום. אויף צו שטילן דעם ווייטיק און אויף צו באַרואיקן דעם געוויסן, זוכט מען טרייסט אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. איר קענט דאָך דעם פסוק: איבערגעקומען המנען, איבערגעלעבט די בבלים און די פרסים, די גריכן און די רוימער, וועלן מיר אויך איבערקומען היטלערן, איבערלעבן נאַצי־דייטשלאַנד. און ווי אַ הוספה־גאַראַנטיע צו די משלים פון דער געשיכטע קומען פסוקים. און פסוקים זיינען דאָך פאַראַן די והותר, יידישע און גוישע, אַלטע און נייע, וויפיל דאָס האַרץ גאָר גלוסט און פאַר איטלעכן גוסט און געשמאַק.

היינטיקע יידן שרעקן זיך פאַרן אָפּגרונט פון דער יידישער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אַזוי ברייט פאַנאַנדערגעעפנט ווי נאָך קיינמאָל ניט אין אונדזער עבר. זיי געפינען ניט אין זיך און אין זייער אַרום קיין טיפן גלויבן און קיין אמתע טרייסט, וואָס זאָל זיי שטאַרקן און געבן מוט צו ליידן; עס פעלט זיי אַ ווילן צו גרויסע מעשים: באַהאַלטן זיי זיך אין אַ מין נירוואַנע פון חלומות און אילוזיעס. די דאָזיקע אילוזיעס זיינען פונקט אַזוי געפערלעך פאַר אַ פאָלק, ווי געפערלעך עס זיינען פאַרן מענטשנס אָרגאַניזם

כלערליי נאַרקאָטיקס, וואָס רופן אַרויס אַ קינסטלעך־געהויבענעם געמיט־צושטאַנד און גראָבן ביסלעכווייז אונטער זיין לעבנס־קראַפט.

אַקוראַט ווי מען דאַרף טרייסטן אַ פאָלק אין אַן עת צרה, אים צוגעבן גלויבן און האָפענונג, שטאַרקן זיינע הענט און זיין מוט, כדי אויפצואוועקן אין אים די פאַרבאָרגענע כוחות, פונקט אַזוי מוז מען צעשטערן אַן רחמנות פוסטע חלומות, וואָס זיינען נישט מער ווי אַ גוטער תירוץ צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף דער הילף פון דרויסן, וואָס מוז קומען, אויף דער ישועה, וואָס ווערט פייערלעך אָנגעזאָגט און הייליק פאַרשפּראָכן פון כלערליי פירער־פאַרפירער.

וואָס קלערן סתם יידן, ניט אונדזערע גאַנץ־ אָדער האַלב־אַסימילירטע וואָרט־זאָגער, בלייבט פאַר אונדז אַ סוד אונטער זיבן שלעסער. די דאָזיקע יידן קומען ניט צום וואָרט אין דער יידישער עפנטלעכקייט. אויף דער „יידישער גאַס” הערט מען זיי כמעט ניט און טאָמער אַמאָל יאָ, איז דאָס ניט זייער עכטע, אויטענטישע שטים, נאָר אַ מין „ערזאַץ”, אויסגעשטאַט און צוגעפּוצט אַזוי, אַז מען זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר לייטן.

מיר ווייסן לחלוטין גאָרניט, וואָס טוען קלערן די יידן, וואָס זיינען נאָך לעבעדיק געבליבן אין אייראָפּעאישן גיהנום. לאָמיר האָפן, אַז ניט אַלע וועלן זיי אויסגעהרגעט ווערן אָדער אויסשטאַרבן פון הונגער, קרענק, שרעק און פּיין און אַז מיר וועלן זיך נאָך דערוויסן, וואָס עס האָבן דורכגעלעבט און דורכגעווייטיקט די יידן אין די פּוילישע געטאָס, די וואָס האָבן געליטן און געשוויגן און די וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם שונא. אַז זייער געדאַנקען־וועלט איז כלל ניט די זעלביקע ווי דאָ, אין די אַמעריקאַנער לענדער, אויף דעם קען עדות זאָגן איטלעכער, וואָס האָט געלעבט אונטער דעם נאַצישן יאָך און זיך על פּי נס אַרויסגעראַטעוועט. און איך האָב מורא, אַז עס וועט גיין לאיבוד ניט וויניק פון די נאָך־מלחמה־פּלענער און פּראָגראַמען, אויף וועלכע פּילצאָליקע יידישע פאַרש־אינסטיטוטן אַרבעטן אַזוי פלייסיק, ווייל זיי וועלן זיך אַרויסווייזן צו זיין צו ווייט הן פון דער אייראָפּעאיש־יידישער ווירקלעכקייט, הן פון די עכטע שטימונגען פון די יידן, וואָס וועלן האָבן אויסגעהאַלטן ביזן סוף.

מען זאָגט אונדז, און מיר גלויבן עס, אַז די איצטיקע מלחמה איז ניט קיין נאַציאָנאַלע און אַ פּשיטא שוין ניט, חלילה, קיין אימפּעריאַליסטישע, נאָר אַן אידעאָלאָגישע, אַ געראַנגל צווישן צוויי גייסטיקע וועלטן, צווישן דער טויזנט־יעריקער קריסטלעכער ציוויליזאַציע, וואָס איז געבויט אויף רעכט, יושר און מענטשן־ליבע און דער געצנדינערישער וועלט, דער וועלט פון

בייז און שנאה און ברוטאַלער געוואַלט — אַ קאַמף צווישן פרייהייט און גלייכהייט פון איין זייט און טאָטאַליטאַריזם און דעספּאָטיזם פון דער אַנדער זייט, אַ קאַמף פון אַלטרויסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם אַנטקעגן עגאָאיס־טישן שאָוויניזם.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַ מאָדנע זאַך: די דאָזיקע אידעאָלאָגישע באַצירונג פון דער מלחמה טרעפט איר דווקא אין די לענדער, וואָס האָבן לפי ערך נאָך גאָר ווייניק פּולווער געשמעקט. און גראָד די צוויי לענדער, וואָס האָבן ביז איצט געבראַכט די גרעסטע קרבנות, וואָס טראָגן אויס אויף זייערע פּלייצעס דעם שווערסטן יאָך פון דער מלחמה, איך מיין סאָוועט־רוסלאַנד און כינע, גראָד זיי פּוצן זיך ניט אין דעם דאָזיקן טלית שכולו תכלת און רעדן אַ פּשוטע שפּראַך. און מיר גלויבן איר, ווייל זי איז פאַרשטענדלעך און ערלעך. זיי זאָגן: מיר בלוטיקן און וועלן זיך ניט באַרואיקן ביז מיר וועלן ניט זיין געשיצט און געזיכערט, ביז אונדזערע היימען און אונדזערע פאַמיליעס, אונדזער ערד און אונדזער לאַנד, וועלן ניט באַפרייט ווערן פון דעם שונא. זיי גרויסן זיך גאָרניט, אַז זיי ווילן דווקא אויסלייזן די גאַנצע וועלט. און דאָס קומט אויס נאָך מער אויסטערליש, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז גראָד אָט די צוויי לענדער זיינען ביז דער מלחמה כלל ניט געווען נאַציאָנאַליסטיש, נאָר אינטערנאַציאָנאַליסטיש, ניט קריי־געריש, נאָר פרידלעך. דער עלעגאַנטער, אָבער גלייכצייטיק טיפער כינע־זישער שרייבער און פילאָסאָף לין יוטאַנג באַווייזט מיט גרויסער איבער־צייגונגס־קראַפט, אַז דער פּאַציפיזם איז תמיד געווען און געבליבן דער גרונט־שטריך פון כינעזישן פאָלקס־כאַראַקטער. די כינעזער האָבן אפילו קיינמאָל ניט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ נאַציע אין דעם מאָדערנעם, אייראָ־פּעאישן זין. און וועגן סאָוועט־רוסלאַנד איז דאָך אַוודאי ניטאָ וואָס צו רעדן. איז זי דאָך פון איר געבורט אָן געווען דאָס לאַנד פון דעם אינטער־נאַציאָנאַליזם. אפילו איר נאָמען האָט זי געביטן און ס׳איז ניטאָ אין איר מער קיין זכר פון דעם פאָלק, וואָס איז ביז דער רעוואָלוציע געווען דער בעל־הבית פון דעם לאַנד. און פונדעסטוועגן, אַז סטאַלין רעדט צום פאָלק און צום חייל אויפן רויטן פּלאַץ פון מאָסקווע, אינעם אָנדענק־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, רעדט ער וועגן דער מלחמה ווי וועגן אַ גערעכטער נאַציאָנאַלער, פּאַטריאָטישער באַפרייאונג־מלחמה. פאָרמולירנדיק די קריגס־צילן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערמאָנט סטאַלין אין אָן אַנדער רעדע נאָר איין איינציקן ציל: אויסצוראָטן די דייטשן, אַזוי אַז קיין איינער פון זיי זאָל ניט בלייבן אויף דער טעריטאָריע פון אונדזער פאָטערלאַנד.

די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער האָבן אַרויסגעבראַכט די לעצטע יאָרן

אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן זייערע מלחמה־צילן און זייער שלום־פּראָגראַם. עס מערן זיך און פּרוכפּערן זיך די אינסטיטוטן און חברות אויף צו שטו־דירן די נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען און די וועלט ווערט ממש פּאַרפּלייצט פון ימען פול מיט מענטשן־ליבע, אייביקע שלום־אידעאַלן, וועלט־מלוכות און סאָציאַליסטישע האָפענונגען. און די אַרמייען פון טשיאַנג קאַי שעק און פון די כינעזישע קאָמוניסטן, די סאָוועטישע רויטע אַרמייער שלאָגן זיך ווי לייבן און שטאַרבן ווי העלדן, ניט אַנהויבנדיק צו וויסן וואָס פאַר אַ ישועות עס קומען אויף דער וועלט. זיי מיינען בתמימות, אַז די באַפריי־אונג פון זייערע פאָטערלענדער און די אויסלייזונג פון זייערע פעלקער איז אַ גענוג דערהויבענער ציל, פאַר וועלכן עס לוינט זיך אָפּצוגעבן דאָס לעבן.

בייזע צינגער וועלן אוודאי זאָגן, אַז עפּעס מוז דאָ זיין ניט גלאַט און בייזוויליקע מענטשן וועלן אפשר גאָר אַ טראַכט טאָן, צי באַהאַלט זיך ניט הינטער די הויכע רייד וועגן פעלקער־ברודערשאַפט און אינטער־נאַציאָנאַליזם דער ניט רואיקער געוויסן פון אַלטע בעלי חטא. און וואָס וואָלטן שוין יידן געדאַרפט זאָגן צו דעם דאָזיקן פּלוצימדיקן אויסברוך פון גערעכטיקייט און פרומקייט מצד די קריסטלעכע פעלקער?

יידן, אַ גרייז־אַלט פאָלק, אַנגעלאָדן מיט אַ לאַנגער און ביטערער לעבנס־דערפאַרונג, וואָלטן געדאַרפט אַרויסווייזן לגבי דער קריסטלעכער וועלט לכל הפחות ניט ווייניקער סקעפּטיציזם ווי די זין פון אַנדערע אַלטע פעלקער, מיט אַ קולטור, וואָס וואָרצלט אויך וייט־וויט אין דער געשיכטע. לין יוטאַנג שעמט זיך ניט צו מאַכן חוזק, און דווקא אויף ענגליש, פון די ווייסע מיסיאָנערן, וואָס קומען פּריידיקן פרידן, עניוות און רחמנות צום פרידלעכן עניוותדיקן כינעזישן פאָלק, זיין חוזק איז נאָך מער באַרעכטיקט צוליב דעם, וואָס די פּריידיקער האָבן הינטער זיך דעם שוץ פון קריגס־שיפן. יוטאַנג האָט דעם מוט אָפן צו זאָגן, אַז אייראָפּע איז מאָראַליש באַנ־קראָט און אַז דאָס כינעזישע פאָלק קען ניט גלויבן, אַז אייראָפּע שלאָגט זיך פאַר גערעכטיקייט, בעת עס האָט געזען, אַז גראָד פאַר אַזאַ גערעכטער זאַך ווי די פאַרטיידיקונג פון אומשולדיקע און שוואַכע פעלקער, כינעזער, אַביסיניער, פון דער רעפּובליקאַנישער שפּאַניע און אַזוי ווייטער האָט איירא־פּע נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק ניט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו ברענגען וועלכע עס איז קרבנות.

דער אינדישער פירער נערו, וואָס האָט דערוויזן מיט מעשים, אַז ער אַזוי ווי דאָס פאָלק, וואָס ער פירט, זיינען באמת גרייט צו העלפן די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס די פאַשיסטישע מלוכות זיינען אויף זיי אַנגע־פאַלן (כינע, שפּאַניע), דערקלערט, אַז זיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער

זייט פון די דעמאָקראַטיעס נאָר בתנאי, אַז זיי זאָלן אָנהויבן קודם־כל רייניקן זייערע אייגענע שטובן און פאַרווירקלעכן די דעמאָקראַטישע פּרינ־ציפּן טאַקע ביי זיך אין דער היים. ביז דאָס וועט ניט געשען, מוז ער זיך באַציען מיט אַ חשד צו זייער פּרעטענזיע, אַז זיי קעמפן פאַר יושר און דעמאָקראַטיע. און ניט קיין אַנדערער ווי די באַרימטע אַמעריקאַנישע שרייבערין פּוירל ס. באַק, וועלכע האָט שטודירט דאָס לעבן פון די פאַר־ביקע פעלקער און געזען אין זיי דווקא דאָס, וואָס די איראָפּייער ווילן ניט זען, דאָס הייסט דעם מענטשן קודם־כל, זאָגט מיט רעכט, אַז זיי קענען ניט גלויבן די דעמאָקראַטיעס שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין קיין איינער פון זייערע דערקלערונגען וועגן זייערע מלחמה־צילן איז אפילו ניטאָ קיין רמז, וואָס זאָל גאַראַנטירן, אַז אין דער צוקונפט וועט זיך זייער באַציאונג צו די דאָזיקע פעלקער ענדערן.

און עס וואָלט זיך געקענט דוכטן, אַז מיר, יידן, האָבן אַ סך מער גרונט ווי די כינעזער און אינדיער צו זיין סקעפּטיקער און קטני אמונה. אַז עס קומען אַצינד אַמעריקאַניש־איראָפּעאישע דענקער, וועלטלעכע און רעליגיעזע, און זאָגן אונדז אָן (זע „דהי סיטי אָוו מען") אַ „נייע בשורה" וועגן אַ נייער „מלכות השמים", דערמאָנען מיר זיך, אַז מיר האָבן שוין ערגעץ וואו אַמאָל די דאָזיקע דרשה געהערט, אַזוי לאַנג ווי מיט אַ 1900 יאָר צוריק. און אויב מיר האָבן דעמאָלט אין איר ווייניק געגלויבט, מוזן מיר דאָך איצט לאחר המעשה, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין געזען וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט, פאַר אונדז לכל הפחות, פון די דאָזיקע געהויבענע ווער־טער, אוודאי און אוודאי זיין אַפּיקורסים.

און דאָס יידישע פאָלק האָט טאַקע ניט קיין גרויס אמונה אין די נייע בשורות ווי עס האָט ניט געגלויבט אין די אַלטע. מער ניט וואָס דען, „פּראָגרעסיווע" יידן און בפרט יידישע ראַבינער שעמען זיך מיט דער דאָזיקער שטעלונג פון פאָלק און פון אַפּאָלאָגעטיק וועגן פלייסן זיי זיך דאָס צו באַהאַלטן פון דער וועלט און ווילן ניט באַגרייפן, אַז עס וואָלט געווען אי שענער אי קליגער אָפן און מוטיק צו זאָגן אָט דער וועלט וואָס מיר קלערן וועגן איר. ווי מאָלפּעס חזרן זיי איבער די פלוידעריי וועגן דעם קאַמף קעגן דעם אַנטי־קריסט, וועגן דער פאַרטיידיקונג פון דער קריסטלעך־יידישער ציוויליזאַציע קעגן די באַרבאַרן, אַזוי ווי אָט דער מין אַנדרוגינוס וואָלט ניט געווען קיין אויסטראַכטעניש פון יידישע קעפּ. וואָרעם אויב אַ פאָר גוטע פריינט פון יידן זאָגן נאָך דעם דאָזיקן פּזמון, טוען זיי דאָס נאָר מיט דער ערלעכער כוונה אונדז אַ טובה צו טאָן דערמיט, וואָס זיי זיינען אונדז משדך מיט דער קריסטלעכער קולטור.

דאָס ניט גלויבן אין קיין שום משיח, אין קיין שום אויסלייזונג פון דער וועלט, כל זמן יידן אַליין זיינען ניט אויסגעלייזט, כל זמן די יידישע גאולה איז ניט געקומען, איז געווען און געבליבן אַ טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציע פון דעם יידישן דענקען. דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג האָט נאָך עד היום און אפשר נאָך מער ווי ווען ניט איז די גילטיקייט און די קראַפט פון אַ רעאַלן אמת. יידן, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן פון פאַלשע משיח־אידייען, רעליגיעז צי סאָציאַל געשליירט, זאָגן זיך אָפּ הן פון דער יידישער טראַדיציע און הן פון די רעאַליטעטן פון דער היינטיקער וועלט. אָבער גלייכצייטיק נאַרן זיי זיך אַליין און מיינען, אַז מען קען דערטרינקען אין אַ ים מיט ווערטער די גרויסע יידישע טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון אונדזער איינזאַמקייט אין דער וועלט.

די דאָזיקע טראַדיציאָנעל־יידישע שטעלונג באַדייט כלל ניט, אַז פאַר יידן זיינען אַלע גויים און אַלע גויאישע פעלקער גליך. שוין לאַנג צוריק האָבן מיר באַשאַפן דעם באַגריף חסידי אומות העולם. אָבער דעם דאָזיקן ערן־טיטל האָבן אונדזערע אַלטע חכמים געטיילט זייער און זייער שפאָרעוודיק, גאָר ניט מיט דער רחבות און, — זייט מיר מוחל, — מיט דער נאַאיווקייט פון אונדזערע נייע חכמים. היינט־צו־טאָג איז גענוג עמיצער זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אונדז און ווער רעדט נאָך — אַרויסטרעטן אויף אַ פאַרזאַמלונג (פאַרשטייט זיך פאַר אַ יידישן עולם, ווארעם גויים קומען דאָך ניט הערן די דאָזיקע נודנע דרשות), און אָפּזאָגן דעם שבחים־טראַפּאַרעט (דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די „ביבל”, יעזוסן וכדומה), כדי ער זאָל תיכף פאַררעכנט ווערן פאַר אַ באַגלויביקטן, פּאַטענטירטן יידן־פריינט. געהערט אַ קריסט צו אַ פּראָגרעסיווער, לינקער פּאַרטיי, וואָס ביי איר אין פּראָגראַם שטייט פאַרשריבן יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, גייט ער דאָך שוין במילא אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די חסידי אומות העולם. האָבן מיר אָבער געזען, אַז אין דייטשלאַנד, צום ביישפּיל, זיינען נאָך אין 1933 געווען מיליאָנען קאָמוניסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, דאָס הייסט לויט אונדזערע השגות „יידן־פריינט”. וואו זיינען זיי איצט? אויף די פראָנטן פאַרשטייט זיך. זיינען זיי נאָך אַלץ יידן־פריינט? אויב יאָ פאַרוואָס האָבן עס גאָרניט באַמערקט יידישע קינדער, מענער, פרויען און זקנים, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין די פּוילישע געטאָס? ווילט איר, אַז נאָכדעם אַלעמען זאָלן יידן האָבן בלינדע אמונה אין פּאַרטיי־פּראָגראַמען, אין סימפּאַטיע־דערקלערונגען, בכלל אין ווערטער און פּאַפּירן, וואָס קאָסטן גאָרניט און וואָס דערפאַר טאַקע זיינען זיי גאָרנישט ניט ווערט.

אַט זעט איר, די רוסישע פויערים, וואָס זאָגן זיך אָפּ צו גראָבן קברים פאַר יידן, וואָס די דייטשן קלייבן זיך דערשיסן, און פאַרלירן דערפאַר זייער אייגענעם לעבן; אַט די האָלענדער און נאָרוועגער און דענער, וואָס באַהאַלטן אויס יידן פון דעפּאָרטאַציע; אַט דער פראַנצויזישער גלח, וואָס איז געגאַנגען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אויסליפערן די יידישע קינדער צו דער דייטשישער פּאָליציי; מיין באַקאַנטער פראַנצויזישער קצב, וואָס האָט מיט דער גאַנצער פאַמיליע זיך איבערגעקליבן אין איין חדר און אָפּגעגעבן זיין גאַנצע דירה אויסלענדישע יידן, וואָס קענען קוים אַ וואָרט פראַנצויזיש, כדי זיי אויסצובאַהאַלטן פון דער געסטאַפּאָ און אירע פראַנצויזישע אַגענטן, און ריזיקירט דערביי מיט זיין חיונה און מיט זיין פרייהייט, — אַט זעט איר זיי האָבן כשר פאַרדינט דעם טיטל חסידי אומות העולם. צי זיינען זיי פאַרשריבן אין אַ פּאַרטיי און אין וועלכער, ווייס איך ניט. אָבער זיי געהערן אַלע צו יענער פּאַרטיי, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, קיין אָרגאַניזאַציע, קיין ביוראָקראַטיע, קיין פּראָגראַמען, קיין סטאַטוטן, — צו דער פּאַרטיי פון ערלעכע, מענטשלעכע מענטשן.

אויך אויפן געביט פון אידייען פרייען מיך זיך געוויס, ווען עס באַווייזן זיך קריסטלעכע דענקער אָדער קריסטלעכע רעליגיעזע פירער, וואָס דאָס טראַדיציאָנעלע קריסטנטום באַפרידיקט זיי מער ניט טאַקע דערפאַר, ווייל „זיין קעניגרייך איז ניט פון דער וועלט” און ווייל עס האָט אויסגעגראָבן אַ טיפן תהום צווישן דעם זונטיק און דער וואָך. נאָר דערווייל האָבן מיר פאַר אונדז ניט מער ווי אַ פּאָן און מיר וואַרטן ביז קריסטן וועלן שטאַרבן פאַר איר פונקט ווי יידישע דורות האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר אונדזער אמונה. אָבער וואַרטן וועט מען, משמעות, מוזן לאַנג, גאָר לאַנג.

פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער שטעלונג צו דער קריסטלעכער וועלט דרינגט אַרויס נאָך עפּעס. מיר קענען ניט מושווה ווערן מיט דעם געדאַנק, אַז די קריסטלעכע וועלט טיילט זיך אין פעלקער פון כולו זכאי און כולו חייב. בנוגע אונדז איז די דאָזיקע וועלט ביז איצט אין גרונט אַן איינהייט און די קריסטלעכע פעלקער זיינען מאָראַליש ערבים זה בזה, וואָרעם זיי שעפּן אַלע פון די זעלבע קוואַלן און דינען די זעלביקע געטער. דאָס מיינט ניט, אַז מיר וואַרפן אַריין אַלע פעלקער אין איין זאַק. מיר וועלן זאָגן טויזנט מאָל להבדיל צווישן אַ היינטיקן דייטש און אַ היינטיקן ענגלענדער און אַמעריקאַנער. אָבער דער חילוק צווישן זיי איז בעיקר אַ חילוק פון צייט און אומשטענדן. נאַטירלעך איז אַזאַ חילוק פון רעאַלן

שטאַנדפּונקט ביז גאָר וויכטיק און אין געוויסע מאָמענטן, ווי דער איצטי־קער למשל, אפילו דעציִדירנדיק. עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט און אַמאָל אפילו אַ פֿאַרברעכן זיך אויפֿצוהויבן צו הויך און ניט זען די איצט־עקסיסטירנדיקע ווירקלעכקייט. דאָס הייסט אָבער ניט פֿאַרלירן די ווייטערע פּערספּעקטיוו און פֿאַרמאַכן די אויגן אויפֿן שותּפֿותדיקן בייז, וואָס פּרעסט דורך די גאַנצע היינטיקע ציוויליזאַציע. קיין קריסטלעך פֿאָלק וועט זיך ניט קענען באַפֿרייען פֿון אַ געוויסער מאָראַלישער אחריות פֿאַר די רציחות און די אוממענטשלעכקייט פֿון די נאַציס. עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע אידעאישע און פּסיכישע סאָלידאַריטעט צווישן פֿעלקער. און וואָלט אַ טייל פֿון זיי געווען קריסטאַל־ריין, טיף־מענטשלעך, וואָלט ניט געקענט געמאָלט זיין, אַז דער אַנדערער זאָל זיך אַרויסווייזן אַזוי נידעריק און אַזוי חיהדיק.

און וואָס איז שייך אונדז יידן, איז די דאָזיקע אחריות אפילו אַ מער דירעקטע און קלאָרע. די פֿעלקער קענען ניט מיט אַ רויִקן געוויסן זאָגן ידינו לא שפכו את הדם הזה. איך דערמאָן זיך אין איינער פֿון היטלערס רעדעס, געהאַלטן פֿאַר דער מלחמה, רעאַגירנדיק אויף אַן אינדירעקטן אופֿן אויף די פּראָטעסטן אין אייראָפּע און אַמעריקע קעגן די רדיפֿות אויף יידן, האָט ער מיט אַ דעמאָנישן סאַרקאַזם געוואָרפֿן דער וועלט דעם פֿאַר־וואורף, פֿון וועלכן זי וועט זיך קיינמאָל ניט אויסקויפֿן: אויב יידן זיינען אַזאַ וואויל פֿאָלק ווי איר זאָגט, פֿאַרוואָס זשע פֿאַרמאַכט איר פֿאַר זיי אַזוי הערמעטיש אייערע טויערן און לאָזט זיי ניט אַריין? און איך געדענק ווי איך האָב אין ראַדיאָ געהערט דעם טייוולאָנישן געלעכטער פֿון היטלערס אוידיטאָריע און די געוואַלטיקע אַפּלאָדיסמענטן. וואָס פֿאַר אַ נחת רוח האָבן זיי געהאַט צו הערן פֿון זייער פֿירער, אַז די „פֿרומע", „די גוטע" וועלט איז ניט בעסער פֿון זיי. צי וואָלט אָט די דאָזיקע ציניש פֿרייד, דאָס חוזק מאַכן פֿון גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט ווי פֿון אַ פּלוי־דעריי פֿון בטלנים און צבֿועקעס מעגלעך געווען, ווען גערעכטיקייט וואָלט באמת רעגירט צווישן די פֿעלקער, וואָס זיינען די פֿיינט און קעגנער פֿון דייטשלאַנד.

און שפּעטער, אַז דער מלחמה־פֿייער האָט זיך שוין פֿאַנאַנדערגעפֿלאַ־קערט און אין ענגלאַנד האָבן דעם אָרט פֿון די קאָנסערוואַטיווע „באַרואי־קער" פֿאַרנומען ביים מלוכה־רודער פּראָגרעסיווע און קאַמפּס־לוסטיקע פֿירער, — האָט זיך די לאַגע געענדערט? אין דעם ערשטן מלחמה־יאָר, ווען די נאַציס זיינען נאָך ניט געפֿאַלן אויפֿן געניאַלן געדאַנק, אַז טויטע יידישע קערפּערס קענען נאָך צונוץ קומען אויף מאַכן זייף און אויף באַ־

מיסטיקן פעלדער, און ווען זיי אַליין און זייערע אונטערטעניקע לענדער האָבן נאָך כמעט פריי אַרויסגעלאָזט יידן, און ווען די וועלט האָט שוין קלאָר געקענט זען, אַז יעדער ייד, וואָס בלייבט דאָרט, איז אַ פאַרמשפטער, האָט כאָטש דעמאָלט אויפגעוואַכט דער מענטשלעכער געוויסן אין די דעמאָקראַטישע לענדער? האָבן זיי געעפנט זייערע טויערן פאַר מענטשן, וואָס ראַטעווען זיך פון טויט ווי דאָס וואָלט געטאָן יעדער יחיד, וואָס האָט אַ גאָט אין האַרצן, ווען עמיצער וואָס אַנטלויפט פון אַ רוצחס האַנט קלאַפט אָן אין זיין טיר? אין ענגלאַנד האָט מען ניט געוואָלט אַריינלאָזן יידן, כדי ניט צו פאַרשפרייטן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד, אין ארץ־ישראל — כדי ניט צו רייצן די אַראַבער און אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז מסתמא אויך געווען אַ פאַרוואָס. בכל אופן איז קיינעם דאָרט ניט דעמאָלט און ניט שפעטער אפילו ניט איינגעפאַלן פאָרצולייגן, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ ספעציעלן געזעץ לטובת די יידישע פליטים. פון דער יידישער זייט האָט מען עפעס יאָ געפרואווט מרמז זיין אויף אַזאַ מעגלעכקייט. אָבער אפילו יידן גופא האָבן משמעות דאָס געהאַלטן פאַר אַזויפיל ניט רעאַליסטיש, אַז מען האָט דעם געדאַנק גיך געלאָזט פאַלן און פאַרשטייט זיך, אַז ניט־יידן האָבן אים ניט אויפגעכאַפט *).

די נאַציס ווערן ניט מיד צו פירן טאָג איין טאָג אויס פראָפאַגאַנדע פון האַס און אויסראָטונג קעגן יידן. ווי רעאַגירן די דעמאָקראַטיעס? דורך אַ „קאָנספיראַציע פון שווייגן” לויט דעם געפליגלטן וואָרט פון חיים ווייצמאַן, וואָס וועט מסתמא פאַרבלייבן אויף לאַנגע צייטן. ערשט אַז די קולות פון די געשחטענע און געמאָרדעטע, פון קינדער פאַרפייניקטע, זקנים פאַרמאַטערטע, האָבן דערגרייכט ביז צו די הימלען, איז נאָך לאַנגע שתדלנותן און אינטערווענצן די יידישע אָרגאַניזאַציעס געלונגען ממש אַרויסצורייסן ביי די רעגירער פון די פאַראייניקטע נאַציעס אַ דעקלאַראַציע פון פראָטעסט קעגן די נאַצי־רציחות. מען סטראַשעט זיי אפילו מיט שטראָף... לעתיד לבוא. און דאָס טראַגישסטע אין דער גאַנצער געשיכטע איז, וואָס

---

*) ווען דאָס איז שוין געווען אָנגעשריבן, האָבן די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז אין קאָנגרעס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פראָיעקט וועגן אַריינלאָזן, אָבער חלילה ניט מער ווי אויף אַ באַגרענעצטן טערמין, הונדערט טויזנט פליטים (סתם פליטים; ניט געזאָגט בפירוש, אַז מען מיינט יידן, הגם אין דער אמתן זיינען קיין אַנדערע גאָר ניטאָ, און די וואָס זיינען פאַראַן זיינען אָדער ניט קיין פליטים, ד״ה קיין פאַסיווע קרבנות פון נאַציזם, אָדער זיי האָבן שוין געפונען אַ רואיקן מקום מקלט). בלייבט אָפצוואוואַרטן דעם רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן געוויסן־אַקט, וואָס איז ליידער אַזוי שפעט געקומען.

אפילו די דאָזיקע לעבלעכע דעקלאַראַציע איז פון אונדז אַלעמען, פון דער יידישער פרעסע, פון יידישן עולם, באַגריסט געוואָרן ווי אַ גרויסער אויפטו. אַן איבעריקער באַווייז אין וואָס פאַר אַ שפּלן מאָראַלישן מצב עס געפינט זיך די איצטיקע וועלט.

אַז מען רעדט מיט די רעגירער, מען פאַרלאַנגט פון זיי מעשים אַנשטאָט ווערטער, אַז מען באַווייזט זיי, אַז נאָר מעשים קענען נאָך אפשר ראַטע־ווען אונדזער שארית הפליטה אין מזרח־אייראָפּע, באַווייזט מען אייך מיט אותות ומופתים, אַז מער ווי פּראָטעסטירן קען מען ניט. געפינען זיך נאַאיווע יידן און זאָגן היתכן, שוין זשע קען מען ניט אָננעמען קיין רע־פּרעסיעס קעגן דייטשישע בירגער, וואָס געפינען זיך אין די מיליאָנען אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט? אַזוי למשל וואָלט אַן ערנסטע אינטער־ווענץ פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין בראַזיל, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט דייטשן, אַן אינטערווענץ, וואָס ווערט געמאַכט ניט פון יוצא וועגן, נאָר וואָס מיינט טאַקע „ביזנעס" ממש, וואָלט זיכער געהאַט די ריכטיקע פעולה. און פאַרוואָס זאָלן די פאַרמעגנס פון די דייטשן אין אויסלאַנד ניט ווערן קיין ערבות פאַר יידישע לעבנס און פאַרן יידישן האָב און גוטס אין די אייראָפּעאישע לענדער? און אויב דאָס איז צופיל פאַרלאַנגט, טאָ זאָל מען לכל הפחות עפענען די טויערן פאַר די יידן, וואָס ריזיקירן אַליין זייער לעבן און לויפן אויף אייגענער אחריות וואו די אויגן טראָגן. אָט האָט דאָך די קליינע שווייץ, וואָס האָט אַליין קוים געגוג צום עסן און וואָס שטייט אַליין תמיד אין דער גרעסטער סכנה, געפינענדיק זיך אין שכינות פון דעם מעכטיקן דייטשלאַנד, — האָט זי דאָך אַריינגע־לאָזט, ווי מען זאָגט, קרוב צו צוואַנציק טויזנט יידישע פליטים פון פראַנק־רייך. און אָט גאָר לעצטנס האָט שוועדן געעפנט ברייט אירע טויערן פאַר אַלע יידישע פליטים פון דענעמאַרק. אפילו די פראַנקיסטישע שפּאַניע, וואָס רעכנט זיך דאָך אוודאי מיט די נאַציס, אפילו זי האָט אויפגענומען און ניט צוריקגעשיקט איבער צען טויזנט יידן. וואָלט מען לכל הפחות אַוועק־גענומען די פליטים פון די טראַנזיט־לענדער, וואָלט געוואָרן פּלאַץ פאַר אַנדערע. און אפילו אַז מיר וועלן זאָגן, אַז צוליב ריין טעכנישע שוועריקייטן וואָלטן קיין גרויסע מאַסן איצט ניט געקענט זיך דורכשלאָגן אַ וועג קיין ענגלאַנד און אירע קאָלאָניעס אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן (כאָטש מען קען זיך רואיק פאַרלאָזן אויף יידן, אַז זיי וואָלטן אַליין שוין די טעכנישע מניעות און טראַנספּאָרט־שוועריקייט גובר געווען), וואָלטן פּאָסיקע דעקרעטן, געזעצן (און ניט סתם אַזוי דעקלאַראַציעס), געהאַט אַ פעולה, אויב ניט אויף די דייטשן גופא, איז לכל הפחות אויף די

נאַכלויפער־לענדער. אַזוינע יידנפריינטלעכע אַקטן וואָלטן אויפגעוועקט פאַרשלאָפענע געוויסנס דאָרט וואו זיי זיינען נאָך פאַראַן. זאָלן נאָר די דעמאָקראַטיעס זיך אויפהערן צו שעמען מיט יידן און אַריינלייגן אין זייער פאַרטיידיקן כאָטש אַ טויזנט־חלק פון דעם ווילן און דער ענערגיע, וואָס די נאַציס ווענדן אָן זיי צו פאַרטיליקן, וואָלט עס געמוזט פריער־שפּעטער ווירקן. און אפשר וואָלטן די דייטשן און זייערע שותּפים זיך דאָך פאַר־טראַכט און געטומען ערנסט די סטראַשונקעס פון שטראָף נאָך דער מלחמה. אפשר וואָלטן זיי דאָך איינגעזען, אַז דאָס יידישע לעבן איז ניט אומעטום הפקר.

ואם יש צדק יופיע מיד — אויב ס'איז דאָ גערעכטיקייט, זאָל זי זיך באַווייזן באַלד, האָט געזאָגט ביאַליק אין אַ מאָמענט, ווען ער האָט זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם פאַרוואָס ער האָט פאַרוואָרלאָזט זיין פאָלק ישראל. די דאָזיקע טענה קענען און מוזן מיר האָבן צו דער וועלט, לכל הפּחות צו דעם טייל יידן, וואָס כאָטש ער איז אויך פאַרזונקען אין זינד, האָט ער נאָך דעם צלם אלוקים ניט פאַרלוירן. איר פאַרשפּרעכט אונדז הונדערט פּראָצענט גערעכטיקייט נאָך דער מלחמה. אדרבא, זייער שיין און פיין פון אייער זייט, אָבער זייט מוחל, ווייזט אונדז כאָטש אַ פּיצל גערעכטיקייט שוין איצטער. גיט אונדז כאָטש אַ קליינעם אַדערויף אין מזומן, ווען מיר אויפן איבעריקן וואַרטן... און אפשר איז טאַקע פינסקער גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז מיר זיינען אַ נאַריש פאָלק, מיר פאַרלאַנגען פון דער מענטשהייט דאָס, וואָס זי האָט שוין לאַנג פאַרלוירן — מענטשלעכקייט.

איבעריקנס, איז דאָס ריכטיק ניט נאָר בנוגע אונדז יידן. און זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר די צווישן אונדז, וואָס לאָזן זיך לייכט טרייסטן, מיר האָבן אחים לצרה. בעת די דעמאָקראַטישע מלוכה־מענער מאָלן אין סאַמע ראָזיקע פאַרבן די צוקונפט פון דער וועלט נאָך זייער ניצחון, פאַר־געסן זיי ניט נאָר אָן אונדז, כאָטש צוליב אונדזער באַזונדערער לאַגע און אונדזערע אויסערגעוואוינטלעכע ליידן וואָלטן מיר פאַרדינט, אַז מען זאָל אונדז בפירוש דערמאָנען, זיי פאַרגעסן אויך אַנדערע, זיי פאַרגעסן דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט, די וואָס האָבן אַ שוואַרצע, אַ געלע אָדער קופּערנע הויט־פאַרב. אַ קימאַ־לן פון אַן ערך אַ מיליאַרד נפשות. דער אַטלאַנטיק־טשאַרטער, וואָס דאַרף כלומרשט זיין די „מאַגנאַ קאַרטאַ" פון דער צוקונפטיקער מענטשהייט, דערמאָנט זיי ניט, אַזוי ווי מיר יידן פיגורירן דאָרט ניט. זאָלן מיר זיך אפשר טרייסטן דערמיט, וואָס די הבטחות, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן צו ווייסע פעלקער, האָבן מיר

נאָך אויך ניט אין קעשענע. ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער ווירקלעכקייט, ביי דער ערשטער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם אָדער יענעם פרינציפ, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דעם טשאַרטער, שטעלט זיך תמיד אַרויס, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט יענע פרומע כוונות, וואָס מיט זיי איז, ווי מען זאָגט, אויסגעפלאַסטערט דער וועג צום גיהנום.

ביים בעסטן ווילן איז שווער צו גלויבן ווען ענגלישע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע שרייבער זאָגן אייך, — ווי דאָס טוט, כדי נאָר צו ברענגען איין ביישפּיל, דער געוועזענער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער לייבאָריסטי־שער צייטונג „דעילי העראַלד”, פראַנסיס וויליאַמס, — אַז די איצטיקע מלחמה איז „ניט קיין קאַמף צווישן נאַציאָנאַלע אינטערעסן, נאָר אַ ביר־גער־קריג אויפן שטח פון דער מערב־ציוויליזאַציע, וואָס פון זיין אויס־גאַנג הענגט אָפּ דאָס גאַנצע אויסזען פון דער צוקונפט”. די איצטיקע מלחמה איז ניט קיין אידעאָלאָגישע, און דערפאַר קען טאַקע די אַלי־אירטע־פּראָפּאַגאַנדע קיין רושם ניט מאַכן אויף די דייטשישע מאַסן. אויב דער דייטשישער אינעווייניקסטער פראָנט וועט אַמאָל געבראָכן ווערן, וועט עס געשען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון מיליטערישע מפּלות.

אָט האָט דער אייגענער וויליאַמס צוזאַמענגעשטעלט אַ טעקסט פון אַ פּראָקלאַמאַציע צום דייטשישן פאָלק. ער וואַרט דערפון די בעסטע רע־זולטאַטן, ממש אַן איבערקערעניש אין די דייטשישע געמיטער. איר לייענט דעם דאָקומענט, — און באַוואונדערט די שאַרפקייט פון די אַרגומענטן, די פאַטעטישקייט פון סטיל. אָבער גלייכצייטיק פילט איר, אַז דאָס איז פסיידאָ־נביאישקייט. און דאָס איז ניט די שולד פון דעם מחבר. ער איז אָן קיין שום ספק אַן אויפריכטיקער און אַן איבערצייגטער מענטש, שולדיק זיינען יענע אין וועמענס נאָמען ער רעדט. זייער פּראָפּאַגאַנדע קען אַמאָל דעמאָראַליזירן געוויסע טיילן פון דייטשישן פאָלק, איבערצייגן זיי קען זי ניט. אין איינעם פון די בעסטע רעפּאָרטאַזשן, וואָס זיינען געשריבן וועגן דייטשלאַנד בעת דער מלחמה, אין דעם בוך „דער לעצטער צוג פון בערלין” פון האַרוואַרד ק. סמיט, געפינט איר אַ ריכטיקע דערקלערונג פאַרוואָס די אויסלענדישע פּראָפּאַגאַנדע ווירקט ניט. ווען ענגלאַנד, זאָגט סמיט, וואָלט נאַציאָנאַליזירט די קוילן־גרובן, ווי דאָס איז שוין פאַרשפּראָכן גע־וואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָלט עס אָוועקגעלייגט מער נאַציס ווי טויזנט באָמבעס, וואָס פאַלן אויף דייטשלאַנד. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן אַמעריקע. ווען זי זאָל ניט דערלאָזן, אַז די מוניציע־פאַ־בריקן זאָלן איינשטיין ביי פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווערן פון זיי נתעשר, אָדער ווען די אַנדערע אַליאירטע זאָלן היינט, בפירוש היינט און ניט

מאַרגן, רעפּאַרמירן זייער קאָלאָניאַלן באַזיץ אויפן יסוד פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָנפירונג און קאָנטראָל, — ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט געקומען צו אַן איבערקערעניש אין די דייטשישע מוחות. אויב עס וועט געשען, אַז די דייטשן וועלן היינטיקס מאָל זיך שלאָגן ביז צום סוף און די מלחמה וועט קאָסטן אַ פּאָר איבעריקע מיליאָן מענטשן, וועט דאָס געשען דערפאַר, ווייל די דייטשן געטרויען ניט די אַליאירטע. היטלער האָט אינעם ווערסאַליער אָפּמאַך געפונען אַן אמתן אוצר און אים איז געלונגען אָנצושרעקן די דייטשן און צו איבערצייגן זיי, אַז אַ נייע מפּלה וועט זיי מאַכן פאַר אייביקע שקלאַפן. די דאָזיקע מורא וואָלט מען געקענט אויסראָטן נאָר מיט גרויסע רעוואָלוציאָנערע מעשים. ערשט דעמאָלט וואָלט די פּראָפּאַגאַנדע געקענט באַהילפיק זיין. איצט בלייבט זי אַ פּוסטער קלאַנג.

ווי אין אַלע נאַציאָנאַלע מלחמות שפּילן אידעאָלאָגישע מאָטיוון אויך איצט אַ געוויסע ראָלע, אָבער ניט מער ווי אַ ביי־ראָלע. זיי באַשטימען ניט דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה און איר גאַנג. זיי וועלן אויך ניט באַשטימען איר אויסגאַנג און דעם אויסזען פון דער וועלט נאָך דער מלחמה. די מלחמה ווערט געפירט פון אַלע באַטייליקטע פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום און זייער פרייהייט. ביי איינע, ווי רוסלאַנד און כינע, איז עס דער איינציקער אָדער דער עיקר מאָטיוו. אַנדערע, ווי די דייטשן און די יאַפּאַנער, ווילן, חוץ לזה, רויב פון נייע לענדער, נייע רייכטימער, נייע מערק. נאָך אַנדערע, ווי ענגלאַנד און אַמעריקע, ווילן אויפהאַלטן און ניט אַרויסלאָזן פון זייערע הענט דעם באַזיץ און די פּריווילעגירטע פּאָזיציעס, וואָס פריערדיקע דורות האָבן צונויפגענומען און אָפּטמאָל אָפּגענומען ביי די געוועזענע בעלי־בתים. און אַזוי ווי די הויפּט־מאָטיוון פון דער מלחמה זיינען ניט קיין אידעאָלאָגישע, וועט אויך איר אויסגאַנג ניט זיין קיין אידעאָלאָגישער, און זי וועט זיך ענדיקן ניט מיט קיין אידעאישער איבערקערעניש, ניט מיט קיין נייער „בעסערער וועלט”, נאָר מיט אַ פּשוטער איבערגרופּירונג פון די כוחות, דאָס מיינט מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט, מיט וועלכן עס האָבן זיך געענדיקט אַלע אַנדערע מלחמות.

די געשיכטע לערנט אונדז ווי פאַלש עס איז די פאַרשפּרייטע פאַרשטעלונג, אַז אַ מיליטערישער ניצחון פון אַ פאָלק, מיינט אויך אַ ניצחון פון זיין אידעאָלאָגיע און זיין פּאָליטישן רעזשים און אַ מפּלה פאַר דער אידעאָלאָגיע פון דעם באַזיגטן פאָלק. סיי די אַלטע, סיי די נייע געשיכטע ווייסט פון ניט ווייניק פאַלן, ווען דער רעזולטאַט איז געווען דווקא אַ פאַרקערטער. ווען סנחריב מלך אשור האָט איינגענומען בבל, האָט גראָד אשור איבערגענומען פון בבל זיין רעליגיע און זיין קונסט, דאָס הייסט

די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער דעמאָלטדיקער קולטור. דער ניצחון פון רוים איבער גריכנלאַנד האָט דער ערשטער לחלוטין ניט געשטערט נאָכצומאַכן גריכישע מינהגים, איבערצונעמען אַ סך גריכישע געטער און לאָזן דער גריכישער שפּראַך ווערן די קולטור־שפּראַך פון די העכערע, געבילדעטע קלאַסן. עפּעס ענלעכס דערצו איז געשען שפּעטער — די טויטאָנישע שבטים האָבן פאַרפליצט מיט זייערע חיילות רוים און אומגע־בראַכט די מערב־רוימישע אימפּעריע, פונדעסטוועגן איז לאַטיין אויף איבער טויזנט יאָר געבליבן די אוניווערסאַלע שפּראַך, די קולטור־שפּראַך פון גאַנץ מערב־אייראָפּע. און האָט דען די מפּלה פון נאַפּאָלעאָן ביי וואַ־טערלאָ, וואָס האָט פאַרזיגלט דעם גורל פון זיין אימפּעריע געשטערט דען די אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זיך פאַרשפּרייטן און דער־גיין ביז צו אַ ניצחון אין די לענדער, וואָס האָבן באַזיגט די נאַפּאָלעאָנישע אַרמיי? אויך נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה נומער איינס, האָט דער ניצחון פון די דעמאָלטדיקע דעמאָקראַטיעס ניט געבראַכט צום זיג פונעם דעמאָקראַטישן רעזשים. פונקט פאַרקערט, אין די זיגער־לענדער איז דער דאָזיקער רעזשים נאָך דער מלחמה אָפּגעשוואַכט געוואָרן, בעת אַזוינע באַ־זיגטע לענדער ווי רוסלאַנד און דייטשלאַנד און די האַלב־באַזיגטע איטאַליע האָבן בהדרגהדיק זיך אָפּגעזאָגט פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע לויטן מערב־נוסח און איבערגעגאַנגען צום טאָטאַליטאַריזם און אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט — צום קאָמוניזם אָדער פאַשיזם.

עס איז ניטאָ קיין אויטאָמאַטישער פּאַראַלעליזם צווישן מיליטערישע און אידעאָלאָגישע ניצחונות אָדער מפּלות. בכן איז עס אַ געפערלעכע איינ־רעדעניש, אַז דער ניצחון פון די דעמאָקראַטיעס וועט פאַרפליצן די וועלט מיט גערעכטיקייט און פרייהייט אַזוי „ווי די וואַסערן דעקן צו דעם ים". גערייניקט און געלייטערט וועט די מענטשהייט פון דעם איצטיקן בלוט־באָד ניט אַרויס. בכלל האָבן יידן זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז משיח וועט קומען צו פאָרן אויף אַ טאַנק. וואָרט איצט עמיצער דערויף, לעבט ער אין טעות. קיין „בעסערע וועלט" קען גראָד איצט ניט געבוירן ווערן. מיר וועלן נאָך דאַרפן האָבן אַ היפּש ביסל געדולד ביז מיר וועלן זיך דערוואַרטן אויף איר אָנקום. די אַלגעמיינע אַטמאָספערע נאָך דער מלחמה וועט זיין אַן אַטמאָספערע, אין וועלכער עס וועט הערשן פאַרבי־טערונג פון פעלקער קעגן פעלקער, מענטשן קעגן מענטשן. און אין דער דאָזיקער לופט פון שנאה און שלעכטס וועט דעם יידן זיין שווער, אַך ווי שווער, צו אָטעמען.

קאַפּיטל צוויי

נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם בשעת און נאָך דער מלחמה

דער גלויבן אין אַ בעסערער וועלט נאָך דער מלחמה איז ענג פאַרבונדן מיטן חלום פון וועלט־פרידן און פון אַ פאַראײבריגנטערונג צווישן די פעלקער. באַטראַכט מען דעם דאָזיקן אידעאַל ווי אַ מאָראַלישע קאַטעגאָריע און זעט מען זיין פאַרווירקלעכונג ווי אַ נבואה־זעאונג, איז עס אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט און אַ היילונג פאַר דער קראַנקער מענטשהייט. זינט ישעיהו הנביא האָט דער ערשטער פאָרמולירט די דאָזיקע משיחישע אידייע, האָט זיך די מענטשהייט צו איר תמיד צוריקגעקערט, דערהויפּט אין צייטן פון קאַטאַקליזמען. אָבער זי איז קיינמאָל ניט געווען מער ווי אַ פּראָפעטישע וויזיע פאַר עסכאַטאָלאָגישע צייטן — באחרית הימים. די כוונה פון די נביאים איז ניט געווען צו געבן דעם מענטשן אַ פאַלשע טרייסט, עפּעס אַ מין צאַצקע זיך צו שפּילן. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל שווער און עקשנותדיק אַרבעטן אויף זיך, רייניקן זיך, לייטערן זיך, כדי זיך צו דערנענטערן צום הויכן אידעאַל און כדי אין שפּעטערע צייטן מיט מי און מאַטערניש זיך דורכצושלאָגן אַ וועג ביז צו זיינע שפּיצן.

און אָט דאָ ליגט דער טיפער, פּרינציפּיעלער חילוק צווישן דעם אַקטיוון, משיחישן אידעאַל פון וועלט־שלום און דעם היינטיקן, פּאַסיוון חלום פון פעלקער־פאַרברידערונג, אַ חלום, וואָס דאַרף עפּעס ווי פון זיך אַליין מקוים ווערן. זייען זייט מען שטענדיקע שנאה און שניידן וויל מען אייביקן שלום. מען מיינט, אַז מען האַלט שוין ביים שפּיץ באַרג, בעת אין דער אמת'ן דערווייטערט מען זיך פון אים מיט איטלעכן טאָג.

אַ קפיצת הדרך פון אַ וועלט פול מיט מענטשן־האַס, פון אַ וועלט, וואו פאַרגיסן בלוט איז ניט נאָר ניט קיין פאַרברעכן, נאָר אַ הייליקער געבאָט, אַ העלדן־טאַט, צו אַ וועלט פון פעלקער־פרידן און מענטשן־ליבשאַפט, קען פאָרקומען נאָר אין וואונדער־מעשיות. פאַר יעדן בר דעת איז קלאָר, אַז אָן אַ מאָראַלישן יסוד קען קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט־סדר ניט געבויט ווערן און אויב מען זאָל אים ווי עס איז קינסטלעך אָדער מיט

געוואַלט צונויפשטוקעווען, וועט ער זיך נישט קענען האַלטן. די אַרגומענטן און ראיות, אַז אַן איבערנאַציאָנאַלע מלוכה לוינט בעסער פאַרן יחיד און פאַר פעלקער זיינען ניט קיין נייעס, און אויב דער אידעאַל פון אַזאַ מלוכה איז ביז איצט ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז עס ניט דערפאַר, ווייל מענטשן האָבן פון די דאָזיקע באַווייזן ניט געוואוסט, נאָר ווייל זיי האָבן פון זיי ניט געוואָלט וויסן. עס האָט געפעלט און עס פעלט נאָך עד היום דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט, דאָס געפיל וואָס אויף אים און נאָר אויף אים קען זיך האַלטן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרדענונג. פּרוּווט, אדרבא, אַ ניט־ערלעכן מענטשן מאַכן ערלעך, פּרוּווט אים ברענגען צו תשובה דורך באַווייזן, אַז עס לוינט בעסער זיך אויפצופירן לייטיש. אינטערעסן אַליין קענען ניט פירן דעם מענטשן צו תשובה; עס מוז אויפוואַכן דאָס ערלעכקייט־באַוואוסטזיין. נאָך דער וועלט־מלחמה נומער איינס האָבן שוין אפילו בלינדע געקענט זען, אַז „מלחמה באַצאָלט זיך ניט”. האָט דאָס אָפּגעהאַלטן די מענטשן פון מאַכן אַ צווייטע מלחמה, נאָך אַ בלוטיקערע? און די איצטיקע מלחמה איז מסתמא נאָך אויך ניט די לעצטע. דער ערשטער תנאי, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו מלחמות, איז אַז מענטשן און פעלקער זאָלן האָבן צוטרוי איינער צום צווייטן, זאָלן אויפהערן מורא צו האָבן איינער פאַרן אַנדערן, זאָלן מער ניט קוקן איינער אויפן צווייטן ווי ווילדע חיות, וואָס נאָר איין זאַך עגבערט זיי אין מוח: ווער וועט וועמען פריער פאַרצוקן. כדי דאָס זאָל דערגרייכט ווערן, דאַרף אויפקומען אַ נייער געפיל ביי מענטשן, און עס דאַרף לעבעדיק ווערן דאָס באַוואוסטזיין, אַז איין פאָטער האָט אונדז אַלעמען געבוירן, אַז ברידער זיינען מיר און ווי ברידער דאַרפן מיר לעבן.

דאָס איז דער שליסל צו דער רעטעניש פון דער נאַרישער אויפפירונג פון די פעלקער פאַר און בשעת דער מלחמה. זיי האָבן ניט געוואָלט זיך פאַראייניקן, כדי אַנטקעגנצושטעלן זיך אין דער ריכטיקער צייט דעם וואַקסנדיקן כוח פון דער בלוט־ און הערשאַפט־זוכנדיקער היטלער־דייטשלאַנד. איטלעכער איז געבליבן אַליין און האָט געוואַרט, ווען עס וועט קומען זיין שעה פאַרצוקט צו ווערן. לאחר המעשה וויל נאָרמאַן ענדזשעל קלאָר מאַכן די פעלקער דעם אלף־בית־געדאַנק, וואָס אַ פּיצל קינד האָט עס געדאַרפט פאַרשטיין. צי קען אַ יחיד זאָגן, וואָס קערן זיך אָן מיט מיר מיינע מיטמענטשן, וועט אויף מיר אָנפאַלן אַ גנב צי אַ רוצח, וועל איך זיך פאַרטיידיקן. איטלעכער באַגרייפט, אַז דער יחיד ברויכט צו האָבן פאַר זיין שוץ אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, די מלוכה, וואָס זאָל אים שיצן. דאָס אייגענע וואָלטן געדאַרפט פאַרשטיין די פעלקער. זיי קענען רואיק

לעבן נאָר אונטערן שוץ פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער, אָרגאַניזירטער פעלקער־געמיינשאַפט. און ענדזשעל פלייסט זיך מיטן דאָזיקן משל פונעם יחיד צו באַווייזן די פעלקער ווי שרעקלעך עס איז דער קורצזיכטיקער נאַציאָנאַליזם, דער איזאָלאַציאָניזם, בפרט נאָך פאַר שוואַכע פעלקער. ער מיינט באמת, אַז נאָך דער דערפאַרונג פון דער איצטיקער מלחמה, וועט דער דאָזיקער עלעמענטאַרער אמת אַלעמען קלאָר ווערן. ווען ניט באָרמאַן ענדזשעל נאָר אונדזערער איינער זאָל אַרויסברענגען אַזאַ געדאַנק, וואָלט מען געזאָגט, אַז דאָס איז שרעקלעך נאַאיוו. הערן מיר דען דאָס ערשטע מאָל אָט די אַלע, אַליין פאַר זיך זייער ריכטיקע, אַרגומענטן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלער מלוכה־אָרדענונג? דערמאָנט ער דאָך אַליין, אַז שוין אין 1918 האָט ער אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע אידייען. און ניט ער אַליין. אַ גאַנצע ליטעראַטור, אויף אַלע לשונות פון דער וועלט, האָט זיך מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם אָפּגעגעבן, טאַקע נאָך יענער מלחמה, נאָך דער ביטערער דערפאַרונג, פאַר וועלכער מענטשן האָבן באַצאָלט מיט אַזאַ קלייניקייט ווי אַ צוואַנציק מיליאָן נפשות. פרעגט זיך פון וואַנען איז געדרונגען, אַז די אַזוי לאָגישע אַרגומענטן וועלן איצט דווקא יאָ ווירקן. צי דערפאַר אפשר ווייל די איצטיקע מלחמה וועט פאָדערן מסתמא ניט צוואַנציק, נאָר דרייסיק צי פערציק מיליאָן קרבנות? צי איז דען ניט גיכער אָנצונעמען, אַז וואָס מער קרבנות, וואָס מער בלוט און וואָס מער אומגליק פעלקער וועלן ברענגען אין די שלאַכטן איינער קעגן דעם אַנדערן, אַלץ ברייטער וועט ווערן דער תהום צווישן זיי, — אין יעדן פאַל, פאַר דעם איצטלעבעדיקן דור, און אַלץ מער שפּורן פון האַס וועלן בלייבן אין די נשמות פון די געליטענע און לעבעדיק געבליבענע. צי דאַרף מען ניט פאַרקערט גיכער קלערן, אַז אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד וועלן די פעלקער ווי פריער, און נאָך מער ווי פריער, זוכן זיך צו שיצן קעגן אָנפאַלן דורך באַוואָפענונג און וואָס מער באַוואָפענונג. אַנדערע וועלן זיך, ווי תמיד, ווידער אַמאָל טרייסטן מיט דער אילוזיע, אַז דאָס קומענדיק מאָל וועט זיי דער ביטערער בעכער אויסמיידן. ווי פריער וועט איטלעך פאָלק זיך קלערן, אַז בעסער אַ קלענער פּראָצענט זיכערקייט פאַר זיך איידער הונדערט פּראָצענטיקע גאַראַנטיעס צוזאַמען מיט אַנדערע, פרעמדע און שטאַרקערע, וואָס וועלן געוויס אויסנוצן די קינפטיקע, אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פאַר זייער עגאָאיסטיש־נאַציאָנאַלע צילן.

און אַזוי ווי די פעלקער, בפרט די שוואַכערע, האָבן זיך ניט געלאָזט איבעררײדן דורך די אַרגומענטן פון מיליטערישן שוץ, אַזוי זיינען זיי טויב געבליבן צו דער טענה, וואָס אַליין פאַר זיך איז זי אַן אַבסאָלוט

גערעכטע, — אַז די היינטיקע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג און בפרט די אומגעוויינטלעכע שנעלקייט פון קאָמוניקאַציעס פאָדערן גרעסערע עקאָנאָמיש־טעריטאָריאַלע איינהייטן ווי די ביז איצטיקע נאַציאָנאַלע מדינות. די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַ וועלט־מלוכה אָדער לכל הפחות פון פּאַראייניקטע איראָפּעאישע מדינות, ווילן ניט איינזען, אַז דאָס נאַציאָנאַלע איז ניט קיין עקאָנאָמישער פענאָמען, כאָטש עס איז געקניפּט און געבונדן מיטווירטשאַפטלעכע עלעמענטן. ניט ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון בינדן און פאָרמירן די נאַציע; ניט זיי באַשטימען איר גורל. אַ ריי מחברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן דעם נאָך־מלחמהדיקן אינטערנאַציאָנאַלן סדר, ווי למשל דאָנאַלד קינגזלי און פּיטיגאָרסקי אין זייער זאַמלבוך „סטראַטעגיע פאַר דעמאָקראַטיע” אָדער ניקאָלאַס דאָמאַן („די קומענדיקע עפּאָכע פון וועלט־קאָנטראָל”) באַנוצן זיך מיט אַן אַרגומענטאַציע, וואָס פּרעטענדירט צו זיין מאַרקסיסטיש. זי זאָגט, אַז אַזוי ווי די נאַציאָנאַלע מלוכות זיינען געווען אַ טריט פאָראויס אין אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, ווייל זיי האָבן צעשטערט די גרענעצן פון די קליינע, פעאָדאַלע פירסטנטימער, אַזוי זיינען זיי איצט אין דעם פעריאָד פון הויך־קאַפּיטאַליזם געוואָרן אַ מניעה פאַר דער ווייטערדיקער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, און במילא מוזן זיי צעשטערט ווערן. די דאָזיקע אַרגומענטאַציע האַלט אָבער ניט אויס ניט קיין היסטאָרישן עקזאַמען און ניט די פּראָבע פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט. עס איז ניט ריכטיק, אַז גרויסע מלוכות זיינען אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט פון קאַפּיטאַליזם. דאָס אַלטערטום, וואָס האָט אפילו ניט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט, האָט שוין געזען דעם אויפקום און די אַנטוויקלונג פון גרויסע אימפּעריעס. גענוג צו דערמאָנען, ווי אַן אילוסטראַציע, די רוימישע אימפּעריע, כדי ניט צו גיין נאָך טיפער אין דער פאַרגאַנגענהייט ביז צו די גרויסע קעניגרייכן פון בבל, פּרס און אַנדערע. אויך דער מיטלעלטער מיט זיין פעאָדאַלער אָרדענונג איז געווען אַן עדות פון דעם אויפקום פון דער פראַנקישער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן און פון דעם „הייליקן, רוימישן רייך פון דער דייטשישער נאַציאָן”, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף זיינע חורבות.

גראָד אין די דאָזיקע ווייטע עפּאָכעס, ווען דאָס פאָלק האָט בכלל קיין שום דעה אין דער מלוכה ניט געהאַט, בעת דער באַגריף נאַציע ווי אַן איינהייט מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין פון גאַנצקייט און סאָלידאַריטעט האָט נאָך בכלל ניט עקסיסטירט, איז לייכט געווען מיטן כוח פון פויסט צו בילדן גרויסע שקלאַפן־אימפּעריעס. איז דען דעם פאָלק ניט געווען אַלץ איינס, וועלכער מושל עס וועט איבער אים הערשן?

דווקא דער נײַנצנטער יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט פֿון גרויס אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם, איז גלײַכצײַטיק געווען דער „יאָרהונדערט פֿון די נאַציאָנאַליטעטן״, פֿון דער גרינדונג פֿון נאַציאָנאַלע מלוכות, פֿון אַ קאָלאָסאַלן וווּקס פֿון דעם נאַציאָנאַלן געפֿיל און באַוווּסטזײַן. קענט איר זיך פֿאָרשטעלן אַ מאָדערנעם דײַטשן שרײַבער, וואָס וואָלט — אפֿילו נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט — געקענט אַרויסברענגען פֿון זײַן מויל אַזאַ מין אפּיקורסות, אַז די גרענעצן פֿון זײַן לאַנד זײַנען אים אַבסאָלוט גלײַכגילטיק? דער גרויסער געטהע, דער מענטש פֿון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך ניט געשעמט צו דערקלערן, אַז אים איז אַלצאיינס, צי פֿלאַטערט אויפֿן שטראַסבורגער קאַטעדראַל די דײַטשישע אָדער די דרײַקאָלירנדיקע, פֿראַנצויזישע פֿאָן. געטהע איז, ווי באַוווּסט, געווען אַ געוואַלטיקער חסיד פֿון נאַפּאָלעאָן און האָט דערפֿון קיין סוד ניט געמאַכט. וואָלט ער הײַנט דען ניט דערקלערט געוואָרן ווי אַ בוגד, ווי אַ מאַן פֿון דער „פֿינפֿטער קאָלאָנע״ פֿאַר אַזעלכע מיני רייד?

דער נײַנצנטער יאָרהונדערט איז געווען ניט נאָר דער יאָרהונדערט פֿון קאַפּיטאַליזם נאָר אויך פֿון דעמאָקראַטיע. אָטאָ באַוער האָט שוין אין זײַן צײַט פֿאָרמולירט דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז די פֿאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט ניט געהאַט קיין חלק אין דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע איז איינגעשטאַנען ביי די אויבערשטע, געבילדעטע שיכטן, האָבן געקענט געניסן פֿון די גײַסטיקע אוצרות נאָר אין אַ פֿאָלקישער פֿאָרם און אין נאַציאָנאַלן גײַסט. דעריבער זײַנען זיי גלײַכצײַטיק געוואָרן נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניק. און מיר געפֿינען זיך נאָך עד היום אינעם רעכטן מיטן פֿון דעם דאָזיקן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. ניט נאָר איז די צײַט פֿון דער אויפֿוואַכונג פֿון די נאַציעס נאָך ניט פֿאַרבײַ, נאָר אדרבא זיי שטייען ערשט איצט פֿאַר נײַע און ברייטערע פּערספּעקטיוון און אַנטוויקלונגען. דאָס שליסט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך לחלוטין ניט אויס די מעגלעכקייט, אַז גלײַכצײַטיק זאָלן זיך באַווײַזן שפּראָצונגען פֿון אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען צווישן די פֿעלקער. אָבער דער בונד צווישן מענטשן, וואָס די נאַציע שטעלט מיט זיך פֿאָר איז, חוץ דער פֿאַמיליע, דערווײַל און אויף אַ גאַנץ לאַנגער צײַט, ניט נאָר די טיפֿסטע, די ענגסטע מענטשן־פֿאַרבינדונג, נאָר אויך די גרעסטע ברודערשאַפֿט, די גרעסטע מענטשלעכע קרובֿהשאַפֿט, וואָס די וועלט האָט ביז איצט געקענט. יעדער פּרוּוו צו צעשטערן די דאָזיקע, עקסיסטירנדיקע מענטשן־פֿאַמיליע אין נאָמען פֿון אַ גרעסערער אָבער דערווײַל ניט רעאַלער איינהייט, וואָלט ניט נאָר ניט בעסער געמאַכט, ניט מענטשלעכער געמאַכט דעם מענטשן, נאָר, פֿאַרקערט, אים גרעבער און עגאָ־

איסטישער געמאַכט. אָנשטאָט אים אויפצוהויבן, וואָלט דאָס אים אַראָפּגעשלעפּט נאָך נידעריקער. זשאַן זשאַק רוסאָ, דוכט זיך, האָט ערגעץ־וואו געזאָגט, אַז אָפט איז די ליבע צום ווייטן נאָר אַ מאַסקע צו פאַרשטעלן דעם עגאָאיזם, ניט מער ווי אַן אויסרייד ניט ליב צו האָבן דעם נאָענטן. אָט פאַרוואָס מען מוז זיך באַציִען מיטן גרעסטן חשד צו סתם־רייד וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם. און עס איז באמת ניט גענוג צו זיין ניט געטריי צו דעם אייגענעם פאָלק, ניט גענוג צו זיין אַנטי־נאַציאָנאַל, כדי צו ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַליסט.

גראָד די איצטיקע מלחמה האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע, שאַפנדיקע כוחות עס ליגן פאַרבאָרגן אין דער נאַציאָנאַלער אידייע. מלחמות, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך אַ בייז, אָפט אַן אומפאַרמיידלעכער בייז ביי דעם איצטיקן מאָראַלישן צושטאַנד פון מענטשן, ברענגען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין אַלע כוחות פון די פעלקער, די גוטע אַזוי ווי די שלעכטע, פאַרשטייט זיך, מער די שלעכטע, ווי די גוטע. מלחמות זיינען די מאָמענטן אין דער געשיכטע, ווען מענטשן מוזן אָנשטרענגען אַלע זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות ביז צו דער העכסטער מדרגה. און אויב אין די מלחמות איז פאַראַן עפּעס מענטשלעך־העכערס איז עס בלויז דאָס, וואָס זיי רופן אַרויס די גרייטקייט פונעם יחיד צו ברענגען אַלץ פאַר אַ קרבן, אפילו דאָס טייערסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, דאָס אייגענע לעבן, צוליב עפּעס העכערס, צוליב עפּעס, וואָס שטייגט אַריבער דעם איינצלנעם, זיינע אינטערעסן, זיינע תאוות און זיין גליק. איצט לאָמיר זען, וואָס איז דער העכערער ציל, וואָס אינספּירירט די העראָאישע טאַטן פון די פאַרטיזאַנען אין כינע, רוסלאַנד, גריכנלאַנד, סערביע, בעלגיע, פוילן, האָלאַנד, פראַנקרייך? איז עס ניט דער קיום פונעם אייגענעם פאָלק און זיין צוקונפט? בלויז פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע אידייען האָבן ניט געקענט באַוועגן מענטשן צו ברענגען אַזוינע גרויסע קרבנות ווי די, וואָס ווערן אַרויסגערופן פון נאַציאָנאַלע סטימולן. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס בעת דער איצטיקער מלחמה, האָט דווקא דאָס לאַנד, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען כמעט זיין אָפיציעלע רעליגיע, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, — דווקא דאָס לאַנד האָט צוליבן קאַמף און ניצחון, וואָס לענגער עס דויערט די מלחמה, אַלץ מער געמוזט זוכן זיין ענטוזיאַזם אין נאַציאָנאַלע מאָטיוון. סאָוועט־רוסלאַנד זוכט איר ענטוזיאַזם פאַרן קריג ניט נאָר אין דעם רעוואָלוציע־פעריאָד, נאָר אויך אין דער אַלטער געשיכטע פונעם לאַנד. דאָס לאַנד פון „אָקטאָבער" און פון לענינען האָט זיך אין סטאַלינס רעדעס און שריפטן באַוויזן ווידעראַמאָל ווי דאָס אַלטע רוסלאַנד פון אַלעק־

סאַנדער נעוווסקי, קוטוזאָוו און סוואָוראָוו. אויך די רוסישע אַרמיי האָט ביי סטאַלינגראַד אַרויסגעוויזן איינעם פון די גרעסטע וואונדער אין דער וועלט־געשיכטע, האָט איר דעם מוט און די קראַפט דערצו געגעבן ניט נאָר דער געדאַנק, אַז זי פאַרטיידיקט די שטאָט פון סטאַלין, דעם שעף פונעם רעוואָלוציאָנערן סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך די דעראיינערונג, אַז ניט ווייט פון דעם דאָזיקן אַמאָליקן צאַריצין, אויפן קוליקאָווער פעלד, האָט אין 1380 דמיטרי דאָנסקאָי פאַרטריבן די טאָטערשע האָרדעס און באַפרייט רוסלאַנד פון דעם טאָטערשן יאָך.

עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע פאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט עקסיסטירט פאַר דער מלחמה, דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, האָט ניט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דער וועלט־מלחמה נומער צוויי, פונקט אַזוי ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל איז געפאַלן אַ קרבן פון דער וועלט־מלחמה נומער איינס. דאָס ליקווידירן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, איז פאַרשטייט זיך ניט קיין קאָמעדיע, ווי דאָס זאָגט די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע (דער דייטשישער ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר האַנס פריטשע האָט מיט אמת דייטשישן הומאָר געזאָגט: מיר גלויבן אַזוי אינעם פאַנאַנדערלאָזן פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, ווי מיר האָבן אמונה אין אַ יידישן שמד־צעטל). אפילו, אַז מען זאָל אָננעמען, וואָס עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס פאַרמאַכן פונעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל איז געמיינט נאָר אויף אַ געוויסער צייט און אַז שפּעטער אַמאָל וועט ער נאָך אויפשטיין תחית־המתים, איז עס פונדעסטוועגן אַ גאָר גרויסער ערנסטער טריט, וואָס נאָר אַ גרויסע נויטווענדיקייט האָט געקענט דיקטירן. עס זיינען געווען פאַרשיידענע סיבות, וואָס האָבן געפירט צום דאָזיקן טריט, איינע פון די וויכטיקסטע סיבות איז בלי שום ספק די ירידה פון אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון און דאָס שטייגן פון נאַציאָנאַלע אימפּולסן.

די חסידים פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָדער ריכטיקער סופּערנאַציאָנאַלער מלוכה אָדער פון אַן אייראָפּעאישער פעדעראַציע, כאַפּן זיך אָן אַן היטלערס „בייער אייראָפּע" ווי אַן עפּעס אַ מין אויסדרוק פון דעם גייסט פון דער נייער צייט. אפילו אַזאַ אָנגעזעענער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער ווי ג. ד. ה. קאָאל, פאַרגינט זיך צו זאָגן, אַז אויב די נאָך־מלחמה־אייראָפּע זאָל ווייטער בלייבן צעשפּליטערט ווי פריער, איז אין עקאָנאָמישן זין שוין אפשר בעסער, אַז זי זאָל פאַראייניקט ווערן אונטער די נאַציס. די פויערים־באַפעלקערונג אין די באַלקאַן־לענדער, זאָגט קאָאל, וואָלט אפילו אין היטלערס אייראָפּע געלעבט בעסער ווי אין די ענגע גרענעצן פון זייערע איצטיקע נאַציאָנאַלע מלוכות. דייטשלאַנד איז דאָס

לאַנד פון גרויס־אינדוסטריע און זי איז דער גרעסטער און נאָענטסטער אָפּנעמער פון זייערע אַגראַר־פּראָדוקטן. און קאַל זעט ניט איין ווי דער דאָזיקער אַרגומענט, וואָס ער ברענגט צו שטאַרקן זיין טעזיס, באַווייזט נאָר, אַז דער עצם יסוד פון זיין אַרגומענטאַציע, וואָס איז משמעות געבויט אויף דער הנחה, אַז עקאָנאָמישע פאַקטאָרן זיינען די, וואָס באַשטימען די נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען פון די פעלקער, — איז אַבסאָלוט פאַלש. וואָרעם ניט געקוקט אויף די אַלע עקאָנאָמישע אינטערעסן, פירט גראַד דאָס פויערטום פון די באַלקאַן־לענדער דעם פאַרביסנסטן און האַרטנעקיקסטן קאַמף קעגן די דייטשישע חיילות, אין וועמען עס זעט פריער פון אַלץ שונאים און אונטערדריקער פון זיין נאַציאָנאַלער פרייהייט.

אָבער אונדזערע פריש געבאַקענע מלחמה־אינטערנאַציאָנאַליסטן — זיי דערקייקלען זיך ביז צו זען אפילו אין נאַציזם אַן אויסדרוק פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט, וואָס אים זיינען צו ענג די גרענעצן פון די נאַציאָנאַלע מלוכות. פאַר זיי איז די פינפטע קאָלאָנע שיר ניט אַ סימבאָל פון אַ העכערער און גרעסערער סאָלידאַריטעט, וואָס מוז פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אַמאָליקער, באַשרענקטער, נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט. דעררעדט זיך טאַקע דאָמאָן דערצו, אַז נאָכדעם ווי סטאַלין האָט פּראָקלאַמירט דעם לאָזונג „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" בלייבט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם דער איינציקער אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט־פאַקטאָר.

די געבראַכטע אילוסטראַציעס ווייזן, צו וואָס עס קען דערגיין דער פאָרמעלער אינטערנאַציאָנאַליזם, ווי דאָגמאַטיש ער איז און ווי פרעמד ער איז הן צו דער אייראָפּעאישער ווירקלעכקייט און הן אונדזערע הייניקע מאָראַלישע סטאַנדאַרדן. די נאַטירלעכע און דירעקטע מאָראַלישע רעאַקציע פון דער פּראָגרעסיווער וועלט צו די „אינטערנאַציאָנאַליסטן" פון דעם מין קוויזלינג, לאַוואַל, דעגרעל, איז באַוואוסט. מען טרייסלט פון זיי זיך אָפּ ניט נאָר פּאָליטיש. מען פאַראורטיילט זיי קודם כל מאָראַליש. און די דאָזיקע ספּאָנטאַנע רעאַקציע איז די איינציק ריכטיקע. דערווייל קענען נאָך ניט די מענטשן קיין טיפערע און אינטענסיווערע סאָלידאַריטעט ווי די נאַציאָנאַלע. און דעם, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון איר, באַטראַכטן מיר ווי אַ בוגד. עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדער וואָס רעוואָלטירט קעגן זיין רעגירונג, איז אַ נאַציאָנאַלער פאַררעטער. וואָרעם ניט יעדע רעגירונג איז אַלעמאָל און אומעטום אַן אויסדרוק פון דעם פאָלקס־ווילן, און עס קען זיין אַ לאַגע, ווען רעוואָלטירן קעגן דער רעגירונג פון אייגענעם לאַנד קען ניט בלויז באַרעכטיקט, נאָר אפילו גלאָריפיצירט ווערן. דאָס איז דער פאַל, ווען אַ גאַנץ לאַנד פאַרבלאָנדזשעט אויף פאַלשע וועגן און

ברענגט אַן אומגליק הן אויף דער וועלט און הן אויף זיך אַליין. אַזאַ פֿאַל איז היטלער־דייטשלאַנד. אָבער אויך אין אַזוינע פֿאַלן מוזן זיין באַווייזן, אַז דער, וואָס דעסאָלידאַריזירט זיך מיט דער מערהייט פֿון זיין פֿאָלק, פֿאַרבינדט זיך גלייכצייטיק, מיט אַן אַנדער אַקטיווער, העכערער און גרעסערער, סאָלידאַריטעט. די דאָזיקע פֿאַרבינדונג מוז זיך אויס־דריקן ניט אין ווערטער נאָר אין מעשים, בפֿרט אין אַזוינע, וואָס מיר רופֿן אַן העלדיש, דאָס הייסט וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט פּערזענלעכע קרבנות אָדער גאָר מיט מסירת נפֿש. אַ ביישפּיל דערצו זיינען די קאָמו־ניסטן און די רעליגיעזע פֿירער, וואָס שמאַכטן אין דייטשישע תּפֿיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערס. אָבער פּונקט אַזוי ווי ניט יעדער פּחדן איז אַ פּאַציפֿיסט, ווי ניט יעדער דעזערטיר איז אַ העלד, איז ניט יעדער וואָס האַלט אויף די ליפּן דאָס וואָרט אינטערנאַציאָנאַל פּטור פֿון נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט.

די אונטערשטע שורה איז, אַז עס זיינען דערוייל ניטאָ אין דעם באַ־וואוסטזיין פֿון די פֿעלקער קיין שום עלעמענטן, אויף וועלכע מען זאָל קענען מיט זייער גוטן ווילן אויפֿבויען שוין איצט גרויסע מלוכהשע איינ־הייטן. די סיבות דערפֿון זיינען גלייכצייטיק פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע: דער מענטשן־האַס, די שׂנאה, וואָס די מלחמה גופֿא האָט טאַקע פֿאַר־שטאַרקט און פֿאַרשפּרייט, פֿון איין זייט, און פֿון דער אַנדער זייט, געפֿילן פֿון ליבע און ברודערשאַפֿט צו אַ קלענערן קרייז. אויך די דאָזיקע גע־פֿילן זיינען געשטאַרקט און פֿאַרטיפֿט געוואָרן אינעם פּראָצעס פֿון דער מלחמה. דער דאָזיקער געמיש פֿון סתּירותדיקע מאָטיוון איז ניט קיין לאָגישער ווידערשפּרוך, ער וואָרצלט אין לעבן גופֿא און אין דער מענטש־לעכער נאַטור, וואָס איז אַליין פֿול מיט סתּירות. מען דאַרף זיך דערום שטאַרק היטן ניט צו שטערן דאָס דערהויבענע, וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין דער נאַציאָנאַלער אידייע, כּל זמן מען איז נאָך ניט בכּוח צו שאַפֿן רעאַלע, און ניט פּאַפּירענע, העכערע און ברייטערע מענטשלעכע פֿאַראייניקונגען און ברודערשאַפֿטן.

קאַפּיטל דריי

נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלער פאַרמעגן און סואווערעניטעט

כל זמן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין איז נאָך טיף פאַרוואָרצלט און דאָס אינטערנאַציאָנאַלע געפיל הויבט ערשט אָן זיך אויסצופיקן, קענען דיווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון די קלענערע און שוואַכערע פעלקער אַנדערש ניט באַפרידיקט ווערן סיידן נאָר זיי זאָלן קענען אויפהאַלטן זייער מלוכהשן קיום. אָט דאָ איז אַקוראַט דער פאַל, וואו די באַוואוסטע מאַרק־סיסטישע פאָרמולע מוז איבערגעקערט ווערן, כדי זי זאָל שטימען מיט דער ווירקלעכקייט: דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין באַשטימט דאָס נאַציאָנאַלע זיין. איך קלייב זיך דאָ ניט געבן אַ דעפיניציע פון נאַציע, בפרט נאָך אַז גרעסערע פון מיר זיינען געשטרויכלט געוואָרן ביי דעם דאָזיקן פּרואוו. ניט ערנסט רענאַנען און ניט אָטאָ באַוערן און בכלל קיינעם ניט פון די, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן שטודירן דעם פענאָמען נאַציע, איז ניט געלונגען צו געבן אַ דעפיניציע, וואָס זאָל באמת אַרומנעמען די גאַנצע דערשיינונג. דרך אגב, דאָס איז ניט דער איינציקער פאַל. פּליסיקע, סאָציאַלע פענאָמענען לאָזן זיך בכלל ניט דעפינירן, אויב מען וויל זיי ניט אַריינשפּאַרן אין אַ צוואַנגס־העמדל פון טעאָרעטישע פאָרמולעס. וויל מען קריגן אַ ריכטיק און פול בילד פון דעם באַגריף נאַציע, מוז מען באַשרייבן אַלע זיינע פּרטים — און זיי זיינען ניט אַלעמאָל גלייך ביי אַלע פעלקער, — און זיך ניט באַגנוגענען מיט אַן אַלגעמיינער דעפיניציע. איין זאַך קענען מיר אָבער יאָ פעסטשטעלן, דהיינו: געוויסע אַלגעמיינע כאַראַקטער־שטריכן. אַזוי למשל, מיינט נאַציע אַ נאַטירלעכע גורל־געמיינשאַפט, דאָס הייסט אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז פאַראייניקט ניט דורך צוואַנג און ניט דורך אַן אַקט פון ווילן און וואָס זיין עקסיסטענץ הענגט ניט אָפּ פון דעם ווילן פון די יחידים, וואָס שטעלן אים צוזאַמען. איטלעכע נאַציע האָט דעם באַוואוסטזיין פון אַ שותפותדיקן גורל אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט און גלייכצייטיק דעם זיכערן סענטימענט, אַז די דאָזיקע

שותּפותדיקייט וועט אָנהאַלטן אויך אין דער צוקונפט. נאַציע איז, ווי שוין אויבן געזאָגט, אַ גרויסע פאַמיליע, וואָס איר צוזאַמענבונד איז ניט אַזוי אינטענסיוו, ניט אַזוי שטאַרק, ווי אין דער בלוט־משפּחה, אָבער דאָך אינטימער ווי אין יענע פאַראייניקונגען פון מענטשן, וואָס זיינען קינסטלעך און באַוואוסטזיניק צוזאַמענגעשטעלט. די פאַמיליע איז ניט קיין עקאָנאָמישע איינס, נאָר אַ בלוט־איינהייט; דאָך האָט זיך אויפן יסוד פון דער לעצטער אויסגעבילדעט אַ סאָלידאַריטעט, אַ שותּפות פון מאַטעריעלע אינטערעסן, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין געוויסע רעכט־נאָרמעס, פאַרשיידן לויט לענדער און פעלקער. פּונקט אַזוי האָט אויך די עטנישע, געשיכטלעכע און גייסטיקע נאַציאָנאַלע פאַרבונדנקייט אויסגעפורעמט שותּפותע אינטערעסן, וואָס גייען אַרויס פונעם גדר פון רוחניות, און צווישן זיי — אויךווירטשאַפטלעכע אינטערעסן. דאָס באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט נעמט אַזוי פעסט אַרום דעם מענטשן, זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט, אַז עס פאַרשפּרייט זיך אויך אויף זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן. די צוויי ספערן, גייסטיקע און מאַטעריעלע, לאָזן זיך ניט צעשיידן, ווייל זיי געפינען זיך אין אַ שטענדיקער, קעגנזייטיקער באַווירקונג. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז עס איז פאַראַן, — נאַטירלעך ביי אַנדערע גלייכע פאַרהעלטענישן, — אַן אָפּהענגיקייט צווישן דעם ווירטשאַפטלעכן און דעם קולטור־רעלן מצב פון די פעלקער. בדרך כּלל (און טאָמער איז דאָ אַ יוצא מן הכּלל, מוז מען אין יעדן פאַל אויסגעפינען די ספּעציעלע סיבות, וואָס האָבן די אויסנאַמען אַרויסגערופן) — בדרך כּלל שטייט די ווירטשאַפטלעך מער אַנטוויקלטע נאַציע אויך אויף אַ העכערער קולטור־מדרגה און פאַרקערט.

היות ווי די נאַציע איז, ווי מיר האָבן געזען, ניט בלויז אַ קולטורעלע איינהייט, נאָר אויך אַ געמיינשאַפט, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לעבן, איז דערפון געדרונגען, אַז איטלעכע נאָרמאַלע נאַציע האָט איר אייגענע באַלעבאַטישקייט. דער באַגער פון דער נאַציע הן אָפּצוהיטן איר קולטור, הן צו האַלטן אין אירע אייגענע הענט איר נאַציאָנאַלן רכוש און ביידע צו אַנטוויקלען לויט איר גוסט און אינטערעסן, מוז פירן צו אַ שטרעבן צו מלוכהשער סוּווערעניטעט. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'רעדט זיך דאָ ניט וועגן אַבסאָלוטער סוּווערעניטעט און אַבסאָלוטער אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז באמת ניט מעגלעך אין אונדזער מאָדערנער וועלט און ביי דעם היינטיקן וואוקס פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט. סוּווערעניטעט מיינט דאָ די מאַקסימאַלע זעלבסטשטענדיקייט, וואָס לאָזט זיך צונויפּאָרן מיט דער נויטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע.

קען די דאָזיקע רעלאַטיווע סואווערעניטעט דערגרייכט ווערן פאַר יעדער נאַציע אין די ראַמען פון אַ גרויסער איבערפעלקערלעכער מלוכה? דאָ ליגט דער קערן פון פּראָבלעם און אויף דעם מוזן מיר זיך לענגער פאַרהאַלטן.

ס'איז קלאָר, אַז אין אַזאַ פאַראייניקונג מוזן זיין באַטייליקט גרעסערע און קלענערע נאַציעס, שטאַרקערע און שוואַכערע, אינדוסטריעלע און אַגראַרישע, אַנטוויקלטע און אָפּגעשטאַנענע, אין זין פון מלוכהשער ציוויליזאַציע און אָרגאַניזאַציע, ווי אויך נאַציעס, וואָס זיינען פאַרשיידן לויט זייער קולטור־ און בילדונג־שטופע. קען מען זיך פאַרלאָזן דערויף, אַז די שטאַרקערע פעלקער וועלן זיין אַזוי גרויס־האַרציק, אַז זיי זאָלן מיטן גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון די פּריווילעגיעס, וואָס זיינען אין אונדזער איצטיקער וועלט פאַרבונדן מיט קראַפט, קראַפט תרתי משמע, מאַטעריעלע און גייסטיקע? דוכט זיך, אַז די נייסטע געשיכטע פון דער וועלט און דער היינטיקער געמיט־צושטאַנד פון די פעלקער גיט אפילו ניט קיין בלאַסע האָפענונג אויף אַזאַ מין גרויס־האַרציקייט. וואָלטן די פעלקער געווען קאַפּאַבל זיך אויפצוהויבן אויף אַזאַ הויכער מדרגה פון אַלטרואיזם, וואָלטן זיי קודם כל אָנגעהויבן פון זיך אַליין און וואָלטן באַזייטיקט דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וואָס איז געבויט אויף פערזענלעכן עגאָאיזם און סאָציאַלער אומגלייכקייט. און אויב מענטשן זיינען אויף אַזאַ אָפּזאָג ניט פעאיק, זיינען זיי אויך ניט מסוגל זיך אָפּצוזאָגן פון נאַציאָנאַלן עגאָאיזם. די געשיכטע און די היינטיקע דערפאַרונג לערנען אונדז, אַז דער האַרטנעקיקסטער און דער איינגעוואָרצלטער עגאָאיזם, איז דער קאָלעקטיווער. דערפאַר מסתמא, וואָס בעת דער יחידישער עגאָאיזם האָט ניט קיין מאָראַלישע באַרעכטיקונג, קריגט דער קאָלעקטיווער, לויט דעם היינטיקן צושטאַנד פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אַ פולע מאָראַלישע סאַנקציע. לא תרצח איז פאַרן יחיד נאָך אַלץ אַ מאָראַלישער און אַ יורידישער געזעץ, פאַר קאָלעקטיוון און נאַציעס אָבער איז הרגענען ניט קיין עבירה און אָפטמאָל גאָר אַ הייליקע מצווה.

איבעריקנס לייקענען ניט די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אינטערנאַציאָנאַלע מלוכות (איך מיין דאָ ניט די מאָראַליסטן, וואָס שטעלן זיך גאָר אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, נאָר די פּאָליטיקער, וואָס בלייבן אויפן באָדן פון דער היינטיקער רעאַליטעט), אַז אין די ראַמען פון די דאָזיקע מלוכות וועט די אומגלייכקייט צווישן פעלקער בלייבן עקסיסטירן ווי ביז איצט. זאָגט טאַקע דער שוין ציטירטער דאַמאַן, אַז גלייכקייט צווישן גרויסע און קליינע פעלקער איז אַן אַבסורד. דעם קאָנטראָל איבער דער וואָפן־פּראָ־

דוקציע וועלן די גרויסע זיגערישע מדינות מוזן קאָנצענטרירן אין זייערע אייגענע הענט, און אַ קאָנטראָל איבער וואָפן הייסט ביי דעם היינטיקן צושטאַנד פון דער טעכניק — פּראָסט און פּשוט אַ קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. עס איז דערום נאַטירלעך, אַז די שווער־אינדוסטריע, די וואָס איז מער ווי אַלע אַנדערע פאַרבונדן מיט וואָפן־פּראָדוקציע, וועט בלייבן אין די הענט פון אַ פּאָר גרויסע מלוכות. פון דער אַנדער זייט ענטפערט דאָמאַן מיט אַ ניין אויף דער פראַגע, צי וועלן די בירגער פון דער גרויסער סופּערנאַציאָנאַלער מלוכה זיך קענען פריי באַוועגן און איבערוואַנדערן פון איין פּראָווינץ אין דער אַנדערער. מען קען זיך, זאָגט ער, ניט פאָרשטעלן, אַז אפילו די אַרבעטערשאַפט פון די פעלקער מיט אַ מער אַנטוויקלטער אינדוסטריע זאָל צולאָזן פרייע אימיגראַציע פון די אַגראַר־פעלקער מיט אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד.

אויב די קינפטיקע, איבערנאַציאָנאַלע מלוכה וועט אָבער איבערלאָזן אומבאַרירט די ניט גלייכקייט צווישן אירע פעלקער, איז קלאָר, אַז די קלענערע נאַציעס האָבן ניט נאָר ניט קיין אינטערעס, אַז אַזוינע מלוכות זאָלן אויפקומען, נאָר אדרבא, זיי וועלן מיט אַלע זייערע כוחות זיך מוזן זיי אַנטקעגנשטעלן. און אַז די קלענערע פעלקער האָבן טאַקע אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו אַזוינע פּראָיעקטן, זאָגן עדות די פאַראיינצלטע עכאָס, וואָס דערגייען צו אונדז פון די דאָזיקע קרייזן. איך וועל זיך דאָ באַרופן ווי אויף אַ משל אויף דעם ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטן ווערק „די ירושה פון נאַציזם". זיין פאַרפאַסער איז דער טשעכישער עקאָנאָמיסט פראַנק מונק. און מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, וואָס די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע פאַר גרויסע מלוכה־שטחים קומט פון די אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער און אימפּעריעס. נאָר מיט געוואַלט וואָלט מען געקענט די קליינע אומות אַריינשטופּן אין אַזאַ מלוכה־פאַרבאַנד. דעריבער איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס דער איינציקער קאָנקרעטער פּרוּוו צו פאָרמירן אַ „נייע אייראָפּע" ווערט דורכגעפירט אונטער דעם קנאַל פון די קאַנאָנען פון היטלערס חיילות. ווער עס זאָל זיך ניט נעמען פאַר אַזאַ אויפגאַבע, וועט מוזן אָנקומען צו געוואַלט, און דער ענטפער פון די פעלקער וועט מער אָדער ווייניקער זיין דער זעלביקער ווי דער, וואָס זיי האָבן געגעבן היטלערן, דאָס הייסט ווידערשטאַנד.

מלוכה איז תמיד געווען אַ געוואַלטיקער כוח אויף צו קערעווען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד. איצט איז דאָ אַ קלאָרע טענדענץ — און זי וועט זיך נאָך דער מלחמה נאָך שטאַרקן, מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זי זאָל זיך ניט ענדיקן, — אַ טענדענץ אויסצוברייטערן און צו פאַרצוויגן דעם מלוכה־קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיק. דאָס הייסט, אַז אויך

די פעדעראַלע מלוכה, אויב נאָר זי וועט האָבן די נויטיקע אַטריבוטן פון מאַכט (און אָן דעם לויגט דאָך ניט דער גאַנצער ענין) וועט האָבן צו זאָגן, ווען און וואו מען דאַרף בויען באַנען און האַפּנס, וועלכע צווייגן פון אינ־דוסטריע דאַרפן געשטיצט ווערן מיט קרעדיט, עקספּאָרט־פּרעמיעס און אַזוי ווייטער. שיין וועלן דעמאָלט אויסזען די עקאָנאָמיש שוואַך אַנט־וויקלטע אַגראַר־פעלקער. אויף לאַנגע יאָרן וואָלטן זיי מוזן בלייבן אין זייער איצטיקן צושטאַנד אָדער גאָר אויף אייביק פאַרלירן די האָפענונג אויסצובויען ווען ניט איז אָן אייגענע נאַציאָנאַלע אינדוסטריע און אַזוי אַרום אויפהויבן מיט דער צייט זייער לעבנס־ניוואָ. בלייבן זיי זעלבסט־שטענדיקע מלוכות, האָבן זיי געוויסע שאַנסן, פריער אָדער שפּעטער, זיך צו באַפרייען פון דעם טרויעריקן מצב פון אַגראַר־פעלקער דורך אַ צוועקמעסיקער פּאָליטיק פון טראַנספּאָרט, צאָלן, עקספּאָרט און אימפּאָרט.

געוויס זיינען תמיד פאַראַן אינטערעסן־סתירות צווישן פאַרשיידענע פּראָווינצן מיט ניט־גלייכע ווירטשאַפט־סטאַדיעס אפילו אין די גרענעצן פון איין נאַציאָנאַלער מלוכה. אָבער זעלטן ווען די דאָזיקע סתירות ברעכן אויס אין אָפענע און שאַרפע קאָנפליקטן אָדער גאָר אין אַ ציווילער מלחמה. און טאָמער פּאַסירט עס דאָך, נעמט סוף כל סוף די אויבערמאַכט דאָס באַ־וואוסטזיין פון שותפותדיקן נאַציאָנאַלן גורל, און די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין איז גובר די סעפּאַראַטיסטישע נטיות. מיר קענען ניט אין דער גייסטער געשיכטע פון די אייראָפּעאישע פעלקער קיין פאַל, ווען אַ דעפיניטיווער דורכבראָך אין דער פאָרם פון אַ סעפּאַראַציע צווישן פאַרשיידענע טיילן פון דער זעלביקער נאַציע, וואָס לעבן צוזאַמען אויף דער זעלביקער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, זאָל פאַרקומען צוליב קעגנזעצלעכע, עקאָנאָמישע אינטערעסן. נאָר ווען מ׳האָט צו טאָן מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס קענען און מוזן עקאָנאָמישע סתירות פריער אָדער שפּעטער באַקומען אַ דעציזירנדיקע חשיבות און ברענגען צו אַ שפּאַלטונג אויף דער נאַציאָנאַלער ליניע.

קעגן דער דאָזיקער הנחה וועגן דער ענגער פאַרבונדנקייט פון נאַציע־קולטור מיט נאַציע־ווירטשאַפט און נאַציע־מלוכה, שטעלט מען כסדר אַרויס איין אַרגומענט: שווייץ. אָבער פאַר איטלעך לאָגיש־דענקענ־דיקן מענטשן דאַרף זיין קלאָר, אַז אַ יוצא מן הכלל איז ניט קיין ראיה. און אַנשטאָט אַנצואווענדן דעם דאָזיקן אויסנאַם־פאַל אויף אַלע אַנדערע נאָרמאַלע פאַלן, וואָלט מען געדאַרפט בעסער אויסגעפינען די ספּעציעלע סיבות, וואָס האָבן דעם יוצא מן הכלל פאַראורזאַכט. מיר קענען דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּשטעלן זיך בפרטיות אויף שווייץ, ווייל צוליב דעם וואָלט מען געדאַרפט דערציילן די געשיכטע פון דער שווייצארישער קאָנ־

פעדעראַציע און געבן אַ באַשרייבונג סיי פון איר עקאָנאָמישער סטרוקטור, סיי פון איר קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג. אַ פאָר באַמערקונגען און פאַקטן וועלן אָבער ניט שאַטן. קודם כל קענען מיר דאָ אײַנגאַנצן אַראָפּנעמען פון חשבון ווי אַ „קאַנטיטע נעגליזשאַבל“, די רעטאָ־ראָמאַנען אין ענגאַדין און די איטאַליענער אין טעסין, ווייל עס איז קלאָר, אַז איטלעכע, געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, במילא אויך אַ נאַציאָנאַלע, ברויכט צו האָבן אַ באַדייטנדיקע צאָל מענטשן, כדי בכלל מעגלעך צו זיין און צו קריגן אַ וועלכן ניט איז ווערט. דאָ איז איינער פון די פאַלן ווען כמות גייט איבער אין איכות. בלייבט נאָר אויפצוקלערן די פראָבלעם פון דער מלוכהשער קאָאָפעראַציע צווישן די צוויי וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע טיילן פון שווייץ: דייטשן און פראַנצויזן. און אָט וואָס מיר זעען. דעם יסוד פון דעם שווייצאַרישן פעלקער־בונד האָבן אַוועקגעלייגט די דייטשישע קאַנטאָנען, וואָס זיינען ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן דער באַדייטנדיקסטער ווירטשאַפטלעך־ און מלוכה־פאָרמירנדיקער כוח אין לאַנד. דעם ערשטן קערנדל האָבן געשאַפן אין דרייצנטן יאָרהונדערט די דריי וואַלד־קאַנטאָנען ביי דער פירוואַלדשטעטער אָזיערע. און עס האָט געדויערט מער ווי אַ יאָרהונדערט ביז די דאָזיקע דריי קליינע פויערים־רעפובליקן האָבן זיך פאַראייניקט מיט אַנדערע און צוזאַמען אויפגעשטעלט די קאָנפעדעראַציע פון אַכט קאַנטאָנען. אָבער אפילו דעמאָלט האָט נאָך אויך ניט געקענט זיין קיין רייד פון אַ מלוכה אין דעם מאָדערנעם זין פון וואָרט, ווייל איטלעכער קאַנטאָן האָט אָפגעהיט זיין פולשטענדיקע אומאָפהענגיקייט און נאָר פון פאַל צו פאַל, ווען די שותפותדיקע אינטערעסן האָבן דאָס געפאָדערט, פלעגן זיך זייערע פאַרטרעטער צונויפקומען אויף די זיצונגען פון העלוועטישן סיים. נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, אין אַ פראָצעס, וואָס האָט געדויערט הונדערטער יאָרן און איז ניט אָפגעגאַנגען אָן קאָנפליקטן און בירגער־קריגן (די ציריכער מלחמות און אַנדערע), איז עס געלונגען צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון דער קאָנפעדעראַציע, צוציען נייע קאַנטאָנען און פאַרברייטערן די פּרעראָגאַטיוון פון דער צענטראַלער, פעדעראַלער מאַכט. די פראַנצויזישע קאַנטאָנען פון וואָאַד און גענף זיינען צוגעשטאַנען צו בערן און צו דער קאָנפעדעראַציע, כאָטש זיי זיינען געווען שפראַכלעך, קולטורעל און עקאָנאָמיש פאַרבונדן מיט דער פראַנצויזישער סאַוואָיאַ, צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. די רעפאָרם־באַוועגונג פון קאַלווין האָט זיי אָפגעריסן פון דער קאַטוילישער פראַנקרייך, פון די קאַטוילישע פראַנצויזישע פראָווינצן און זיי דערנעענטערט צו די שווייצאַרישע קאַנטאָנען, וואָס פון זייער זייט זיינען זיי פאַרכאַפט געוואָרן פון דער צווינגלי־רעפאָרם.

קאַלווין און צווינגלי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם שווייצאַרישן פעלקער־בונד, כאָטש זייער ציל און זייערע שטרעבונגען זיי־נען געווען ריין רעליגיעזע, ניט קיין ווירטשאַפטלעך־מלוכהשע.

וואָס זשע קומט אַרויס פון די הויפט־דאַטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט וועגן שווייץ? ערשטנס, אַז די העלוועטישע קאָנפעדעראַציע האָט זיך פאַרמירט אין ציטן, ווען דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איז נאָך קוים געלעגן אין וויקעלעך, ווען גאָר אַנדערע גייסטיקע און פסיכישע פאַקטאָרן, דער עיקר פון רעליגיעזער נאַטור, האָבן באַשטימט די פירונג פון מענטשן און קאָלעקטיוון. אַט די דאָזיקע פאַקטאָרן האָבן מעגלעך געמאַכט די פאַר־אייניקונג פון פאַרשיידנאַרטיקע, עטנישע און לינגוויסטישע גרופּעס. אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט אויך אין דער שווייץ די צוזאַמענשמעלצונג פון די איינצלנע קאַנטאָנען געדויערט איבער 600 יאָר. וואָרעם ערשט אין 1848 האָט שווייץ באַקומען, מער אָדער ווייניקער, איר איצטיקע פאָרם און איז געוואָרן אַן איינהייטלעכע מלוכה. איטלעכער טריט אויפן וועג צו איינהייט אויפן חשבון פון קאַנטאָנאַלן סעפּאַראַטיזם האָט געקאָסט שווייס און בלוט און איז געמאַכט געוואָרן אַן איילעניש און מיט אַ קלוי־גער פאָרזיכטיקייט. אויב דער שווייצאַרישער משל באַווייזט יאָ עפּעס, איז נאָר דאָס, אַז בכלל איז מעגלעך, ביי גינסטיקע אומשטענדן און ווען עס ווירקן מיט שטאַרקע, מאָראַלישע כוחות, וואָס נעמען אַרום און באַהערשן דעם מענטשן, — צו פאַרמירן אין משך פון אַ לאַנגער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אַ נייעם קאָלעקטיוון באַוואוסטזיין, אַ מלוכהשן. ער אַנטוויקלט זיך אָבער פּאַראַלעל מיטן נאַציאָנאַל־עטנישן געפיל. דער לעצטער פאַר־שווינדט ניט. די מלוכה־סאָלידאַריטעט אין שווייץ האָט דעם דאָזיקן סענטימענט ניט צעשטערט; זי האָט אים געגעבן מלוכהשע אויסדרוק־מעגלעכקייטן אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. דאָס איז אַ „פּרט״, וואָס איז פאַר אונדז באַזונדערס וויכטיק. שווייץ האָט ניט אָפּגעטיילט דאָס נאַציאָנאַל־גייסטיקע פונעם נאַציאָנאַלן באָדן. די אויטאָנאָמיע, וואָס אירע איינצלנע פעלקער געניסן, איז אַ קאָנטאָנאַלע. זיי האָבן ניט נאָר אַלע רעכט און מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער קולטור, שפּראַך און קונסט, נאָר זיי בלייבן אויך ביי זייער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, ביי זייער טעריטאָריע און אַלץ, וואָס אויף איר וואַקסט און ווערט פון דעם מענטשן געשאַפן, ביי זייער אַגריקולטור און אינדוסטריע, האַנדל און מלאכה. אין די געניג ברייטע גרענעצן פון דער פעדעראַלער געזעצגעבונג און אַדמיניסטראַציע אַנטוויקלען זיי ווייטער אויטאָנאָם זייערע געזעצן, זייער אייגענע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געזעצגעבונג, און זייער אייגענע אַדמיניסטראַציע; מיט

אין וואָרט עס זיינען ביי זיי געבליבן גאָר חשובע עלעמענטן פון מלוכהש־קייט און אירע וויכטיקסטע סימנים: טעריטאָריע און סואווערעניטעט.

אָט וואָס עס זאָגט אונדז דער קאָנקרעטער משל פון אַ געלונגענעם פעלקער־בונד מיט פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון די איינצלנע טיילן, און אין די ראַמען פון אַ בירגערלעכן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן סדר, ביי וועלכן מיר האַלטן דערווייל. ניט קיין סעפּאַראַציע פון נאַציאָנאַלן (אין זין פון קולטור) פון וירטשאַפטלעכן און מלוכהשן איז דאָ פאַרגעקומען, נאָר אַ פּאַנאַנדערטיילונג פון אַלע מלוכה־אויפגאַבעס און קאָמפּעטענצן צווישן דער פעדעראַלער מאַכט און דער קאַנטאָנאַלער, ד״ה במילא נאַציאָנאַלער מאַכט, און דאָס איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די איינצלנע נאַציעס זיינען ניט צעזייט און צעשפּרייט, נאָר זיי פאַרנעמען געשלאָסענע געביטן.

און מחמת דעם איז עס ממש קינדערש־נאַאיוו, ווען מען טראָגט אונדז אונטער ווי אַ תרופה קעגן היינטיקע און קינפטיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און מלחמות די סעפּאַראַציע צווישן מלוכה און נאַציע, און די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע ווי די פולקומע פאָרם פון אַזאַ סעפּאַ־ראַציע. נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז פאַר זיך אַליין ניט קיין שלעכטע זאַך, ביי געוויסע, קאָנקרעטע אומשטענדן קען זי זיין אַ הילף־מיטל פאַר אונטערדריקטע נאַציעס, בפרט נאָך פאַר יידן. אָבער זי רירט ניט אָן דעם סאַמע קערן פון דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. זי איז און בלייבט אַ פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן באַזיץ און סואווערעניטעט. די וואָס קומען מיטן געדאַנק פון סעפּאַראַציע זיינען זיך סומך אויף דער פאַנאַנדערטיי־לונג פון קירך און מלוכה. אַזוי טוען למשל יאַנאָווסקי און אַלבער געראר אין זייערע אַרטיקלען אינעם זאַמל־בוך „סטראַטעגיע פאַר דעמאָקראַטיע״. דאָס באַווייזט נאָר, אַז זיי האָבן ניט תופס געווען אין וואָס עס באַשטייט דער עצם מהות פון דער נאַציע. זי איז אַן אינטעגראַלע סאָציאַלע פאַר־איייניקונג, און אָט דאָס שיידט זי אָפּ פון געזעלשאַפטן, וואָס זיינען געבויט נאָר אויף שותפותדיקע געדאַנקען און גלויבן, דאָס הייסט אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן מענטשן און וואָס דער מענטש איז ממילא פריי היינט עס אָנצונעמען און מאָרגן צו פאַרלייקענען. אַזוי קען מען היינט זיין אַ קאַטאָליק און מאָרגן אַ פּראָטעסטאַנט. ס׳איז אָבער אומ־מעגלעך צו ווערן אויס פראַנצויז — אָדער דייטש אין עטניש קולטורעלן זין, אפילו אַז מען נעמט אָן אַ נייע בירגערשאַפט. דורות זיינען נויטיק, כדי די עטניש גייסטיקע שפּורן זאָלן פאַרשווינדן אפילו ביי יחידים. געווען ציַטן, ווען רעליגיע האָט באמת געשאַפן אַן אינטימען צוזאַמענבונד צווישן

מענטשן. נאָר די דאָזיקע צייטן זיינען שוין לאַנג פאַרביי. און די רעלי־גיעזע געמיינשאַפט איז היינט צו טאָג כמעט ניט מער ווי אַ גלויבן־גע־מיינשאַפט, וואָס דערגעענטערט זיך אַלץ מער לויט איר כאַראַקטער צו דער געדאַנקען־שותפות, וואָס אויך וועלטלעכע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און אַנ־דערע באַוועגונגען קענען שאַפן ביים מענטשן.

די נאַאיווע און — פונדעסטוועגן, אָדער טאַקע צוליב דעם — שטאַרק פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז נאַציע איז כולו רוחניות און אַז מיט שפּראַך־רעכט און שולן פאַרענטפערט מען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, האָט אָנ־געמאַכט ניט ווייניק צרות שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. פון דעם ווערסאַליער און אַנדערע שלום־טראַקטאַטן איז איבערגעבליבן אַ שווע־רע ירושה פון אַ וואָסערע פינף און דרייסיק מיליאָן מינאָריטעטן — אַ קופּע ברען־שטאָף, וואָס האָט נאָר געוואַרט עמיצער זאָל קומען און אַריינ־וואַרפן אין איר אַ פונק. און אונטערצינדער פעלן, ברוך השם, ניט אין דער היינטיקער וועלט. מיט רעכט האָט דער באַרימטער ענגלישער עקאָ־נאָמיסט קעינס שוין אין 1919 אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַן אומגליק עס איז געווען, וואָס דער גורל פון אייראָפּע האָט זיך אויף דער שלום קאָנפערענץ געפונען אין די הענט פון די „גרויסע פיר", וואָס האָבן קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. קעינס האָט געהאַט אין זינען אַלגעמיינע פּראָבלעמען, אָבער זיין געדאַנק איז נאָך ריכטיקער בנוגע דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַליטעטן, וואָס די קאָנפערענץ האָט עס באַטראַכט ווי אַ ריין פּאָליטישן ענין.

צום שבח פון דעם רוב היינטיקע טעאָרעטיקער און פּאָליטיקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שלום־פּראָיעקטן, מוז מען זאָגן, אַז זיי האָבן יאָ עפּעס געלערנט פון דער פריערדיקער דערפאַרונג און אַז זיי באַגרייפן וואויל די וויכטיקייט פון די עקאָנאָמישע עלעמענטן פאַר דעם צוקונפטיקן שלום, בפרט נאָך בנוגע די אינטער־מלוכהשע און אינטערנאַציאָנאַלע באַ־ציאונגען (אין די ראַמען פון דער מלוכה גופא). חוץ די צוויי דערמאָנטע אַלבער גערהאַר און אָסקאַר יאַנאָווסקי (דער לעצטער אַ ייד און דער ערש־טער — אויך ניט קיין הונדערט פּראָצענטיקער יענקי) האָב איך ביז איצט אין דער גאַנצער ליטעראַטור איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע ניט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט, — אַז נאַציע איז נאָר קולטור און זי לאָזט זיך בכן לייכט אָפּשיידן פון מלוכה. פּראָ־פעסאָר קאַרר, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ שיינעם בוך וועגן די „באַדינגונ־גען פון שלום", האָט געפילט, אַז מיט קיין סעפּאַראַציע פון מלוכהשן און נאַציאָנאַלן עלעמענט וועט קיין שלום צווישן די פעלקער ניט דערגרייכט

ווערן. קריטיקירנדיק די מינאָריטעטן־טראַקטאַטן, באַמערקט ער מיט רעכט, אַז זיי האָבן געהאַט אין זינען נאָר פּאָליטישע רעכט פון די מינדערהייטן. „זיי האָבן ניט אַריינגענומען דאָס רעכט צו אַרבעטן, דאָס רעכט ניט אויס־צוגיין פון הונגער"... ער דערמאָנט די עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן מינדערהייטן דורך באַזייטיקן זיי פון געוויסע פּראָפעסיעס, דורך אַרויסשטויסן זיי פון זייער לאַנד־באַזיץ וכדומה. אַ גוט אָרגאַניזירטע מלוכה קען תמיד געפינען מיטלען צו דערפירן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט צו נויט און יאוש און דערביי כלומרשט אָפּהיטן אירע אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן און די פאַרשריפטן פון איר אייגענער קאָנסטיטוציע. קאַרר האָט ניט קיין קאָנקרעטן פאָרשלאָג ווי אַזוי דאָס צו באַזייטיקן אין די צוקונפטיקע, סופּערנאַציאָנאַלע מלוכות, וועלכע ער פאַרטיידיקט אין פּרינ־ציפּ, אַזוי ווי ער האָט בכלל ניט קיין קאָנקרעטע פאָרם פאַר די דאָזיקע מלוכות. ער באַגרענעצט זיך מיט אַלגעמיינע גרונט־געדאַנקען. אין דער באַציאונג, ווי אין אַ סך אַנדערע, איז ער אַ ביסל מטושטשדיק. אָבער איין זאַך מאַכט ער קלאָר. ער שטעלט זיך פאָר, אַז די צענטראַלע רעגירונגען פון די מלוכות וועלן זיך דאַרפן אָפּגעבן דער עיקר מיט מיליטערישע ענינים און מיט אַן אַלגעמיינעם קאָנטראָל איבער דערווירטשאַפט און איבערלאָזן אַלע אַנדערע ענינים אויף אַלע, ניט נאָר קולטורעלע לעבנס־געביטן — אינעם רשות פון די איינצלנע פעלקער. „האָט מען פעסט אויפגעבויט דעם ברייטערן מיליטערישן און עקאָנאָמישן ראַם, איז ניטאָ קיין גרענעץ צו דער צאָל קלענערע נאַציאָנאַלע איינהייטן פון אַליין־פאַרוואַלטונג, וועלכע קענען פאַרמירט ווערן אין דעם דאָזיקן ראַם — אָדער צו זייערע פונקציעס."

נעענטער און קאָנקרעטער ווי דער בירגערלעך־ראַדיקאַלער קאַרר גייט צו צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע דער ענגלישער סאָציאַליסט קאָאל, וועלכן מיר האָבן שוין אויבן ציטירט. ער קען אָפּטמאָל אויך ניט ביישטיין דעם נסיון פון טעאָרעטיש אָפּצוטיילן דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס מלוכהשע, דאָך בלייבט ער ניט ביי ריין־טעאָרעטישע הנחות און מאַכנדיק אַ טיפערן און מער דעטאַלירטן אַנאַליז פון דער איצטיקער סיטואַציע אין דער וועלט, קומט ער גאָר צו אַנדערע פּראַקטישע אויספירן. קודם כל זאָגט ער זיך אָפּ פון די פאַנטאַסטישע פּלענער פון אַ וועלט־מלוכה און גלויבט אפילו ניט שטאַרק אין דער מעגלעכקייט פון אַן אייראָפּעאישער פעדע־ראַציע. פאַר מער רעאַליסטיש באַטראַכט ער די מעגלעכקייט צו שאַפן אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט דריי מלוכה־בלאָקן: אַ סאָוועטישן, מיט רוסלאַנד בראש, אַ צענטראַל־אייראָפּעאישן אונטער דער פירערשאַפט פון דייטשלאַנד און אַ מערב־אייראָפּעאישן (פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערע).

אָבער ער זעט איין, אַז אויך דאָס גיט נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פון פרידן צווישן די פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע וועלן אַזוי אַרום פאַראייניקט ווערן אין גרויסע בלאָקן. און די פּראָבלעם איז לויט קאאַל, — צו געפינען מיטלען ווי אַזוי צונויפצופּאָרן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די איינצלנע פעלקער מיט דער עקאָנאָמישער און מיליטערישער נויטיקייט פון איבערנאַציאָנאַלע איינהייטן. ער זאָגט זיך אָפּ פון צו געבן אַ קאָנקרעטע און אַ באַקוועמע תשובה און לאָזט אָפן די פראַגע צי וואָלט ניט גלייכער געווען, אַז די דאָזיקע גרויסע מלוכות זאָלן ניט זיין קיין מלוכות אין אונזער איצטיקן זין, מיט העכסטער אויטאָריטעט און סואווערעניטעט, נאָר קערפּערשאַפטן פאַר „געוויסע צוועקן". מיט אַנדערע ווערטער וואָלט מען דעם דאָזיקן געדאַנק געקענט פאָרמולירן אַזוי, אַז עס רעדט זיך ניט וועגן פעדעראַטיווע מלוכות („בונדעסשטאַטן" — לויט דער דייטשישער טערמינאָלאָגיע) נאָר וועגן מלוכה־פעדעראַציעס („שטאַטן־בונדן"). בעת אין מיליטערישע ענינים דאַרף די מלוכה האָבן די פולע מאַכט, דאַרפן אָבער די עקאָנאָמישע פונקציעס פאַרטיילט ווערן צווישן איר און די איינצלנע טעריטאָריעס־נאַציעס. אַזוי, אַז די לעצטע זאָלן אויף דעם געביט האָבן רעכט פון אַליין־פאַרוואַלטונג, בעת די ערשטע וועלן נאָר פעסטשטעלן דעם אַלגעמיינעם, עקאָנאָמישן פּלאַן און קאָאָרדינירן די ווירטשאַפטלעכע אַקטיוויטעט פון די איינצלנע נאַציעס.

אָבער אפילו אין דער דאָזיקער אָפּגעשוואַכטער פאָרם פון מלוכהשע צוועק־פאַראייניקונגען זעט קאאַל פאָראויס גרויסע שוועריקייטן און קאָנפליקטן, דערהויפּט די ערשטע צייט, צווישן די ווירטשאַפטלעך־פאָרגעשריטענע און די אָפּגעשטאַנענע פעלקער. ער גיט צו, אַז די לעצטע וועלן דאַרפן האָבן דאָס רעכט אויף פאַרשיידענע פּראָטעקציע־מיטלען, ווי למשל ספּעציעלע אָפּצאָלן ביים אויסבייט פון סחורות צווישן איין געגנט מיט דער אַנדערער אין די גרענעצן פון דער מלוכה גופא. אָבער ניט געקוקט אויף די אַלע הנחות, וואָס ער זעט פאָראויס פאַר די קלענערע פעלקער און די באַגרענעצונגען פון דער קאָמפּעטענץ פון דער פעדעראַלער מאַכט, איז ער כלל ניט זיכער, אַז אַזאַ גרעסערע פאַראייניקונג פון פעלקער וועט מעגלעך זיין כל זמן עס הערשט דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט־סדר. ביי אַן אָרדענונג, וואו דער הויפּט־מאָטיוו פון ווירטשאַפט־טעטיקייט איז רווחה, איז, לויט קאאַלס מיינונג, ניט מעגלעך צו געפינען קיין פולע באַוואָרענישן קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אפילו ניט אויפן געביט פון קולטור סיידן נאָר אונטערן שוץ פון אַ נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקער מלוכה.

מיר וועלן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אַ סאָציאַליסטישער גע־

זעלשאַפּט באַטראַכטן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל און מיר וועלן זען, אַז סאָציאַליזם אַליין פאַר זיך באַדייט נאָך כלל ניט קיין אויטאָמאַטישע לייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם. היות אָבער ווי דאָס אויפקומען פון אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט־אָרדענונג נאָך דער איצטיקער מלחמה איז מער ווי פּראָבלעמאַטיש, וועט אונדז דערווייל גענוג זיין פעסטצושטעלן, אַז איטלע־כער, וואָס פאַרטיפט זיך אין דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם ווי זי שטייט אין אונדזער היינטיקן וועלט־סדר, מוז קומען צום אויספיר, אַז נאַציע און טע־ריטאָריע, נאַציע און סואַווערעניטעט זיינען געקניפּט און געבונדן.

נאָך דעם דאָזיקן אַנאַליז ווערט קלאָר פאַרוואָס קליינע פעלקער און אונטערדריקטע ראַסעס באַציען זיך מיט אַ געוויסן חשד צו די פּלענער פון די איבערנאַציאָנאַלע מלוכות. אינסטינקטיוו אָדער באַוואוסטזיניק פילן זיי דאָ אַ סכנה פאַר זייער פרייהייט און וואוילזיין. צי שטעקן ניט הינטער די שיינע רייד פון אינטערנאַציאָנאַליזם גוט־באַהאַלטענע כוונות פון אַ נייעם, איידעלערן אָבער ניט ווייניקער געפערלעכן אימפּעריאַליזם מצד די מעכטיקע הארן פון דער וועלט, וואָס זענען איצט קלאָר איין, אַז מיטן אַלטן רויבערישן און גראָב־עקספּלואַטירנדיקן אימפּעריאַליזם קען מען מער ניט אָנגיין? סון יאַט־סען, דער פאָטער פון דער כינעזישער רעפּובליק, דער זון פון אַ פאָלק, וואָס איז בטבע פרעמד יעדן נאַציאָנאַליזם, האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע בעת ער האָט געזאָגט: „קאָסמאָפּאָליטיזם (גלייך צו אינטערנאַציאָנאַליזם אין זיין טערמינאָלאָגיע. — י. ע.) איז ניט קיין דאָק־טרין פאַר באַוואוסטע פעלקער. מיר, די באַוואוסטע ראַסעס, מוזן קודם־כל צוריקבאַקומען אונדזער פּאָזיציע פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און גלייכ־קייט איידער מיר וועלן זיין צוגעגרייט צו דיסקוטירן קאָסמאָפּאָליטיזם. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז קאָסמאָפּאָליטיזם וואַקסט אַרויס פון נאַציאָנאַליזם, ווילן מיר פאַרברייטן קאָסמאָפּאָליטיזם, מוזן מיר קודם כל שטאַרק אויס־בויען אונדזער נאַציאָנאַליזם."

ווי מיט 25 יאָר צוריק, בלייבט נאָך היינט „דאָס זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די פעלקער", פּראָקלאַמירט דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דורך פּרעזידענט ווילסאָן, אַן אַבסאָלוט דעמאָקראַטישער פּרינציפּ. עס קען ניט זיין קיין גרעסערע פעלשונג פון געשיכטע און פון פאַקטן ווי צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּרינציפּ, אָנגעווענדט אין ווערסאַליער שלום־אָפּמאַך האָט באַנקראָטירט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראַקטיק. דער אמת איז פּונקט קאַפּויר. דער נאַאיווער און אויפריכטיקער אידעאַליסט ווילסאָן איז טאַקע געקומען קיין פּאַריז מיט דער ריינסטער כוונה צו פאַרווירקלעכן דאָס זעלבסטבאַשטימונג־רעכט. אָבער, ווי עס איז באַוואוסט און ווי דאָס באַ־

שטעטיקט קעינס, וועלכער האָט אַליין זיך באַטייליקט אין דער שלום־קאָנפערענץ, איז ווילסאָן געווען גאָר ווייט סיי פון פּראַקטישער פּאָליטיק בכלל, סיי פון די אייראָפּעאישע רעאַליטעטן בפרט. דער איינציקער פון די „גרויסע פיר", וואָס האָט געהאַט אַ ריכטיקן בליק אויף דער גאַנצער לאַגע און טאַקע געוואוסט וואָס ער וויל, איז געווען קלעמאַנסאָ. דערפאַר האָט פּאַסירט, אַז ווייניקער ווי אַלץ האָט מען ביים איבערמאַכן און צע־שניידן די קאַרטע פון אייראָפּע זיך גערעכנט מיט די באַדערפענישן און די רעכט פון די פעלקער. מען האָט זיך געלאָזט פירן נאָר פון איין געפיל — דעם געפיל פון שנאה צו דייטשלאַנד, און פון איין ציל — פאַרזיכערן די סטראַטעגישע און מיליטערישע אינטערעסן פון די זיגער־פעלקער, דערהויפּט פון פראַנקרייך, דערמיט וואָס מען וועט אָפּשוואַכן דייטשלאַנד און אירע שותּפים. דערפאַר האָט מען אָפּגעגעבן פּוילן אַ ריי דייטשישע פּראָווינצן און קלעמאַנסאָ און פּאַש האָבן ממש געצוואונגען מאַסאַריקן און בענעשן, וואָס ווי אמתע טשעכישע פּאַטריאָטן און ווייטזיכטיקע פּאָליטיקער האָבן זיי זיך קעגן דעם געראַנגלט מיט אַלע זייערע כּוחות, אַריינצונעמען דאָס סודעטן־לאַנד אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אַט אַזוי האָט מען אָוועקגע־שטעלט אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע אַ פול־אָנגעלאָדענע פּולווער־פאַס, וואָס האָט אומפאַרמיידלעך געמוזט עקספּלאָדירן. מען האָט פּראָקלאַמירט אַ יוגאָסלאַוויע און אַריינגעשטופּט אַהין די קראָאַטן און די סלאָווענער, ניט באַקלערנדיק זיך און ניט נאָכפאָרשנדיק צי זיינען די סערבן געננוג דערוואַקסן פאַר דער ראָלע פון אַ נאַציע־בעל־הבית, וואָס זאָל פאַרשטיין ווי אַזוי צו לייזן אַזאַ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, ווי דאָס איז דאָס פרידלעכע צו־זאַמענלעבן פון פאַרשיידענע עטנישע קאָלעקטיוון.

מען זאָגט, אַז די קליינע מלוכות האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט־לעבנס־פעאיק. והראיה, זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון דער מלחמה און היטלער האָט באַוויזן די קונץ זיי צו פאַרניכטן ווען אין טעג, וועמען אין וואָכן. פרעגט זיך: נו, און די גרויסע מלוכות, ווי פּוילן, ווי פראַנקרייך — האָבן זיי דען ניט געהאַט דעם זעלביקן סוף? און שטעלט זיך פאַר, וואָס וואָלט חלילה געוואָרן פון גרויס־בריטאַניע, ווען זי וואָלט ניט געווען קיין אינדזל־מדינה, נאָר אַ געאָגראַפישער המשך פון פראַנקרייך אויפן קאָנטינענט? און פאַרקערט ווידער, צי האָט דען ניט דווקא אַ קליין אָרעם פאָלק, דאָס סערבישע, באַוויזן אַ קונץ, וואָס אַ סך גרויסע און רייכע פעלקער האָבן ניט געקענט באַווייזן, דהיינו צו פירן אַ רעגולערע פּאַרטיזאַנען־מלחמה אין משך פון פיר יאָר אַזוי, אַז ביז צום היינטיקן טאָג קען עס די מעכטיקע דייטשישע אַרמיי ניט בייקומען.

די פּראָבלעם פון מלחמה און שלום איז ניט מעגלעך צו פאַרענטפערן כל זמן מענטשן וועלן בלייבן אויף דער מאָראַלישער מדרגה, אויף וועלכער זיי שטייען איצט, כל זמן קאָנפליקטן צווישן פעלקער, קלאַסן און בכלל מענטשלעכע קאָלעקטיוון, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך אַזוי נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך ווי רייבונגען צווישן יחידים, וועלן ניט קענען געלייזט ווערן אַנדערש ווי דורך גוואַלט. דערמיט, וואָס מען וועט באַגיין נאָך אַן עוולה און מקריב זיין די פרייהייט פון די שוואַכע פעלקער, וועט מען זיך ניט דערנעענטערן צום אידעאַל פון אייביקן שלום, נאָר אדרבא דערווייטערן זיך פון אים. דערווייל קען זיך נאָר רעדן וועגן דעם ווי אַזוי אויסצוגעפינען מיטלען קלענער צו מאַכן די מלחמה־סכנות, הן פאַר די קליינע, הן פאַר די גרויסע פעלקער. דערהויפּט מוז מען זוכן עצות און תחבולות קעגן די שור־המועד־פעלקער. אַ געוויסע סגולה אַנטקעגן דעם זיינען מיליטערישע קאָאַליציעס, וואָס נעמען אַרום פאַרשיידענע לענדער. אמת, אפילו אַזוינע קאָאַליציעס ווי באַלד זיי זיינען אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט אַ געוויסן קאָנטראָל איבער דערווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די באַטרעפנדיקע פעלקער, מוזן אַוועקשטעלן די קלענערע עטנישע גרופּעס אין אַ ניט גינסטיקער לאַגע לגבי די לויתנס, פון וועלכע זיי ווערן אַזוי אַרום מער אָדער ווייניקער אָפּהענגיק. אָבער זייער פרייהייט און אויטאָנאָמיע איז אין אַ קאָאַליציע פון לענדער ברייטער און זיכערער ווי אין אַ מלוכה־שותפות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, קאָאַליציעס זיינען ניט קיין ראַדיקאַלע עצה קעגן נייע מלחמות. זיי קענען קיין סטאַבילן גלייכגעוויכט ניט שאַפן. פון דער אַנדער זייט קען מען כלל ניט זיין זיכער, אַז די איצטיקע מלחמה־קאָאַליציעס וועלן בלייבן אין קראַפט אויך נאָך דער מלחמה. די געשיכטע באַווייזט אונדז גראָד דעם היפּוך דערפון. העכסטנס דערציען אַזוינע קאָאַליציעס ביזן סוף פון דער מלחמה. תיכף נאָכדעם אָדער אַביסל שפּעטער פּלאַצן זיי פון אינעווייניקסטע סתירות, וואָס בלייבן פאַרבאָרגן פונעם עולם כל זמן די מלחמה גייט אָן. אַזוי צי אַזוי איז עס ניט אויסגעשלאָסן, אַז אפילו גוט און שכלדיק צונויפגעשטעלטע קאָאַליציעס זאָלן ניט קענען גאַראַנטירן קיין פעלקער־שלום אויף אַ מער־ווייניקער לענגערער צייט. מיט רעכט ווייזט אָן אַ פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט, וואָס שרייבט אונטערן פּסיידאָנים פּיער פראַנסעז, אין זיין בוך „ווי אַזוי צו געווינען דעם שלום", אַז דער ווינער קאָנגרעס פון 1815, וואָס האָט געבוירן דעם „קאָנצערט פון די גרויסע מאַכטן", האָט געגעבן אייראָפּע פרידן כמעט אויף גאַנצע הונדערט יאָר, במשך פון וועלכע עס זיינען נאָר פאָרגעקומען איינצלנע,

לאָקאַלע מלחמות. אויך די איצטיקע מלחמה וועט זיך מסתמא פאַרענ־דיקן מיט אָפּמאַכן און קאָאַליציעס צווישן געוויסע פעלקער־גרופּעס, און ניט מיט קיין נייעם וועלט־סדר. קיין אמתן תיקון וועט די פּראָבלעם מלחמה־שלום אויך איצט ניט געפינען, ווי זי האָט אים ניט געפונען ניט אין ווין, ניט אין ווערסאַל. אַזוי זעט אויס דאָס רעאַלע בילד פון דער נאָך־מלחמה־וועלט.

אויב אַזוי איז עס ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז יעדער פאָלק זאָל איצט, ווי פריער, זאָרגן קודם כל פאַר זיך, פאַר זיין עקסיסטענץ און פאַר זיין פרייהייט. און די בעסטע פאָרם, וואָס גאַראַנטירט די מאַקסימאַל־מעגלעכע פרייהייט פאַר אַ פאָלק, זיין ניט געשטערטע אַנטוויקלונג, איז די נאַציאָ־נאַלע מלוכה און טאָקע די נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע מלוכה. אויב זיין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט איז אַן אומגליק, איז האָבן אַזאַ מינדערהייט אויך ניט קיין גרויסער גליק פאַרן מערהייט־פאָלק אין לאַנד. ניט געקוקט אויף דעם מאַטעריעלן נוצן, וואָס די מערהייט קען ציען דערפון, שאַפט עס פאַר איר קאָמפּליקאַציעס אין שלום־צייטן און סכנות אין אַ מלחמה־צייט. ביי אַנדערע גלייכע באַדינגונגען וועט די נאַציאָנאַלע מלוכה תמיד זיין איינ־הייטלעכער אין איר ווילן און במילא שטאַרקער ווי אַ פיל־נאַציאָנאַלע מדינה. נאָר פעלקער, וואָס ליידן פון אַ „גרויסקייט־מאַניע“, — און צום באַדויערן זיינען דאָס רוב פעלקער פון דער דאָזיקער חולאת אָנגעשטעקט, — מיינען, אַז זיי כאַפּן דעם גרויסן געווינס, ווען עס געלינגט זיי צו פאַר־גרעסערן זייער טעריטאָריע און באַהערשן פרעמדע פעלקער.

פרעגט זיך, צי לאָזט זיך דער אידעאַל פון איינהייטלעך־נאַציאָנאַלע מלוכות בכלל פאַרווירקלעכן? פאַרשטייט זיך, אַז אין אַן אַבסאָלוטער פאָרם קען די דאָזיקע פּראָבלעם ניט פאַרענטפערט ווערן. עס קען זיין די רייד נאָר ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם מאַקסימום, וואָס לאָזט זיך דער־גרייכן ביי היינטיקע אומשטענדן. און דאָ מוזן מיר קודם כל וויסן, אַז דער גרעסטער טייל פון די היינטיקע מינאָריטעטן זיינען אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון מלחמות, אין אַ צייט ווען אַרמיי־שעפן און דיפּלאָמאַטן האָבן געשניטן פעלקער און לענדער לויט זייער איינזען, ניט פרעגנדיק קיין דעה ביי די פעלקער גופא. און מען מוז זאָגן, אַז אָפט איז טאָקע ניט געווען ביי וועמען צו פרעגן, וואָרעם דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון אַ סך פון די היינטיקע מינדערהייטן איז נאָך בכלל ניט געווען אויפגעוואַכט אָדער זיך נאָך געפונען אין אַ התחלה־סטאַדיע. אַט די מינדערהייטן, וואָס לעבן מייסטנס אין געדיכטע מאַסן אין די גרענעץ־געביטן פון די לענדער, צו וועלכע זיי האָבן אַמאָל געהערט, און מיט וועלכע זיי זיינען

נאָך איצט עטניש און שפּראַכלעך פאַרבונדן, דאַרפן בדרך כלל פאַראייניקט ווערן מיט זייערע מוטער־לענדער, אַ חוץ אין די פאַלן ווען דעצידירנדיקע סטראַטעגישע און עקאָנאָמישע מאָטיוון שטעלן זיך אַנטקעגן. אָבער חוץ אָט די דאָזיקע מינדערהייטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די גרויסע פּראָבלעם, ווייל זיי נעמען אַרום באַדייטנדיקע באַפעלקערונגען, זיינען פאַראַן אויך אַנדערע, וואָס זיינען אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון וואַנדערונגען, הויפטזעכלעך אין פאַרקאַפּיטאַליסטישע צייטן, אַרויסגערופן אָדער דורך רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען (מענאָניטן, סובאָטניקעס און אַנדערע), אָדער אָרגאַניזירט דורך רעגירונגען, וואָס האָבן געוואָלט אַריינקריגן ווירטשאַפטלעך־נוצלעכע עלעמענטן (למשל די וואָלגאַ־דייטשן) *. אָט די מינדערהייטן פון דער לעצטער קאַטעגאָריע, אַריינגעשלאָגן ווי אַ קלין אין דעם עצם קערפּער פון דער מערהייט, זיינען פון דער אַנדער זייט אַ ברוכטייל פון זייערע מוטער־לענדער, געאָגראַפיש פון זיי אָפּגעשניטן. צום גליק איז די פּראָבלעם פון די דאָזיקע מינדערהייטן ניט דאָס וויכטיקסטע, ווייל עס האַנדלט זיך ניט פון גרויסע מאַסן. אָבער דורך ענדערונגען אויף דער אייראָפּעאישער, פּאָליטישער מאַפּע, קען זייער פראַגע ניט פאַרענטפערט ווערן און עס בלייבט נאָר איין וועג: צוריקוואַנדערונג אין זייער אַמאָליקן פאָטערלאַנד. כמעט אַלע שרייבער און פּאָליטיקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען, קומען צום דאָזיקן אויספיר, ניט געקוקט אויף דער פאַרשיידנקייט פון זייער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אפילו דער אויבן־דערמאָנטער אַלבער גראַר, וועלכער זעט אין נאַציע נאָר אַ גייסטיקע איינהייט, מיינט אויך, אַז אין געוויסע פאַלן מוז מען אָנקומען צום טראַנספער פון מינ־

* ניט געקוקט אויף דער שטאַרק פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פון דער מיט איר פאַרבונדענער פעלקער־וואַנדערונג, זעען מיר ניט אין אייראָפּע קיין באַדייטנדיקע מינדערהייטן, וואָס זאָלן זיין אויפגעקומען אין פּראָצעס פון די אינדוסטריעלע וואַנדערונגען פון די היינטיקע צייטן. פראַנקרייך, דוכט זיך, איז דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, וואוהין עס איז געגאַנגען אַ באַדייטנדיקע אַרבעטער־איינוואַנדערונג פון פּוילן, שפּאַניע און איטאַליע. אין דעם דאָזיקן פאַל, אָבער, קען מען לכל הפּחות דערווייל ניט רעדן וועגן שטענדיקע מינדערהייטן, ווייל ס'איז נאָך כלל ניט קלאָר צי האַנדלט זיך דאָ וועגן מאַסן, וואָס וועלן בלייבן תושבים אין לאַנד. בדרך כלל, אָבער, איז די איצטיקע אינדוסטריעלע אויסוואַנדערונג פון אייראָפּע געגאַנגען מעבר לים, וואו דערווייל איז נאָך קיין אַקטועלע מינדערהייט־פּראָבלעם ניטאָ, כאָטש עס איז לחלוטין ניט געזאָגט, אַז אויך דאָרט קען עס ניט פריער־שפּעטער אַרויסשפּרינגען.

דערהייט־באַפעלקערונגען. און ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין דעם פּרט גייען זיך צונויף ראַדיקאַלע און קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיקער. אויך הובער און גיבסאָן זאָגן זיך אַרויס פאַר באַפעלקערונגס־טראַנספער אין די אינטערעסן פון צוקונפטיקן, איראָפּעאישן שלום. עדואַרד בענעש, דער פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק, וועלכער האָט, ווי מיר האָבן געזען, ניט צוליב זיין שולד, געהאַט גאָר ניט ווייניק אויסצושטיין פון דער מינדערהייט־פּלאָג, האָט עפּעס געלערנט פון זיין ביטערער דערפאַרונג (ניט אויף אַלע פּאָליטיקער קען מען, צום באַדויערן, זאָגן אָט דעם שבח), און אין אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „ניו־יאָרק־טיימז" דעם 19־טן פעברואַר 1943, קומט ער צום אויספיר, אַז כדי פּטור צו ווערן פון די מינדערהייטן, וועט די פראַגע וועגן אויסבייט פון באַפעלקערונגען צווישן פאַרשיידענע מלוכות זיך שטעלן אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם נאָך דער איצטיקער מלחמה. די ציטירטע מחברים מאַכן אָבער, לויט מיין מיינונג, איין טעות, און, ווי מיר דוכט, ניט קיין צופעליקן. בעת זיי שלאָגן פאָר דעם טראַנספער, ווי דאָס איינציקע מיטל צו לייזן די מינדערהייט־פּראָבלעם, פאַרגעסן זיי משמעות, אַז דער עיקר פון דער דאָזיקער פראַגע קען און דאַרף פאַרענטפערט ווערן נאָר דורך טעריטאָריאַל־פּאָליטישע ענדערונגען. ווי עס ווייזט אויס, ווילט זיך זיי גריילעך ניט אין סאַמע ברען פון דער מלחמה אָנוועקשטעלן אָט אַזוי די פראַגע, כדי ניט צו געבן קיין פּיתחון פּה דייטשלאַנד, וואָס האָט, ווי באַוואוסט, זינט דעם סוף פון יענער מלחמה ניט אויפגעהערט צו פאָדערן די אינקאָרפּאָרירונג פון עסטרייך און פון סודעטן־לאַנד. עס איז אָבער קלאָר, אַז די טראַנספּערירונג פון צענדליקער־מיליאָנען מינדערהייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז פּראַקטיש נישט מעגלעך דורכצופירן. פאַרקערט אָבער, באַגרענעצט מען די איבערוואַנדערונג דער עיקר נאָר מיט די מינדערהייט־גרופּעס, וועלכע איך האָב אויבן כאַראַקטעריזירט ווי אָפּגעשניטענע ברוך־טיילן, באַקומט דער דאָזיקער געדאַנק אַ פּראַקטישן ווערט.

עס וועט אפשר ניט איבעריק זיין מוסיף צו זיין, צוליב דער קלאָרקייט פון ענין, אַז דאָס זעלבסטבאַשטימונג־רעכט, און בפרט דאָס רעכט אויף מלוכהשע זעלבשטענדיקייט, דאַרף ניט און קען ניט אָנגעווענדט ווערן אַלע מאָל און אומעטום אָן אַ גרינטלעכן אַנאַליז פון יעדן איינצלנעם פאַל. איבעריקנס, קיין שום רעכט, צי האַנדלט זיך עס וועגן אַ יחיד אָדער אַ כלל, קען ניט רעאַליזירט ווערן אויטאָמאַטיש אָן שום תנאים און באַגרענעצונגען. קודם כל דאַרף מען דאָס דאָזיקע רעכט, ווי איטלעך קאָלעק־

טיוו־רעכט, פאַרדינען. מתנות שענקט מען קיינעם ניט, אַ פשיטא שוין ניט קאָלעקטיוון. עס איז, למשל, ניט גענוג, אַז אַ גרופּע פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן, וואָס עס ווילט זיך זיי מאַכן קאַריערע אין אַן אייגענער „נאַציאָנאַלער" מלוכה, זאָלן אַזוינס פאַרלאַנגען, כדי מען זאָל זייערע פאָדערונגען נאָכגעבן.

בעת דער שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז זיינען, צוזאַמען מיט פּרעטענדענטן אויף טראָנען, אויך געקומען אַ פּאָר טוץ בעלנים אויף נאַציאָנאַלע רעפּובליקן אָדער קעניגרייכן, ווי למשל, די אַזערביידזשאַנער, די קאָזאַקן פון דאָן און פון טערסק, און פון וואַנען איר ווילט נאָר. ס'איז קלאָר, אַז הינטער זיי איז קיינער ניט געשטאַנען, אַז די גרופּעס, אין וועמענס נאָמען זיי האָבן גערעדט, זיינען ניט קיין נאַציעס אָדער זיינען נאָך ניט קיין נאַציעס אין דעם זינען, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. כדי אַ געוויסע גרופּע זאָל אָנערקענט ווערן ווי אַ נאַציע, דאַרף זי קודם כל פאַרמאָגן אַן אייגענע, מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע נאַציאָנאַלע קולטור און לכל הפחות גרונט־יסודות פון ווירטשאַפטלעכער גאַנצקייט און איינהייט און אַזאַ גראַד פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס זאָל איר דערלויבן צו זיין רעלאַטיוו אַ חי נושא את עצמו, צו קענען באַפרידיקן די עקאָנאָמישע באַדערפעענישן פון אירע גלידער אין דער מאָס, אין וועלכער נאַציעס בכלל קענען עס באַוויזן ביים היינטיקן טאָג, בעת סחורות־אויסבייט צווישן איינצלנע לענדער איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. איך גיב מיר אָפּ אַ גאַנץ קלאָרן חשבון ווי אַלגעמיין און אומבאַשטימט עס איז די דאָזיקע פאָרמולירונג. אפשר קען מען געפינען אַ בעסערע, אָבער איך גלויב ניט, אַז עס איז מעגלעך אַ פאָרמולירונג, וואָס מיט איר הילף אַליין זאָל מען קענען באַשטימען, צי איז די אָדער יענע פּאָלקס־גרופּע צייטיק פאַר אַ נאַציאָנאַל־מלוכהשער עקסיסטענץ. וואָס איך בין אויסן איז אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז יעדער איינצלנער פאַל דאַרף גענוי אַנאַליזירט ווערן און אַז מען טאָר ניט לכתחילה באַשליסן, אַז יעדע עטנישע אָדער שפּראַכלעכע גרופּע האָט אַן אומבאַשטרייטבאַר רעכט אויף מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט.

אמת, עס ליגט פון אויבן אויף די פראַגע, מי ומי השופטים, און דער עיקר וואו געפינט מען אָביעקטיווע שופטים? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער איך נעם זיך ניט אונטער צו געבן אַ תירוץ מספּיק. זי געהערט צו יענעם מין שאלות, אויף וועלכע מען קען קיין דאָגמאַטישע תשובה ניט געבן און וועלכע ווערן פאַרענטפערט אין לעבן דורך אַ שפּיל פון פאַרשיידענע כוחות און אַ האַרטנעקיקן קאַמף צווישן זיי. פאַראַן אָבער

איין אָביעקטיווער סימן, וועלכער האָט די מעלה, וואָס ער איז ניט נאָר א טעאָרעטישער באַווייז פאַר דער רייפקייט אָדער ניט רייפקייט פון דער אָדער יענער גרופּע פאַר נאַציאָנאַלער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, נאָר גלייכצייטיק אויך אַ מאַכט־פאַקטאָר אין דעם קאַמף פאַר דער דאָזיקער זעלבסטשטענדיקייט. דער דאָזיקער סימן זיינען די קרבנות, וואָס אַ פאָלק ברענגט און איז גרייט צו ברענגען פאַר זיין פריהייט. איז זיין ווילן צו זעלבסטשטענדיקייט שטאַרק, אַזוי אַז זי איז פאַר אים באמת אַן עקסיס־טענץ־פראַגע, וועט עס ניט שפּאָרן קיין כוחות און קיין קרבנות, כדי זיך צו דערשלאָגן דערצו. און מחמת דעם קען מען איצט רעטראָספּעקטיוו זאָגן, אַז די פעלקער פון סאָוועט־רוסלאַנד האָבן ניט געהאַט און האָבן ניט קיין ערנסטע, סעפּאַראַטיסטישע שטרעבונגען. ווען יאָ, וואָלטן זיי איצט זיך ניט געשלאָגן מיט דעם פאַטאָס, וואָס זיי ווייזן אַרויס אינעם קאַמף פאַר זייער שותפותדיקן פאָטערלאַנד. ניט מיט פּראָפּאַגאַנדע און אודאי שוין ניט מיט טעראָר קען מען אַזאַ רעזולטאַט דערגרייכן. זעען מיר דאָך, ווי די אַנטי־רוסישע סעפּאַראַטיסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָוועטישע פעלקער איז געבליבן אָן שום רעזולטאַטן. פאַרשיידענע סיבות האָבן דאָ מיטגעווירקט און אַ גרויסע ראָלע האָט בלי שום ספק געשפּילט די סאָציאַליסטישע אַטמאָספערע, אין וועלכער עס לעבן די פעלקער פון פאַרבאַנד און די קאָנסעקווענטע פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָ־אָפּעראַציע, וואָס עס פירט די סאָוועט־רעגירונג. אָבער דאָס אַליין וואָלט ניט געווען גענוג, ווען דער סאָוועט־פאַרבאַנד וואָלט ניט באַשטאַנען פון פעלקער, וואָס, חוץ די רוסן, זיינען זיי נאָך ניט רייף פאַר אַ זעלבסטשטענ־דיקן מלוכהשן לעבן. דאָס אייגענע קען מען זאָגן וועגן די לעטן, עסטן און ליטווינער, וועלכע האָבן אפילו ניט געפּרואווט פאַרטיידיקן זייער מלוכה־זעלבסטשטענדיקייט. און מען קען כמעט מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז ביי אַזאַ סיטואַציע איז פאַר די דאָזיקע פעלקער סיי אין נאַציאָנאַל־קול־טורעלער, סיי אין עקאָנאָמישער באַציאונג אַ סך גלייכער צו בלייבן שותפים אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איידער צו ווערעטירן אין אַ ניט־לעבנס־פעאיקער אייגענער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל דערמיט ניט אויפשטעלן קיין אייביקן געזעץ און זאָגן, אַז די דאָזיקע פעלקער וועלן קיינמאָל ניט דאַרפן און ניט קענען שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט אין שפּעטערדיקע צייטן. מיין אויספיר איז גילטיק נאָר פאַר איצט און עס איז גענוג, אויב ער איז דערווייל ריכטיק.

פאַרקערט, ווען מיר נעמען דעם פאַל מיט פּאָליאַקן אָדער פינלענ־דער, איז עס קלאָר, אַז דאָס זיינען פעלקער, וואָס זיינען ראוי פאַר אַ

זעלבסטשטענדיקן לעבן און זייער שטרעבן צו מלוכהשער סאָוועראַניטעט איז הן באַרעכטיקט אין זיך, הן אַ לעבנס־באַדערפעניש פאַר זיי.

אויב בעת עס שטייט די פראַגע וועגן אַ נאַציאָנאַלער מלוכה פאַר אַ באַשטימטן פאָלק, דאַרף מען זיך קודם כל רעכענען מיטן גראַד פון זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, ווי ער דריקט זיך אויס אין מעשים, און אויב דער דאָזיקער מאָמענט דאַרף האָבן די פּריאָריטעט איבער אַנדערע, ווי למשל, עקאָנאָמישע מאָטיוון, איז עס אָבער ניט ריכטיק, בעת מען האָט צו טאָן מיט אַ פראַגע, וואָס איז נוגע נאָר אַ קליינעם טייל פון אַ פאָלק אָדער פון זיין נאַציאָנאַלער טעריטאָריע. דאָרט, וואו די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ גופא פון דעם פאָלק אָדער פון זיינע באַדייטיקע חלקים שטייט ניט אין קאָן, זיינען מיר באַרעכטיקט אַריינצונעמען אין חשבון ניט בלויז די אינטערעסן פון דעם דאָזיקן פאָלק, נאָר אויך די אינטערעסן פון זיינע שכנים און ברייטערע, אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון. אַזוי למשל, כדי זיך אומצוקערן צום פאַל פינלאַנד, איז כלל ניט זיכער, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט געווען גערעכט, ווען זי האָט פאַרלאַנגט, פינלאַנד זאָל איר אָפּטרעטן מיטן גוטן ווילן געוויסע סטראַטעגישע באַזעס, וועלכע האָבן ניט קיין גרויסן באַטייט פאַר דער נאַציאָנאַלער צוקונפט פון דעם קליינעם, דריי־מיליאָניקן פינלענדישן פאָלק און וועלכע קענען, פאַרקערט, שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע סטראַטעגישע ראָלע אינעם שוץ פון הונדערט אַכציק מיליאָן סאָוועט־בירגער קעגן די דייטשישע אינוואַזאָרן. אָדער נעמען מיר דעם פאַל סועץ־קאַנאַל. צי איז ענגלאַנד מאָראַליש און פּאָליטיש באַרעכטיקט צו האַלטן אין איר רשות דעם דאָזיקן קאַנאַל צי ניט, איז אַ פראַגע פאַר זיך. עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז עס וואָלט געווען אַ סך גלייכער און יושרדיקער, ווען דער קאַנאַל זאָל זיך געפינען אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל, ווען אַזוינער זאָל קענען רעאַליזירט ווערן. איינס איז אָבער זיכער, אַז דאָס קליינע און ווירטשאַפטלעך־היסטאָרישטעליקע עגיפּטישע פאָלק אָדער די איינוואוינער פון דעם אַרומיקן קליינעם פּאַס לאַנד קענען ניט דערקלערן אין נאָמען פון זעלבסטבאַשטימונג־רעכט און נאַציאָנאַלער סאָוועראַניטעט: „דאָס איז אונדזער לאַנד, מיר זיינען דאָ בעלי־בתים, און ווען מיר ווילן, לאָזן מיר צו אָדער לאָזן ניט צו". דער גורל פון דעם סועץ־קאַנאַל, וואָס האָט אַזאַ געוואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער קאָמוניקאַציע פונעם אַטלאַנטישן מיטן אינדישן אָקעאַן, קען ניט איבערגעלאָזן ווערן אין הענט, וואָס ניט זיי האָבן אים געבויט און ניט זיי קענען אים אויסנוצן, סיידן פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר אַנדערע. און אויב אפילו די געגנט פון סועץ־קאַנאַל און דער קאַנאַל גופא וואָלטן אינגאַנצן און

פאַרמעל אָפּגעריסן געוואָרן פון דער עגיפּטישער טעריטאָריע, וואָלט דאָס אויך ניט געווען קיין גרויס פאַרברעכן. אָט זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געצוואונגען געווען אָפּצורייסן דעם לאַנד־פּאַס פּאַנאַמאַ פון דער דעמאָלט האַלב־ציוויליזירטער קאָלומביע, און איך רעכן, אַז זיי האָבן דערמיט נאָר פאָרמעל עובר געווען קעגן דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. צו קליין זיינען אין די אַלע אָנגעוויזענע פאַלן די לעבנס־אינטערעסן, צו אומבאַדייטיק די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, צו קליין די צאָל מענטשן, וואָס ווערן דאָ אָנגערירט, אַז מען זאָל קענען רואיק זאָגן: „זאָלן ליידן גרויסע לעבנס־ספערן, יקוב הדין את ההר״.

אַז עס קען ניט זיין קיין גרעסערער אומגליק ווי מאַכן אַן אָפּגאָט פון אַ פּרינציפּ, האָבן מיר יידן געקענט זען אַליין אין אונדזער וויכטיקסטער לעבנס־פּראָבלעם, די פּראָבלעם פון אַן אייגן לאַנד פאַר אונדזער פאָלק. האָבן דעם ניט „ראַדיקאַלן״ און „דעמאָקראַטן״ געטענהט, אַז יידן טוען אַן עוולה די אַראַבער און זיינען פּוגע זייער זעלבסטבאַשטימונג־רעכט, בעת זיי ווילן „צונעמען״ ביי די אַראַבער זייער לאַנד. וואָלט מען זיך גערעכנט מיט אָט די אַבסטראַקטע, פאַרגליווערטע דאָגמעס, וואָלט אויס־געקומען, אַז ס׳איז אַ יושר מקריב צו זיין זעכצן מיליאָן יידן לטובת אַכט הונדערט טויזנט אַראַבער, בעת די אַראַבישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס קענען גאַנץ גוט באַפרידיקט ווערן און ווערן באַפרידיקט אויסער די גרע־נעצן פון ארץ־ישראל. מיר דוכט זיך, אַז ס׳איז ניטאָ נאָך אַ צווייטער פאַל, וואו אַ טראַנספער פון אַ טייל באַפעלקערונג וואָלט געווען אַזוי מאָ־ראַליש באַרעכטיקט ווי גראָד דער דאָזיקער פאַל. עס איז ניט מיין כוונה פאַרבייגייענדיק צו לייזן אָט די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם. דאָ איז געווען מיין ניט מער ווי צו ברענגען אַן אילוסטראַציע צום געדאַנק וועגן דער נויטיקייט צו באַטראַכטן די אָנווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונג־רעכט אין יעדן פאַל באַזונדער.

רעזומירנדיק קענען מיר זאָגן, אַז אויב בכלל דאַרף די מינדערהייט־פראַגע פאַרענטפערט ווערן אויפן יסוד פון נאַציאָנאַל־אײנהייטלעכע־מלוכות, וועלן דאָך געוויסע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, צוליב אַ ריי אָנגע־וויזענע סיבות און אפשר נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען דאָ דורכגעלאָזן גע־וואָרן, מוזן פאַרבלייבן אין די גרענעצן פון פרעמד־נאַציאָנאַלע מדינות. פאַרשטייט זיך — וואָס ווייניקער אַלץ בעסער. און עס ווערט זיך במילא מוזן שטעלן איצט, ווי נאָך דער ערשטער מלחמה, די פראַגע וואָס צו טאָן, כדי צו באַפרידיקן זייערע באַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע, גייסטיקע און מאַטעריעלע אינטערעסן און פון דער אַנדער זייט ווי אַזוי צו זען, אַז זיי

זאָלן ניט ווערן מיט דער צייט דער דינאַמיט, וואָס וועט ווידער אַמאָל עקספּלאָדירן און אויפרייסן דעם נייעם אייראָפּעאישן בנין.

די הויפּט־לייזונג פאַר אָט דער פּראָבלעם מוז מען זוכן אין טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס דאַרף געגעבן ווערן יעדער געגנט, וואָס ווערט באַוואוינט פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער גרופּע. אין די פאַלן, ווען עס זאָלן צוליב די אָדער יענע סיבות נאָך דער מלחמה נאָך פאַרבלייבן מלוכות, וואָס באַשטייען פון אַ גרעסערער צאָל נאַציאָנאַל־פאַרשיידענע טעריטאָריעס, וועלן די דאָזיקע מלוכות מוזן געבויט ווערן פעדעראַליסטיש מיט אַ מאַקסימאַל־ברייטער לאָקאַלער אויטאָנאָמיע אין אַלע ענינים אַ חוץ אין פראַגעס פון לאַנד־שוץ, פאַרטרעטונג קעגן אויסלאַנד, געלט־סיסטעם און אַלגעמיינער פּלאַנירונג פון דער ווירטשאַפט. דער עיקר חיסרון פון דעם ווערסאַליער און אַנדערע שלום־טראַקטאַטן איז טאַקע געלעגן דערין, וואָס איבערלאָזנדיק נאַציאָנאַל־געמישטע מלוכות און שאַפנדיק נייע, האָבן זיי זיך ניט געפלייסט צו זוכן גאַראַנטיעס פאַר די באַזונדערע באַשטאַנד־טיילן. דעם דאָזיקן ענין האָבן זיי איבערגעלאָזט אָפּן פאַר דעם אינעווייניקסטן קאַמף אין די באַטרעפנדיקע מדינות און פאַר דער אינטערווענציע פון פרעמדע מלוכות, נוגעים בדבר, פאַר אַן אינטערווענציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע און געענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע (זע יוגאָסלאַוויע, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע). אין פּאַריז האָט מען געגלויבט צו קענען יוצא זיין מיט „מינאָריטעטן־רעכט". די אייראָפּעאישע רעאַל־פּאָליטיקער האָבן ניט פאַרשטאַנען אַזאַ עלעמענטאַרן אמת, וואָס דער רעוואָלוציאָנער סטאַלין האָט שוין לאַנג באַנומען. אין זיין רעפעראַט אויפן 3־טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָט סטאַלין אויפגעוויזן, ווי ניט קלוג עס איז צו וועלן לייזן די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, געבנדיק די מינדערהייטן נאָר שפּראַך־ און שול־רעכט און איבערלאָזנדיק די גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט אין די הענט פון די נאַציעס־בעלי־בתים. די קולטור־ און שפּראַך־רעכט קענען זיין ניט מער ווי אַ ביי־מיטל, אַ געוויסע הילף פאַר די שפּליטערלעך פון פעלקער, וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אין פרעמדע נאַציאָנאַלע קערפּערס און וועלכע קענען דעריבער ניט שאַפן קיין נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע איינהייטן אָדער אַדמיניסטראַטיוו צונויפגעבונדן ווערן מיט אַזויגע איינהייטן. פאַר די גרויסע געדיכטע מאַסן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן קען די לייזונג פון זייער פּראָבלעם געפונען ווערן נאָר אין אַ ברייטער, טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע.

דער אויספיר פון אונדזערע באַטראַכטונגען איבער די פאָרמען, וואָס

די נייע אייראָפּע קען אָננעמען נאָך דער מלחמה, איז אָט דער: א) עס זיינען דערווייל ניט פאַראַן — און די מלחמה וועט זיי אוודאי ניט באַשאַפן — די נויטיקע מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע הנחות, וואָס זאָלן דערלויבן צו בויען גרויסע איבערנאַציאָנאַלע מלוכות אויף יסודות פון גערעכטיקייט און גלייכקייט פאַר די שוואַכערע פעלקער; ב) דערפון איז געדרונגען, אַז הן דער יושר און הן די לעבנס־אינטערעסן פון די פעלקער פאָדערן, אַז אינעם יסוד פון די נייע מלוכות־פאָרמירונגען זאָל אָוועקגעלייגט ווערן דאָס זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פון די פעלקער אויף נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע מדינות; ג) דאָרט און אויף אַזוי ווייט ווי די פולע דורכפירונג פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ זאָל זיך אַרויסשטעלן צו זיין ניט נויטיק אָדער נישט מעגלעך, דאַרפן די געמישטע נאַציאָנאַלע מלוכות געבויט ווערן אויפן פונדאַמענט פון פעדעראַציע און מאַקסימאַלע סואווערעניטעט־רעכט פון די איינצלנע נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע טיילן.

די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען גילטיק פאַר די היינטיקע מלוכות, וואָס לעבן אונטערן רעזשים פון פּריוואַט־אייגנטום. הן די גייסטיקע סביבה און הן דיווירטשאַפטלעכע יסודות פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ענדערן באַדייטיק דאָס אויסזען און פאָרנעם פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס הייסט כלל ניט, ווי מיר וועלן עס איבעריקנס זען ווייטער, אַז מיט דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם וועט די דאָזיקע פראַגע פאַרשווינדן. ס'איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז זי וועט זיך דעמאָלט אַנדערש שטעלן פאַר אַלע פעלקער. כדי אַרומצונעמען אַלע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער פראַגע, מוזן מיר איצט זען, ווי אַזוי מען קען זיך פאָרשטעלן די סאָציאַלווירטשאַפטלעכע צוקונפט פון אייראָפּע און אין וואָס פאַר אַ ריכטונג וועט די מלחמה ווירקן אינעם קאַמף צווישן די דריי ווירטשאַפט־פאָרמען: קאַפּיטאַליזם, פאַשיזם און קאָמוניזם, אין דעם קאַמף, וועלכער איז שוין פאַרשאַרפט געוואָרן נאָך דער ערשטער מלחמה און פון וועלכן עס וועט אַזוי אָדער אַנדערש מוזן געפינען ווערן אַן אויסוועג נאָך דער איצטיקער מלחמה.

די דאָזיקע פראַגע וועט באַהאַנדלט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטל פיר

די ירידה פון קאַפּיטאַליזם און די באַדערפעניש פון אַ נייער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט

אין אייראָפּע וועט איר ביים היינטיקן טאָג כמעט ניט געפינען קיין עקאָנאָמיסטן און פּאָליטיקער, וואָס זאָלן גלויבן, אַז נאָך דער מלחמה וועלן די פעלקער זיך אומקערן צוריק צו דער ליבעראַל־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און צו דעם דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, וואָס האָבן דאָרט געהערשט אין אַ ריי לענדער, אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס. מען קען זאָגן, אַז ס'איז די אַלגעמיינע מיינונג, אַז ווי די מלחמה וועט זיך ניט ענדיקן און ווער עס זאָל ניט מנצח זיין, וועט דער „גרויסער באַזיגטער" בכל אופן זיין דער קאַפּיטאַליזם. אין די אַמעריקאַנער לענדער איז די שטימונג משמעות אַן אַנדערע. און דאָס דערקלערט זיך מסתמא דערמיט, וואָס אויב ס'איז נאָך פאַראַן ערגעץ אויף דער וועלט אַ לאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליזם פילט זיך נאָך האָפערדיק, זיינען דאָס די פאַראייניקטע שטאַטן. און עס איז נאַטירלעך, אַז זייער שטעלונג ווירקט אויך אויף די אַנדערע לענדער פון דער מערבדיקער העמיספערע. די פאָלגנדיקע באַטראַכטונגען און אויספירונגען זיינען שייך דער עיקר אייראָפּע. אפשר וועט דער קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע נאָך בלייבן עקסיסטירן אין זיין אַלטער אָרטאָדאָקסישער פאָרם נאָך דער מלחמה, אָבער איינס איז קלאָר קיין לאַנגע יאָרן וועט ער אויך דאָרט ניט האָבן. פריער־שפּעטער, אין די נאָענטסטע צענדליקער — ניט הונדערטער — יאָרן, וועלן די פאַראייניקטע שטאַטן זען דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם אַזוי אָדער לערך אַזוי ווי דאָס איז געשען אין אייראָפּע.

מען מעג זיך פאַרהאַלטן צום מאַרקסיזם ווי צו אַ פילאָסאָפיע פון דער געזעלשאַפט ווי מען וויל, אָבער איינס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער שאַרפער און צעשמעטערנדיקער ווירטשאַפטלעכער אַנאַליז פון קאַפּיטאַליזם, וואָס מאַרקס האָט געגעבן כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק, בלייבט נאָך

עד היום אַ גרויסער אמת. מען קען זאָגן, אַז זיין קריטיק פונעם קאַפּיטאַ־ליזם ווי אַ ווירטשאַפט־סיסטעם איז איצט אַן אָנגענומענע זאַך, אַזוי אַז אפילו די גרעסטע פיינט פון מאַרקסיזם, די נאַציס און פאַשיסטן, באַנוצן זיך מיט איר ווי מיט זייער ווירקזאַמסטן אַרגומענט אינעם קאַמף קעגן די מערב־דעמאָקראַטיעס, הגם ניט אַלע מאָל ווייזן זיי אָן דעם קוואַל פון וואַנען זיי שעפּן.

דער קאַפּיטאַליזם ווייזט זיך אַרויס אַלץ וויניקער און וויניקער פעאיק צו אָרגאַניזירן די ווירטשאַפט. כל זמן פּראָפיט איז דער איינציקער מאָטיוו פון די, וואָס באַזיצן די פּראָדוקציע־מיטלען, כל־זמן ריווח איז דער איינ־ציקער סטימול פון זייער טעטיקייט, מוז עס קומען צו אַ תהום צווישן זייערע אינטערעסן און די נויטן פון די מאַסן־פּראָדוצירער און געברויכער. עס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מער דער קריזיס, וואָס שטאַמט פון איבער־פּראָ־דוקציע און אונטער־קאָנסומאַציע, דער קריזיס, וואָס דריקט זיך אויס קאָנקרעט אין דער שפע פון פּראָדוקטן פון איין זייט און אַ דחקות פון מיטלען פון דער צווייטער. רייכטימער ווערן פאַרניכט, כדי הויך צו האַלטן די פּרייזן. די אונטערדערנערונג פון די מאַסן ווערט אַלץ געפערלעכער און די געפאַר פון אַרבעטלאָזיקייט אַלץ גרויזאַמער. די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען געבליבן שטיין הילפלאָז פאַר דער דאָזיקער קאַטאַסטראָפע און דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געקענט צוקלערן, איז געווען צו טיילן נדבות יונגע, קרעפטיקע אַרבעטס־פעאיקע און אַרבעטזאַמע מענטשן.

די אַרבעטלאָזיקייט איז דער שרייענדיקסטער באַשולדיקונג־אַקט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ניט נאָר דערפאַר, וואָס צענדליקער מיליאָנען מענטשן מוזן פירן אַ לעבן פון נויט און דחקות און וואָס די מלוכה מוז אויפן חשבון פון גאַנצן פאָלק פאַרריכטן די עוולות, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן דורך די קאַפּיטאַליסטן. דאָס מענטשלעכע געוויסן קען ניט בלייבן רואיק, ווען מיליאָנען מענטשן הערן אויף צו גלויבן אין זייער נוצלעכקייט אין דער געזעלשאַפט, אין זייערע אייגענע כוחות און פאַר־זינקען אַלץ טיפער אין אָפּגרונט פון יאוש. די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע פון מיליאָנען, אויב זי וועט לאַנג אָנהאַלטן, קען אונטערגראָבן די עצם יסודות פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דער קאַפּיטאַליזם האָט גאַווהדיק געשטעלט אויף זיין קאָנטאָ דעם געוואַלטיקן טעכנישן פּראָגרעס. און עס איז אמת, אַז ער האָט געהאַט דערין אַ גרויסן חלק. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט אָבער געפירט דערצו, אַז ער קומט זייער אָפט אין קאָנפליקט מיט די אינטערעסן פון דעם דאָ־זיקן פּראָגרעס. וויפיל נייע דערפינדונגען און אויפטועון פון דער טעכני־

שער גאונות ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים באַגראָבן, ניט דערזעענדיק די ליכטיקע שיין? און פאַרוואָס? ווייל די אָדער יענע נייע אַנטדעקונג וואָלט געבראַכט היזק די אונטערנעמער, כל זמן די הוצאות פון די אַלטע מאַשינען, וואָס וואָלטן אַזוי אַרום נוצלאָז געוואָרן, זיינען נאָך ניט געדעקט. אַ כפרה די באַדערפעניששן פון די קאָנסומענטן, וואָס וואָלטן צוליב דער נייער מאַשין געקענט באַקומען בעסערע און ביליקערע פּראָדוקטן, אַבי דער ריווח פון די בעלי־בתים זאָל חלילה ניט געמינערט ווערן.

ווען די נאָענטע מערק פון די ציוויליזירטע פעלקער זיינען געוואָרן געזעטיקט אָדער איבערגעזעטיקט, האָט דער קאַפּיטאַליזם געמוזט אָנהויבן זוכן קאָלאָניעס. און ווידער אַמאָל האָט ער געשפּילט דאָ אַ פּאָזיטיווע ראָלע, עפענענדיק נייע קאָנטינענטן און לענדער. ער קען זיך אָבער ניט באַפרייען פון דער פּרימיטיווער רויב־ווירטשאַפט, וואָס ער האָט דאָרט געפירט, ער קען זיך ניט אָפּזאָגן פון עקספּלואַטירן די קאָלאָניעס, וואָרעם ער קומט דאָרט זוכן נאָר זיין תיכפדיקן און פּריוואַטן אינטערעס. אַ הומאַניטאַרע קאָלאָניאַלע פּאָליטיק מוז זוכן צו אַנטוויקלען די פּראָדוקטיווע כוחות פון דעם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד און אויפצודעקן זיינע אייגענע, פאַרבאַהאַלטענע נאַטור־אוצרות — אָט אַזאַ פּאָליטיק קען דער קאַפּיטאַליזם ניט פירן, ווייל ערשטנס, קען זי קיין תיכפדיקן ריווח ניט ברענגען, נאָר, פאַרקערט, מען מוז גאָר, דערהויפּט די ערשטע צייט, דערלייגן, און צווייטנס, ווילן די קאַפּיטאַליסטן ניט האָדעווען צוקונפטיקע קאָנקורענטן. אָט אַזוי גייען פאַרלאָרן רייכקייטן און כוחות, וואָס וואָלטן געקענט נוצן ברענגען דער גאַנצער מענטשהייט, ווען דער קאָנטראָל פון דער ווירטשאַפט וואָלט געווען ניט קיין פּריוואַטער, נאָר אַ סאָציאַלער, ניט קיין אַנאַרכישער, נאָר אַן אָרגאַניזירטער און אויסגערעכנטער, ניט קיין קורצזיכטיקער פאַר באַלדיקע ריווחים, נאָר אַ ווייטזיכטיקער פאַרן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס.

אין דער זעלביקער צייט, ווען עס ווערט אַלץ קלאָרער די ווירטשאַפטלעכע הילפלאָזיקייט פון קאַפּיטאַליזם און זיין אומפעאיקייט צו באַפרידיקן די מאַטעריעלע נויטן פון דעם מענטשן, ווייזט זיך אויך מער און מער אַרויס זיין מאָראַלישער באַנקראָט. אין זיינע אָנהויב־סטאַדיעס, ווען ער איז געווען ווירטשאַפטלעך־נוצלעך, האָט ער מיט אַ געוויסן גרונט געקענט אויך פּרעטענדירן אויף מאָראַלישע זעלבסט־באַרעכטיקונג. דער קאַפּיטאַליסט איז בדרך כלל געווען אַמאָל אין דער אייגענער צייט אויך דער פירער פון דער אונטערנעמונג, פון דער פאַבריק און אַזוי ווייטער. די טענדענץ פון דעם היינטצייטיקן קאַפּיטאַליזם איז אָבער אַזאַ, אַז זי שיידט אַלץ מער

פאַנאַנדער דעם קאַפּיטאַליסט פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. דער קאַפּי־טאַליסט ווערט וואָס אָפּטער ניט מער ווי דער פינאַנסיסט. מיט אַנדערע ווערטער, דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט אַ נטיה מגולגל צו ווערן — וואָס ווייטער אַלץ מער — אין אַ וואוכערישן קאַפּיטאַל, וואָס ציט נוצן נאָר פונעם אָנגעקליבענעם געלט און וואו דער איינפאַל, די דערפאַרונג און די אַרבעט פון אַמאָליקן קאַפּיטאַליסט שטייען איצט איין ביי באַצאָלטע מענטשן: אינזשענערן, טעכניקער, פאַרוואַלטער, דירעקטאָרס וכדומה. די דאָזיקע נייע טענדענצן פון קאַפּיטאַליזם זיינען געוואָרן אַזוי בולט, אַז עס געפינען זיך עקאָנאָמיסטן, ווי למשל, דזשיימס בוירנהעם, אין זיין בוך „די רעוואָלוציע פון די דירעקטאָרס", וואָס זיינען זיך סומך אויף דער דאָמינירנדיקער ראָלע פון די פאַרוואַלטער און זאָגן פאָראויס, אַז מיר שטייען ערב אַ נייער געזעלשאַפט, וואו זיי וועלן פאַרנעמען דעם אָרט פון די קאַפּיטאַליסטן ווי דער הערשנדיקער קלאַס. איך וויל זיך דאָ ניט אָפּ־שטעלן אויף דעם, צי איז די דאָזיקע טעאָריע ריכטיק אָדער פאַלש. איך גלויב ניט, אַז מען קען זי נעמען ערנסט. אָבער דער פאַקט אַליין, אַז מען קען רעדן פון אַ טעכנאָקראַטישער, ווי עס זאָגן איינע, אָדער פאַר־וואַלטערישער געזעלשאַפט, ווי עס מיינען אַנדערע, איז בלי ספק אַ באַווייז, אַז די ראָלע פון די קאַפּיטאַליסטן, ווי פירער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּראָדוקציע, געהערט צום גרויסן טייל צו דער פאַרגאַנגענהייט, און אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט במילא פאַרלאָרן אפילו דאָס ביסל זכות, וועלכן ער האָט פריער געהאַט.

אַז דער מאָראַלישער פונדאַמענט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונ־טער די פיס פון דער גרויס־בורזשואַזיע, דעם הערשנדיקן קלאַס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, באַווייזט דער פאַקט, אַז אויך איר אידע־אָלאָגיע איז אָפּגעבלאַקעוועט געוואָרן און זי האָט פאַרלאָרן הן איר אַמאָ־ליקן גלאַנץ, הן איר פריערדיקן כוח המושך. שווער צו געפינען ביים היינטיקן טאָג באַדייטיקע דענקער, שרייבער אָדער קינסטלער, וואָס זאָלן פאַרטיידיקן אָדער גלאָריפיצירן די הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום און די מידות טובות פון דער הערשנדיקער אָרדענונג. אין דער היינטיקער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט וועט איר כמעט ניט באַגעגענען קיין חסידים פון דעם קלאַסישן „לעסעי פער", פון דער „פרייער" ווירטשאַפט.

עס איז אין העכסטן גראַד אינטערעסאַנט, אַז ניט נאָר די וועלטלעכע דענקער, נאָר אויך די פאַטערס פון דער קריסטלעכער קירך, וואָס האָט דאָך הונדערטער יאָרן געוואָרעמט אונטער אירע הימלישע פליגלען דעם קאַפּיטאַליזם און די בורזשואַזיע, קערן אַלץ מער אָפּ זייער פנים פון דעם

היינטיקן סאָציאַלן סדר. שוין ניט צו רעדן וועגן אַזאַ פּאַרטרעטער פון דער אַנגליקאַנישער קירך, ווי רעווערענד דזשאָנסאָן, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן ענטוזיאַסטישן בוך איבער סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכער איז גלייכצייטיק אַ בייסיקע קריטיק פון דעם קאַפּיטאַליזם. אָבער נעמט, למשל, דאָקטאָר ווילִיאַם טעמפּל, דעם אַרטשבישאָף פון קענטערבורי, דעם שעף פון דער אַנגליקאַנישער קירך. קווינקלט ער זיך ניט צו דערקלערן אין זיין שריפט „דאָס קריסטנטום און די סאָציאַלע אָרדענונג", אַז די איצטיקע סיסטעם, וואו די פּראָדוקציע ווערט רעגולירט ניט לויט די באַדערפענישן פון די געברויכער, נאָר לויט דעם ריווח, וואָס עס קריגט אַרויס דער אונטערנעמער — בעל־הבית, איז קעגן דעם „נאַטירלעכן געזעץ", וואָס אין דער קריסטלעכער שפּראַך מיינט עס — קעגן דעם סדר העולם, וואָס דער רבונו של עולם אַליין האָט אַוועקגעשטעלט. און כאָטש ער איז אין פּרינציפּ פאַר פּריוואַט־אייגנטום, זאָגט ער זיך אָבער אַרויס פאַר אַזוינע ווייטגייענדיקע רעפאָרמעס, ווי נאַציאָנאַליזאַציע פון שליסל־אינדוסטריעס, מלוכה־פּלאַן און קאָנטראָל, פאַר באַטייליקונג פון די אַרבעטער אין דער פאַרוואַלטונג און אָנפירונג פון די אונטערנעמונגען. אַז ווען מען זאָל דאָס אַלץ דורכפירן, וואָלט זיך באַקומען אַ רעזשים, וואָס איז אַזוי ווייט פון קאַפּיטאַליזם, ווי ער איז נאָענט צום סאָציאַליזם. נעגאַטיוו בנוגע דעם קאַפּיטאַליזם איז בכלל געוואָרן די שטעלונג פון דער אוניווערסאַלער קאַטוילישער קירך. ניט נאָר אַזאַ ראַדיקאַלער, קאַטוילישער דענקער ווי זשאַק מאַרטען, וואָס האָט פונדעסטוועגן גאָר אַ היפּשע צאָל תלמידים אין די פראַנצויזישע קאַטוילישע קרייזן, נאָר אפילו מעסיקערע פאַרטרעטער פון קאַטוילליציזם, ווי למשל, דער ענגלישער קאַטוילישער פּראָפעסאָר בילז, זאָגן זיך אַרויס פאַר טיף אַריינדרינגענדיקע סאָציאַלע רעפאָרמעס, וואָס זאָלן אָפּשוואַכן דעם כוח און דעם איינפלוס פון קאַפּיטאַליזם און דערנעענטערן די וועלט צום סאָציאַליזם. לערך אויף דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט שטייט אויך דער אָנגעזעענער, דייטש־קאַטוילישער פּאָליטיקער פירשט לעווענשטיין, אַ מיטאַרבעטער פון דער ראַדיקאַלער צייטשריפט „פרייעס דויטשלאַנד", וואָס גייט אַרויס אין מעקסיקע.

געווען אַ צייט, ווען די בורזשואַזיע האָט מיט אַ געוויסן רעכט געקענט זאָגן: „די נאַציע, — דאָס בין איך". איר ראָלע אין דער שאַפונג פון די מאָדערנע נאַציאָנאַלע מלוכות איז געווען בלי ספק אַ גרויסע, דאָס אייגענע אין דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד קעגן אויסערלעכן שונא. אויף דעם דאָזיקן היסטאָרישן פאַקט איז געווען געבויט די סאָציאַליסטישע אויסטייטשונג פון מלחמות, וואָס זיי ווערן געפירט פון די קאַפּיטאַליסטן,

די באַרימטע „קאַנאָנען־פאַבריקאַנטן״. און ס'איז ריכטיק, אַז די בורזשואַזיע איז אַמאָל געווען די קראַפט, וואָס האָט פאַראייניקט די נאַציע און איז פאַר לאַנגע צייטן געבליבן איר פאַנען־טרעגער. אָבער אויך דעם דאָזיקן זכות־אָבות פאַרלירט די מאָדערנע בורזשואַזיע אַלץ מער און מער. די בורזשואַזיע האָט זיך גאָר אָפט אַרויסגעוויזן אַנטי־נאַציאָנאַל, ממש פאַררעטעריש. מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סחורות־אויסבייט און מיטן וואוקס פון די געווינס־אַפּעטיטן האָבן די קאַפּיטאַליסטן, אַבי נאָר אָפּצוזעצן זייערע סחורות, זיך גאָר ווייניק געקימערט וועגן נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די ראָלע, וואָס די פראַנצויזישע און ענגלישע אינדוסטריע און פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָבן געשפּילט אין דער באַוואָפענונג פון דייטשלאַנדס חיילות, איז גאָר ניט אַזאַ קלייניטשקע, און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן דאָך פון זייער זייט האַרט ביז פּוירל האַרבאָר צוגעשטעלט יאַפּאַן מוניציע און וואָפן.

אויב אין די ציטירטע פאַלן האַנדלט עס זיך וועגן עגאָאיסטישע, מאַטעריעלע אינטערעסן פון איינצלנע קאַפּיטאַליסטישע קליקעס און גרופּעס, באַווייזט זיך אָבער דער אמתער דורכפאַל פון דער בורזשואַזיע, ווי אַ טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער אידייע, דערין, וואָס זי האָט די לעצטע יאָרן פאַר דער איצטיקער מלחמה בפירוש פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע אידעאַלן צוליב אירע סאָציאַלע סימפּאַטיעס און אינטערעסן. גענוג צו דערמאָנען, ווי אַזוי דער גרעסטער טייל פון פראַנצויזישן בירגערטום האָט בפועל אונטערגעשטיצט פראַנקאָס קאָנטער־רעוואָלוציע, אינספּירירט און אינסצענירט פון די נאַצי־פאַשיסטן, כאָטש פאַר יעדן בר־דעת האָט געמוזט זיין קלאָר, אַז פראַנקאָס ניצחון, מיט דער הילף פון דייטשלאַנד און איטאַליע, וואָלט געמוזט זיין אַן אומגליק פאַר פראַנקרייך און אַ שטענדיקע סכנה פאַר איר פּאָזיציע אין מיטללענדישן ים. אויף דעם אייגענעם שטייגער האָט זיך געפירט די ענגלישע בורזשואַזיע, כאָטש עס האָט ווידער אַמאָל פאַר קיינעם קיין ספק ניט געקענט זיין וואָס פאַר אַ געפאַר עס וואָלט אויך געווען פאַר ענגלאַנד, ווען איטאַליע וואָלט זיך באַפעסטיקט אין מיטללענדישן ים, און דאָס וואָלט געווען דער רעזולטאַט פון פראַנקאָס ניצחון. און דאָך האָט די טשעמבערלעין־רעגירונג געוואָרנט לעאָן בלום, דעמאָלט דער פראַנצויזישער פּרעמיער, קעגן אַריינמישן זיך אין דעם שפּאַנישן בירגער־קריג אויף דער זייט פון די רעפּובליקאַנער, און אויב פראַנקרייך זאָל עס טאָן און אַריינגעצויגן ווערן אין אַ באַוואָפנטן קאָנפליקט מיט דער „אַקס״, וועט ענגלאַנד איר צו הילף ניט קומען. סיי דאָס פראַנצויזישע און סיי דאָס ענגלישע בירגערטום האָבן דאָ בפירוש גע־

האַנדלט קעגן די אינטערעסן פון זייערע לענדער צוליבן פחד, אַז אַ ניצחון פון די רעפובליקאַנער וועט ברענגען צו דער באָלשעוויזירונג פון שפּאַניע. און דער קוריאָז פון דער גאַנצער מעשה איז דאָס, וואָס עס איז געווען אַ שרעק פאַר אַ שאָטן, ווייל אַזאַ סכנה האָט גאָר באמת ניט עקסיסטירט.

למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ניט אין אַלע לענדער און ניט אומעטום האָט די גאַנצע בורזשואַזיע זיך אַזוי אויפגעפירט. אויב נאָר אין אַ ריי לענדער און אויב נאָר אַ גרויסער טייל פונעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס האָט געטראָגן, און אפילו הויך געטראָגן, די פאָן פון נאַציאָנאַלער בגידה, קען מען זאָגן, אַז די נאַציאָנאַל־שעפערישע און פירנדיקע ראָלע פון דעם דאָזיקן קלאַס איז אין אַ גרויסער מאָס קאָמפּראָמיטירט אויף דער גאַנצער ליניע.

ביים היינטיקן טאָג איז שוין, דוכט זיך, פאַר אַלעמען קלאָר, אַז ווען עס וואָלט איייניקע יאָר פאַר דער מלחמה געקומען צו אַ פעסטער און אַנטשלאָסענער מיליטערישער אַליאַנס צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך און סאָוועט־רוסלאַנד, וואָלט אפשר בכלל ניט דערגאַנגען צו קיין מלחמה, און אויב אפילו יאָ, וואָלט די מפּלה פון דייטשלאַנד געקומען בלי ספק גיכער און די מלחמה וואָלט געקאָסט אַ סך ווייניקער קרבנות ווי איצט. אָבער אויב ס'איז צו אַזאַ אַליאַנס ניט געקומען, איז דערין שולדיק געווען די מורא פאַרן באָלשעוויזם פון דער פראַנצויזיש־ענגלישער בורזשואַזיע. די סאָוועט־רעגירונג האָט שוין זינט 1933 זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז דער געפערלעכער שונא, וואָס לויערט אויף איר, איז דייטשלאַנד און זי האָט אין פעלקערבונד און ביי אַלע מערב־אייראָפּעאישע רעגירונגען פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער זיכערקייט און „אומגעטיילטן שלום". נאָך פאַר מינכען האָט די סאָוועטן־רעגירונג קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב פראַנקרייך און ענגלאַנד וועלן ניט נאָכגעבן דייטשלאַנד און גרייט זיין צו טיילן מיט רוסלאַנד די ריזיקע פון מלחמה, וועט איר חייל מאַרשירן אויף צו פאַרטיידיקן טשעכאָסלאָוואַקיע. אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס מיט אַ סעפּאַראַטן אָפּמאַך צווישן די מערב־דעמאָקראַטיעס און דייטשלאַנד אין מינכען, וואו סאָוועט־רוסלאַנד איז אפילו ניט גערופן געוואָרן. און מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסער דיפּלאָמאַט, כדי צו פאַרשטיין, אַז מינכען איז לויט זיין אָביעקטיוון זין געווען געצילט קעגן רוסלאַנד. מינכען האָט געמיינט פרייע הענט פאַר דייטשלאַנד אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע. אין דעם פראַנצויזישן „געלן בוך", וואָס די דאַלאַדיע־רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט תיכף נאָכן מלחמה־אויסברוך, איז צווישן אַנדערע דאָקומענטן פאַראַן אַ בריוו פון יאָאַכים פאָן ריבנטראָפּ צום פראַנצויזישן אוי־

סערן־מיניסטעריום, וואו ער זאָגט קלאָר, אַז הן אין מינכען גופא און הן ביי די פאַרהאַנדלונגען נאָך מינכען צווישן אים און זשאָרזש באָנע, דעם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער, איז געווען פאַרשטאַנען, אַז די מערב־דעמאָקראַטיעס האָבן געגעבן דייטשלאַנד אַ „קאַרט בלאַנש" בנוגע דעם מזרח. און כאָטש זשאָרזש באָנע לייקנט, אַז אַזאַ דערקלערונג איז פון אים גע־מאַכט געוואָרן, איז אָבער ניטאָ קיין ספק פאַר יעדערן, וואָס קען דעם דאָ־זיקן פאַרשוין, זיינע אינטימע פאַרבינדונגען מיטן פראַנצויזישן גרויס־קאַפּיטאַל און זיין אויפפירעכץ נאָכן וואָפנשטילשטאַנד אין 1940, אַז אַ שטיק אמת שטעקט אין דער דערקלערונג פון פאָן ריבענטראָפּ. אויב ס'איז ניט געווען קיין פאָרמעלער אָפּמאַך, איז אָבער יאָ געווען אַ שטיל־שווייגנ־דיקער הסכם אין אָט דעם זינען. און אויב פון מינכען האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, איז דאָס ניט צוליב דער שולד פון דער ענגלישער אָדער פראַנצויזישער רעגירונג, נאָר צוליב היטלערן אַליין, ווייל ער האָט אַרי־בערגעכאַפּט די מאָס און אויף אַ גראָבן אופן פאַרכאַפּט פּראַג אָנשטאָט אונטערצוגראָבן טשעכאָסלאָוואַקיע בהדרגה און מיט מער אײדעלע מאַנערן.

די מערב־דעמאָקראַטיעס האָבן גאַנץ גיך איינגעזען, אַז מיט מינכען האָבן זיי אָפּגעשטויסן פון זיך סאָוועט־רוסלאַנד. און ווען זיי האָבן דער־נאָך, בעת היטלער האָט אַרויסגעוויזן זיינע וועלפישע אַפּעטיטן, און די סכנה האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו זייערע אייגענע גרענעצן, געפּרוּווט ווידער זיך צונויפרעדן מיט רוסלאַנד, איז דאָס געמאַכט געוואָרן ניט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אַזאַ ניט אַנטשלאָסנקייט — און דערביי האָבן זיי אַזוי וויניק געשאַנעוועט רוסלאַנדס כבוד, שיקנדיק צו פאַרהאַנדלונגען אַ צווייט־קלאַסיקן באַאַמטן פון פאַרעין אָפּיס, אַז עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געטאָן דאָס, וואָס יעדער אַנדער לאַנד, וואָס קלערט קודם כל צו באַשיצן זיין פרייהייט און פרידן, וואָלט געטאָן אויף איר אָרט, דאָס הייסט זי האָט זיך געמאַכט אַ „מינכען" פאַר זיך. און מיינט ניט, אַז די מערב־דעמאָקראַטיעס זיינען ניט געווען רעכטצייטיק געוואָרנט קעגן אַזאַ מעגלעכקייט. דער פראַנצויזישער מיניסטער אין בולגאַריע האָט שוין אין פרילינג 1939 מיטגעטיילט דעם „קעי ד'אָרסעי", אַז ער האָט זיך פון פאַרטרויליכע קוואַלן דערוואוסט וועגן פאַרהאַנדלונגען צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד (זע דעם פראַנצויזישן „געלן בוך"). דזשאָזעף דייוויס האָט נאָך פריער, אין זיינע באַריכטן צום „סטייט דעפּאַרטמענט", אָנגעוויזן, אַז די מערב־דעמאָקראַטיעס שטויסן רוסלאַנד אין די אָרעמס פון דייטשלאַנד. נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן, וואָרעם צו שטאַרק איז געווען די אימת־מוות פאַרן באָלשעוויזם הן ביי די מערב־רעגירונגען,

הן ביי זייערע קליינע אַליאירטע אין מזרח — ביי פּוילן און רומעניע. האָבן זיי ביידע — פּוילן און רומעניע — דאָך ניט געוואָלט דורכלאָזן רוסיש חייל דורך זייער טעריטאָריע. כאָטש ס׳איז קלאָר, אַז זיי וואָלטן געצוואונגען געווען נאָכצוגעבן, אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך וואָלטן דערפון געמאַכט אַ תנאי פון דער גאַראַנטיע, וואָס זיי האָבן געגעבן די דאָזיקע לענדער.

אויב שוין פאַר דער מלחמה האָט מען געקענט באַמערקן, ווי אַזוי די בורזשואַזיע האָט אינעם מאָמענט, ווען ס׳איז אויפגעקומען אַ קאָנפליקט צווישן אירע סאָציאַלע אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון לאַנד אָדער פאַרראַטן די לעצטע אָדער אין בעסטן פאַל געבליבן הענגען אין דער לופטן, ניט אַהער און ניט אַהין, האָט מען נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אין איין לאַנד, פראַנקרייך, געקענט באַשיימפּערלעך זען, ווי זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון איר ראָלע אַלס פירער און וועגווייזער פון דער נאַציע. און פראַנקרייך איז דאָך דאָס לאַנד, וואו די מאָדערנע נאַציאָנאַלע אידייע איז געבוירן געוואָרן אינעם שויס פון דער גרויסער רעוואָלוציע, אָנגעפירט פון בירגערטום. דעריבער טאַקע האָט דער חורבן פראַנקרייך ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלן באַטייט, נאָר אַן אַלגעמיינעם מיין פאַר דער גאַנצער בירגערלעכער וועלט. כאָטש ניט אין אַלע לענדער האָט דער קאָנפליקט צווישן דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן געבראַכט צו דעם זעלביקן רעזולטאַט, האָט ער אָבער אומעטום זיך אַנטפּלעקט און זיין השפּעה איז אין אַלע לענדער געווען אַ צעשטערנדיקע.

וועגן די סיבות פון פראַנקרייכס מפּלה איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור הן אינעם באַזיגטן פראַנקרייך גופא, הן דורך עמיגראַנטן אין אויסלאַנד. פאַרשיידענע סיבות זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אויף צו דערקלערן די פראַנצויזישע טראַגעדיע: דער פאַרפוילטער פאַרלאַמענטאַרישער רעזשים, די שלעכטע, טעכניש־מיליטערישע צוגרייטונג וכדומה. זיכער האָבן די דאָזיקע אַלע סיבות מיטגעווירקט, אָבער קיין איינציקע פון זיי באַזונדער און אפילו ניט אַלע צוזאַמען קענען ניט דערקלערן די גיכקייט און דעם קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער פון פראַנקרייכס מפּלה. אָן אַ גייסטיקן און פּסיכישן צוזאַמענברוך וואָלט עס ניט מעגלעך געווען. די, וואָס האָבן ערב און אָנהויב מלחמה געלעבט אין פראַנקרייך, ווייסן ווי וויניק ענטוזיאַזם די מלחמה האָט אַרויסגערופן אין לאַנד. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ווערט אין פראַנקרייך, ווי אין אַלע דעמאָקראַטיעס געשאַפן דער עיקר דורך דער פּרעסע. און די פראַנצויזישע פּרעסע, מיט קליינע אויסנאַמען פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען, וואָס זיינען גראָד וויניק געלייענט געוואָרן, איז איינגעשטאַנען ביי דער בורזשואַזיע. יאָרן לאַנג

האָט זי געלויבט אין הימל אַריין די „אָרדענונג", וואָס הערשט אין די טאָ־טאַליטאַרע לענדער, וועלכע ווייסן ניט פון קיין שטרייקן און רעוואָלו־ציעס, וואו אַ שטאַרקע האַנט דיסציפּלינירט דאָס פאָלק און גרייט עס צו פאַר גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. אַ טייל פּרעסע, מסתמא געקויפט פון נאַצי־אַגענטן, האָט ניט אויפגעהערט צו פּראָקלאַמירן די פרידלעכע כוונות פון די דיקטאַטאָרס. אָט אַזוי האָט אויסגעזען די אַזוי גערופענע „פרייע" פּרעסע אין פראַנקרייך. אַלע אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן פלעגן באַלויכטן ווערן פון שטאַנדפּונקט פון דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק, פונעם קאַמף קעגן „אַנאַרכיע", שטרייקן און באָלשעוויסטישן „טעראָר".

דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער שרייבער איוו סימאָן, וועלכער האָט נאָך מיין מיינונג אָנגעשריבן דאָס טיפסטע בוך איבער דער פראַנצויזישער טראַגעדיע, האָט אין אַ פאַר ווערטער פאָרמולירט די סיבה, וואָס האָט צו איר געבראַכט: „די לעגענדע וועגן היטלערן, ווי וועגן דעם באַזיגער פון קאָמוניזם, האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן פראַנקרייך שוין אין די ערשטע חדשים פון 1933. די טאַנקען האָבן געדאַרפט זיבן יאָר שפּעטער זיך דורכ־רייסן דורך די שפּאַלטן, וואָס זיינען שוין דעמאָלט געהאַט געעפנט געוואָרן אין דעם פראַנצויזישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין". און סימאָן, וועלכער גע־הערט אַליין צו דער „בעסערער" פראַנצויזישער קאַטויליש־בירגערלעכער געזעלשאַפט, רעדט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָ־זיקע לייט האָבן אויף מאָרגן נאָך דער מפּלה געפונען אַ טרייסט דערין, וואָס דער „שמוציקער בלום" איז אויף אייביק אָפּגעראַמט געוואָרן פון וועג. דאָס זיינען די אייגענע פראַנצויזן, פאַר וועמען דער פיינט איז געווען ניט דייטשלאַנד, נאָר דער פאָלקס־פראָנט. און האָט דען ניט אַלבער סאַראָ, דער שעף פון די פראַנצויזישע ראַדיקאַלן, ד"ה פון דעם לינקן פליגל פון פראַנצויזישן בירגערטום, שוין אין 1928 אויסגערופן פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע, איבערפראַזירנדיק דאָס באַרימטע וואָרט פון גאַמ־בעטאַ: „דער קאָמוניזם — דאָס איז דער פיינט!".

פאַרגעסט ניט דערביי, אַז די קאַדרען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי קומען אַרויס כמעט אויסשליסלעך פון אַריסטאָקראַטישע און בירגערלעכע קרייזן, פאַרסמט דורך דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע, בפרט פון אַנטיסעמיטיזם. ווי אָפט פלעגן יידישע וואָלונטירן, אויסלענדישע בירגער, זיך קלאָגן אין פּאַריז בעת דער מלחמה פאַר יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי שלעכט זיי — אָט די וואָלונטירן, וואָס זיינען גרייט געווען זייער לעבן אָפּצוגעבן פאַר פראַנקרייך — פלעגן באַהאַנדלט ווערן פון אָפיצערן ווי „שמוציקע יידן". געווען אַ פאַל, ווען אַ פראַנצויזישער אָפיצער האָט די יידישע פרייוויליקע

געסטראַשעט: „וואַרט, וואַרט נאָר, אַז היטלער וועט קומען, וועט מען פון אייך שוין פטור ווערן!". ס'איז קלאָר, אַז אַזוינע קאָמאַנדירן האָבן ניט געקענט אינספּירירן קיין ענטוזיאַזם די סאָלדאַטן און זיי פירן אין שלאַכט. און ניט אומזיסט האָט איר געקענט הערן אין די טרויעריקע יוניטעג פון 1940 פון פראַנצויזישע פאָלקס־מענטשן, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק די פאַררעטער, וואָס האָבן פאַרקויפט פראַנקרייך צו היטלערן. אין דער דאָזיקער פאָרם איז די באַשולדיקונג בדרך כלל ניט ריכטיק, כאָטש איינצלנע פאַרקויפטע מנוולים האָבן, פאַרשטייט זיך, זיך געקענט געפינען. אָבער זשאַק מאַריטען איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אויב מען נעמט דאָס וואָרט בגידה אין אַ העכערן און דערפאַר טאָקע נאָך מער טראַגישן זינען, איז עס אַבסאָלוט אמת, אַז פראַנקרייך איז פאַרראַטן געוואָרן. די רייכע און געבילדעטע קלאַסן, וואָס האָבן פריער געטראָגן די נאַציאָנאַלע פאָן, האָבן זי אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענט און סיאיז ניט געווען קיינער, ווער עס זאָל זי אויפהויבן און טראָגן ווייטער.

דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אין פראַנקרייך, וואָלט זיך אפשר געהאַט איבערגעחזרט אויך אין ענגלאַנד. וואָרעם דאָס ענגלישע בירגערטום, פערסאָניפיצירט אין טשעמבערלעין און זיין רעגירונג, איז געווען ניט ווייניקער „קריסטלעך", ניט ווייניקער „פּאַציפיסטיש" און „אינטערנאַציאָנאַליסטיש" — לייען דעפּיטיסטיש — ווי דאָס פראַנצויזישע. נאָר פונקט אַזוי ווי די אינדזל־לאַגע פון ענגלאַנד האָט ניט דערלאָזן די דייטשע חיילות זי צו פאַרנעמען תיכף נאָך פראַנקרייכס מפלה, פונקט אַזוי האָט זי גלייכצייטיק איר איבערגעלאָזן גענוג צייט צונויפצונעמען אירע נאַציאָנאַלע כוחות, צו פאַרהאַרטעווען איר נאַציאָנאַלן ווילן און זיך צו אָרגאַניזירן. פראַנקרייכס משל האָט שוין דעמאָלט גענוג בולט געוויזן, וואָרהין עס קענען פאַרפירן נאַציאָנאַלע שוואַכקייט און צעשפּליטערטקייט. און ס'איז צו באַוואונדערן די געוואַלטיקע ווילנס־כוחות, וואָס דאָס ענגלישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אינעם דאָזיקן, אפשר געפערלעכסטן, מאָמענט פון זיין גאַנצער געשיכטע. דאָס לאַנד האָט גלייכצייטיק געפירט צוויי מלחמות: איינע, אַ בלוטיקע, מיטן אויסערלעכן שונא, און אַ צווייטע, אַ פרידלעכע, אָבער ניט ווייניקער עקשנותדיקע, מיטן אינעווייניקסטן. די טשוירטשיל־רעגירונג, וואָס האָט אָנגעפירט און פירט אָן ווייטער די מלחמה מיט דייטשלאַנד, איז ניט מער קיין רעגירונג, וואָס פאַרטרעט די אינטערעסן און דריקט אויס די שטימונגען פון דעם בירגערטום, נאָר אַן אמת נאַציאָנאַלע מאַכט. קיין חידוש ניט, וואָס פון אָנהויב אָן האָט זי זיך געשטיצט אויף דער אַרבעטערשאַפט, ווי אויף איינעם פון אירע וויכטיקסטע פונדאַ־

מענטן, צי איז דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט דירעקט אין איר געווען פּאַרטראָטן צי ניט. ניט קיין אַנדערער ווי טשווירטשיל גופא האָט געשמידט דעם לאָזונג: „די איצטיקע מלחמה ווערט געפירט דורך און פאַר דעם „פּשוטן מענטשן" (קאָמאָן מען). אַזוי צי אַזוי, אויך אין ענגלאַנד איז די נאַציאָנאַלע פירער־ראָלע פון בירגערטום אַן אויסגעשפּילטע.

מען האָט געקענט אין אַ געוויסן מאָמענט מיינען, אַז די געשיכטע האָט צוגעגרייט, ווי עס פּאַסירט אַמאָל, די רפואה פאַר דער מכה, און אַז עס איז שוין געבוירן געוואָרן אַ „קרוינפּרינץ" צו ירשענען די ראָלע פון נאַציאָנאַלער פירערשאַפט. דער דאָזיקער יורש האָט ניט געקענט זיין קיין אַנדער קלאַס ווי די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט. צום אומגליק אָבער זיינען די דאָזיקע האָפענונגען ניט מקוים געוואָרן, און מסתמא גאָרניט געקענט דערפילט ווערן. קודם כל פאַרנעמט ניט דער פּראָלעטאַריאַט די הערשנדיקע פּאָזיציע אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, אַן וועלכער קיין געזעלשאַפטלעכער קלאַס קען ניט באַקומען, ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון די פעלקער, קיין דאָמינירנדיקע, גייסטיקע השפעה און איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט — צוויי אַבסאָלוט־נויטווענדיקע תנאים פאַר דער ראָלע פון אַ נאַציאָנאַלער פירערשאַפט. די דאָזיקע ראָלע האָט די אַרבע־טערשאַפט דערגרייכט און זי מיט אַזאַ גלאַנץ דורכגעפירט נאָר אין איין לאַנד, אין סאָוועט־רוסלאַנד, ד"ה דאָרט, וואו זי האָט איבערגענומען אין אירע הענט הן די ווירטשאַפט הן די מלוכה־פירערשאַפט. אָבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו די אַרבעטערשאַפט איז צוליב פאַרשיידענע סיבות (וועגן זיי — שפּעטער) ניט געווען בכוח צו באַקומען די מאַכט, אָבער פון דער אַנדער זייט זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון דער פּרעטענזיע דעם דאָזיקן ציל צו רעאַליזירן און במילא זיך געשטעלט אין אַ פיינט־לעכער פּאָזיציע צו אַלע איבעריקע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט — אין די דאָזיקע לענדער איז זי לחלוטין ניט געווען צוגעגרייט צו נעמען אויף זיך די פירערשאַפט פון דער נאַציע. ניט זי האָט עס געקענט, ניט זי האָט עס געוואָלט און ניט די איבעריקע קלאַסן וואָלטן זי צוגעלאָזט צו פירערשאַפט. אמת, אין די רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־שאַפט האָבן זיך פון צייט צו צייט געלאָזט הערן שטימען און אפילו זייער אויטאָריטאַטיווע (דערמאָנט זיך אָן אויגוסט בעבעל אין דייטשלאַנד און זשאַן זשאָרעס אין פראַנקרייך), וואָס האָבן דערקלערט, אַז דער פּראָלע־טאַריאַט וועט אין אַ שעת סכנה פאַר דער נאַציע וויסן צו דערפילן זיין נאַציאָנאַלן חוב. עס האָט זיך אפילו אין געוויסע מאָמענטן, בעת דאָס בירגערטום האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן זיינע אַנטי־נאַציאָנאַלע נטיות,

געלאָזט באַמערקן אומבאַשטימטע און שוואַכע רמזים, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז גרייט ניט נאָר צו טאָן זיין חוב צוזאַמען מיט אַנדערע, ווען די סכנה וועט שוין זיין אַ געשעענער פאַקט, נאָר אויך צו נעמען אויף זיך אַן אַקטיווע, נאַציאָנאַלע ראָלע אין שלום־צייטן און פירן נאָך זיך דאָס גאַנצע פאָלק. אָבער ווייטער פון רמזים און פון ניט פולהאַרציקע פּרוואוון איז מען ניט געגאַנגען. דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט איז אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן געוואָרן אינעם גייסט פון דעם קלאַסישן שפּרוך פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט”, אַז „די אַרבעטער האָבן ניט קיין פאָטערלאַנד און מען קען ביי זיי ניט צונעמען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט”. דאָס איז גערעדט געוואָרן, כל זמן עס עקסיסטירט די בירגערלעכע געזעלשאַפט. וועט זי דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע צעשטערט ווערן — זאָגן אונדז מאַרקס און ענגעלס — אַז „אין דער מאָס, אין וועלכער עס ווערט פאַרניכט די עקספּלואַטאַציע פון איין יחיד דורך דעם צווייטן, ווערט אויך בטל די עקספּלואַטאַציע פון איין נאַציע דורך דער צווייטער”. אויב אַזוי קומט במילא אויס, אַז כל זמן מען לעבט אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, איז נאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג אַ בורזשואַזער שווינדל אָראָפּצופירן דעם פּראָלעטאַריאַט פונעם דרך הישר. פאַרקערט אָבער וועט די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אויפשטיין אויף די חורבות פון דער קאַפּיטאַליסטישער, וועט די דאָזיקע פאַרטיידיקונג בכלל זיין אַן איבעריקע זאַך.

די קאַפּיטאַליסטן, פון זייער זייט, האָבן יאָרן לאַנג געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, ניט צו דערלאָזן די אַרבעטערשאַפט צו אַן אַקטיוון און גלייכן חלק אין נאַציאָנאַלן לעבן, בפרט דערמיט, וואָס די בילדונג איז, אין אירע העכערע שטופן, פאַר איר צום גרויסן טייל געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. פון דער אַנדער זייט, האָט די אַרבעטערשאַפט ניט נאָר ניט געקראָגן דעם חלק, וואָס איר האָט געקומט על פּי יושר אינעם ווירטשאַפטלעכן באַזיץ פון דער נאַציע, נאָר מען האָט זי אויך ניט צוגעלאָזט צו זאָגן אַ וועלכע ניט איז דעה אין דער פירונג פון דער ווירטשאַפט. יעדער פּרוואוו פון די אַרבעטער זיך צו באַטייליקן אינעם קאָנטראָל פון דער פּראָדוקציע איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ „בונט” קעגן פּריוואַט־אייגנטום, כביכול, פאַר אַנאַרכיזם, באָלשעוויזם און וואָס אין דער קאָרט שטייט. מיט איין וואָרט, אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי די אַרבעטערשאַפט זאָל זיך פילן ווי דאָס שטיף־קינד פון דער נאַציע.

און אָט אַזוי איז עס געשען, אַז אין דער אַרבעטערשאַפט איז פאַרגעקומען אַ שטענדיקער געראַנגל צווישן דער אידעאָלאָגישער, אַנטי־נאַציאָנאַלער טענדענץ און דעם טיף פאַראַנקערטן, נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס

האָט ניט געקענט אויסגעראָטן ווערן דורך טעאָריעס, הגם הן דאָס ביר־גערטום און הן אירע אייגענע פירער האָבן איר תמיד פאַרטויבט די אויערן מיט דעם זעלביקן פסוק, אַז זי האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה אין דער נאַציע. דאָס נאַציאָנאַלע געפיל האָט תמיד גובר געווען אין אַ שעת חרם פאַרן לאַנד (זע די מלחמה 1914—1918). עס איז אָבער ניט געווען שטאַרק גענוג אויף צו שאַפן דעם פאַרבאַדינג פון יעדער פירערשאַפט — דעם טיפן גלויבן און דעם אומבאַגרענעצטן ענטוזיאַזם פאַר דער נאַציאָנאַ־לער אידייע.

אָט דער ויתרוצצו האָט פאַראַליזירט דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון דער אַרבעטערשאַפט אין די דעמאָקראַטישע לענדער. דער דאָזיקער פאַראַליז האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. אָט איז ער געווען אַ פּרינציפּיעלער פּאַציפיזם אין גייסט פון פרימיטיוון קריסטנטום און אָט איז ער געווען געקליידט אין די אינטערנאַציאָנאַליסטישע בגדים פון פרימיטיוון אָדער וואולגאַרן מאַרקסיזם. אַזוי צי אַזוי, דער רעזולטאַט איז געווען דער זעל־ביקער: דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט מסוגל געווען אין די קריטישע יאָרן צווישן די צוויי מלחמות זיך צו שטעלן קאָנסטרוקטיווע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן און מיטן גאַנצן האַרצן זיי צו פאַרווירקלעכן.

אַדאָלף שטורמטאַל, וואָס איז פאַר דער מלחמה געשטאַנען זייער נאָענט צו די פירנדיקע קרייזן פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, האָט אין זיין גוט דאָקומענטירטן בוך „דהי טרעדזשעדי אָוו יוראָפּיען לעיבאָר" אויפגע־דעקט די סתירותדיקע שטעלונג פון די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן. מער ווי אַ יאָר נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, אין יוני 1934, ווען אפילו בלינדע האָבן שוין גע־דאַרפט זען ווי נאַצי־דייטשלאַנד גרייט זיך מיטן גרעסטן אימפּעט צו מלחמה, האָט לעאָן בלום אין נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַר פאַרגרעסערן דעם מיליטער־בודזשעט און דערקלערט, אַז „ביי היטלערס רעזשים איז כלל ניט זיכער, אַז די באַ־וואָפענונג פון דייטשלאַנד איז פאַרבונדן מיט דער כוונה צו גיין אין מלחמה, ווארעם זי קען האָבן צו טאָן אויך מיט אַנדערע צילן". און נאָך אין אַ יאָר אַרום, אין 1935, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע געפאַר איז נאָך קלאָרער געוואָרן, איז דער אייגענער בלום אַרויסגעטראָטן קעגן פאַרגרעסערן די צייט פון מיליטער־דינסט ביז צוויי יאָר, ווי דאָס איז פאַרגעשלאָגן גע־וואָרן פון דער דעמאָלטדיקער פראַנצויזישער רעגירונג. ניט אַנדערש און ניט קליגער האָט זיך אין יענע יאָרן אויפגעפירט די

בריטישע לעיבאָר־פּאַרטי, בפרט איר צענטראַל־אָרגאַן דער „דעילי העראַלד“.

אפילו מינכען האָט געפונען ניט ווייניק חסידים צווישן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע און סינדיקאַליסטישע פירער. נאָר די קאָמוניסטן האָבן שוין דעמאָלט קלאָר און שאַרף זיך געשטעלט אויפן באָדן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. לואי לעווי, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער ס. פ. אי. א. (די פראַנצויזישע סעקציע פון דעם אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל) און איינער פון די רעדאַקטאָרן פון איר צענטראַל־אָרגאַן „לע פּאָפּילער“, האָט אין זיין בוך „דער אמת וועגן פראַנקרייך“ מיט פאַקטן און דאָקומענטן באַוויזן, ווי צעשפּאַלטן דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם און סינדיקאַליזם זיינען געווען ערב און נאָך מינכען און וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל פאַרטיידיקער פון דער „באַרואיקונג־פּאָליטיק“ עס האָבן זיך געפונען אין זייערע רייען. דער באַרימטער שפּרוך „בעסער שקלאַפעריי איידער טויט“ איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האַרט פאַר דער מלחמה אויפן קאָנגרעס פון דעם סינדיקאַט פון די פראַנצויזישע לערער, איינעם פון די „באַוואוסטזיניקסטע“ אַרבעטער־סינדיקאַטן אין פראַנקרייך.

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, די אידעאישע ירידה פון דעם בירגערטום און זיין נאַציאָנאַלער באַנקראָט, די קווענקלענישן און די סתירותדיקע פּאָזיציע פון דער אַרבעטערשאַפט, — האָבן דערפירט די אייראָפּעאישע פעלקער צו אַ צושטאַנד פון נאַציאָנאַלער אַנאַרכיע, געמאַכט פון זיי עפּעס אַ מין „קיינעמס־לאַנד“. ווי אַ שיף אָן אַ רודער טראָגט זיך דער אייראָפּעאישער קאָנטינענט, מיטן אויסנאַם פון די אַקסלענדער, אויף די כוואַליעס פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. דאָס אָרט פון נאַציאָנאַלער פירערשאַפט קען אָבער לאַנג ניט בלייבן ליידיק, עמיצער מוז עס פאַרנעמען. און די מלחמה האָט די פּראָבלעם פון אַ נייער פירערשאַפט נאָך מער פאַרשאַרפט. ווער איז דער מיסטעריעזער עמיצער, וואָס האַלט ביים פאַרנעמען דאָס דאָזיקע אָרט, וועלן מיר זיך דערוויסן ערשט שפּעטער, ווען די אייראָפּעאישע לענדער וועלן באַפרייט ווערן פון נאַצישן יאָך און ווען די שטומע וועלן באַקומען לשון. אונטער דער ערד, אין די באַהעלטענישן, גייט אָן אַ פאַרביטערטער קאַמף ניט נאָר קעגן די נאַצישע אונטערדריקער און פאַרשקלאַפער, נאָר אויך צווישן די פאַרשיידענע כוחות פון די אונטעריאָכטע פעלקער גופא. אַ נייע קראַפט שפּראָצט און וואַקסט דאָרט אויס, וואָס וועט איבערנעמען די פירונג פון די באַפרייטע פעלקער. עס איז אונדז ניט געגעבן אויפצוהויבן דעם אַראָפּגעלאָזענעם פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט פאַר אונדז די צוקונפט, אָבער אויפן סמך פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון די איצטיקע געשעענישן, ווי ווייט מיר זעען זיי, קענען

מיר, דוכט זיך, איין זאַך זאָגן אויף זיכער. די נייע פירערשאַפט וועט ניט געהערן קיין איינעם פון די קלאַסן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ראוי זי אויסצופירן בשלימות, זי וועט בכלל ניט געהערן אַ וועלכן ניט איז קלאַס. דורך דעם געדיכטן נעפּל, וואָס באַדעקט איצט די קאָנטי־נענטאַלע אייראָפּע, טיילן זיך דערווייל אויס אויף דער סצענע צוויי כוחות, וואָס האַלטנדיק מלחמה מיטן שונא, פירן זיי אָבער גלייכצייטיק אַמאָל אַן אָפענעם, אַמאָל אַ פאַרשטעלטן אינעווייניקסטן קאַמף: די גענע־ראַלן און די קליינע ברוכטיילן פון דער אַלטער אַרמיי, און די סאָלדאַטן פון דער נייער, העלדישער, אונטערערדישער פאָלקס־אַרמיי, וואָס אירע פירער זיינען אויסגעוואַקסן אין די אונטערערדישע, בלוטיקע שלאַכטן. ווען די ערשטע מנצח זיין, וועט די מאַכט אויף לאַנגע יאָרן איינשטיין ביי מיליטערישע קליקעס, אַן אַ ברייטער, געזעלשאַפטלעכער באַזע. איי־ביק קען זיך אַזאַ אויסער־ און איבער־געזעלשאַפטלעכע מאַכט ניט האַלטן. אָבער לאָמיר זיך ניט איינרעדן, אַז זי קען בכלל קיין קיום ניט האָבן. די געשיכטע און די דערפאַרונג לערנען אונדז, אַז ביי פעלקער, וואָס זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, אויסגעהונגערטע און אָפּגעשוואַכטע, מיט אַ גע־דריקטן געמיט און אָנמעכטיקן ווילן קען אַן אָרגאַניזירטער מיליטערישער כוח זיך האַלטן אַ גאָר היפשע צייט. וועט אָבער, פאַרקערט, זיגן די אונ־טערערדישע פאָלקס־אַרמיי, וועלן די מאַסן — דאָס פאָלק — איבערנעמען די נאַציאָנאַלע פירערשאַפט, וועט די נייע נאַציאָנאַלע אייניקייט פון אַ נאַקעטער אידייע זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעאַליטעט.

דאָס איז דער אמתער זין פון דעם געראַנגל, וואָס גייט איצט אַן צווישן פאַרשיידענע עלעמענטן. דערווייל גייען זיך אָט די עלעמענטן צו־זאַמען נאָר אין איין ציל: צו באַפרייען די פעלקער פון שקלאַפערייַ. עס איז דער געראַנגל פאַר אַ נייער נאַציאָנאַלער הגעמאָניע. און דער דאָזי־קער געראַנגל קומט פאָר ניט נאָר אין די אונטערי‌אָכטע לענדער. שטילער־הייט און פאַרבאַהאַלטן שפּילט ער זיך אויך אָפּ צווישן די גרויסע מלחמה־פירנדיקע מלוכות. נאָר פון צייט צו צייט דערגרייכט צו אונדז אַ ווייטער און פאַרדומפּטער עכאָ פון די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן. און כאָטש עס איז זייער פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די גרויסע בעלי־ניצחון וועלן האָבן די גאַנצע דעה איבער אייראָפּע, איז דאָס בלי ספק אַ טעות, וואָרעם אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו וועלן די אייראָפּעאישע פעלקער אַליין דעצידירן זייער גורל און זייער אינעווייניקסטן נאַציאָנאַלן לעבנס־סדר. מען קען אָבער ניט לייקענען, אַז פאַר אַ געוויסער צייט, אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן, קען די אויסנווייניקסטע מיליטערישע און פינאַנציעלע השפעה

באַקומען אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג. אַט פּאַרוואָס די באמת דעמאָקראַ־טישע עלעמענטן פון די גרויסע פעלקער וואָלטן געדאַרפט אָפּגעבן דער דאָזיקער פּראָבלעם מער אויפמערקזאַמקייט ווי זיי טוען עס ביז איצט.

ניט ווּיסנדיק די פּרטים, קען מען אָבער, דוכט מיר, בדרך כלל זאָגן, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט בלי ספק אַ טענדענץ אונטערצושטיצן ברייט און פול־האַרציק די אונטערערדישע פאָלקס־באַוועגונגען. און ניט נאָר צוליב אַלגעמיינע פּרינציפּן, נאָר אויך, און דער עיקר, אין די אינטערעסן פון איר צוקונפטיקער זיכערקייט און דער אויסערלעכער רואיקייט, וואָס זי וועט דאַרפן האָבן ממש ווי דאָס לעבן, כדי צו קענען אינגאַנצן זיך אָפּ־געבן מיט דער געוואַלטיקער, איבערמענטשלעכער אויפגאַבע, וואָס וועט שטיין פאַר איר, צוריק אויפצובויען אירע גרויסע חורבות. וואָרעם קיין פאָלק און קיין לאַנד וועט, ווי עס ווייזט דערווייל אויס, ניט האָבן געבראַכט אַזוי פיל קרבנות און אַזוי פיל געליטן, ווי דאָס דאָזיקע סאָציאַליסטישע לאַנד. און איך גלויב ניט, אַז די צו גרויסע געוויכט פון מיליטער־לייט אין דעם מאָסקווער קאָמיטעט פאַר אַ „פרייעס דויטשלאַנד" זאָל זיך געפינען אין אַ סתירה מיט דער אַלגעמיינער טענדענץ צו שטיצן דעמאָקראַטישע פאָלקס־כוחות. טאַקטישע, צייטווייליקע מאָטיוון, האָבן דאָ מסתמא גע־שפּילט ניט קיין קליינע ראָלע.

וואָס איז שייך די אַנגלאָ־סאַקסישע דעמאָקראַטיעס, איז זייער ביז־איצטיקע פּאָליטיק, בפרט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזאַ, אַז מען האָט גאָר אַ סך גרונט צו זיין אומרואיק וועגן דער נאָענטער צוקונפט. אָט איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן צוויי פראַנצויזישע גענעראַלן — דער ערשטער האָנרי זשיראָ, אַן אויסגעשפּראָכענער מאָנאַרכיסט און רע־אַקציאָנער, און דער צווייטער, שאַרל דע גאָל, כאָטש אַ קאָנסערוואַטאָר בטבע, ווי אַלע פראַנצויזישע מיליטער־שעפן, אָבער אַן אויפריכטיקער פּאַטריאָט, וואָס זוכט שטיצע און הילף פאַר דער באַפרייאונג פון זיין לאַנד אין די פראַנצויזישע פאָלקס־קרייזן, קאָמוניסטן ניט אויסגעשלאָסן, און בפרט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. און מיר זעען, ווי דער „סטייט דעפּאַרט־מענט" האָט אַלע זיינע סימפּאַטיעס און רעאַלע הילף געגעבן דעם ערשטן. ס'איז נאָך שווער דערווייל (אָקטאָבער 1943) זיך צו מאַכן אַ פעסטע מיי־נונג וועגן די כוונות פון דער אַנגלאָ־סאַקסישער פּאָליטיק בנוגע איטאַליע. ביז איצט קען מען האָבן דעם איינדרוק, אַז זי איז גרייט זיך צו שטיצן אויף דער דינאַסטיע און אויף דעם העלד פון די אַביסינישע גאַז־רציחות, דעם מאַרשאַל באַדאָליאָ. גראָד מוסאָליני איז געווען דער, וואָס האָט פּראָ־קלאַמירט די איטאַליענישע רעפּובליק, אמת, לויטן פאַשיסטישן מוסטער.

די אַליאירטע האָבן משמעות ניט געהאַט קיין חשק אַקטיוו אונטערצו־האַלטן די דעמאָקראַטישע איטאַליענישע פּאַראייניקונג, וואָס האָט אַרומ־גענומען פאַרשיידענע עלעמענטן, אָנגעהויבן פון פּראָגרעסיווע קאַטאָליקן און געענדיקט מיט קאָמוניסטן און וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויפצובויען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אויף די חורבות פון דער קעניג־לעך־פאַשיסטישער איטאַליע. און אָן שטיצע פון די אַליאירטע קען קיין שום באַוועגונג קיין גרויסע זיבן זאַכן ניט אויפטאָן אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אין אַ מלחמה־צושטאַנד און ליידט אונטער אַ טאָפּלטער אָקופּאַציע.

וואָלט אָט די דאָזיקע פּאָליטיק געווען ניט מער ווי אַ מלחמה־סטראַ־טעגיע, וואָלט מען זי אפשר געקענט באַרעכטיקן. פאַראַן אָבער אַ גענוג באַגרינדעטער חשד, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גוט־דורכגעטראַכטער סיסטעם, און אַז דער „אַמגאָוו" האָט די אויפגאַבע זי דורכצופירן ניט נאָר אין די פריער פיינטלעכע לענדער, וואָס וועלן אָקופּירט ווערן דורך די אַליאירטע אַרמייען, נאָר אויך אין די אָקופּירטע לענדער, וואָס וועלן באַפרייט ווערן דורך די מערב־דעמאָקראַטיעס. אַ רמז אויף דעם קען מען געפינען אין אַ ריי אַרטיקלען, אינספּירירט משמעות פון „סטייט דעפּאַרט־מענט" און פאַרעפנטלעכט פון קינגסברי סמיטה, צווישן אַנדערע זיין אַרטיקל אין נאָוועמבער העפט 1942, פונעם „אַמעריקען מערקיורי". דורך זיין מויל רעדט דער „סטייט דעפּאַרטמענט" קלאָרע דיבורים. קודם כל גנבעט זיך דורך די פּרעטענזיע פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו נעמען אויף זיך די פירונג פון דער וועלט און זי צו קאָנטראָלירן דורך זייער פּאָליצײ־אָר־גאַניזאַציע צוזאַמען, פאַרשטייט זיך, מיט די איבעריקע פאַרבינדעטע (וועל־כע, ווערט מען שפּעטער זען). והשנית, זאָגט זיך דער מחבר אָפּ פון דעם געדאַנק, אַז אַמעריקע זאָל צווינגען ווער עמען ניט איז איינצופירן אַ דעמאָ־קראַטישע אָרדענונג, אדרבא, אַמעריקע האָט בדעה אָנצונעמען די מיט־אַרבעטערשאַפט פון ניט דעמאָקראַטישע רעגירונגען בתנאי, אַז מען זאָל זיי קענען געטרויען און זיך פאַרלאָזן אויף זיי איינצוהאַלטן אָן אָנשטענ־דיקן און געאָרדנטן לעבנס־גאַנג. און כדי מען זאָל קיין טעות ניט האָבן און מיינען, אַז אַמעריקע ווערט זיך אַזוי אויפפירן, ווייל זי איז געטריי דעם פּרינציפּ, אַז יעדער פאָלק דאַרף האָבן דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען זיין סאָציאַלן און פּאָליטישן רעזשים, וואָרנט אונדז דער מחבר, אַז איינע פון די אויפגאַבן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק ווערט זיין, ניט צו דערלאָזן צום אויסברוך פון רעוואָלוציעס אין די באַזיגטע לענדער.

אויב דאָס זאָל באמת זיין די כוונות פון אַמעריקע בנוגע דער נאָך־

מלחמהדיקער אייראָפּע, איז גאָר אַ גרויסע שאלה, צי וואָלט ניט פאַר דער אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע גלייכער געווען, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן זאָלן זיך אומקערן צו זייער איזאָלאַציאָניסטישער פּאָליטיק און זיך ניט מישן אין פרעמדע עסקים. די צרה איז אָבער, וואָס אויף דעם זיינען פאַראַן גאָר ווייניק שאַנסן, און ס'איז אדרבא יאָ דאָ אַ גרויסע סכנה, אַז די עלעמענטן פון אַמעריקאַנער „ביזנעס" און פּאָליטיק, וואָס זיינען געווען אַזוינע פאַרברענטע איזאָלאַציאָניסטן בעת מען האָט זיך געדאַרפט אַריינמישן אין אייראָפּעאישע ענינים, כדי צו קעמפן קעגן פאַשיזם און נאַציזם, זאָלן ניט ווערן פּונקט אַזוינע איבערצייגטע און הייסע „אינטערנאַציאָנאַליסטן", ווען עס זאָל האַלטן דערביי, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל חלילה ניט קריגן אַ צו גרויסע דעה אין אייראָפּע. דער איצטיקער אַקט און זיבעציקסטער אַמעריקאַנער קאָנגרעס, איינער פון די רעאַקציאָנערסטע, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן ווען ניט איז געהאַט אין זייער געשיכטע, וועט טאָן אַלץ, וואָס ער וועט זיין ביכולת ניט צו דערלאָזן צום זיג פון סאָציאַל־ און פּאָליטיש־פרייהייטלעכע עלעמענטן, ווי ווייט אַזוינע וועלן זיך אַנטפּלעקן אין אייראָפּע.

מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער געראַנגל, וואָס קומט פאָר אינעווייניק אין די אונטערדריקטע פעלקער גופא, פון איין זייט, און צווישן די אַליאירטע גרויסמאַכטן פון דער צווייטער, וועגן דעם קען מען נאָר זאָגן נביאות. ס'איז אָבער בכל אופן זיכער, אַז עס זיינען ניטאָ קיין שום שאַנסן, עס זאָל נאָך דער מלחמה פאַרווירקלעכט ווערן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש אין די אייראָפּעאישע לענדער, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, אין די געביטן, וואָס וועלן איבערגיין צו סאָוועט־רוסלאַנד אָדער אַריינגעצויגן ווערן אין איר דירעקטער אינטערעסן־ און איינפלוס־ספערע. אַז די קאָמוניסטן גופא קלערן ניט וועגן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אייראָפּע, אפילו ניט אין די באַזיגטע לענדער, וואו מען וואָלט גיכער ווי אַלץ, לויטן אָנגענומענעם שאַבלאָן, אַזוינע געקענט דערוואַרטן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך דער איטאַליענישער מפּלה האָבן די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן געבילדעט אַ קאָאַליציע מיט בירגערלעכע דעמאָקראַטן און קאַטאָליקן מיט אַ פּראָגראַם, וואָס שליסט אויס אפילו דעם געדאַנק פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש. מען קען אָבער אויך מיט אַ געוויסער זיכערקייט זאָגן, אַז קיין צוריק צום פאַר־מלחמה־צושטאַנד וועט אויך ניט זיין, ניט צום קאַפּיטאַליזם און ניט צו דער אַלטער „דעמאָקראַטיע". אַז די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען וועלן צוריק צו דער מאַכט ניט קומען, זעט מען באַשיימפערלעך, ווען מען לייענט, למשל, די פּובליקאַציעס פון דעם פראַנצויזישן

אונטערגרונט. נאָר דער סאָציאַליסטישער „לע פּאָפּילער" האַלט זיך שטייף און קאָנסערוואַטיוו ביי די אַלטע מוסטערן. אַלע אַנדערע, די קאָמוניסטישע אויסגאַבן אַריינגערעכנט, רעדן אָפּענע דיבורים וועגן דער אומ־פּולקומענהייט אָדער אפילו פּאַרפּוילטקייט פון דעם אַלטן רעפּובליקאַנישן רעזשים און פון דער אַלטער פּאַרטיי־סיסטעם. ווען די פּאָלקס־כוחות פון דער אונטערערדישער באַוועגונג זיין שטאַרק גענוג צוריקצושטויסן די מיליטערישע פּרעטענדענטן, וועט זיך אויסבילדן אַ נייער סדר אויף דעמאָקראַטישע יסודות, אָבער אין נייע פאָרמען, וואו סאָציאַלע מאָטיוון וועלן נעמען די אויבערהאַנט איבער ריין פּאָליטישע, כלל־באַדערפענישן איבער אינדיווידועלע און גרופּן־אינטערעסן און וואו עס וועלן במילא פאַרשווינדן אַ ריי פון די פּערזענלעכע פּריוילעגיעס, פאַר וועלכע די פאַר־מלחמה־דעמאָקראַטיעס האָבן זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן.

איך ווייס גאַנץ וואויל, אַז ביידע פּערספּעקטיוון, וואָס זיינען דאָ געמאָלט, זיינען ווייט פון די חלומות וועגן דער נייער וועלט פון „פרייהייט־לעכן סאָציאַליזם" און פולער אומבאַגרענעצטער דעמאָקראַטיע. איך זע אָבער ניט קיין שום באַדייטיקע כוחות, וואָס זאָלן שטרעבן און קענען די דאָזיקע אידיליע פאַרווירקלעכן. איי וואָס דען, יידן וואָלטן דאַרפן האָבן נויטיק, ממש ווי דאָס לעבן, אַ ליבעראַלן און פרייען רעזשים, איז עס צום אומגליק אָבער ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז די געשיכטע פון די פעלקער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון אונדזערע פאַרלאַנגען און לאַכט זיך אויס פון אונדזערע חלומות.

קאַפּיטל פינף

קאַפּיטאַליזם און דעמאָקראַטיע

סיי מאַרקס און ענגעלס און סיי זייער גענײַאַלסטער תלמיד, לענין, האָבן געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישער מלוכה. דאָס איז אַרויסגעקומען פון זייער גרונט־הנחה, אַז בכלל איז מלוכה נאָר אַ געצייג אין די הענט פון דעם הערשנדיקן קלאַס, כדי צו באַשיצן זיין ממשלה איבער דער מערהייט פון פאָלק. במילא איז פאַר זיי דער דעמאָקראַטישער רעזשים געווען ניט מער ווי די פאָרם פון הערשאַפט, וואָס איז צוגעפּאַסט צום קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סדר. די פראַגע צי זאָל און צי קען דער פּראָלעטאַריאַט אויסנוצן דעם פּאַרלאַמענט, כדי אונטערצוגראָבן דעם דאָזיקן סדר און אינאיינעם דערמיט באַגראָבן די מלוכה גופא, איז פאַרן אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם געווען נאָר אַ פראַגע פון אָפּאָרטוניטעט און טאַקטיק.

מיט דער לערע פון מאַרקסיזם וועגן דער מלוכה איז געשען דאָס זעלביקע, ווי מיט זיין עקאָנאָמישער תורה. דאָ און דאָרט זיינען פאַראַן גרויסע טיילן אמת, אָבער אַלע צוזאַמען מאַכן זיי ניט אויס דעם אמת. ס׳איז בפירוש ניט ריכטיק, אַז די מלוכה בכלל איז נאָר אַ מיטל פון קלאַסן־הערשאַפט, הגם ס׳איז ריכטיק, אַז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס קען זי און ווערט אויסגענוצט פאַר אָט דעם צוועק. די פונקציע פון דער מלוכה איז צו שיצן דעם איינצלנעם בירגער און אַלעמען צוזאַמען קעגן אַנטי־סאָציאַלע טאַטן פון יחידים אָדער גרופּעס, צו רעגולירן די באַציאונגען פון די מענטשן צווישן זיך דורך באַשטימטע נאָרמעס און זאָרגן דערפאַר און אָנגעמען מיטלען פון געוואַלט, אויב ס׳איז נויטיק, אַז די דאָזיקע נאָרמעס זאָלן אָפּגעהיט ווערן. דאָס שטערט ניט, אַז בעת דער מלוכה קומט אויס צו זיין דער אַרביטער אין קאָנפליקט־סיטואַציעס, זאָל זי גאָר אָפּט ניט זיין אָביעקטיוו און גיכער נוטה זיין צו דעם צד פון דעם שטאַרקן קעגן דעם שוואַכן. עס איז אָבער אַן אוטאָפּיע צו מיינען, אַז מיטן אונטערגאַנג פון קלאַסן וועט במילא די מלוכה פאַרשווינדן. אַ געזעלשאַפט

אַן קלאַסן הייסט נאָך כלל ניט אַ געזעלשאַפט אָן אַנטאַגאַניזמען. **אויב מען וויל ניט באַגיין דעם מאַרקסיסטישן פעלער און אַריינקוועטשן דאָס פּיל־זייטיקע לעבן אין איין פאָרמולע,** איז קלאָר, אַז די מענטשהייט ליידט און וועט נאָך לאַנג ליידן פון כלערליי קאָנפליקטן, וואָס זיינען ניט לאו דווקא קלאַסן־קאָנפליקטן. דערמאָנט זיך נאָר אָן די קעגנזאַצן צווישן פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, צווישן ערד־אַרבעטער און אינדוסטריע־אַרבעטער, קוואַליפיצירטע און פּראָסטע אַרבעטער, רעליגיעס, נאַציעס, ראַסעס און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף. אַלע קאָנפליקטן וואָלטן נאָר דעמאָלט פאַרשוואונדן, ווען עס וואָלט הערשן אַזאַ רחבות און אַזאַ רייכקייט אויף דער וועלט, אַז דאָס פּריוואַט־אייגנטום ניט נאָר אויף פּראָדוקציע־מיטלען, נאָר אויך אויף גע־ברויך־אַרטיקלען וואָלט פאַרלאָרן יעדן זין, אַט אַזוי, למשל, ווי עס איז זיך ניט אויסצומאָלן קיין אייגנטום אויף לופט צו אָטעמען, און ווען פון דער אַנדער זייט וועט דער מענטש דערגרייכן אַזאַ שלימות, אַז די מאָראַל אַליין וועט זיין גענוג צו רעגולירן זיין גוטע אויפפירונג און ער וועט מער ניט דאַרפן קיין רעכט־נאָרמעס און קיין מלוכה־געוואַלט זיי צו באַשיצן. דאָס איז אָבער אַ טעמע פאַר עסכאַטאָלאָגיע און ניט פאַר פּאָליטיק.

די עקסיסטענץ פון דער מלוכה אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דע־ריבער דערקלערלעך, כאָטש זי איז בפירוש אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, ניט געקוקט אויף טראָצקיס שיטה, אַז די סאָוועטישע מלוכה איז דער אָרגאַן צו פאַרטיידיקן דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס — די ביוראָקראַטיע. **מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינע פון די געוואַלטיקע גוזמאות פון דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן, רעוואָלוציאָנערן דענקער.**

די מאַרקסיסטישע לערע, אַז די דעמאָקראַטישע רעגירונג־פאָרם איז אַ טיפּיש־קאַפּיטאַליסטישע, האַלט ניט אויס קיין קריטיק. וואָרעם ס'איז קלאָר פאַר איטלעכן בר־דעת, אַז די קאַפּיטאַליסטן, אויב זיי האָבן געהאַט אַן אינטערעס צו קעמפן קעגן אַבסאָלוטיזם, האָבן זיי אָבער כלל קיין שום אינטערעס ניט געהאַט אין אַ דעמאָקראַטיע, וואָס זאָל געבן פּאָליטישע רעכט דעם גאַנצן פאָלק. צוליב זייערע אינטערעסן וואָלטן די קאַפּיטאַ־ליסטן באַדאַרפט האָבן אַ באַגרענעצטע דעמאָקראַטיע, אַזאַ מין לערך, ווי ס'איז געווען די דעמאָקראַטיע אין די שטעט־מלוכות פון דער אַנטיקער גריכנלאַנד, אָבער ניט קיין פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וואו אַלע האָבן, לכל הפחות פאָרמעל, פּאָליטישע רעכט. און אויב מיר זעען, אַז בדרך כלל האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן, בפרט אין די פאָרגעשריטענע לענדער, אָפּ־געזאָגט פון דער אָפּאָזיציע צום דעמאָקראַטישן רעזשים, איז דאָס געשען ניט דערפאַר, ווייל זייערע קלאַסן־אינטערעסן האָבן זיי דיקטירט אַזאַ אויפ־

פירונג, נאָר משמעות צוליב דעם, וואָס די אויפפירונג פון מענטשן ווערט ניט באַשטימט נאָר דורך קלאַסן־אינטערעסן. בעת דער „דריטער שטאַנד" האָט זיך געשטעלט בראש פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט ער ניט נאָר צעשטערט דעם קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם און די רעשט־לעך פון דעם פעאָדאַלן סדר, וואָס האָבן געפּעגטעט זיין ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט, נאָר ער האָט אויך פּראָקלאַמירט די „רעכט פון דעם מענטשן און פון דעם בירגער". קעמפן און שטאַרבן טוען מענטשן ניט פאַר אינ־טערעסן, נאָר פאַר אידעאַלן, פאַר אַן אמונה.

מיר מוזן אַזוי אַרום אָפּוואַרפן די צו־סימפּליפיצירטע אידייע, אַז דע־מאָקראַטיע און קאַפּיטאַליזם זיינען סינאָנימען און, פאַרקערט, אָנערקענען, אַז די דעמאָקראַטיע איז געווען אַ געוואַלטיקער שריט פאָראויס אויפן וועג פון גלייכקייט צווישן מענטשן, במילא אויך פון סאָציאַלער גלייכקייט. עד היום פאַרמאָגט זי נאָך אידייען און אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן אָפּגעהיט ווערן ווי אַ ירושה פאַר וויטערדיקע דורות. אָבער דאָס דאַרף אונדז ניט שטערן צו אָנערקענען, אַז די דעמאָקראַטיע, ניט אין דער אַלגעמיינער פאָרם ווי זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, נאָר אין דעם קאָנקרעטן אופן ווי אַזוי זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז דורכגעזאַפּט פון אידייען און אינטערעסן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן בירגערטום.

איך וויל זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין פּרוכטלאָזע, אַקאַדעמישע דע־פיניציעס פון דעם, וואָס איז אַזוינס דעמאָקראַטיע. איין זאַך ווייסן מיר אַלע אויף קלאָר: דער מאָראַלישער אָדער רעליגיעז־פילאָסאָפישער יסוד פון דעמאָקראַטיע איז די אָנערקענונג פון דער חשיבות פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט אַליין פאַר זיך, וואָס הענגט ניט אָפּ פון דער פאַרב פון זיין הויט (ראַסע), פון זיין גלויבן (רעליגיע), פון די זאַכן (פאַרמעגן) אָדער אייגנשאַפטן, וואָס דער מענטש האָט זיך דערוואָרבן (וויסן און ביל־דונג). די אַכטונג צום מענטשן און דאָס פאַרטרויען צום מענטשן, געבוירן בצלם אלקים, איז דער פונדאַמענט, וואָס אויף אים שטייט די דעמאָקראַ־טיע און וואָס אָן אים פאַלט זי. הן די אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע פון „אומאָפּהענגיקייט", הן די פראַנצויזישע פון די „רעכט פון דעם מענטשן און פון דעם בירגער" ברענגען אַרויס כמעט אין די אייגענע ווערטער דעם גרונט־געדאַנק, אַז די מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן פונעם בורא עולם (די אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע) אָדער געבוירן געוואָרן (די פראַנ־צויזישע) ווי גלייכע. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט עס ניט געקענט מיינען, אַז עס פאַרשווינדן די נאַטירלעכע, איינגעבוירענע אונטערשיידן צווישן די מענטשן. דאָס האָט אָבער יאָ געמיינט, אַז די דאָזיקע אונטערשיידן קענען

ניט דינען ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט אָדער פֿאַר אַ תּירוץ ניט צו געבן אַלע מענטשן גלייכע שאַנסן, גלייכע רעכט און מעגלעכקייטן צו זוכן זייער גליק אויף דער ערד. במילא האָט עס אויך געהייסן, אַז עס מוזן באַזייטיקט ווערן אַלע שטערונגען, וואָס רעכט אָדער כּוח לייגן אַוועק אויפֿן וועג פֿון דעם מענטשן צום ערדישן גליק.

פֿון דער דאָזיקער הנחה קומען אַרויס אַלערליי מסקנות, קודם כּל דאָס רעכט פֿריי צו דענקען און דעם געדאַנק פֿריי אויסצודריקן און דאָס רעכט אַליין זיך אויסצוקלייבן די רעגירונג, וואָס פּאַסט די בירגער. פֿון אָט דער הנחה דרינגט אָבער אויך אַרויס, אַז אַלע מענטשן דאַרפֿן האָבן די גלייכעווירטשאַפֿטלעכע שאַנסן, ד״ה סאָציאַלע גלייכקייט. סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע זיינען סיאַם־צווילינגס, וואָס שעפּן זייער חיות פֿון איין קוואַל. רעכנט מען ניט מיט קורצע יאָרן, נאָר מיט לענגערע פּעריאָדן, איז הערשאַלד דזש. לאַסקי אַבסאָלוט גערעכט, אַז די מענטשהייט שטייט פֿאַר דער וואַל: אָדער זיך אָפּצוזאָגן פֿון דעמאָקראַטיע אָדער צו פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם. געוויס איז פּאָליטישע דעמאָקראַטיע שוין אַליין פֿאַר זיך אַ דבר גדול, אָבער איזאָלירט פֿון סאָציאַלער גלײַכקייט קען זי קיין לאַנגן קיום ניט האָבן. עס מוז קומען אַ מאָמענט, כאָטש ער מעג נאָך זיין ווייט, ווען די מענטשהייט וועט געשטעלט ווערן פֿאַר דער דילעמע: אָדער אָפּזאָגן זיך פֿון דעמאָקראַטיע אָדער פֿאַרווירקלעכן סאָציאַליזם. און אויב די פּראָבלעם שטייט נאָך היינט ניט, ווי לאַסקי מיינט על פּי טעות, אין דער דאָזיקער קאַטעגאָרישער פֿאָרם, איז עס אָבער זיכער, אַז שוין היינט און ניט מאָרגן מוז די דעמאָקראַטיע, אויב איר איז באַשערט צו גיין פֿאָראויס און ניט צוריק, אַרייננעמען אין זיך וואָס מער עלעמענטן פֿון סאָציאַלער גלייכקייט.

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם יסוד גופא פֿון דעמאָקראַטיע, מיט דער גלייכקייט צווישן מענטשן, אין די דעמאָקראַטישע לענדער, איז גענוג באַוואוסט. קודם כּל האָט מען מוציא געווען מן הכּלל אַלע פֿאַרביקע ראַסעס. אין דער בריטישער „קאָמאָנוועלט״, וואָס ציילט לערך 500 מי־ליאָן נפשות, געניסן נאָר 70 מיליאָן, ד״ה 14 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿונעם רעזשים פֿון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. די איבע־ריקע, די פֿאַרביקע, ווערן רעגירט דורך אַ דיקטאַטור פֿון אויבן. און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן גופא זיינען די שוואַרצע אין די דרום־שטאַטן פּאַקטיש אויך באַרויבט פֿון זייערע פּאָליטישע רעכט (דער „פּאָל־טעקס״), נאָר פֿראַנקרייך האָט אַ טייל איינוואוינער פֿון אירע קאָלאָניעס געגעבן פּאָ־ליטישע רעכט.

און אַז מיר וועלן שוין נעמען די ווייסע באַפעלקערונג גופא, האָבן דען אַלע בירגער, רייך צי אָרעם, פּאַקטיש די זעלביקע פּאָליטישע רעכט? דעמאָקראַטן האָבן תמיד פּראָטעסטירט קעגן די יעניקע קאָנסטיטוציעס, וואָס האָבן געגעבן געוויסע בירגער אַ פּלוראַל שטים־רעכט, אָבער צי האָט דען ניט דער רייכער פּאַקטיש אין אַלע היינטיקע דעמאָקראַטיעס מיט די סאַמע ליבעראַלסטע קאָנסטיטוציעס, מער שטימען ווי דער אָרעמער? וויפיל שטימען ווערן געקויפט אָדער באַקומען דורך געלט און איינפלוס? נעמט די גרויסע הוצאות פון די וואַל־קאַמפּאַניעס. צי פירן זיי דען ניט דערצו, אַז די שאַנסן פאַר רייכע און אָרעמע ווילער זאָלן ניט זיין קיין גלייכע? מען דאַרף ניט קיין בעסערן בר־סמכא און קיין גרעסערן פריינט פון דעמאָקראַטיע ווי סער סטעפּאָרד קריפּס. און אויפן סמך פון אייגענער דערפאַרונג אין וואַל־קאַמפּאַניעס, זאָגט ער עדות, ווי פיל דער רעזולטאַט פון די וואַלן הענגט אָפּט אָפּ אפילו אין ענגלאַנד, אינעם לאַנד פון קלאַסישן פּאַרלאַמענטאַריזם, דערפון, צי האָט די פּאַרטיי פינף אָדער הונדערט אויטאָמאָבילן אויף צו ברענגען די ווילער צו די אורנעס. דער לעצטער אַנטי־שטרייק־געזעץ, וואָס דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט ניט לאַנג אָנגענומען, ניט געקוקט אויפן וועטאָ פון פּרעזידענט, האָט אַ פּאַראַגראַף, וואָס פאַרבאָט די טרייד־יוניאָנס צו פינאַנסירן וואַל־קאַמפּאַניעס. כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז פאַראַן אין אַמעריקע אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט פּריוואַטע פּערזאָנען צו פינאַנסירן וואַל־קאַמפּאַניעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויב אַזאַ געזעץ וואָלט אפילו יאָ געווען, וואָלט עס אויך ניט געקענט שטערן, אַז פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן זאָלן עס בפועל יאָ טאָן.

ווי גרויס עס איז דער איינפלוס פון דער פּרעסע און ראַדיאָ אין דער פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג בכלל און ביי וואַלן בפרט, איז גענוג באַוואוסט, אַז מען זאָל וועגן דעם דאַרפן לאַנג רעדן. אָבער די פּרעסע־אונטערנעמונגען, בפרט די גרויסע, זיינען פּריוואַטע און געפינען זיך על פּי רוב אין די הענט פון די פינאַנץ־טראָסטן אָדער זיינען פון זיי אָפּהענגיק.

און אַז די אויסגעקליבענע פאָלקס־פאַרטרעטער קומען זיך שוין צונויף נאָך די וואַלן, צי זיינען זיי דען פריי צו האַנדלען לויט זייער געוויסן און לויט די אינטערעסן און פאַרלאַנגען פון זייערע ווילער? ווער ווייסט דען ניט, ווי גרויס עס איז דער איינפלוס פון די פאַקטאָרן, וואָס מען רופט זיי מיטן באַשיידן־שעמעוודיקן נאָמען „אויסער פּאַרלאַמענטאַרישע". אין פראַנקרייך, למשל, איז געווען אַ דבר ידוע, אַז קיין שום קאַבינעט, האָט ער געמעגט האָבן די גרעסטע מערהייט אין פּאַרלאַמענט, האָט זיך

ניט געקענט האַלטן, אויב ער האָט ניט נושא חן געווען אין די אויגן פון די כּוהנים גדולים פון „באַנק דע פראַנס". אָט איז אין 1924, נאָך אַ הייסן און האַרטנעקיקן וואַל־קאַמף, געלונגען דעם „קאַרטעל פון די לינקע" צו באַקומען אַ מערהייט. עדואַר העריאָ, חלילה ניט קיין קאָמוניסט און אפילו ניט קיין סאָציאַליסט, נאָר אַ מעסיקער קליינבירגערלעכער ראַדיקאַל, איז געוואָרן פּרעמיער און איז גאָר איינגיכן געפאַלן, ווייל די האַרן פון די גרויסע בענק האָבן אים ניט געוואָלט. און קיין פּאַרלאַמענט איז ניט געווען בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן די בענק־אָליגאַרכיעס, וואָס מיט איין דרוק פון עלעקטרישן קנעפּל האָבן זיי געקענט אַרויסרופן אַ ירידה פון דעם פראַנק און אַ פינאַנציעלע קאַטאַסטראָפע אין לאַנד.

מענטשן זיינען אַמאָל געשטאָרבן אינעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון וואָרט. עקסיסטירט זי נאָך איצט אין פּוילן פאַרנעם אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער? דער באַוואוסטער ענגלישער זשורנאַליסט און פריער־דיקער רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער „טיימז", וויקהעם סטיד, האָט ניט לאַנג פאַר דער מלחמה פאַרעפנטלעכט אַ בוך „די פּרעסע". הגם אַליין אַ מעסיקער פּאָליטיקער, גיט ער איבער פון זיין דערפאַרונג אַזוינע פאַקטן, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. ביי וויכטיקע פראַגעס מוז דער רעדאַק־טאָר אָנפרעגן די מיינונג פון אַרויסגעבער און דער לעצטער ווידער רעכנט זיך קודם כּל מיט די אַנאָנסן־געבער, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף זיי מאַכן דער אָדער יענער אַרטיקל. אָט אַזוי האָבן אין דער „פרייער" פּרעסע דאָס לעצטע וואָרט קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אינטערעסן.

גלייכקייט פאַר דעם געזעץ איז אַ כּלל גדול פון יעדער דעמאָקראַטיע. עקסיסטירט אָבער די דאָזיקע גלייכקייט אין רעאַלן לעבן? אַן אָרעמאַן קען בכלל ניט פאַרפירן קיין פּראָצעס, ווייל ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם אַדוואָקאַט. באַזונדערס איז עס אַן אָנגעווייטיקטער ענין אין ענגלאַנד, דווקא אין דעם לאַנד, וואו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן זיינען מער דורכגעפירט ווי ערגעץ אַנדערש וואו, אָבער דאָרט זיינען די פּראָ־צעס־הוצאות געוואַלטיק גרויסע. עס האָט אַמאָל אַן ענגלישער ריכטער זיך באַרימט, אַז דער צואַגאַנג צו דער ענגלישער יוסטיץ איז פריי פּונקט אַזוי — האָט ער געזאָגט — ווי דער אַריינגאַנג צום באַרימטן לאָנדאָנער לוקסוס־האָטעל „ריץ". ער האָט אָבער משמעות פאַרגעסן, אַז אַריינגיין אין דאָזיקן האָטעל קען טאַקע יעדער, אָבער אויף דינגען דאָרט אַ חדר אָדער עפּעסן אַ מיטאָג דאַרף מען פאַרמאָגן אַ גוט אָנגעפּילטן בייטל.

בילדונג און וויסן זיינען ניט נאָר אַ גייסטיק פאַרמעגן. זיי גיבן אויך השפּעה אין פּאָליטישן לעבן. באַזיצט מען ווייניקער בילדונג, קען מען

ווייניקערווירקן אויפן מלוכה־אַפּאַראַט און אויף דער גאַנצער פירונג פונעם לאַנד. אָבער בילדונג, בפרט אין אירע העכערע שטופן, איז אַ טייערער ביסן. דער אָרעמאַן האָט ניט צו באַצאָלן די גרויסע קאָסטן, ניט ער קען אָפּרייסן זיין קינד פון דער פּראַצע אין אַרבעט־עלטער און אים שיקן אין די שולן.

דאָ איז ניט די רייד וועגן דער אומגלייכקייט צווישן רייך און אָרעם אויפן ריין מאַטעריעלן געביט, וואָס איז שוין אַליין פאַר זיך אַ שרייענדיקע סתירה צום פּרינציפּ פון גלייכע שאַנסן פאַר אַלע מענטשן. וואָס איך בין דאָ אויסן געווען איז, אַז אפילו בנוגע פּאָליטישע רעכט, וואו די גלייכקייט איז אָנערקענט פון אַלעמען אין די מערב־לענדער, איז זי פול־קום נאָר פאָרמעל און עקסיסטירט ניט למעשה און קען ניט עקסיסטירן כל זמן עס וועט ניט אָדער אינגאַנצן פאַרשווינדן די עקאָנאָמישע אומגלייכ־קייט אָדער עס וועלן לכל הפּחות ניט אָנגענומען ווערן ערנסטע און ווייט־גרייכנדיקע מיטלען אויף אָפּצושוואַכן די פּאָליטישע השפּעה פון קאַפּיטאַל.

אַזוי ווי די זאַכן שטייען היינט, איז קלאָר אַז דער קאַפּיטאַליזם געפינט זיך אין אַ טיפער סתירה הן מיט דער פרייהייט פון דער נאַציע (זע פריער־דיקן קאַפּיטל), הן מיט דער רעאַלער פרייהייט פון דעם יחיד.

קאַפּיטל זעקס

דער פּאַשיזם, זיינע ווירטשאַפט־פּרינציפּן און זיין אידעאָלאָגיע

ס'איז ממש צו באַוואונדערן די לייכטקייט, מיט וועלכער יידן בכלל און ראַדיקאַלע קרייזן בפרט, האָבן זיך באַצויגן צום פּאַשיזם. מיר איז ניט אויסגעקומען צו זען אין דער יידישער ליטעראַטור קיין איין ערנסטע אַרבעט, וואָס זאָל אָביעקטיוו דערקלערן דעם תמצית פון פּאַשיזם. (היות ווי אין סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַציאונג, וואָס אינטערעסירט אונדז דאָ אין ערשטער ריי, זיינען די נאַציסטישע און פּאַשיסטישע באַוועגונגען אין יסוד גלייך הן אין זייער דאָקטרין, הן אין זייער פּראַקטישער פּאָליטיק, ווערט דאָ דער טערמין פּאַשיזם געברויכט פאַרביידן). ביי די אַנגלאָ־סאַקסישע פעלקער און ביי די פראַנצויזן געפינט איר אַ ריי ביכער, געשריבן פון קעגנער פון פּאַשיזם, וועלכע באַלייכטן אים אָבער אָביעקטיוו. ביי אונדז אָבער האָט מען אים אָפּגעפּטרט מיט דער „לייכטער אַרטילעריע" פון שאַרפע זלזולים, אַזוי ווי דערמיט וואָלט מען געקענט פאַרטרייבן דעם דאַזיקן „דבוק", וואָס איז אַריין אין דער וועלט און האָט דאָרט אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות. די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון אָט דער יידישער האַל־טונג ליגט אויף דער האַנט: דער יידן־פיינטלעכער כאַראַקטער פונעם פּאַשיזם. עס איז נאַטירלעך, אַז צו אַלץ, וואָס ס'איז צו אונדז פיינטלעך, האָבן מיר לכתחילה אַ נעגאַטיווע באַציאונג. נאָר אויב מען קען דאָס פּסיכאָלאָגיש דערקלערן, הייסט עס נאָך כלל ניט, אַז מען קען אַזאַ באַצי־אונג באַרעכטיקן. יידן, צוליב זייער לאַגע צווישן די פעלקער, זיינען מחויב צו לערנען און קענען דעם אַרום ניט גלאַט כדי אַנצוקלייבן וויסן, נאָר כדי צו קענען זיך צופּאַסן, אַז זיי זאָל אויסקומען וואָס ווייניקער פון אים צו ליידן.

די לייכטע באַציאונג פון יידן צום פּאַשיזם דערקלערט זיך אויך מיט דער פאַלשער איינרעדעניש, אַז סיי ווי מוז ער אינגיכן איינגעמען אַ „מיתה משונה" און זיין זיכרון וועט אָפּגעמעקט ווערן פון דער וועלט...

אין דער דאָזיקער איינרעדעניש האָבן די יידישע וואָרטפירער אַ חלק שולד, וואָס זיי האָבן ניט אויפגעקלערט דעם יידישן עולם, אויב זיי אַליין האָבן יאָ עפּעס געוואוסט וועגן דעם.

עס איז פאַראַן אַן אָנגענומענע מיינונג, וואָס ווערט בפרט ברייט פאַרשפּרייט דורך די ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע קעגנער פון דעם קאָמוניזם, אַז דער פאַשיזם איז אַ לעגיטים קינד אָדער אַ ממזר פונעם קאָמוניזם. די דאָזיקע מיינונג איז זייער אַן אויבנאויפיקע, ווייל זי באַגייט דעם קלאַסישן פעלער, וואָס די לערנביכער פון לאָגיק וואָרענען קעגן אים, דהיינו זי דערקלערט איינע פון די צוויי דערשיינונגען פאַר דער סיבה און די צווייטע פאַר אַ פּועל־יוצא, בעת אין דער אמתן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט צוויי פאַראַלעלע פּראָצעסן. נאָר אין דעם דאָזיקן פאַל איז עס מער ווי אַ לאָגישער טעות, עס איז אַ פעלער, וואָס ווערט געמאַכט אָפּט במזיד, ווייל עס לוינט זיך אַזוי פאַר די, וואָס פאַרשפּרייטן אים. אין דער אמתן זיינען זיי ביידע — דער פאַשיזם און דער קאָמוניזם — כשרע קינדער פון איין טאַטע־מאַמע, פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און פון דעם אינדיווידואַליסטיש־דעמאָקראַטישן סדר.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט, ווי איטלעכע מלחמה, וואָס פאַרלאַנגט אַן אָנשטרענגונג פון אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות פון די פעלקער, שוין צוליב דעם אַליין געמוזט אויפדעקן אַלע וואונדן פון דעם היינטיקן וועלט־סדר. אַן אומרו האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פעלקער און אַ רעוויזיע פון די אָנגענומענע גלויבנס האָט זיך אָנגעהויבן אומעטום — אין די זיגער־לענדער ווי אין די באַזיגטע. נאָר בעת אין די ערשטע איז די דאָזיקע אומרו אַריינגעדרונגען נאָר אין איינצלנע קרייזן, וואָרעם דאָס פאָלק האָט זיך געטרייסט און זיך פאַרשיכורט מיט די ניצחונות, וואָס האָבן באַפרידיקט זיין נאַציאָנאַלע גאווה, זיינען אָבער די מאַסן פון די באַזיגטע לענדער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ תהום פון פּאַניק און טויט־אַנגסט. דאָס באַציט זיך ניט נאָר צו רוסלאַנד און דייטשלאַנד, די פאָרמעל־באַזיגטע, נאָר אויך צו איטאַליע, וואָס הגם אָפיציעל האָט מען זי צוגערעכנט צו די זיגער, האָט זי אָבער אין דער אמתן נאָר געקראָגן צוגעוואָרפן מאָגערע שיריים פון דעם רייך־געדעקטן טיש פון די אַליאירטע. שוין בעת דער מלחמה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל חורבנות, זיינען די פעלקער פאַרערעמט געוואָרן. די נויט איז געשטיגן און מיט איר די אומצופרידנקייט און די אומרו. און פּאַסירט האָט עפּעס אַזוינס, אויף וואָס מען האָט זיך ניט געריכט. איין לאַנד (רוסלאַנד) האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט און, אַנשטאָט צו גיין אויפן וועג, וואָס אַלע דאָקטוירים פון סאָציאַ־

לאָגיע האָבן איר פאַרשריבן, אויפן וועג פון אַ ליבעראַל־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, האָט זי זיך פאַרמאָסטן איבערצוקערן דעם גאַנצן סדר העולם און איינצופירן אַ סאָציאַליסטישן ווירטשאַפט־רעזשים.

עס איז באַוואוסט, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן אין זייערע פאַראויס־זעאונגען וועגן דעם פאַלן פון קאַפּיטאַליזם ניט געהאַט אין זינען רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן זי באַטראַכט ווי אַ ווירטשאַפטלעך צו אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. דער אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם איז געווען פאַר זיי אַן אָביעקטיווע נויט־ווענדיקייט צוליב דער אינערלעכער סתירה, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אָר־דענונג האָט געשאַפן און וואָס מוז זיך אַלץ מער און מער פאַרשאַרפן — די סתירה צווישן דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע כּוחות, וואָס נעמען אָן אונטערן קאַפּיטאַליזם אַ סאָציאַלן כאַראַקטער (די גרויסע צאָל אַרבע־טער, קאָנצענטרירט אין די פאַבריקן), און די פּראָדוקציע־באַציאונגען, ד"ה דעם פּריוואַטן, אינדיווידועלן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקטן־פאַר־טיילונג. און היות ווי דער צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע כּוחות אין אַ געגעבענער עפּאָכע מוז פריער אָדער שפּעטער באַשטימען די פּראָדוקציע־באַציאונגען, איז במילא געדרונגען, אַז קומענדיק אין אַ סתירה מיט די ערשטע, מוזן זיי אויפגעריסן ווערן. פאַרשטייט זיך, ניט אויטאָמאַטיש און פון זיך אַליין, נאָר מיט דער הילף פון דעם קלאַס, וואָס איז פאַראינ־טערעסירט אין אַ נייעם סדר פון אייגנטום, ד"ה אין אונדזער פאַל, פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די מאָדערנע געזעלשאַפט שפּאַלט זיך אַלץ מער אין צוויי קעגנזעצלעכע און ניט גלייכע טיילן: אַ קליינע קאַפּיטאַליסטישע מינדער־הייט און דער פּראָלעטאַריאַט — דאָס רוב פונעם פאָלק. בײדע סתירות — צווישן די פּראָדוקטיווע כּוחות און די פּראָדוקציע־באַציאונגען פון איין זייט, צווישן דעם מיעוט בעלי־בתים און דעם רוב פּראָלעטאַריער פון דער אַנדערער — אַנטוויקלען זיך פּאַראַלעל און מוזן ברענגען צו אַן איבער־קערעניש. שפּעטער האָבן די פיינערע מפרשים פון מאַרקסיזם זיך אָפּ־געגרענעצט פון די וואולגאַרע תּלמידים פון מאַרקס און געלערנט, אַז אויך עטישע עלעמענטן, דאָס שטרעבן פון דעם מענטשן צו סאָציאַלן יושר וועט דאָ שפּילן אַ ראָלע, אָבער, און דערמיט האָט דער „וויסנשאַפטלעכער" סאָ־ציאַליזם געדאַרפט אין זיין עצם מהות זיך אונטערשיידן פון אידעאַליס־טיש־אוטאָפּיסטישן, די דאָזיקע עטישע מאָטיוון זיינען נאָר אַ ביי־פּראָ־דוקט, אַ באַגלייט־דערשיינונג ; דאָס אַנטשיידנדיקע זיינען די אָביעקטיווע סתירות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

לויט אָט דער קאָנצעפּציע, ליגט עס אויף דער האַנט, וועט די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע מוזן אויסברעכן קודם כּל אין די הויך־אינדוסטריעלע

לענדער מיט אַ שטאַרקן פּראָלעטאַריאַט, אָרגאַניזירט אויפן יסוד און אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף. אַז פרידריך ענגעלס האָט אין 1892 געשריבן זיין הקדמה צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון זיין „פון אוטאָפּישן צום וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם", האָט ער דערקלערט, אַז דער ניצחון פון פּראָ־לעטאַריאַט וועט געזיכערט ווערן דורך דער מיטאַרבעטערשאַפט פון לכל הפחות דריי לענדער: ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. און האָבנ־דיק אין זינען דעם הויכן גראַד פון באַוואוסטזיין און אָרגאַניזירטקייט פון דייטשישן פּראָלעטאַריאַט, מיינט ענגעלס, אַז ס'איז געזעצלעך צו שטעלן די פראַגע, צי וועט דייטשלאַנד ניט אַמאָל זיין די סצענע, וואו עס וועט זיך אָפּשפּילן דער ערשטער גרויסער ניצחון פון אייראָפּעאישן פּראָלע־טאַריאַט. וועגן רוסלאַנד — קיין איינציק וואָרט, הגם צו יענער צייט האָבן שוין דאָרט עקסיסטירט אונטערערדישע, סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קרייזלעך.

אויב מען וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ באַוויז, ווי וויסנשאַפטלעך ס'איז צו רעדן וועגן „וויסנשאַפטלעכן" סאָציאַליזם ווי וועגן סאָציאָלאָגיע בכלל אַלס אַ וויסנשאַפט, האָט איר אים דאָ, דעם דאָזיקן באַוויז. עמיצער האָט שוין געזאָגט, אַז סאָציאָלאָגיע איז אַ וויסנשאַפט אויף צוריק און ניט אויף פאָראויס, ד"ה זי קען באַשרייבן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, אָבער זי קען ניט פאָראויסזען, וואָס עס וועט געשען. מאַשינען־אינזשענערן קענען לכתחילה אויסרעכענען איטלעכע באַוועגונג, וואָס איטלעך רעדעלע אָדער שרייפעלע וועט מאַכן. ניטאָ אָבער קיין מענטשן־אינזשענירן. די רעאַקציע פון לעבעדיקן מענטשן לאָזט זיך ניט פאָראויסזאָגן, ווייל זי איז ניט קיין מעכאַנישע. און צו קאָמפּליצירט איז די מענטשלעכע נשמה, און במילא צו פאַרוויקלט דאָס סאָציאַלע לעבן, מען זאָל קענען ריזיקירן צו זאָגן נביאות, ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן אין דעם יענעם פאַל, ביי די אָדער יענע אומשטענדן.

צווישן אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס מאַרקס־ענגעלס האָבן ניט פאָראויס־געזען, איז געווען די ברייטע אַנטוויקלונג פון די מיטל־קלאַסן און די סאָ־ציאַל־פּסיכישע דיפערענצירונג אין דעם אַרבעטער־קלאַס גופא. „אונדזער עפּאָכע, שטייט געשריבן אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זי האָט פּשוטער געמאַכט די קלאַסן־קעגנזאַצן. די געזעלשאַפט שפּאַלט זיך אַלץ מער און מער אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן, אין צוויי קלאַסן, וואָס שטייען דירעקט איינער קעגן דעם אַנדערן: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט". „דער ביז־איצטיקער קליינער מיטלשטאַנד, די קליינע אינדוסטריעלער, סוחרים און רענטיסטן, די בעל מלאכהס און פויערים זינקען אַראָפּ צום פּראָלעטאַריאַט". פון דער

אַנדער זייט „גלייכן זיך אַלץ מער אויס די לעבנס־אינטערעסן און דער מצב פון דעם פּראָלעטאַריאַט גופא, בעת די מאַשין ווישט אַלץ מער אָפּ די אונטערשיידן פון דער אַרבעט און דריקט אַראָפּ דעם אַרבעט־לוין כמעט אומעטום אויפן גלייכן, נידעריקן ניוואָ."

אַזוי האָט אויסגעזען די נביאות פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אין דער ווירקלעכקייט? אַנשטאָט דער צוויי־קלאַסן־סיסטעם, מיט אַ שטענדיקער פאַרברייטערונג פונעם תהום, וואָס טיילט זיי פונאַנדער, האָבן זיך אויסגעפורעמט פאַרשיידענע מיטל־קלאַסן אָדער שיכטן, וואָס האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַריבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן דער גרויס־בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט. עדוואַרד בערנשטיין האָט שוין אָנגעוויזן, אַז דער וואוקס פון די דאָזיקע מיטל־שיכטן, ניט געקוקט אָדער דווקא צוליב דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, טרייסלט פונאַנדער די גאַנצע מאַרקסיסטישע סכעמע וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענשטויס צווישן אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן און דעם איבעריקן פאָלק.

זינט בערנשטיין האָט אין 1898 אַרויסגעלאָזט זיין באַרימט בוך, וואו ער האָט געמאַכט אַ רעוויזיע פון דער גאַנצער מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָט זיך די טענדענץ פון דעם וואוקס פון די מיטל־קלאַסן נאָך מער פאַרשטאַרקט. הגם די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשיידענע פאָרמען, בלייבט זי אָבער אין איר תוך אומעטום די גלייכע און פירט צו דעם זעלביקן רעזולטאַט: אַנשטאָט דער דערוואַרטער פאַראייניפאַכונג פון די סאָציאַלע באַציאונגען און דער פאַרשאַרפונג פון די סאָציאַלע קאָנטראַסטן, באַקומט זיך אַ קאָמפּליצירטער, אַ פילפאַרביקער סאָציאַלער געוועב און אַ מילדערונג פון די געזעלשאַפטלעכע סתירות. אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט זיינען די מאַסן פון קליינע, זעלבסשטענדיקע אייגנטימער, ווי פויערים, סוחרים, בעל־מלאכהס וכדומה, ניט געפאַלן, נאָר אדרבא געשטיגן אין צאָל. אָבער אויך דאָרט, וואו עס באַמערקט זיך יאָ אַ ירידה פון די דאָזיקע מיטל־שיכטן, ווי צום טייל אין ענגלאַנד, בפרט אָבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אַרויסגערופן צום לעבן נייע מיטל־שיכטן, וואָס קאָמפּענסירן כפל כפלים די פאַרמינערונג פון דעם אַלטן, פאַרקאַפּיטאַליסטישן קליינבירגערטום. מיט רעכט באַמערקט ג. ד. ה. קאָאל, אַז די טיפּישע הויך־קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון אונטערנעמונגען, די אַקציען־געזעלשאַפטן, האָט געגעבן די מעגלעכקייט גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, צווישן זיי אויך גוט־באַצאָלטע אַרבעטער, צו קריגן אַ חלק אין דער קאַפּיטאַליסטי־

שער פּראָדוקציע. ס'איז געוויס אַ גוזמא צו זאָגן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז דורך די אַקציען־געזעלשאַפטן געוואָרן דעמאָקראַטיזירט, ווי דאָס באַהויפּטן אייניקע בירגערלעכע עקאָנאָמיסטן. אָבער עס איז בלי ספק ריכטיק, אַז זיי האָבן געבראַכט צו אַ גרויסער פאַרשפּרייטונג פון פּריוואַט־אייגנטום צווישן די מאַסן פון דער באַפעלקערונג. ס'איז שווער פעסטצו־שטעלן, ווי גרויס איז די צאָל פון אַקציאָנערן אין די פאַרשיידענע לענ־דער, מחמת איין און די זעלביקע פּערזאָן באַזיצט על פּי רוב אַקציעס פון מערערע געזעלשאַפטן. אָבער עס איז ניטאָ קיין ספק, אַז מיליאָנען און מיליאָנען זיינען גראָד די לעצטע צענדליקער יאָרן געוואָרן אויף דעם אופן קליינע אייגנטימער. דזשאָרדזש סאָול, וועלכער איז גיכער נוטה צו פאַר־קלענערן דעם געוויכט פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, שאַצט, אַז די צאָל פון אַקציאָנערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין די דרייסיקער יאָרן דערגרייכט צווישן פיר און פינף מיליאָן נפשות, אָדער לערך אַ צענט־חלק פון דער גאַנצער ווירטשאַפטלעך־אַקטיווער באַפעלקערונג.

צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון די קליינע אייגנטימער און דער אָפּ־שוואַכונג פון די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען, וואָס ער ברענגט מיט זיך, פירט די זעלביקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם צו, אַ צווייטן, ניט ווייניקער וויכטיקן רעזולטאַט, וואָס איז להיפך צו דער מאַרקסיסטישער טעאָריע: אַנשטאָט דער אויסגלייכונג פון די אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען אינעם לוין־פּראָלעטאַריאַט, קומט פאָר אַ געוואַלטיקע דיפערענציאַציע אין זיינע רייען און במילא אַן אָפּשוואַכונג פון דער פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט. עס בילדעט זיך אויס און פּרוכפּערט זיך אַלץ מער אַ נייע אַרבעטער־שיכט, די אַזוי גערופענע „ווייסע קאָלנערס", אַ מין אַריסטאָקראַטיע פון דער אַרבעטערשאַפט. לויט סאָולס ציפערן קומט אויס, אַז בעת אין 1875 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן 75 פּראָצענט פון די שכירות־פאַרדינער געווען פאַרנומען אין דער דירעקטער פּראָדוקציע — אין לאַנדווירטשאַפט, פאַבריקן, קוילנגריבער וכדומה, האָט זייער צאָל אין 1930 שוין אויס־געמאַכט נאָר 50 פּראָצענט. די איבעריקע זיינען געווען פאַרנומען אין דער פאַרטיילונג פון דער פּראָדוקציע, אין בוכהאַלטונג, אין בענק, אין לערן־אַנשטאַלטן, רעגירונג־אַדמיניסטראַציעס אאַז"וו. דאָס הייסט אין באַשעפ־טיקונגען, וואָס באַטייטן ניט קיין פיזישע פּראָדוקציע. זעלבסטפאַרשטענד־לעך זיינען די „ווייסע קאָלנערס" פּראָלעטאַריער אין סאָציאָלאָגישן קלאַסן־זין; ווי די איבעריקע האַרעפּאַשניקעס לעבן אויך זיי פון זייער פּראַצע. אָבער לויט זייער העכערן לעבנס־שטייגער און רגילותן און לויט זייער

מענטאַליטעט שטייען זיי מיט איין פוס אין מיטל־קלאַס און זיי ווערן אַלץ מער געקניפּט און געבונדן מיט דער איצטיקער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום.

פון מאַרקס נביאות וועגן קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל האָט זיך פונדעסטוועגן ניט „אויסגעלאָזט קיין בוידעם", ווי עס חוזקן אייניקע ביר־גערלעכע עקאָנאָמיסטן מיט אַ נטיה צו הומאָר. אויף צו באַרעכטיקן זיין געניאַלישקייט איז גענוג, אַז אין איין פּרט, און גראָד אַ וויכטיקן, האָט אים זיין אינטואיציע ניט פאַרפירט. איך מיין די קאָנצענטראַציע פון ווירט־שאַפטלעכן קאָנטראָל. אויב דאָס אייגנטום ווערט אַלץ מער פאַנאַנדערגע־שפּרייט צווישן אַ וואָס גרעסערער צאָל מענטשן, ווערט אָבער די דעה אויף דער ווירטשאַפט קאָנצענטרירט אַלץ מער אין די הענט פון אַלץ אַ קלענערער צאָל, ווי אַ רעזולטאַט פון דער טרעסטירונג פון די אונטערנעמונגען. די קליינע אַקציאָנערן האָבן טאַקע אַ חלק אין ריווח, אָבער זיי האָבן גאָרניט צו זאָגן אין דער פירונג און פאַרוואַלטונג פון די געשעפטן. לויט ציפערן, געבראַכט אין דעם ציטירטן בוך פון סאָול, וואָס באַציען זיך צום סוף 1929, האָבן די צוויי הונדערט גרעסטע „קאָרפּאָריישאָנס" אין די פאַראיי־ניקטע שטאַטן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט סך הכל איין פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל קאָרפּאָריישאָנס, פאַרמאָגט צוואַנציק פּראָצענט פון דעם אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן רכוש. און סאָול רעכנט אויס, אַז אויב די אַנט־וויקלונג זאָל ווייטער גיין אין דער ביז־איצטיקער ריכטונג, וועלן די זעל־ביקע 200 אונטערנעמונגען פאַרמאָגן גאָר אינגיכן די העלפט פונעם גאַנצן נאַציאָנאַלן רייכטום. אַ פּאָר הונדערט מענטשן, וואָס שטייען אין שפּיץ פון די גרויסע אינדוסטריעלע און בענק־אונטערנעמונגען, האַלטן פּאַק־טיש אין זייערע הענט דעם קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט פון אַ לאַנד פון איבער 130 מיליאָן נפשות.

פון צוויי גרונט־עלעמענטן איז באַשטאַנען די סאָציאַליסטישע קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם: איינעם אַ ריין ווירטשאַפטלעכן — די דעפעקטיווע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און אַ צווייטן, אַ סאָציאַלן — די ניט גלייכע און ניט יושרדיקע פאַרטיילונג פון די גיטער. אָט דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט געדאַרפט פירן צו אַ סאָציאַלער איבערקערעניש, האָט אַ טענ־דענץ אָפּגעשוואַכט צו ווערן מיט דער מאַסן־פאַרשפּרייטונג פון פּריוואַט־פאַרמעגן. דער ערשטער אָבער בלייבט ניט נאָר אין קראַפט, נאָר, אדרבא, זיין באַדייטונג שטייגט אַלץ מער, וואָס מער עס וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם. בכן בלייבט באַשטיין די ווירטשאַפטלעכע נויטווענדיקייט אָפּצונעמען ביים קאַפּיטאַל דעם קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט אין די אינטערעסן פון

איר גוטן גאַנג און במילא אויך אין די אינטערעסן פון דעם כלל. צווישן אָט די צוויי אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע מאָטיוון איז פאַראַן אַ געוויסע שייכות, אָבער ניט קיין פּאַראַלעליזם. ווי ווייט מען קען אורטיילן לויט ביז איצט באַקאַנטע פאַקטן און דערשיינונגען, האָט דערווייל אין די בירגערלעכע לענדער שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן נאָר די אָפּשוואַכונג פון קאַפּיטאַ־ליסטישן קאָנטראָל, אָבער פאַרקערט זיינען דערווייל לכל הפחות ניטאָ קיין אויסזיכטן צו מינערן און אַ פּשיטא שוין צו פאַרניכטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. מען דאַרף מיט אָפענע אויגן קוקן אויף דער רעאַליטעט, אַז מען וועט דעם רוב פון דער באַפעלקערונג ניט קענען געווינען אין די נאָענטע צייטן, און דווקא אין די קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער, פאַר אַן איבערקערעניש פון דעם סאָציאַלן סדר. אָט טאַקע צוליב דעם האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר פאַלש די נביאות וועגן דעם ניצחון פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין די אינדוסטריעלע לענדער, און געזיגט האָט זי גראָד אין אַ ווירטשאַפטלעך־הינטערשטעליקן לאַנד.

דווקא דערפאַר, וואָס רוסלאַנד איז געווען אַן אָרעם, אָפּגעשטאַנען לאַנד מיט אַן אינדוסטריע ערשט אין די וויקעלעך, און אויך די דאָזיקע האָט געאָטעמט מיט פרעמדע לונגען (אויסלענדישער קאַפּיטאַל), מיט אַ קליינעם מיטל־קלאַס, מיט אַ מערהייט אָרעמע פּויערים, איז מעגלעך געווען, אַז אַ לערך קליינער קרייז פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער בראש מיט דער אינטעליגענץ האָט אָן אַ גרויסן ווידערשטאַנד געקענט דורכפירן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ניט קיין קליינע ראָלע האָט אויך געשפּילט אַ מאָראַ־לישער פאַקטאָר: דאָס הויך־אַנטוויקלטע געפיל פאַר יושר און גערעכ־טיקייט, וואָס מיט אים האָט זיך שוין לאַנג אויסגעצייכנט דאָס רוסישע פאָלק. פון וואַנען און פאַרוואָס האָט זיך ביי אים גענומען דאָס דאָזיקע געפיל, קען איך ניט דערקלערן. די, וואָס קענען בעסער די רוסישע גע־שיכטע, וועלן מסתמא אויסגעפינען די סיבות. אָבער דער פאַקט גופא איז אַ פאַקט און עס קען אים באַשטעטיקן איטלעכער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, רוסישן געדאַנק און ווער עס האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן רוסישן פאָלקס־מענטשן און מיט דער רוסישער אינ־טעליגענץ. אין קיין מאָדערנער ליטעראַטור וועט איר ניט געפינען אַזאַ מעכטיקן אויסדרוק פון פּשוטער און טיפער מענטשלעכקייט ווי אין דער רוסישער. אויך דאָס קאָלעקטיווע געפיל און דאָס כלל־לעבן זיינען אין רוסלאַנד געווען מער אַנטוויקלט ווי אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, וועמענס ציוויליזאַציע איז געבויט אויף אינדיווידועלן דערפאָלג, אויף פער־זענלעכער „עפישענסי״, אויפן שטרעבן און קאַמף פון דעם יחיד פאַר זיין

פערזענלעכן גליק און וואוילזיין. דאָס אַלץ, און אַ ריי אַנדערע היסטאָ־רישע סיבות דערצו, דערקלערן די פאַרשפּרייטונג פון קאָלעקטיוון אייגנ־טום אין דער רוסישער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַלטע צייטן און דערגאַנגען ביז צו דער רעוואָלוציע.

עס האָט זיך אין אַ געוויסן מאָמענט געקענט דוכטן, אַז אויך אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער וועלן די אומצופרידנקייט און דער יאוש, אַרויסגערופן דורך דער מלחמה, די אָרעמקייט און אַרבעטלאָזיקייט ברענ־גען צו דעם זעלביקן רעזולטאַט ווי אין רוסלאַנד, בפרט אַז איר ביישפּיל האָט געדאַרפט צוגעבן מוט דעם אַרבעטער־קלאַס פון די איבעריקע לענ־דער. אָבער דאָ האָבן זיך די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, אַ מינדערהייט פון פאָלק, אָנגעשטויסן אויף אַ פיינטלעכער מערהייט, צונויפגעשטעלט ניט בלויז פון דער גרויס־בורזשואַזיע, נאָר אויך פון די מיטל־שיכטן און אפילו פון אַ באַדייטיקן טייל פון אַרבעטער גופא.

אויב ס׳איז ניט ריכטיק, אַז דער קאָמוניזם האָט געבוירן דעם פאַ־שיזם, איז אָבער יאָ ריכטיק, אַז דער פּחד פאַרן קאָמוניזם פון דעם גאַנצן בירגערטום, דעם קליינעם מאַן אַריינגערעכנט, האָט פאַרשאַרפט דעם קאָנ־פליקט און געשטויסן דאָס בירגערטום צו זוכן אַ רעוואָלוציאָנערן אויס־וועג פון דעם קריזיס, געשאַפן דורך דער מלחמה און אַרויסגערופן דורך דער אומפעאיקייט פון דעם קאַפּיטאַליזם און דורך דער אָנמעכטיקייט פון דער דעמאָקראַטיע צו געפינען אַ פּאַסיקע לייזונג. וואַרפט מען אָפּ דעם קאַפּי־טאַליזם, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר באַנקראָט און ווייל ער איז געווען אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט אַ פּערמאַנענטן קאַמף צווישן אַרבעטגעבער און אַרבעטנעמער, מיט שטרייקן, בונטן און רעוואָלוציעס, וואָס האָבן געשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פון לעבן; נעמט מען ניט אָן דעם סאָציאַליזם־קאָמוניזם, ווייל ער צעשטערט דעם עקסיסטענץ־יסוד פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, דאָס פּריוואַט־אייגנטום, איז געבליבן נאָר איין אויסוועג — אַ פּשרה צווישן די קעמפנדיקע כוחות. און די דאָזיקע פּשרה האָט געהייסן — פאַשיזם.

די מיינונג, וואָס ווערט אָפט אַרויסגעזאָגט אין סאָציאַליסטישע קרייזן (ניט אין אַלע, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען), אַז פאַשיזם איז קאַפּיטאַ־ליזם, נאָר אַנדעריש געשליירט, איז לחלוטין פאַלש און קומט אַרויס פון אַ פונדאַמענטאַל־פאַלשן באַגרייפן דעם פאַשיזם אָדער פון ניט וועלן אים פאַרשטיין. איך גלויב ניט, אַז איר זאָלט אין דער סאָציאַליסטישער לי־טעראַטור פון די לעצטע צענדליקער יאָרן געפינען אַזאַ שאַרפע און בייסנ־דיקע קריטיק פון דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע דערמאָנט אייך די הערצאַישע

צייטן פון מאַרקסיזם, ווי דווקא אין דער פאַשיסטישער. אמת, דער פאַשיזם האָט דאָ ווייניק וואָס מחדש געווען און ער באַנוצט זיך מיט דער קלאַסי־שער, מאַרקסיסטישער קריטיק, מיט אָדער אָן קוואַלן־אָנווייז. ניט אומ־זיסט דערציילט מען, אַז היטלער האָט זיך אַמאָל באַרימט, אַז ער האָט ניט נאָר באַגראָבן מאַרקסן, נאָר ער האָט אים אויך געירשנט. און בעניטאָ מוסאָליני גרויסט זיך פאַר אַלע אינטערוויוערן, אויף זיין געווינלעכן אַקטיאָ־רישן שטייגער, אַז זיין טעקסט־בוך איז דאָס באַרימטע ווערק „געדאַנקען וועגן געוואַלט" פון זשאָרזש סאָרעל, וואָס איז אמת ניט געווען קיין מאַרק־סיסט, אָבער אַ רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליסט. דער פאַשיזם איז ניט קאַפּיטאַליזם, נאָר בפירוש אַ נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע שיטה, וואָס שטייט צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם.

זיין גרונט־הנחה איז, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז ניט דער קלאַס, נאָר די נאַציע; ניט די טיילן, נאָר דאָס גאַנצע. קיין קאַמף צווישן די טיילן, ווי למשל, קלאַסן, קען ניט דערלאָזט ווערן, ווייל דאָס צעשטערט די גאַנצקייט פון דער נאַציע. דאָס הייסט ניט, אַז די פאַרשיידענע קלאַסן און גרופּעס האָבן ניט קיין פאַרשיידענע, אָפט קעגנזעצלעכע אינטערעסן. אָבער זיי אַלע מוזן, אין זייער אייגענעם אינטערעס, זיך אונטערוואַרפן אונטער דער סאָלידאַריטעט פון דעם גאַנצן, וואָס אָן אים קענען זיי ניט עקסיסטירן, פּונקט אַזוי ווי די איינצלנע אברים פון אַ קערפּער קענען ניט נאָרמאַל פונקציאָנירן איטלעכער באַזונדער און איינער איז ממילא ממילא דעם צווייטן. איטלעכער קלאַס און פּראָפעסיע האָט צו דערפילן זיין פונקציע, וועלכע און ווי אַזוי, אויף דעם קענען ניט זיי און אַ פשיטא שוין ניט דער יחיד זאָגן אַ דעה, נאָר רק די מלוכה, וואָס פאַרטרעט דעם כלל־אינטערעס. אָנשטאָט קלאַסן־קאַמף, אַלס יסוד פון סאָציאַלן לעבן און פּראָגרעס, שטעלט דער פאַשיזם אַוועק דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. סכסוכים צווישן קלאַסן קענען ניט געלייזט ווערן אין אַ קאַמף צווישן זיי און דורך זיי אַליין, נאָר דורך די בוררות פון דער מלוכה, — דעם אויבערשטן אַרביטער צווישן די פאַרשיידענע קאָמפּאָנענטן פון דער נאַציע. און ס'איז קלאָר דערפון, אַז הן שטרייקן, הן לאָקאַוטן זיינען אין די פאַשיסטישע לענדער געזעצלעך פאַרבאָטן; און קומט אויף אַ סכסוך צווישן אַרבעטגעבער און אַרבעטנעמער ווערט ער אָבליגאַטאָריש געלייזט דורך אַרביטראַזש. דערפון איז אויך געדרונגען, אַז די אַרבעטער־סינדי־קאַטן (טרייד־יוניאָנס) און די פאַראייניגן פון די אונטערנעמער קענען ניט בלייבן קיין פרייע, פּריוואַטע אָרגאַניזאַציעס פון זייערע מיטגלידער, נאָר זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אָרגאַנען פון עפנטלעכן רעכט, אָנערקענט פון

דער מאַכט אַלס די פאַרטרעטער פון די באַטרעפנדיקע סאָציאַלע גרופּעס. אַזוי אַרום פאַרטרעטן די סינדיקאַטן ניט נאָר די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרשריבן פאַר מיטגלידער, נאָר אַלע אַרבעטער פון דער געגעבענער פּראָפעסיע.

די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די בירגער, און דאָ ליגט דער גרונט־חילוק צווישן ליבעראַלן קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם, איז ניט קיין פּריוואַט־זאַך פונעם יחיד, וואו ער קען האַנדלען לויט ווי עס געפעלט אים. ניט דער ריווח־מאָטיוו דאַרף אַנטשיידן, נאָר דער טובת־הכלל ווי עס פאַרשטייט אים די מלוכה, דער אויבערשטער אויסדרוק־אָרגאַן פונעם כלל.

זייט ביי זייט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער און אונטערנעמער, וואָס פאַרטרעטן קלאַסן־אינטערעסן, ווערן געשאַפן פאַראייניקונגען פון די פּראָפעסיעס, די אַזוי גערופענע קאָרפּאָראַציעס*, וואָס פאַרטרעטן די אינטערעסן פון גאַנצן פאַך און פון אַלע, וואָס זיינען אין אים באַטייליקט און פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילשטאַנד און אין דעם פּראָגרעס פון דער געגעבענער פּראָפעסיע, ד״ה בעלי־בתים, פאַרוואַלטער, טעכניקער און אַרבעטער. די רעגירונג, ווי דער פאַרטרעטער פון די כלל־אינטערעסן, באַהאַלט פאַר זיך דעם קאָנטראָל אויף די קאָרפּאָראַציעס, כדי זייער אַקטיווקייט זאָל ניט קומען אין קאָנפליקט מיט די העכערע אינטערעסן פון גאַנצן ציבור.

דער פאַבריקאַנט אָדער דער באַנקיר קען אין זיין אונטערנעמונג זיך ניט פירן כאדם העושה בתוך שלו. גאָטפריד פעדער, דער טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, ביי וועמען היטלער אַליין איז געגאַנגען אין חדר, ווי ער דערציילט עס אין „מיין קאַמף״, האָט אין 1933 געגעבן די פאָרמולע, וועלכע איז עד היום געבליבן די תורה פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין עקאָנאָמישע ענינים, דהיינו, אַז דער ציל פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט איז צו באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון פאָלק און ניט צו דערלאַנגען אַ מעגלעך־העכסטע רענטאַבּיליטעט פאַרן פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אָט ווי עס דריקט אויס דעם אייגענעם געדאַנק אין אַ יורידישער פאָרם דער איטאַליענישער אַרבעט־טשאַרטער פון 21טן אַפּריל 1927, וועלכער בילדעט אַ טייל פון דער איטאַליענישער קאָנסטיטוציע. דער

---

* קאָרפּאָריישאָנס פאַרשטייען מיר דאָ ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר ציל איז צו פאַרטיידיקן די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער באַטרעפנדיקער פּראָפעסיע און ניט דאָס פאַרדינען פון ריווח. דעריבער ניט צונויפמישן מיט די פּריוואַט־געשעפטלעכע אַמעריקאַנער „קאָרפּאָריישאָנס״.

אַרטיקל 7 זאָגט: „די קאָרפּאָראַטיווע מלוכה באַטראַכט די פּריוואַט־אי־ניציאַטיוו אויפן געביט פון דער פּראָדוקציע, ווי דעם ווירקזאַמסטן און ניצלעכסטן אינסטרומענט פאַר די אינטערעסן פון דער נאַציע. היות אָבער ווי די פּריוואַטע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע פּילט אויס אַ פונקציע, וואָס האָט אַ נאַציאָנאַלן אינטערעס, זייַנען די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אונ־טערנעמונגען פאַראַנטוואָרטלעך אַקעגן דער מלוכה פאַר זייער אָנפירונג (אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ע.). די מיטאַרבעטערשאַפט פון די פאַר־שיידענע פּראָדוצירנדיקע עלעמענטן באַשאַפט צווישן זיי אַ קעגנזייטיקייט פון רעכט און התחייבותן. דער אַרבעטער, צי ער איז אַ טעכניקער, אַנ־געשטעלטער אָדער פיזישער אַרבעטער, איז אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער ווירטשאַפט, פון דער אונטערנעמונג, וואָס איר אָנפירונג איז דער גלייכער צייט ווי די פאַראַנטוואָרטונג געהערן דעם בעל־הבית" און דער אַרטיקל 9 דערקלערט: „דאָס אַריינמישן זיך פון דער מלוכה קומט אויף נאָר דעמאָלט, ווען עס פעלט די פּריוואַט־איניציאַטיוו אָדער זי איז ניט גענוגנד, אָדער בעת די פּאָליטישע אינטערעסן פון דער מלוכה שטייען אין קאָן. די מלוכה־אינטערווענץ קען אָננעמען די פאָרם אָדער פון קאָנטראָל, אָדער פון איניציאַטיוו (סטימול), אָדער פון דירעקטער פאַרוואַלטונג".

אין די דאָזיקע צוויי וויכטיקע אַרטיקלען פון דעם איטאַליענישן אַר־בעט־טשאַרטער איז אויסגעדריקט דער גאַנצער גייסט פון דער קאָרפּאָ־ראַטיווער, פאַשיסטישער מלוכה. אַלע אַנדערע לענדער, וואָס האָבן דעם זעלביקן רעזשים, האָבן דעם דאָזיקן גרונט־געדאַנק איבערגענומען פון מוסאָליני, ווי למשל, דייטשלאַנד, פּאָרטוגאַל, ווישי־פראַנקרייך און שפּאַ־ניע (די לעצטע נאָר צום טייל, ווייל פראַנקאָ־שפּאַניע איז מער פעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטיש־קאַטוילִיש־רעאַקציאָנער ווי פאַשיסטיש). סאָציאַל־פּאָליטיש באַטייטן די דאָזיקע יורידישע פאָרמולעס אָט וואָס: דער פאַשיזם אָנער־קענט דעם פּריוואַטן אינטערעס (לתפארת המליצה — „די פּריוואַטע אי־ניציאַטיוו") ווי די שטויסנדיקע קראַפט פון דער ווירטשאַפטלעכער טע־טיקייט און מחמת דעם רירט ער ניט אָן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. אָבער דער פאַשיזם וויל יאָ אָפּנעמען ביים קאַפּיטאַליסט דעם קאָנטראָל, די דעה איבער דער ווירטשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער, דער פאַשיזם נעמט אי־בער איינעם פון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן: דעם קאָנטראָל פון דעם כלל איבער דער ווירטשאַפט, כדי צו פאַרמיידן די אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיע, אָבער ער וואַרפט אָפּ זיין צווייטן יסוד — די צעשטערונג פון פּריוואַט־אייגנטום. אין דעם פּרט בלייבט דער פאַשיזם שטיין אויפן באָדן פון קאַפּיטאַליזם, הגם אָפּטמאָל — מיט באַדייטיקע באַגרענעצונגען. פּשוט

גערעדט מיינט עס, אַז דער קאַפּיטאַליסט באַהאַלט זיין פאַרדינסט, אָבער ער פאַרלירט אַ טייל פון זיין דיספּאָזיציע־פרייהייט און פון זיין מאַכט. אָנשטאָט וואָס ביז איצט איז ער געווען דער אַבסאָלוטער הערשער איבער זיין פאַרמעגן, ווערט ער אין דער פאַשיסטישער מלוכה אַ „קאָנסטיטוציאָ־נעלער מלך", וואָס זיינע רעכט זיינען באַשטימט און באַגרענעצט דורך דער רעגירונג. דער קאַפּיטאַליסט איז מער ניט פריי צו טאָן מיט זיין פאַרמעגן וואָס ער וויל, די מלוכה האָט איר וואָרט צו זאָגן וועגן דער נויטיקייט אָדער אומניצלעכקייט פון דער אָדער יענער אונטערנעמונג. ער איז אויך מער ניט פריי צו באַשטימען די שכירות פון די אַרבעטער, ווי אים געפעלט אָדער ווי ער איז געצוואונגען צו טאָן אונטערן דרוק פון אַרבעטער־שטרייקן. די הויך פון די שכירות ווערט פעסטגעשטעלט דורך אָבליגאַטאָרישע, קאָלעקטיווע אָפּמאַכן, אונטערן קאָנטראָל און מיטן הסכם פון די מלוכה־אָרגאַנען. די רעגירונג קען צווינגען די קאַפּיטאַליסטן צו גרינדן אַזוינע אונטערנעמונגען, וואָס ברענגען ניט קיין ריווח, דערביי איז זי אָבער פאַראַנטוואָרטלעך צו פאַרגיטיקן הזיקות און צו גאַראַנטירן אַ מינימאַלן דיווידענד פאַרן קאַפּיטאַל. דורך פאַרשיידענע מאָסמיטלען דער־גרייכט אויך די רעגירונג, אַז די דיווידענדן אויפן קאַפּיטאַל זאָלן בכלל ניט איבערשטייגן אַ געוויסע הויך. דער קאַפּיטאַליסט איז אויך מער ניט פריי פעסטצושטעלן די מאַרק־פרייזן פון זיינע פּראָדוקטן. אויך דאָ האָט די מלוכה איר וואָרט צו זאָגן און אין דעם פּרט איז איר דעה נאָך שטאַר־קער אין דייטשלאַנד ווי אין איטאַליע. לויט די ציפערן, וואָס עס ברענגט דזשיימס בוירנהעם, שטעלט מיט זיך פאָר דער ריווח פון די קאַפּיטאַליסטן אין דייטשלאַנד אין 1939 יאָר ניט מער ווי פינף פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה פון לאַנד און דערפון גייט נאָך אַראָפּ מער ווי אַ העלפט פאַר דער מלוכה אין פאָרם פון שטייערן און פאַדאַטקעס, בעת אין די פאַראייניקטע שטאַטן מאַכט דער ריווח אויף קאַפּיטאַל אויס לכל הפחות צוואַנציק פּראָצענט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה. ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן זיינען כלל ניט, ווי מען מיינט געוויינלעך, קיין הייסע חסידים פון דעם פאַשיסטישן רעזשים. אויב זיי האָבן אים אָנגענומען, איז עס נאָר פון נויט, צוליבן פחד, אַז עס קען זיין נאָך ערגער, אַז מען קען ביי זיי צונעמען ניט בלויז אַ טייל פון זייער פרייהייט און מאַכט, נאָר צוזאַמען דערמיט טאַקע זייער קאַפּיטאַל גופא. נאָר צוליב אָט דער מורא האָבן זיי בעל כרחם געזאָגט אמן. חוץ לזה האָבן זיי געלעבט אין אַ טעות. זיי האָבן אין זייער תמימות געמיינט, אַז מוסאָליני און היטלער וועלן פאַר זיי „שאַרן קוילן פון פייער", פאַר־

יאָגן די קאָמוניסטישע סכנה און דערנאָך זיי איבערגעבן צוריק די רעגירונג־לייצעס. ערשט ווען עס איז שוין געווען צו שפעט, האָבן זיי זיך אָרומגעקוקט, אַז די נאַצי־פאַשיסטן קענען זיך באַגיין אָן זיי, ווי באַלד זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפן זאָטל. אָט האָט הוגענבערג, דער פאַרטרעטער פון דייטשישע קאַפּיטאַליסטן און מאָנאַרכיסטן, געפּרואווט מאַכן אָפּאָזיציע, האָט מען אים טאַקע געוויזן די טיר. דאָס אייגענע האָט פריץ טיסען, אַ טיפּישער פאַרטרעטער פון דער דייטשישער שווער־אינדוסטריע און איינער פון די ערשטע דייטשישע מיליאָנערן, וואָס האָבן געהאָלפן היטלערן קומען צו דער מאַכט, געמוזט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד און לעבן אין אויסלאַנד ווי אַ פּשוטער פּליט נעבעך. ערשט זייענדיק אויף דער פריי, האָט ער געקענט דערקלערן אין זיין בוך „איי פּעיד היטלער״, אַז די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיע איז אַ פולער דורכפאַל.

דאָ האָט איר אַ טיפּיש־קאַפּיטאַליסטישע מיינונג וועגן דעם עקאָנאָמישן עקספּערימענט פון פאַשיזם. אַ סך סאָציאַליסטן האָבן איבערגעחזרט דאָס אייגענע. מען דאַרף אָבער קאָנסטאַטירן, אַז דווקא די קריטישע גייסטער פונעם סאָציאַליזם האָבן להיפּוך צו די באַגרענעצטע ענג־פּאַרטייאישע קרייזן געהאַט מער פאַרשטענדעניש פאַר דער בייער דערשיינונג, וואָס דער פאַשיזם שטעלט מיט זיך פאָר. „מען מוז מודה זיין, זאָגט פראַנסיס וויליאַמס, אַז עקאָנאָמיש האָט דער טאָטאַליטאַריזם צו פאַרצייכענען באַמערקנסווערטע דערפאָלגן. ער האָט אַנולירט די אַרבעטלאָזיקייט, כאָטש געטאָן האָט ער עס דורך מעטאָדן און צוליב צילן, וואָס זיינען לחלוטין פרעמד דעם דעמאָקראַטישן לעבן. ער האָט געצוואונגען די גרויסע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע אינטערעסן פון לאַנד זיך איינצופּאַסן אין אַ מלוכה־פּלאַן, וועלכער ווערט אויסגעפּרואווט ניט מיט דער מאָס פון פריי־וואָט־געווינס, נאָר דורך דער וויכטיקייט, וואָס די מלוכה אַליין באַשטימט . . .״ לערך די אייגענע מיינונג זאָגט אויך אַרויס ג. ד. ה. קאָאָל.

מען קען זאָגן, אַז די אַרבעטלאָזיקייט איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט דעם פאַשיזם צו דער מאַכט, בפרט אין דייטשלאַנד. די אַכט מיליאָן אַרבעטלאָזע זיינען דאָרט געווען אַ לעבעדיקער און גרויזאַמער פאַרוואורף דעם קאַפּיטאַליזם און אַ „אָרעמקייט־אַטעסטאַט״ פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס איז נאָך דער מלחמה געוואָרן אין דייטשלאַנד איינער פון די וויכטיקסטע מלוכה־פאַקטאָרן. אַ באַווייז פון איר אומפעאיקייט זיך צו נעמען ערנסט פאַר די יסודות גופא פון דער בירגערלעכער אָרדענונג און צו געפינען אַ ריכטיקע רפואה צו דער קרענק. אָן דריי זיילן האָט זיך היטלער אָנגעכאַפּט, כדי צו צעטרייסלען דעם גאַנצן

בנין פון דער ווײמאַרער רעפּובליק. אײנער איז געווען דער ווערסאַליער טראַקטאַט, דער רוף צו דײטשלאַנדס שטאָלץ און צו אירע הערשאַפט־אַפּעטיטן ווי פון דער השגחה אויסדערווײלטער ראַסע. דער צווייטער איז געווען דער אַנטיסעמיטיזם און דער דריטער — די אַרבעטלאָזיקייט, די סאָציאַלע נויט, די אָרעמקייט פון פאָלק. און ס'איז שווער צו זאָגן, וועלכער פון די דאָזיקע דרײ זײלן איז געווען פאַר היטלערן די בעסערע און זיכערע אָנשפּאַרעניש.

מען זאָגט, היטלערן איז געלונגען צו ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקייט, ווײל ער האָט די אַרבעטלאָזע אויסגענוצט אין דער באַוואָפענונג־פּראָדוקציע, וועלכע איז כידוע געוואַלטיק אויסגעוואַקסן אין דײטשלאַנד מיט זײן אויפשטײגן צו דער מאַכט. נאָר, ערשטנס, איז דאָס ניט קײן עקאָנאָמישער אַרגומענט. פון אַ הומאַניסטישן און אינטערנאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז מאַכן וואָפן ניט בלויז ניט קײן פּראָדוקטיווע אַרבעט, נאָר אפילו אַ שעדלעכע. אָבער דאָס האָט גאָרניט צו טאָן דערמיט, אַז כל זמן פעלקער ווילן אָדער זײנען געצוואונגען צו פירן מלחמות, מוזן זײ האָבן די נויטיקע וואָפן דערצו, און במילא איז זײער פּראָדוקציע ווירטשאַפטלעך גענומען אַקוראַט אַזוי פּראָדוקטיוו ווי יעדע אַנדערע. והשנית, איז ניט ריכטיק, אַז די אַרבעטלאָזיקייט איז אין די פאַשיסטישע לענדער אַבסאָרבירט געוואָרן נאָר דורך דער וואָפן־אינדוסטריע. נאַצי־דײטשלאַנד האָט גלײכצײטיק אויסגעבויט כמעט צוויי מיליאָן הײזער מיט אַרבעטער־וואוינונגען, צענדליקער אויטאָסטראַדן, וואָס האָבן געהאַט ניט בלויז אַ סטראַטעגישע באַדײטונג, נאָר אויך אַן עקאָנאָמישע וויכטיקייט. פאַר די ערשטע פינף יאָר פון היטלערס ממשלה (1933—1938) איז די וואָפן־פּראָדוקציע געשטיגן דרײ מאָל, אָבער אויך די פּראָדוקציע פון די גרונט־קאָנסום־אַרטיקלען, ווי קלײדונג, עסנוואַרג וכדומה איז געוואַקסן, לויט די צאָלן געבראַכט פון בוירנהעם, אויף אַ דריטל. די פאַשיסטישע פּאָליטיק אין קאַמף מיט אַרבעטלאָזיקייט איז אין איר עצם אַ געזונטע און יעדער אמת דעמאָקראַטישער אָדער סאָציאַליסטישער רעזשים, וועלכער זאָל זיך ערנסט נעמען פאַר דער דאָזיקער פּראָבלעם, וואָלט געמוזט טאָן דאָס גלײכע. איר גרונט־הנחה איז, אַז אַ גוט־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט טאָר ניט דערלאָזן מיליאָנען אויסהונגערן אָדער אַרומגײן לײדיק און לעבן פון קצבה, פון דער מלוכה־קאַסע אָדער פון פּריוואַטער צדקה. עס איז דער חוב פון דעם גאַנצן כלל און אויך פון די צוקונפטיקע דורות צו נעמען אויף זיך די לאַסט, וואָס באַקומט זיך פון באַזאָרגן זײ מיט אַרבעט. דאָס מײנט, אַז די מלוכה מוז אָנשטרענגען אַזוי שטאַרק ווי נאָר מעגלעך די שטײער־שרויף, אַבי גובר

צו זיין די אַרבעטלאָזיקייט. און אויב דאָס איז ניט געגוג, מוז מען אפילו מאַכן מלוכה־חובות, וואָס אַ טייל דערפון וועלן שפּעטערדיקע דורות באַצאָלן, וועלכע וועלן אָבער געניסן פון דער אַרבעט, וואָס די היינטיקע אַרבעטלאָזע וועלן דורכפירן. דורך שטייערן, דורכן פאַרבאָט צו אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד און צאָלן מיט אויסלענדישער וואַלוטע לוקסוס־אַרטיקלען אָדער אַרטיקלען פון ניט־ערשטער נויטווענדיקייט האָט דער פאַשיזם אַרונטערגעדריקט דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון אַלעמען, בירגערטום און אַרבעטער, וואָס האָבן אַ באַשעפטיקונג, און דערמיט געקענט געבן די אַרבעטלאָזע זייער מינימום. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, נוצלעכע פאַרן גאַנצן פאָלק, היינט און מאָרגן, האָט דער נאַציזם אַנטוויקלט און אויסגעברייטערט אין אַ מאָס, וואָס איז ביז איצט אין קיין קאַפּיטאַליסטישן לאַנד ניט געזען געוואָרן. קיין אַנדער מיטל אויף גובר צו זיין אַרבעטלאָזיקייט, בכל אופן כל זמן עס עקסיסטירט דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים, קען מען ניט צוקלערן.

היטלער האָט באַוואָפנט דייטשלאַנד ניט מיט דער כוונה צו געבן אַרבעט די אַרבעטלאָזע, נאָר פשוט מיט דעם מיין אַרויסצוגיין אין מלחמה קעגן דער וועלט. די פּראָבלעם פון אַרבעטלאָזיקייט אָבער וואָלט דער פאַשיזם סיי ווי געלייזט, אויך אָן דער באַוואָפענונג־אינדוסטריע, און מיט דעם זעלביקן מעטאָד: שטייערן, מלוכה־הלוואות און אַ נידעריקערן לעבנס־ניוואָ, וואָס זאָלן דערלויבן אונטערצונעמען גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן און דאַרט צו באַשעפטיקן דעם מאַקסימום אַרבעטער.

דער פאַשיזם האָט איבערגעקערט מיט דעם קאָפּ אַראָפּ די אָרטאָדאָקסאַל־קאַפּיטאַליסטישע געלט־סיסטעם און אָפּגעריסן די מלוכה־אַסיגנאַציע פון דעם גאָלד־סטאַנדאַרד. קיין גאָלד האָבן די פאַשיסטישע מלוכות ניט געהאַט. און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז לכל הפחות פאַרן אינעווייניקסטן סחורות־אויסבייט קען מען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן גאָלד־דעקונג און אַז פּראָדוקציע און אַרבעט קענען דינען פאַר אַ גענוגנדיקער זיכערקייט פון דער וואַלוטע. זיי האָבן ניט מורא געהאַט פאַר הוצאות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די רייכע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס האַלטן, ווי צערבערס ביי זייערע גאָלד־קאַסעס, אין איין ציטערן, טאָמער וועלן זיי געמינערט ווערן און דער ווערט פון געלט וועט חלילה פאַלן. אָט פאַרוואָס די פאַשיסטישע מלוכות האָבן זיך געקענט דערלויבן גאָר גרויסע הוצאות, לפי ערך צו זייערע קנאַפּע מיטלען, פאַרן סאָציאַלן שוץ פון די אַרבעטער, פאַר עלטער און קראַנקהייט־פאַרזיכערונג און צו שאַפן אַזאַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פאַר פאָלקס־פאַרווייַלונגען און וואַקאַציעס ווי

די באַרימטע „קראַפט דורך פרייד". דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַ געוואַלט עס האָט זיך אויפגעהויבן אין „דעמאָקראַטישן" פראַנקרייך, בעת די פאָלקס־פראָנט־רעגירונג האָט איינגעפירט באַצאָלטע וואַקאַציעס פאַר אַרבעטער, וואָס האָבן שוין לאַנג עקסיסטירט אין די פאַשיסטישע לענדער, און גע־שאַפן אַ מיניסטעריום פאַר „פרייער צייט" מיט לעאָ לעגראַנזש אין דער שפּיץ. וואָס פאַר אַ געלעכטער, באַגלייט מיט פּראָטעסטן, האָט דאָס אַרויס־גערופן. אין דייטשלאַנד האָבן די אייגענע בירגערלעכע קרייזן אפילו ניט געהאַט קיין העזה אַ פּיפּס צו טאָן. און ניט נאָר צוליב צענזור, ווייל סוף־כל־סוף דערלאָזן אויך די דיקטאַטאָרן אַ באַגרענעצטע קריטיק פון באַ־שטימטע רעגירונגס־מאָסמיטלען. ניין, אין דער אַטמאָספערע, געשאַפן דורכן פאַשיזם, איז אוממעגלעך געווען אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן סאָציאַלע רע־פאָרמעס, כל זמן זיי פאַרניכטן ניט דעם יסוד גופא פון פּריוואַט־אייגנטום.

נאָר דער פאַשיזם האָט פונדעסטוועגן זיך אויך ניט געשראָקן אָנצו־רירן אָן „הייליקן" פּריוואַט־אייגנטום, ווען דאָס איז געווען אַבסאָלוט נויי־טיק. לויט די דאַטן פון בוירנהעם, וואָס איך קען ניט גאַראַנטירן זייער אויטענטישקייט, ווייל ער ווייזט ניט אָן די קוואַלן, פון וואַנען ער נעמט זיי, האָבן אין 1939 די הכנסות פון מלוכה־אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד אויסגעמאַכט אַ העלפט פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער הכנסה. דאָס וואָלט געהייסן, אַז אין דייטשלאַנד איז דער סאָציאַליזם רעאַליזירט געוואָרן מער ווי אויף אַ העלפט, וואָרעם אויך אין דעם צווייטן האַלבן סעקטאָר האָט דאָך די מלוכה אַ גרויסע דעה. צי איז די דאָזיקע ציפער אַבסאָלוט פּינקט־לעך צי ניט, איינס איז בכל אופן זיכער, אַז נאַציאָנאַליזאַציע פון גרויסעווירטשאַפט־ און פינאַנץ־סעקטאָרן (רייכסבאַנק, באַנען, באַוואָפענונג־אינ־דוסטריע) איז אין דייטשלאַנד טיילווייז דורכגעפירט געוואָרן.

אַלץ וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן פאַשיזם איז שייך צו זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער שיטה. און אין דער באַציאונג איז דער פאַ־שיזם בלי שום ספק אַ שריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיטן קאַפּיטאַליזם. דאָס איז אָן אמת, כאָטש אַ זייער ביטערער און ווייטיקדיקער פאַר אונדז יידן, בפרט פאַר די, וואָס גלויבן בלינד, אַז אונדזערע אינטערעסן זיינען תמיד פאַרבונדן מיטן סאָציאַלן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. אָבער פאַשיזם איז ניט בלויז עקאָנאָמיק, נאָר אויך פּאָליטיק און אידעאָלאָגיע. און דאָ האָט ער דורכגעמאַכט גאָר אַ היפּשן מהלך, אָבער ניט אויף פאָר־אויס, נאָר אויף צוריק און זיך דערקייקלט ניט ווי מען מיינט, על פי טעות, צו מיטלעלטער, נאָר העט־העט ווייטער, ביז אין טיפן אַלטערטום אַריין, ביז צו די אכזריותן פון די אשורים און בבלים און זייער גלייכן.

זיינען אָט דיביידע טיילן פון פאַשיזם — דאָס סאָציאַל־ווירטשאַפט־לעכע און אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע אָרגאַניש פאַרבונדן, אַזוי אַז זיי לאָזן זיך ניט שיידן? די אייגענע פראַגע וועט זיך שפּעטער שטעלן בנוגע צום קאָמוניזם: איז דער סאָציאַליסטישער סדר פאַרבונדן מיט דער פאָרם פון מלוכה־פירונג, ווי מיר זעען דאָס איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד אָדער ניט?

אויף דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איר גענואַלטיקע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון דער געזעלשאַפט וואַרפט זיך אין די אויגן, קען מען צום באַדויערן דערווייל נאָר געבן אַ טעאָרעטישן ענטפער, ווייל מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט קיין ביישפּיל ניט פון קיין פולן פאַשיסטיש עקאָנאָמישן סדר און ניט פון קיין פולן סאָציאַליסטישן רעזשים, וואָס זאָלן זיך פאָרן מיט אַ ברייטער, פּערזענלעכער פרייהייט.

לאָמיר פּרוּוון קודם כל זיך שאַפן אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג פון דער פאַשיסטיש־נאַציסטישער פילאָסאָפיע און אויסטיילן די יסודותדיקע אידייען, וואָס זיינען זיי ביידן געמיינזאַם. דער פונדאַמענט גופא פון נאַצי־פאַשיזם איז דער היפוך פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. ער איז אַ כופר אין די סאַמע עיקרים ניט נאָר פון הומאַניזם, נאָר אויך פון יעדער רעליגיע, אויב מען זאָל אויסשליסן די רעליגיעס פון די פרימיטיווע ווילדע שבטים. אַז מענטשן זיינען ניט גלייך, ווייסט יעדער בר דעת. קומט אָבער דער פאַשיזם און זאָגט: מענטשן קענען און דאַרפן ניט זיין גלייך. אונדזער געוויסן קען ניט שלום מאַכן מיט דער ניט־גלייכקייט, און מיר זעען דעריבער דעם זין פון מענטשלעכן פּראָגרעס דערין, וואָס ער וועט די דאָזיקע אומגלייכקייט באַזייטיקן אָדער לכל הפחות פאַרמינערן און אָפּשוואַכן. פאַרן פאַשיזם אָבער איז די אומגלייכקייט דער אידעאַלער צושטאַנד, מחמת די חשיבות פון דעם מענטשן איז פאַר אים ניט קיין אַבסאָלוטע. זי איז גרעסער אָדער קלענער, אָפּהענגיק דערפון, צו וואָס פאַר אַ ראַסע אָדער פאָלק דער מענטש געהערט, פון דער פונקציע, וואָס ער פירט אויס אין סאָציאַלן לעבן און אין דער רעגירונגס־ און פאַרטיי־סיסטעם.

גלייכקייט צווישן יחידים און צווישן פעלקער איז בכן אין זיינע אויגן ניט נאָר אַן אוטאָפּיע, נאָר בעצם אַ שעדלעכע אידייע, ווייל זי שטערט, עס זאָלן זיך אַנטוויקלען די שטאַרקערע פעלקער און גרעסערע פּערזענלעכקייטן. טאָקע מהאי טעמא איז אויך שעדלעך דער חלום פון אייביקן שלום, ווייל דאָס אייביק־קריגערישע ליגט אין דער נאַטור פון דעם מענטשן, און די מלחמה איז ניט קיין ביטערע נויטוועגדיקייט, נאָר גאָר אַ מצווה. זי גיט דעם שטאַרקן די מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות און צו באַצווינגען דעם שוואַכן. ישעיה הנביא האָט געהאָט

די ווייזיע פון דעם טאָג, ווען די שווערדן וועלן איבערגעמאַכט ווערן אין אַקער־אייזנס. היטלערס אידעאַל איז פון אַלע אַקער־אייזנס צו מאַכן שווערדן. זאָגט דאָך היטלער אין „מיין קאַמף", אַז די מענטשהייט איז גרויס געוואָרן אין דעם אייביקן קאַמף און אין דעם אייביקן פרידן וואָלט זי געגאַנגען צו גרונט. דאָס, וואָס מיר רופן הומאַניזם, איז לויט אים אַן אויסטראַכטעניש, ווייל די נאַטור ווייסט ניט פון אַזאַ באַגריף און אין איר זיגט די אַרט פון פלאַנצן, חיות, וועלכע איז שטאַרקער. „די גרונט־געדאַנקען פון דער נאַטור זיינען אַריסטאָקראַטיש, וואָרעם אין איר איז שטענדיק מנצח דער שטאַרקערער." „די יידישע לערע פון מאַרקסיזם פאַרניינט דעם דאָזיקן אַריסטאָקראַטישן פרינציפּ פון דער נאַטור, ווייל זי שטעלט אַוועק אויפן אָרט פון דער אייביקער בכורה פון כוח און שטאַרקייט די מאַסע פון דער צאָל און איר טויטן געוויכט." דאָ האָט איר נאָר ווי אַ מוסטער אַ קליינע צאָל פון די פּערל, וואָס מיט זיי איז פול „מיין קאַמף". די חיהשע, פּאַטאָלאָגישע שנאה פון היטלערן צו יידן נעמט זיך טאַקע דערפון, וואָס מיט רעכט זעט ער אין דער יידישקייט דעם גרונט־לעכן פרינציפּיעלן היפוך פון זיינע טעאָריעס, די אַנטפּלעקונג פון דער מענטשלעכקייט, וואָס ער פאַרלייקנט. זיין גאַנצע פילאָסאָפיע שטאַמט פון דער בהמה־שטאַל און הינט־הויף (דאָס איז פאַר אים די „נאַטור"). דאָרט און ניט אין אוניווערסיטעטן, פון וועלכע ער חוזקט אָפּ, האָט ער געלערנט זיין „תורה". דאָרט האָט ער געזען, אַז איטלעכער מין פאָרט זיך נאָר מיט זיין גלייכן און אַז אַ העכערער מין וועט זיך ניט אַראָפּלאָזן מתחתן צו זיין זיך מיט אַ נידעריקערן. און פונקט אַזוי, זאָגט ער, ווי עס קען ניט געמאָלט זיין, אַז אַ קאַץ זאָל זיין פריינטלעך מיט אַ מויז, אַקוראַט אַזוי טאָר אויך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט דער שטאַרקער זיך ניט צוזאַמענשמעלצן מיטן שוואַכן און דערמיט ברענגען פאַר אַ קרבן זיין שטאַרקייט.

אמת, היטלער ווייסט, אַז די קולטור און די רעליגיע זיינען געבויט אויפן געדאַנק, אַז „דער מענטש איז גובר די נאַטור", אָבער אויף דעם האָט ער נאָר אַ ביטול־זשעסט. די דאָזיקע טענה איז פאַר אים אַ נאַרישע און דער פּאַציפיזם איז ניט מער ווי „יידישע חוצפה".

אַקוראַט אַזוי, זאָגט היטלער, ווי דער מענטש מוז האָבן די מאַשין אָדער די בהמה ווי אַ געהילף־געצייג, כדי צו אַנטוויקלען זיין טעכניק, פונקט אַזוי וואָלט דער אַריער ניט געקענט מאַכן די ערשטע שריט אין זיין קול־טור־פּראָגרעס, ווען ער וואָלט ניט געקענט פאַרווענדן נידעריקערע מענטשן־ראַסעס ווי אַ הילפס־קראַפט. און „ס'איז בכן ניט קיין צופאַל, וואָס די

ערשטע קולטורן זיינען אויפגעקומען דאָרט, וואו דער אַריער האָט זיך באַגעגנט מיט נידעריקערע ראַסעס, האָט זיי פאַרשקלאַפט און זיי אונטער־טעניק געמאַכט זיין ווילן". דאָס, וואָס די דייטשישע חיילות פאַרוואַנדלען איצט פרייע מענטשן אין שקלאַפן, איז, ווי איר זעט, ניט קיין צופאַל און ניט קיין פראָדוקט פון מלחמה־גרויזאַמקייט, נאָר איז באַגרינדעט אין דער פילאָסאָפיע פון „מיין קאַמף", געדרוקט און פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן און איבערגעזעצט אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. היטלער האָט זיך מיט דער דאָזיקער פילאָסאָפיע אַ האָר ניט געשעמט, נאָר אַדרבא זי אַרויסגעשטעלט אין איר פּרעכטיקער נאַקעטקייט פאַר דער ליכטיקער שיין. און די וועלט האָט עס געזען און געשוויגן און ניט ווייניקע האָבן זי אפילו באַוואונדערט. מען האָט זיך געזעצט מיט אים ביי איין טיש און פאַרהאַנדלט מיט אים לויט אַלע כללים און מידות פון דער „בעסערער" געזעלשאַפט.

אויפן יסוד פון דער דאָזיקער שטאָל־פילאָסאָפיע האָט היטלערס תלמיד, אַלפרעד ראָזענבערג, אין זיין „דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט", געפּרוּווט שרייבן פונדאַסנײַ די מענטשלעכע געשיכטע, וואו ער זעט נאָר אַ קאַמף צווישן שטאַרקע און שוואַכע ראַסעס. די ירידות פון ציוויליזאַציעס ווי די גריכישע, פּערסישע, רוימישע אאַז"וו דערקלערן זיך פשוט דערמיט און נאָר דערמיט, וואָס די העכערע ראַסעס זיינען עובר געווען אויפן געבאָט פון דער „רעליגיע פון בלוט" און זיך אויסגעמישט מיט נידעריקערע. אַט פאַרוואָס געבן רעכט יידן הייסט „געבן דעם גיפט גלייכבאַרעכטיקונג מיטן געזונטן בלוט".

נאָר דאָס איז אַלץ פילאָסאָפיע. די קאָנקרעטע פּאָליטישע פּועל־יוצאס קומען ווייטער. אַט האָט איר זיי. אַלגעמיינע וואַלן זיינען אַן אַב־סורד. זיי מוזן אומפאַרמיידלעך ברענגען דערצו, אַז אויסגעוויילט זאָלן ווערן ניט די פעאיקסטע און די מוטיקסטע, נאָר די מיטלמעסיקייטן, וואָס פּאַסן זיך צו צום געשמאַק און צום פאַרשטאַנד פון דעם פינצטערן המון. פירער ווערן ניט געוויילט, נאָר געבוירן, פּונקט אַזוי ווי געוויסע ראַסעס און פעלקער זיינען געבוירן צו זיין הערשער. אמתע פירער וואַרטן ניט ביז מען וועט זיי אויסקלייבן, זיי שטעלן זיך אַליין בראש פון פאָלק. די עליטע, די וואָס איז אויסדערוויילט פון געבוירן אַן, זי און נאָר זי דאַרף רעגירן. היות ווי דער פאַשיזם וואַרפט אָפּ די אידייע פון דעם מענטשן ווי די קרוין פון דער שאַפונג, האָט ער צום מענטשן, אַלס מענטשן, ניט קיין אַכטונג און ניט קיין פאַרטרויען. צו פרייהייט פון געדאַנק, ווי צו פריי־הייט בכלל, איז דער מענטש ניט דערוואַקסן און וועט קיינמאָל ניט דער־

וואַקסן זיין. פרייהייט מוז במילא מיינען אַנאַרכיע, עגאָאיזם און מאַטע־ריאַליסטישן אינדיווידואַליזם. דער מענטש מוז האָבן אַ משגיח איבער זיך און דער דאָזיקער משגיח איז די מלוכה. איר ווילן איז אַבסאָלוט און איר הערשאַפט — אומבאַגרענעצט. די מלוכה מוז אַרומנעמען אַלץ און בכן זיין טאָטאַל. די מלוכה (דער פאַשיזם שטעלט דעם טראָפּ אויף מלוכה, דער נאַציזם — אויף פאָלק) איז ניט די סומע פון די לעבעדיקע יחידים. די מלוכה אָדער דאָס פאָלק איז אַ מעטאַפיזישער באַגריף. די מלוכה קאָנצענטרירט אין זיך ניט די אידייע פון יחידים, נאָר פון דורות, פריערדיקע, איצטיקע און קומענדיקע. דאָס מיינט, אַז די איצט־לעבע־דיקע יחידים, אפילו אויב זיי זאָלן עפּעס פאַרשטיין און וויסן ווי אויס־צודריקן זייער ווילן, האָבן גאָר ניט קיין רעכט אָנצובינדן דעם דאָזיקן ווילן דער מלוכה, איר צו זאָגן אַ דעה, וואָס זי האָט צו טאָן, ווארעם זייער מיינונג האָט נאָר אַ ווערט פאַר זיי און ניט פאַר די, וואָס האָבן פריער געלעבט אָדער וואָס וועלן שפּעטער קומען אויף דער וועלט. דעם ווילן פון דער נאַציע אין איר גאַנצקייט, ניט בלויז אין אָרט, נאָר אויך אין צייט, קען אויסדריקן נאָר די עליטע, די אויסדערוויילטע, די וואָס פאַר־קערפּערן אין זיך דעם אייביקן גייסט פון פאָלק און זיין היסטאָרישע מיסיע אויף דער ערד.

אָט דאָס איז בקיצור און אין אַלגעמיינע שטריכן די אידעאָלאָגיע פונעם פאַשיזם. פאַר ניט קלאָרקייטן און געוויסע סתירות בין איך ניט פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל זיי געפינען זיך אין זיין מטושטשער פילאָסאָפיע גופא. אָבער ווי מיר דוכט, איז איין מסקנא קלאָר: ערשטנס, אַז די דאָ־זיקע אידעאָלאָגיע איז גאָר ניט קיין נייע און, צווייטנס, אַז טעאָרעטיש איז זי ניט דווקא פאַרבונדן מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סיסטעם פון פאַשיזם. אדרבא, אַז מען וועט שטאַרק אַ גריבל טאָן, וועט מען אייַנזען, אַז זיי געפינען זיך אפילו אין אַ סתירה צווישן זיך. הגם דער פאַשיזם אָנערקענט ניט קיין אַבסאָלוטע גלייכקייט אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן גע־ביט און שטייט, בפרט, שטאַל און אייזן פאַר פריוואַט־אייגנטום, איז ער דאָך אין אַ געוויסן זינען אין ווירטשאַפט־ענינים עגאַליטאַריש און פּלייסט זיך בכל אופן קלענער צו מאַכן די גרוב צווישן רייך און אָרעם, ד״ה ער שטרעבט צו אַ ניוועלירונג פון לעבנס־סטאַנדאַרד, צו אַ געוויסער מאָס פון סאָציאַלער גלייכקייט.

און איך מיין טאַקע, אַז די צונויפשמעלצונג פון עקאָנאָמישן פאַשיזם מיט דער טאָטאַלער מלוכה־אידייע און דיקטאַטור דערקלערט זיך ניט מיט זייער אינעווייניקסטער, לאָגישער צוזאַמענגעבונדנקייט, נאָר דורך

ספּעציפישע סיבות, וואָס זיינען פאַרבונדן אין די לעבנס־תנאים, געשיכטע און כאַראַקטער פון די באַטרעפנדיקע לענדער — דייטשלאַנד און איטאַליע.

די דאָזיקע צוויי לענדער, בפרט אָבער דייטשלאַנד, זיינען אַרויס פון דער מלחמה בשן ועין,ביידע אָפּגענאַרטע און אַנטוישטע. איטאַליע האָט ניט געקראָגן די אַלע טעריטאָריעס, וואָס די אַליאירטע האָבן איר געהאַט צוגעזיכערט איידער זי איז אַריין אין מלחמה. דייטשלאַנד האָט אָוועקגעלייגט דאָס געווער, גלויבנדיק באמת, ווי דאָס באַשטעטיקט אגב קעינס אין זיין ציטירטן בוך, אין די באַרימטע ווילסאָנס 14 פּונקטן און אין די גערעכטע פּרינציפּן פון פעלקער־שלום, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט אין זיינע דערקלערונגען צום קאָנגרעס. זיי האָבן געגלויבט אין אַ „שלום אָן אַנעקסיעס, אָן קאָנטריבוציעס און אָן שטראָפן", אין אַן אַלגעמיינער קירצונג פון די באַוואָפענונגען און אין אַ פאַרקלענערונג פון די אַרמייען ביז צום מינימום, וואָס וועט נויטיק זיין פאַר דער אינעווייניקסטער רו אין לאַנד. אויסגעלאָזט האָט זיך עס דערמיט, וואָס לויט קלעמאַנסאָס פאַרשלאָג האָט די שלום־קאָנפערענץ אפילו ניט אויסגעהערט די דייטשישע דעלעגאַציע, אויסגעלאָזט האָט עס זיך מיט אַנעקסיעס פון דייטשישע טעריטאָריעס און מיט רעפּאַראַציעס, וואָס דייטשלאַנד וואָלט געהאַט צו צאָלן און צאָלן צענדליקער יאָרן.

דער רעזולטאַט איז געווען, ערשטנס, אַ קראַנקהאַפטע, נאַציאָנאַלע פילבאַרקייט פון די באַעוולהטע פעלקער, וואָס איז גאָר גיך איבערגעגאַנגען אין שאָוויניזם און מענטשן־פיינטשאַפט, און צווייטנס — אַ יאוש פון אַלע אידעאַלן פון יושר און שלום, פּראָקלאַמירט דורך די אַליאירטע, און במילא אויך אין דעם מאָראַלישן ווערט פון זייער דעמאָקראַטישן רעזשים. דערצו קומט נאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך צו דער פאַקט, אַז אין די ביידע לענדער איז קיינמאָל קיין אמתע דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג ניט געווען אָדער אין בעסטן פאַל זיך געפונען ערשט אין די וויקעלעך. איטאַליע האָט פאָרמעל געהאַט אַ דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, אָבער די אָרעמקייט און די אומוויסנקייט פון דער באַפעלקערונג האָבן געמאַכט פון דער קאָנסטיטוציע אַ טויטן אות און פון די וואַלן — אַ חוכא וטלולא אין גרויסע טיילן פון לאַנד, בפרט אין די דרום־פּראָווינצן און סיציליע. דערמאָנט זיך די ראָלע פון דער „מאַפיאַ" ביי לאָקאַלע און פאַרלאַמענט־וואַלן. דייטשלאַנד איז קיינמאָל קיין דעמאָקראַטיע ניט געווען און אפילו בעת דער ווייִמאַרער רעפּובליק איז די פאַקטישע מאַכט געבליבן ליגן אין די הענט פון דער „רייכסווער".

נאָך אַ באַווייז דערצו, אַז די פּאָליטישע אידעאָלאָגיע פון דייטשישן פאַשיזם איז אויסגעוואַקסן גאָר אויף אַן אַנדערן באָדן און צוליב אַנדערע סיבות און ניט אויפן עקאָנאָמישן יסוד, איז דער פאַקט, וואָס זיין כאַראַק־טעריסטישע טעאָריע וועגן דער העכערקייט און אויסדערוויילטקייט פון דער דייטשישער ראַסע און פון איר מיסיע צו באַהערשן די וועלט, ווי אויך איר בעסטיאַלישער אַנטיסעמיטיזם, זיינען בכלל ניט קיין דערפינדונג פון נאַציזם. זייערע וואָרצלען זיינען איינגעוואָקסן טיף אין דער דייטשישער געשיכטע און דייטשישן געדאַנק. מעלער וואַן דען ברוק, וואָס די נאַציס באַטראַכטן פאַר זייער יוחנן המטביל, האָט געקענט ברענגען ניט ווייניק ציטאַטן פון העגעל, פיכטע און ניטשע אויף אונטערצושפּאַרן זיין באַרימטן שפּרוך, אַז מיר, דייטשן, זיינען שטאָלץ, ווען מען רופט אונדז באַרבאַרן. געפינט דאָך טאַקע דער נאַציזם זיינע רעליגיעזע אינספּיראַציעס אין די אורגערמאַנישע וועלדער מיט די געטער און גייסטער, וואָס האָבן דאָרט געשוויבלט און געגריבלט. די נאָך־מלחמה־אַטמאָספערע, דייטשלאַנדס מפּלה און דער ווערסאַליער אָפּמאַך זיינען נאָך געווען דער פרוכפּעריקער באָדן פאַר די דאָזיקע אַלטע און עכט־דייטשישע זוימען.

פון דער אַנדער זייט זעען מיר, אַז אין איטאַליע, וואו עס איז גע־שטאַנען דאָס וויגעלע פון פאַשיזם, האָט זיך דער ראַסיזם ניט אָנגענומען, ניט געקוקט אויף אַלע קינסטלעכע מיטלען, וואָס די מוסאָליני־רעגירונג האָט אונטערגענומען, כדי אים דאָרט צו פאַרפלאַנצן, און אַזוי אַרום גע־פינען חן און לייטזעליקייט ביי זיין דייטשישן שותף. דאָ האָט איר אַ צווייטע ראיה, אַז די באַציאונג צווישן פאַשיזם, אַלס ווירטשאַפט־סיסטעם, מיט געוויסע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע באַגלייט־דערשיינונגען איז ניט אין אַלע פּרטים קיין אָרגאַנישע.

אַן ענגערער צוזאַמענהאַנג און אַ קעגנזייטיקע ווירקונג זיינען אָבער יאָ פאַראַן צווישן דעם עקאָנאָמישן פאַשיזם און דעם פּרינציפּ פון טאָטאַ־ליטאַריזם פון דער מלוכה. איטלעכע פאַרשטאַרקונג פון דער מלוכה און פון אירע פונקציעס איז אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן מיט דער אָפּשוואַכונג פון די רעכט און די פרייהייטן פון דעם יחיד. דער עקאָנאָמישער ליבע־ראַליזם האָט באַטייט, אַז אין דער ספערע פון ווירטשאַפט איז דער מענטש געווען פולשטענדיק פריי. אמת, די דאָזיקע פרייהייט איז פאַרן אַרבע־טער, פאַרן אָרעמאַן געווען אין אַ סך באַציאונגען ניט מער ווי אַ טעאָרע־טישע. אָבער פאַר אַ באַדייטיקן טייל פון דער געזעלשאַפט, פאַר דער בורזשואַזיע, פאַר די מיטל־קלאַסן און פאַר אַ גרויסן טייל פון דער אינ־טעליגענץ, איז די בירגערלעכע פרייהייט געווען עפּעס ממשותדיקס.

אָבער ניט נאָר דער סאָציאַליזם און דער פאַשיזם, נאָר אויך יעדע פּלאַנ־ווירטשאַפט, וואָס מיינט אַ ברייטן קאָנטראָל פון דער מלוכה איבער דער ווירטשאַפט, נעמט אַוועק אָדער באַגרענעצט די דאָזיקע פרייהייט. און עבירה גוררת עבירה. איז די רעגירונג שטאַרק, באַקומט זי נייע כוחות דורך איר עקאָנאָמישן קאָנטראָל; שטאַרקט זיך ביי איר במילא די טבע צו באַשרענקען און פאַרמינערן די פרייהייט פון דעם יחיד אויף אַנדערע געביטן פונעם לעבן. דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע טענדענץ. און מען דאַרף זיך וועגן דעם ניט מאַכן קיין פאַלשע אילוזיעס. אַריינגעמענדיק ווירטשאַפטלעכע פונקציעס און אויפגאַבן אין איר רשות, ווערט די מלוכה טאָטאַלער ווי זי איז געווען ביי אַ ליבעראַל־עקאָנאָמישער ווירטשאַפט. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז זי מוז דווקא ווערן די טאָטאַלע מלוכה אין דעם גייסט פון נאַצי־פאַשיזם.

די דערפאַרונג פון „ניו דיל" אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אין דעם פרט גאָר כאַראַקטעריסטיש. איז דאָך דער „ניו דיל" אין תוך, ווי דאָס באַמערקט ריכטיק דזשאָרדזש סאָול, געווען ניט עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּרואוו דורכצופירן די פּרינציפּן פון דער פאַשיסטישער, קאָרפּאָראַטיווער מלוכה אין די ראַמען פון אַ ליבעראַלן, פּאָליטישן רעזשים. ניט אומזיסט מאַכן די נאַצי־פאַשיסטן קולות, אַז דער „ניו דיל" איז אַ פּלאַגיאַט און אַז רוזוועלט האָט זיי נאָכגעמאַכט. רוזוועלט האָט אויך אָפּגעריסן דאָס אַמעריקאַנישע געלט פון זיין מעטאַל־באַזע און באַשאַפן דעם „עלאַסטישן" דאָלער, אויף וועלכן דער בעל־הבית איז ניט מער דער געלט־באַזיצער, נאָר די מלוכה. ער האָט געפּרואווט איינפירן אַ ברייטן מלוכה־קאָנטראָל איבער וויכטיקע ווירטשאַפט־קרייזן, וואָס האָט געמוזט נאָך מער פאַרברייטערט ווערן מיטן אָנהויב פון דער מלחמה. דער באַריכט פון דעם „נעשאָנאַל ריסאָרסיז פּלענינג באָארד", וואָס רוזוועלט האָט אין מערץ היינטיקס יאָר צוגעשטעלט דעם קאָנגרעס, גייט אַ סך ווייטער פון דעם ענגלישן בעווערידזש־פּלאַן, וואָרעם ער האָט צו טאָן ניט בלויז מיט סאָציאַלער פאַרזיכערונג, נאָר אויך מיט דער אָרגאַניזאַציע גופא פון דער ווירטשאַפט. זיך האַלטנדיק ביי פּריוואַט־אייגנטום ווי אַ באַזיס, זעט דער אַמעריקאַנער פּלאַן פאָראויס אין געוויסע פאַלן שותּפותדיקע מלוכה־ און פּריוואַט־אונטערנעמונגען דאָרט, וואו דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל וויל ניט גיין אַליין צוליב ריזיקע. ער זעט אויך פאָראויס גאַראַנטיעס פאַר דעם רעכט אויף אַרבעט, אויף אַן עקסיסטענץ־מינימום, פאַרזיכערונג קעגן אַרבעטלאָזיקייט און קעגן קראַנקהייט, גאַראַנטירטע מעגלעכקייטן פון שול־בילדונג פאַר אַלעמען און אַזוי ווייטער (איך האָב דאָ ניט דעם טעקסט

גופא פון באַריכט און בין זיך סומך אויף דער בראָשור, וואָס די „ניו רעפּאָבליק" האָט אַרויסגעגעבן ווי אַ ביילאַגע צו איר נומער פון ניינצנטן אַפּריל 1943).

צי האָט אָבער דער דאָזיקער פּראָיעקט וועלכע ניט איז שאַנסן דורכ־צוגיין בשלום דורך די שבעה מדורי גיהנום פון דעם 78טן קאָנגרעס? זייער שווער צו ענטפערן אויף דעם מיט יאָ. די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען נאָך באמת אַ שטאַרקע, אפשר די איינציקע, פעסטונג פון קאַפּיטאַ־ליזם. און די רעפּובליקאַנער און אַ טייל דעמאָקראַטן, וואָס פירן אַזאַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם „ניו דיל", טוען עס טאַקע אין נאָמען פון דער אינדיווידועלער „פרייהייט". ניט אומזיסט קלאָגט זיך הואווער, פאַרוואָס אין דעם אַטלאַנטיק־טשאַרטער פעלט די פינפטע פרייהייט, די עקאָנאָ־מישע (לייען: פרייע קאָנקורענץ און פרייע עקספּלואַטאַציע). און ער טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, אַז מיטן סוף פון דער מלחמה וועט אויך נעמען אַ סוף צום „ניו דיל" און בכלל צו דער אַריינמישונג פון דער מלוכה איןווירטשאַפט־לעבן. ניט אומזיסט פּראָקלאַמירן זיך איצט די רעפּובליקאַנער פאַר די אמתע, געטרייע דעמאָקראַטן, די איינציקע, וואָס היטן אָפּ די רעכט און פּרעראָגאַטיוון פון דער „פאָלקס־פאַרטרעטונג" קעגן די דיקטאַטאָריש־פאַשיסטישע „שטיק" פון דעם פּרעזידענט.

אָט דאָ האָבן מיר אַ פאַל, וואו אַ פּרוואו דורכצופירן אַ פּלאַנירטע, קאָנטראָלירטע ווירטשאַפט מיט פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען און ביי אַ דע־מאָקראַטישן רעזשים, איז דערווייל דורכגעפאַלן. צוליב די אייגענע סיבות איז דורכגעפאַלן רוזוועלטס געזעץ־פּראָיעקט וועגן פעסטשטעלן פאַר דער מלחמה־צייט אַ מאַקסימום פון געהאַלט פון 25 טויזנט דאָלער אַ יאָר. דאָס אייגענע שטערט דער קאָנגרעס צו פירן אַ פּרייז־פּאָליטיק, וואָס זאָל דער־לויבן צו האַלטן נידעריק די מקחים פון די פּראָדוקטן פון ערשטער נויט־ווענדיקייט, כדי אויסצומיידן די נויטיקייט צו העכערן די אַרבעט־שכירות און ממילא צו פאַרמיידן אַן אינפלאַציע. אינעם מאָמענט, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות, איז נאָך ניט באַוואוסט, צי וועט רוזוועלט זיגן אפילו אין דעם דאָזיקן עלעמענטאַר־קלאָרן ענין. די מלחמה־ריווחים שטייגן אין אַמעריקע און די פאַרדינסטן פון די גרויסע דירעקטאָרן פון הונדער־טער טויזנטער דאָלער אַ יאָר זיינען זינט דער מלחמה ניט נאָר ניט געוואָרן קלענער, נאָר אדרבא נאָך אויסגעוואָקסן. ביי אַזוינע פאַרהעלטענישן איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו די שטרייקן אין דער מלחמה־צייט זיינען אַ זייער אָפטע און זייער פאַרשפּרייטע געשע־עניש. און ס'איז בפירוש אַ צביעות צו אַפּעלירן צום פּאַטריאָטיזם פון די

אַרבעטער, בעת זיי בײַ זייט באַרייכערן זיך מענטשן אויפֿן חשבון פֿון דער וועלט־קאַטאַסטראָפֿע.

דער קאַמף פֿון קאָנגרעס קעגן יעדן ערנסטן פּרואוו פֿון דער אַד־מיניסטראַציע צו קאָנטראָלירן די ווירטשאַפֿט איז אַזוי האַרטנעקיק, אַז די רעגירונג איז געצוואונגען אָדער אײַנגאַנצן צו פֿאַרמאַכן אָדער אַליין צו פּאַראַליזירן די טעטיקייט פֿון אַ ריי ביוראָס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ווירטשאַפֿט־ענינים. עס האַלט דערבײַ, אַז דער ליבעראַלער „ניו־רעפּאַבליק" רעדט שוין פּראָסט און פּשוט וועגן דעם „ענד פֿונעם ניו דיל".

אָבער אַט די אַלע באַמיאונגען צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקע אין זײַן אַלטער פֿאָרם וועלן, דוכט זיך, זײַן אַן אומזיסטע טרחה. ניט געקוקט אויף זײַן אויסערלעכן גלאַנץ, איז אויך דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם פֿאַרמשפּט אויף אונטערגאַנג. דאָס באַוואוסטזײַן, אַז ווײַטער קען עס אַזוי ניט גיין, דרינגט אַרײַן אין אַלץ ווײַטערע קרייזן, אַפֿילו אין די, אין עצם קאָנסערוואַטיווע, אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס. אין אַ בראָ־שור, ניט לאַנג פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע בײַ דער אַמע־ריקאַנער לערער־פֿעדעראַציע, אָנגעשלאָסן אָן דער „אַמעריקען פֿעדעריישאָן אָוו לייבאָר", געפֿינט איר הגם ניט קיין שאַרפֿן, אָבער אַ זייער קלאָרן אָפּ־קלאַנג פֿון די דאָזיקע שטימונגען אין די אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלע קרייזן. די מחברים, דזשאָן ל. טשיילדס און דזשאָרדזש ס. קאָינטס, אויס־געשפּראָכענע און ביטערע אַנטי־קאָמוניסטן, גיבן זיך פֿונדעסטוועגן אָפּ אַ קלאָרן חשבון: „מען קען ניט דערוואַרטן, אַז דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק זאָל מסכּים זײַן מיט דער דאָגמע, אַז בײַ אַ יערלעכער הכנסה פֿון פֿופֿציק ביז אַכציק ביליאָן דאָלער, זאָל עס תּמיד פֿאַרפֿאָלגט זײַן פֿון דעם ספּעק־טער פֿון אַרבעטלאָזיקייט, אומזיכערקייט און אָרעמקייט, כּדי אָפּצוהיטן די אַלטמאָדישע תּורה און פּראַקטיק פֿון עקאָנאָמישן אינדיווידואַליזם. די צײַט פֿון „לעסעי פֿער" איז פֿאַרבײַ אויף ניט צוריקצוקומען".

און עס קען ניט זײַן קיין גרעסערער טעות, און פֿאַרן אַמעריקאַנער יידנטום קיין מער געפֿערלעכער, ווי זיך צו טרייסטן, אַז אַמעריקע, דאָס לאַנד פֿון פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע, איז פֿאַרזיכערט קעגן פֿאַשיזם. גראָד דאָ האָט ער, ווי עס באַמערקט ריכטיק דזשאָרדזש סאָקול, גאָר היפּשע שאַנסן. די אַרבעטלאָזיקייט, די מאָנאָפּאָליעס, וואָס רויאינירן דעם קליינעם מענטשן, דער חוצפּהדיקער און שרײַענדיקער נאַציאָנאַליזם, די ראַסן־ און רעליגיע־פֿאָראורטיילן, די נטיה צו געוואַלט און ברוטאַליטעט, די גרויסע צאָל פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע גענגסטערס — אַט דאָס אַלץ באַ־טראַכט סאָקול ווי אַ רייכן רוי־מאַטעריאַל פֿאַרן פֿאַשיזם אין אַמעריקע.

אין קעגנזאַץ צו די פּאַראַייניקטע שטאַטן גיט ענגלאַנד אַ בײַשפּיל פון אַ טיפער, סאָציאַלער, הגם ניט סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָס קומט פֿאָר שטיל און אין די טראַדיציאָנעלע ענגלישע קאָנסערוואַטיווע פאָרמען, אינמיטן דער מלחמה און דווקא מיטן הסכם פון פּאַרלאַמענט. לויט די דאַטן פון נאָרמאַן ענדזשעל, איז היינט־צו־טאָג ניטאָ אין ענגלאַנד קיינער, וואָס זאָל פאַרדינען מער ווי 25 טויזנט דאָלער אַ יאָר. און סך־הכל לערך צוויי הונדערט פּערזאָן האָבן אַ פאַרדינסט פון צען ביז 25 טויזנט דאָלער. און דאָס איז אין קלאַסישן לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, וואו פאַר־דינסטן פון הונדערטער טויזנטער דאָלער אַ יאָר זיינען כלל ניט געווען קיין זעלטנקייט. די ענגלישע שטייער־שרויף דריקט גאָר געשמאַק: פון גרויסע הכנסות נעמט די מלוכה אַראָפּ ביז 95 פּראָצענט. דאָס שמעקט שוין כמעט מיט אַן עקספּראָפּריאַציע פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ריווחים. אין אַ דערקלערונג, וואָס דער ענגלישער פינאַנץ־מיניסטער קינגסלי וואוד האָט אָנהויב 1943 אָפּגעגעבן אין דער אונטער־קאַמער, האָט ער אָנגע־וויזן, אַז גלייכצייטיק מיט דעם פאַלן פון די גרויסע פאַרדינסטן קומט איצט אין ענגלאַנד פאָר אַ שנעלער וואוקס פון די קליינע און מיטעלע הכנסות, צווישן 125 און 500 פונט אַ יאָר (לויטן וועקסל־קורס — פון 500 ביז 2000 דאָלער). די צאָל פּערזאָנען מיט אַזאַ יערלעכער הכנסה איז אין דער צייט פון דער מלחמה אויסגעוואַקסן פון פיר ביז ניין אַ האַלב מיליאָן. אַט אַזוי שטאַרק זיינען איצט די ניוועלירונג, די גלייכמאַכנדיקע טענדענצן אין ענגלאַנד. די איצטיקע דורכשניטלעכע הכנסות און דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון דעם רוב ענגלענדער מאַכן פון דעם דאָזיקן פאָלק אַן אויסגעשפּראָכענע מיטלשטאַנד־נאַציע, און נאָרמאַן ענדזשעל, אַליין אַ לעיבאָריסט, קען ניט אָן גרונט זאָגן, אַז ס'איז אַ גרויסער ספק, צי די מערהייט פון דער ענגלישער באַפעלקערונג האָט אַ מאַטעריעלן אינטערעס אין דער פאַרווירקלעכונג פונעם אינטעגראַלן סאָציאַליזם.

אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט זיך אין ענגלאַנד דער מלוכה־קאָנ־טראָל איבער די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דורך די „מענעדזש־מענט לעיבאָר באָאַרדס" באַקומען די אַרבעטער אַ דעה אין דער פאַר־וואַלטונג פון די פאַבריקן. דאָ האָבן מיר ווידער אַמאָל אַ פרידלעכע, טייל־ווייזע פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, וואָס צעשטערט אָבער ניט דעם באַזיס גופא פון פּריוואַט־אייגנטום.

און מען מוז באמת באַוואונדערן דאָס פאָלק, וואָס אין מיטן פון דער גרעסטער אויסערלעכער געפאַר, וואָס עס האָט ווען ניט איז דורגעלעבט אין זיין געשיכטע און אונטער דער פירערשאַפט דווקא פון אַ קאָנסער־

וואַטיוון לידער, ווי ווינסטאָן טשוירטשיל, און מיט אַ פּאַרלאַמענט מיט אַ קאָנסערוואַטיווער מערהייט, האָט עס גלייכצייטיק דורכגעפירט אַזוינע טיפע רעפאָרמעס, וואָס וואָלטן אין יעדן אַנדערן לאַנד געדאַרפט קאָסטן טייכן בלוט.

פון ענגלאַנדס משל קען מען זיך אָפּלערנען אַ שלל מיט זאַכן. קודם־כל, אַז ביי אַ הויכן קולטור־פאָלק מוזן ניט סאָציאַלע איבערקערענישן דורכגעפירט ווערן דווקא מיט געוואַלט. די פאָרמולע פון האַראַלד לאַסקי „רעוואָלוציע מיט אַ הסכם" קען אין אַזאַ סביבה ווערן אַ רעאַליטעט, הגם ער גופא איז כלל ניט זיכער דעריין, וואָרעם באמת זיינען טאַקע ניטאָ קיין גאַראַנטיעס, אַז די איצטיקע רעפאָרמעס וועלן איבערלעבן די מלחמה. דער אויספיר פון ענגלאַנדס עקספּערימענט איז פונדעסטוועגן, אַז אַ שטאַרקע דעמאָקראַטיע, אַן אַלט־איינגעפונדעוועטע און טיף פאַרוואָרצלטע, קען מיט פרידלעכע און דעמאָקראַטישע מיטלען דערגרייכן די אייגענע און נאָך ברייטערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעפאָרמעס, ווי דער פאַשיזם האָט דורכגעפירט מיט געוואַלט און דורך דיקטאַטור, צעשטערנדיק די סאַמע יסודות פון דעמאָקראַטיע.

מיר קענען איצט פאָרמולירן די תשובה אויף דער פראַגע, וואָס איז אויבן געשטעלט געוואָרן וועגן דער מעגלעכקייט אָפּצושיידן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פאַשיזם פון דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק. דאָס איז אין פּרינציפּ מעגלעך ביי אַ זייער הויכער קולטור־אַטמאָספערע, ביי אַ פעסטער, טראַדיציאָנעלער דעמאָקראַטיע, בפרט אין אַ שעת־חירום, ווען די נאַציע איז גובר אַלע אירע אינעווייניקסטע סתירות און אַנטאַגאָניזמען אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער רעטונג.

און צום סוף איז פאַראַן נאָך איין וויכטיקער תנאי: אַ שטאַרק אָרגאַניזירטער, אַ דערפאַרענער און פּאָליטיש־געלערנטער אַרבעטער־קלאַס. איך געברויך מיט אַ כיוון ניט די געוויינלעכע פאָרמולע פון דעם סאָציאַליסטישן ווערטער־בוך „באַוואוסטזיניקער און רעוואָלוציאָנערער", ווייל דווקא דאָרט, וואו ס'איז געווען אַזאַ אַרבעטער־קלאַס, האָט דער פאַשיזם געזיגט ניט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך טריאומפירט אידעאיש־פּאָליטיש. איך מיין אָבער דווקא פאַרקערט: אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ביי אים שטייגט דאָס באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער אחריות אַריבער דעם קלאַסן־סענטימענט, אַן אַרבעטערשאַפט, וואָס זאָל רייף זיין צו נעמען אויף זיך די מיסיע צו פאַראייניקן די קלאַסן אויפן יסוד פון אַ סאָציאַלער פשרה, אין גייסט פון נאַציאָנאַלער האַרמאָניע. און עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז דאָס איז דער פאַל מיטן ענגלישן אַרבעטער־קלאַס. איין זאַך איז זיכער:

דאָרט וואו די אַרבעטערשאַפט קלאַמערט זיך נאָר אָן אירע ווירטשאַפטלעכע קלאַסן־אינטערעסן, דאָרט וואו בראש פון דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער איינהייט בלייבן בכן שטיין נאָר די מיטל־קלאַסן, ווי דאָס איז געשען אין דייטשלאַנד און איטאַליע, וועט דער רעזולטאַט מסתמא זיין דער זעלבי־קער — דער פולער, אינטעגראַלער פאַשיזם, מיט אַן אומפאַרמיידלעכער באַגלייטונג פון ענגן שאָוויניזם און במילא אויך פונעם פינצטערן אַנטי־סעמיטיזם. די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג איז ביז איצט געווען, ווי ווייט זי האָט אַרומגענומען די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, אַ ריין־ און ענג־געווערקשאַפטלעכע. פּאָליטיק איז ביי איר געווען טריף ווי חזיר. ניט זי פּרעטענדירט, ניט זי קען נעמען אויף זיך די ראָלע פון נאַציאָנאַלער פירערשאַפט, ניט אפילו ווערן אַ שותף דערצו. די דאָזיקע שטעלונג פון דער אַרבעטערשאַפט באַשאַפט אַ גינסטיקן באָדן פאַרן אויסוואוקס פון פאַשיזם אין לאַנד.

איך מאַך זיך ניט קיין אילוזיע מיט אַזויפיל באַוואָרענישן, תנאים און „אויבן", אַז דאָס אויבן געזאָגטע איז ניט דער קלאָרער, פשוטער און קאַטעגאָרישער ענטפער, וואָס דער עולם פאַרלאַנגט. נאָר אויב אַזאַ תשובה קען ניט באַפרידיקן די נייגעריקע, וואָס ווילן אַקוראַט וויסן, וואָס עס וועט פאַרקומען אין דער צוקונפט, און אַ פשיטא שוין ניט די, וואָס ווייסן דאָס שוין פון לאַנג און לייענען אין דער צוקונפט ווי אין אַן אָפּעני־נעם בוך, קען זי אָבער יאָ האָבן אַ געוויסן נוצן, כדי אונדז צו אָריענטירן אין דעם וועג, וואָס מען דאַרף אויסקלייבן אויף צו גיין אין דער אָדער יענער ריכטונג. די אַלע, וואָס ווילן פאַרמיידן דעם ניצחון פון אינטעגראַלן פאַ־שיזם, אָבער גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט פון אַ תיכפדיקער פאַר־ווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איבער דער גאַנצער וועלט, פאַר די אַלע בלייבט נאָר איין עצה: די פלאַנווירטשאַפט אין די ראַמען פון אַ דעמאָ־קראַטישן סדר. דאָס מיינט במילא, אַז זיי מוזן לכתחילה מקבל באהבה זיין די אַלע באַגרענעצונגען פון פערזענלעכע פרייהייטן און די באַשרענקונגען פון פאַרלאַמענטאַריזם, וואָס זיינען דערמיט אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן. און די פעלקער וועלן זיך מסתמא געבן אָט די עצה. טראַגיש וועט אָבער ווערן אונדזער יידישע לאַגע אין אַ וועלט, וואו דער ווירטשאַפט־קאָנטראָל וועט ווערן גרעסער, די דעמאָקראַטיע און פרייהייטן קלענער. נאָר דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

קאַפּיטל זיבן

קאַפּיטאַליזם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם

אַז דער סאָציאַליזם לעבט איבער אַ קריזיס, דעריין זיינען אַלע מסכים, בתוכם דער רוב סאָציאַליסטן גופא. די מיינונגען גייען זיך נאָר פאַנאַנדער בנוגע די סיבות און דעם כאַראַקטער פונעם קריזיס. אָנגעהויבן האָט ער זיך שוין בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָר דעמאָלט האָט זיך דער דורכפאַל פון סאָציאַליזם באַוויזן נאָר אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פעלד, בעת עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז גאָר ניט די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע קראַפט, פאַר וועלכער דאָס בירגערטום האָט געציטערט. ביים דעם ערשטן שאָס פון די קאַנאָנען, און אפילו נאָך עפּעס פריער, איז זיך דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאַנאַנדערגעפאַלן. די אַרבעטער האָבן זיך גרופּירט און אָפּגעזונדערט לויט איינצלנע פעלקער און צוזאַמען מיט די איבעריקע קלאַסן זיך געשלאָגן קעגן אַנדערע אַרבעטער, איטלעכער פאַר זיין פאָלק און לאַנד.

אָבער דעם ריכטיקן טויט־קלאַפּ האָט דער סאָציאַליזם באַקומען נאָך דער מלחמה, בעת ער האָט אַרויסגעוויזן כמעט די אייגענע אָנמעכטיקייט אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן געביט ווי פריער אויפן אינטערנאַציאָנאַלן. וואָס מער דער סאָציאַליזם האָט אָפּגעהאַלטן פּאַרלאַמענטאַרישע ניצחונות, וואָס האָבן אים אין אַ ריי לענדער, ווי דייטשלאַנד, עסטרייך, ענגלאַנד, געמאַכט אָדער פאַר דעם אַנטשיידנדיקן רעגירונגס־פאַקטאָר אָדער פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע מאַכט־פאַקטאָרן, אַלץ שרייענדיקער איז געוואָרן דער אָפּגרונט צווישן זיינע כוונות און מעשים, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן זיין אַבסאָלוטע מאַכטלאָזיקייט בייצוקומען דעם עקאָנאָמישן קריזיס, בפרט אָבער די אַרעבטלאָזיקייט. דער סאָציאַליזם האָט אין ערגעץ ניט געמאַכט אפילו קיין ערנסטן פּרואוו אויפצוטרייסלען די פונדאַמענטן גופא פון דעם בירגערלעכן, געזעלשאַפטלעכן סדר.

מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן דער געוואַלטיקער מאַכט פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, בפרט אין פראַנקרייך, און ווי אַזוי די גרויסע בענק

פלעגן חוזק מאַכן פון דער פאָלקס־פאַרטרעטונג, וועלכע האָט זיך געמוזט פאַר זיי הכנעהדיק בויגן. און אָט איז געקומען אין דעם דאָזיקן לאַנד אַ רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט, בראש מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט און אַ סאָציאַליסטישן פרעמיער — לעאָן בלום. דערמאָנט אונדז טאָקע ניט קיין אַנדערער ווי דער באַוואוסטער סאָציאַליסטישער טוער לואי לעווי, אַז אויך די דאָזיקע רעגירונג האָט געפירט אַ ליבעראַלע פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק און אפילו ניט געהאַט דעם מוט אַנטקעגנצושטעלן אַ דעוויזן־קאָנטראָל קעגן דער קאָנצענטרירטער אַטאַקע אויפן פראַנק מצד די בענק און אַנצונעמען קעגן זיי וועלכע ניט איז צוואַנג־מיטלען. דאָס אייגענע בילד זעען מיר אויך אין אַנדערע לענדער. ג. ד. ה. קאָאל, אַליין אַ סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, וועלכן מען קען געוויס ניט חושד זיין אין פאַראורטיילן קעגן סאָציאַליזם, זאָגט וועגן דער בריטישער לעיבאָר־פאַרטיי, אַז מיטן סאָציאַליזם מיינט זי גיט קיין „ביזנעס".

די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און די אַרבעטער־סינדיקאַטן זיינען בפועל געוואָרן אַ טייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. די ווערבאַלע אָפּאָזיציע קעגן דעם דאָזיקן רעזשים, די רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע, זיינען געווען ניט מער ווי אַ גירסא דינקותא, אַ ווייטע און שוואַכע עכאָ פון דער העראָאישער עפּאָכע פון סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם האָט גע־האָט דעם אייגענעם מזל ווי די קריסטלעכע קירך. אויך זי איז געבליבן געטריי מיט די לעפצן דער לערע פון קריסטוסן און פון די עוואַנגעליעס, אָבער געוואָרן אַ שותף צו דער ממשלת הזדון פון די קריסטלעכע פעלקער. די סאָציאַליסטישע פאַרטייען זיינען כמעט אומעטום געוואָרן פאַרטייען פון „אָרדענונג". ניט אומזיסט קען זיך פריץ טיסען ניט אָפּלויבן פון דער גוטער אויפפירונג פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. און האָט דען ניט גוסטאַוו נאָסקע, למשל, אונטערגעדריקט מיט די שאַרפסטע און גרויזאַמסטע מיטלען דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער דייטשישער אַר־בעטערשאַפט, וועלכער האָט ערנסט גענומען דעם סאָציאַליזם און אים געוואָלט פאַרווירקלעכן טאָקע תיכף און ניט לעתיד לבוא.

אָט פאַרוואָס מען קען זאָגן, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען פון אויבנאויף, אַז דער קריזיס פון סאָציאַליזם איז אין תוך דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. ווי באַלד דער סאָציאַליזם איז געשטאַנען מיטביידע פיס אויפן באָדן פון קאַפּיטאַליזם, האָט ער במילא געמוזט ליידן פון אַלע קאָנ־סעקווענצן פון דאָזיקן סדר, ווי אָרעמקייט, אַרבעטלאָזיקייט און נויט און האָט דאָס ניט געקענט בייקומען פונקט אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליזם גופא האָט עס ניט געקענט באַזייטיקן. אָבער מאָראַליש און פּאָליטיש האָט

דער קריזיס פון סאָציאַליזם געמוזט זיין שאַרפער און טראַגישער, ווייל אויב דער קאַפּיטאַליזם האָט קיין גן־עדן אויף דער וועלט ניט פאַר־שפּראָכן, האָבן אָבער די מאַסן געלייגט אויף דעם סאָציאַליזם אַלע זיי־ערע האָפענונגען אויף באַפרייאונג פון נויט און פּיין. אויב דער קאַפּיטאַ־ליזם איז געווען הארמאָניש אין ציל און מיטלען, אין מחשבה און מעשה, איז ביים סאָציאַליזם געוואָרן אַלץ ברייטער דער תהום צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט, צווישן כוונות און דערגרייכונגען. דערפון האָט זיך גענומען דער צושטאַנד פון אומרו און צום סוף פון יאוש, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט הן די סאָציאַליסטיש־אָרגאַניזירטע מאַסן, הן אפילו די ערלעכע און ניט ביוראָקראַטיזירטע פירערשאַפט.

ס׳איז פאַראַן אַ פּשוטע און לייכטע דערקלערונג פון דעם קריזיס פון סאָציאַליזם, ווי בכלל פון אַלע אומגליקן, וואָס פּאַסירן מיט דער מענטש־הייט. און די דאָזיקע דערקלערונג הייסט — בגידה פון די פירער. שול־דיק זיינען די סאָציאַליסטישע פירער, ווייל זיי האָט געפעלט דער ווילן צום ניצחון, דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט, ווייל זיי האָבן בוגד געווען אין די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, אים פאַרקויפט צו דער בורזשואַזיע און אַזוי ווייטער אין דעם גוט באַקאַנטן נוסח. איך גלויב ניט, אַז עס זאָל זיך לוינען לאַנג אויפצוהאַלטן אויף דער דאָזיקער, שוין צו פּשוטער דערקלערונג פון אַזינע וויכטיקע, היסטאָרישע געשעענישן. אי־בעריקנס האָבן די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן די ערשטע געוואָרפן דאָס שלאַג־וואָרט „סאָציאַל־פאַררעטער״, אַליין באַקומען דאָס דאָזיקע שלאַג־וואָרט צוריק אין פּנים אַריין פון טראָצקין, וועלכער האָט צוגעשריבן דעם דורכפאַל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אייראָפּע דער בגידה פון סטאַלין און פון דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע. איןביידע פאַלן איז עס, פאַרשטייט זיך, פאַלש און באַוויזט נאָר, ווי לייכט מען וואַרפט זיך אַרום אינעם ראַדיקאַלן לאַגער מיט באַשולדיקונגען אין פאַרראַט. האָבן די פירער פאַרלאָרן דעם פּאַטאָס פון רעוואָלוציע, דעם ענטוזיאַזם פאַרן סאָ־ציאַליזם, פרעגט זיך פאַרוואָס האָבן זיך ניט געפונען קיין אַנדערע פירער מיט אַ ריינערן געוויסן און מער התלהבות, ווי באַלד די מאַסן זיינען גע־בליבן געטריי זייער אידעאַל און אויב זיין פאַרווירקלעכונג איז געווען אָב־יעקטיוו מעגלעך.

דער אמת איז אָבער גאָר אַן אַנדערער: ניט דער סאָציאַליזם און ניט דער קאָמוניזם האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרווירקלעכן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט פאַר זיך די מערהייט פון פאָלק, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער און עקשנותדיקער אָפּאָ־

זיציע מצד דעם מיטלשטאַנד און אַ גרויסן טייל פון דער אינטעליגענץ, און אפילו פון באַוואוסטזיניקע קרייזן פון דער בעסער סיטואירטער אַרבעטערשאַפט, ד״ה פון די אַלע שיכטן, וועלכע האָבן, צי צוליב אינטערעסן, צי צוליב אידעאָלאָגישע טעמים, זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן רעזשים פון פּריוואַט־אייגנטום און פון אינדיווידועלער פרייהייט און איניציאַטיוו.

אָט פּאַרוואָס, אויב מיר קענען יאָ האָבן טענות צו דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס זי האָט ניט פּאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם, דאָס איז געווען העכער פון אירע כוחות, נאָר פּאַרוואָס זי האָט געלאָזט לאַנג פּאַרשלעפּן דעם צושטאַנד פון אָנמעכטיקייט און פון דער פּערמאַנענטער סתירה צווישן אידייען און ווירקלעכקייט. איטלעכער קאַמף מוז זיך פריער אָדער שפּעטער ענדיקן מיט איינס פון די צוויי: אָדער מיט אַ ניצחון פון איין צד איבערן צווייטן אָדער מיט אַ פּשרה צווישן זיי. קיין אַנדערן זין קען אַ סאָציאַלער געראַנגל ניט האָבן און קיין אַנדער אויסוועג קען ניט זיין, סיידן מען קומט צו אַ טויטן פּונקט און מען פּאַלט אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל אָן אַן אויסגאַנג. דער קאַמף צווישן דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט מיט די איבעריקע געזעלשאַפט־קלאַסן האָט אין דעם פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות דערפירט צו אַ מין „מאַט" פּונעם שאַך־שפּיל, צו אַ פולשטענדיקן פּאַראַליז פון דער פּאָליטישער מאַשינעריע. און היות ווי די סאָציאַליסטן האָבן ניט געקענט געווינען דעם קאַמף און פון דער אַנדער זייט האָט זיי דאָס האַרץ ניט געלאָזט איינצוגיין אויף אַן אויפריכטיקן און לאַנגדויערנדיקן קאָמפּראָמיס־שלום, האָבן זיך געמוזט געפינען אַנדערע, וואָס זיינען געווען פריי אָדער האָבן זיך באַפרייט פון דער אידעאָלאָגישער ירושה פון סאָציאַליזם און געקענט ברענגען צו אַ פּשרה, צו אַ מאָדוס וויווענדי צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן און נאַציאָנאַלער האַרמאָניע. די דאָזיקע מיסיע האָבן דערפילט די פאַשיסטן, זיך שטיצנדיק דער עיקר אויף די מיטל־קלאַסן און מיט דער הילף פון אַ טייל פון פּראָלעטאַריאַט און פון די אַרבעטלאָזע. מען האָט האַנרי דע מאַן, איינעם פון די טאַלאַנטפולסטע פירער פון דער בעלגישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פאַרשריען פאַר אַ בוגד, פאַר אַ פאַרקויפטן, בעת ער איז נאָך דער אינוואַזיע פון זיין לאַנד אַריבערגעלאָפן צום פאַשיזם. איך ווייס ניט, וויפיל אמת עס שטעקט אין דער דאָזיקער באַשולדיקונג. איך מוז אָבער זאָגן, אַז אַ סך שטעלעס פון זיין בוך „אַפּרע קו" („לאחר המעשה"), וואָס ער האָט פּובליצירט נאָכן צוזאַמענברוך פון בעלגיע, מאַכן דעם איינדרוק פון אַן ערלעכן ווידוי פון איינעם, וואָס האָט שוין לאַנג פריער געזען, ווי די וואַקלענישן און

קווענקלעניש פון סאָציאַליזם צווישן טעאָריע און פּראַקטיק האָבן אַרייַנגעפירט די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ טעמפּן געסל, פון וואַנען עס איז קיין אויסגאַנג ניט געווען.

אַז דער פּאַשיזם איז געקומען מיטן לאָזונג: אַ סוף צום קלאַסן־קאַמף און עס זאָל לעבן די נאַציאָנאַלע אחדות, זייַנען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געבליבן אָן וואָפן אויף צו קעמפן קעגן אים. וואָס האָבן זיי באמת געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם פּאַשיזם, איך מיין ניט ווערטער, פון דעם מין איז געווען די והותר, נאָר מעשים? סאָציאַלע רעפאָרמעס, פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער־ און אַרבעטלאָזע מאַסן? נאָר גראָד אין דעם פּרט האָט דער פּאַשיזם געקענט פועלן אַ סך מער ווי די סאָציאַליסטן און באמת טאַקע מער אויפגעטאָן. דאָס, וואָס דאָס בירגערטום האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן דעם סאָציאַליזם אין קאַמף, ווייל עס האָט געוואוסט, אַז יעדע הנחה וועט פאַרשטאַרקן אַ פייַנטלעכע קלאַסן־פּאָזיציע און דינען ווי אַ מיטל צו דער אויסראָטונג פון בירגערטום גופא, האָט עס, אמת ניט מיט קיין גרויסן חשק, מקריב געווען אין נאָמען פון אַ קלאַסן־פרידן, אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן שלום־בית, וואו עס האָט געהאַט ווייניקער צו פאַרלירן. נעמט, למשל, די עלטער־פאַרזיכערונג אין פראַנקרייך. לעאָן בלום האָט עס בשום אופן ניט געקענט דורכפירן דורכן פּאַרלאַמענט, ווייל די ראַדיקאַלן האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן אין דעם פאַל פאַרלאָזן די פאָלקס־פראָנט־רעגירונג. איז געקומען מאַרשאַל פּעטען און אין 24 שעה, דורך אַ דעקרעט, עס דורכגעפירט אין לעבן. און געקענט טאָן האָט ער עס ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די אַבסאָלוטע מאַכט, נאָר אויך ווייל די בורזשואַזיע האָט ניט געמאַכט קיין אָפּאָזיציע און ניט געקענט מאַכן קעגן אַ רעפאָרם, דורכגעפירט דורך פּעטען און לאַוואַל. דאָס אייגענע איז געשען אין איטאַליע און דייטשלאַנד נאָך פאַר דער מלחמה.

אויף דעם האָבן די סאָציאַליסטן איין טענה: דעם טייערן מקח, וואָס די אַרבעטער און די פאָלקס־מאַסן בכלל האָבן געהאַט צו באַצאָלן פאַר די פּאַשיסטישע רעפאָרמעס, פאַר וועלכע זיי האָבן געמוזט אָפּגעבן זייער פרייהייט און זייער קאַמף פאַר אַ בעסערער און גליקלעכער וועלט אין דער צוקונפט. אָט דער צוגאַנג צו דער פראַגע באַווייזט נאָר איינס פון די ביידע: אָדער די סאָציאַליסטישע פירערשאַפט, על פי רוב אינטעליגענטן, איז באמת אָפּגעריסן געווען פון די מאַסן, אָדער זי האָט זיי אַזוי אידעאַליזירט, אַז זי האָט זיי געהאַלטן פאַר מלאכים. ס'איז אַן אַלטע מעשה. אַז ס'שטעלט זיך די דילעמע — ברויט אָדער פרייהייט, ענטפערן די, וואָס האָבן ברויט — פרייהייט און

די, וואָס הונגערן — ברויט. פאַרן בירגערטום איז אויך געשטאַנען די דאָזיקע דילעמע, נאָר אין אַן אַנדער פאָרם: פּראָפיט אָדער פרייהייט, און זי האָט אויסגעקליבן פּראָפיט. איז צו אים קענען מיר טאַקע האָבן גערעכטע טענות. אָבער דער ענטפער פון די מאַסן איז מאָראַליש אַבסאָלוט באַרעכטיקט, ווארעם די וויכטיקסטע פון אַלע פרייהייטן איז די, וואָס דער אַטלאַנטיק־טשאַרטער רופט אָן באַפרייאונג פון נויט. עס איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין שום רעאַלע פרייהייט, ניט פון געדאַנק און ניט פון וואָרט פאַרן הונגעריקן, פאַר אַרבעט־ און פרנסהלאָזן מענטשן. קען אַ מענטש ניט באַפרידיקן זיינע עלעמענטאַרע באַדערפענישן, מוז ער ביסלעכווייז פאַרלירן זיין צלם אלוקים און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטומער באַשעפעניש, וואָס נאַרונג איז איר איינציקער צוועק, איר איינציקער זין פון לעבן און עקסיסטענץ.

און היות ווי דער סאָציאַליזם האָט גאָרניט ניט געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם פאַשיזם אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט, האָט ער אין קאַמף קעגן אים אַלץ מער זיך געמוזט קלאַמערן אָן ריין אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע מאָטיוון און ניט ווילנדיק איז ער געוואָרן אַ פאַרטיידיקער פון דער ליבעראַלער דעמאָקראַטיע און בירגערלעכן פּאַרלאַמענטאַריזם. מיט אַנדערע ווערטער, אויך דאָ האָט ער אַלץ פעסטער פאַרבונדן זיין גורל מיטן קאַפּיטאַליזם. אַ פאַרביסענע קריטיק פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע האָט איר פון איצט אָן באַקומען צו הערן דווקא פון פאַשיסטישן לאַגער און די סאָציאַליסטן זיינען געצוואונגען געווען, דורך דער לאָגיק פון פּאַרטיי־קאַמף, צו נעמען אויף זיך די אומדאַנקבאַרע ראָלע צו פאַרטיידיקן, אמת, אָפּט מיט אַ האַלבן מויל, די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע אָרדענונג. אפילו אין פראַנקרייך, וואו דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז געווען דורכגעפוילט דורך און דורך, קאָרומפּירט מאָראַליש און צום טייל אויך פּראָסט־פשוט, איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געוואָרן די וואַרעמסטע באַשיצערין פון דער דריטער רעפּובליק. אין דער פראַנצויזישער קאַמער, געקליבן אין 1936, זיינען געווען אַכצן פּאַרטייען און לכל הפחות די טאָפּלטע צאָל פראַקציעס און אונטער־פראַקציעס און כמעט דאָס אייגענע בילד האָט מען געקענט זען אין די פריערדיקע קאַמערן. רעגירונגען פלעגט מען בייטן אין פראַנקרייך ווי הענטשקעס, אויב ניט נאָך אָפטער. דער דורכשניטלעכער לעבנסעלטער פון אַ רעגירונג אין פראַנקרייך איז געווען זיבן חדשים. עס זיינען אָבער אויך געווען ניט ווייניק רעגירונגען, וואָס האָבן געהאַט נאָך אַ קירצער לעבן, אַ חודש, אַ וואָך און זיבן רע־

גירונגען זיינען געפאַלן דעם זעלביקן טאָג, ווי זיי האָבן זיך פאַרמירט (די דאָזיקע דאַטעס זיינען גענומען פון בוך פון ראָבער דע סען זשאַן „דעמאָ־קראַטיע, פוטער און האַרמאַטן").

דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט, און דאָס אייגענע לאָזט זיך זאָגן וועגן אַ סך אַנדערע פּאַרלאַמענטן, חוץ דעם ענגלישן, האָט מיט אמתער דעמאָקראַטיע, מיט ריכטיקן פאָלקס־ווילן, געהאַט גאָר אַ קנאַפּע שייכות. איין מאָל אין פיר יאָר, ביי וואַלן, האָט מען זיך דערמאָנט אָן פאָלק. און דער פאָלקס־מענטש גופא? ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם שטים־צעטל אין דער אורנע און דערמיט יוצא געווען. נאָך די וואַלן איז אַלץ אַוועק ווי פריער, עס האָט געאַרבעט די פּאַרטיי־מאַשין, אַ קליין קרייזל טוער. דער נאָמען „די רעפּובליק פון די קאַמאַראַדן" איז געווען כשר פאַר־דינט. ס'איז ניט קיין חידוש, וואָס אין יולי 1940, נאָך דער מפּלה, האָט דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט זיך אַליין פונאַנדערגעלאָזט און לערך אַכציק פון די 125 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן האָבן אפילו געשטימט איבער־צוגעבן די גאַנצע מאַכט דעם אַלטן מאַרשאַל פּעטען. די מאָראַליש־פּאָלי־טישע ווידערשטאַנד־קראַפט פון פּאַרלאַמענטאַריזם איז אין פראַנקרייך געווען אַזוי נישטיק, אַז ער איז ווי אַ קאַרטן־הייזל זיך פונאַנדערגעפאַלן פונעם שטורעם־ווינט. און ווי האָט דאָס פאָלק רעאַגירט? ריכטיק וועט זיין צו זאָגן, אַז ס'איז בכלל קיין רעאַקציע ניט געווען. און ניט דערפאַר ווי מען מיינט אָפט, ווייל דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז פאַרטויבט געוואָרן פון דעם גרויסן קלאַפּ, וואָס עס האָט באַקומען. דאָס אייגענע פראַנצוי־זישע פאָלק האָט פריער שוואַכער און דערנאָך — אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אָרגאַניזירט זיין ווידערשטאַנד קעגן דעם אַריינדרינגער. שוין אין יוני האָט זיך געפונען אַ פראַנצויזישער גענעראַל, דע גאָל, וואָס האָט גערופן צום ווייטערדיקן קאַמף. הונדערטער יונגע פראַנצויזן האָבן זייער לעבן ריזיקירט און אויף פישער־שיפלעך זיך געלאָזן איבערן קאַנאַל צו ענגלאַנד צו. ניט ווייניק יונגע לעבנס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אין דעם אונטערערדישן קאַמף מיטן שונא אין לאַנד גופא. האָבן זיך אַ סך געפונען, וואָס זאָלן מקריב זיין זייער לעבן פאַרן רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישן רעזשים? איך וויל עפּעס דאָ זאָגן, וואָס וועט מן הסתם קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, עס איז אָבער אַ מעשה שהיה. די דעפּאָרטאַציעס פון אויס־לענדישע יידן קיין פּוילן, זומער 1942, האָבן אַ סך מער אויפגעברויזט און אויפגערעגט דאָס פשוטע פאָלק אין פראַנקרייך, ווי דאָס פונאַנדערלאָזן דעם פּאַרלאַמענט. ווייל דאָ האָט דער פראַנצויזישער פאָלקס־מענטש דער־

פילט די גרויסע עוולה, וואָס ווערט אָפּגעטאָן אומשולדיקע מענטשן, כאָטש פרעמדע, און ער האָט דערזען אין וואָס פאַר אַ טיפן מאָראַלישן תהום עס וואַרפט אים אַריין דער הכנעה־רעזשים פון ווישי. הונדערטער פראַנ־צויזן האָבן ריזיקירט מיט פיליאַריקער תפיסה אָדער נאָך האַרבערע שטראָפן, כדי אויסצובאַהאַלטן יידן. אָבער איר וואָלט זיכער ניט געפונען קיין סך פראַנצויזן, וואָס וואָלטן ריזיקירט מיט תפיסה, כדי צו פאַרטיידיקן די דע־פוטאַטן און „זייער״ פאַרלאַמענט.

„זייער״ רעגירונג, „זייער״ פאַרלאַמענט — אַזוי האָט דאָס פאָלק געקוקט אויף די דעמאָקראַטיש געקליבענע פאָלקס־פאַרטרעטער. און די דאָזיקע באַציאונג איז ניט מער ווי נאַטירלעך, ווען מען באַרעכנט זיך, ווי נישטיק ס'איז געווען דער אמתער אַנטייל פון פאָלק אין דער פאַרוואַלטונג פונעם לאַנד, אין דער דאָזיקער „שטימצעטל־דעמאָקראַטיע״. און אויב די הויפּט־שולד איז געלעגן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג גופא, וועל־כע דערלאָזט ניט קיין רעאַלע גלייכקייט צווישן די בירגער און במילא ניט קיין גלייכן אַנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון לאַנד, ביי וועלכן „די רעגירונג פון פאָלק, דורכן פאָלק און פאַרן פאָלק״ איז אין עצם אַ פוסט וואָרט, טראָגן דאָ אָבער די דעמאָקראַטישע און בפרט די סאָציאַליסטישע פאַרטייען ניט קיין קליינעם חלק שולד דערין, וואָס אפילו די באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים האָט געגעבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעמאָקראַטישן גייסט און פון דעמאָקראַטישע אינ־סטיטוציעס, זיינען געבליבן כמעט ניט אויסגענוצט. די פאַרטייען און די פירערשאַפט האָבן פאַקטיש אַוועקגערוקט דאָס פאָלק אין די הינטערשטע רייען. די ביוראָקראַטיע און די פאַרטיי־מאַשין האָבן אויסגעלאָשן דעם לעצטן דעמאָקראַטישן פונק, וואָס האָט נאָך ערגעץ־וואו געטליעט. אַזוי האָט פאַסירט אין דייטשלאַנד, הן אין דער פאַרטיי, הן אין די געווערק־שאַפטן, אַזוי איז אויך געווען אין פראַנקרייך, אפילו אין ענגלאַנד, אינעם לאַנד פון הונדערט־יאָריקע גרעאַנגלט פאַר פאָלקס־רעגירונג און פון דורות־לאַנגע טראַדיציעס פון לאָקאַלער פאַרוואַלטונג. אפילו דאָ האָט די פאַרטיי־מאַשין אַנגעמאַכט ניט ווייניק חורבות און ניט ווייניק מיטגעהאָלפן צו דיס־קרעדיטירן דעם פאַרלאַמענטאַרישן רעזשים. זאָגט טאָקע פּראָפעסאָר קאָרר, אַז הן דעפוטאַטן און הן מיניסטאָרן ווערן פון די פאַרטייען אין ענגלאַנד גאָר אָפט באַשטימט ניט לויט זייערע פערזענלעכע קוואַליפיקאַציעס, נאָר לויט דעם, צי זיי האָבן אַ פאַרמעגן, פון וועלכן די פאַרטיי־קאַסע קען געניסן און צי זיי וועלן בלינד פאָלגן, וואָס די פאַרטיי־מאַשין וועט באַ־

פעלן. אַט פאַרוואָס אַזוי פיל מיטלמעסיקייטן דערדינגען זיך ביז צום גראַד פון אַ דעפּוטאַט אָדער גאָר אַ מיניסטער.

אַט אויף דעם קנה רצוץ איז דער סאָציאַליזם געצוואונגען געווען זיך צו שטיצן אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם. קיין אַנדער ברירה איז ניט געבליבן, אויב ער האָט פון איין זייט ניט געקלערט אפילו וועגן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם בקרוב בימינו און פון דער אַנדער זייט ניט געוואָלט נעמען אין זיינע הענט די סאָציאַלע רעפאָרמעס אויפן באַזיס פון נאַציאָנאַלער איינהייט. שפּעטער, אָבער שוין צו שפּעט, זיינען סינדיקאַליסטן אין פראַנקרייך געקומען צו דעם דאָזיקן געדאַנק. אַזוי דערציילט אונדז פּאָל וויניאַ, איינער פון די אָנגעזעענסטע אידעאָלאָגן פון דער קריסטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג אין פראַנקרייך, אַז אין יולי 1940, נאָך דער קאַטאַסטראָפע, האָט לעאָן זשואָ, דער פירער פון דער ס. זש. ט. (אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע) אויפן צוזאַמענפאָר פונעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין טולוז, פאָרגעשלאָגן אַ פּראָיעקט, וועלכער איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, וועגן דער שאַפונג פון אַ „פּראָנצויזישער אַרבעט־געמיינשאַפט", וועמענס ציל ס'האָט געזאָלט זיין צו בילדן אַ „פּערמאַנענטע קאָאָרדינאַציע צווישן אַלע אָרגאַניזירטע כוחות פון פּראָדוקציע און אַרבעט". שטעלט מען דעם פּינטל אויפן יוד הייסט דאָס, אַז דער פראַנצויזישער סינדיקאַליזם האָט דעמאָלט שוין איינגעזען די נויטיקייט פון דער פּראָפעסיאָנעלער קאָרפּאָראַציע, וואָס פאַראייניקט אַרבעטגעבער און אַרבעטנעמער, פון דער קאָרפּאָראַציע, וואָס איז געלייגט געוואָרן אינעם יסוד פון דעם אַרבעט־טשאַרטער, וואָס די האַלב־פאַשיסטישע ווישי־רעגירונג האָט דערנאָך איינגעפירט. מיט דעם אונטערשייד, פאַרשטייט זיך, וואָס לויטן געדאַנק פון זשואָ וואָלטן פּאַראַלעל מיט די קאָרפּאָראַציעס עקסיסטירט פרייע אַרבעטער־פאַראיינען, בעת דער ווישי־טשאַרטער פירט איין אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־צוואַנג־סינדיקאַט.

וואָלט אָבער דער סאָציאַליזם געקומען צום געדאַנק פון קלאַסן־קאָאָפּעראַציע פריער, וואָלט ער זיך געשטעלט אויפן באָדן פון קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן כלל, וואָלט אפשר ניט געקומען צום ניצחון פון פאַשיזם און די סאָציאַלע רעפאָרמעס וואָלטן פאַרווירקלעכט געוואָרן ניט אונטערן צייכן פון דיקטאַטור, נאָר אונטער דער פאָן פון אַ רעאַלער, נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע.

קאפיטל אכט

קאָמוניזם אין דער פרעמד

אַקוראַט דער זעלביקער תהום, פאַר וועלכן דער סאָציאַליזם איז געשטאַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער תהום צווישן סאָציאַליסטישע אידעאַלן און דער סאָציאַל־עקאָנאָמישערווירקלעכקייט אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, האָט זיך שפּעטער געעפנט, אָבער נאָך אַ סך טיפער, פאַר דעם קאָמוניזם. די ערשטע יאָרן, נאָכן אָקטאָבער־ניצחון אין רוסלאַנד, האָט דער קאָמוניזם נאָך געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, לויטן רוסישן שטייגער, אויף דער גאַרער וועלט. ביסלעכווייז אָבער איז די דאָזיקע אילוזיע צערונען געוואָרן. דער דורכפאַל פון די אויפשטאַנד־פּרואוון אין אונגאַרן און בייערן און צולעצט פון דעם גענעראַל־שטרייק אין גאַנץ דייטשלאַנד, האָבן שוין אין 1924 געצוואונגען סטאַלינען צו וואַרפן דעם לאָזונג „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" און אַ ביסל שפּעטער צו דערקלערן, אַז רעוואָלוציע איז נישט קיין אַרטיקל פון עקספּאָרט, וואָס מען זאָל קענען אָנבינדן די אַנדערע פעלקער. דער כמעט צען־יאָריקער פּעריאָד צווישן 1924—1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז געווען פאַרן קאָמוניזם אַ פּעריאָד פון וואַקלענישן און קווענקלענישן. די פּראָפּאַגאַנדע אין אייראָפּע איז נאָך געפירט געוואָרן אונטערן אַלטן צייכן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע. און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן נישט נאָר שטרענג אָפּגעהיט די קלאַסן־גרענעצן, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו איזאָלירט פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס האָבן נישט געוואָלט מאַרשירן אונטער די קאָמוניסטישע פאָנען. אָבער דאָס איז שוין געווען נישט מער ווי די לעצטע קאַנוואולסיעס פון דעם גוף איידער די נשמה פאַרלאָזט אים. קיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש איז שוין נישט געווען, און אויב אַ פונק פון אמונה האָט נאָך ערגעץ געטליעט, איז ער אויסגעלאָשן געוואָרן אין 1933, ווען היטלער האָט פאַרנומען די מאַכט און בעת עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט,

אַז ער האָט הינטער זיך די מערהייט פֿון פֿאָלק און אפֿילו פֿון גרויסע טיילן פֿון דער דייטשישער אַרבעטערשאַפֿט.

מער זיינען קיין אילוזיעס ניט מעגלעך געווען. דער פֿאַשיזם האָט מנצח געווען אין גרעסטן און שטאַרקסטן לאַנד אויפֿן קאָנטינענט. און דער דאָזיקער ניצחון איז געווען ניט נאָר אַ פֿינצטערער אָנזאָג פֿאַר דער סאָציאַלער צוקונפֿט, אין אים איז אויך געווען פֿאַרבאַהאַלטן אַ סכּנה פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַלן שלום און קודם כּל — פֿאַר דער זיכערקייט און גאַנצקייט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אין אָט דעם געפֿערלעכן מאָמענט האָט סטאַלין באַוויזן איינע פֿון זיינע גרעסטע מעלות — זיין געוואַלטיקן חוש פֿאַר סאָציאַל־פּאָליטישע רעאַליטעטן. ס'איז ניט געווען פֿון די לייכטע זאַכן פֿאַר אַ מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ לאַסט פֿון צענדליקער יאָרן רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויף דער מאַרקסיסטישער תּורה פֿון קלאַסן־קאַמף, אַזוי ראַדיקאַל צו בייטן די ליניע און אַוועקצושטעלן אויפֿן ערשטן אָרט, הן אין סאָוועט־רוסלאַנד גופֿא און הן אין מערבֿ־אייראָפּע נאַציאָנאַלע אידייען און נאַציאָנאַלע לאָזונגען. אָנשטאָט זיך צו פֿאַרלאָזן ווי פֿריער אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל דורך זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף באַשיצן רוסלאַנד קעגן אירע שונאים, האָט סטאַלין אָנגעהויבן אָריענטירן די סאָוועטישע אויסלאַנד־פּאָליטיק אין דער ריכטונג פֿון קאָאָפּעראַציע ניט מיט אַ געוויסן קלאַס, נאָר מיט באַשטימטע אייראָפּעאישע פֿעלקער, מיט די, וואָס זיינען געווען פֿאַראינטערעסירט אויפֿצוהאַלטן דעם שלום דורך קעגנזייטיקע גאַראַנטיעס און „קאָלעקטיווער זיכערקייט”. סאָוועט־רוסלאַנד האָט ערנסט און אויפֿריכטיק געזוכט אַ פֿאַרשטענדיקונג מיט די מערבֿ־דעמאָקראַטיעס און ס'איז זיכער ניט איר שולד, אויב דערפֿון איז ביז 1941 גאָרניט אַרויסגעקומען.

בעת די רעגירונגען און די פֿירער פֿון די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן זיך נאָך געלאָזט איינשלעפֿערן דורך די זיסע הבטחות פֿון די דיקטאַטאָרן, האָט סטאַלין שוין געהאַלטן די צווייטע וועלט־מלחמה פֿאַר אומפֿאַרמיידלעך. דער רוסישער קאָמוניזם, אַליין אויסגעוואַקסן אינעם שויס פֿון בירגער־קריג, וואָס האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער צווישן־פֿעלקערלעכער מלחמה, איז געווען גענוג וויטזיכטיק און זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער דאָגמע פֿון בירגער־קריג ביי די נייע פֿאַרהעלטענישן. ער האָט באַגריפֿן, אַז די קומענדיקע מלחמה וועט ניט גיין אויף דער סאָציאַלער ליניע, וואָס שניידט קווער דורך די פֿעלקער, נאָר אויף דער נאַציאָנאַלער, און אַז פֿאָלק

וועט שטיין קעגן פאָלק. און די מלחמה האָט דעם דאָזיקן קוק הונדערט פּראָצענט באַשטעטיקט.

שטעלט זיך פאַר, וואָס וואָלט היינט געוואָרן פון סאָוועט־רוסלאַנד און ווי וואָלט היינט אויסגעזען די וועלט, ווען סטאַלין וואָלט ניט אַרויס־געוויזן געגנוג רעוואָלוציאָנערן מוט און וואָלט זיך דערשראָקן פאַר טראָצ־קיס קולות קעגן דער בגידה אין אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און קעגן סאָוועטישן מיליטאַריזם. אָט האָט טראָצקי אין 1936 נביאות געזאָגט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט אומפאַרמיידלעך באַזיגט ווערן, אויב ס'וועט קומען צו אַ מלחמה, דורך אַ קאָאַליציע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיידן זי וועט געהאָלפן ווערן דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע אין מערב. האָט ער טאַקע פונקט געטראָפן! און אַ צווייטע נבואה האָט ער געזאָגט, מיט וועלכער ער איז נאָך מער אַריינגעפאַלן, דהיינו, אַז ביי דער צווייטער וועלט־מלחמה וועט די סאָציאַלע וועלט־רעוואָלוציע ניט לאָזן אויף זיך וואַרטן אַזוי לאַנג, צוויי און האַלב יאָר, ווי דאָס איז געשען ביי דער ערש־טער וועלט־מלחמה.

צום גליק פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און פאַר דער גאַרער וועלט, האָט סטאַלין זיך ניט געלאָזט פאַרפירן דורך דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער פּראָזעאָלאָגיע און האָט אויסגעבויט אַ שטאַרקע, גוט־דיסציפּלינירטע אַרמיי און געוועקט כסדר ביי די סאָוועטישע פעלקער דאָס באַוואוסטזיין פון זייער מלוכהשער איינקייט.

די זעלביקע ליניע פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און נאַציאָנאַלער איינהייט האָבן אויך אָנגענומען, זינט היטלערס ניצחון, די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּע. ס'איז באַוואוסט דער נוסח פון דער קאַפּי־טאַליסטישער פּרעסע, און סאָציאַליסטן האָבן עס איר נאָכגעזאָגט, אַז דאָס איז געשען לויט אַ וואונק פון מאָסקווע. שטעקט דערין גראָד אַ שטיקל אמת. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז אַמאָל טאַקע געווען, ניט ווי דער צווייטער אַ קלוב פאַר געמיטלעכע שמועסן, נאָר אַן אַקטיווע אָר־גאַניזאַציע, אַרומגעגרינגלט פון אינטערנאַציאָנאַלע סימפּאַטיעס, וועלכע האָט געקענט אין געוויסע מאָמענטן אָנבינדן איר ווילן די נאַציאָנאַלע, קאָמוניסטישע פּאַרטייען. ס'איז אָבער פאַלש צו מיינען, אַז אַ פּשוטע די־רעקטיווע פון מאָסקווע וואָלט בלינד אויסגעפירט געוואָרן, אויב די אי־נעווייניקסטע אַנטוויקלונג פון קאָמוניזם אין מערב־אייראָפּע גופא וואָלט ניט געווען גינסטיק פאַר דער דאָזיקער ראַדיקאַלער איבערקערעניש אין געדאַנקען און שטימונגען. און אַ ראיה האָט איר, אַז נאָכן רוסיש־דייטשישן

אַפּמאַך אין 1939 האָט זיך געפונען אַ היפשע צאָל קאָמוניסטישע פירער אין פראַנקרייך און צום טייל אויך אין ענגלאַנד, וואָס האָבן ניט געוואָלט בלינד פאָלגן דעם לאָזונג פון דער „אימפּעריאַליסטישער מלחמה" און זיינען געצוואונגען געווען צוליב דעם זיך צו שיידן מיט דער פּאַרטיי.

בכן, אויב עס זאָל אפילו זיין ריכטיק, אַז דער לאָזונג פון פאָלקס־פראָנט און שפּעטער פון נאַציאָנאַלן פראָנט איז געקומען פון מאָסקווע, וואָס קען גריילעך געמאָלט זיין, האָט ער אָבער זיך אָנגענומען נאָר דער־פאַר, ווייל אויך אין מערב־אייראָפּע איז קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום האָפענונג אויף אַ גיכער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און אַז די רעטונג פון די מערב־פעלקער קעגן דער אינוואַזיע פון די טאָטאַליטאַרע מלוכות ליגט אין דער נאַציאָנאַלער איניקייט צום שוץ פון דער פרייהייט פון די פעלקער און קעגן זייער פאַרשקלאַפונג.

און אין פולער אָביעקטיווקייט מוז מען נאָכזאָגן דעם שבח דעם קאָ־מוניזם, אַז ער האָט ניכטער און קלוג אָפּגעשאַצט די לאַגע און פון איר געצויגן אַלע קאָנסעקווענצן ביזן סוף. כאָטש ס'איז אים געוויס ניט לייכט אָנגעקומען צו מאַכן אַזאַ פּלוצימדיקן שפּרונג אין זיין גאַנצן דענקען און אויפפירונג. בעת אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען אפילו נאָך היט־לערס קומען צו דער מאַכט נאָך אָנגעגאַנגען הייסע דיסקוסיעס, צי דאַרף מען שטימען פאַרן מלחמה־בודזשעט, זיינען אין די קאָמוניסטישע רייען אין דעם פּרט, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, קיין חילוקי־דעות ניט געווען. וואָס ווייטער האָבן זיי זיך אַלץ פעסטער געשטעלט אויפן באָדן פון נאַציאָ־נאַלער איניקייט. שוין אין פרילינג 1934 האָט די „הומאַניטע" געבראַכט אַ רעדע פון מאָריס טאָרעז, דעם פירער פון דער פראַנצויזישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, דורכגעדרונגען מיט אַ פלאַם־פייערדיקן פּאַטריאָטיזם, אינעם גייסט פון דער יאַקאָבינישער טראַדיציע. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט צו דערקלערן שפּעטער, אַז אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער איניקייט וועט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי ניט פירן מער קיין קאַמף קעגן רעליגיע. און ס'איז באַוואוסט זיין וועגדונג צו די קאַטאָליקן, וועמען ער האָט „אויס־געשטרעקט די האַנט" פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטערשאַפט. בעת די טראָצקיסטן און אַנאַרכיסטן האָבן געפּרוּווט אין אַ געוויסן מאָמענט אויס־צונוצן דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, כדי דאָרט צו רופן די מאַסן דורכצו־פירן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, זיינען די קאָמוניסטן געווען די, וואָס האָבן געוואָרנט און זיך איינגעשטעלט, ניט אַלע מאָל מיט זייער כשרע מיט־לען, פאַר אַ איינהייטס־פראָנט מיט די בירגערלעכע רעפּובליקאַנער און אפילו מיט די אויטאָנאָמיסטיש־קאַטוילישע באַסקן.

פאַראַן מענטשן, פאַר וועלכע אַ פּאָליטישע ליניע ווערט אַ פאַר־גליוורטע תורה, אַ פאַרשטיינערטע דאָגמע, וואו מען טאָר קיין קוצו של יוד ניט ענדערן, און דער, וואָס איז אויף דעם עובר, ווערט תיכף באַשול־דיקט אין בגידה. אָבער פּאָליטיק איז ניט מאָראַל, וועלכע אָפּערירט מיט פּערמאַנענטע, אייביקע מאָסן. פּאָליטיק איז אַ דער־וועלטיקער און ערדי־שער ענין און איז ניט געגעבן געוואָרן פאַר מלאכים. דאָס הייסט ניט, אַז פּאָליטיק דאַרף אָדער מוז זיין אַנטי־מאָראַליש אָדער אפילו אַמאָראַליש. איטלעכע ערלעכע פּאָליטיק מוז תמיד האָבן אין זינען, ווי אַ פּערספּעק־טיוו, העכערע מאָראַלישע צוועקן. אָבער אירע מאָסן און קריטעריומס זיינען ניט קיין אַבסאָלוטע ווי ביי רעליגיע און מאָראַל, נאָר רעלאַטיווע, ווייל זי מוז זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון, אַז זי האָט צו טאָן מיט מענטשן ווי זיי זיינען, מיט אַלע זייערע אומפּולקומענקייטן און שוואַכקייטן און ניט ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין. דעריבער איז יעדער רעלאַטיווער דערפאָלג פאַר איר אַ געווינס, כאָטש אָפט קען ער ניט דערגרייכט ווערן מיטן דרך המלך, נאָר דורך אומוועגן, אַמאָל קרומע און צעדרייטע, דורך הנחות און פּשרות. ס'איז בכן אַבסאָלוט נאַטירלעך, אויב מען בלייבט שטיין אויף אַ פּאָליטישן פונדאַמענט, אַז די פּאָליטיק מוז זיך צופּאַסן צו די אומשטענדן און באַדינגונגען. און די קונסט פון פּאָליטיק באַשטייט טאַקע אין דער דאָזיקער צופּאַסונג־פעאיקייט. זי איז, לויט דעם באַרימטן געוואָרענעם שפּרוך פון ביסמאַרק, „די קונסט פונעם מעגלעכן".

אָט אַזוי האָט דער קאָמוניזם פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע און זי ריכטיק פאַרשטאַנען. מען קען נאָר באַדויערן, וואָס אין אַ געוויסן מאָמענט, וואָס האָט צום גליק, ניט צוליב זיין שולד, ניט לאַנג געדויערט, עפּעס ווייניקער ווי צוויי יאָר, האָט ער זיך אָפּגעווענדט פון דעם דאָזיקן ריכטיקן וועג און זיך אומגעקערט צו זיינע קינדער־יאָרן און זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם אַלטן, און ווי עס האָט זיך געדוכט, שוין פאַרגעסענעם פּזמון, אַז היות ווי אַלע מלחמות זיינען אימפּעריאַליסטיש, איז בכן ניטאָ קיין חילוק צווישן די מלחמה־פירנדיקע צדדים, און זיי זיינען אַלע אין אַ גלייכער מאָס אומ־גערעכט.

ניט דערין אין באַשטאַנען דער טעות, וואָס סטאַלין האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד. ביי די אומשטענדן פון יענער צייט האָט ער געהאַנדלט אַזוי, ווי עס וואָלט געדאַרפט האַנדלען איטלעכער אויפ־ריכטיקער פּאַטריאָט. דער אָפּמאַך האָט געגעבן רוסלאַנד, און זאָל זיין נאָר אויף אַ געוויסער צייט, די זיכערקייט, וועלכע זי האָט לאַנג, עקשנותדיק, אָבער אומזיסט געזוכט אין אַ בונד מיט די מערב־דעמאָקראַטיעס. זי האָט

אויך געוואונען צייט זיך בעסער צוצוגרייטן אויפן פאַל, ווען דער פיינט זאָל אויף איר אָנפאַלן, ווי דאָס איז טאַקע געשען.

ניין, ניט דאָס איז געווען די עוולה, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד און אירע פירער זיינען באַגאַנגען. דער גרויסער טעות, וואָס לויטן באַרימטן פראַנצויזישן שפּרוך איז ערגער ווי אַ פאַרברעכן, איז געלעגן דערין, וואָס צוליבן צייטווייליקן אָפּמאַך האָט מאָסקווע איבערגעבראַכן די ריכטיקע ליניע פון די לעצטע צען יאָר און האָט געצוואונגען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין מערב, — און דאָס איז שוין געווען בפירוש קעגן דעם ווילן און קעגן די שטימונגען פון דער מערהייט פון די קאָמוניסטישע מאַסן אין אויסלאַנד — צו בלאָנדזשען צוריק איבער די אַלטע וועגן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע, אַנשטאָט זיי צו לאָזן פריי צו באַשטימען זייער פּאָליטיק, אין הסכם מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון זייערע לענדער און מיט די שטימונגען אין פאָלק, אַקוראַט אַזוי ווי דער רוסישער קאָמוניזם האָט עס געטאָן בנוגע סאָוועט־רוסלאַנד גופא.

געוויס האָט דער קאָמוניזם, ווי יעדע מאַסן־באַוועגונג באַגאַנגען ניט ווייניק פעלערן, אָבער מיר דוכט, אַז דער דאָזיקער טעות איז געווען ניט נאָר דער גראָבסטער פון אַלע, נאָר אַ פאַטאַלער, וואָס זיינע שפּורן וועלן זיך נאָך יאָרן לאַנג לאָזן מערקן.

האָבן די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד געגלויבט אין דער דויערהאַפטיקייט פונעם פּאַקט מיט היטלערן? אויב יאָ, איז דאָס געווען אַ געוואַלטיקע קורצזיכטיקייט, וואָס מען קען מעגטשן מיט פּאָליטישער דערפאַרונג ניט מוחל זיין. אמת, אַ פּאָליטיקער איז ניט קיין נביא און קען ניט פאָראויסזען פאַר דורות, אָבער ער איז יאָ מחויב לכל הפחות פאָראויסזען נאָענטע מעגלעכקייטן. און אַז אַן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף רוסלאַנד איז געווען אַ גרויסע וואַרשיינלעכקייט, דאָס האָט געוואוסט די גאַנצע וועלט און יעדער מענטש מיט אַ געזונטן שכל האָט דאָס געמוזט באַגרייפן, כאָטש, פאַרשטייט זיך, קיינער האָט ניט געקענט וויסן אַקוראַט, אין וועלכן צייט־פונקט און ביי וועלכע אומשטענדן דאָס וועט פאָרקומען.

איז אָבער דער פּאַקט מיט דייטשלאַנד געווען נאָר אַ קורצווייליקער קאָמפּראָמיס, וואָס האָט געדאַרפט לאָזן רוסלאַנד צייט אויף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, איז ווידער אַמאָל געווען אַ געפערלעכער פעלער צו שפּייען אין ברונעם, פון וואַנען מען וועט מוזן טרינקען, און ניט ווען ניט איז אין דער ווייטער צוקונפט, נאָר טאַקע גאָר אינגיכן. ביים היינטיקן טאָג האָט

דער קאָמוניזם געמוזט צוריקקומען צום לאָזונג פון נאַציאָנאַלער איני־קייט הן אין די אינטערעסן פון די לענדער, וואָס אָדער זיי געפינען זיך אונטער היטלערס בייטש, אָדער זיי שטייען ערב דער סכנה פון אים אונ־טערגעיאָכט צו ווערן און הן אין די אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד גופא. און ס׳איז ניט מער ווי נאַטירלעך, וואָס דער דאָזיקער לאָזונג, קומענדיק פון די קאָמוניסטן, האָט ניט געפונען דעם אָפּקלאַנג און דעם צוטרוי, וואָס ער וואָלט באַגעגנט, וואָלט דער קאָמוניזם אין מערב ניט פאַרבלאָנדזשעט און זיך ניט אָפּגעקערט פון גלייכן וועג אין די יאָרן 1939—1941. כדי עס זאָל ניט זיין קיין שום מיספאַרשטייעניש, מוז דאָ קלאָר אונטערגע־שטראָכן ווערן, אַז איך מיין ניט דערמיט צו באַרעכטיקן די מענטשן פון אַ צו לאַנגן זיכרון, וואָס ווילן בשום אופן ניט פאַרגעסן און ניט מוחל זיין דעם דאָזיקן פעלער. מיינט ניט, אַז די זעלביקע מענטשן זיינען אַלע מאָל און צו אַלעמען אַזוי שטרענג. אָט, למשל, האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן באַגאַנגען ניט קיין קלענערן פעלער. וואָלטן זיי אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג בפירוש דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט בלייבן נייטראַל און וואָלטן זיי דאָס באַקרעפטיקט מיט מעשים, מיט גרויסע צוגרייטונגען און באַוואָ־פענונגען, וואָלט מסתמא בכלל צו דער וועלט־מלחמה ניט געקומען, און די דיקטאַטאָרס וואָלטן געמוזט איינהאַלטן זייער יצר הרע פון רויב און הערשאַפט. פונדעסטוועגן זעט מען עפּעס ניט, מען זאָל אָנפאַלן אויף דעם אַמעריקאַנער פאָלק, אויף זיין קאָנגרעס און זיין רעגירונג, מיט דעם ברען און מיט דער גאַטספאַרכטיקייט, ווי מען טוט עס בנוגע סאָוועט־רוס־לאַנד. פאַרקערט, אַלע זיינען מוכן ומזומן צו פאַרגעסן דעם דאָזיקן טעות ווי אַ סך אַנדערע אין די אינטערעסן פונעם ניצחון. אָט זעט איר, קומט עס צו סאָוועט־רוסלאַנד אָדער צום קאָמוניזם בכלל, דעמאָלט ווערן געוויסע לייט אַזוי איבער־פרום, אַזוי שטרענג און פאָדערן דווקא אַ הונדערט פּראָ־צענטיקע גערעכטיקייט און אויסגעהאַלטנקייט. די דאָזיקע גוזמאדיקע פרומקייט נאָר אין איין ריכטונג איז ניט שטאַרק כשר און ניט ווילנדיק, חלילה, קיינעם חושד זיין, מוז מען זיך פרעגן, צי זיינען דאָ אַמאָל ניט פאַרבאַהאַלטן זייטיקע פניות און צי זיינען די, וואָס הערן ניט אויף צו טומלען וועגן „דעם נאַציאָנאַלן פאַרראַט״ פון די קאָמוניסטן, אַליין ניט געכאַפּט אין דער מעשה.

און איך האַלט בפירוש, אַז ניט בלויז דאַרף מען דעם דאָזיקן טרוי־עריקן עפּיזאָד איצט פאַרגעסן, נאָר עס איז דער חוב פון יעדן מענטשן־פריינט, שוין אָפּגערעדט פון סאָציאַליסטן, אָפּצואווישן „מיטן שוואָם״, ווי די פראַנצויזן זאָגן, דאָס דאָזיקע טרויעריקע בלאַט פון דער נייסטער גע־

שיכטע. די גאַנצע מענטשהייט האָט אַן אינטערעס, ניט נאָר כדי צו גע־ווינען די מלחמה, נאָר אויך כדי צו געווינען דעם שלום, ווי מען זאָגט עס איצט, ניט בלויז צו פאַרווירקלעכן די אידייע פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, נאָר אויך זיך צו פלייסן, אַז די דאָזיקע פאַרווירקלעכונג זאָל פאָרקומען ביי דער סאַמער אַקטיווער מיטהילף פון סאָוועט־רוסלאַנד און פון די קאָ־מוניסטישע פאַרטייען פון דער גאַרער וועלט.

אויף דעם דאָזיקן געדאַנק איז כדאי לענגער זיך אָפּצושטעלן, ווייל ער ווערט שטאַרק באַשטריטן און ניט בלויז פון קאַפּיטאַליסטישע נוגעים בדבר, נאָר אויך פון אַבסאָלוט ערלעכע ראַדיקאַלן און סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך פאַרלאָרן אין כאַאָס, וואָס הערשט אין דער איצטיקער וועלט.

אַ סך סאָציאַליסטישע דענקער און עקאָנאָמיסטן האַלטן, אַז די נאָך־מלחמה־וועלט וועט שטיין פאַר דער דילעמע: סאָציאַליזם אָדער פאַשיזם. אין אָט דער פאָרם איז דער געדאַנק בפירוש ניט ריכטיק שוין דערפאַר אַליין, וואָס עס קען ניט זיין קיין איינהייטלעכער ענטפער. אַזוי, למשל, קען געמאָלט זיין, אַז אַ רייע לענדער פון מזרח־ און דרום־מזרח־איראָפּע, מיט אַ שוואַך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם און מיט אַן אומבאַדייטיקן מיטל־קלאַס, אומבאַדייטיק אין צאָל און אין פּאָליטישן וואָג, מיט אַן אָרעמען פויערים־קלאַס, וואָס ליידט פון לאַנד־דוחק, — אָט אַזוינע לענדער וועלן ביי זיך איינפירן נאָכן ניצחון פון די אַליאירטע אַ סאָציאַליסטישן רע־זשים, מער אָדער ווייניקער נאָענט צום סאָוועטישן און אויך פּאָליטיש זיך פאַרבינדן אין דער אָדער יענער פאָרם מיט סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער ווי ווייט מען קען איצט פאָראויסזען, וועט די סאָציאַליסטישע לייזונג פון דער דילעמע געפינען אָנווענדונג נאָר אויף אַ קליינעם שטח, אויב זי וועט בכלל וואו ניט איז פאַרווירקלעכט ווערן. פאַרקערט אָבער, מוז מען זאָגן, אַז פאַר דעם רוב איראָפּעאישע לענדער, פאַר וועלכע עס וועט זיך אימפּעראַטיוו שטעלן די פּראָבלעם, מיט וואָס צו פאַרבייטן דעם ליבעראַל־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וועט די דילעמע הייסן ניט פאַשיזם אָדער סאָציאַליזם, נאָר פאַשיזם אָדער פּלאַן־ווירטשאַפט. אמת, אין סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישער באַציאונג איז עס כמעט דאָס אייגענע, ווייל אויך פאַ־שיזם איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, ניט עפּעס אַנדערש ווי די פּריוואַט־ווירטשאַפט, פּלאַנירט און קאָנטראָלירט פון דער מלוכה, מיט דעם צולאָג פון אַ קליינעם, סאָציאַליסטישן ווירטשאַפט־סעקטאָר. דער חילוק איז אָבער זייער גרויס אין אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער הינזיכט. וועט די אידייע פון נאַציאָנאַלער אייניקייט פאַרווירקלעכט ווערן אונטער דער פירערשאַפט פון דעם מיטל־קלאַס, וועט זיגן דער אינטעגראַלער פאַשיזם.

וועט זי אָבער רעאַליזירט ווערן מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דער אַרבעטערשאַפט, בפרט פון איר קאָמוניסטישן טייל, וואָס שטייט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַלער אחדות, איז דאָ אַ זהאָפענונג, אַז עס זאָל געלינגען צו באַשאַפן אַ ראַציאָנעלע ווירטשאַפט־סיסטעם, רעגולירט און קאָנטראָלירט פון דער מלוכה, אָבער ניט באַגרענעצנדיק די פרייהייט און דעמאָקראַטיע מער ווי דאָס איז אַבסאָלוט נויטיק, כדי די נייע ווירטשאַפט־סיסטעם זאָל קענען נאָרמאַל פונקציאָנירן. אין דעם דאָזיקן פאַל זיינען אויך פאַראַן היפּשע שאַנסן דערפאַר, אַז די ריין־סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־עלעמענטן זאָלן באַקומען אַ באַדייטיקע אויסברייטערונג.

פון דעם געזאָגטן איז קלאָר, אין וועלכער ריכטונג עס דאַרפן גיין די שטרעבונגען און אָנשטרענגונגען פון יעדן ערלעכן דעמאָקראַט. וועגן דער שטעלונג פון דער יידישער דעמאָקראַטיע איז דאָך געוויס ניטאָ וואָס צו רעדן ווי זי דאַרף זיין. אַלס יידן ריזיקירן מיר אין פאַל פון אַ ניצחון פון אינטעגראַלן פאַשיזם ניט בלויז צו פאַרלירן פרייהייט ווי אַלע אַנדערע, נאָר פראָסט און פשוט אונדזער גאַנצע עקסיסטענץ.

מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז דער קאָמוניזם האָט ביז איצט נאָך אַליין ניט פאָרמולירט קיין שום פּראָגראַם פאַר די לענדער, וואו דער סאָציאַליזם קען דערוויל, ווי ער איז איצט אַליין שטילשווייגנד מסכים, ניט פאַרווירקלעכט ווערן. די אידייע פון נאַציאָנאַלער איינִיקייט איז ביז איצט פאַרן קאָמוניזם געווען ניט מער ווי אַ פאַר־מלחמה־ און בשעת־מלחמה־לאָזונג, וועלכער האָט געטראָגן נאָר אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, ד״ה פאַראייניקונג, כדי צוזאַמען צו שלאָגן דעם שותּפותדיקן, אויסערלעכן שונא. כל זמן די מלחמה דויערט, קען מען אפשר, און אויך דאָס איז פאַר מיר אַ גרויסער ספק, ווי ניט איז יוצא זיין מיט דעם דאָזיקן לאָזונג. געווינען די מלחמה איז אַזאַ גרויסער ציל און דאַרף איינשלינגען אַזוי פיל כוחות, אַז דאָס אַליין קען דערוויל דינען פאַר אַ פּלאַטפאָרמע פון נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. אַז די מלחמה וועט אָבער קומען צו ענד און אויפן ערשטן אָרט וועלן זיך אַרויסרוקן פּראָבלעמען פון אויפבוי און ווידער־אויפבוי, וועט דער קאָמוניזם מוזן קומען מיט אַ מער פּאָזיטיווער פּראָגראַם. איינִיקייט צוליב וואָס? און אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט דער קאָמוניזם האָבן נאָר די פאָלגנדיקע ברירה: אָדער צוריקצוגיין צום קלאַסן־קאַמף אין נאָמען פון אַ גיכער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָדער אויסצואַרבעטן אַ קאָנקרעטע, סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פּראָגראַם, אינספּירירט פון דער אידייע פון סאָלידאַריטעט פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וואָס שליסט לחלוטין ניט אויס,

איך ווייס ניט צי מען דאַרף עס נאָך אונטערשטרייכן, די פּאַרטיידיקונג פון די ספּעציעלע אַרבעטער־אינטערעסן אין דעם גבול פון דער נאַציע. וויל מען ניט זאָגן קיין נביאות, בלייבט נאָר אויסצודריקן די האָפענונג, אַז דער קאָמוניזם, וואָס האָט שוין אַרויסגעוויזן אַזאַ געזונטן חוש פאַר ווירקלעכקייט, וועט זיך אַרויסווייזן פאַר גענוג רייף צו געבן די צווייטע תשובה און אַזוי אַרום ניט דערלאָזן צום ניצחון פון פאַשיזם אין דער גאַנצער נאָך־מלחמה־וועלט נאָך דער מיליטערישער מפּלה פון די לענדער, וואו ער איז געבוירן און שטאַרק געוואָרן.

געבנדיק די דאָזיקע תשובה, זאָגט זיך דער קאָמוניזם ניט אומעטום און אויף אייביק אָפּ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם, ווען די שעת־הכושר וועט אָנקומען. עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז די עקסיסטענץ גופא פון איין סאָציאַליסטיש לאַנד, און דערצו נאָך פון אַזאַ רייך און מעכטיק לאַנד, ווי סאָוועט־רוסלאַנד, איז דער גרעס־טער אַרגומענט פאַרן סאָציאַליזם, אַ סך מער איבערצייגנדיק ווי די שענסטע און ברייטסטע פּראָפּאַגאַנדע אונטער דעם דערוויל ניט רעאַלן לאָזונג פון אַ סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע. קיינער קען היינט־צו־טאָג ניט פאָר־אויסזען, ווען, וואו און ווי אַזוי וועלן דורכגעמאַכט ווערן די ווייטערדיקע עטאַפּן פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג און צי מוזן זיי דווקא קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אַ געוואַלט־איבערקערעניש. אַזוי צי אַזוי, וועט דאָס ניט געשען פון היינט אויף מאָרגן און דאָס איז גענוג, כדי מען זאָל נויטיק האָבן, און זאָל זיין נאָר צייטווייליק, אַ פּראָגראַם פון סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמעס, וואָס קענען רעאַליזירט ווערן נאָר אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער איינקייט.

קאַפּיטל ניין

דער קאָמוניזם אין דער היים אָדער סאָציאַליזם אין איין לאַנד

קיין לאַנד און קיין רעזשים האָט ניט אַרויסגערופן אַזוי פיל אינ־טערעס און אַזעלכע ביטערע וויכוחים, ווי דער סאָוועט־פאַרבאַנד און די קאָמוניסטישע אידייע. דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, אַ יחיד במינו, און פון אַזאַ אוניווערסאַלער באַדייטונג, אַז פאַרבייגיין גלייכגילטיק פאַרביי איר איז ניט מעגלעך. סאָוועט־רוס־לאַנד רופט אַרויס ליידנשאַפט, פון שנאה אָדער פון ענטוזיאַזם, אָבער ער לאָזט קיינעם ניט קאַלט. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָ פאַראַן אַן אַנאַלאָגיע מיטן יידישן פאָלק, וואָס אָדער מען ליבט אים אין הימל אַריין אָדער מען שליידערט אים אַרונטער אין שאול תחתיות. און אַזוי ווי מיט יידן, אַזוי זעט איר אויך דאָ אַ ים פון שנאה און באַמערקט קוים־קוים אַ קליין ריטשקעלע סימפּאַטיע. מען קען די דאָזיקע אַנאַלאָגיע פירן נאָך ווייטער: אויף קיין פאָלק, חוץ יידן, האָט מען ניט פאַרשפּרייט אַזוי פיל שקרים און אויסגעטראַכט אַזוי פיל בלבולים, ווי קעגן דעם סאָוועטישן. ווי אַ קוריאָז דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער באַרימטער בלבול, וואָס האָט נאָך אָקטאָ־בער אַרומגעשפּאַצירט אין דער וועלט־פּרעסע און אַנגעגאַנגען ווי אַן עכטע מטבע, אַז די סאָוועטן האָבן נאַציאָנאַליזירט די פרויען און זיך אונטער־גענומען אויסצושטן אַלע גייסטלעכע.

איך וויל דערמיט כלל ניט זאָגן, אַז די גאַנצע קריטיק פון סאָוועטישן רעזשים באַשטייט פון הוילע שקרים און רכילות. געוויס זיינען פאַראַן אין סאָוועטן־לאַנד ניט ווייניק שאָטן־זייטן, וואָס אירע פירער אַליין, אגב, באַהאַלטן גאָרניט, פּונקט אַזוי ווי מיר, יידן, לייקענען גאָרניט, אַז עס קענען זיך געפינען פּיצלעך־קערנדלעך פון אמת אין דעם הויפן פונעם אַנטיסעמיטישן מיסט.

גאָר גרויסע, וועלט־אַרומנעמענדיקע און נשמה־פאַרכאַפּנדיקע געשע־ענישן קענען אויפברויזן שטאַרקע ליידנשאַפטן. און דאָרט וואו זיי שפּילן

זיך פאַנאַנדער, ווערט באמת שווער אַרויסצוגעפינען דעם אָביעקטיוון אמת. בפרט איז דאָס שווער אין אונדזערע צייטן, ווען די פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען, די פּרעסע און ראַדיאָ, האָבן דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון שלימות, וואָס ניט יעדער איז מסוגל זיך צו באַפרייען פון זייער השפעה, וועלכע דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך. אויב מען וואָלט געדאַרפט נאָך אַ באַווייז, אַז מיר האָבן ניט קיין אמתע פּרעסע־פרייהייט אין די דעמאָקראַטישע לענדער, קען מען דאָס באַשיימפערלעך זען אין דעם פאַל סאָוועט־רוס־לאַנד. כמעט די גאַנצע פּרעסע מיט קליינע אויסנאַמען, וועלכע געפינט זיך דירעקט אָדער אומדירעקט אין קאַפּיטאַליסטישע הענט, האָט יאָרן לאַנג געעגבערט די מוחות מיט אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און גע־שפּייזט דעם עולם מיט באָבע־מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט. אמת, צום שבח פון אונדזער דור, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די גרעסטע און שענ־סטע גייסטער פון אונדזער עפּאָכע געפינען זיך ניט אין לאַגער פון די געשוואָרענע שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן די יאָר־עדות קעגן אים.

איינע פון די פאַרשפּרייטסטע מיינונגען איז, אַז דער קאָמוניסטישער און נאַצי־פאַשיסטישער רעזשים זיינען אין תוך דאָס אייגענע. ביידע זיינען טאָטאַליטאַרע דיקטאַטורן און ביידע אונטערדריקן מיט טעראָר יעדן רמז פון אָפּאָזיציע. נאָך איצט, אין דער גאָר לעצטער צייט, האָט איר געקענט באַגעגענען די מיינונג, אפילו ביי סאָציאַליסטן, אַז די ביידע רעזשימען זיינען צווילינגס. אויך יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך שוין נאָכן אויס־ברוך פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, אַרויסגעזאָגט אין דעם זעלביקן זין, וואָס עס איז שוין גאָרניט משיג צו זיין מיטן פּראָסטן יידישן שכל. ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז די מלחמה האָט געדאַרפט עפענען די אויגן אויף אַ סך זאַכן, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט אָדער ניט געוואוסט אָדער שלעכט פאַרשטאַנען. פאַראַן אָבער, משמעות, מענטשן, וואָס האַלטן פאַר אַ חרפּה זיך צו לערנען פון געשעענישן, אפילו פון אַזוינע, וואָס ענדערן דעם גאַנצן פּרצוף פון דער וועלט, און זיי גרויסן זיך נאָך דערמיט, ווי מיט אַ באַווייז פון האַפטיקייט פון זייערע איבערצייגונגען. אויף וואָס מענטשן זיינען ניט קאַפּאַבל, אַבי ניט מודה צו זיין, אַז מען האָט געהאַט אַ טעות.

געוויסע אויסערלעכע ענלעכקייטן צווישן דעם סאָוועטישן און פאַ־שיסטישן רעגירונגס־סדר דאַרפן פאַר אונדז ניט פאַרדעקן דעם פּרינציפּ־יעלן תהום צווישן די ביידע רעזשימען. מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז דער פאַשיזם איז אַ כופר אין דעם עיקר גופא פון דעמאָקראַטיע, ער לייקנט די חשיבות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אַלס אַזוינע. פאַר אים האָט דער יחיד אַ ווערט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער דינט

דער מעטאַפיזישער אידייע פון נאַציע אָדער מלוכה. אָט דעם דאָזיקן מאַראַליש־פילאָסאָפישן יסוד פון פאַשיזם וואַרפט דער קאָמוניזם לחלוטין אָפּ. אין דער באַציאונג איז ער געבליבן טריי די אידעאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס אירע וואָרצלען ציען זיך צום הומאַניזם און צו דער אידייען־וועלט פון די ענציקלאָפעדיסטן. דאָס גליק פונעם מענטשן איז דער זין, צוליב וועלכן מען דאַרף די געזעלשאַפט. די נאַטירלעכע רעכט פונעם מענטשן דאַרפן געשיצט און געזיכערט ווערן דורך דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוציעס. אָט האָט איר אייך אַ קליינע אילוסטראַציע, וואָס וועט קלאָר מאַכן דעם גאַנצן ענין: דער פאַשיסטישער אַרבעט־טשאַרטער, וואָס איז אַ טייל פון איטאַליענישן גרונט־געזעץ, פּראָקלאַמירט, אַז די אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען, אינטעלעקטועלע, טעכנישע אָדער פיזישע איז אַ סאָציאַלער חוב (אַרטיקל צוויי). דער אַרטיקל צוועלף פונעם סאָוועטישן גרונט־געזעץ (די סטאַליניסטישע קאָנסטיטוציע פון 1936) זאָגט לערך דאָס אייגענע: „די אַרבעט איז אין פּ. ס. ס. ר. פאַר יעדן אַרבעט־פעאיקן בירגער אַ חוב און אַ כבוד אין הסכם מיטן פּרינציפּ — דער, וואָס אַרבעט ניט, דער עסט ניט”. דער דאָזיקער אַרטיקל געהערט צום ערשטן קאַפּיטל פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס באַהאַנדלט די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער פּאַראַלעל דערמיט געפינט איר אינעם צענטן קאַפּיטל, וואָס האָט צו טאָן מיט די גרונט־רעכט און התחייבותן פונעם בירגער, דעם אַרטיקל 118, וועלכער זאָגט: „די בירגער פונעם פאַרבאַנד האָבן דאָס רעכט אויף אַרבעט, ד״ה צו באַקומען אַ געזיכערטע אַרבעט, באַלוינט לויט איר כמות און איכות”. אין דעם דאָזיקן, ווי עס קען זיך דוכטן, סטיליסטישן אונטערשייד אַנטפּלעקט זיך דער פּרינציפּיעלער קעגנזאַץ פון די ביידע אידעאָלאָגיעס. איז דער יחיד נאָר אַ ווערקצייג פון דעם כלל (מלוכה, פאָלק), איז די אַרבעט פאַר אים אַ חוב, וואָס ער מוז אים באַצאָלן; איז דער יחיד אַ ציל פאַר זיך, און די מלוכה אַ ווערקצייג פאַר אים, איז עס גלייכצייטיק דער חוב פון דער מלוכה אים צו פאַרזיכערן זיין חיונה.

אין דער פראַגע וועגן דער באַציאונג צווישן בירגער און מלוכה, גייט דער רוסישער קאָמוניזם טעאָרעטיש אַ סך ווייטער פון דעם בירגערלעכן ליבעראַליזם און שטעלט זיך אַנטשיידן פאַר די רעכט פונעם יחיד קעגן דער אָרגאַניזירטער געוואַלט פון דעם כלל. סיי לענין און סיי סטאַלין זיינען אין פּרינציפּ געבליבן געטריי דער תורה פון מאַרקס און ענגעלס, וואָס איז אין גרונט בכלל קעגן יעדער צוואַנג־אָרגאַניזאַציע אַלס אויבערשטער בעל־הבית איבערן יחיד. אין דעם פּרט גייט זיך בעצם דער מאַרקסיזם צונויף

מיטן אַנאַרכיזם, חוץ וואָס איז נוגע דעם איבערגאַנג־פּעריאָד צווישן דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם און דער פולער איינוואָרצלונג פון סאָציאַליזם — דעם פּעריאָד פון דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". די אַנאַרכיסטן, ווי באַוואוסט, לייקענען דעם פּרינציפּ פון געוואַלט אויך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד.

די מלוכה איז פאַר מאַרקס און ענגעלס ניט מער ווי אַ מיטל פון קלאַסן־הערשאַפט. אין דעם מאָמענט, ווען דער סאָציאַליזם איז מנצח און עס וואַקסט אַרויס אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, באַדאַרף מען מער ניט קיין מלוכה־אַפּאַראַט, ווייל ס'איז ניטאָ וועמען צו אונטערדריקן. אָנשטאָט דער „הערשאַפט פון מענטשן איבער מענטשן" וועט זיך אין דער סאָציאַליסטי־שער געזעלשאַפט איינשטעלן „די הערשאַפט פון דעם מענטשן איבער זאַכן". דער קאַמף פון דעם יחיד פאַר זיין עקסיסטענץ, וואָס האַלט אויף דעם מענטשן אין אַ חיה־צושטאַנד, וועט אויפהערן. מיטן „שפּרונג פונעם קעניג־רייך פון נויטווענדיקייט אין דער מלכות פון פרייהייט" ווערט די מלוכה, לויט ענגעלסן, אַן איבעריקער באַלאַסט. אין די טעזיסן צו זיין רעפעראַט אויפן ערשטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל דערקלערט לענין, אַז דער ציל פון סאָציאַליזם איז די פאַרניכטונג פון מלוכה־מאַכט און אַז כל זמן דער דאָזיקער ציל איז ניט דערגרייכט, קען ניט זיין קיין אמתע דעמאָ־קראַטיע, קיין אמתע פרייהייט און גלייכקייט. אמת, לענין האָט אין זיין בוך „די רעוואָלוציע און די מלוכה", געשריבן אין 1917, געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז מען דאַרף זיך ניט פאַרשטעלן, אַז ווי נאָר עס ווערט איינגע־פירט אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, קען מען זיך שוין באַגיין אינגאַנצן אָן יעדן צוואַנג און אָן מלוכה־געוואַלט. ער מיינט אָבער, אַז דער פּראָצעס פונעם פאַרשווינדן פון דער מלוכה הויבט זיך שוין אָן. זי הויבט אָן אָפּ־צושטאַרבן, ווי באַלד אַז ניט די מינדערהייט האַלט די מאַכט און נוצט זי אויס קעגן דער מערהייט, נאָר טאַקע די מערהייט גופא נעמט די ממשלה אַריין אין אירע הענט. דער דאָזיקער אָנהויב פון דעם סוף פון דער מלוכה דאַרף זיך אויסדריקן דערין, וואָס קודם כל דאַרף פאַרשווינדן דער ספּעציעלער קלאַס, די ביוראָקראַטיע, וואָס מלוכה־פונקציעס זיינען איר פּראָפעסיע. אַ מיניסטער דאַרף קריגן די זעלביקע שכירות ווי אַן אַרבע־טער. דעם אָרט פון באַאַמטע דאַרפן פאַרנעמען מענטשן פון פאָלק. היינט אַן אַרבעטער, מאָרגן מיניסטער און פאַרקערט — אַזאַ מין אויסבייט פון פונקציעס דאַרף איינפירן די סאָציאַליסטישע מלוכה. די אויפגאַבן פון מלוכה־אַפּאַראַט וועלן אַלץ מער ריין טעכנישע און במילא אַלץ פּשוטער און פּשוטער, אַזוי אַז אַ „ליאַדע קעכין דאַרף קענען רעגירן". דאָס באַציט

זיך צו דער איבערגאַנג־צייט, צו דער „נידעריקער סטאַדיע" פון סאָציאַ־ליזם. אין זיין „העכערער סטאַדיע" דאַרף די מלוכה אינגאַנצן פאַרשווינדן. וואָס איז שייך אינדיווידועלע פאַרברעכנס, וואָס מוזן אונטערדריקט און באַשטראָפט ווערן ביז איצט דורך פאָליציע, תפיסות און בכלל דורך צוואַנג־מיטלען, שטאַמען זיי אַרויס פון נויט און אָרעמקייט. צוזאַמען מיטן דלות וועלן אויך זיי פאַרשווינדן. דערביי אָבער איז לענין געווען פאָרזיכ־טיק און זאָגט זיך אָפּ פאָראויסצוזאָגן ווי לאַנג עס וועט געדויערן דער איבערגאַנג־פעריאָד, בעת וועלכן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט נאָך דאַרפן האָבן דעם מלוכה־אַפּאַראַט.

איך האָב דאָ איבערגעגעבן אין אירע הויפּט־שטריכן די מאַרקסיס־טישע לערע וועגן מלכות, ניט כדי זיך מיט איר סאָלידאַריזירן. פאַר־קערט, די דאָזיקע לערע ליידט פון דעם זעלביקן גרונט־דעפעקט ווי זיין לערע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און פון דער שטייגערונג פון קלאַסן־קאָנפליקטן, וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, ווי זיין לערע וועגן רעליגיע, נאַציעס און מלחמות. איינצלנע דערשיינונגען, וואָס ער באַשרייבט מער אָדער ווייניקער ריכטיק, ווערן פון אים גענעראַליזירט און דער־הויבן צו דער מדרגה פון „אייזערנע געזעצן". די רעליגיע ווערט אָפּט אויסגענוצט פון דער בורזשואַזיע אויף צו האַלטן די אָרעמע מאַסן אין צוים, במילא איז זי אַ בורזשואַזע אויסטראַכטעניש, „אָפּיום פאַרן פאָלק". די בורזשואַזיע באַנוצט זיך אין געוויסע פאַלן מיט די נאַציאָנאַלע געפילן אויף צו קאָנקורירן מיטן פרעמד־נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, במילא איז נאַציאָ־נאַליזם אַ בורזשואַז שפּיצל. נאָר הן רעליגיע און הן נאַציע און סיי מלוכה האָבן געקענט ביי געוויסע אומשטענדן דינען ווי אַ ווערקצייג פאַר דער בור־זשואַזיע גראָד מחמת דעם, ווייל זיי האָבן געהאַט און האָבן אַן אייגענע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג, אַ זעלבסטשטענדיקן מאָראַלישן כוח און אַן אייגענע סאָציאַלע חשיבות, איטלעכער אין זיין ספערע. די עקסיסטענץ גופא פון דער מלוכה איז ניט אָפּהענגיק פון דעם אָדער יענעם קלאַס. הגם עס איז קלאָר, אַז די רייכערע, שטאַרקערע און במילא הערשנדיקע קלאַסן געניסן פון איר מער ווי אַלע אַנדערע. פּונקט ווי זיי געניסן מער בכלל פון די מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער, וואָס די מענטשהייט באַשאַפט. וועט מען דערפון מאַכן דעם אויספיר, אַז די דאָזיקע גיטער גופא זיינען אַ בייז? און דעריבער קען די מלוכה ניט פאַרשווינדן אויך אין אַ קלאַסנ־לאָזער, סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. והראיה, טאַקע סאָוועט־רוסלאַנד גופא. ניט נאָר איז דאָרט די מלוכה־מאַכט ניט פאַרשוואונדן, וואָס מען וואָלט געקענט דערקלערן דערמיט, וואָס דאָס לאַנד געפינט זיך נאָך אַלץ

אין אַ טראַנזיטאַרישן פּעריאָד, נאָר מען זעט אפילו ניט קיין סימנים, אַז זי זאָל אָנהויבן אָפּשטאַרבן, ווי לעניז האָט געמיינט. גראָד פאַרקערט, זי איז דאָרט ניט לפי ערך שטאַרקער ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע געזעל־שאַפטן. און די דאָזיקע שטאַרקייט פון דער מלוכה איז אַרויסגעקומען ניט צוליבן בייזן ווילן פון דער סאָוועטישער ביוראָקראַטיע, ווי דאָס מיינט טראָצקי און נאָך אים אַלע קריטיקער פונעם סאָוועט־רעזשים, הגם אויך דאָס האָט געקענט שפּילן אַ געוויסע ראָלע, נאָר ווי אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט דערפון, וואָס אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט מוזן די פונק־ציעס פון דער מלוכה זיין אַ סך ברייטער ווי אין אַ בירגערלעכער, ווייל זי נעמט אויך אַרום דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן פונעם יחיד. כדי מענטשן זאָלן מער ניט דאַרפן האָבן קיין אויסערן צוואַנג אויף אָפּצוהיטן אָרדענונג און קיין אַרמיי קעגן אָנפאַלן פון שונא, איז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע ניט גענוג. אַ פאַרבאַדינגונג דערצו איז אַ טיפע מאָראַלישע איבערקערעניש אין דער מענטשלעכער נשמה. דער מענטש דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין עגאָאיסטישער טבע און די ליבע צום נאָענטן מוז זיין אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז זי זאָל קענען פאַרבייטן די רעכט־נאָרמעס. ניט מאַרקס און ניט לעניז האָבן ניט געדענקט און ניט געקענט דענקען אין די דאָזיקע עטישע קאַטעגאָריעס.

נאָר אויב די לערע גופא וועגן דער מלוכה און איר אָפּשטאַרבן האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אָביעקטיוו פאַלש, פאַרלירט זי דאָך ניט איר סוביעקטיוון ווערט, ווי אַן אויסדרוק פון די שטימונגען אין דער מאַרק־סיסטישער מחנה, ווי אַ כאַראַקטעריסטישער סימן פאַרן געדאַנקען־גאַנג פון די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג איז ניט נאָר ניט טאָטאַליטאַריש ווי ביים פאַשיזם, נאָר גראָד פאַרקערט, אינ־דיווידואַליסטיש ביז די לעצטע לאָגישע קאָנסעקווענצן. צווישן מאַרקסיזם און פאַשיזם איז דער אָפּגרונט אין מאָראַל און פילאָסאָפיע אַ סך טיפער ווי אין סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיע.

פון דער אַנדער זייט, און דאָ גייען מיר איבער פון אַלגעמיינע פילאָ־סאָפישע און מלוכה־רעכטלעכע פרינציפּן צו דער סאָציאַלער ווירקלעכ־קייט, איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז דער סימן מובהק פון דעמאָקראַטיע איז די גלייכקייט צווישן מענטשן. און אין דעם פרט איז ניטאָ קיין צווייט לאַנד אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַזוי פול פאַרווירקלעכט דעם דאָזיקן פרינציפּ ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. פ. ס. ס. ר. האָט ניט בלויז פּראָקלאַ־מירט, נאָר אויך פאַרווירקלעכט גלייכקייט צווישן די געשלעכטער, רעלי־גיעס, ראַסעס און פעלקער אין דער מאַקסימאַלער מאָס, וואָס קיין מענטש־

לעבע געזעלשאַפט, אויב ניט רעכענען קליינע גרופּעס און רעליגיעזע סעקטעס, האָט ביז איצט ניט דערגרייכט.

פאַרשטייט זיך, סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט געקענט אַפּווישן די ניט־גלייכקייטן, וואָס די נאַטור, די געאָגראַפיע און די געשיכטע האָבן באַשאַפן צווישן פעלקער. די דאָזיקע אומגלייכקייטן וועלן מיר, צוליב פּשטות אָנרופן נאַטירלעכע, הגם ניט אַלע זיינען זיי פון דער נאַטור גופא געגעבן אין קעגנזאַץ צו די קינסטלעכע, געשאַפן דורך רעכט, דורך דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט גופא. דער סאָוועט־רעזשים, ניט קענענדיק אויסראָטן די נאַטירלעכע אומגלייכקייטן, האָט אָבער אַלץ געטאָן, כדי זייער ווירקונג צו פּאַראַליזירן אָדער לכל הפּחות אָפּצושוואַכן. די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד ווייסן וואויל ווי נאַאיוו עס איז זיך צו פאַרלאָזן אויף פאָרמעלער גלייכקייט. דעריבער האָבן זיי זיך געפלייסט אָנצופילן דעם דאָזיקן באַגריף מיט אַ רעאַלן, קאָנקרעטן אינהאַלט. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז די איינציקע אין דער וועלט, וואָס זיכערט יעדן בירגער דאָס רעכט אויף אַרבעט, אויף אָפּרו, אויף בילדונג. דער סאָוועט־רעזשים איז ניט קיין כישוף־מאַכער. ער קען ניט ענדערן די פיזיאָלאָגיע פון מאַן און פרוי, ער שטעלט אָבער די לעצטע אין אַזוינע באַדינגונגען, אַז אירע נאַטירלעכע באַזונדערקייטן זאָלן איר ניט שטערן זיך צו באַנוצן מיט דעם הויפּט־רעכט פון יעדן סאָוועט־בירגער, מיט דעם רעכט אויף אַרבעט. און זי גאַראַנטירט דער פרוי דאָס דאָזיקע רעכט דורך ספּעציעלע שוץ־מיטלען פאַר דער מוטער און קינד. באַזונדערס בולט ווייזט זיך אַרויס די טענדענץ פון די סאָוועטן צו זיכערן פאַקטישע גלייכקייט אין איר פּאָליטיק בנוגע די ווירטשאַפטלעך־ און קולטורעל־הינטערשטעליקע פעלקער פון פאַרבאַנד, וועגן וואָס מיר וועלן נאָך שפּעטער רעדן בפּרטיות.

מיר האָבן ביז איצט גערעדט נאָר וועגן איין זייל פון סאָוועטישן בנין — גלייכקייט. אמת, אין מיינע אויגן — דער וויכטיקסטער. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז די אַנדערע צוויי — די פּערזענלעכע פרייהייט און די רעגירונג דורכן פאָלק, קענען אַרויסגענומען ווערן פונעם דעמאָקראַטישן בנין און אים ניט צעטרייסלען אינגאַנצן. מיר מוזן בכן זען ווי האַלט עס דערמיט אין סאָוועט־רוסלאַנד. לאָמיר בלייבן דערווייל שטיין אויפן באָדן פון אידייען און פּרינציפּן. און דאָ איז נויטיק צו דערמאָנען, אַז די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אָנערקענט די געוויינלעכע פרייהייטן פון דער פּערזאָן אין פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן, ווי ניט־באַרירלעכקייט פון דער פּערזאָן חוץ אויפן סמך פון אַ רעכט־שפּרוך, פרייהייט פון וואָרט, אַסאָציאַציעס, פּרעסע, פאַרזאַמלונגען אאַז״וו לויטן באַוואוסטן נוסח פון

אַלע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס, מיט דעם חילוק, וואָס די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע זעט אויך פאָראויס די מאַטעריעלע גאַראַנטיעס אויף צו פאַר־ווירקלעכן די דאָזיקע פרייהייטן, ווי די נויטיקע דרוקערייען, פאַפּיר, לאָ־קאַלן וכדומה (אַרטיקל 125).

וואָס שייך דעם אָנטייל פון די בירגער אין דער רעגירונג און פאַר־וואַלטונג, שטעלט די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע פעסט אַלגעמיינע און געהיימע וואַלרעכט פאַר אַלע בירגער, אָן שום באַגרענעצונגען, וואָס אַזוינע געפינט מען אפילו אין די סאַמע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס. ביז 1936 האָט סאָוועט־רוסלאַנד ניט געגעבן קיין וואַלרעכט אינגאַנצן געוויסע קאַטעגאָריעס בירגער, ווי בורזשועזן, כלי־קודש וכדומה. דאָס וואַלרעכט איז אויך ניט געווען קיין גלייכס. די שטים פון אַן אַרבעטער איז פינף מאָל אַזוי פיל ווערט געווען ווי די שטים פון אַנדערע בירגער (פינף און צוואַנציק טויזנט אַרבעטער האָבן געקענט קלייבן איין דעפּוטאַט אין אויי־בערשטן סאָוועט, בעת פויערים, למשל, האָבן געדאַרפט האָבן 125,000 וויילער אויף אַ דעפּוטאַט). נאָר אין איין פונקט טרעט די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע אָפּ פונעם רעכט פון די בירגער אויף פּאָליטישער אַקטיוויקייט. וואָרעם זי דערלאָזט נאָר די טעטיקייט פון איין און איינציקער פּאַרטיי — דער קאָמוניסטישער. אין דעם פּרט, הייסט עס, האַלט זי זיך ביי דער אייגענער סיסטעם ווי די פאַשיסטישע לענדער, ביי דעם אַזוי־גערופענעם איין־פּאַרטיי־רעזשים. נאָר וועגן דעם דאַרף מען רעדן באַ־זונדער, און מיר וועלן זיך נאָך צו דעם פונקט אומקערן.

ס'איז דעריבער כלל ניט קיין פוסטע באַרימעריי, ווען מען זאָגט אונדז, אַז די סטאַלין־קאָנסטיטוציע איז די דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט. זי איז דאָס בפירוש, אויב מען באַטראַכט די קאָנסטיטוציע פאַר זיך גענו־מען, דאָס הייסט ווי דעם סכום פון די נאָרמעס, וואָס באַדאַרפן רעגולירן דאָס לעבן פון דעם יחיד אין זיינע באַציאונגען צום כלל און צו זיינע אָרגאַנען.

יאָ, זאָגט מען, דאָס איז אַלץ טאַקע גאָר פיין, אָבער וואָס טויגן אונדז פילאָסאָפיעס און אידעאָלאָגיעס, קאָנסטיטוציעס און רעכט, ווי באַלד זיי ווערן ניט פאַרווירקלעכט אין לעבן. און דאָ ברענגט מען אייך טויזנט און איין ראיה פון דער סאָוועטישער פּראַקטיק, די אַקטן פון טעראָר, די דערשטיקונג פון געדאַנקען־ און וואָרט־פרייהייט וכדומה. איך האָב דאָ ניט די מינדסטע כוונה ניט צו פאַרהוילן און ניט צו באַרעכטיקן די דאָזיקע פּראַקטיק. אָבער עס איז די גרעסטע בייזוויליקייט אָדער דער גראָבסטער פעלער חוזק צו מאַכן פון די פּרינציפּיעלע און אידעאָלאָגישע

פונדאַמענטן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי צו דערקלערן אויף דעם סמך, וואָס זיי ווערן ניט פול דורכגעפירט אין לעבן, פאַר אַ שווינדלערישער קאָמעדיע. געוויס זיינען פאַראַן סתירות צווישן דער סאָוועטישער אידעאָלאָגיע און קאָנסטיטוציע און דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען. סתירות צווישן געדאַנקען און מעשים איז אַן אַלטע מענטשלעכע קרענק, וואָס וועט ניט אויסגעהיילט ווערן ניט אין אונדזער דור און ניט מסתמא אין אַ סך שפּעטערדיקע דורות, וואָס וועלן קומען. אָבער צונויפמישן דעם סאָוועט־רעזשים, מחמת ער האָט ניט דערגרייכט קיין פולקומקייט, מיט דעם פאַשיסטישן, וואָס לאַכט זיך ציניש אויס פון אידעאַל פון מענטשלעכער פולקומקייט גופא, קענען נאָר בלינדע אָדער פון שנאה פאַרבלענדטע. פונקט אויף דעם אייגענעם סמך וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דעמאָקראַטיע און פאַשיזם זיינען היינו הך. והראיה, די דעמאָקראַטישע לענדער פאַרווירקלעכן אין אַזאַ קליינער מאָס זייערע אייגענע פּרינציפּן. דער קאָמוניזם איז געבויט אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס פאָלק מוז און דאַרף זיך אַליין רעגירן און דערפאַר האָט ער איינגעפירט אַלגעמיינע און גלייכע וואַלן. דער נאַצי־פאַשיזם שעמט זיך גאָרניט צו זאָגן אָפן, דורך איינעם פון זיינע גרעסטע „דענקער", גאָטפריד פעדער, אַז פון גלייכע און געהיימע וואַלן מוז אומפאַרמיידלעך אַרויסקומען די הערשאַפט פון עמי־הארצים און אידיאָטן. ווער פון די ביידע רעזשימען האָט מער שאַנסן און איז מער עלול צו קומען פריער אָדער שפּעטער צו אַ פולער דעמאָקראַטיע? דער קאָמוניסטישער רעזשים אַנערקענט די פּערזענלעכע פרייהייטן. צוליב זייער שוץ האָט ער אויפגעשטעלט קאָנסטיטוציאָנעלע נאָרמעס. פאַרקערט אָבער איז געווען איינער פון די ערשטע טריט, וואָס היטלער האָט געטאָן, קומענדיק צו דער מאַכט, בטל צו מאַכן אַלע אַרטיקלען פון דער ווימאַרער קאָנסטיטוציע, וואָס פּראָקלאַמירן די דאָזיקע פרייהייטן און ער האָט זיך אַליין געמאַכט פאַרן איינציקן געזעצגעבער פון לאַנד.

צונויפמישנדיק אויסערלעכע פאָרמען מיטן רעאַלן תוך, זאָגט מען אונדז, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד, פונקט ווי אין די פאַשיסטישע לענדער, הערשט אַ פּערזאָנען־קולט. דאָ סטאַלין, דאָרט היטלער אָדער מוסאָליני. וואָס איז די נפקא מינה? האָט אָבער סטאַלין דאָס רעכט אַליין, ביי קיינעם ניט פרעגנדיק, צו מאַכן געזעצן, אַ רעכט וואָס היטלער האָט זיך יאָ גענומען? האָט איר ווען ניט איז געהערט אין רוסלאַנד אַזאַ מין שפּרוך ווי דער, וואָס איז געוואָרן דער דעוויז פון דער פאַשיסטישער איטאַליע: „דער דוטשע איז אַלעמאָל גערעכט"? דער פאַשיזם לייקנט אין פּרינציפּ, אַז

די רעגירער פון פאָלק דאַרפן פון וועמען ניט איז געקליבן ווערן. מיר קענען שוין דעם שפּרוך: „אַ פירער ווערט געבוירן און ניט געקליבן". סטאַלין אָבער איז אויף אַלע זיינע פּאָסטנס, וואָס ער פאַרנעמט, געווילט געוואָרן פון די באַטרעפנדיקע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן לויטן געזעץ די קאָמפּעטענץ דערויף. איי וואָס, מיר ווייסן ניט, וואָס עס קומט פאָר הינטער די קוליסן, ווי אַזוי די וואַלן ווערן צוגעגרייט? אָבער צי ווייסן מיר דאָס וועגן די וואַלן פון די פירער פון די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע רעגירונגען?

דער קולט פון דער פּערזענלעכקייט אַליין פאַר זיך, אויב ער שוואַכט ניט אָפּ די זעלבסטשטענדיקייט פון פאָלק און זיין דענק־פעאיקייט, ווי דאָס איז דער פאַל אין די פאַשיסטישע לענדער, וואו מען זאָגט דעם פאָלק בפירוש — קלער ניט וועגן פּאָליטיק, דער פירער אָדער דוטשע וועלן עס שוין טאָן פאַר דיר, איז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג און אַן אויסדרוק פון דער באַדערפעניש פון דער סאָציאַלער באַשעפעניש, וואָס דער מענטש איז, צו זען אין עמיצן, אין אַ זיין גלייכן, די פאַרקערפּערונג, די פּערסאָ־ניפיצירונג פון דעם בעסטן און דעם איידלסטן. די אָפּלאַכעניש פון דעם דאַזיקן קולט דערמאָנט מיר די חכמות פון די אַמאָליקע פלאַכקעפּיקע אַפּיקורסים איבער די „פינצטערע" חסידים און זייער פאַרגעטערונג פונעם רבין. אין די דאָזיקע פלאַכקייטן בנוגע סאָוועטישע פירער פאַלן אָפּט מאָל אַריין אפילו פיין־ און טיף־פילנדיקע מענטשן. אָט, למשל, דערציילט אַנדרעי זשיד אין זיין באַרימטן בוך „צוריק פון פ. ס. ס. ר.", אַז איינער פון די פאַקטן, וואָס האָבן אים אַנטוישט, איז געווען פאָלגנדיקע מעשה, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט אינעם פאַרוואָרפענעם גרוזינישן שטעטל גאָרי, וואו סטאַלין איז געבוירן געוואָרן און וואו ער, וואָס איז געוואָרן דער פירער פון גרעסטן לאַנד אין דער וועלט, ווערט נאַטירלעך פאַרגעטערט. קומענדיק אַהין, שפּירט אַנדרעי זשיד, אַז ס'איז אַ העפלעכקייט־חוב פאַר אים, דעם אויסלענדער, צו שיקן סטאַלינען אַ באַגריסונג פון זיין געבוירנ־אָרט. אין זיין טעלעגראַם געברויכט ער ניט קיין שום טיטול און קיין שום עפּיטעט און ווענדט זיך צו סטאַלינען מיטן געוויינלעכן „איר". מען מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז אין אַזאַ פאָרם קען מען די טעלעגראַם ניט אָפּשיקן, אַז עפּעס מוז מען צום נאָמען פון סטאַלינען מוסיף זיין: „פירער פון די פעלקער", „שעף פון די אַרבעטער" וכדומה. „נאַטירלעך" זאָגט זיך זשיד אָפּ דאָס צו טאָן. און קומענדיק צוריק פון רוסלאַנד, שטרייכט ער מיט אַ באַזונדערן אַקצענט אונטער דעם דאָזיקן פאַקט, ווי אַ באַווייז פון דער ניט־דעמאָקראַטישקייט פונעם סאָוועטישן רעזשים. לייענענדיק די

דאָזיקע באַשרייבונג, האָב איך זיך געפרעגט, ווי אַזוי וואָלט דער אייגענער אַנדרעי זשיד, דער ראַדיקאַל און איבערצייגטער רעפּובליקאַנער זיך אויפֿגעפירט, ווען די אייגענע זאַך פּאַסירט מיט אים, למשל, אין ענגלאַנד. וואָלט ער, ווען אים זאָל אויסקומען זיך צו ווענדן צו געאָרג דעם זעקסטן, אויך גערעדט צו אים פּראָסט בלשון „איר" און פּראָטעסטירט, ווען די פּאָסט זאָל פון אים פֿאָדערן, ער זאָל מוסיף זיין „אייער מאַיעסטעט"? אָדער איז אפשר גאָר אַ סברא, אַז אים וואָלט אַליין איינגעפאַלן לכתחילה דעם דאָזיקן „אייער מאַיעסטעט" מיט זיין אייגענער האַנט אָנצושרייבן. פרעגט זיך, פאַרוואָס איז אַ יורש פון די ווינדזאָרס מער בעל־יחוס אין די אויגן פון אַ דעמאָקראַט, ווי דער זון פון דער גרוזינישער פויערים־פאַמיליע? אפשר נאָך מער ווי דער קעניג פון ענגלאַנד סימבאָליזירט סטאַלין דעם גייסט און די אידעאַלן פון די סאָוועטישע פעלקער. נעמט, למשל, די פעלקער און שבטים פון אַזיאַטישן רוסלאַנד, וואָס אויב זיי זיינען געוואָרן מענטשן מיט מענטשן גליך, האָבן זיי דאָס צו פאַרדאַנקען דעם נייעם רעזשים און זיין שעף. איז עס דען אַ חידוש, ווען זיי פאַרגעטערן אים? די אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן דייוויס און שטייגער, וואָס האָבן געמאַכט אַ נסיעה איבער סאָוועט־אַזיע, זאָגן מיט רעכט: „פאַר אַן אַמעריקאַנער איז שווער צו פאַרשטיין די טיפע ליבע פון די סאָוועט־אַזיאַטישע פעלקער פאַרן דאָזיקן מאַן" (סטאַלין). אָבער די דאָזיקע ליבע איז אָן ספק געוואָרן נאָך טיפער זינט דער נאַצישער אינוואַזיע. דאָס איז אפשר ניט קיין אַרגומענט פאַר אינטעליגענטן — פיין־שמעקער. קען מען דאָך פון זיי ניט פאַרלאַנגען, זיי זאָלן זיך גיין לערנען ביי די דאָזיקע „האַלב ווילדע" פעלקער. נאָר פאַר דעם, וואָס ווייסט ווי רעלאַטיוו עס איז דער באַגריף פון למעלה און למטה אין דער היינטיקער ציוויליזאַציע, איז עס גראָד אַן אַרגומענט, און אַ געוואַלטיקער.

און איצט לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי שטייט עס אין אַנדערע באַציאונגען מיט דער סאָוועטישער פּראַקטיק, צי איז זי טאַקע הכצעקתה?

לאָמיר אָנהויבן קודם כל מיט דעם ענין פון גלייכקייט, ווי ווייט זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד. געוויס איז דאָרט, ווי אין ערגעץ ניט, ניטאָ קיין אַבסאָלוטע סאָציאַלע גלייכקייט, ניט געקוקט אויפן סאָציאַליזם. פאַראַן אפילו אַ יש אומרים, אַז אַזאַ גלייכקייט איז בכלל ניט מעגלעך, ווייל זי איז קעגן דער „מענטשלעכער נאַטור". לאָמיר דאָ לאָזן די דאָזיקע פראַגע אָפן. מיר ווועלן אויך לאָזן אַן אַ זייט די פראַגע, צי איז סטאַלין גערעכט, ווען ער חזרט כסדר איבער אין זיינע שריפטן און רעדעס, אַז די איצטיקע סאָציאַלע אומגלייכקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד

נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס לאַנד געפינט זיך נאָך אין דער ערשטער,
נידעריקערער סטאַדיע פון קאָמוניזם, וואו די פאַרטיילונג פון געברויך־
פראָדוקטן איז באַזירט אויפן פרינציפ: „פון איטלעכן לויט זיינע פעאי־
קייטן, איטלעכן לויט זיין אַרבעט", און אַז די ווייטערדיקע, די העכערע
שטופע וועט פאַרווירקלעכן די פולע גלייכקייט אויפן יסוד: „פון איטלעכן
לויט זיינע פעאיקייטן, איטלעכן לויט זיינע באַדערפענישן". כידוע שטיצט
זיך דאָ סטאַלין טאַקע אויף מאַרקסן אַליין. און ס'איז ריכטיק, אַז צווישן
אַנדערע האָט מאַרקס אין זיין „קריטיק פון דער פראָגראַם פון גאָטאַ" אַרויס־
געבראַכט דעם געדאַנק, אַז די אַבסאָלוטע גלייכקייט אין דעם גענוס פון
די גיטער וועט קענען דערגרייכט ווערן נאָר אין אַ העכערער פאַזע פון
דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווען „די פאַרשקלאַפערישע אונטעראָר־
דענונג פון די יחידים אונטער דער צעטיילונג פון אַרבעט און במילא אויך
דער קעגנזאַץ צווישן קערפערלעכער און גייסטיקער אַרבעט וועט פאַר־
שווינדן, ווען די אַרבעט וועט מער ניט זיין קיין מיטל צום לעבן, נאָר זי
וועט אַליין ווערן די ערשטע לעבנס־באַדערפעניש". אַזוי צי אַזוי, עס איז
איצט אַ פאַקט, אַז די סאָציאַליזאַציע פון די פראָדוקציע־מיטלען אַליין
פאַר זיך ברענגט נאָך ניט קיין אַבסאָלוטע, סאָציאַלע גלייכקייט. עס איז
אָבער אויך אַזוי זיכער, אַז זי דערנענטערט די מענטשן צו דער דאָזיקער
גלייכקייט און פאַרווירקלעכט זי אין אַזאַ מאָס, וואָס קיין קאַפּיטאַליסטיש
לאַנד איז דערצו ניט מסוגל.

די בירגערלעכע קריטיק פון סאָוועט־רעזשים איז געבויט דער עיקר
אויף דער דיפערענץ פון שכירות און הכנסות צווישן פאַרשיידענע קאַטע־
גאָריעס פון אַרבעטער גופא, און צווישן אַרבעטער פון איין זייט און טעכ־
ניקער, דירעקטאָרן און מלוכה־ביוראָקראַטן פון דער אַנדער זייט. אין דער
דאָזיקער דיפערענץ וויל מען זען דעם באַווייז, אַז דער סאָציאַליזם איז
אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דער קוואַל, פון וועלכן
די דאָזיקע קריטיק שעפּט, זיינען די אַרבעטן פון טראָצקין, וועלכער האָט
זיך דערמיט איינגעקויפט אַ גרויס פאַרדינסט אין די קאַפּיטאַליסטישע
קרייזן. הגם למען האמת מוז מען זאָגן, אַז זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט
איבעריקנס געמעגט און געדאַרפט פאָראויסזען, זיינען שטאַרק צעקאַלע־
טשעט און פאַרדרייט געוואָרן פון זיינע חסידים און בפרט פון זיינע ביר־
גערלעכע נאָכזאָגער און נאָכשלעפער.

טראָצקיס גאַנצע אַרגומענטאַציע איז געבויט אויף זיין ליידנשאַפט־
לעכער איבערצייגונג, אַז סטאַלין און אַלע, וואָס זיינען מיט אים, האָבן
בוגד געווען אַ בגידה אין דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם הן אויפן אינ־

טערנאַציאָנאַלן פעלד, וועגן וואָס מיר האָבן שוין אויבן גערעדט, הן אויפן אינעוויייניקסטן, רוסלענדישן פראָנט. און כאָטש ווי אַ מאַרקסיסט קען ער ניט אינגאַנצן פאַרשווייגן די אָביעקטיווע סיבות, וועלכע האָבן געבראַכט דערצו, וואָס די סאָוועט־רעגירונג און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיינען אָפּגעטראָטן פון דער מאַרקסיסטישער טראַדיציע און פון לענינס צוואה, איז ער אָבער אַזוי פאַרבלענדט דורך ליידנשאַפט, ווערט ער אַזוי באַהערשט פון זיין טעמפּעראַמענט, אַז סוף כל סוף לאָזט זיך ביי אים דאָך אַלץ אויס צו פאַרראַט, צו פערזענלעכע מאָטיוון און אייגנשאַפטן, וואָס דיקטירן סטאַ־לינען און זיינע תלמידים די אָדער יענע הנהגה.

סטאַלין האָט, לויט טראָצקיס מיינונג, מיט זיין פּאָליטיק דערפירט דערצו, אַז אין רוסלאַנד זאָל זיך אויסבילדן אַ נייער פּריווילעגירטער קלאַס, דאָס סאָוועטישע באַאַמטנטום. סטאַלין האָט געשפּאָלטן דעם פּראָלעטאַ־ריאַט אין צוויי ניט גלייכע טיילן: דעם פּראָסטן אַרבעטער, וואָס ציט קוים זיין חיונה, און די אויבערשטע צען טויזנט — די שלאָגלער, די סטאַכאַנאָווצעס, וואָס געניסן פון אַ פּיל גרעסערער הכנסה און פון אַ סך העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד. און הגם טראָצקי ווייזט אַליין אָן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין ציפערן, פון וועלכע מען זאָל קענען אָפּלערנען, ווי אַזוי ווערט אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַרטיילט די נאַציאָנאַלע הכנסה צווישן פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, נעמט ער אויף זיך צו דערקלערן, אַז די ביוראָקראַטיע, וואָס מאַכט אויס לערך 15—20 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג, געניסט בלויז אַ העלפט פון דער גאַנצער איינקונפט פון לאַנד, דאָס הייסט אַזוי פּיל, וויפיל די איבעריקע אַכציק ביז פינף און אַכציק פּראָ־צענט. און דזשעימס בוירנהעם זאָגט, אַז די ביוראָקראַטיע מאַכט אויס ניט 15—20 פּראָצענט, נאָר סך־הכל עלף ביז צוועלף פּראָצענט, און איז זיך אויך סומך אויף טראָצקין. במילא קומט ער צום אויספיר, אַז די ניט־גלייכקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פּונקט אַזוי גרויס ווי אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, וואו אויף די אויבערשטע צען פּראָצענט פון דער באַ־פעלקערונג פאַלן אויך אויס פופציק פּראָצענט פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה. און בוירנהעם, וועלכער איז אַליין געשטאַנען אַמאָל אידעאיש נאָענט צו טראָצקין, האָט זיך אַזוי טיף דורכגעדרונגען מיט זיין קריטיק פון דער סאָוועטישער, סאָציאַלער סטרוקטור, אַז ער האָט זיך דערקייקלט צו זיין אייגענער טעאָריע, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט קיין סאָציאַליסטישן רע־זשים, נאָר אַ פאַרוואַלטערישן (מענעדזשיריעל), און אַז דער דאָזיקער רעזשים דאַרף אין דער גאַנצער וועלט פאַרבייטן דעם קאַפּיטאַליסטישן. און דאָס אַלץ איז געבויט אויפן סמך פון טראָצקיס ציפערן, וואָס זיינען

זיך סותר איינע די אַנדערע און וואָס אחרי ככלות הכל ווייסט מען ניט, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען.

נאָר הגם עס איז ניטאָ קיין באַגלויבטע סטאַטיסטיק, זיינען דאָך פאַראַן געוויסע פאַקטן, וואָס קענען דינען פאַר אַן אויסגאַנגפּונקט אויף אורטיילן וועגן דער מאָס ניט גלייכקייט, וואָס עקסיסטירט אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס זיינען די פאַרשיידנקייטן אין שכירות און אַרבעט־לוין אין די קאָנקרעטע פאַלן, וואָס לאָזן זיך פעסטשטעלן. דזשאָזעף דייוויס, דער געוועזענער אַמעריקאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד, וואָס האָט פּער־זענלעך באַזוכט אַ ריי אינדוסטריעלע צענטערס פון לאַנד, ווייזט אָן אין זיין באַריכט צום סטייט־דעפּאַרטמענט פון מערץ 1937, אַז די מאַנאַטלעכע, דורכשניט־שכירות פון די אַרבעטער זיינען געווען 200—250 רובל, בעת אַ „סטאַכאַנאָוויעץ", וואָס מיינט אויף אונדזער לשון אַ קוואַליפיצירטער און פלייסיקער אַרבעטער, פאַרדינט פון 800 ביז 2000 רובל אַ חודש, ד"ה פון פיר ביז אַכט מאָל מער ווי אַ שוואַרץ־אַרבעטער. דערביי ווייזט ער אָבער אָן, אַז אַן אינזשעניר פון פאַבריק באַקומט ניט מער ווי אַן אַרבע־טער, אַ סטאַכאַנאָוויעץ, און אַז אַפּילו אַ דירעקטאָר באַקומט מאַקסימום צוויי טויזנט רובל אַ חודש, ד"ה ניט מער ווי אַן ערשטקלאַסיקער, קוואַלי־פיצירטער אַרבעטער. די דאָזיקע דאַטעס באַווייזן גיכער אַ סך אַ גרע־סערע מאָס גלייכקייט צווישן אַרבעטער, טעכניקער און ביוראָקראַטן, ווי מיר זעען דאָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו דער געהאַלט פון אינזשענירן און דירעקטאָרס זיינען אָפט פופציק מאָל אַזוי גרויס ווי די שכירות פון אַן אַרבעטער. טראָצקי אָבער, און ווידער אַמאָל ווייזט ער ניט אָן, אויף וואָס ער איז זיך סומך, דערקלערט, אַז דער חילוק אין פאַר־דינסט איז צוואַנציק ביז דרייסיק מאָל. און כדי אונדז נאָך מער צו פאַר־פלאָנטערן און אַזוי ווי צו באַווייזן, ווי שווער עס איז צו געפינען אָביעק־טיווע דאַטעס, ווען עס האַנדלט זיך פון אַזאַ סאָציאַלער דערשיינונג ווי דער קאָמוניזם, וואָס רופט אַרויס אַזוי פיל ביטערניש אוןליידנשאַפטן, קומט מאַקס איסטמאַן, אויך אַ געוועזענער חסיד פון טראָצקין, וואָס האָט שפּעטער ווי בוירנהעם זיך אַנטוישט אין סאָציאַליזם בכלל, און איז זיך סומך אויף טראָצקין, און ציטירט אַ פאַל פון אַ שעף־אינזשעניר, אַסטראַ־גליאַדאָוו, וואָס פאַרדינט עפּעס מער פון צוואַנציק טויזנט דאָלער אַ יאָר, ער קומט דעריבער צום אויספיר, אַז די פּראָפּאָרץ צווישן די שכירות פון אַן אַרבעטער און פון דעם דאָזיקן אינזשעניר איז ווי איינס צו פופציק, אַקוראַט די זעלביקע ווי אין אַמעריקע. האָבן מיר שוין, ברוך השם, דריי סתירותדיקע דאַטעס: איינס צו אַכט ביי דייוויסן, איינס צו צוואַנציק אָדער

דרייסיק ביי טראָצקין און איינס צו פופציק ביי טראָצקי־איסטמאַן. אָבער דאָס איז נאָך וויניק. ווי גרויס זיינען די שכירות אין סאָוועט־רוסלאַנד, לויט די אַמעריקאַנער מאָסשטאָבן, אויף דעם קריגט איר ווידער דריי פאַרשיידענע תשובות: לויט דייוויסן איז דער רעאַלער ווערט פון רובל, ד״ה זיין קויף־קראַפט, גלייך צען סענט, לויט טראָצקין — זעכצן און לויט טראָצקי־איסטמאַן — צוואַנציק סענט. דאָס הייסט, אַז אויב דייוויס איז גערעכט, קומט אויס, אַז דער דאָזיקער אָסטראָגליאַדאָוו, וואָס איסטמאַן צאַצקעט זיך מיט דעם אויף גאַנצע זייטן פון זיין בוך „סטאַלינס רוסלאַנד״, פאַרדינט שוין ניט מער ווי צען טויזנט דאָלער אַ יאָר — גאָר אַ שיבוש אין פאַרגלייך מיט די הונדערטער טויזנטער דאָלער, וואָס עס פאַרדינען דירעקטאָרן פון גרויסע קאָרפּאָריישאַנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָפּגערעדט דערפון, וואָס איסטמאַן האָט משמעות גאָר פאַרגעסן, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען חוץ דירעקטאָרן נאָך פאַראַן קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווילן אויך אָפּלעקן אַ פאַרדינסטל פון זייער קאַפּיטאַל, און פאַר וועמען די אַלע ציטירטע סומעס וואָלטן אין בעסטן פאַל געקלעקט אויף קליינע קעשענע־הוצאות. וויל מען פעסטשטעלן די מאָס פון ניט גלייכקייט, דאַרף מען פאַרגלייכן אַלע הכנסות און ניט נאָר פון אַרבעטער און פאַרוואַלטער און דעמאָלט וועט מען זיך מוזן דערמאָנען, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דער מין קאַפּיטאַליסט מער ניט בנימצא. חוץ לזה, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַזאַ אויסנאַם־פאַל ווי אָסטראָגליאַדאָוו, אויב ער איז בכלל ניט קיין מיסטישער פאַרשוין, ווען איסטמאַן אַליין ציטירט דרך אגב אַ סאָוועט־דעקרעט פון 1938, וואו דער מאַקסימום פון חודש־שכירות ווערט פעסטגעשטעלט אויף צוויי טויזנט רובל, ד״ה לערך צוויי הונדערט דאָלער. אויף צו צאָלן מער מוז מען האָבן אַ ספּעציעלן דעקרעט פון „סאָוונאַרקאָם״, ד״ה פון דער אויבערשטער רעגירונג. און נאָך עפּעס פאַרגעסן די אַלע, וואָס זשאָנגלירן מיט ציפערן און פאַקטן, דהיינו, אַז עס האָבן גאָר אַ גרויסע באַדייטונג אויך די אַבסאָלוטע צאָלן און ניט נאָר די פאַרהעלטעניש צווישן די הכנסות פון די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. וויל מען באַווייזן, אַז אין רוסלאַנד וואַקסט אַ נייער הערשנדיקער קלאַס, אַ יורש פון דער בורזשואַזיע, דאַרף מען דאָך אַ קוק טאָן אויף אים, ווי זעט ער עפּעס אויס, וואָס איז זיין סאָציאַלער פּרצוף. איז אָבער דער מאַקסימום שכירות, חוץ איינצלנע אויסנאַם־פאַלן, צוויי הונדערט דאָלער אַ חודש לערך, קלעפּט זיך עס גאָרניט צו זען אין די דאָזיקע לייט דעם צוקונפטיקן, הערשנדיקן קלאַס, אַ באַזע פאַר אַ רוסישן טערמידאָר. פּרוואוט אויף אַ קאַטאָוועס כאַפּן אַ שמועס מיט אַ ראַקפעלער, אַ מאָרגאַן אָדער אַ פאָרד אפילו וועגן אָסטראָ־

גליאַדאָוון, וועלן זיי לאָכן אין די הויפּנס פון דעם דאָזיקן שלימזלדיקן קאַפּיטאַליסט מיט זיין צען טויזנט דאָלערדיקער הכנסה.

פון דער ניט זיכערקייט און סתירותדיקייט פון די געבראַכטע ציפערן און פאַקטן איז איין זאַך בכל אופן געדרונגען, דהיינו אַז די אַזוי פאַר־שריענע ניט גלייכקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ געוואַלטיקע גוזמא און גאָר קיין גלייכעניש ניט צו דעם מהלך, וואָס טיילט אָפּ פאַרשיידענע קלאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. און אַ סך מער ווי פון סטאַ־טיסטיק וויסט עס יעדער איינער פון אונדז, וואָס האָט אַ שייכות צו סאָ־וועט־רוסלאַנד, קען די מענטשן און ווייסט, ווי שרעקלעך באַשיידן לויט מערב־אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער סטאַנדאַרדן עס לעבן בדרך כלל די מענטשן, וואָס רעגירן מיט אַ זעקסט־חלק פון דעם ערד־קיילעך. מוז טאַקע טראָצקי אַליין סוף כל סוף מודה זיין, אַז אחרי ככלות הכל איז „די פאַר־טיילונג פון גיטער אין סאָוועט־פאַרבאַנד אַ סך מער דעמאָקראַטישער, ווי זי איז געווען ביים צאַריזם און אפילו אין די סאַמע דעמאָקראַטישע לענ־דער פון מערב". אָבער, איז ער מוסיף, צו סאָציאַליזם קומט עס ניט.

דאָס לעצטע איז נאָר ריכטיק, אויב מען זאָל פאַרשטיין אונטער סאָ־ציאַליזם די אַבסאָלוטע גלייכקייט, ד"ה אַז איטלעכער זאָל ווערן באַלוינט ניט לויט זיין אַרבעט און דער פעולה פון זיין אַרבעט, נאָר לויט זיינע באַ־דערפענישן. אָבער אַזאַ צושטאַנד בלייבט דערוויל נאָר אַ נביאישע וויזיע און ניט קיין רעאַלער ענין פאַר דער נאָענטער צייט. די אומגלייכקייט פון סאָוועט־רוסלאַנד עקסיסטירט אין דער מאָס, אין וועלכער זי איז נויט־ווענדיק ביים היינטיקן שטאַנד פון מענטשן, כדי עס זאָל ניט פּאַראַליזירט ווערן דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן. טראָצקי אַליין זאָגט עדות, אַז די אַב־סאָלוטע שכירות־גלייכקייט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן תיכף נאָך אָק־טאָבער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן ערנסטער מניעה פאַר דער אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות פון לאַנד. פּראָסט געזעדט מיינט עס, אַז די פעאיקערע און פלייסיקערע אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין שום סטימול צו אַרבעטן בעסער און פּראָדוצירן מער ווי די פוילאַקעס און די לא יוצלחס. און היות ווי דער מינימום־לוין איז געווען געזיכערט פאַר אַלעמען, איז מסתמא בכלל ניט געווען קיין חשק צו אַרבעטן אַ סך. קעגן אָט דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס הגם זי איז ניט אייביק, ווי מיר ווילן גלויבן, איז זי אָבער דערוויל בכל אופן אַן אומבאַשטרייטלעכער פאַקט, קען קיין שום טרייקייט פון די פירער צום סאָציאַליסטישן אידעאַל ניט העלפן. פּונקט אַזוי ווי זייער איצטיקער כלומרשטער פאַרראַט וועט ניט ברענגען דעם אומגליק, פאַר וועלכן עס „ציטערן" אַזוי די קאַפּיטאַ־

ליסטן און איינצלנע נאַאיווע סאָציאַליסטן — צו דעם אויפקום פון אַ נייעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. ניט געקוקט אויף דעם חילוק אין פאַרדינסט, זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד ניטאָ קיין קלאַסן און קיין קלאַסן־מחיצות, ווייל דערצו געהערט המשכדיקייט, דאָס מיינט, אַז די פּריווילעגירטע פּאָזיציע פון טאַטן זאָל קענען איבערגיין צום זון. דאָס אָבער איז ניט מעגלעך דאָרט, וואו די פּריווילעגיע, אויף וויפיל זי עקסיסטירט, געהערט זי דער פּערזאָן און איז פאַרבונדן מיט זיינע פּערזענלעכע פעאיקייטן און פּעולות, און וואו עס קען ניט פאַרקומען קיין אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל דורך ירושה אין אַ מער אָדער ווייניקער באַדייטיקן פאַרנעם. אויף צו זאָגן, אַז דאָ לויערט אַ סכנה פון אַ קאַפּיטאַליסטישער רעסטאַוראַציע, דאַרף מען האָבן אָדער אַ רייכע פאַנטאַזיע אָדער אַ שלעכטע כוונה. כל זמן סאָוועט־רוסלאַנד בלייבט דאָס לאַנד, וואו דער ווערט פון דעם מענטשן ווערט באַשטימט ניט לויט זיין „האָבן", נאָר לויט זיין „טאָן", קען אַ רעסטאַוו־ראַציע פון קאַפּיטאַליזם ניט קומען פון אינעווייניק, סיידן די בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע „קנאים" פון אַבסאָלוטער גלייכקייט זאָלן אונטער־שטעלן אַ פּלייצע.

דער אומגליק פון סאָוועט־רוסלאַנד ליגט ניט אין די העכערע שכירות פון די סטאַכאַנאָוועס אָדער די נאָך גרעסערע פון אַ באַגרענעצטער צאָל הויכע מלוכה־פונקציאָנערן. סוף כל סוף מאַכן אויס די דאָזיקע הויכע שכירות פון אַ פּאָר הונדערט דאָלער אַ חודש ניט מער כמעט, ווי דער מינימום, וואָס לויט די מערב־השגות דאַרף האָבן אַ מענטש, וואָס אַרבעט אַ סך פיזיש און בפרט גייסטיק. דער אומגליק, אויב איר ווילט — די טראַגעדיע פון סאָוועט־רוסלאַנד, ליגט אין די צו נידעריקע פאַרדינסטן פון דעם רוב פון דער באַפעלקערונג. און דאָ זיינען ווייניקער ווי אַלץ שולדיק די פירער. דער היינטיקער סאָוועטישער דור ליידט פון דער שווערער ירושה, וואָס עס האָט אים איבערגעלאָזט דאָס אַלטע רוסלאַנד, און פון דער אָפּגעשטאַנענקייט פון אירע פעלקער, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

רוסלאַנד איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען הינטערשטע־ליק אַנטקעגן מערב־אייראָפּע לכל הפּחות אויף הונדערט יאָר. איר אינ־דוסטריע האָט נאָך געהאַלטן ביי בראשית. די פּויערים האָבן באַאַרבעט זייערע פעלדער מיט מכשירים און לויט מעטאָדן פון טיפן מיטלעלטער. במילא איז די ערשטע און דרינגענדסטע אויפגאַבע, וואָס האָט זיך גע־שטעלט פאַרן סאָוועט־רעזשים גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, געווען ניט קיין סאָציאַלע, ד"ה צו שטייגערן דעם וואוילזיין פון דער מאַסע, אַזוי אַז

זי זאָל קענען מער געניסן פון לעבן, ווי אַן עקאָנאָמישע, ד״ה צו לייגן דעם ווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט, אויף וועלכן מען זאָל קענען שפּעטער בויען דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק. מיט אַנדערע ווערטער האָט דאָס געמיינט — אַנטוויקלען און פאַרברייטערן די אינדוסטריע פון פּראָדוקציע־מיטלען אויפן חשבון פון געברויך־פּראָדוקטן. געוויס איז טראָצקי גערעכט, אַז בכלל איז דער ציל פון סאָציאַליזם ניט נאָר צו נאַציאָנאַליזירן די פּראָדוקציע־מיטלען, נאָר אויך צו הויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון אַרבעטער־פאָלק. אָבער דער לעצטער ציל האָט ניט געקענט ניט דערגרייכט ווערן, ניט ווייל עמיצער האָט עס ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געוואָלט, נאָר ווייל דער טעכנישער פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט מוז קומען פריער און איז אַ תנאי מוקדם אויף צו הויבן דעם מצב פון די מאַסן. אַן דעם וואָלט דער סאָציאַליזם אין רוסלאַנד לאַנגע יאָרן באַטייט די סאָציאַ־ליזאַציע פון דער נויט. אויב אין מערב האָט דער קאַפּיטאַל געמוזט פאַר־אויסגיין דעם סאָציאַליזם, לויט דער מאַרקסיסטישער טעזע, איז אין רוס־לאַנד דער וועג געווען אַ פאַרקערטער: ערשט דורכן סאָציאַליזם האָט דאָס לאַנד געקענט קומען צו דער אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. און סטאַלין איז, אין אַ ברייטערער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, און דווקא ניט פון דער גאָר ווייטער צוקונפט, געווען גערעכט, אַז צווישן סאָציאַליזם און מילך געהערט די בכורה דעם סאָציאַליזם, — סאָציאַליזם אין ספּעציעלן זינען, אין וועלכן לענין האָט אַמאָל געברויכט דאָס וואָרט: סאָציאַליזם פּלוס עלעק־טריפיקאַציע.

און אין דעם זינען האָט סאָוועט־רוסלאַנד ממש וואונדער באַוויזן. מיט אַ באַרעכטיקטן שטאָלץ האָט סטאַלין אין 1936 געקענט קאָנסטאַטירן אין זיין איינפירונג צו דער נייער קאָנסטיטוציע, אַז די רוסישע אינדוס־טריע ברענגט איצט אַרייין זיבן מאָל מער ווי פאַר דער מלחמה און אַז אפילו די לאַנדווירטשאַפט, וועמענס פּראָדוקציע־אַנטוויקלונגען זיינען בטבע זייער באַגרענעצט — אַנדערטהאַלבן מאָל מער. די גאַנצע נאַציאָנאַלע הכנסה פון לאַנד האָט זיך פאַר דער דאָזיקער צייט פאַרפירפאַכט. וואָס ווייטער איז די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג געגאַנגען אַלץ מיט אַ גיכערן טעמפּאָ און ס'איז אַלץ מער געשטיגן רוסלאַנדס חלק אין דער אינדוס־טריעלער וועלט־פּראָדוקציע. נאָך אין 1929 איז דער דאָזיקער חלק געווען גלייך 3,8 פּראָצענט און אין 1936 — שוין 15,2 פּראָצענט. רוסלאַנד האָט ערב דער ערשטער מלחמה פאַרנומען דעם פינפטן אָרט צווישן די אינדוס־טריעלע לענדער און איצט פאַרנעמט זי דעם צווייטן. מען האָט געהאָפט — און די דאָזיקע האָפענונג וואָלט מסתמא מקוים געוואָרן, ווען די מלחמה

וואָלט דערוויַיל ניט אויסגעבראָכן — אַז אין 1942 וועט די רוסישע פּראָ־דוקציע דערגרייכן לערך אַ דריטל פון דער וועלט־פּראָדוקציע. דער דעקאַן דזשאָנסאָן ציטירט אין זיין בוך „די סאָוועט־מאַכט" אַן ענגלישן עקאָנאָמיסט מילער, וואָס דער שעפילדער אוניווערסיטעט האָט אים געשיקט קיין רוסלאַנד, כדי צו פאָרשן די אָרגאַניזאַציע פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, און זאָגט „...מען וואָלט געקענט מיט אַ פולן גרונט פאָראויסזאָגן, אַז אין נעקסטן דור וועט סאָוועט־רוסלאַנד זיין אין דער אינדוסטריע אַזוי מעכטיק ווי די גאַנצע איבעריקע וועלט..." ס'איז קלאָר, אַז די מלחמה מיט אירע חרבות האָט איבערגעבראָכן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג־ליניע פון סאָוועט־רוסלאַנד.

און דער דאָזיקער געוואַלטיקער דערפאָלג איז דערגרייכט געוואָרן, ניט געקוקט אויף דעם נידעריקן טעכנישן און בילדונגס־ניוואָ פון די סאָוועטישע אַרבעטער, צווישן וועלכע איר געפינט נאָך גאָר אַ היפּשע צאָל, וואָס געהערן צו די הינטערשטעליקסטע פעלקער, וועלכע האָבן ביז דער רעוואָלוציע כמעט ניט געפירט קיין ציוויליזירט לעבן, די פעלקער פון דער אַזיאַטישער רוסלאַנד. דייוויס רעכנט אויפן סמך פון אָפיציעלע קוואַלן, אַז די דורכשניט־פּראָדוקטיוויטעט פון רוסישן אַרבעטער דערגרייכט אפילו איצט ניט מער ווי פערציק פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער. וואָס שייך דער לאַנדווירטשאַפט, האָט מאַלאַטאָוו אין 1935 אויסגערעכנט, אַז בעת אַ העקטאַר לאַנד ברענגט איין אין רוסלאַנד צוויי און אַכציק קינטאַל תבואה אין דורכשניט, זיינען די ציפערן פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע און דייטשלאַנד לערך 250, פאַר פראַנקרייך 300, ד"ה אַז די פּראָדוקטיוויטעט מאַכט אויס אין רוסלאַנד ניט מער ווי 27 פּראָצענט ביז 33 פּראָצענט לערך פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער.

אָט די טעכנישע הינטערשטעליקייט פון דעם רוסישן אַרבעטער און פּויער מיינט אַ קלענערע הכנסה און במילא אַ נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרד פון דער באַפעלקערונג. אָט פאַרוואָס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע הכנסה אין רוסלאַנד איז אַזוי געוואַלטיק געשטיגן אין פאַרגלייך מיט דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט, איז אָבער דער קוואַנטום פּראָדוקטן, גערעכנט פער קאָפּ פון דער באַפעלקערונג נאָך איצט אַ סך נידעריקערער אין סאָוועט־רוסלאַנד ווי אין די מערב־לענדער.

נאָך אַ צווייטע סיבה האָט ניט דערלאָזט, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די סאָוועטישע פעלקער זאָל שטייגן, ווי דאָס וואָלט באַדאַרפט פאַרקומען אַלס רעזולטאַט פון דער איינפירונג פון אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָס איז — דער מלחמה־ און דער ערב־מלחמה־צושטאַנד, אין

וועלכן סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך כסדר געפונען. מען קען באמת זאָגן, אַז פאַר די 25 יאָר פון איר עקסיסטענץ האָט זי קיין רו ניט געהאַט. די ערשטע יאָרן — די אויסלענדישע אינטערווענץ און דער בירגער־קריג, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו אַ נייער מלחמה, וועלכע אירע פירער האָבן געהאַלטן — און מיט רעכט — פאַר אַבסאָלוט אומ־פאַרמיידלעך. דיזעס רעכנט אויס, אַז סאָוועט־רוסלאַנד גיט אויס (דאָס באַציט זיך צו 1937) אויף באַוואָפענונגען צוויי מאָל אַזוי פיל, וויפיל ענג־לאַנד און פראַנקרייך צוזאַמענגענומען. אָבער אַזאַ אָרעם לאַנד קען דאָס דערגרייכן נאָר דעמאָלט, ווען זי שפּאָרט אָפּ טאַקע ממש דעם לעצטן ביסן פון מויל. די דילעמע: סאָציאַליזם אָדער מילך האָט זיך בכן נאָך גע־שטעלט אויך אין אַן אַנדער פאָרם: קאַנאָנען אָדער מילך. אָפּגעבנדיק די בכורה די ערשטע, די קאַנאָנען, האָט רוסלאַנד געראַטעוועט פון שקלאַ־פעריי ניט בלויז זיך, נאָר אפשר די גאַנצע וועלט. און דאָס איז איצט שוין באַשיימפּערלעך קלאָר. און ס'איז ממש אַ וויטיק אין האַרצן, ווען מען קוקט זיך צו צו די קונצשטיק, וואָס מען באַווייזט אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער, ווען מען מאַכט חוזק פון דעם „סאָוועטישן גן־עדן", וואו דעם אַרבעטער לעבט זיך ערגער ווי אין קאַפּיטאַליסטישן „גיהנום". טאַקע אַ געוואַלטיקער באַווייז! ס'איז די טראַגעדיע פון סאָציאַליזם, וואָס זיין ערשטער רעאַליזירונג־פּרואוו איז פאָרגעקומען אין אַן אָרעם, הינטערשטע־ליק לאַנד. אָבער צי איז דאָס זיין שולד, אַז די רייכע און די זאַטע לענ־דער ווילן ניט הערן פון סאָציאַליזם און לאַכן זיך אויס פון די „וועלט־פאַרבעסערער"? די אגדה דערציילט, אַז דער ריבונו של עולם האָט מכבד געווען מיט דער תורה אַלע פעלקער פון דעם ערד־קיילעך און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער מתנה. האָט זיך געפונען אַ קליין, אָרעם נאָמאַדן־פאָלק, וואָס האָט זי מקבל געווען. און אַז יענע האָבן זי ניט געוואָלט אָנ־נעמען, איז עס די שולד פון דער תורה אָדער פון דעם פאָלק ישראל?

אַצינד לאָמיר זען, ווי האַלט עס אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט די אַנ־דערע וויכטיקע באַשטאַנד־עלעמענטן פון דעמאָקראַטיע — מיט דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון פאָלק און מיט דער פרייהייט פון יחיד.

די ערשטע און די וויכטיקסטע פאַרבאַדינגונג פאַר ביידע איז די פאַרשפּרייטונג פון בילדונג און וויסן צווישן פאָלק. פּרואווט איינפירן די סאַמע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע צווישן אַ פאָלק פון אַנאַלפאַבעטן, וועט זי בלייבן אַ פּוסט וואָרט, אַ שטיקל באַשריבן פּאַפּיר (זע, למשל, געוויסע „רעפּובליקן" פון צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע). פאַרקערט אָבער, גרייט וויסן צו דאָס פאָלק פאַר אַ זעלבסט־רעגירונג און פאַר פרייהייט,

וועלכע עס וועט פריער אָדער שפּעטער דערלאַנגען צו פרידלעך־בהדרגה־דיק צי מיט אַמאָל, דורך אַ רעוואָלוציע. און אויף דעם געביט פון פאָלקס־בילדונג האָט די סאָוועט־רעגירונג אויפגעטאָן זאַכן, וואָס איז ממש נשתומם צו ווערן. אין 1914 איז רוסלאַנד בנוגע אַלף־בית־וויסן געשטאַנען אויפן ניינצנטן אָרט צווישן די פעלקער. צוויי און זיבעציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבן ניט געקענט ניט שרייבן און ניט לייענען, און אין די אַזיאַטישע פּראָווינצן האָט אָט דער פּראָצענט דערגרייכט ביז ניין און ניינציק. ביים היינטיקן טאָג זיינען אין לאַנד געבליבן נאָר 18,8 פּראָ־צענט אַנאַלפאַבעטן. סך־הכל אַכט מיליאָן קינדער האָבן אין 1914 באַ־זוכט אַ וועלכע ניט איז שול. ביים היינטיקן טאָג איז ניטאָ קיין איין קינד אין שול־עלטער, פון זיבן ביז צוועלף יאָר, וואָס זאָל ניט גיין אין שול, און די צאָל שול־קינדער דערגרייכט איצט פיר און דרייסיק מיליאָן.

די באַטייליקונג פון די מאַסן אין דער אָנפירונג און פאַרוואַלטונג פון כלערליי קאָאָפּעראַטיווע און מלוכהשע בעלי־בתישקייטן האַלט אין איין שטייגן. די צאָל אַקטיווע בירגער, וואָס געהערן צו די פאַרשיידענע אָר־גאַניזאַציעס פאַר ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע אויפגאַבן, דערלאַנגט אין די צענדליקער מיליאָנען. אַזוי אַרום ווערן די דאָזיקע מאַסן אַריינגעצויגן אין דעמאָקראַטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. מער ווי 20 מיליאָן מיטגלי־דער ציילן היינט די סאָוועטישע געווערקשאַפטן (טרייד־יוניאָנס), די קאָנ־סום־קאָאָפּעראַטיוון ציילן איבער 37 מיליאָן חברים, איבער 200 טויזנט קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפטן עקסיסטירן אין לאַנד און זיי פירן אַליין אָן זייער בעלי־בתישקייט מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמיע אין די גרענעצן פון די אַלגעמיינע מלוכה־געזעצן און תקנות. ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין צווייט לאַנד, וואו די צאָל אַקטיווע בירגער זאָל דערגרייכן אַזוינע געוואַלטיקע ציפערן, וואו די מאַסן פון פאָלק זאָלן זיין אָרגאַניזירט אין אַזאַ ברייטער מאָס. און אויב דאָס ווערט ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק אין די מערב־לענדער, איז דאָס דערפאַר, ווייל זאָגן זאָגט מען דאָרט דע־מאָקראַטיע און מיינען מיינט מען פּאַרלאַמענטאַריזם און וואַל־צעטלעך.

נאָר אויך אויפן ריין פּאָליטישן געביט, ד"ה אין ענינים, וואָס זיינען נוגע די צענטראַלע רעגירונג און די מלוכה־פירונג, איז דאָס פאָלק אַקטיוו. גרעסערע מאַסן, און אויף אַ מער שטענדיקן אופן ווי אַנדערש־וואו, אינטע־רעסירן זיך מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען. מיר נעמען ביי ביטריס וועבּ פון איר בוך „דער אמת וועגן סאָוועט־רוסלאַנד" אייניקע אינטערעסאַנטע ציפערן, וואָס וועלן אָט דעם ענין באַלייכטן. נאָכדעם ווי די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי און דאָס פּרעזידיום פון אויבערשטן סאָוועט האָבן אויסגע־

אַרבעט דעם פּראָיעקט פון דער נייער קאָנסטיטוציע, זיינען אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין לאַנד זעכציק מיליאָן עקזעמפּליאַרן פונעם דאָזיקן פּראָיעקט. חוץ לזה איז ער איבערגעדרוקט געוואָרן אין מער ווי צען טויזנט צייטשריפטן מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 37 מיליאָן. דיסקוסיעס וועגן פּראָיעקט זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין איטלעכער פאַרם, פאַבריקשול און אַרבעטער־קלוב. איבגאַנצן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבערן לאַנד 527 טויזנט פאַרזאַמלונגען אויף צו דיסקוטירן דעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט מיט דער באַטייליקונג פון איבער 36 מיליאָן מענטשן. די צאָל ענדערונגען און פאַרבעסערונגען צום פּראָיעקט, וואָס יחידים און אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעשטעלט אין דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע, דערלאַנגט דעם היפּשן סך־הכל פון 134 טויזנט. די אַלע פאָרשלאָגן זיינען באַטראַכט געוואָרן און די וויכטיקסטע דיסקוטירט געוואָרן אין דער קאָמיסיע און אפילו אין פּלענום פון אויבערשטן סאָוועט. און ביטריס וועב באַמערקט מיט רעכט, אַז אַזאַ מאַסן־פּלעביסציט וועגן אַ ריין־פּאָליטישער פראַגע האָט ניט קיין פּרעצעדענט אין קיין לאַנד. אַז אַזאַ דיסקוסיע האָט אַ סך מער ווערט אויף צו דערציען פּאָליטיש דאָס פאָלק און אים צו מאַכן אַקטיוו, ווי דאָס אַריינוואַרפן אַ וואַל־צעטל איין מאָל אין פיר אָדער פינף יאָר, איז קלאָר פאַר איטלעכן בר־דעת.

יאָ, זאָגט מען, אָבער דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ קאָמעדיע, אינסצענירט דורך דער הערשנדיקער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ד״ה דורך איר צענטראַל־קאָמיטעט, ד״ה דורך דעם פּאָליטביוראָ און דאָס מיינט — דורכן „דיקטאַטאָר״ סטאַלין אַליין. אויב דאָס וואָלט געווען אמת און אויב מען קען טאָקע ברענגען צענדליקער מיליאָנען מענטשן זיך צו באַטייליקן אין אַזאַ שפּיל, וואָלט דאָס געהייסן, אַז דער פאַשיזם איז טאָקע גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דעמאָקראַטיע איז ניט מער ווי אַ קאָלאָסאַלער שווינדל, וואָרעם דאָס פאָלק איז בכלל ניט מסוגל זיך אַליין צו פאַרוואַלטן. מיינען אָט דאָס די קריטיקער פון דעם סאָוועט־רעזשים אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע?

צי ווערן די אָרגאַנען פון דער סאָוועטן־מאַכט, די לאָקאַלע און צענטראַלע, געקליבן פון פאָלק, וואָס דאָס איז באמת נויטווענדיק, כדי מען זאָל קענען זאָגן, אַז אַ לאַנד ווערט דעמאָקראַטיש פון דעם פאָלק גופא רעגירט? פאַרמעל זיכער, אַקוראַט ווי אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער. פאַראַן אָבער איין באמת וויכטיקער חילוק, וואָס באַשטייט דערין, אַז בעת ביי וואַלן אין די דעמאָקראַטישע לענדער ווערט צוגעלאָזן אַ קאַמף צווישן פאַרשיידענע פּאַרטייען, עקסיסטירט דאָס ניט אין רוסלאַנד, וואו עס הערשט

די איין־פּאַרטיי־סיסטעם. אין דעד דאָזיקער סיסטעם צילן טאָקע אַלע פּיילן פון דער אַנטי־סאָוועטישער קריטיק.

ניט לייקענענדיק די פּרינציפּיעלע באַדייטונג פון אָט דעם חילוק, לאָמיר פרואוון קודם כל ריכטיק אָפּשאַצן ניט זיין פאָרמעלע, נאָר זיין רעאַלע חשיבות. לאָמיר ניט רעדן וועגן פּאַרטייען סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר זען, וועלכע פּאַרטייען וואָלטן געקענט איצט עקסיסטירן אין סאָוועט־רוסלאַנד און וועמענס אַקטיווקייט דערלאָזט ניט די סאָוועט־רעגירונג. טעאָרעטיש קען מען זיך אויסמאָלן: 1) פּאַרטייען, וואָס זאָלן וועלן צוריק אויפשטעלן די מאָנאַרכיע און אַ קאַפּיטאַליסטישע אָדער אַ פאַשיסטישע ווירטשאַפט מיט אַ פירער־דיקטאַטור. 2) אַן אַנאַרכיסטישע, וואָס זאָל שטרעבן צו פאַרניכטן די מלוכה און די צענטראַליזירטע ווירטשאַפט און זיי איבערבויען אויפן יסוד פון פרייע קאָאָפּעראַציעס. איך רעד דאָ ניט וועגן אַנדערע צוויי טענדענצן, די סאָציאַליסטישע און די טראָצקיסטישע, ווייל מיר איז ניט קלאָר, צי זיי האָבן אַ גאַנצע פּראָגראַם, וואָס זאָל קענען דינען פאַר אַ גענוגנדיקן פונדאַמענט פאַר אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. די מענשעוויקעס האָבן פאַר און תיכף נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בעת די סאָוועטן־מאַכט איז נאָך ניט געזעסן פעסט אין זאָטל, געהאַט אַ פּראָגראַם, און צי זי איז געווען קלאָר פאָרמולירט, צי ניט, האָט אָבער איר מיין געקענט זיין נאָר איינער. היות ווי רוסלאַנד איז אַן אינדוסטריעל־צוריקגעשטאַנענן לאַנד, קען זי ניט איבערגיין צום סאָציאַליזם, ניט דורכגייענדיק דורכן פּרוזדור פון קאַפּיטאַליזם און במילא פון בירגערלעכער, פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע. און מאַכט מען, ווי די באָלשעוויקעס האָבן געטאָן, אַ קפיצת הדרך, וועט מען ברעכן האַלדז און נאַקן און מען וועט מוזן דערנאָך טייער באַצאָלן פאַרן דאָזיקן שפּרונג. פרעגט זיך, צי פאַרטיידיקן זיי היינט, נאָכדעם ווי די סאָוועטן־מאַכט האָט מנצח געווען די קאַפּיטאַליסטן און איינגעפירט אַ סאָוועטישע ווירטשאַפט אַ „השיבנו נאַזאַד", רופן זיי אויך איצט צוריק צום קאַפּיטאַליזם? איך גלויב עס ניט און האָב אַזאַ פאָרמולירונג אין ערגעץ ניט געזען. און גריבלען זיך אין נשמות און הינטער־געדאַנקען איז אַן אַרבעט אָדער פאַר לייזיקגייער אָדער פאַר דעמאַגאָגן. וויפיל איר וועט זיך ניט מיען אַרויסצוגעפינען, וועט איר נאָר זען אַ קריטיק פון די מעטאָדן פון דער סאָוועט־רעגירונג, פון דיקטאַטור, טעראָר אאַז"וו. אָבער וואָס פאַר אַ פּראָגראַם האָבן זיי, וואָס וואָלטן געטאָן די סאָציאַליסטן היינט־צו־טאָג, ווען זיי האָבן די מאַכט אין רוסלאַנד, וועט אייך ניט קלאָר זיין און איך מיין, אַז פאַר זיי גופא איז דאָס אויך ניט קלאָר. דאָס, וואָס זיי זאָגן יאָ אַרויס, קען אין בעסטן פאַל דינען נאָר

פאַר אַ באַגרענעצטער פּלאַטפאָרם, פאַר אַן אָפּאָזיציע אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי אויף אויסצובעסערן די אָדער יענע פּאַרוואַלטונגס־מעטאָדן, אָבער בשום אופן ניט אויף צו ענדערן די יסודות גופא פון רעזשים. דאָס אייגענע, נאָך מיט מער רעכט, באַציט זיך צום טראָצקיזם. און דער אמתער פאַרוואורף, וואָס מען קען מאַכן דער איצטיקער סאָוועטישער פירונג, איז, וואָס זי גיט ניט קיין פרייהייט דער אינעווייניקסטער אָפּאָזיציע, אפילו אויב זי שטייט מיט ביידע פיס אויפן באָדן פונעם הערשנדיקן רעזשים אין לאַנד. אָבער די רעאַלע באַדייטונג פון דאָזיקן פאַקט ווערט אין דער אַנטי־סאָוועטישער קריטיק געוואַלטיק איבערגעטריבן. עס איז אויך ניט ריכ־טיק, אַז עס ווערט בכלל ניט דערלאָזט קיין קריטיק פון דער אַקטיוויקייט פון די צענטראַלע מלוכה־אָדער פּאַרטיי־אָרגאַנען. די סאָוועטישע פּרעסע גופא איז פול מיט אַזאַ מין קריטיק. ס'איז אָבער יאָ ריכטיק, אַז קיין אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע, אַ קאָנצענטרירטע אויף אַלע פּאָליטישע פראַגן, ווערט ניט דערלאָזט. אָבער ווי מיר וועלן נאָך זען ווייטער, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ דערשיינונג, וואָס מוז פאַרשווינדן, און מסתמא גאָר אינגיכן, ווי נאָר דאָס לאַנד וועט מער ניט שטיין אין סכנה פון אויסן און ווען דער נייער סאָציאַל־פּאָליטישער סדר וועט זיך פילן זיכערער אינעווייניק.

אויב ניט רעכענען די דאָזיקע מעגלעכע אָפּאָזיציע פון אינעווייניק, בלייבן נאָר די אויבן־דערמאָנטע צוויי פּאַרטייאישע פאָרמאַציעס, די קאַ־פּיטאַליסטיש־פאַשיסטישע אָדער סינדיקאַליסטיש־אַנאַרכיסטישע, וואָס וואָלטן געקענט טעאָרעטיש אויפקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד. און עס פרעגט זיך, צי וועלן זיך געפינען אַ סך סאָציאַליסטן און סתם דעמאָקראַטן, וואָס זאָלן באמת, אויב די פראַגע זאָל זיך שטעלן אויף אַ פּראַקטישן, אַקטועלן אופן, פאַרלאַנגען פון דער סאָוועט־רעגירונג, אַז זי זאָל אין נאָמען פון אַן אַב־סטראַקטער פאָרמולע צולאָזן היינט צו טאָג די פרייע אַקטיוויקייט פון אַזוינע פּאַרטייען. און ניט בלויז צולאָזן, נאָר זיי אויך אונטערשטיצן פינאַנציעל, מיט לאָקאַלן, דרוקערייען, פּאַפּיר און אַזוי ווייטער. וואָרעם מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו די דאָזיקע מיטלען געהערן דער מלוכה. און נאָך עפּעס דאַרף מען ניט פאַרגעסן: אין רוסלאַנד גופא וואָלטן די דאָזיקע פּאַרטייען קיין וואָר־צלען אין דער באַפעלקערונג ניט געהאַט און דעם קוואַל פאַר אינספּי־ראַציע און הילף וואָלטן זיי געמוזט זוכן אין אויסלאַנד, אין דעם אויס־לאַנד, וואָס האָט אַן אַלטע, איינגעפונדעוועטע פיינטשאַפט צו סאָוועט־רוס־לאַנד און אַלטע חשבונות מיט איר צו קוויטירן.

דאָ זעט מען, ווי אַלץ בייט זיך, ווען מען רעדט ניט אַבסטראַקט און

פאָרמעל, נאָר מען שטעלט די פראַגע פּראַקטיש און קאָנקרעט. נאָר דאָס איז טאַקע דער אומגליק, וואָס די קריטיקער רעדן וועגן פּרינציפּן סתּם און פאַרלאַנגען פרייהייט פאַר פּאַרטייען בכלל, ווייל פאַר זיי זיינען די פּאַרטייען אַן אַבסאָלוט־נויטווענדיקער עלעמענט פון דעמאָקראַטישן רעזשים. צוליב רגילות מאַכט מען אַ גזירה שוה צווישן פּאַרלאַמענטאַריזם און דע־מאָקראַטיע, צווישן עיקר און ביי־זאַך.

געווען אַ מאָמענט, אינעם ערשטן פּעריאָד פונעם אויפקום פון דער דעמאָקראַטיע, ווען די פּאַרטייען זיינען געווען אַ נויטווענדיקייט, דער כוח, וואָס האָט אָרגאַניזירט דאָס פאָלק פאַר פּאָליטישער אַקטיוויקייט און זעלבסט־פאַרוואַלטונג. ביים היינטיקן טאָג אָבער זיינען פּאַרטייען, אין דער פאָרם ווי זיי עקסיסטירן, זייער אָפט גראָד אַ מגיעה פאַר דער דעמאָקראַטישער דערציאונג פון פאָלק, אַ שטער פאַר דער אַנטפּלעקונג פון זיין פּאָליטישער פּאַטענץ. די פּאַרטייען האָבן אַלץ מער די טענדענץ זיך צו שטעלן אויפן אָרט פונעם פאָלק, אים צו פאַרבייטן. אַ גאַנץ יאָר רעדן זיי פאַרן פאָלק. אים אַליין לאָזן זיי צו צום וואָרט נאָר אין גרויסע יומא דפּגרא, ווי וואַלן, דעמאָנסטראַציעס און איינמאָליקע מאַניפעסטאַציעס. און פאַר איטלעכן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צום פּאַרטיי־לעבן אין מערב, איז קלאָר, אַז די פּאַרטייען זיינען געוואָרן איינע פון די סיבות פון טיפן קריזיס, וואָס די דעמאָקראַטיע לעבט דורך. וואָס מער די פּאַרטיי־מאַשין ווערט אַ כל יכול, דער מושל יחיד, אַלץ מער ווערט זי אַ ציל פאַר זיך. דער אַפּאַראַט איז אַלץ, און די מאַסע האָט אַ ווערט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי קען דינען ווי שמיר־אייל, כדי די רעדער פון דער פּאַרטיי־מאַשין זאָלן זיך קענען לייכט און גלאַט דרייען. יעדער גייסט פון אָפּאָזיציע און יעדער פרייער גייסט בכלל, וואָס וויל ניט אָדער קען ניט זיך איינפּאַסן אין דעם דורכ־שניטלעכן פּאַרטיי־ניוואָ, ווערט פאַרשריען און פאַרטריבן. נאָר די מעטאָדן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אירע מעגלעכקייטן זיינען אַנדערע, אָבער דער תּוך איז דער זעלביקער אין דער קאָמוניסטישער ווי אין אַלע אַנדערע פּאַרטייען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אין מערב־אייראָפּע אַרויסגע־שטעלט, אַז קיינער שטייט ניט הינטער די פּאַרטיי־מאַשינען, אַז רעדנדיק אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע, האָבן די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען ביסלעכ־ווייז פאַרלאָרן דאָס פאָלק, די דעמאָקראַטיע גופא און ווי יענער מגיד האָבן זיי געדרשנט פאַר די פוסטע פיר ווענט. ביים היינטיקן טאָג פירט ניט דער וועג צו אמתער פולער דעמאָקראַטיע דורך די פּאַרטייען, נאָר פאַרביי די פּאַרטייען.

דאָס הייסט ניט, אַז די געזעלשאַפט וועט אַטאָמיזירט ווערן, מגולגל ווערן אין אַמאָרפע, אינערטע יחידים, צעשפּרייט ווערן ווי זאַמד. זיכער מוז דאָס פאָלק אָרגאַניזירט זיין, אָן דעם איז ניטאָ קיין דעמאָקראַטיע, קיין אַליין־פאַרוואַלטונג, קיין אַליין־רעגירונג. נאָר די וואָרצלען פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע דאַרפן זיין הן ברייט, ד"ה אַרומנעמען טאַקע די מאַסן ממש פון פאָלק, הן טיף, ד"ה אַריינדרינגען אין אַלע ווינקעלעך און שפּאַרונעס פון לעבן. דאָס פאָלק ברויכט צו האָבן ניט קיין ווייטע, צענטראַליזירטע פסיידאָ־דעמאָקראַטיע, אָט די, וואָס די איצטיקע פּאַרטייען, וועלכע זיינען בעיקר פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמאַציעס, פאַרקערפּערן אין זיך, נאָר אַ דעצענטראַליזירטע און נאָענטע אַליין־פאַרוואַלטונג. פּונקט אַזוי ווי צדקה, דאַרף די דעמאָקראַטיע זיך אָנהויבן „עט האָם", ביי זיך אין דער היים: אין פאַבריק, אין וואַרשטאַט, אין קאָאָפּעראַטיוו, אין ספּאָרט־פאַראיין, אין דער בילדונגס־געזעלשאַפט, אין דער פאַרוואַלטונג פון דאָרף און שטאָט. האַראָלד דזש. לאַסקי איז בפירוש גערעכט, אַז פאַרן אַרבעטער איז אַ גרעסערע לעבנסוויכטיקייט צו קענען קריטיקירן דעם מייסטער פון זיין פאַבריק, זיין נאָענטן באַפעלער, ווי דעם ווייטן שעף פון דער מלוכה, צי ער הייסט סטאַלין, צי טשוירטשיל. דער ענגלישער אַרבעטער קען טאַקע טשוירטשילן אַריינזאָגן „וואָס אין דער קאָרט שטייט", אָבער ער מוז קוקן און שווייגן אויף אַלע עוולות אָדער פעלערן, וואָס זיין מייסטער באַגייט, אויב ער וויל ניט ריזיקירן מיט דער חיונה פאַר זיך און ווייב און קינד. אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַרקערט, די דעמאָקראַטיע איז די אונטערשטע עטאַזשן, ד"ה די וויכטיקסטע פאַרן פאָלקס־מענטשן, זי איז אַ פולע, בעת אין די מערב־לענדער דאַרף זי ערשט דערגרייכט ווערן. און ווען דאָס וועט געשען, וועט אין זכות פון דער דאָזיקער היימישער, נאָענטער דעמאָקראַטיע אויך געזעצן ווערן די ווייטערע, פאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע. פאַרשטייט זיך, מיט די נויטיקע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין איר סטרוקטור, אָן וועלכע זי איז בכלל ניט לעבנס־פעאיק. וועלכע ענדערונגען — וועגן דעם דאַרף מען רעדן באריכות און ספּעציעל. זייערע ריכטליניעס קען מען בקיצור פאָרמולירן אַזוי: שטאַרקונג פון דער עקזעקוטיווער מאַכט און איר סטאַבילקייט, באַזייטיקונג פון פינאַנציעלע השפעות אויפן גאַנג פון די וואַלן, באַפרייאונג פון דער פּרעסע און ראַדיאָ פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן איינפלוס, שאַפונג פון פאַרטרעטערשאַפטן פון עקאָנאָמישע אינטערעסן פאַראַלעל מיט דער אַלגעמיינער פאָלקס־פאַרטרעטונג.

כדי דאָס פאָלק זאָל זיין אָרגאַניזירט, מוזן עקסיסטירן באַזונדערע גרופּעס אויף צו רעאַליזירן ספּעציעלע אינטערעסן און באַפרידיקן באַ־

שטימטע באַדערפענישן, ווי למשל, געווערקשאַפטן, קאָאָפּעראַציעס, חברות פאַר בילדונג, פאַראייניגן פאַר ליטעראַטור, וויסנשאַפט, קונסט, רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס אאַז"וו. ס'קענען עקסיסטירן און דאַרפן האָבן פולע פריי־הייט כלערליי שיטות און קרייזן מיט באַשטימטע ריכטונגען אויף דעם אָדער יענעם געביט פון געדאַנק, פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. עס קענען און דאַרפן זיך אויסבילדן פון צייט צו צייט ליגעס פאַר באַ־שטימטע צוועקן און אויפגאַבן, אויך פּאָליטישע, היינט אַזאַ ליגע פאַר איין צוועק, מאָרגן אַ צווייטע פאַר אַן אַנדער צוועק. דער אייגענער בירגער קען היינט פריי צושטיין צו איין ליגע, מאָרגן — צו אַ צווייטער. אָבער וואו שטייט עס געשריבן, אַז דאָס מוז דווקא זיין פּאַרטייען מיט דער פּרע־טענזיע צו האַלטן איטלעכע פאַר זיך דעם גאַנצן אמת, מיט אַ באַזונדערער פילאָסאָפיע פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט, מיט אַן אייגענער פּאָליטיק, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון לעבן, מיט אַן אייגענער גאַנ־צער סאָציאַלער, ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער סיסטעם. אַט די דאָ־זיקע גאַנצקייט און אומעטומיקייט ווערט פאַקטיש דערגרייכט נאָר אויף אַ קינסטלעך וועג. מען שפּאַרט איין דעם מענטשלעכן געדאַנק און דאָס גאַנצע רעאַלע לעבן אין אַ סדום־בעטל און מען זעט נאָר ווי דאָס טוט זיי ווי.

דאָס, וואָס שטערט דער אַנטוויקלונג פון סאָוועט־רוסלאַנד צו אַ פולער דעמאָקראַטיע, איז ניט דאָס, וואָס איר פעלן אַנדערע פּאַרטייען, נאָר וואָס זי האָט איין פּאַרטיי צופיל, די קאָמוניסטישע, וועלכע ליידט פון אַלע חסרונות פון פּאַרטייען בכלל און קרענקט אויף אַלע זייערע שלעק, ווי פּאַרטיי־מאַשין, ביוראָקראַטיע, פּאַרטיי־דיסציפּלין אאַז"וו און אפשר אין אַ נאָך שאַרפערער פאָרם, ווייל די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, און דערין שטעקט הן איר קראַפט און הן איר שוואַכקייט, איז ניט קיין פּאַרטיי אין געוויינלעכן זינען, נאָר עפּעס אַ מין רעליגיעזער אָרדן, אַ פּאָליטישע „ברודערשאַפט". במילא איז דאָ די דיסציפּלין נאָך שטאַרקער און די געטריישאַפט צו דער „גענעראַל־ליניע" נאָך בלינדער.

אָבער גראָד אין איר דאָזיקן ספּעציפישן כאַראַקטער, וואָס אונ־טערשיידט זי פּרינציפּיעל פון די געוויינלעכע פּאָליטישע פּאַרטייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ליגט די איינציקע באַרעכטיקונג פון איר עקסיסטענץ און פון איר מאָנאָפּאָל־פּאָזיציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, כל זמן דאָס לאַנד שטייט נאָך אין אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר די סאַמע יסודות פון איר נייעם קיום און סדר. דעריבער איז די עקסיסטענץ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע דאַרף מיט זיך פאַרשטעלן דעם אַקטיוון אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־קלאַס, אַ נויטווענדיקייט אינעם איבערגאַנג־פּעריאָד,

כל זמן דער רעזשים מוז פירן אַ ביטערן קאַמף פאַר זיין קיום. ווי לאַנג דאַרף אָט דער פעריאָד געדויערן, קען מען פאַר פריער ניט זאָגן און טעאָרעטיש באַשטימען. פאַרגעסט ניט, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַ געוויינלעכן אומבייט פון פאָליטישע רעזשימען, נאָר פון אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד פון פונדאַמענט ביז צום דאַך, פון אַזאַ געוואַלטיקער סאָציאַלער איבערקערעניש, וואָס די וועלט האָט נאָך איר גלייכנס ניט געזען. ס'איז דעריבער געווען נויטווענדיק, אַז אַ פעסט־אָרגאַניזירטע גרופּע, פאַראייניקט דורך אַ טיפן גלויבן און אַן אייזערנער דיסציפּלין, זאָל שטענדיק בלייבן אויף דער וואַך, פאַרבינדן די מאַסן, זיי ניט לאָזן זיך פאַנאַנדערפאַלן און זיי אָרגאַניזירן אינעם קאַמף פאַר דער נייער אָרדענונג. אין דעם מאָמענט אָבער, ווען דאָס לאַנד ווערט באַרואיקט און די רעשטלעך פון דעם אַלטן סאָציאַלן סדר פאַרשווינדן, פאַרלירט די פאַרטיי איר עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג. און מחמת דעם ליגט די עוואָלוציע פון סאָוועט־רוסלאַנד צו אַ פולער דעמאָקראַטיע ניט אין דער ריכטונג פון פאַרטיי־פלוראַליזם, נאָר פון גאַנצער אומפּאַרטייאישקייט, פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון פאָלק. אַ באַווייז, אַז די אַנטוויקלונג גייט אין אָט דער ריכטונג, איז דער פאַקט, וואָס די אומפּאַרטייאישע הויבן שוין איצט אָן צו שפּילן וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין דער רעגירונג פון דעם סאָוועטן־לאַנד, בפרט אין דער פאַרוואַלטונג פון די פיל־צאָליקע ווירטשאַפטלעכע און אַנדערע אינסטיטוציעס און אין די לאָקאַלע און רעגיאָנאַלע סאָוועטן.

אין דעם דאָזיקן פּראָצעס צו גאַנצער פאָלקס־איינהייט און צו פולער דעמאָקראַטיע וועלן ביסלעכווייז אויך פאַרשווינדן אַלע אַנדערע דערשיינונגען, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווי טעראָר, די שטערונגען פאַר דער פרייהייט פון געדאַנק און פרייהייט פונעם יחיד. אָט נעמט, למשל, די פרייהייט פון רעליגיע. זי איז פאָרמעל פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. אָבער גראָד אין דעם פּרט איז די דאָזיקע קאָנסטיטוציע אָפּגעטראָטן פון איר פּרינציפּ, אַז פאָרמעלע פרייהייט איז ניט גענוג, אַז פרייהייט איז נאָר דעמאָלט רעאַל, ווען מען באַשאַפט די אָביעקטיווע באַדינגונגען זי צו פאַרווירקלעכן. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע באַגרענעצט זיך אָבער דאָ מיטן דערקלערן, אַז די רעליגיע ווערט אָפּגעשיידט פון דער מלוכה, און אַז איטלעכער קען גלויבן אין זיין גאָט און אים דינען ווי ער וויל. אָבער קיין מיטלען דערצו גיט ניט די מלוכה. די פּרעסע און די ראַדיאָס זיינען פאַרמאַכט פאַר איר. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, ס'איז פאַראַן אין

סאָוועט־רוסלאַנד פרייהייט פון רעליגיע אין ליבעראַלן זין, ס׳איז אָבער ניטאָ קיין פולע רעליגיעזע פרייהייט אינעם סאָציאַליסטישן, סאָוועטישן זינען, רעאַלע פרייהייט און ניט קיין פאָרמעלע. אין דעם באַטרעפנדיקן אַרטיקל (124) פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע איז דער ליבעראַליזם אויפגעשטאַנען תחית המתים.

סאָוועט־רוסלאַנד אַנערקענט נאָר איין רעליגיע — די מאַטעריאַליס־טישע, נאַטור־ און געשיכט־פילאָסאָפיע. און ווידער אַמאָל וויסן מיר די סיבה: די אָרטאָדאָקסישע (פּראַוואָסלאַווע) קירך איז געווען אין משך פון הונדערטער יאָרן דער זייל, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם און די שקלאַפעריי פון פאָלק. און פונדעסטוועגן איז עס בפירוש ריכטיק, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד, אינעם דאָזיקן מאַטעריאַליסטישן „גאָטלאָזן" לאַנד, איז פאַראַן מער טיפער און אמת־רעליגיעזער גייסט, ווי אין גאַנצן צאַריסטישן הייליקסטן סינאָד, אפילו שוין זיין „גרויסן" אויי־בער־פּראָקוראָר פּאָביעדאָנאָסצעוו אַריינגערעכנט. און סאָוועט־רוסלאַנד קען מיט רואיקער פאַראַכטונג אָפּוואַרפן די טענות פון די מערבדיקע צבועקעס און גאָטס־סטראַפּטשעס, וואָס נעמען זיך אָן גאָטס קריוודע און דינען געטריי צום אָפּגאָט פון ריווח. אָבער חוץ זיי זיינען צום גליק נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אמת גלויביקע און זיי זיינען אפשר גאָר די מערהייט פון דער רע־ליגיעזער מאַסע. און פאַלט אַוועק די געפאַר פון איבעוויניק און פון אויסן פאַר דעם געראַכטן, נייעם סאָציאַלן סדר, איז ניטאָ קיין שום גרונט ניט צו דערלאָזן קיין פולע רעאַלע רעליגיעזע פרייהייט *. נאָך וויכטיקער גרונט איז פאַראַן צו פאַרטרייבן מיט געוואַלט יעדן פילאָסאָפישן און סאָציאַלאָגישן געדאַנק, אויב ער איז ניט אין הסכם מיטן מאַרקסיזם, דעם אָפיציעלן מלוכה־אמת.

דאָס אויבן־געזאָגטע באַציט זיך אויך צו אַלע אַנדערע פרייהייטן, וואָס פעלן נאָך דערווייל אין סאָוועט־רוסלאַנד, בפרט די פרייהייט פון מיינונגס־אויסדרוק. כדי צו פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועט־

---

* די ציַיטונגען האָבן די טעג געבראַכט צוויי ידיעות, וואָס באַקרעפטיקן, דוכט זיך, דעם דאָ אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. ערשטנס — די ווידער אויפריכטונג פון הייליקן סינאָד, דעם אויבערשטן אָרגאַן פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך, און, צווייטנס, די גרינדונג פון אַ ספּעציעלן רעגירונג־דעפּאַרטאַמענט, וואָס וועט האָבן זיך צו פאַרנעמען מיט רעליגיעזע ענינים. דאָס לעצטע געפינט זיך פאָרמעל אין סתירה מיטן ליבעראַלן פּרינציפּ פון „אָפּטיילונג פון דער קירך פון דער מלוכה". עס איז אָבער אַ גרויסער טריט פאָראויס אין דער ריכטונג פון רעאַלער, רעליגיעזער פרייהייט אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט.

רוסלאַנד, טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז ניט בלויז האָט זיך דער רעזשים כמעט די גאַנצע צייט געפונען אין אַ קאַמף פאַר זיין עקסיסטענץ, נאָר אַז דאָס לאַנד גופא האָט זיך געפילט, און ניט אָן אַ גרונט, ווי אין אַ באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד. און אין אַזאַ צושטאַנד זיינען אפילו די סאַמע דעמאָ־קראַטישע לענדער געצוואונגען אָפּצושטעלן די נאָרמאַלע פונקציע פון די פרייהייטן פון די בירגער. האָט דאָך אפילו לינקאָלן אָפּגעשטעלט בעתן בירגער־קריג די ווירקונג פון „האַבעאַס קאָרפּוס”. מען קען דעריבער האָפן, אַז דער סוף פון דער מלחמה, וואָס וועט ברענגען סאָוועט־רוסלאַנד רו און זיכערקייט פון אויסן און אינעווייניק, וועט אויך שאַפן די באַדינ־גונגען פאַר אַ נאָרמאַלן, פרייען לעבן פאַר אירע פעלקער און בירגער.

און צום סוף נאָך עפּעס. הונדערטער יאָרן האָבן די רוסלענדישע פעלקער געלעבט ווי אונטערריאַכטע שקלאַפן און האָבן קיינמאָל ניט פאַר־זוכט דעם טעם פון פרייהייט. עס איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, אַז 72 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען אַנאַלפאַבעטן און צווישן די אַזיאַטישע פעלקער אפילו גאַנצע 99 פּראָצענט. אין יאַקוטער געגנט פלעגט מען ביז דער רעוואָלוציע נאָך פאַרקויפן פרויען ווי מען פאַרקויפט בהמות. די גרויסקייט פון דער טעריטאָריע און דער פאַרשיידענער קול־טור־מצב פון די רוסלענדישע פעלקער זיינען געווען און זיינען נאָך איצט אַ געוואַלטיקע מניעה פאַר דעם וואוקס און פאַר דעם פּראָגרעס פון אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. דאָס גרויס־רוסישע פאָלק, דאָס יידישע און טיילן פון געוויסע אַנדערע פעלקער זיינען צו אַזאַ רעזשים געווען מער אָדער ווייניקער רייף, בעת די מערהייט פון די סאָוועטישע פעלקער דאַרפן נאָך דורכמאַכן אַ לאַנגן וועג ביז צו דעמאָקראַטיע. און דעריבער האָט די צו־פּאַסונג פון דעם לאַנד־סדר, די ניוועלירונג געמוזט גיין אין דער ריכטונג פון אונטן. סאָוועט־רוסלאַנד האָט געמוזט מקריב זיין פרייהייט אין נאָמען פון גלייכקייט. און זי האָט ריכטיק געטאָן. הגם עס איז ניטאָ קיין מוקדם ומאוחר אין דער תורה און עס איז שווער טעאָרעטיש צו זאָגן, וואָס פאַר אַן עלעמענט פון דער דעמאָקראַטישער תורה איז בילכער, פרייהייט אָדער גלייכקייט, גלויב איך אָבער, אַז אויב עס קומט צו אַ קאָנפליקט, איז גלייכ־קייט חשובער, אַקוראַט אַזוי ווי פרייהייט פון הונגער און נויט איז וויכטי־קער פון פרייהייט פון פּרעסע און וואַלן.

סאָציאַליסטן האָבן אַלעמאָל געגלויבט, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם ליגט דורך דעמאָקראַטיע. איז געקומען רוסלאַנד און איבערגעדרייט די יוצרות: זי גייט צו דעמאָקראַטיע דורך סאָציאַליזם. און זי גייט מיט זי־כערע שריט.

קאַפּיטל צען

די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט

פונקט אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן סתירות צווישן דער קאָמוניסטישער פילאָסאָפיע און איר פּאָליטיש־סאָציאַלער דאָקטרין, פון איין זייט, און דער סאָוועטישערווירקלעכקייט, פון דער אַנדערער, פונקט אַזוי געפינען מיר ווידערשפּרוכן אויך אויפן נאַציאָנאַלן געביט, נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָרט האָט די אידעאָלאָגיע אַריבערגעשטיגן די פּראַקטיק און דאָ איז פאַרקערט, די אידעאָלאָגיע איז הינטערשטעליק אַנטקעגן דער ווירקלעכקייט. אויב אין ערשטן פאַל דאַרף די האַרמאָניע געשאַפן ווערן דורך אַ דערנעענטערונג פון דער רעאַליטעט צו דער טעאָריע, מוז זי אויפן נאַציאָנאַלן געביט דערגרייכט ווערן דורך אַ צופּאַסונג פון דער אידעאָלאָגיע צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, וועלכע איז אַוועק אַ סך ווייטער פון איר און איז אַ סך פולקומער פון איר.

עס איז באַוואוסט, אַז דער מאַרקסיזם הינקט שטאַרק אונטער בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ער האָט זיך דאָ צונויפגעשטויסן מיט אַ דערשיינונג פון אַ ניט־ווירטשאַפטלעכער נאַטור און ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל מיט איר אָנהויבן צו טאָן. ניט ער האָט געקענט געפינען קיין טעאָרעטישע דערקלערונג פונעם פענאָמען נאַציע, ניט קיין פּראַקטישע תשובה אויף דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. בדרך כלל איז די באַציאונג פון מאַרקסיזם צום נאַציאָנאַלן מאָמענט געווען און צום טייל אויך געבליבן אַ נעגאַטיווע. דער צענטער פון זיין אויפמערקזאַמקייט איז געלעגן אינעם סאָציאַלן שטח און זיין אידעאַל איז געווען און געבליבן נאָר אַ סאָציאַלער. ניט אין זיין פילאָסאָפיע און ניט אין זיין פּאָליטיק האָט זיך דאָס נאַציאָנאַלע ניט געלאָזט איינראַמען, און עס איז געבליבן הענגען עפּעס ווי אַ מין לונג און לעבער. די עקסיסטענץ פון דער נאַציע האָט אין די אויגן פון מאַרקסיזם ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן קיין חשיבות פאַר זיך. אין איטלעכן איינצלנעם פאַל האָט ער זיך דעריבער געפרעגט, וואָס פאַר

אַ השפּעה קען דאָס האָבן אויפן אויסגאַנג פון סאָציאַלן קאַמף, צי קען דאָס נאַציאָנאַלע דערוויטערן אָדער דערנענטערן דעם ניצחון. היות ווי אין משך פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז דאָס בירגערטום געשטאַנען בראש פון כמעט אַלע נאַציאָנאַלע פּאַראייניקונג־באַוועגונגען פון די „היסטאָרישע" פעלקער (דייטשלאַנד, איטאַליע), און מיט די באַפרייאונג־באַוועגונגען פון די „געשיכטלאָזע" פעלקער האָט דער עיקר אָנגעפירט דאָס קליינבירגער־טום, — איז דאָס געווען גענוג, אַז די מאַרקסיסטן זאָלן דערקלערן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פאַר אַ רעאַקציאָנערן, בורזשואַזן מאַנעוור אויף צו שפּאַלטן דעם פּראָלעטאַריאַט לויט דער נאַציאָנאַלער ליניע און אים ניט לאָזן זיך פאַראייניקן לויט דער סאָציאַלער. נאָר אין געוויסע פאַלן האָט דער מאַרקסיזם אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. דאָס איז געווען, למשל, דער פאַל מיט מאַרקסן אַליין בנוגע דעם פּוילישן אויפשטאַנד, ווייל ער האָט אין דער פּוילישער באַ־פרייאונג־באַוועגונג געזען אַ קעגן־געוויכט קעגן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם, דעם סאַמען רעאַקציאָנערן כוח פון דער דעמאָלטדיקער אייראָפּע.

אַ קלאָרערע שטעלונג צו דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם האָט דער מאַרק־סיזם געמוזט אָנהויבן זוכן, ווען ער האָט זיך מיט איר צוזאַמענגעשטויסן פּנים אל פּנים אין עסטרייך־אונגאַרן, דער טיפּישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה פון פאַר דער ערשטער מלחמה. אָבער אויך דאָרט האָט מען אויסגעמיטן צו געבן אַן אידעאָלאָגישע אָפּשאַצונג פון דער נאַציע אַלס אַזוינער און מען האָט זיך אײַנגאַנצן קאָנצענטרירט אויף די פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס דאָס צוזאַמענלעבן פון פאַרשיידענע נאַציעס אויפן באָדן פון איין מלוכה האָט אַרויסגערופן. קאַרל רענער (רודאָלף שפּרינגער) און אָטאָ באָוער האָבן אין דעם פּרט באמת א סך אויפגעטאָן, קודם כל דערמיט, וואָס זיי האָבן אָראָפּגענומען דעם מאַרקסיסטישן חרם, וואָס איז געלעגן אויף דעם גאַנצן ענין. און חוץ לזה דערמיט, וואָס זיי האָבן גרינטלעך אויסגעפאָרשט די פּראָבלעם און אַרויסגעבראַכט אייניקע פּראַקטיש־פּאָלי־טישע אידייען, וואָס האָבן צום טייל נאָך עד היום ניט פאַרלאָרן זייער ווערט.

אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און שפּעטער אין דעם רו־סישן קאָמוניזם, איז געווען נאָר איין אָנגעזעענער טוער, וואָס האָט זיך ערנסט אָפּגעגעבן מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, און דאָס איז געווען סטאַלין. זיינע שריפטן און רעדעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאַרדינען אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, ווייל דאָס זיינען ניט גלאַט חיבורים און דרשות,

נאָר זיי האָבן בלי ספק גאָר אַ גרויסע השפּעה אויף דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דעם היינטיקן רוסלאַנד.

אינעם יאָר 1913 האָט סטאַלין פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", וואו עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן די גרונט־געדאַנקען, אויף וועלכע אויך לענין האָט אין זיין צייט געגעבן זיין הסכּמה און וועלכע זיינען נאָך עד־היום גילטיק פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאָטש ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פאַרענדערטע אומשטענדן האָבן אין זיי אַריינגעבראַכט גאָר היפּשע קאָרעקטורן. אין דער דאָזיקער בראָשור, ווי איבעריקנס אין זיינע שפּעטערדיקע אַרטיקלען און רעדעס, מיידט סטאַלין אויס צו שטעלן די פראַגע, צי איז די נאַציע פאַר זיך אַ פּאָזיטיווע צי אַ נעגאַטיווע דערשיינונג. ער קאָנסטאַטירט נאָר דעם פאַקט, אַז נאַציעס עקסיסטירן און באַציט זיך צום דאָזיקן פאַקט בדרך כּלל נייטראַל. דער סאָציאַליזם האָט נאָר איין אויפגאַבע — אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט, און ס'איז ניט זיין עסק צו באַשאַפן נאַציעס אָדער אויפצוהאַלטן די שוין־עקסיסטירנדיקע. ווי ווייט די נאַציעס עקסיסטירן, איז די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם צו אָרגאַניזירן, צווישן אַנדערע אויך דעם אַרבעטער־קלאַס פון די אונטערדריקטע נאַציעס און צוליב דעם צוועק דאַרף ער זיך צופּאַסן צו זייער שפּראַך, צו זייער לעבנסשטייגער און מינהגים. און שפּעטער, אַז דער סאָציאַליזם איז אין רוסלאַנד שוין דורכגעפירט געוואָרן, איז ווידער אַמאָל דאָס נאַציאָנאַלע געבליבן ניט מער ווי אַ מיטל אַריינצוציען די קליינע פעלקער אין דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פונעם סאָוועט־פאַרבאַנד. מיט איינִיקע יאָר נאָכדעם, אין 1925, אין אַ רעדע פאַר די סטודענטן פון די מזרח־לענדער, פּרוּווט סטאַלין דעפינירן די באַציאונג צווישן דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן. דאָס ערשטע באַצייכנט ער ווי אַן אינהאַלט און דאָס צווייטע — ווי אַ פאָרם. ערשט אין 1930, אין זיין באַריכט אויפן זעכצנטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווערט אַרויסגעבראַכט זיין פּרינציפּיעלע באַציאונג צום פאַקט נאַציע. און ער זאָגט דאָרט בפירוש, דער קאָמוניזם איז דערפאַר, אַז אין דער צוקונפט זאָלן די נאַציאָנאַלע קולטורן זיך צונויפגיסן אין איין קולטור, הן לויט איר אינהאַלט און הן לויט איר פאָרם, דורך דער אַנטוויקלונג פון אַ געמיינזאַמער שפּראַך. דער קאָמוניזם שטיצט איצט אונטער די נאַציאָנאַלע קולטורן, אַזוי ווי ער האָלט אונטער אין דער איצטיקער טראַנזיטאָרישער עפּאָכע די מלוכה, אָבער מיט דעם אויסקוק, אַז הן זי און הן די נאַציעס דאַרפן מיט דער צייט פאַרשווינדן.

ווי איר זעט, גיט זיך סטאַלין אָפּ אַ קלאָרן חשבון וועגן דער סתירה צווישן דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם און דער אויסגעשפּראָכן־נאַציאָנאַלער פּראַקטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג. ער געפינט דעם אויסגעפּרואווטן אויסוועג פון דער דאָזיקער סתירה אין דער „מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק". עס איז, גלויב איך, איבעריק צו באַווייזן, אַז דאָס איז אַ תּירוץ מספּיק נאָר פאַר גלויביקע. דער געזונטער מענטשן־פאַרשטאַנד זאָגט אונדז, אַז אַקוראַט אַזוי ווי די מלוכה קען ניט מיטאַמאָל, פון דער העלער הויט, פאַרשווינדן, נאָכדעם ווי מען נעמט אָן אַלע מיטלען זי צו שטאַרקן, פּונקט אַזוי קענען די סאָוועטישע נאַציעס ניט אַוועק פון דער וועלט, בעת די מלוכה באַנוצט איר גאַנצן מעכטיקן אַפּאַראַט און אירע קאָלאָסאַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע רעסורסן, כדי זיי צו שטאַרקן און צו אַנטוויקלען.

ניט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער באַציאונג צום נאַציאָנאַלן בכלל, מוז מען אָבער זאָגן, אַז סטאַלין איז געווען אפשר דער איינציקער צווישן די סאָציאַליסטישע טוער, וואָס האָבן אַלזייטיק און טיף באַנומען דעם רעאַלן מהות פון דער נאַציע. און אין דעם פּרט איז אים דער מאַרקסיזם, צוליב דעם גרויסן געוויכט, וואָס ער לייגט אויף עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, גראָד זייער באַהילפיק געווען. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די נאַציע באַשטייט ניט פון הוילע רוחניות, אַז זי איז אַ היסטאָריש אויסגעפורעמטע געמיינשאַפט, ניט בלויז פון שפּראַך און קולטור, נאָר אויך פון טעריטאָריע אוןווירטשאַפט. און זיך שטיצנדיק אויף דעם, טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דער פּראָגראַם פון די עסטרייכישע טעאָרעטיקער שפּרינגער און באַוער. מיט רעכט ווייזט ער אָן, אַז די קולטורעלע אויטאָנאָמיע לאָזט איבער אין די הענט פון די הערשנדיקע נאַציעס די גאַנצע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאַכט. אָט פאַרוואָס ער האַלט, אַז די איינציקע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז די טעריטאָריאַלע (געגנט־) אויטאָנאָמיע, וואָס גיט איבער אין רשות פון דער נאַציע הן מאַטעריעלע מיטלען, הן אַ טייל פון דער מלוכה־סואווערעניטעט אויף איר נאַציאָנאַלן געביט. וואָס שייך די מינדערהייטן, וואָס לעבן אין די גרענעצן פון פרעמדע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס, דאַרף פאַר זיי גאַראַנטירט ווערן דאָס רעכט צו גרינדן אייגענע שולן און זיך צו באַנוצן מיט זייער שפּראַך אין עפנטלעכן לעבן.

די דאָזיקע סטאַלינס געדאַנקען זיינען שפּעטער געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, וואָס די סאָוועט־מאַכט האָט דורכגעפירט אין לעבן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן עקספּערימענט, וואָס האָט ניט זיינס גלייכן הן לויטן געוואַלטיקן שטח, אַ זעקסטל פון דעם ערד־קיילעך, הן לויט דער

צאָל און פאַרשיידנקייט פון די פעלקער, וואָס ער האָט אַרומגענומען. 180 פעלקער און שבטים לעבן אויף דער טעריטאָריע פון דעם פ. ס. ס. ר. זיי רעדן 130 פאַרשיידענע לשונות און לערך פופציק דיאַלעקטן. און כאָטש טעאָרעטיש האַלט סטאַלין, אַז ס'איז כלל ניט די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם צו באַשאַפן נאַציעס, זיי אויפצוהאַלטן, צו קאָנסערווירן, זעען מיר, אַז 38 פון רוסלאַנדס פעלקער האָבן ערשט דורכן סאָוועט־רעזשים באַקומען זייער אלף־בית, אָנשטאָט ער זאָל זיי אויסלערנען דעם רוסישן, און די נאַציאָנאַלע קולטורן פון פעלקער, וואָס האָבן פריער נאָר געגעבן אַ שוואַכע אָנצוהערעניש אויף אייגענער קולטור, האָבן באַקומען אַ געוואַלטיקן שוואונג זינט די סאָוועטן זיינען געקומען צו דער מאַכט. ווי אויף אַ משל וועט געניג זיין אָנצואווייזן, אַז אין 1936 זיינען אין אוקראַינע אַרויס הונדערט מאָל מער ביכער ווי אין 1914 און עס זיינען דאָרט אַרויסגעגאַנגען פערצן הונדערט צייטשריפטן, בעת פאַר דער רעוואָלוציע איז דער דאָזיקער מין ניט געווען בנימצא.

נאָר די סאָוועט־רעגירונג באַגנוגנט זיך ניט מיט געבן די נאַציעס און פעלקער גלייכע רעכט און אפילו ניט דערמיט, וואָס זי זאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייער שפּראַך און שולן. ס'איז ווייניק, זאָגט סטאַלין אין זיין באַריכט אויפן צענטן קאָמוניסטישן קאָנגרעס אין 1921, בטל צו מאַכן די רעכטלעכע אומגלייכקייט צווישן פעלקער, וואָרעם עס בלייבט נאָך אַלץ די פּאַקטישע ניט־גלייכקייט, וואָס לאָזט זיך ניט אויסמעקן מיט איין פעדער־שטריך. מען מוז געבן די הינטערשטעליקע פעלקער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע הילף, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען מיט דער צייט דערלאַנגען די זעלביקע מדרגה, ווי די פעלקער פון צענטראַל־רוסלאַנד. און די סאָוועט־רעגירונג קען אין דער באַציאונג אַריינשרייבן אין איר קרעדיט־קאָנטאָ דערגרייכונגען, וואָס ניט ווייניק לענדער וואָלטן געדאַרפט איר מקנא זיין. אין צאַרישן רוסלאַנד איז די אינדוסטריע געווען כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין צענטער פון לאַנד, דער עיקר אויף דער טעריטאָריע פון גרויס־רוסישן פאָלק. די פעריפעריע־געגנטן, וואו עס לעבן די קליינע פעלקער, זיינען געווען פאַרמשפּט צו בלייבן ביי זייער פרימיטיווער לאַנד־ און שאָף־ווירטשאַפט. סאָוועט־רוסלאַנד האָט גענומען אויפבויען און האָט אויפגעבויט אַ געוואַלטיקע אינדוסטריע הינטער די אוראַל־בערג, אין אירע אַזיאַטישע פּראָווינצן. ווי עס באַמערקט ריכטיק דער שפּאַנישער געלערנטער גאָנזאַלאָ דע רעפּאַראַז, אַ ספּעציאַליסט אין געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע, האָט סאָוועט־רוסלאַנד זיך אַליין קאָלאָניזירט, אָנשטאָט צו גיין אין די דרכים פון אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניזאַטאָרן, וואָס

פאַרכאַפּן פרעמדע ווייטע לענדער מיטן ציל זיי צו עקספּלואַטירן. אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק, זאָגט ער, איז דאָס דער איינציקער ביישפּיל. ווארעם סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון יע־דער אידייע פון ראַסן־העכערקייט, במילא אויך פון דער צעטיילונג פון פעלקער און לענדער אין מעטראָפּאָליעס און קאָלאָניעס. און מיט אַ טרויעריקער נאָטע באַמערקט דער שפּאַנישער פּראָפעסאָר, אַז די יורידישע גלייכקייט, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד ווענדט אָן, איז „אַ לעקציע, וואָס דער מזרח גיט דעם מערב, אָבער וואָס דער דאָזיקער איז, ווי עס ווייזט אויס, דערוויילוויל ניט שטאַרק להוט אויסצולערנען". מען דאַרף נאָר באַמערקן איין טעות, וואָס דער מחבר מאַכט: סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט דורכגעפירט אין די באַציאונגען צווישן אירע פעלקער קיין יורידישע גלייכקייט, נאָר דווקא פאַרקערט, אויב איר ווילט, אפילו אַ געוויסע פאָרמעלע אומגלייכקייט, נאָר אויף קאַפּויר, ד״ה זי האָט געשאַפן פּריווילעגיעס ניט פאַרן הערשנדיקן פאָלק, ווי דאָס פירט זיך ביי לייטן, נאָר גראָד פאַר די אונטערגעדריקטע פעלקער. ווארעם עס איז דאָך אַ פּריווילעגיע, ווען דאָס גרויס־רוסיש פאָלק, געבילדעטער און ווירטשאַפטלעך־אַנטוויקלטער, גיט אַוועק אַ טייל פון זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע רעסורסן, כדי צו העלפן אומוויסנדיקע און פּרימיטיווע פעלקער. דאָס רוסישע פאָלק האָט געזאָרגט פאַר די קלענערע פעלקער אַזוי ווי אַן עלטערער ברודער דאַרף זאָרגן פאַר אַ יינגערן און שוואַכערן.

און נאָר ווייל סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך געקענט אויפהויבן אויף אַזאַ הייך, איז איר געלונגען דאָס, וואָס קיין לאַנד האָט עס נאָך ניט באַוויזן — צו שאַפן אַ גרויסע מלוכהשע איינהייט ניט אויפן יסוד פון הערשער און באַהערשטע (דאָס אַלטע רוסלאַנד, די בריטישע אימפּעריע) און ניט אויף דעם באַזיס פון אַסימילאַציע פון יחידים מיט דער הערשנדיקער קולטור (פאַראייניקטע שטאַטן, די פראַנצויזישע קאָלאָניאַלע אימפּעריע), נאָר אין גייסט פון חברשאַפט צווישן פעלקער, ראַסעס און שפּראַכן.

עס איז אַ פאַרשפּרייטער טעות, אַ טעות, וואָס אפילו האַנס קאָהן, כאָטש ער קען דאָס לאַנד און די שפּראַך, ניט צו פאַרגלייכן מיט אַ סך אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער מחברים, וואָס שרייבן איצט אויף דער מאָדע־טעמע — סאָוועט־רוסלאַנד, חזרט אויך איבער אין זיין בוך „רע־וואָלוציעס און דיקטאַטורן", אַז די סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק האָט אויסגעראָטן דעם נאַציאָנאַליזם און געשאַפן אַ נייעם פּאַטריאָטיזם, וואָס באַשטייט דער עיקר אין ליבע צום לאַנד און צו זיינע דערגרייכונגען. עס איז ריכטיק, אַז אַזאַ פּאַטריאָטיזם האָט זיך דאָרט געשאַפן. אָבער פּאַראַלעל

מיט אים איז געבליבן לעבן און אפילו צוגענומען אין קראַפט און אויסדרוק דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון די מער אַנטוויקלטע פעלקער, בפרט, פון דעם גרויס־רוסישן. דער פאַרדינסט פון דער סאָוועטישער פאָליטיק באַשטייט ניט אין אויסראָטונג פון נאַציאָנאַליזם, נאָר דערין, וואָס זי האָט דאָס דאָזיקע נאַטירלעכע געפיל געמאַכט פאַר מענטשלעך, און אויף די חרבות פון צווישן־פעלקערלעכער שנאה און קנאה האָט זי אויפגעשטעלט אַ נייע פעלקער־ברודערשאַפט.

ווי אַזוי איז דער דאָזיקער נס געשען? ס'איז קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה איז געווען, וואָס די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אויסגעראָטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום און דעם ריווח־מאָטיוו, וועלכע זיינען געווען אַ גרויסער שטער צום שלום צווישן פעלקער, וואָס די סאַמע לופט, מיט וועלכער זיי האָבן געאָטעמט, איז געווען — קאָנקורענץ. קיין פּריוואַטער קאַפּיטאַליסט וואָלט זיך ניט גענומען קאָלאָניזירן האַלב־ווילדע געגנטן, ווען ער זאָל זיי ניט קענען עקספּלואַטירן און אַרויסשלעפּן פון דאָרט רוי־מאַטעריאַלן און ווען ער זאָל זיך ניט לכתחילה פאַרזיכערן, אַז זיי זאָלן קיינמאָל קיין תקומה ניט האָבן און ניט קומען דערצו צו שאַפן אַן אייגענע קאָנקורענץ־פעאיקע אינדוסטריע. אָבער חוץ לזה, און דאָס איז אפשר נאָך פיל וויכטיקער, האָט די רוסישע רעוואָלוציע געשאַפן די אַטמאָספער פון פריינטשאַפט און ברודערשאַפט צווישן מענטשן, געשטאַרקט דעם גייסט פון גלייכקייט צווישן די מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס נאָר ער איז בכוח אַרויסצורופן פון די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה דאָס גוטע, דאָס אַלטרואיסטישע, וועלכע ליגן אין איר פאַרבאָרגן.

עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע סיבות, וואָס ליגן אויסער דער רעוואָלוציע און וואָס האָבן גורם געווען דערצו, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע טענדענצן פון דער רעוואָלוציע זאָלן קענען רעאַליזירט ווערן. צווישן זיי דאַרף מען שטעלן אויפן ערשטן אָרט די גערוימיקייט און די רייכקייטן פון דעם לאַנד. דאָ זיינען באמת געווען אָרט און שאַנסן פאַר אַלעמען. אַז ס'איז ענג, איז שווער צו זיין אַ מכניס אורח. איז אָבער פאַראַן רחבות, אַז ס'איז אַ מחיה, דאַרף מען זיין ענג־האַרציק, ווי ס'איז געווען דער צאַריזם, און קורצזיכטיק, ווי ס'איז דער קאַפּיטאַליזם, ניט צו לאָזן אַלעמען לעבן, ניט צו אַנטפּלעקן אַלע באַהאַלטענע אוצרות פון דער נאַטור, כדי אַזוי אַרום צו פאַרשפּרייטן גליק און פרייד צווישן גאָטס באַשעפענישן.

און לסוף האָט דער רוסישער קאָמוניזם, הגם ער האָט אין אָנהויב, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, כלומרשט איבערגעריסן אַלע פעדעם מיט דער פאַרגאַנגענהייט, פּאַקטיש געירשנט דאָס בעסטע און

דאָס שענסטע פון דעם רוסישן פאָלקס־כאַראַקטער און דער רוסישער ליבע־ראַלער טראַדיציע, און עס געמאַכט נאָך פיינער און נאָך איידעלער. דער רוסישער מענטש איז בטבע קיינמאָל ניט געווען מענטשן־פיינטלעך און האָט קיינמאָל ניט געהאַט די פאַראַכטונג צו אַנדערע ראַסעס, צו פרעמדע רעליגיעס און פעלקער, ווי מיר זעען עס ליידער ביי די מער „ציוויליזירטע" מערב־נאַציעס. געוויס האָט דער צאַריזם אונטערגעדריקט די פרעמדע פעלקער, די „אינאָראָדצעס", ווי זיי האָבן געהייסן אויפן דעמאָלטדיקן אָפיציעלן לשון. אָבער אפילו די אַלטע רוסישע קאָלאָניזאַציע איז געווען ניט לערך מענטשלעכער ווי די קאָלאָניזאַציעס פון די מערב־פעלקער. געוויס זיינען די רוסישע קאָלאָניזאַטאָרן כלל ניט געווען קיין מלאכים און צוגענומען פאַר זיך די פעטסטע חלקים פון די נייע געגנטן און געביטן. בפרט האָט דער צאַריזם אין לעצטן יאָרהונדערט געפירט צו אַ סיסטעמאַטישער אַרויסשטויסונג פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג און אויף זייער אָרט אַוועקגעזעצט רוסן. אָבער פון קיין ברוטאַלער אויס־ראָטונג פון די אויטאָכטאָנע שבטים האָט אפילו דאָס אַלטע רוסלאַנד ניט געוואוסט. אַזוינע אכזריותן ווי די שפּאַניער, למשל, האָבן אַרויסגעוויזן צו די אינדיער אין די וועסט־אינדיעס, צו די אַצטעקן און אינקאַס אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע, פאַר וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט, ווי עס דריקט זיך אויס גאַנזאַלאָ דע רעפּאַראַז, נאָר איין אויסוועג, דהיינו צו עמיגרירן אויף יענער וועלט, האָט רוסלאַנד קיינמאָל ניט געזען. און האָט דען די קאָלאָניזאַציע פון צפון־אַמעריקע דורך די אַנגלאָ־סאַקסן ניט געבראַכט נאָך צו אַן ערגערן רעזולטאַט ווי די שפּאַנישע אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע, צום כמעט פולן, פיזישן אונטערגאַנג פון די איינגעבוירענע שבטים? זאָגט טאַקע דאָנאַלד יאַנג אין זיין בוך וועגן די „אַמעריקאַנער מינדערהייט־פעלקער", אַז די פרומע, ענגלישע פּראָטעס־טאַנטן זיינען זיך באַגאַנגען נאָך גרויזאַמער מיט די אינדיער, ווי די גאָטס־פאַרכטיקע שפּאַנישע קאַטאָליקן.

נאָך אַ וויכטיקער אונטערשייד איז געווען אפילו צווישן דער אַלטער רוסישער קאָלאָניזאַציע און די מערבדיקע קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנע־מונגען: די רוסן האָבן ניט געטראָגן פאַראויס דעם צלם און זיי זיינען ניט באַגלייט געווען פון גלחים, וואָס האָבן געדאַרפט אויפקלערן די ווילדע פעלקער און זיי ברענגען אין שויס פון קריסטנטום, דער אמונה פון ליבע און באַרעמהאַרציקייט. אַז דער רוסישער קאָזאַק, יערמאַק, האָט אין 16טן יאָרהונדערט, לערך אין דער אייגענער עפּאָכע, ווען קאָר־טעס און פיזאַראָ האָבן אונטערגעיאָכט לענדער פון דרום־אַמעריקע, זיך

געלאָזן אַזש קיין סיביר, איז דאָס געווען ניט כדי צו רויבן און „פאַר־שפּרייטן די ליכט פון אמתן גלויבן, נאָר כדי צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד דורך רוסישע פּויערים און קאָזאַקן".

נאָר וואָס פאַר אַ סיבות עס זאָלן דאָ ניט האָבן מיטגעווירקט, איינס איז אָבער זיכער, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט אירע נאַציאָנאַלע פראַגן פאַר־ענטפערט אין אַ ביז איצט ניט דערגרייכטער מאָס. די בעסטע ראיה איז די מסירת־נפש, מיט וועלכער אַלע אירע פעלקער שלאָגן זיך איצט פאַר איר גאַנצקייט און פרייהייט.

הייסט דאָס, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז שוין דערגרייכט געוואָרן אַן אַבסאָלוטע גלייכקייט צווישן די פעלקער און אַז דאָרט עקסיסטירט מער בכלל ניט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע? אַן ענטפער אויף דעם, און אַ נעגאַ־טיוון, גיט ניט קיין אַנדערער ווי טאָקע סטאַלין אַליין. אין זיין ציטירטן באַריכט צום צענטן רוסלענדישן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, דערקלערט ער אויסדריקלעך, אַז ניט געקוקט אויפן גרויסן פּראָגרעס, וואָס די סאָוועטן האָבן געמאַכט אויף צו פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע פראַגע, עקסיסטירט זי דאָך נאָך אין פאַרבאַנד. אפילו אין די רייען פון די גרויס־רוסישע קאָמוניסטן, אמת אין קליינע גרופּעס, זיינען נאָך פאַראַן שאָוויניסטישע נטיות זיך ניט צו רעכענען מיט די באַזונדערקייטן פון די שוואַכערע פעל־קער און מיט זייערע נויטבאַדערפענישן. נאָר אויך צווישן די קלענערע פעלקער קומען פאַר קאָנפליקטן און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין 1922 האָט די סאָוועטישע רעגירונג פון גרוזיע פאַרמאַכט אירע גרענעצן און ניט געוואָלט אַריינלאָזן אַרמעניער, וואָס זיינען געלאָפן פון שרעקלעכן הונגער, וואָס האָט געהערשט אין זייערע געגנטן.

אָבער אַ סך וויכטיקער ווי די דאָזיקע באַוואוסטזיניקע אויסדרוקן פון נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, וואָס גראָד זיי קענען לייכט אונטערדריקט ווערן דורך אַזאַ שטאַרקער מאַכט ווי די סאָוועטישע, זיינען די אָביעקטיווע אומ־גלייכקייטן, וואָס ניט די פּאַרטיי און ניט די רעגירונג קענען ניט אויס־גלייכן ביי זייער בעסטן ווילן. אַקוראַט אַזוי ווי די סאָוועט־רעגירונג האָט ניט געקענט מאַכן צונישט דעם חילוק, וואָס שטאַמט פון דער נאַטור, צווישן פעאיקע אַרבעטער און פאַרטאַטשעס, צווישן מתמידים און פוילאַ־קעס, פּונקט אַזוי האָט זי אויך ניט געקענט אויסגלייכן דורך דעקרעטן די אונטערשיידן, וואָס קומען אַרויס פון די נאַטור־אייגנשאַפטן פון פאַרשיי־דענע פּראָווינצן, פון זייערע פאַרשיידענע חיונה־קוואַלן און פון די באַזונ־דערקייטן, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט ביי זייערע פעלקער אין משך פון אַ לאַנגער, היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אָט, למשל, זיינען 65 פּראָצענט פון

דער סאָוועטישער באַפעלקערונג פאַרנומען אין לאַנדווירטשאַפט, אָבער זייער חלק אין דער נאַציאָנאַלער הכנסה איז נאָר 23 פּראָצענט, בעת די אינדוס־טריע ברענגט אַריין 77 פּראָצענט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין סאָ־וועט־פאַרבאַנד איז די נאַציאָנאַלע הכנסה טאַקע באמת אַ נאַציאָנאַלע און געהערט דעם גאַנצן פאָלק, קומט פונדעסטוועגן פאַר די פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן לויט די לייסטונגען פון די איינצלנע אַרבעטער און במילא מיינט עס, אַז דער וואוילשטאַנד פון דער שטאָטישער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג איז אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אומעטום, באַדייטיק העכער ווי פון דער דאָרפישער לאַנדווירטשאַפטלעכער. און קיין רעגירונג קען עס ניט ענדערן און אויסגלייכן, אפילו ניט די סאָוועטישע. טראָגט אַריבער דעם דאָזיקן סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכן פאַקט אויף אַ נאַציאָנאַלן באָדן און עס קומען אומפאַרמיידלעך אַרויס נאַציאָנאַלע אומגלייכקייטן, וואָס לאָזן זיך ניט באַזייטיקן. אָט מאַכן די גרויס־רוסן אויס עפּעס מער ווי 50 פּראָ־צענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער זייער חלק אין דער נאַציאָ־נאַלער הכנסה איז גלייך 80 פּראָצענט. מען וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין נאַציאָנאַלער, נאָר אַ סאָציאַלער ענין. אָבער רופט עס ווי איר ווילט, דער רעזולטאַט איז, אַז דער נאַציאָנאַלער פאַרמעגן און די נאַציאָ־נאַלע הכנסה פון די גרויס־רוסן, וואָס זיינען מער אינדוסטריאַליזירט, איז ניט בלויז אַבסאָלוט, נאָר אויך לערך גרעסער ווי פון די אַנדערע פעל־קער, און במילא לעבן אויך די יחידים, וואָס געהערן צום גרויס־רוסישן פאָלק אין דורכשניט בעסער און באַקוועמער ווי, לאָמיר זאָגן, די בוריאַטן אָדער אפילו די ווייסרוסן. און מיינט ניט, אַז די דאָזיקע אומגלייכקייט איז באַגרענעצט נאָר מיטן עקאָנאָמישן געביט. דעם „אם אין קמח אין תורה" האָבן געזאָגט חכמים, וואָס האָבן פון מאַרקסן ניט געוואוסט, און דאָס איז אַ ביטערער אמת עד היום. די סאָוועט־רעגירונג גיט איר גאַנצע און פולהאַרציקע שטיצע די קליינע פעלקער צו אַנטוויקלען זייער קולטור, קען זי אָבער ענדערן דעם פאַקט, אַז סיי טאָלסטאָי און סיי דאָסטאָיעווסקי, סיי מענדעלעיעוו און סיי פּאַוולאָוו זיינען געווען גרויס־רוסן און ניט, לאָמיר זאָגן, קירגיזן אָדער אוקראַינער? און קען זי עפּעס טאָן דערצו, אַז ביי 90 פּראָצענט ביכער און צייטשריפטן גייען אַרויס אין פאַרבאַנד אויף דער שפּראַך פון איין פאָלק, די גרויס־רוסן, וואָס מאַכן נאָר אויס אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג?

נאָר נאַאיווע סאָציאַליסטן האָבן זיך געקענט אויסמאָלן, אַז די סאָ־ציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט זיין אַ מין נירוואַנאַ פון אייביקע רו און פרידן, אַ גן־עדן התחתון, וואו שלום און שלווה וועלן הערשן און וואו בלאָנ־

דע וועלן ווערן ברוגעטן און מיאוסקייטן — יפהפיות. בפרט האָבן אין דער באַציאונג געזינדיקט יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אַזוי אַרום איג־סטינקטיוו געזוכט זיך צו ראַטעווען פון דער יידישער טראַגעדיע, פון דער טראַגעדיע פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. אָבער סטאַלין איז דערין ניט שולדיק און אומזיסט גיסן זיי אויס אויף אים זייער גאַנצן כעס, וואָס ער האָט זיי ניט אונטערגעטראָגן אָט דעם גן־עדן אויף אַ זילבערנער טאַץ ווי אַ מתנה פון זיין ליבנס נאָמען וועגן.

און אָט אַזוי קומען מיר צו דער תשובה אויף דער פראַגע, וואָס מיר האָבן פאָרמולירט פריער, ווי וועט אויסזען די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. סאָוועט־רוסלאַנד האָט געגעבן דעם מאַק־סימום, וואָס דער סאָציאַליזם קען אויף דעם געביט געבן, ווייל חוץ דער סאָציאַליסטישער אידייע האָט זי געהאַט אַזוינע גינסטיקע, פאָלקס־פּסי־כאָלאָגישע און ווירטשאַפטלעך־געאָגראַפישע באַדינגונגען, וואָס ניט אין יעדן לאַנד, בפרט ניט אין די איבערבאַפעלקערטע לענדער פון מערב־אייראָפּע זיינען זיי פאַראַן. אָבער אויך סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט געקענט באַווייזן דעם וואונדער גלייך צו מאַכן אַלע פעלקער. אָט פאַרוואָס אָן אָרעם פאָלק, אָן הינטערשטעליק פאָלק — צי קולטורעל, צי ווירטשאַפטלעך — וועט טאָן גוט און קלוג ניט בלויז צו וואַרטן און צו האָפן אויפן סאָציאַליזם, נאָר אַליין, דורך אייגענע אָנשטרענגונגען זיך צו דערהויבן צו אַ העכערן גייסטיקן און מאַטעריעלן מעמד. דאָס איז דער מוסר השכל פון סאָוועט־רוסלאַנד.

צווייטער טייל

יידן צווישן די פעלקער

קאַפּיטל עלף

גלות און גאולה

די יידישע אילוזיעס בנוגע דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אינעם סוף פון צענטן קאַפּיטל, זיינען ניט די איינציקע, ניט די ערשטע, אָבער, ווער ווייסט, אפשר די לעצטע, וואָס יידן האָבן זיך מיט זיי אַרומגעטראָגן און געטרייסט זינט דער עמאַנסי־פּאַציע. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דער זעלבסט־נאַרעריי, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע קרייזן, וואָס האָבן זיך געלאָזט טראָגן פון דער עמאַנסיפּאַציע־כוואַליע און פאַרלאָרן דעם געזונטן פאָלקס־פאַרשטאַנד און די יידישע גרייז־גרויע לעבנס־חכמה, אויסגעפורעמט און אויסגעקריס־טאַליזירט אין משך פון אַ טויזנט־יעריקער דערפאַרונג. אויפן סמך פון דער דאָזיקער דערפאַרונג האָט דאָס יידישע פאָלק באַוואוסטזיניק צי אינ־סטינקטיוו געזען דעם קוואַל פון זיינע ליידן אין צוויי זאַכן: אין זיין באַזונדערקייט (אויסדערוויילטקייט) צווישן די פעלקער פון דער וועלט און אין דעם גלות. ערשט מיט דער עמאַנסיפּאַציע האָט אַ קליינער טייל פון פאָלק, אָבער ביי די נייע באַדינגונגען אַ וואָגיקער, ווייל ער האָט זיך גע־שטיצט אויף אַ פרעמדער, הערשנדיקער מערהייט, פאַרלאָרן דעם היסטאָ־רישן יידישן חוש און געזוכט באַזונדערע תירוצים פאַר איטלעך קלאָג און בראָך, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף יידישע קעפּ, אין צייטווייליקע, פאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען פון דער אַרומיקער וועלט. און איטלעכס מאָל געוואָרט און געהאָפט, אַז ווען די אָדער יענע דירעקטע סיבה פון אַ פורעניות וועט פאַרשווינדן, וועט אויך נעמען אַ סוף צו די יידישע צרות. היינט האָט די סיבה געהייסן רעליגיעזער פאַנאַטיזם, מאָרגן — דעספּאָ־טישער אַבסאָלוטיזם און איבערמאָרגן — קאַפּיטאַליזם. דער הצד השוה שבהם איז געווען, אַז זיי זיינען אַלע געלעגן אויסער אונדז און ניט אין אונדז, אין אונדזער סיטואַציע פונעם „עם לבדד ישכון".

אַמאָליקע יידן האָבן געהאַט אמונה און אידעאַליזם. אילוזיעס און אידע־אַליזירונג זיינען ביי אונדז אויפגעקומען ערשט אין דער עפּאָכע פון דער

עמאַנסיפּאַציע. אמונה האָט פאַרלאַנגט פון איטלעכן יידן די גרעסטע מאָס פון אַקטיווקייט, די שטאַרקסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו דערגרייכן שלימות. אמונה האָט געפאָדערט מסירת נפש פונעם יידן, כדי אָפּצוהיטן די רעלי־גיעז־מאָראַלישע פאָלקס־פּערזענלעכקייט. די פאָדערונגען פון דעם יידן צו זיך אַליין זיינען געווען אידעאַליסטישע, אַבסאָלוטע. פאַרקערט אָבער, איז זיין באַציאונג צו דער אַרומיקער וועלט געווען אַ רעלאַטיווע און במילא רעאַליסטישע. עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק, אַז פאַרן טראַדיציאָנעלן יידנטום זיינען אַלע גוים געווען גלייך און עס האָט צו זיי אַלעמען געהאַט די זעלביקע נעגאַטיווע באַציאונג. דעם באַגריף חסידי אומות העולם אָט דאָך דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום באַשאַפן. ס'איז אָבער יאָ ריכטיק, אַז אידעאַליזירן די אַרומיקע וועלט האָבן מיר ניט אידעאַליזירט און מיר האָבן תמיד געוואוסט די גרענעצן פון איר ווילן און פון אירע מאָראַלישע מעגלעכקייטן און ניט געוואַרט, אַז זי זאָל אונדז ברענגען די לאַנג געגאַרטע אויסלייזונג. ערשט די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז געבראַכט דעם אָנזאָג אויף אַ משיח, וואָס וועט אויפשטיין ניט פון צווישן אונדז, נאָר וועט אָנ־קומען פון דער פרעמדער וועלט אַרום אונדז. אַמאָל האָט דער אויסלייזער געהייסן אויפקלערונג און בילדונג, שפּעטער — פרייהייט און דעמאָקראַטיע און גאָר צום סוף — סאָציאַליזם. נאָר דער נאָמען האָט זיך געביטן, אָבער דער תוך איז געבליבן דער אייגענער: דאָס פּאַסיווע וואַרטן אויף אַ דרויסנ־דיקער ישועה. וואָרעם מישטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין געקענט האָבן אונדזער אַקטיווע הילף פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער וועלט, כדי זי זאָל קענען דערלאַנגען דעם אָדער יענעם פון די דאָזיקע אידעאַלן.

אָט פאַרוואָס דער יידישער פאָלקס־אינסטינקט האָט זיך תמיד געע־בונטעוועט און קיינמאָל ניט געקענט משלים זיין מיטן געדאַנק פון גאולה, וואָס געוויסע יידישע קרייזן האָבן פאַרבונדן מיט דער אָדער יענער וועלט־באַוועגונג. ניט ווייל יידן לייקענען חלילה אין דער מענטשהייט בכלל אָדער אין פּראָגרעס בפרט, נאָר ווייל זיי האָבן תמיד געקוקט אויף דער וועלט אַרום, אויף די אומות העולם, מיט ניכטערע קלאָרע אויגן און ניט געקענט במילא ניט זען ווי ווייט זיי זיינען נאָך פון שלימות, פון קדושה.

יידן, אָנגעהויבן פון לומדים און רבנים, און געענדיקט מיטן שוסטער און שניידער, האָבן תמיד אָדער קלאָר געוואוסט אָדער אינסטינקטיוו גע־פילט, אַז די סיבה פון אַלע סיבות פון אונדזער באַזונדערן גורל אויף דער וועלט ליגט דערין, וואָס מיר זיינען אי אַ פאָלק ניט גלייך צו אַלע פעל־קער, אי אין גלות ביי זיי. די גויאישע רשעות, די רדיפות און גזירות,

וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אונדזערע קעפּ, זיינען נאָר געווען די אויסערלעכע אַנטפּלעקונגען פון אונדזער אייגענעם מצב, די סימפּטאָמען פון אונדזער אומגליק און ניט זיין סיבה. מען דאַרף זיך ניט לאָזן פאַרפירן דורך דעם רעליגיעזן לבוש, וואָס די דאָזיקע געדאַנקען און געפילן האָבן געטראָגן ביי אַמאָליקע יידן. דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען איטלעכער געדאַנק, ווי איטלעכער טריט פון דעם יידן, האָט באַקומען אַ רעליגיעזן אויסדרוק און אַ רעליגיעזע סאַנקציע. און דעריבער האָט דאָס, וואָס מיר רופן אין דער אָביעקטיווער סאָציאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע די אומנאָרמאַלקייט פון יידישער עקסיסטענץ — דעמאָלט געהייסן „אונדזערע זינד". צוליב אונדזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד און אונדזערע זינד האַלטן אויף די גאולה, די ביאת המשיח. דאָס באַוואוסטזיין פון זיין אין גלות, פון גלות־צושטאַנד האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דעם יידן. פונקט אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג אויף גאולה, ווי ער האָט תמיד אויסגעקוקט אויף שיבת ציון, וואָס מוז קומען ווי נאָר דער דור וועט ראוי זיין. און קומען היינט רבנים פון דער רעפאָרם־סינאַגאָגע אָדער פון אַ סאָציאַליסטישן בית־מדרש און זאָגן אונדז, אַז היות ווי די גאולה־אידייע האָט ביי יידן געהאַט אַ רעליגיעזע און ניט קיין אַקטיוו־ערדישע פאָרם, במילא איז דער פרינציפּיעלער גלותיזם אין פולן הסכם מיט דער יידישער טראַדיציע, און להיפוך איז דער ציוניזם־טעריטאָריאַליזם — כפירה אין יידישקייט און אַן אָפּזאָג פון דעם עכטן יידישן גייסט, איז דאָס נאָר אַ סימן, אַז זיי מישן צונויף דעם לבוש פון אַן אידייע מיט דער אידייע גופא.

דעם אַמאָליקן יידן האָט זיך געוויס ניט געקענט חלומען, אַז ס'וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אין זיינע טעגלעכע תפילות וועגן שיבת ציון אַריינפּילפּולן דעם געדאַנק וועגן גלות ווי אַ נאָרמאַלן, געוואונטשענעם צושטאַנד. אַזוי ווי רב יוחנן בן זכאי האָט געוויס ניט געקענט חושד זיין, בעת ער האָט געבעטן ביי וועספּאַסיאַן יבנה און אירע חכמים, אַז עס וועלן זיך אַמאָל געפינען יידן, וואָס וועלן דעם דאָזיקן פאַרצווייפלטן פּרואוו צו ראַטעווען די רעשטלעך פון יידישן קיום נאָך אַ פאַרלאָרענער שלאַכט, ווען דער חורבן פון ירושלים איז שוין געווען אומפאַרמיידלעך, אויסטייטשן ווי אַן אָפּזאָג פון קומענדיקע שלאַכטן און פון דער ווידעראויפריכטונג פון ירושלים אין איר גלאַנץ און פּראַכט. דערביי מאַכט מען נאָך דעם גראָבן גרייז אויסצוטייטשן יבנה ווי אַ מין ישיבה, אַ מין היינטיקע אַקאַדעמיע פאַר „וויסנשאַפט דעס יודענטומס", בעת אין דער אמתן האָט זי געדאַרפט זיין דער העכסטער יידישער געזעצגעבערישער אָרגאַן און גלייכצייטיק

אויך דער העכסטער יידישער טריבונאַל, אַ סוראָגאַט פאַרן סנהדרין פון ירושלים. דאָס הייסט, אַז יבנה האָט געדאַרפט קאָנצענטרירן און אָפּהיטן די גרעסטע מאָס פון פאָלקס־סואווערעניטעט, וואָס האָט זיך נאָך געלאָזט רעאַליזירן נאָכן חורבן. די אָפּאָזיציע צווישן יבנה און ירושלים איז אויס — און צוגעטראַכט געוואָרן ניט פון פרומע טראַדיציאָנעלע יידן, נאָר פון קטני אָדער חסרי אמונה, פון די, וואָס בשוגג אָדער במזיד האָבן זיי געהאַלטן ביי באַפרייען זיך פון יידישן יאָך און יידישע האָפענונגען, כדי צו קענען רואיק געניסן און פאַרדייען די מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער פון אַ פרעמדער וועלט. און צי זענען מיר דען ניט ווי פון יבנה, וואָס איז היינטיקע צייטן געוואָרן דער עיר מקלט פון יידישער שוואַך־גלויביקייט, פון יידישער פאַסיווקייט, זיינען אַרויסגעקומען די אינספּיראַטאָרן פון דעם בר כּוכבא־אויפשטאַנד, פון דעם לעצטן העראָאישן פרואוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אונדזער היסטאָרישן באָדן, צוריק אויפצוריכטן מלכות ישראל. און צווישן זיי איז געווען ניט קיין קלענערער זייל פון יידישער גייסטיקייט ווי רב עקיבא פון די עשרה הרוגי מלכות. אויך ביים היינטיקן טאָג וועט איר ניט געפינען קיין איין אָרגאַניזירטע גרופּע פון טראַדיציע־געטרייע יידן, וואָס זאָל אין דער אָדער אין אַנדער פאָרם, אין אַ קלענע־רער אָדער גרעסערער מאָס, ניט אונטערשטעלן אַ פּלייצע צום ווידעראויפ־בוי פונעם יידישן לאַנד. וואָס פאַר אַ טייטש זיי טייטשן אַריין דערין האָט, פאַרשטייט זיך, ניט קיין גרויסן ווערט.

ס'קען ניט געמאָלט זיין קיין שום יידישע אַקטיווקייט, איך מיין אַקטיווקייט, וואָס צילט ווייט איבער טאָג־טעגלעכע בויטן און באַדערפע־נישן, וואָס זאָל ניט זיין אינטים פאַרבונדן מיט יידישער באַפרייאונג. די יידישע שטרעבונגען, וואָס פאַרלייקענען דעם מענטשלעכן, ערדישן דעם־וועלטיקן זינען פון אונדזערע ליידן און האָפענונגען, זיינען אין די איצטיקע מאָדערנע פאַרהעלטענישן פאַרמשפט צו פאַסיווקייט אָדער צו ענגער באַ־גרענעצטקייט. קיין לאַנגע, קיין טיפע שפורן אין דעם יידישן געדאַנק, אין דער יידישער געשיכטע וועלן זיי ניט איבערלאָזן.

ווי די בעסטע אילוסטראַציע דערצו קען דינען דער גורל פון די יידיש־פאָלקיסטישע שטרעמונגען. ניט געגליכן צו די סאָציאַליסטישע יידי־שע באַוועגונגען, איז דער פאָלקיזם גראָד געווען איינגעפונדעוועט אין יידישן עבר, אין יידישער טראַדיציע און במילא געקענט און געדאַרפט לאָזן טיפע וואָרצלען אין דער יידישער נשמה און געפינען אַ וועג צום פאָלק. און דאָך איז דאָס ניט געשען און דער פאָלקיזם איז געבליבן אַן ענין פון אַ קליי־נעם, אינטעליגענטישן קרייזל צוליב איין פשוטן טעם: ער האָט געוואָלט

אָפּגטן גלות און גאולה, די צווײ מאָטיוון פון ײדישן פילן און דענקען, וואָס זײנען צוזאַמענגעבונדן און לאָזן זיך ניט שײדן, כל זמן דער גלות עקסיס־טירט און כל זמן די גאולה איז ניט געקומען. עס קען דעריבער ניט גע־מאָלט זײן קײן ריכטיקער, אויטענטישער ײדישער פאָלקיזם, וועלכער פאַר־אײביקט דעם גלות און אַ פשיטא שוין אויב ער גלאָריפיצירט אים, — אַ געדאַנק, מיט וועלכן דאָס פאָלק האָט און וועט קײנמאָל קײן שלום ניט מאַכן. דער פאָלקיזם האָט געקענט האָבן שאַנסן אָנגענומען און פאַרשפרײט צו ווערן צווישן פאָלק, נאָר ווען ער וואָלט זיך געהאַט אײנגעגלידערט ווי אַ טײל אין דער מחנה פון ײדישער באַפרײאונג, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס האָבן טאַקע שפּעטער פאַרשטאַנען די פירער און אידע־אָלאָגן פון רוסיש־ײדישן פאָלקיזם ווי זאב לאַצקי־בערטאָלדי, יוסף טשער־ניכאָוו ז"ל, זעליג קאַלמאַנאָוויטש און אַנדערע. און אפילו רב שמעון דוב־נאָוו, דער אײגנטלעכער באַשאַפער פון פאָלקיזם, האָט שוין גאָר אויף די עלטערע יאָרן נאָך געהאַט גענוג מוט און גײסטיקע פרישקײט זיך אָפּצו־זאָגן ניט פון זײנע גרונט־אידײען, וואָס איז אויך ניט נויטיק געווען, נאָר פון זײערע צו לאַגישע און דערפאַר ניט תמיד לעבנס־געטרײע קאָנסע־קווענצן. ער האָט אַלײן אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום ציוניזם, בפרט צו דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און געװאָרפן אַהין זײנע פרײנט און תלמידים.

דעם אײגענעם טעות, וואָס עס האָבן געמאַכט די פאָלקיסטן, נאָר אויף דער פאַרקערטער זײט, באַגײען יענע ציוניסטן, וואָס פאַרשפרײטן די לחלוטין פאָלקס־פרעמדע שטימונג פון „נעגירן דעם גלות", אַ נײ וואָרט, וואָס ײדן האָבן ביז איצט ניט געוואוסט. דער גלות איז אין ײדישן פאָלקס־באַוואוסטזײן תמיד געווען אַן אומגליק, אַ שטראָף, אָבער קײנמאָל האָבן ײדן זיך צו אים ניט באַצויגן מיט ביטול, מיט פאַראַכטונג. די גאולה האָט לויט די ײדישע רעליגיעזע פאַרשטעלונגען געקענט קומען נאָר ווי אַ רע־זולטאַט פון תשובה. אויף זוכה צו זײן צו גאולה האָבן ײדן געדאַרפט זיך בעסערן אין גלות גופא. פאָרמולירט דעם זעלביקן געדאַנק אין אַ מאָדערנעם לשון, גיט אים די פאָרם פון אַ קאָלעקטיווער שלימות אַנשטאָט אינדיווידו־עלער, קומט איר צו דעם אײגענעם אויספיר: די באַפרײאונג פון גלות מוז זיך אָנהײבן אין גלות גופא. און פונקט אַזוי ווי דער פאָלקיזם קען ניט האָבן קײן קיום, סײדן ער זאָל ווערן ציוניסטיש, אַקוראַט אַזוי וועט דער ציוניזם געווינען דאָס גאַנצע פאָלק און דורך אים באַפרײען דאָס לאַנד, נאָר ווען ער וועט גלײכצײטיק זײן פאָלקיסטיש, ווען ער וועט בויען ניט אויף אײן זײל פון דעם ײדישן באַוואוסטזײן, נאָר אויף בײדע: גלות און גאולה.

יידישע באַפרייאונג מיינט ניט נאָר דעם לעצטן שטאַפּל, דעם קיבוץ גלויות. דער וועג אַהין איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. און אויב מען נעמט ניט אָן בוכשטעבלעך דעם טראַדיציאָנעלן געדאַנק פון דער אויס־לייזונג ווי אַן איין־מאָליקן אַקט, וואָס וועט פּלוצלינג און על פּי נס געשען, איז קלאָר, אַז על פּי דרך הטבע וועלן מיר ניט אויסגעלייזט ווערן מיט איין מאָל, נאָר שטאַפּלווייז, פון איין מדרגה צו דער אַנדערער. במילא מוז און קען די בהדרגהדיקע באַפרייאונג פון דעם גלות זיך אָנהויבן פון גלות גופא און אין דער אייגענער צייט און פּאַראַלעל דערמיט וועלן זיך קאָנצענטרירן אַלץ מער יידן, יידישע כוחות און ענערגיעס אינעם יידישן לאַנד.

קאַפּיטל צוועלף

דאָס פּראָלעטאַרישע פֿאָלק

די פאַרשפּרייטע פאָרשטעלונג וועגן גלות, וואָס אויף איר שטעלט דעם טראָפּ די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, איז דאָס, וואָס מיר יידן זיינען אומעטום אַ מינדערהייט צווישן די פעלקער. דער דאָזיקער מינדערהייט־צושטאַנד איז דער מקור פון אונדזער אונטערדריקונג און אונטעריאָכונג. איבעם דאָזיקן געדאַנק איז נאָר פאַראַן אַ קערן אמת. דער פאַקט אַליין, וואָס אַ גרופּע איז אַ מינדערהייט, שאַפט נאָך ניט פאַר איר קיין גלות־צושטאַנד. פאַראַן אויך אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען אומעטום, אין אַלע מדינות וואו זיי לעבן, אַ מינדערהייט, למשל, די אוקראַינער אין רוסלאַנד און פּוילן פאַר דער איצטיקער מלחמה, און פונדעסטוועגן ווערן זיי נאָך ניט צוליב דעם אַליין קיין גלות־פאָלק. זייער מצב קען בשום אופן ניט געגליכן ווערן צו אונדזערן. פאַרקערט ווידער, קען די געשיכטע ניט איין פאַל, ווען אַ מערהייט־פאָלק ווערט באַהערשט פון אַ שטאַרקער מינדערהייט, אַזוי אַז די מערהייט פאַלט אַריין „אין גלות" ביי דער מינדערהייט. אַזאַ צושטאַנד קען, אמת, ניט געדויערן אייביק. פריער אָדער שפּעטער וועט אָדער די מינדערהייט זיך אַסימילירן מיט דער מערהייט אָדער פאַרקערט, אויב די מינדערהייט־ציוויליזאַציע איז אַ העכערע. און אויב ניט דאָס און ניט יענץ קומט ניט פאָר, וועט די מערהייט ביסלעכווייז צונויפנעמען אירע כוחות און אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון דער מינדערהייט. אָבער דאָס שליסט בכלל ניט אויס, אַז דער צושטאַנד פון אונטערגעוואָרפנקייט פון דער מערהייט אונטער דער מינדערהייט זאָל ניט געדויערן אַ היפּשע ווייל.

דאָס ספּעציפישע פון דעם יידישן גלות קען ריכטיק כאַראַקטעריזירט ווערן אין אַ נעגאַטיווער פאָרם. דער יידישער גלות באַטייט קודם כל, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט ניט די צוויי וויכטיקסטע תנאים פאַר אַ נאָרמאַלן, פרייען כלל־לעבן: נאַציאָנאַלן באַזיץ אָדער פאַרמעגן, נאַציאָנאַלע מאַכט אָדער סואווערעניטעט. און כל זמן מיר לעבן צעזייט און צעשפּרייט צווישן

די פעלקער ווי אַ מינדערהייט, קענען מיר ניט קומען ניט צו קיין נחלה און ניט צו קיין מאַכט.

די דאָזיקע גרונט־פאַקטן פונעם יידישן גלות קענען ניט פאַרשווינדן דורך קיין שום סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע ענדערונגען אין אונדזער אַרום. מיט יאָרן צוריק זיינען יידישע ראַדיקאַלן געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אחד העמען, ווען ער האָט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען געזאָגט, ער קען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן, אַז די וועלט זאָל ווערן פול מיט יושר און וויסן, אַזוי ווי דער ים מיט וואַסער, און פונדעסטוועגן זאָלן מיר יידן ליידן. איך האָב דאָ ניט פאַר זיך דעם טעקסט און ווייס ניט אַקוראַט, צי האָט ער געמיינט דערמיט צו באַווייזן דעם אימינענטן, אינערלעך־יידישן כאַראַקטער פון אונדזער טראַגעדיע און דעמאָלט איז ער געווען הונדערט פראָצענט גערעכט, אָדער ער האָט געוואָלט זאָגן, ווי מען האָט אים דעמאָלט חושד געווען, אַז בכן איז פאַר אונדז גלייכגילטיק, צי די כוחות פון בייז אָדער גוטס זיינען מנצח ביי די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן, און דעמאָלט איז ער געווען אין פרינציפּ אומגערעכט. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס איך מיין צו זאָגן איז, אַז עס איז ניט אַזוי וויכטיק דער אַקטיווער, מענטשן־פרעסערישער אַנטיסעמיטיזם, וואָס צום גליק האָט ער נאָך דערווייל די גאַנצע וועלט ניט אַרומגעכאַפּט, און וואָס מוז פריער אָדער שפּעטער, אויב מען פאַרלירט נאָך ניט די לעצטע האָפענונג אין דעם מין מענטש, פאַרשווינדן. דאָס טראַגישע פון אונדזער מצב ליגט דערין, וואָס די בעסטע אָרדענונג פון דער וועלט, איך מיין אַן ערדישן און ניט קיין הימלישן סדר, און די בעסטע כוונות פון אונדזערע מיטמענטשן קענען אונדז ניט העלפן, כל זמן דער פאַקט גלות בלייבט שטיין. גראָד דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן מער סאָציאַלער יושר און מער פרייהייט, וואו עס זיינען ניטאָ קיין אָרגאַניזירטע רדיפות אויף יידן און קיין בייזוויליקער אַנטיסעמיטיזם, דווקא דאָרט אַנטפּלעקט זיך דאָס אָביעקטיוו־טראַגישע פון אונדזער גלות־לאַגע אין איר קריסטאַל־ריינער פאָרם.

אָט האָבן מיר געזען, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע, ווי אַן אָביעקטיווער פאַקט פון ניט גלייכקייט צווישן פעלקער, ניט געקענט אָפּגעמעקט ווערן דורך יורידישע גלייכבאַרעכטיקונג, און אפילו ניט דורך די שטאַרקסטע מיטלען צו דערגרייכן אַ פאַקטישע גלייכקייט פשוט דערפאַר, ווייל דאָס נאַציאָנאַלע פאַרמעגן פון די פעלקער קען ניט אויסגעגליכן ווערן, כל זמן עס עקסיסטירט נאַציאָנאַל אייגנטום אויף דעם לאַנד, וואו דאָס פאָלק זיצט. און ס'איז קלאָר, אַז אויב פריוואַט־אייגנטום איז אין רוסלאַנד ניט בטל געוואָרן, חוץ אויף די פּראָדוק־

ציע־מיטלען, און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט נאָך געדויערן ביז דאָס וועט געשען, וועט אַ פּשיטא שוין דאָס קאָלעקטיווע אייגנטום פון פעלקער נאָך עקסיסטירן גאָר לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז מיר מענטשן מיט אונדזער באַגרענעצטער זע־פעאיקייט קענען עס אפילו ניט אויסמעסטן. איך ווייס ניט אויף זיכער, ווי שטייט פאָרמעל־יורידיש, לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, די פראַגע וועגן דער פאַרטיילונג פון אייגנטום צווישן דעם פאַרבאַנד און די איינצלנע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. ניט האָבנדיק פאַר מיר דעם אָריגינאַלן רוסישן טעקסט פון דער נייער קאָנסטיטוציע, קען איך די דאָזיקע פראַגע קאַטעגאָריש ניט פאַרענטפערן. דער אַרטיקל זעקס דערקלערט נאָר, אַז אַלע פּראָדוקציע־מיטלען געהערן דער מלוכה, נאָר די איינצלנע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן זיינען אויך מלוכות. וואָלטן די מחברים פון דער קאָנסטיטוציע געמיינט, אַז זיי געהערן דער אוניאָן, דעם פּ. ס. ס. ר., וואָלטן זיי דאָס געזאָגט. איך גלויב אָבער, אַז מיר וועלן זיין קרוב לאמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז די גאַנצע פראַגע האָט זיך גאָר ניט געשטעלט, ווייל פאַקטיש איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז די ערד, די טייכן, די וועלדער, די מינעס, די פאַבריקן, מיט איין וואָרט אַלץ, מיט וואָס די נאַטור האָט געבענטשט די אָדער יענע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע און אַלץ וואָס די אַרבעט האָט דאָרט באַשאַפן, געהערן דעם פאָלק, וואָס זיצט אויף איר. דאָס שליסט, פאַרשטייט זיך, ניט אויס דעם קאָנטראָל און געוויסע דיספּאָזיציע־רעכט פונעם פאַרבאַנד, פון זיינע צענטראַלע אָרגאַנען. מען קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז די צענטראַלע סאָוועט־רעגירונג, ניט געקוקט אויף די זייער גרויסע פולמאַכטן, וואָס עס גיט איר די קאָנסטיטוציע און די נאָך גרעסערע, וואָס זי באַזיצט בפועל, זאָל וועלן אָדער קענען, ווען זי וואָלט געוואָלט, אויסוואָרצלען אוקראַינער אָדער ווייסרוסן פון זייער טעריטאָריע און זיי אַריבערפּעקלען ערגעץ אַנדערש־וואו און פאַרקערט אַוועקזעצן אויף זייער אָרט אַן אַנדער פאָלק. דאָס פאָלק, וואָס זיצט אויפן לאַנד, און מעג דאָס לאַנד זיין סאָציאַליסטיש, און אפשר דווקא ווייל עס איז סאָציאַליסטיש, איז דער בעל־הבית פון דעם לאַנד און פון אַלע זיינע רייכטימער. און זאָל אַמאָל קומען אַ צייט, ווען עס זאָל וועלן און קענען זיך שיידן פון די איבעריקע פעלקער און אַרויס פון דער פעדעראַציע, „נעמט” עס מיט זיין לאַנד מיט זיך, וואָרעם פאָלק און לאַנד, פאָלק און פאַרמעגן, לאָזן זיך ביי נאָרמאַלע פעלקער ניט שיידן.

אָבער ניט נאָר סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט געוואָלט און ניט געקענט בטל מאַכן דאָס קאָלעקטיווע, נאַציאָנאַלע אייגנטום, נאָר אויך דעמאָקראַ־

טישע סאָציאַליסטן, וואָס האַלטן נאָך מיט זייערע פּלענער פון אַ צוקונפט־טיקער, סאָציאַליסטישער אייראָפּע אין דער סטאַדיע פון נביאות, ווען מען זעט נאָך ניט אַרויס אַלע מניעות און שטרויכלונגען, וואָס די ביטערע רע־אַליטעט גרייט צו, אפילו זיי קלייבן זיך גאָרניט צו צעשטערן דאָס נאַציאָ־נאַלע אייגנטום פון די פעלקער, וואָס דאַרפן אַריין אין דער צוקונפטיקער, אייראָפּעאישער אָדער וועלט־פעדעראַציע, וואָס וועט ווי זיי גלויבן, אויפ־שטיין נאָך דער מלחמה. ג. ד. ה. קאָאָל אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט און חסיד פון דער נייער וועלט־אָרדענונג, שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי זאָל דאָס מלוכה־אייגנטום פאַרטיילט ווערן אין אַזאַ פעדעראַציע צווישן דער פעדעראַטיווער מלוכה און אירע איינצלנע, נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע באַ־שטאַנד־טיילן. און הגם ער איז בכלל צענטראַליסטיש אין זיין געדאַנק, איז ער גיכער נוטה דערצו, אַז אויב אַזאַ פעדעראַציע זאָל באמת אָנקומען, זאָלן צו דער פעדעראַלער מלוכה געהערן נאָר די פונדאַמענטאַלע אינדוס־טריעס, בעת די איינצלנע נאַציעס וועלן פאַרבלייבן די בעלי־בתים פון די אַנדערע ווירטשאַפט־צווייגן. ער איז אפילו זיכער, אַז אויך די סאָציאַליס־טישע צוקונפט־מלוכות וועלן פירן אַ קאָלאָניאַלע פּאָליטיק בנוגע די צו־ריקגעשטאַנענע פעלקער און לענדער. ער האָפט נאָר, אַז זי וועט זיין מענטשלעכער און ווייכער ווי די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון די קאַפּיטאַליס־טישע מלוכות. ער איז אָבער אָפן מודה, אַז קיין גאַראַנטיעס דערפאַר זיינען ניט פאַראַן און ער לאָזט גריילעך צו דעם געדאַנק, אַז אפילו אַ סאָציאַליסטישע מלוכה קען עקספּלואַטירן די באַפעלקערונג פון די קאָ־לאָניעס אין די אינטערעסן פון איר נאַציאָנאַלן מאַרק.

איך גלויב ניט, אַז אַ סך אַנטי־ציוניסטישע, יידישע סאָציאַליסטן, זאָלן זיך האָבן פאַרטראַכט איבער דער דאָזיקער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן אייגנ־טום אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. און צווישן אונדז גערעדט זיינען אַזוינע מחשבות טאַקע „געפּערלעך" און קענען ווייט פאַרפירן, אַזש קיין ארץ־ישראל. העכסטנס האָבן זיי געקענט חלומען וועגן אַ „בולקע מיט פּוטער" אין סאָציאַליסטישן גן־עדן, וואו עס וועט מער ניט זיין קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און וואו יידיש און יידישע שולן וועלן האָבן פולע פרייהייט און אַלע רעכט, אויב פאַרשטייט זיך יידן וועלן האָבן חשק זיי אויפצוהאַלטן, ווארעם „מיר" זיינען דאָך נייטראַל.

אונדזער טראַגעדיע ליגט גראָד דערין, וואָס מיר זיינען דאָס איינציקע פּראָלעטאַרישע פאָלק אויף דער וועלט, טאַקע די אמתע „העוו־נאָטס". מיר מעגן האָבן ניט אין פאַמיליע ראָטשילד, נאָר צענדליקער און הונדערטער,

ווערט דאָס יידישע פֿאָלק דערמיט אויף אַ האָר ניט רייכער, אויב מען זאָל ניט רעכענען די שיריים, וואָס יידישע גבירים וואַרפֿן צו פֿאַר יידישער צדקה. זייערע קאַפּיטאַלן און זייערע הכנסות אָבער זיינען אַ טייל פֿונעם נאַציאָנאַלן רכוש פֿון די פֿעלקער, אויף וועמענס לאַנד זיי זיצן. און קומט אַ שטורעם־ווינט און פֿאַריאָגט דעם יידישן גביר פֿון לאַנד, ווערט ער אָרעמער, אָבער ניט דאָס לאַנד. און ווייל מיר האָבן ניט קיין נאַציאָנאַל פֿאַרמעגן, קען ניט זיין קיין רייד וועגן אַ יידיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל אויף נאַציאָנאַליזירן דאַרף מען עפּעס פֿאַרמאָגן. און אַזוי ווי דאָס יידישע פֿאָלק פֿאַרמאָגט גאָרניט, וואָלט דער יידישער סאָציאַליזם העכסטנס געקענט נאַציאָנאַליזירן די יידישע צדקה־פּושקע. איינצלנע יידן קענען זיין מיטגלידער פֿון דער לאַנד־פּאַרטיי, זיי קענען בילדן אַ שפּראַך־סעקציע פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָבער פֿאַר קיין יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז ניטאָ קיין אָרט, ווייל דער ציל פֿון סאָציאַליזם קען אין דער יידישער סביבה ניט דערגרייכט ווערן, סיידן ווען דער יידישער סאָציאַליזם פֿאַרבינדט זיין גורל מיט דער יידישער צוקונפֿט, מיט אַ יידיש לאַנד, מיט אַן אייגן האָב און גוטס.

געוויס שטימט ניט אַט דער געדאַנק אין דער אַבסאָלוטער פֿאָרם, ווי ער איז דאָ אַרויסגעזאָגט, הונדערט פּראָצענטיק מיט דער ווירקלעכקייט. אַזאַ פּולן הסכם קען מען בכלל ניט דערגרייכן. אָבער עס שטימט זיכער מיט דעם זין פֿון אונדזער ווירקלעכקייט, מיט די גרונט־טענדענצן פֿון אונדזער לעבן. עס פֿאַרשטייט זיך אָבער אַליין, אַז האַלט מען ביי פּראַקטישער פּאָליטיק, וואו מען האָט צו טאָן מיט רעלאַטיוויטעטן און מיט פּאָליאַטיוון, דאַרף מען אַנאַליזירן אויך די איינצלנע רעאַלע דערשיינונגען, וואָס שוואַכן אָפּ די אַלגעמיינע טענדענץ און מען דאַרף זוכן די מיטלען, כדי זיי נאָך מער אָפּצושוואַכן דורך אונדזער ווילן און באַוואוסטזיניקער טעטיקייט.

אַזוי, למשל, קען מען אין אַ זייער באַגרענעצטן זינען יאָ רעדן וועגן אַ יידישן נאַציאָנאַלן באַזיץ דאָרט, וואו יידן לעבן קאָנצענטרירט און וואו עס עקסיסטירט בכן אַ געוויסער צוזאַמענבונד צווישן יידישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דאָרט זיינען פֿאַראַן געוויסע, אמת זייער קליינע, ווירטשאַפֿטסעקטאָרן, וואָס מיר קענען אָנרופֿן יידישע. דאָס איז די יידישע מלאכה, די קליין־אינדוסטריע און דער קליין־האַנדל, וואו הן דער בעל־הבית און הן דער „מענטש" זיינען יידן. דער יידישער גרויס־קאַפּיטאַל סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין האַנדל און פֿינאַנץ האָט אפֿילו אין די לענדער

פון קאָנצענטרירטע יידישע מאַסן־ישובים אַ קלאָרע טענדענץ זיך אַרויסצו־
רייסן פון יידישן שטח. דאָס זעלבע גייען פאַרלאָרן פאַר דער „יידישער ווירט־
שאַפט" די אמת דערווייל ניט גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער, וואָס ווערן
אַריינגעצויגן אין דער ניט יידישער גרויס־אינדוסטריע. געוויס ליידן די
דאָזיקע יידישע ווירטשאַפט־סעקטאָרן אפילו אין דעם קליינעם פאַרנעם,
אין וועלכן זיי עקסיסטירן, פון ניט פעסטקייט, פון ניט האַפטיקייט. אַ
ליאַדער ווינט קען זיי פון היינט אויף מאָרגן פאַרטראָגן אין פוסטע מדבריות,
וואָרעם עס פעלט זיי די פאַרוואָרצלונג אינעם באָדן. און פונדעסטוועגן
איז אפילו אָט דער קליינער רמז אויף באַזיץ און פאַרמעגן אַ געווינס פאַר
אונדז פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט. און אַ ריכטיקע יידישע נאַציאָנאַלע
באַפרייאונג־פּאָליטיק דאַרף קודם כל שטרעבן צו דערגרייכן אפילו אין
גלות, דורך אַ נאָרמאַליזירונג פון דער יידישער ווירטשאַפט און איר באַ־
העפטונג מיט דער ערד, דעם מאַקסימום פון מעגלעכער קאָנצענטראַציע פון
די יידישע ווירטשאַפט־סעקטאָרן און זייער מאַקסימאַלע סאָלידקייט. ווי
שוואַך די דאָזיקע מעגלעכקייטן זאָלן ניט זיין אין גלות, זיינען זיי אפילו
אין דער קלענסטער מאָס נאָך ניט אויסגענוצט געוואָרן, ווייל נאָך שוואַ־
כער פון זיי איז אונדזער ווילן פון נאַציאָנאַלער באַהעפטונג. די אויסלייזונג
פון גלות און אונדזער פאַרשטאַרקונג אין גלות ליידן ביידע פון אונדזער
קראַנקן נאַציאָנאַלן ווילן *.

ווען דערפרייט זיך אַ קאַליקע, ווען ער דערזעט אַ צווייטן בעל־מום. און
איז ער ניטאָ, טראַכט מען אים אויס. אָט אַזוי איז ביי אונדז אויפגעקומען
די פאַלשע איינרעדעניש, אַז מיר זיינען ניט דאָס איינציקע פּראָלעטאַרישע
פאָלק אויף דער וועלט, אַז נאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישקייט איז גאָר, אדרבא,
אַ הויכע מדרגה, וואָס די אַנדערע פעלקער דאַרפן ערשט וואָרטן אויפן
ניצחון פון סאָציאַליזם, כדי זי צו דערגרייכן און מיט אונדז זיך אויסצו־
גלייכן. און די אייגענע, וואָס האָבן געשריען, אַז דער אידעאַל פון יידישער

---

* נאָכדעם, ווי דאָס בוך איז געווען אָנגעשריבן, האָב איך דורך אַ גליקלעכן צופאַל
געקראָגן דעם ספר פון יחזקאל קויפמאַן „גולה ונכר", אַרויסגעגעבן אין פיר טיילן
אין ארץ־ישראל. און ס'איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער נחת רוח צו זען, אַז דער
דאָ אַנטוויקלטער געדאַנק וועגן באַזיץ ווי אַ וויכטיקער עלעמענט פון נאַציאָנאַלן לעבן
אין קעגנזאַץ פון נאַציאָנאַלע רוחניות, אַ געדאַנק, וואָס איז אין זיין צייט אַרויסגע־
בראַכט געוואָרן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז ביי אים באַגרינדעט מיט גרויס ערו־
דיציע און מיט ברייטקייט און טיפקייט פון דער יידישער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.
איך וואָלט זיך אויך געקענט סומך זיין אויף זיין אויטאָריטעט בנוגע אַ סך אַנדערע
פראַגן, באַרירט אין דאָזיקן בוך (דער באַגריף נאַציע בכלל, יידישע אויטאָנאָמיע און

ווידערגעבורט איז אַ נאָכמאַכעניש פון פרעמדע, כדי צו זיין ככל הגויים, האָבן געוואָלט דערגרייכן די זעלביקע ניוועלירונג נאָר ניט נאָך אויבן, נאָר נאָך אונטן. ניט מיר דאַרפן זיך דערהויבן צום מצב פון די איבע־ריקע פעלקער, נאָר זיי מוזן זיך אַרונטערלאָזן צו אונדז און ווערן גלייכע קבצנים מיט אונדז אין די ראַמען פון דער סאָציאַליסטישער וועלט־מלוכה.

פונקט אַזוי ווי מען האָט באַשאַפן די אילוזיע, אַז בעת אַלע פעלקער וועלן זיין אין גלות, וועט במילא אונדזער גלות פאַרשווינדן — אַן אילוזיע, וואָס האָט געדאַרפט זעטיקן אונדזער לאַנד־הונגער, פונקט אַזוי פאַרשפּרייט זיך איצט אַ נייע איינרעדעניש, וואָס דאַרף לעשן דעם דורשט נאָך סואווע־רעניטעט, שטילן אונדזער באַגער צו ווערן אַליין בעלי־בתים איבער אונ־דזער לעבן און איבער אונדזער גורל. וואָרעם אונדזער מאַכטלאָזיקייט און אָפּהענגיקייט פון פרעמדן ווילן איז, צוזאַמען מיט דער פּראָלעטאַרישקייט, די צווייטע קללה פון גלות. איז אָבער דער פּחד צו דערזען מיט אָפענע אויגן די איין־איינציקייט פון אונדזער טראַגישן מצב אַזוי גרויס פאַר יענע, וואָס האָבן פאַרלאָרן די האָפענונג אויף גאולה, אַז מען קוויקט זיך מיט די דאָזיקע חלשות־טראָפּנס. איינע פון אונדזערע פאַרדרייטע טעאָריעס הייסט, אַז די גאַנצע וועלט עוואָלוציאָנירט כלומרשט אין דער זעלביקער ריכטונג, אין וועלכער מיר וואַנדלען שוין פון לאַנג, און אַז ניט נאָר זיינען מיר ניט קיין בעלי־מומים, נאָר אדרבא די שלימות אַליין. מיר זיינען די וועג־ווייזער פאַר פעלקער, די פאָראויסזאָגער פון אַ נייער תקופה, וואָס די אומות העולם טרעטן אין איר ערשט איצט אַריין מיט אַ פאַרשפּעטי־קונג פון כמעט 2000 יאָר.

זיינען זיך צונויפגעקומען עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין 1899 אין ברין און פּראָקלאַמירט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, האָבן זיך יידישע סאָציאַליסטן אָן דעם אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ אבן־טוב. אָט זעט מען דאָך באַ־

אַנדערע), הגם פון דער אַנדער זייט זיינען ביי קויפמאַן פאַראַן רעיונות און שטימונ־גען, וואָס זיינען פרעמד דער יידיש־סאָציאַליסטישער און פאָלקיסטישער געדאַנקען־וועלט און סביבה, ווי למשל, זיין פּראַקטיש־נעגאַטיווע באַציאונג צום גלות, בפרט צו יידיש לשון. אגב אורחא, דער פאַקט, אַז אַ ווערק פון אַזאַ פאַרנעם ווי דער „גולה ונכר", בלי ספק איינע פון די וויכטיקסטע שאַפונגען פונעם מאָדערנעם יידישן דענקען איז, ווי מיר דוכט, אַזוי ווייניק באַקאַנט דעם יידיש־לייענדיקן עולם, איז אַן איבערי־קער באַווייז, ווי שטאַרק מיר ליידן פון אונדזער קולטור־„פלוראַליזם", ריכטיקער פון דער צעברעקלונג פון אונדזער שאַפונג אין פאַרשיידענע רשויות, וואָס איינער ווייסט ניט פון דעם צווייטן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער יושר צו געבן אַן איבערזעצונג אויף יידיש פון דעם דאָזיקן מערקווערדיקן ספר.

שיימפּערלעך, אַז מיר זיינען ניט אַליין אויף דער וועלט. איי וואָס, דער ברינער פּאַרטיי־טאָג האָט אַוועקגעלייגט אין יסוד פון דער דאָזיקער אױ־טאָנאָמיע טעריטאָריאַלע איינהייטן, די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אָדער געגנטן, האָט מען זיך געמאַכט ניט וויסנדיק דערפון. זיינען געקומען שפּרינגער און באַוער און מחדש געווען די תורה פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָ־נאָמיע, איז מען ווידער געווען איבערגליקלעך און ווידער אַמאָל פאַרגעסן, אַז ביידע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַ חוץ די דאָזיקע אויטאָנאָמיע אין ריין קולטורעלע ענינים וועט איטלעכע פון די נאַציעס ווייטער אויפהאַלטן די טעריטאָריאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין די געגנטן, וואו זי איז די מערהייט.

מיטן אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה, ווען, ווי תמיד בעת אַ מלחמה, האָבן אָנגעהויבן וואַקסן ווי שוואָמען פּראָגראַמען און פּראָיעקטן פאַר דער נייער וועלט, וואָס כּידוע וועט זי זיין אַלץ בעסער, וואָס גרעסער די בלוט־באָד, האָבן יידן ווידער זיך אָנגעהויבן טומלען און זיך יאָגן נאָך נייע שאָטן־שותפים. און אַז מען זוכט, געפינט מען. איז עס ניט אָטאָ באַוער, הייסט דער נייער בשורה־אָנזאָגער העלעט קאַרר. לייענט מען אַריין אין זיין בוך די „תנאים פון שלום" דאָס, וואָס דאָרט שטייט גאָר־ניט. און „אונדזער צייט" (ניו־יאָרק, פעברואַר 1943) דערקלערט גאָר האָפערדיק, אַז קאַרר קומט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע „צו אונדזערע בונ־דישע אויספירונגען... ברייטערט זיי אָבער אויס אויף אַלע פעלקער אָן אונטערשייד, צי זיי באַזיצן אַ טעריטאָריע אָדער זיינען, אַזוי ווי די יידן, „היימלאָז" (די גענזנפיסלעך פון היימלאָז זיינען ממש פון די אַנטיקן. אַ פּאָר גענזנפיסלעך — און מען ווערט פּטור פון יידישן גלות). איך וועל דאָ ניט איבערחזרן, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן וועגן פּראָ־פעסאָר קאַררס געדאַנקען בנוגע דער צוקונפטיקער, אינטערנאַציאָנאַלער מלוכה־אָרדענונג. איך וויל דאָ נאָר פעסטשטעלן, אַז נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז אים אפילו אין חלום ניט געקומען. די אויטאָנאָמיע, וואָס ער זעט פאָראויס פאַר די איינצלנע פעלקער אין די גרענעצן פון צוקונפ־טיקע, פיל־נאַציאָנאַלע מלוכות, נעמט אַרום אַלע געביטן פון לעבן, בפרט דעם עקאָנאָמישן.

לאָמיר אָננעמען, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיך בילדן גרויסע מלוכה־פאַרבאַנדן, הגם די שאַנסן דערפאַר זיינען, ווי מיר האָבן שוין געזען, גאָר קנאַפּע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָרט, וואו עס זאָל אויפקומען אַ פעדעראַלע מלוכה, וועט במילא די ביז איצטיקע סאָווערעניטעט פון די קליינע מלוכות

באַגרענעצט ווערן. און אָט די דאָזיקע רעלאַטיווע באַשרענקונג פון דער מאַכט פאַרוואַנדלט דער יידישער „ווישפול טהינקינג" אין אַבסאָלוטער סואווערעניטעטלאָזיקייט, כדי עס זאָל אויסזען פונקט ווי ביי אונדז. אַן איבעריקער באַווייז דערפאַר, אַז דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג האָט ניט קיין שום שייכות מיטן סאָציאַליזם, אַז ער איז בפירוש אַ נאַציאָנאַלער, נאָר אויף דער איבערגעקערטער זייט, קענט איר געפינען אין אַ בראָשור וועגן דער יידישער פּאָזיציע אין דער נאָך־מלחמה־וועלט, אַרויסגעגעבן פון דעם פאָרש־אינסטיטוט פון דעם „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי", וועלכן מען קען אין סאָציאַליסטישע „אוטאָפּיעס" ניט חושד זיין. שטייט דאָרט אָט וואָס געשריבן: „אין אַ פעדעראַטיווער סיסטעם וואָלטן די נאַציאָנאַלע גרופּן־אונטערשיידן ניט געווען מער דער עיקר פּאָליטישע און נאַציאָנאַליסטישע, נאָר גיכער קולטורעלע, שפּראַכלעכע און רעליגיעזע. די פּראָבלעם פון יידישע גרופּן־רעכט וואָלט דעמאָלט געווען אַ קולטורעלער ענין. לויט דער מיינונג פון יענע, וואָס זיינען לטובת אַזאַ פעדעראַטיווער סיסטעם, וואָלט דער פּרינציפּ פון קולטורעלן פּלוראַליזם, וואָס וואָלט געווירקט אין אַזאַ סיסטעם, אויטאָמאַטיש געזאָרגט פאַרן יידישן קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן..." וואָס שייך באַגרענעצונגען קעגן יידן איז פאַרן מחבר כמעט קיין ספק ניטאָ, אַז זיי וועלן אויפהערן צו עקסיסטירן אין אַ פעדעראַטיווער וועלט־אָרדענונג, געבויט אויף גלייכקייט און דעמאָקראַטיע. הכלל, אַ ניי צויבערוואָרט — פעדעראַציע, און אין איין הרף עין פאַרשווינדן יידישע צרות. ס'קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז אַ פעדעראַטיווע, צווישן־נאַציאָנאַלע מלוכה איז פאַר יידן גינסטיקער ווי אַ צענטראַליסטישע איינהייטלעך־נאַציאָנאַלע. ס'איז אויך זיכער, אַז רעכט פון שפּראַך און פון נאַציאָנאַלע שולן איז פאַר יידן אַ גאָר חשובער ענין און מען דאַרף אָנווענדן אַלע מיטלען דאָס דאָזיקע רעכט צו דערלאַנגען. אָבער מיט אונדזער גרונט־פּראָבלעם, מיט דער יידישער סואווערעניטעטלאָזיקייט, האָט דאָס לחלוטין ניט צו טאָן. אָט די אַלע רעכט, ווי וויכטיק זיי זאָלן ניט זיין פאַר זיך, זיינען ניט מער ווי אַ טפל אַקעגן דער עיקר־פּראָבלעם, וואָס הייסט: ווי אַזוי זיך באַפרייען פון פרעמדער הערשאַפט און ווערן כאָטש אַזוי פיל אויטאָנאָם און אומאָפּהענגיק, ווי דאָס וועט זיין דאָס קלענסטע און דאָס שוואַכסטע פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין לאַנד, אפילו אויב עס וועט זיין ניט מער ווי אַ גליד אין אַ בונד פון פעלקער, און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די קאָמפּעטענץ פון דעם דאָזיקן בונד.

און פונקט אַזוי ווי מיר קענען ניט ווערן קיין שותפים צום סאָציאַליזם, ווייל מיר האָבן ניט קיין פאַרמעגן, פונקט אַזוי קענען מיר ניט ווערן קיין

שותפים פון וועלט־מלוכות, אייראָפּעאישע און אַנדערע פעדעראַציעס, ווייל מיר האָבן ניט קיין מאַכט. און אַקוראַט אַזוי ווי דער סאָציאַליזם קען פאַר אונדז קיין לאַנד ניט בויען, אַזוי קען אונדז די גרויסע מלוכה קיין מאַכט ניט פאַרשאַפן. ביידע האָבן מיר צוזאַמען פאַרלאָרן און ביידע מוזן מיר אַליין צוריק געווינען. אונדזער אומגליק איז אַן איין אײנציקער און ניט קיין צרת רבים, אַזוי אַז אונדז איז אפילו די דאָזיקע חצי נחמה ניט באַשערט, סיידן אַ פאַלשע.

קאַפּיטל דרייצן

יידישע אויטאָריטעט און יידישע אויטאָנאָמיע

דער באַגריף סוּאווערעניטעט פון אַ כלל איז תרתי משמע: אומאָפּ־הענגיקייט פון פרעמדער הערשאַפט און אויטאָריטעט איבער זיינע אייגענע בירגער אָדער מיטגלידער. די ערשטע קענען מיר אין גלות ניט דערלאַנ־גען. פאַרקערט אָבער, איז אַ געוויסע סוּאווערעניטעט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו איבער יידן־יחידים יאָ מעגלעך און איר מאָס הענגט אָפּ ניט נאָר פון די מלוכות, וואו מיר לעבן, נאָר אויך פון אונדז אַליין, פון דער קראַפט און איינגעשפאַרטקייט פון אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן ווילן.

הגם עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט די פאָרשטעלונג, אַז יידן האָבן בכלל פאַרלאָרן יעדע סוּאווערעניטעט נאָכן צווייטן חורבן, איז זי אָבער היסטאָריש ניט אינגאַנצן ריכטיק. ניט אומזיסט קען אַלפרעד ראָזנבערג („דער מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט") עד היום ניט מוחל זיין טיטוסן, וואָס ער איז געקומען צו שפּעט אויף צו פאַרניכטן די „סעמי־טישע וועלט" און איר איינפלוס. לאָזנדיק אָן אַ זייט זיין „פּערפומירטע" שפּראַך און זיינע בייזע כוונות, מוז מען אָבער זאָגן, ער איז אין תוך גערעכט, אַז עס איז שוין געווען צו שפּעט אויסצוואָרצלען יידן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געהאַט באַוויזן זיך צו פאַרשפּרייטן אין פאַרשיידענע לענדער, ווי בבל, מצרים און אפילו רוים גופא, און צונויפצוזאַמלען דאָרט אָרגאַניזירטע יידישע קיבוצים. אפילו אין ארץ־ישראל האָט טיטוס נאָר געקענט צעברעכן די יידישע מלוכה, צעשטערן דעם בית־המקדש, אָבער דאָס פאָלק, די שארית הפליטה, איז נאָך געבליבן זיצן אויף זיין ערד און ממשיך געווען אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן זיין נאַציאָנאַלן לעבן*.

* די פאַקטן און דאַטעס מכוח דער יידישער אויטאָנאָמיע אין גלות ווערן דאָ סיס־טעמאַטיזירט ניט כראָנאָלאָגיש, וואָרעם עס האַנדלט זיך ניט וועגן שרייבן אַ געשיכטע פון דער דאָזיקער אויטאָנאָמיע, נאָר אינהאַלטלעך, ד"ה לויט דער אַקטיווקייט פון די יידישע קהילות. איך בין זיך סומך דערביי הויפּטזעכלעך אויפן גרינטלעכן דריי־בענדיק ווערק פון ס. וו. באַראָן „דזשואיש קאָמיוניטי", אַרויס אין פילאַדעלפיע אין 1942.

הן דער נשיא אין ארץ־ישראל און הן דער ראש גלותא אין בבל זיינען געווען די קעפּ פון דעם יידישן פאָלק און זיי האָבן פּערסאָניפיצירט זיין סואווערעניטעט אין דער מאָס, ווי זי איז מעגלעך געווען אונטער אַ פרעמ־דער ממשלה. אין גריכישן מצרים האָבן יידן געהאַט אַ זייער ברייטע אויטאָנאָמיע, אַזוי אַז אלכסנדריא של מצרים האָט מען אַ נאָמען געגעבן „די שוועסטער פון ירושלים". דאָס געצנדינערישע רוים האָט אָנערקענט די יידישע יוריסדיקציע אין איר גאַנצן פאַרנעם, איבערלאָזנדיק פאַר זיך נאָר דאָס רעכט אויף דעם העכסטן עונש — טויט־שטראָף. די לאַגע האָט זיך, אמת, געענדערט נאָך דעם ווי קאָנסטאַנטין דער גרויסער האָט אָנגענומען קריסטנטום ווי די אָפיציעלע רעליגיע פון רוים, נאָר פונדעסטוועגן האָבן די יידישע קהילות דאָרט אויך ווייטער עקסיסטירט און דער יידישער משפט האָט ווייטער פונקציאָנירט, הגם אין אַ געמינערטער פאָרם.

הן אין בבל אונטער דער פערסישער ממשלה און הן אין רוים, פונקט אַזוי ווי שפּעטער אין דער גאַנצער מיטלעלטערלעכער אייראָפּע, האָט די יידישע אויטאָנאָמיע זיך אויסגעשפּרייט אויך איבער דער עקאָנאָמישער טעטיקייט פון יידן אין איר גאַנצן פאַרנעם. די קהילות האָבן קאָנטראָלירט די מקחים פון פּראָדוקטן און די מערק, די וואָג און מאָס, ווי אויך נאַציאָנאַלע ענינים, ווי למשל, שוץ פון לאָקאַטאָרן, שכירות און אַרבעטצייט און בכלל די באַציאונגען צווישן אַרבעטגעבער און אַרבעטנעמער. די צעכן פון יידישע בעלי־מלאכות האָבן זיך אויך געפונען כמעט אומעטום אונטער דער השגחה פון די קהילות. אפילו די אַבסאָלוטיסטישע קריסטלעך־רוימישע קיסרים האָבן אָנערקענט די קהילה־אויטאָנאָמיע אין סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים.

אונטער דער מוסולמענישער הערשאַפט, וואָס האָט אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן אַרומגענומען די מערהייט פון יידישן פאָלק, האָבן יידן געניאָסן פון אַ זייער ברייטער אויטאָנאָמיע, אַ סך אַ פולערע ווי אונטער דער קריסטלעכער ממשלה. דער שפּאַנישער יוריסט כאָזע לאָפּעז אָרטיז באַמערקט ריכטיק אין זיין בוך „דאָס מוסולמענישע רעכט", אַז עס איז, ווי דאָס יידישע רעכט, אויך געווען געבויט אויפן פּרינציפּ פון דער פּערזאָן און ניט פון דער טעריטאָריע. ממילא האָבן אינעם דאָזיקן רעכט זיך געקענט לייכט אַריינפּאַסן די אויטאָנאָמיע פון יידישע קהילות און דער זעלבסטשטענדיקער יידישער משפט. דאָס אייגענע זעען מיר אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער פונעם פעאָדאַלן מיטלעלטער. אויך דאָ האָט געהערשט דער פּרינציפּ, אַז „איטלעכער ווערט געמשפט לויטן רעכט, אין וועלכן ער איז געבוירן". דער דאָזיקער פּרינציפּ איז געווען אַ שטאַרקע

שטיצע פאַר דער כמעט אַבסאָלוטער הערשאַפט פון אַ יידישן דין אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע יידן, בפרט אין דיני ממונות. אַזוי, למשל, אַנער־קענט דער טשאַרטער פון פוילישן קעניג סיגיזמונד אויגוסטוס פון 1551 טויט־שטראָף און קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן פאַר אַ יידן, וואָס זאָל פּרוּוון זיך אַרויסדרייען און ניט דערפילן אַ פסק־דין פון יידישן בית־דין.

די קאָנצענטראַציע פון יידן אין די איירָאָפּעאישע געטאָס און זייער אָפּגעזונדערטקייט פון דער קריסטלעכער וועלט, וועלכע איז דורך אַגב קיינ־מאָל ניט געווען קיין אַבסאָלוטע, ווי מען מיינט עס על פּי טעות, האָבן מעגלעך און נויטווענדיק געמאַכט הן אַן אָפּגעשלאָסענע יידישע ווירט־שאַפט, הן די אָנווענדונג פונעם יידישן משפּט. דאָס האָט דערפירט דער־צו, אַז די יידישע קהילה־אויטאָנאָמיע האָט אַרומגענומען אַלע ענינים, וואָס דעקן זיך מיט מוניציפּאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אָבער אין דער ברייטער מאָס, וואָס די דאָזיקע זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט פאַרמאָגט אין יענער עפּאָכע. יידישע קהילות האָבן אויסגעהאַלטן אייגענע וועכטער און פּאָליציי און אפילו אייגענע תפיסות. דער חילוק צווישן די יידישע קהילות און געוויינלעכע מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען איז באַשטאַנען דערין, וואָס יידישע קהילות האָבן תמיד געקוקט אויף זיך ניט בלויז ווי אויף לאָקאַלע אינסטי־טוציעס, נאָר ווי אויף חלקים פון אַ צעשפּרייט און איינהייטלעך פאָלק. אין לעצטן ענד איז זייער פּאָליטיק געווען אונטערגעוואָרפן אונטער איין הויפּט־ציל: דער קיום פון דער אומה און איר וואויל־זיין, ווי מען האָט עס פאַרשטאַנען צו יענער צייט. במילא האָבן זיי געזאָרגט דער עיקר פאַר דעם טייל פון יידישקייט, וואָס לויט אונדזערע הייַנטיקע, ריכטיקע צי פאַלשע השגות, ווערט ער כאַראַקטעריזירט ווי אַ רעליגיעזער, דהיינו דאָס אויסהאַלטן פון בתי־מדרשים, דאָס אָפּהיטן כשרות וכדומה. אָבער אויך אין ריין עולמישע ענינים האָבן הן די קהילות און הן דער יידישער בית־דין תמיד געהאַט פאַר זייערע אויגן די העכערע אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. אַזוי, למשל, האָבן זיי באַגרענעצט אָדער אינגאַנצן פאַרבאָטן אַזוינע פּרנסות, וואָס זיינען אָדער געווען קעגן דער יידישער מאָראַל אָדער וואָס האָבן געקענט אַרויסרופן רשעות קעגן יידן אין דער אַרומיקער וועלט, ווי דהיינו דאָס אַרענדירן דאָס שטייער־אויפמאָנען ביי ניט־יידן. צוליב דעם גלייכן טעם האָבן זיי אָנגענומען אַזוינע שטרענגע מיטלען קעגן לוקסוס־לעבן, בפרט קעגן טראָגן טייערע געוואַנטן און שטאָפן, צירונג אאַז״וו. די שטרענגסטע שטראָפן האָט מען באַשטימט פאַר מוסרים, פאַר נאַציאָנאַלער בגידה, ווי מיר וואָלטן דאָס היינט זאָגן, אַקוראַט ווי זיי האָבן אָנגענומען די האַרבסטע מיטלען קעגן יעדן פּרוּוו צו דערלאַנגען פערזענלעכע פריי־

ווילעגיעס אין ענינים פון שטייערן, אָדער דערגרייכן קהלשע פּאָזיציעס דורך אינטערווענצן ביי דער קריסטלעכער מאַכט. דער ייד, דער „קרוב למלכות", וואָס מיר גרויסן זיך מיט אים אַזוי היינטיקע צייטן, איז דע־מאָלט געווען גאָר אַ קנאַפּער מיוחס. און געהייסן האָט ער דער „ברעכער און שטערער".

די בודזשעטן פון די קהילות זיינען אין פּרינציפּ געווען באַשטימט אויף צו דעקן לאָקאַלע הצטרכותן. אָבער עס איז אפילו קיין שאלה נים געווען, אַז אַ טייל דאַרף גיין אויף ישוב ארץ־ישראל (חלוקה). און אַז עס האָט געהאַלטן ביי פדיון שבויים, איז דאָס געווען בילכער פאַר אַלע אַרטיקע נויטבאַדערפעגישן. דער תירוץ — עניי עירך קודמים, מיט וועל־כע יידישע גבירים אין היינטיקע „געמיינדעס" קומען אַזוי אָפט אָפּ, האָט יענע צייטן ניט געגאָלטן. די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע טענדענץ פון די יידישע קהילות האָט זיך אויך באַוויזן דערין, וואָס זיי האָבן כמעט אומעטום גע־שטרעבט אַרויסצוציין פון די לאָקאַלע מחיצות און באַשאַפן פּאַראייניקונגען, וואָס זאָלן אַרומנעמען גרעסערע טעריטאָריאַלע איינהייטן, וואו נאָר די אויסערלעכע באַדינגונגען און די פרעמדע מאַכט האָבן דאָס צוגעלאָזט. אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער טענדענץ זיינען געווען דער וועד ארבע הארצות און דער ליטווישער וועד. הגם עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע פאַר־אייניקונגען האָבן גלייכצייטיק געניצט אויך, כדי בעסער און פולער צו באַפרידיקן לאָקאַלע הצטרכותן. אָבער אויך אין די לאָקאַלע, געוויינלעכע עולמשע ענינים זיינען די קאָמפּעטענץ און דאָס ווירקונג־פעלד פון די קהילות ווייט אַריבערגעשטיגן די נאָרמאַלע קאָמפּעטענץ פון אַ היינטצייטי־קער לאָקאַלער פאַרוואַלטונג. דורך די תקנות פון חזקת־ און חרם־הישוב האָבן די קהילות זיך געשאַפן אַ ווירקזאַמען אינסטרומענט אויף צו רעגו־לירן יידישע וואַנדערונגען און יידישע פרנסות. אַ ייד האָט ניט געקענט פאַרלאָזן אַ קהילה און ניט באַזעצן זיך אין אַ נייער אָן אַ ספּעציעלער הרשאה. מאָלט זיך אויס, אַז שוין דעמאָלט, ווען קיין עבר־לים־עמיגראַ־ציע האָט נאָך ניט עקסיסטירט, האָבן יידישע קהילות שוין געוואוסט אפילו פון דער סיסטעם פון די היינטיקע „אַפידייוויטס". מען פלעגט זיך לאָזן באַזעצן אין אַ שטאָט אויפן סמך פון אַ גאַראַנטיע פון אַן אָרטיקן תושב, אַז דער ניי־צוגעקומענער וועט ניט פאַלן קהל צו לאַסט. זיכער זיינען די דאָזיקע מאָסמיטלען אָנגענומען געוואָרן, כדי צו פאַרמיידן קאָנקורענץ פון פרעמדע, אָבער ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז אויך געווען, לויט זיינע פּועל־יוצאס, אַן אינסטרומענט אויף צו רעגולירן בכלל יידישע איבערוואַנדע־רונגען.

אַ רײ ײדישע קהילות, למשל אין איטאַליע, זײנען געגאַנגען אַזױ װײט, אַז זײ האָבן רעגולירט דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט פון סחורות דורך אײגענע תקנות, דורך אַרױספיר־ און אַרײנפיר־דערלױבענישן און דורך אַן אײגענעם צאָל־טאַריף אױף אַרײנגעפירטע סחורות און פּראָדוקטן. אַנדערע קהילות האָבן אײנגעפירט קהלשן מאָנאָפּאָל אױף באַשטימטע פּראָדוקטן. שױן אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אַ קהילה, די סאַלאָניקער, װאָס האָט שױן דעמאָלט זיך געלאָזט אױפן װעג פון סאָציאַליסטישער װירטשאַפט און געהאַלטן אַ קהלשע טעקסטיל־פאַבריק. די קהילות האָבן אױך געהאַט זײער שטײער־סיסטעם, דורכגעאַרבעט ביז די לעצטע פּרטים, כאָטש למען האמת דאַרף געזאָגט װערן, אַז זי איז ניט אַלע מאָל געװען יושרדיק. די דאָזיקע סיסטעם האָט אַרומגענומען הן דירעקטע שטײערן, הן אומדירעקטע אָפּצאָלן און פּאַדאַטקעס, װי פּאַטענטן אױף האַנדלס־געשעפטן, פאַרמעגן־ און הכנסה־שטײערן, אָפּצאָלן אױף געברױך־אַרטיקלען און ניט נאָר ריטואַלע, נאָר אױך געװײנלעכע (קעז, טאַבאַק, זאַלץ אאַז"װ), אַ ספּעציעלן שטײער אױף לוקסוס־זאַכן וכדומה. אױך אין דער שטײער־פּאָליטיק פון די קהילות זעט מען װי נאַציאָנאַלע מאָטיװן קריגן די איבערהאַנט איבער װירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע חשבונות. אַזױ, למשל, באַשטימען אָפּט די קהילות קלענערע שטײערן אױף לאַנד־נחלות, װי אױף שטאָטיש אײגנטום, כדי אַזױ אַרום צו פּאָװאָריזירן לאַנדװירטשאַפט צװישן ײדן.

אַז מען האָט פאַר זיך דאָס גאַנצע בילד פון דער ײדישער אױטאָנאָמיע אין גלות, װערט מען ממש נשתומם װי װיניק פאַרשטענדעניש די ײדישע עמאַנסיפּירטע אינטעליגענץ און אפילו ײדישע געשיכט־שרײבער, חוץ דובנאָװ און די, װאָס זײנען שפּעטער געגאַנגען אין זײנע טריט, האָבן געהאַט פאַר דעם דאָזיקן יסוד פון יסודות פון ײדישן גלות־לעבן, װאָס האָט זיך אױפגעהאַלטן אין משך פון אַ פּעריאָד, װעלכער נעמט אַרום גאָר אַ קלײניקײט — מער װי צװײ טױזנט יאָר.

פאַרן הײנט־װעלטיקן „פרײען", מײנט קהילה — רעליגיע און שמעקט מיט מיטלעלטער, פינצטערניש און כלערלײ שדים, װאָס שװיבלען דאָרט אַרום. ײדישע אױטאָנאָמיע האָט געהאַט דעם אײגענעם מזל װי ײדישקײט בכלל. בײדע האָט די אַסימילאַציע־תורה געמאָסטן מיט אַ פרעמדער מאָס און פאַרגליכן מיט פרעמדע משלים און מהאי טעמא טאַקע קײנמאָל ניט געקענט באַגרײפן דעם אינערלעכן מהות אפילו פון אײנעם פון זײ.

מיר האָבן שױן געזען, װי די ײדישע אױטאָנאָמיע־פאַרװאַלטונג האָט געהאַט אַ שלל פון רײן־„װעלטלעכע" פונקציעס. דאָס אײגענע אױך די

יידישע יוריסדיקציע. מיט רעכט ווייזט אָן דער באַוואוסטער יידישער יוריסט ש. ראָזנבוים, אַז די באַציאונג צום יידישן רעכט, ווי צו אַ ריין רעליגיעזן, געהערט צו די פּילצאָליקע אָנגענומענע טעותן, וואָס האָבן זיך טיף איינגעוואָרצלט צווישן די מאָדערנע יידן. מען מישט דאָ צונויף, ווי אַ סך אַנדערע געביטן די רעליגיעזע פאָרם פון דער גאַנצער יידישער לעבנס־פירונג און פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס מיט זייער אינהאַלטלעכן באַ־טייט און פונקציע. אין גלות איז דער יידישער דין קיינמאָל ניט געוואָרן קיין פאַרגליווערטע רעליגיעזע דאָגמע. און הגם ער האָט זיך תמיד גע־שטיצט אויף דער אויטאָריטעט פון תורה און תלמוד, און אַזוי אַרום גע־הייליקט אין די אויגן פון פאָלק איטלעכע נייע רעכט־נאָרמע, איז ער אָבער תמיד געבליבן פליסיק און עוואָלוציאָנירט צוזאַמען מיטן רעכט־באַוואוסטזיין פון פאָלק, צוזאַמען מיט די ענדערונגען פון זיין לעבנס־שטייגער, פון זיינע זיטן און מינהגים, און זיך צוגעפּאַסט צו די באַדער־פענישן פון צייט און אָרט. „אַ מינהג ברעכט אַ דין" — איז געוואָרן אַ כלל גדול פון יידישן משפּט. יידישע ריכטער (דיינים) זיינען כלל ניט אַלעמאָל געווען רבנים ווי עס קומט אויס לויט דעם שטאַרק פאַרשפּרייטן טעות, נאָר זייער אָפט עולמישע מענטשן, געקליבן פון קהל; זיי זיינען אפילו ניט אַלע מאָל געווען באַהאַוונט אין די שוואַרצע פּינטעלעך, און געפּסקנט האָבן זיי ניט לויטן שטרענגן רעכט, נאָר לויט זייער פאַרשטאַנד און לויט די פאָלקס־מינהגים. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין שפּאַניע, למשל, האָבן רבנים אין אייניקע פאַלן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל דיינים, וואָס זיינען ניט גענוג געלערנט, ניט גענוג בקי אין תלמוד.

מען וועט מיך שלעכט פאַרשטיין, אויב מען וועט מיינען, אַז איך האָב די כוונה צו אידעאַליזירן די היסטאָרישע יידישע קהילה. דער עיקר גע־דאַנק, וואָס איך האָב געוואָלט דאָ אַרויסברענגען און אילוסטרירן מיט פאַקטן, איז, אַז דורך דער קהילה און אירע אָרגאַנען, אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע און גלייכצייטיק געזעצגעבערישע, האָט דאָס יידישע פאָלק באַוויזן אויפצוהאַלטן אין גלות, און אין אַ גאָר גרויסער מאָס, זיין שליטה איבערן יידישן יחיד. דער תוך אָבער פון דער קהילה־טעטיקייט און איר פאַרוואַלטונג־פאָרם, פאַר זיך אַליין גענומען, האָבן געליטן פון טיפע פע־לערן, וואָס זיינען צום טייל שולדיק אינעם שפּעטערדיקן אונטערגאַנג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. די קהילות האָבן געליטן קודם כל פון דער רשעות פון מלכות, פון גזירות און רדיפות אויף יידן און אויף זייער פאַר־טרעטערשאַפט. וואָרעם מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז פאַר די הערשער און

רעגירונגען איז די קהילה געווען קודם כל אַ פּומפּע אויף אויסצוזויגן די יידישע באַפעלקערונג, אַן אַגענטור פאַר אויפצומאָנען שטייערן. מען האָט אָפט די קהילה גערופן מיטן נאָמען אַ „מלוכה אָן אַ לאַנד". דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זי האָט באַזייטיקט דעם גלות. זי האָט אים נאָר אָרגאַניזירט און אין דעם איז באַשטאַנען איר גרויסער פאַרדינסט. זי איז אָבער תמיד געהאַנגען אויף משקולת און דער מינדסטער בייזער ווינט האָט זי געקענט אָוועקבלאָזן. איז טאַקע די ענערגיע פון קהל צום גרויסן טייל פאַרשווענדט געוואָרן ניט פאַר קאָנסטרוקטיווע מעשים, נאָר אויף אָפּצווענדן די קאַפּריזן און גזירות פון דער פיינטלעכער מאַכט. די געשיכטע פון דער יידישער קהילה איז ניט נאָר די געשיכטע פון טאָן און אויפטאָן, נאָר גלייכצייטיק אַ טרויעריקע סיפור־המעשה פון אַ האַרטנעקיקן, טאָגטעגלעכן קאַמף פאַר איר עקסיסטענץ. און דאָס, וואָס יידן האָבן מיט שווייס פון זייער פּנים, און ווי אָפט טאַקע מיט זייער בלוט, געשאַפן און געבויט אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן (אויף דער טעריטאָריע פון בבל — אַ קימא לן פון עלף הונדערט יאָר), איז אָפט אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, ווי נאָר עס איז אויפגעשטאַנען אַ „מלך חדש" (למשל, דאָס אַריינדרינגען פון די מאָנגאָלן אין באַגדאַד) אָדער ווען דער אַלטער מלך האָט זיך מישב געווען, אַז ער האָט שוין גענוג געהאַלטן יידן אין זיין מדינה (גירוש ספרד). אָט אַזוי זיינען צענטערס פון יידישער אַרבעט, פון יידישן שאַפן, פון יידישער וואוילטעטיקייט, פון יידישע אינסטיטוציעס און יידיש פאַרמעגן חרוב געוואָרן איבער נאַכט. און אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט, האָבן יידן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, זיך גענומען בויען נייע ישובים, כדי שפּעטער פון דאָרט ווידער פאַרטריבן צו ווערן און זוכן נייע ערי מקלט, אָדער — דאָס האָט אויך פּאַסירט — זיך צוריקקערן צו די אַלטע קברים. מיר שטייען דאָ פאַר איינער פון די גרויסע מיסטעריעס פון דער יידישער עקסיסטענץ, און איר ווייסט ניט, וואָס עס כאַפּט אייך מער אַרום מיט אַ ציטער: צי די וויסטעניש פון די חורבות, צי דער נס פון די נייע שפּראָצונגען צווישן די רואינעס.

אויך דער אינעווייניקסטער מצב פון דער יידישער קהילה איז ניט געווען קיין אידיליע. מיטן גאַנג פון דער צייט, דער עיקר זינט דעם אָנהויב פון די מאָדערנע צייטן, האָבן צוויי כוחות אָנגעהויבן אַלץ מער אויסצוזויגן איר פאָלקס־מאַרך און אונטערצוגראָבן איר דעמאָקראַטישן און סאָציאַלן יסוד. דאָס זיינען געווען די פּראָפעסיאָנעלע כלי־קודש (היינט רופט מען זיי ביוראָקראַטן), פון איין זייט, און די יידישע גבירהאָקראַטיע, פון דער אַנדער זייט. דאָרט און דעמאָלט, ווי עס באַמערקט ריכטיק סאָל

באַראָן, ווען זיי ביידע האָבן געמאַכט יד־אחת, איז די לופט געוואָרן שווער ניט צו אָטעמען פאַרן המון עם. אין זיבעצנטן יאָרהונדערט בליט זיך פאַנאַנדער אין אַ סך מקומות די ממשלה פון דער קהילה־אָליגאַרכיע. יידן ווערן פאַר די קהילה־וואַלן געטיילט אין דריי קוריעס לויטן פאַרמעגן, און אָרעמעלייט האָבן בכלל קיין וואַלרעכט ניט געהאַט, ניט קיין אַקטיוון און מכל שכן ניט קיין פאַסיוון. די שטייערן ווערן אויפגעשטעלט און אויפגעמאָנט, ווי עס פאַסט לויט די אינטערעסן פון די גבירים, און דער קבצן בויגט זיך אַלץ מער אונטער זייער שווערער לאַסט. אמת, עס איז געשען אין פולן הסכם מיטן „גייסט פון דער צייט" פונעם קריסטלעכן אָרום, אָבער די דאָזיקע צרות רבים זיינען געווען גאָר אַ קנאַפּע טרייסט פאַר דער דעמאָלטדיקער יידישער אָרעמקייט, וואָס איז געשטאַנען גייסטיק העכער פונעם אָרומיקן פּראָסטן פאָלק און האָט געשפּירט און פאַרשטאַנען ניט בלויז די עוולות פון דער דאָזיקער סיסטעם, נאָר אויך איר ניט־יידישקייט. און צום שבח פון די רבנים דאַרף געזאָגט ווערן, אַז גראָד זיי האָבן ריין און הויך געהאַלטן די יידישקייט־פאָן און זיינען איר געבליבן געטריי, להבדיל צו די גלחים, וואָס האָבן כמעט אומעטום געמאַכט יד־אחת מיט די הערשנדיקע קלאַסן. די רבנים זיינען געווען יענע, וואָס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דער הערשאַפט פון די קהילה־אָליגאַרכיעס און אָפט אויך געהאַט אַ פעולה: אָדער זי פאַרטריבן אינגאַנצן, אָדער אָפּגעשוואַכט איר ממשלה.

דער צווייקעפּיקער, גביריש־ביוראָקראַטישער וואָרעם האָט זיך איינגעפרעסן אין די סאַמע וואָרצלען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אירע פונדאַמענטן זיינען אַזוי אָרום צעטרייסלט געוואָרן פון אינעווייניק. די אויטאָריטעט פון אירע פירער און אינסטיטוציעס איז געפאַלן אין די אויגן פון פאָלק, און ביים ערשטן שטאַרקן שטויס פון אויסן איז דער גאַנצער בנין זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. סאָציאַל און מאָראַליש דיסקרעדיטירט ביים פאָלק, האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן, אַז עס זאָל אַרויסרופן גרויס התלהבות צו שטיצן די יידישע קהילה אַנטקעגן דער מאַכט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן זי עוקר מן השורש צו זיין. אויך אין מערב־אייראָפּע איז די שולד פון דעם יידישן גביר אין דער ירידה פון דער יידישער אויטאָנאָמיע געווען גאָר אַ היפּשע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָ האָבן די יידישע באַלעבאַטישע שיכטן געבילדעט ערב דער עמאַנסיפּאַציע־תקופה דעם רוב פון די לערך קליינע יידישע ישובים. בכן האָבן דאָ די קהילות ניט געקענט ווערן, ווי אין מזרח, קיין אינסטרומענט אויף צו אונטערדריקן דעם יידישן המון. אָבער אויך דאָ איז די קהילה ביסלעכווייז אונטערגעגאַנגען צוליב דעם פאַרמעגלעכן קלאַס.

וואָרעם אויך דאָ איז ער געווען איר שונא, אמת ניט קיין סאָציאַלער, ווי אין מזרח, נאָר נאַציאָנאַלער, ריכטיקער — אַנטי־נאַציאָנאַלער. דער הויף־ייד, וועלכער איז אין 17טן יאָרהונדערט נאָך „געזעסן צווישן פאָלק", האָט אָבער ביסלעכווייז צוגעגרייט דעם באָדן און געמאַכט אַ וואָרע פאַרן יידישן גביר און תקיף פון דער עמאַנסיפּאַציע־עפּאָכע — אָט דער זעלבער תקיף האָט „מיט איבערצייגונג" און ברען שפּעטער צעבראָכן דעם פונדאַמענט גופא פון יידישער אויטאָריטעט, וואָס דורות יידן האָבן געבויט און מיט אַלע זייערע כוחות זיך געראַנגלט פאַר איר קיום. אָנגעקומען איז די צייט, ווען געלט האָט פאַרביטן יחוס און דער גביר — דעם למדן (באַראָן). אָבער אָט דער דאָזיקער נייער גביר, די יצחק בערס, די גודשאס און די מענדלסאָנס (זין און אייניקלעך), האָט עקאָנאָמיש זיך אײַנגעאָנצן געהאָט באַפרייט פון דער יידישער סביבה. זיינע געשעפטן זיינען איינגעשטאַנען אין דער פרעמד, אין הויף און ביי דער קריסטלעכער אַריסטאָקראַטיע, פאַר זיך האָט ער מער דעם קהל ניט געדאַרפט. פאַרקערט אָבער, האָט דער קהל אים יאָ באַדאַרפט האָבן — פאַר אַ שתדלן, פאַר אַ גוטן בעטער. און געקומען איז דער משכיל און אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און אין נאָמען פון דער נייער „ליכט" זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ מלחמת מצווה קעגן דעם „פינצטערן" געטאָ.

און אָט אַזוי איז אין סעפּטעמבער 1791 פאַרגעקומען דער צווייטער „מתן־תורה". די פראַנצויזישע קאָנסטיטואַנטע האָט אונטערגעטראָגן די פראַנצויזישע יידן בירגער־רעכט, בתנאי זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע „באַזונדערע פּריווילעגיעס", וואָס קהל האָט ביז איצט געהאַט. און שפּע־טער האָבן די נאַפּאָלעאָנישע חיילות אויף די שפּיצן פון זייערע באַגנעטן געבראַכט די דאָזיקע מתנה יפה די יידן פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענ־דער. און יידישע גבירים און אויפגעקלערטע, וואָס האָבן זוכה געווען צו שטיין פאַר די שרים פון דער וועלט און האָבן אָן אַ שום כוח הרשאה גערעדט אין נאָמען פון יידן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער מתנה און אפילו דעם דאָזיקן תנאי גופא אָנגענומען ווי אַ גרויסן חסד. ווער האָט געהערט דעם שוואַכן רוף, וואָס איז אָבער געווען די אויטענטישע שטים פון יידישער געשיכטע, די וואָרענונג פון דער אשכנזישער קהילה אין אַמסטערדאַם, דעמאָלט אַ עיר ואם בישראל, אַז די עמאַנסיפּאַציע וועט ברענגען צום חורבן פון יידישקייט, צום חורבן פון אונדזער אומה? ווי דר. קלאַצקין האָט דאָס אויף זיין געוויינלעך־ברילִיאַנטענעם שטייגער פאַר־מולירט, איז זי, די דאָזיקע קהילה, געווען די איינציקע אין מערב, וואָס האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז בעסער יידישקייט אָן גלייכבאַרעכטי־

קונג אידער גלייכבאַרעכטיקונג אָן יידישקייט. פראַנצויזן האָבן געשטירצט די באַסטיליע, דעם סימבאָל פון אונטעריאָכונג און פאַרשקלאַפונג, און יידן האָבן געשטורעמט אונדזער בידנע מאַכטלאָזע אויטאָנאָמיע, אונדזער איינ־ציקע פעסטונג, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן, און וואו מיר האָבן זיך געקענט אויסבאַהאַלטן און זיך באַשיצן קעגן געוויטער און שטורעם־ווינטן. געשטורעמט — אין נאָמען פון פרייהייט און רעכט פאַרן יידישן יחיד, רעכט אויף פּחדנות, רעכט אויף בגידה, רעכט אויף שמד.

אַ נייע דאַטע אין דער יידישער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן. פאַר געוויסע יידן, פאַר יענע, וואָס האָבן נאָר געהאַט איין געדאַנק און איין וואונטש — אַנטלויפן פון יידן, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון יידיש־קייט, איז דאָס געווען אַ יום־טוב־דאַטע. פאַר דער גרויסער מחנה אָבער, פאַר דער, וואָס איז געבליבן אין דער היים און ניט געוואָלט און ניט געהאַט וואו צו אַנטלויפן, וועט דאָס מיט דער צייט פאַרצייכנט ווערן ווי אַ דאַטע פון טרויער, פון אַ „דריטן חורבן", ווי קלאַצקין האָט עס מיט ביטערניש און ווייטיק אָנגערופן. וואָרעם דער פולער יידישער גלות הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן. אָט דעם טאָג, ווען עס זיינען חרוב געוואָרן די לעצטע רעשטלעך פון יידישער סואווערעניטעט, וואָס יידן האָבן מיט פיין דורכגעטראָגן דורך לענדער און דורות.

פאַראַן יידישע געשיכט־שרייבער און פובליציסטן, וואָס האַלטן, אַז דער אונטערגאַנג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע איז ניט געווען די שולד פון אַסימילאַציע־פאַרלאַנגען, נאָר פון די טיפע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי די אַרומיקע פעלקער אין זייערווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער סטרוקטור און אין זייער געדאַנקען־וועלט. אַרויפוואַרפן אַלץ אויף די אָביעקטיווע, אויסערלעכע סיבות איז איבעריקנס אין פולן הסכם מיט דער גאַנצער אידעאָלאָגיע פון דער אַסימילאַציע. עקסיסטירן דאָך פאַר איר יידן און יידישקייט ניט מער ווי אַ פונקציע פון אַנטיסעמיטיזם. פאַרשווינדט דער אַנטיסעמיטיזם איז אויס מיט דער „יידישער פראַגע", ווי זיי רופן דאָס. מיט די דאָזיקע אָביעקטיווע דערקלערונגען קען מען אָבער, כאָטש זיי זעען גאָר „וויסנשאַפטלעך" אויס, ווייט ניט קומען צוליב איין פראָסט פשוטן טעם. וואָלט דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע באַשטימט געוואָרן נאָר דורך אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָלט שוין לאַנג קיין יידיש פאָלק אויף דער וועלט ניט געווען, וואָרעם די דאָזיקע פאַקטאָרן האָבן תמיד געווירקט נאָר אין איין ריכטונג: יידן זאָלן פאַרשווינדן און קיין זכר ניט איבערלאָזן. די דערקלערונג הן פון דעם קיום גופא פונעם יידישן פאָלק און הן פון די וועגן פון זיין עוואָלוציע ליגן אין דער לעצ־

טער שורה אין אים גופא, אין זיין ווילן צו לעבן און אויפצוהאַלטן זיין באַזונדערע פּערזענלעכקייט צווישן די אומות העולם, און אויב נויטיק — קעגן זיי און זיי אויף צו להכעיס. אַט אַזאַ קוק אויפן יידישן לעבן און זיין אַנטוויקלונג הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט לייקענען די באַדייטונג פון אויסערלעכע כוחות. דאָס מיינט נאָר זיי אָוועקשטעלן אויפן ריכטיקן אָרט, וואו זיי געהערן, זיי אָפּשאַצן לויט זייער אמתן ווערט ווי באַגלייט־דערשיינונגען, וואָס קענען אָדער העלפן אָדער שטערן אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס קענען אים אָבער ניט באַשאַפן און ניט אים צעשטערן. דער דאָזיקער כלל איז אויך גילטיק בנוגע דער יידישער אויטאָנאָמיע אין גלות, איר אויפקום, איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און איר ירידה.

מען זאָגט, אַז די נייע צייט, די עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם, צעשטערנדיק די פעאָדאַלע אָרגאַניזאַציע פון ווירטשאַפטלעכע גרופּעס, די קאָרפּאָראַציעס מיט זייער באַזונדערן פּאָליטישן סטאַטוס און די רעכט־סיסטעם, וואָס איז אויף דעם געווען געבויט, האָט געמוזט אויך פאַרניכטן די יידישע קהילה. די מאָדערנע מלוכה, זאָגט מען, לאָזט ניט צו קיין צווישנרינגען צווישן זיך און דעם בירגער. במילא האָבן געמוזט פאַלן אַלע מחיצות, וואָס זיינען געשטאַנען צווישן זיי ביידן. די גלייכקייט פון בירגער פאַרן געזעץ און געריכט פאַרט זיך ניט מיט דער עקסיסטענץ פון ספּעציעלע גרופּן־רעכט. במילא האָט געמוזט פאַרשווינדן דער יידישער בית־דין.

אין דער דאָזיקער מיינונג איז פאַראַן אַ טייל אמת, אָבער טאַקע נאָר אַ טייל, און דווקא ניט קיין גרויסער. ראשית איז ניט ריכטיק, אַז די נייע צייט דערלאָזט ניט די עקסיסטענץ פון עקאָנאָמישע גרופּן־אָרגאַניזאַציעס. אויב לכתחילה האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע טאַקע געהאַט אַ טענדענץ זיי אינגאַנצן צו צעשטערן, איז אָבער די דאָזיקע טענדענץ אפילו אין פראַנקרייך גופא, פון די איבעריקע לענדער פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט שוין אָפּגערעדט, קיינמאָל, חוץ אפשר אין גאַנץ קורצע מאָמענטן, אין פּולער מאָס ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַזוי, למשל, איז געבליבן עקסיסטירן דער אַדוואָקאַטן־שטאַנד און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע קאָרפּאָראַציעס. אָבער אויך דער פּרינציפּ פון פּערסאָנעלע רעכט ניט לויט דער טעריטאָריע, וואו דער מענטש וואוינט, נאָר לויט אַנדערע סימנים, דהיינו לויט דער פּראָפעסיע און סאָציאַלן מצב, האָט אויך ווייטער געווירקט אין דער מאָדערנער צייט. גענוג צו דערמאָנען, למשל, דאָס האַנדלס־רעכט און די קאָמערץ־טריבונאַלן, געקליבן פון די סוחרים, די אַרבעטער־שוץ־געזעצן און די אַרבעטער־געריכטן.

אָבער נאָך מער ווי אין דיני ממונות איז דווקא אין דער מאָדערנער צייט שטאַרק געוואָרן די טענדענץ צו אינדיווידואַליזאַציע אין דיני נפשות. עס איז איצט אַן אָנגענומענער כלל, אַז דאָס רעכט דאַרף זיך געפינען אין אַ ענגערן הסכם מיטן רעכט־באַוואוסטזיין. מחמת דעם האַלט טאַקע די מאָדערנע קרימינאַלאָגיע, אַז אַ פאַרברעכן קען ניט דינען ווי די איינציקע און אַלעמאַל גלייכע מאָס פאַר שטראָף. דער עונש דאַרף אינדיווידואַליזירט ווערן און זיך רעכענען ניט נאָר מיט דער באַגאַנגענער עבירה, אַלס אָביעקטיוון פאַקט, וואָס בלייבט תמיד דער גלייכער, נאָר אויך מיט דער פּערזאָן, וואָס איז באַגאַנגען די עבירה, און מיט זיינע אינדיווידועלע באַזונדערקייטן. און היות ווי ס'איז ניטאָ קיין איין סאָציאַלער פאַקטאָר, וואָס זאָל אַרויפליייגן אַזאַ טיפן שטעמפּל אויפן יחיד, ווי זיין פאָלקס־צוגעהעריקייט, איז במילא דערפון געדרונגען, אַז דאָס קרימינאַל־רעכט אין אַ לאַנד מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס מוז מאָדיפיצירט און צוגעפּאַסט ווערן צו זייערע באַזונדערקייטן. און אַ פשיטא שוין איז דאָס ריכטיק בנוגע יידן, וואָס האָבן אַ מער אויסגעשפּראָכענע, אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט ווי אַ סך אַנדערע פעלקער. דעם טאָג, ווען יידן וואָלטן פאַרלאָרן זייער אייגענע מאָראַל און זייער באַזונדער רעכט־באַוואוסטזיין, וואָלטן זיי אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זיי זיינען — אַן עם לבדד צווישן די פעלקער.

ווי פאַלש עס איז די פאַרשטעלונג, וואָס איז אָנגענומען אין געוויסע יידישע קרייזן, אַז יידישע יוריסדיקציע איז אַקעגן דעם גייסט פונעם מאָדערנעם רעכט, קען מען זען גראָד אין דעם לאַנד, וואָס האָט דעם אידעאַל פון רעכטלעכער אַסימילאַציע ווי פון אַסימילאַציע בכלל גרינטלעכער דורכגעפירט, ווי אַ וועלכער ניט איז אַנדער לאַנד — די פאַראייניקטע שטאַטן. געוויס איז דאָרט די אַלגעמיינע פעלקער־אַסימילאַציע גענוג שטאַרק און, ווי מיר וועלן נאָך שפּעטער זען, געהערט איר אינעם דאָזיקן לאַנד די צוקונפט. אָבער דער געדאַנק גופא, אַז כל זמן עס עקסיסטירן באַזונדערע נאַציאָנאַלע מיעוטים, דאַרף דאָס פאָרמעלע רעכט זיך צופּאַסן צו זייער מענטאַליטעט, געפינט אויך דאָרט אויטאָריטאַטיווע און קאָמפּעטענטע אָנהענגער, וואָס זעען דערין קיין שום סתירה ניט צום יסוד גופא פונעם מאָדערנעם רעכט. דאָנאַלד יאָנג, למשל, גיט איבער די מיינונג פון די רעגירונג־קאָמיסאָרן פאַר אינדיאַנער־ענינים, אַז די אינדיאַנער געריכטן זיינען בעסער צוגעפּאַסט צו משפּטן אינדיאַנער, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן לייכטערע עבירות, ווי די אַמעריקאַנער געריכטן. און יאָנג שטעלט מיט רעכט אַוועק די פראַגע, צי וואָלט ניט ריכטיק געווען אָנצואווענדן ספּעציעלע נאָרמעס בנוגע די אָנגעהעריקע פון אַלע אַנדערע אַמערי־

קאַנער מיעוטים־גרופּעס. עס איז ניט וויכטיק דער אויספיר, צו וועלכן מען וועט אין דעם פּרט אין אַמעריקע קומען. די גאַנצע פראַגע טראָגט דאָרט ניט מער ווי אַ צייטווייליקן כאַראַקטער, ביז דער פּראָצעס פון פולער אַסימילאַציע וועט ניט זיין פאַרענדיקט. וויכטיק איז מיר דאָ געווען נאָר פעסטצושטעלן, אַז דער פּרינציפּ גופא פון באַזונדערע רעכט פאַר עטנישע גרופּעס קען אָנגעווענדט ווערן אין אַ לאַנד, וואָס האָט פון פעאָדאַליזם און פעאָדאַלן רעכט קיינמאָל ניט געוואוסט — אין אַ לאַנד, וואָס האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון קאַפּיטאַליזם.

אָנגעהויבן פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט אַלץ בולטער געוואָרן די טענדענץ, אַז גרופּן־אָרגאַניזאַציעס, לויט קלאַסן און פּראָפעסיעס, זאָלן אַלץ מער זיך שטעלן צווישן דער מלוכה און דעם יחיד און באַקומען לכתחילה אַ שטילע און שפּעטער אויך אַן אָפענע, עפנטלעך־רעכטלעכע אָנערקענונג. וועגן דעם ווי אַזוי די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין אונדזער איצטיקן יאָרהונדערט מיטן וואוקס פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, פון פאַשיזם און קאָנטראָלירטער ווירטשאַפט אין אַנדערע האָבן מיר שוין גערעדט אויבן. און פונדעסטוועגן זעט מען עפּעס ניט, אַז הייַנטיקע יידן זאָלן וועלן אויסנוצן די דאָזיקע נייע טענדענצן, כדי ווידער אויפצולעבן זייערע אַלטע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, סיידן מען צווינגט זיי דערצו. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז אויך אין דעם פריערדיקן יאָרהונדערט זיינען געווען ניט ווייניק סיטואַציעס, ווען אויסערלעכע פאַקטאָרן וואָלטן צוגעלאָזט די עקסיסטענץ פון יידישער אויטאָנאָמיע אין געוויסע גרענעצן, ווען יידן אַליין וואָלטן געהאַט חשק דערצו און וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם גלייכבאַרעכטיקונג־מיראַזש. אַזוי למשל, האָט אין די פערציקער יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט דער פּרייסישער קעניג פרידריך ווילהעלם דער פערטער געוואָלט אָפּפרישן די יידישע אויטאָנאָמע קהילות, איבערלאָזנדיק די יידן זייערע ציווילע רעכט, זיי באַפרייען פון מיליטער־דינסט, אָבער ניט געבן זיי קיין פּאָליטישע רעכט, ווי למשל, דאָס רעכט צו פאַרנעמען מלוכה־שטעלעס וכדומה. און נאָר מיט גרויס מאַטערניש איז די דעמאָלטיקע יידישע פירער געלונגען אָפּצושרייען די דאָזיקע „גזירה”.

צונויפבינדן יידישע אויטאָנאָמיע מיט דער פעאָדאַלער אָרדענונג און מאַכן פון זיי אַ סיאַם־צווילינג איז אויך היסטאָריש ניט ריכטיק. מיר האָבן שוין געזען, ווי זי האָט געבליט אין אַלטערטום אונטער פאַרשיידענע ווירטשאַפט־ און רעכט־סיסטעמען, ווי למשל, אין בבל, אין גריכישן

מצרים און אין פּאַגאַניסטישן רוים. עס איז טאַקע אמת, אַז אַט די אַלע סיסטעמען זיינען מער ווי דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט־סדר געווען גינסטיק פאַר גרופּן־פּאַרוואַלטונג און גרופּן־רעכט אין די גרענעצן פון דער מדינה. אָבער גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אַן אינסטיטוציע דאַרף מען ניט צונויפמישן מיט דעם עצם פון איר עקסיסטענץ.

און נאָך עפּעס. ניט אין אַלטערטום און ניט אין מיטלעלטער זיינען יידן ניט געווען קיין שטאַנד, קיין קאָרפּאָראַציע גלייך צו אַלע אַנדערע. הן אין זייער אייגענעם באַוואוסטזיין, הן אין דער פאָרשטעלונג פון די אַרומיקע פעלקער, זיינען יידן תמיד געווען אַ באַזונדערע אומה און ס׳איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז די אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן און די באַזונדערע רעכט פאַר יידן זיינען געגעבן געוואָרן ווי צו אַ פאָלק, ווי צו אַן אייגנאַרטיקן, רעליגיעז־עטנישן קאָלעקטיוו. הערמאַן פאָגעל־שטיין האָט אין זיין מאָנאָגראַפּיע וועגן יידן אין רוים שוין אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז צעזאַר האָט דער יידישער סינאַגאָגע געלאָזן פולע פריי־הייטן און גלייכצייטיק באַפרייט יידן פון מיליטער־דינסט און פון רוימישער יורידיקציע, בעת קיין שום אַנדערע רעליגיעזע פאַראייניקונגען האָבן דעמאָלט ניט געקענט פריי ווירקן. די יידישע אויטאָנאָמיע איז אין רוים, ווי איבעריקנס אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן, געווען אַ קאַטע־גאָריע פאַר זיך, אַן אויסנאַם־פּאָזיציע, אין הסכם מיט דער באַזונדערער לאַגע פון דעם יידישן קאָלעקטיוו.

מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז יידן האָבן שטענדיק געהאַט די ברירה זיך ניט אונטערצוואַרפן ניט דעם יידישן קהל און ניט דעם יידישן דין. איך רעד שוין ניט פון דער לעצטער ברירה, וואָס גראָד ביים היינטיקן טאָג, ווען פאַר געוויסע יידן וואָלט זי מער קיין אָפּהאַלט ניט געווען, איז זי מיטן אויפקום פון דעם נאַציזם פאַרשוואונדן — די ברירה, וואָס הייסט שמד און וואָס אין פריערדיקע צייטן האָט זי יאָ געגאָלטן. נאָר אפילו ניט אַוועקגייענדיק פון דער יידישער עדה האָבן יידן געקענט — און מיר האָבן געזען, אַז עס האָבן זיך געפונען איינצלנע, אָבער טאַקע נאָר איינצלנע, וואָס האָבן דאָס געטאָן — זיך ווענדן צו דער מאַכט, זי זאָל זיי שיצן קעגן די תקיפות פון קהל. די יידן זיינען אויך ניט געווען געצוואונגען זיך צו ווענדן דווקא צום יידישן בית־דין אַנשטאָט צום קרויך־געריכט. זיי האָבן עס אָבער ניט געטאָן, ווייל זיי האָבן עס ניט געוואָלט, ווייל יידן האָבן דעמאָלט געפילט, וואָס מיינט קיום האומה און וואָס הייסט נאַציאָנאַלע (רעליגיעזע) דיסציפּלין. אָט דערציילט נתן נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה״, אַז אין פּוילן אין זיינע צייטן (17טן יאָרהונדערט)

„פלעגט ניט טרעפן, אַז אַ ייד זאָל גיין זיך משפטן פאַר גויאישע דיינים אָדער פאַר אַ פּוילישן שררה אָדער פאַרן מלך, ירום הודו. נאָר טאָמער איז פאַרט געווען עמיצער אַ יידיש־קינד, וואָס איז געגאַנגען זיך משפטן פאַר גויאישע דיינים, פלעגט מען אים שטראָפן מיט גרויס שאַנד". און ווער פון אונדז, וואָס שטאַמט פון אַ יידישער געטאָ אין מזרח און האָט דאָרט געלעבט, ווייסט ניט, אַז אפילו נאָך ביים היינטיקן טאָג איז עס אַ חרפה, אַז אַ ייד, ווען ער האָט אַ סכסוך מיט אַ יידן, זאָל אים לאָדן אין געריכט אָנשטאָט צו גיין צו אַ דין־תורה? אַזוי זיינען זיך נוהג יידן, וואָס לעבן אַ פול יידיש לעבן. און בכן זאָלן די אַנדערע, יענע, וואָס האָבן דעם יידיש־נאַציאָנאַלן ווילן, דעם יידישן רעכט־באַוואוסטזיין און די יידישע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין אַוועקגעוואָרפן אָדער פאַרלאָרן, אונדז ניט דער־ציילן קיין מעשיות פון אָביעקטיווע באַדינגונגען און פון „אייזערנע גע־זעצן" פון דעם מאָדערנעם פּראָגרעס. די וועלט איז טאַקע געוואָרן אַנ־דערש, אָבער אונדזער גרויסער בראָך איז, וואָס מיר זיינען געוואָרן גאָר אַנדערש. „מיר" מיינט צום גליק נאָר אַ מינדערהייט, אָבער די דאָזיקע מינדערהייט האָט אין דער נייער קאַפּיטאַליסטישער וועלט געקענט הערשן ניט גייסטיק, אָבער ווירטשאַפטלעך און פּאָליטיש איבערן כלל, מיטן כוח פון איר פאַרמעגן און פון איר איינפלוס. אָבער בעוונותינו הרבים איז די אַלטע יידישע פעסטקייט צעטרייסלט געוואָרן אויך אין די יידישע מאַסן. וואו איז די אַלטע קנאות, וואָס האָט געזאָגט יהרג ואל יעבור? טראַפּנס אַסימילאַציע־סם האָבן אַריינגעטריפט אין אונדזער פאָלקס־קערפּער גופא. ער איז אָבער נאָך געזונט געגוג און אָרגאַניש ניט געריכט. אין דעם ליגן אונדזערע האָפענונגען. צונישט וועט ער מאַכן דעם „דריטן חורבן" און ווידער אויפריכטן די יידישע אויטאָנאָמיע, וואָס וועט אים שיצן און שטאַרקן, ער זאָל קענען דורכהאַלטן ביז עס וועלן אָפּגעווישט ווערן אויך די ערשטע חורבנות, ביז עס וועט קומען די געבענטשטע שעה פון פולער אויסלייזונג.

קאַפּיטל פערצן

דער סוף פון אַ צוויהונדערט־יעריקן טעות

די עמאַנסיפּאַציע פון יידן איז פון אָנהויב אָן ביזן היינטיקן טאָג געבויט אויף דער גרונט־הנחה, אַז יידן ווילן און קענען זיך אַסימילירן צווישן די פעלקער, בלייבנדיק נאָר אַ רעליגיעזע עדה, אויף דעם שטייגער ווי די פאַרשיידענע קריסטלעכע רעליגיעס און סעקטעס. צי איז דער דאָזיקער געדאַנק אַרויסגעזאָגט געוואָרן בפירוש, צי ניט, ענדערט גאָרנישט ניט. וואָרעם אין איין זאַך זיינען אַלע פאַרקעמפער פון עמאַנסיפּאַציע זיך צוזאַמענגעגאַנגען, און דאָס איז, אַז אויב יידן זיינען ביז איצט געווען אַ באַזונדערע אומה, מוזן זיי אין דעם טאָג, ווען זיי ווערן עמאַנסיפּירט, אויפהערן דאָס צו זיין און ניט בילדן קיין „מלוכה אין אַ מלוכה". מיט אָט דעם גייסט זיינען דורכגעדרונגען אַלע רעדעס לטובת די יידן, וואָס עס האָבן געהאַלטן אין דער פראַנצויזישער קאָנסטיטואַנטע דער גלח גרעגואַר, קלערמאָן־טאָננער און אַנדערע יידן־פריינט, ווי אויך אין די מעמאָראַנדומס און שריפטן פונעם יידישן צד (סערף־בער, פורטאַדאָ, בער־יצחק בער א״אַ). און נאָך איצט איז די מאָראַליש־פּאָליטישע באַרעכטיקונג פון דער גלייכבאַרעכטיקונג זיך סומך אויף דער אייגענער הנחה. און דאָס איז ריכטיק הן פאַרן קריסטלעכן, הן פאַרן יידישן צד. און דאָס איז זיכער ניט קיין צופאַל און ניט קיין קאַפּריז פון אונדזערע קריסטלעכע פאַרטיידיקער און פון יידישע פּאָליטיקער, אַזוי ווי ס'איז ניט קיין צופאַל, אַז די אַמאָליקע און די היינטיקע אַנטיסעמיטן שרייען פאַרקערט אַלע אין איין קול, אַז יידן זיינען ניט קיין רעליגיעזע עדה, נאָר אַ פאָלק צווישן די פעלקער. משמעות, אַז יידישע גלייכבאַרעכטיקונג לאָזט זיך ניט אַנדערש פאַרטיידיקן, כל זמן די מאָראַל פון די קריסטלעכע פעלקער בלייבט אויף דעם מצב, וואו זי שטייט איצט, און כל זמן עס הערשט דער איצטיקער בירגערלעכער סדר.

ווען דער גרעסטער ליגנער, וואָס די וועלט האָט ווען געזען, און דער גרעסטער שונא, וואָס איז ווען ניט איז אויפגעשטאַנען אויף יידן, אַדאָלף

היטלער איז אויפגעבראַכט איבער דעם „גרויסן שקר", וואָס יידן פאַרשפּרייטן וועגן זיך, ווי וועגן אַ „רעליגיעזער געמיינשאַפט", און פאַרלאַנגען אויף דעם סמך, מען זאָל זיי געבן גלייכע רעכט, באַגייט ער דאָ ניט זיין ערשטן און ניט זיין לעצטן שווינדל. עס איז קודם כל היסטאָריש ניט אמת, אַז יידן האָבן זיך דערקלערט פאַר אַ רעליגיעזער עדה. דער רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק האָט אויסגעצייכנט געוואוסט און פאַר קיינעם דערפון קיין סוד ניט געמאַכט, אַז יידישקייט איז ניט בלויז רעליגיע, וואָס היינטיקע יידישע אינטעליגענטן ברעכן זיך דעם קאָפּ דאָס צו באַווייזן. דערציילט דאָך היטלער אַליין אין „מיין קאַמף", אַז „יידן באַוואוסטזיניק" איז ער געוואָרן ערשט, ווען ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן אין ווין מיט גאַליציאַנער יידן, מיט בערד און פּיאות, און לאַנגע קאַפּאָטעס, ד"ה גראָד מיט יענעם מין יידן, וואָס האָבן זייער יידישקייט, זייער פאָלקישע באַזונדערקייט אָן שום באַהעלטעניש געטראָגן פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס הייפל יידישע גבירים, משכילים און שתדלנים, וואָס האָבן אונדז בפירוש דערקלערט פאַר אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט אָדער צוגעבאָמקעט די קריסטן, וואָס האָבן דאָס געזאָגט, האָבן עס געטאָן און טוען עס אויף זייער אייגענער אחריות.

נאָר אויב די עמאַנסיפּאַציע איז געווען אַ מקח טעות, האָבן די גויים בכל אופן אַ סך ווייניקער זיך גענאַרט ווי יידן. אויב די גויים האָבן זיך טועה געווען, בעת זיי האָבן געמיינט, אַז יידן, ווי באַלד זיי וועלן באַקומען גלייכע רעכט, וועלן זיי ווערן מיט לייטן גלייך און זיך צונויפגיסן מיט די קריסטלעכע פעלקער, האָבן יידן געמאַכט נאָך אַ גרעסערן טעות, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז די דאָזיקע פעלקער האָבן זיך שוין אויף אייביק אָפּגעזאָגט פון דער טאָפּלטער בוכהאַלטעריע, וואָס זיי פירן זינט קאָנסטאַנטין דעם גרויסן און זיך דערנעענטערט צום יידישן אידעאַל פון האַרמאָניע צווישן לעבן און גלויבן. די „געבילדעטע" יידן האָבן בתמימות געגלויבט, אַז אַ נייע ליכט איז אויפגעגאַנגען פאַר דעם מענטשלעכן מין, אַז דאָס קעניגרייך פון פאַרשטאַנד, פון „ברודערשאַפט, גלייכקייט און פרייהייט" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די לויטערע הימלען אויף דער זינדיקער ערד. זיי זיינען באמת גרייט געווען צו פאַרגעסן די גירושים און אינקוויזיציעס, די רדיפות און די פייער־עקידות. דעם „גרויסן ליגן" האָבן ניט מיר, נאָר זיי, די קריסטלעכע פעלקער, געזאָגט.

אַזוי צי אַזוי, מיר און זיי, ביידע האָבן געלעבט אין טעות, וואָס געדויערט שוין כמעט צוויי הונדערט יאָר. און ס'איז נויטיק געווען, אַז טייכן יידיש בלוט זאָלן פאַרגאָסן ווערן דורך איין קריסטלעך פאָלק און

אַז אַנדערע פעלקער זאָלן זיך צוקוקן דערצו אָדער גלייכגילטיק, אָדער — אין בעסטן פאַל — אונדז העלפן מיט אַ קרעכץ, כדי מיר זאָלן זיך אויפכאַפּן און דערזען די ביטערעווירקלעכקייט. מיר, יידן, האָבן אָבער שוין באַצאָלט אַזאַ טייערן טרערן־ און בלוט־פּרייז, אַז אויב מיר וואָלטן אפילו געהאַט געזינדיקט, בנערינו ובזקנינו, וואָלט דאָס שוין געווען אַ כפּרה פאַר אַלע אונדזערע זינד. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז מיר זאָלן טאָן תשובה, וואָרעם מיט שטראָף אַליין ווערט זינד ניט אויסגעקויפט.

אַז מיר געפינען זיך איצט ערב דער ליקווידאַציע פון דער יידישער עמאַנסיפּאַציע און טרעטן אַריין אין אַן עפּאָכע פון קאָנטער־עמאַנסיפּאַציע, דאַרף קלאָר זיין פאַר איטלעכן, וואָס האָט אַן אויג צו זען, וואָס טוט זיך אַרום אים.

היטלער איז עפּעס מער ווי אַן אַנשיקעניש, מער ווי אַ בייזער חלום. ער איז דער, וואָס איז געקומען אונדז אָנצוזאָגן אַ בייזע בשורה. אַ רמז אויף די צוקונפטיקע באַציאונגען צו יידן פון די אייראָפּעאישע פעלקער נאָך היטלערס מפּלה קענען מיר שוין איצט געפינען אין די אָקופּירטע לענדער. וועגן פאַקטן פון מסירת־נפש מצד איינצלנע קריסטן, וואָס האָבן געגומען יידן אונטער זייער שוץ, האָב איך שוין אויבן גערעדט. איך קען די דאָזיקע פאַקטן ניט פון הערן, נאָר פון זען. און זיי זיינען פאַר מיר, ווי פאַר יעדן יידן, וואָס האָט געהאַט די „פּריווילעגיע" צו לעבן אין דער אָקופּאַציע, געווען אַ דערפרישנדיקער קוואַל פון טרייסט און גלויבן. אָבער ניט נאָר די דאָזיקע יחידי סגולה, נאָר — מען קען עס מיט זיכער־קייט זאָגן — ביים גאַנצן פראַנצויזישן פאָלק, כדי צו נעמען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל, וואָרעם דאָס קען זיך באַציען אויך צו די האָלענדער, בעלגיער, סקאַנדינאַווער א"אַ, האָט דער בעסטיאַלער נאַצי־אַנטיסעמיטיזם אַרויס־גערופן אַן עקל און אַ ווידערשטאַנד. צוליב צוויי טעמים, און מיר דאַרפן ביידע גוט האָבן אין זינען: ערשטנס, צוליב זיין אכזריות און, צווייטנס, ווייל דער אַנטיסעמיטיזם איז די דאָזיקע פעלקער אָנגעבונדן געוואָרן פון דרויסן, פון דעם שונא, אַזוי אַז עס איז פאַר די אונטערדריקטע פעלקער געווען אַן ענין פון נאַציאָנאַלער ווערדע ניט אָנצונעמען דעם אַנטיסע־מיטיזם פון די פיינטלעכע, בלוטיקע הענט. ניט איין מאָל איז אויסגע־קומען צו הערן פון אָנהענגער פון דעם אויסגעשפּראָכן־אַנטיסעמיטישער „אַקסיאָן פראַנסעז": מיר וועלן ווידער ווערן אַנטיסעמיטן, ווען מיר וועלן די דייטשן פאַריאָגן פון אונדזער לאַנד. דאָס אייגענע באַשטעטיקט בנוגע פּוילן דער באַוואוסטער יידישער טוער האַרטגלאַס, ווי אויך ל. שפּיזמאַן, וועלכער דערציילט אין זיין בוך „די יידן אין נאַצי־פּוילן", אַז דער אַנטי־

סעמיטיזם איז אפילו בעת דער אָקופּאַציע געפּריידיקט געוואָרן אין דער ענדעקישער אומלעגאַלער פּרעסע.

היטלער און זיין חבריא האָבן אויפגעוועקט די אַנטי־יידישע שטי־מונגען, וואָס האָבן געשלומערט ביי קריסטן און פאַר זיי אַנטפּלעקט דעם פּענאָמען ייד, זיי געמאַכט, ווי מען זאָגט דאָס איצט, „יידן־באַוואוסטזי־ניק״. און דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין פון דער אַנדערשקייט פונעם יידן, פון זיין פרעמדקייט וועט איבערלאָזן דויערנדיקע און טיפע שפּורן. און כדי יידן זאָלן ליידן מאַטעריעל און גייסטיק, איז גאָר ניט נויטיק, אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערן אַנטיסעמיטיש. עס איז גאַנץ גענוג אַ שטילע אָפּאָ־זיציע צום יידן ווי צו אַן אַנדערן, ווי צו אַ פרעמדן, כדי עס זאָל דער־גרייכט ווערן דער אייגענער רעזולטאַט: אויסוואָרצלען יידן פונעם קול־טור־ און ווירטשאַפט־לעבן פון די לענדער, זיי אַרויסשטויסן פונעם נאַ־ציאָנאַלן אָרגאַניזם פון די פעלקער, ווי אַ זייטיקן, ניט צוגעפּאַסטן עלע־מענט.

אַט דער סטאַטעטשנער, שטילער, אָבער טיף־גראָבנדיקער אַנטיסעמי־טיזם איז אפילו אַ סך געפערלעכער פאַר דער יידישער צוקונפט אין דער וועלט, ווי די רוצחישע יידן־אויסראָטונג, וועלכע קען זיך דאָך לאַנג ניט האַלטן, ווי באַלד מענטשן זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין חיות. אַט דער מין אַנטיסעמיטיזם האַלט שוין איצט אין איין וואַקסן אין אַזוינע לענדער, ווי ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, און וועט זיך אויך פאַנאַנדער־בליען אין די איצט־פאַרשקלאַפטע לענדער, אויב ניט אויפן „צווייטן״, איז אויפן „דריטן״ טאָג נאָך זייער באַפרייאונג.

אין ענגלאַנד אַלאַרמירט די לעצטע צייט די ענגלישע און יידישע פּרעסע די עפנטלעכע מיינונג מכוח דעם געוואַלטיקן וואוקס פונעם אַנטי־סעמיטיזם אין לאַנד דווקא בעת דער מלחמה, ווען דאָס לאַנד שטייט אין אַ ביטערן גורל־קאַמף מיט איר ערגסטן שונא, וואָס אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון זיינע אני מאמינס און איינע פון זיינע וויכטיקסטע פעסטונגען. און עס האָט אַ קנאַפּן ווערט, וואָס פאַר אַ מאָטיוון די אַנטיסעמיטישע פּראָ־פּאַגאַנדע נוצט אויס. היינט איז דאָס דער „גרויסער״ יידישער אַנטייל אינעם שוואַרצן מאַרק, מאָרגן הייסט עס — יידן דרייען זיך אַרויס פון מיליטער־דינסט און איבערמאָרגן — עפּעס אַנדערש. סער מאָסלעי, דער שעף פון ענגלישן פאַשיזם, איז איינגעשפּאַרט צוזאַמען מיט זיינע חברים. אָבער די אַנטיסעמיטישע הידרע האָט טויזנטער קעפּ און מיט קיין שום מעכאַנישע, כירורגישע מיטלען קען מען זיי ניט בייקומען. ס'איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַן ענגלישער מיניסטער האָט דערקלערט, זיין רע־

גירונג האָט ניט געקענט דערלויבן אַריינצוקומען אין לאַנד צוויי טויזנט פּליטים־קינדער פון ווישי־פראַנקרייך, צוליב דער מורא ניט צו געבן אַי־בעריקע נאַרונג דעם אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. און דאָס טרויעריקסטע דערביי איז, אַז דאָס איז ניט קיין פּוסטער תירוץ. מען קען און מען דאַרף באַשולדיקן דעם דאָזיקן מיניסטער, הערבערט מאָריסאָן, אַז ער האָט ניט געגנוג מוט צו שווימען קעגן שטראָם, אָבער חושד זיין אים אין אַנטיסעמיטיזם קען מען ניט. אָט האָט איר אייך אַ בולטע אילוסטראַציע דערצו, אַז אַ לאַנד קען גאָר געשמאַק און ביטער מלחמה האַלטן מיט היטלערן אין נאָמען פון מענטשלעכקייט און גלייכקייט און אין דער איי־גענער צייט אַליין אַריינבנעמען אַ היפּשע פּאַרציע פון דעם אַנטיסעמיטישן גיפט. דער וואוקס פונעם אַנטיסעמיטיזם אין ענגלאַנד גראָד אין דער מלחמה־צייט איז ניט קיין רעטעניש. עס חזרט זיך דאָ איבער די אייגענע מעשה ווי אומעטום: ליידט אַ פאָלק צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, ווערט אים ענג, גיסט ער אויס זיין כעס אויפן פרעמדן. און דער ייד איז געווען און געבליבן אַ פרעמדער אין אַלע לענדער, אפילו אין די סאַמע דעמאָקראַטישע, וואו זיי געניסן שוין לאַנגע יאָרן אַלע פאָרמעלע רעכט. און דאָס חזרט זיך איבער אומעטום אין צייטן פוןווירטשאַפט־קריזיסן. טעאָדאָר הערצל האָט שוין אַמאָל געזאָגט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ מין אינעווייניקסטער צאָל־טאַריף אויף צו באַשיצן די אינטערעסן פון דער איינגעבירטיקער באַפעלקערונג, ווי באַלד מען קען ניט אין לאַנד גופא אָוועקשטעלן קיין ריכטיקע צאָל־מחיצות. און דאָס בלייבט אַן אמת ביזן היינטיקן טאָג.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך די סאָציאַלע און ווירטשאַפט־לעכע איזאָלירונג פון יידן אָנגעהויבן שוין לאַנג. די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט נאָכן קראַך פון 1929, ווען עס האָט זיך אָנ־געהויבן די ווירטשאַפטלעכע דעפּרעסיע. ווידער אַמאָל — איז ענג דעם בעל־הבית, ליידט דער ערשטער דער שכן, דער גאַסט. מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט זיך אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן דער אַנטיסעמיטיזם געשטאַרקט און אויך דאָ האָט די מלחמה ניט אויפגע־האַלטן דעם דאָזיקן וואוקס. פאַראַן אפילו אַ יש אומרים, אַז דער אַנטי־סעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז זינט דער מלחמה געשטיגן. מען דערציילט, למשל, אַז דער גאַלופּ־אינסטיטוט האָט לעצטנס דורכגע־פירט אַן אַנקעטע, וואָס האָט געגעבן אַזוינע טרויעריקע רעזולטאַטן וועגן וואוקס און אויסשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם, אַז מען האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן צו פאַרעפנטלעכן דעם סך־הכל פון דער אַנקעטע, כדי ניט צו

ברענגען נאָך מער שאָדן. לינדבערג, דער פאָדהער קאָגלין וחברותו האָבן זיך צוריקגעצויגן אין באַהעלטענישן, אָבער זיי זיינען זיכער, און ניט אָן אַ גרונט, אַז זייער טאָג וועט נאָך קומען. דיסקרימינאַציעס קעגן יידן באַגעגנט איר אויך איצט אויף יעדן שריט און טריט אפילו אין דער מלחמה־אינדוסטריע. מען קען דעם „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי" זיכער ניט חושד זיין אין איבעריקע שוואַרץ־זעעריי. פאַרקערט זיין אָפּטימיזם בנוגע דער יידישער לאַגע אין אַמעריקע איז די סאַמע לופט, מיט וועל־כער ער אָטעמט. און אָט לייענט איר אין אַ באַריכט, צוגעשטעלט צו זיין יערלעכער זיצונג אָנהויב 1942 און פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקאַנער יידישן יאָר־בוך פאַרן זעלביקן יאָר: „מען קען דערוואַרטן, אַז אויב עס זאָל חלילה אין גאַנג פון דער מלחמה פאָרקומען אַ וואָסער ניט איז דורכ־פאַל אָדער אויפקומען אַ ווייט פאַרשפרייטע באַשולדיקונג פון שלעכטער בעלי־בתישקייט אין הויכע ערטער, וועט דער עולם פאַרלאַנגען אַ שעיר לעזאזל. נאָך מער, נייע אַנטיסעמיטישע באַשולדיקונגען קענען וואַרשיינ־לעך זיך באַווייזן אין גאַנג פון דער מלחמה גופא".

דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער רעפּאָרטער, וו. מ. קיפּלינגער, האָט פאַריקן יאָר אַרויסגעלאָזט אַ גלענצנדיקן רעפּאָרטאַזש וועגן וואַשינגטאָן. און אָט וואָס לערך ער דערציילט אונדז. ביז 1933 האָט פאַרן וואַשינגטאָ־נער עולם קיין יידישע פּראָבלעם ניט עקסיסטירט. קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט צו וויסן, צי איז דער אָדער יענער סוחר, אָדער באַאַמטער אַ קריסט צי אַ ייד. אין דעם דאָזיקן יאָר זיינען פאָרגעקומען צוויי געשע־ענישן, וואָס האָבן געענדערט דאָס בילד. היטלער איז געקומען אין דייטש־לאַנד צו דער מאַכט און דאָס האָט געגעבן אַ שטאַרקן אימפּולס דעם וועלט־קרייץ־צוג קעגן יידן. פון דער אַנדער זייט איז דער ניו דיל געקומען צו אַ מאַכט־פּאָזיציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַריינגעצויגן אין דער אַדמיניסטראַציע אַ היפּשע צאָל יידן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו, אַז יידן פאַרכאַפּן די אַדמיניסטראַציע. לויט זיינע אייגענע איינדרוקן און דערפאַרונגען — מיינט קיפּלינגער — איז די צאָל יידן אין דער וואַ־שינגטאָנער אַדמיניסטראַציע גאָר ניט אַזוי גרויס און שטייגט ניט איבער פיר פּראָצענט, ד"ה דעם פּראָצענט פון יידן אין דער באַפעלקערונג. אָבער, זאָגט ער, יידן פאַרנעמען לפי ערך העכערע שטעלעס, אַזוי אַז אויב מען זאָל מעסטן זייער אַנטייל ניט לויט דער צאָל, נאָר לויט דער פּאָזיציע און לויט דער השפּעה, וועט אויסקומען, אַז זיי שטייגן איבער זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. חוץ לזה, האָבן יידישע באַאַמטע זיך געמאַכט אַ מין געטאָ אין דער אַדמיניסטראַציע, ד"ה זיך

קאָנצענטרירט אין אַ געוויסער צאָל רעגירונגס־אַגענטורן. אַזוי אַז דער עולם, וואָס האָט צו טאָן מיט די דאָזיקע אַגענטורן, באַקומט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע אַדמיניסטראַציע איז איבערגעפילט מיט יידן. און קיפּלינגער, וועלכער איז ווייט ניט קיין אַנטיסעמיט, ווייזט אָן, און דער אומגליק איז, וואָס ער איז דווקא גערעכט, אַז אָט דאָס איז געווען אַ גרויסער פעלער, וואָס דאַרף פאַרריכט ווערן, כדי אויסצומיידן, אַז יידן זאָלן זיך צופיל אָנזען. אַ צווייטע צרה איז, לויט זיין מיינונג, וואָס יידן זיינען קאָנצענטרירט אין די ביוראָס, וועלכע ער רופט אָן „רייבונג־אַגענטורן" (פריקשן איידזשענסיס), ד"ה יענע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דורכפירן רעפאָרמעס. רעפאָרמעס האָבן אָבער אַ טבע צו פאַרטשעפּען איינגעפונדעוועטע אינטערעסן. במילא רופן זיי אַרויס רייבונגען און קאָנפליקטן. און ביים היינטיקן טאָג איז עס ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז די אומצופרידענע, די „באַעוולהטע", לאָזן אויס זייער גרימצאָרן צו יידישע קעפּ. און געוואָרפן האָבן זיך יידן אויף אַדמיניסטראַטיווע שטעלעס טאַקע דערפאַר, וואָס זיי איז תמיד שווער געווען, און מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָנגעהויבן פון 1933, געוואָרן נאָך שווערער צו קריגן פּריוואַטע שטעלעס. און דער מחבר מיינט טאַקע, אַז די צאָל יידן אַדוואָקאַטן, עקאָנאָמיסטן וכדומה איז דיספּראָפּאָרציאָנעל גרויס. אינטערעסאַנט איז זיין באַמערקונג, אַז די יידישע באַאַמטע אַליין האָבן אויך דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי האַלטן זיך אויף משקולת. און זיי פלייסן זיך מיט אַלע כוחות צו אַרבעטן בעסער און מיט מער פּעולה ווי די קריסטלעכע באַאַמטע, כדי אַזוי אַרום אויסצוגלייכן דעם באַלאַנס. זיי האָפן, אַז התמדה און געוויסנהאַפטיקייט וועלן מכפּר זיין אויף זייער יידישן אָפּשטאַם. אָבער ווי מיר האָבן שוין געזען, העלפט עס ניט און אָפטמאָל אפילו ווערט טאַקע צוליב דעם זייער לאַגע נאָך ערגער. די אַמעריקאַנער פאָלקס־פאַרטרעטונג — דער קאָנגרעס — קוקט אויך קרום אויפן „גרויסן" יידישן אָנטייל אין דער אַדמיניסטראַציע. ווען די פאַרשיידענע בודזשעט־סוב־קאָמיסיעס פון קאָנגרעס פאַרהערן די פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע אַדמיניסטראַטיווע אַגענטורן, זיינען די קאָנגרעס־מיטגלידער גאָר אָפט נייגעריק צו וויסן, וויפיל יידן זיינען פאַראַן אין דעם אָדער יענעם ביוראָ. און הגם עס איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ קיין שום געזעץ אויף צו באַגרענעצן דעם אָנטייל פון יידן, מוזן די שעפן פון די ביוראָס זיך רעכענען מיט די מיינונגען פון די דאָזיקע קאָמיסיעס, פון וועלכע עס הענגט אָפּ זייער בודזשעט. און עס קומען פאָר פאַלן, ווען די קאָמיסיעס זאָגן זיך טאַקע אָפּ צו וואָטירן אַ בודזשעט פאַר דעם אָדער

יענעם ביורא, ווייל עס האָט צופיל יידן, צי ווייל די אָנפירער זיינען יידן. און אויב עס פּאַסט ניט צו רעדן אָפן וועגן יידן, באַנוצט מען זיך מיטן פּסיידאָנים „ניו־יאָרקער", אָבער ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז מיי־נען מיינט מען טאַקע יידן.

ס'איז אויך קיין סוד ניט, אַז פאַקטיש עקסיסטירט אין די שטאַטן אַ „נומערוס קלאַוזוס" פאַר יידן הן ווי לערער, הן ווי תלמידים אין פּריוואַטע שולן און אין אַ ריי אוניווערסיטעטן. די צאָל פּריוואַטע געשעפטן, וואָס דרייען זיך אַרויס דורך פאַרשיידענע קונצשטיק ניט אָנצונעמען יידן, וואַקסט פון טאָג צו טאָג. טויזנטער יידן קענען אַרבעטן אין פּריוואַטע אונ־טערנעמונגען נאָר דערפאַר, וואָס זיי באַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם. וויפיל יידישע טעכטער טראָגן צלמים, אַבי די שטעלעס ניט צו פאַר־לירן!

סאָציאַל לעבן יידן אין די שטאַטן אין אַן אמתער געטאָ. די פאַקטן פון „רעזערווירטע" האָטעלן אין קורערטער זיינען אַלעמען באַקאַנט. דער זאַמלבוך „דזשוז אין איי דזשענטייל וואָירלד" איז אָנגעפּיקעוועט מיט דערציילונגען וועגן באַשטימטע שטאָט־קוואַרטאַלן, וואו מען פאַר־קויפט ניט יידן קיין הייזער און מען פאַרדינגט זיי ניט קיין דירות, ווייל די בעלי־בתים האָבן מורא, אַז ווי נאָר יידן וועלן זיך באַזעצן, וועלן די קריסטן זיך אַרויסציען, און אַזוי אַרום וועט פאַלן דירה־געלט, און במילא אויך די פּרייזן אויף גרונט־שטיקער. כדי צו מאַכן די דאָזיקע איבער־זיכט פולער, דאַרף מען נאָך אָנווייזן אויף דעם באַוואוסטן פאַקט, אַז אַמעריקאַנער יידן האָבן זיך געשאַפן אייגענע פאַראיינען, קלובן, ספּאָרט־ און פאַרוויילונג־געזעלשאַפטן און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. ס'קען זיין, אַז צום טייל איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון אַן אינעווייניקסטער יידישער טענדענץ צו קאָנצענטראַציע און אָפּגעזונדערטקייט. אָבער ס'איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז גאָר אַ גרויסע ראָלע האָט דאָ געשפּילט די שטי־לע, אָבער האַרטנעקיקע, געזעלשאַפטלעכע סעגרעגאַציע־פּאָליטיק, וואָס די קריסטלעכע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט ווענדט אָן לגבי יידן.

אַט אַזוי זענען יידן אויס אין דער מדינה, וואָס באַטראַכט זיך און ווערט באַטראַכט פון אַנדערע, ווי דער זייל פון פרייהייט, ווי די פעסטונג פון דעמאָקראַטיע, אין דעם לאַנד, וואו ס'איז ניטאָ קיין שום געזעצן קעגן יידן און וואו יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען די מלוכה האָט זיך געגרינדעט און וואו עס זיינען במילא ניטאָ קיין שום אַנטיסעמיטישע טראַדיציעס. מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס אַמע־

ריקאַנער פּאָלק איז אין זיין מערהייט ניט אַנטיסעמיטיש, ד״ה ניט אַקטיוו אַנטיסעמיטיש. צווישן דער אינטעליגענץ און פּירערשאַפט, אין די אוניווערסיטעטן און אין די קירכן האָבן מיר אַפילו אַ היפשע צאָל אויפריכטיקע פריינט און פּאַרטיידיקער. נאָר זיי אַלע צוזאַמען קענען ניט אויפהאַלטן דעם שטילן, אָבער טיפן שטראָם פון אינסטינקטיווער אַפּאַזיציע צו יידן, וואָס פּאַרפלייצט דאָס לאַנד. אָט דאָ, אין דער דאָזיקער פרייער מדינה, אַנטפּלעקט זיך די טראַגעדיע פונעם יידישן גורל אין איר ריינער און סטיכישער פאָרם. אָט דאָ ווייזט זיך אַרויס, ווי אילוזאָריש עס זיינען געווען און געמוזט זיין די האָפענונגען פון די יידן פונעם עמאַנסיפּאַציע־דור, אַז די ניי־געבוירענע מענטשהייט באַטייט אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם.

נאָר אויב מיר יידן האָבן געליטן אַ דעזאילוזיע, האָבן די קריסטלעכע פעלקער זיך אויך גענאַרט אין חשבון, אַרויסקוקנדיק אויף יידישער אַסימילאַציע אַלס רעזולטאַט פון גלייכבאַרעכטיקונג. די מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע פּוסטקייט פון דער אַסימילאַציע־אידייע, געקניפּט און געבונדן מיט דער השגה וועגן יידן, ווי וועגן אַ רעליגיעזער עדה, האָט זיך פאַר די גרויסע יידישע גייסטער אַנטפּלעקט אַ סך פריער איידער איר פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער באַנקראָט איז געוואָרן דורכזיכטיק. דער היינט־צייטיקער יידיש־נאַציאָנאַלער קוק אויף אַסימילאַציע איז כלל ניט קיין נייע דערפינדונג, אַפילו ניט פאַר מערב־איירָאָפּע. אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אַ ייד, אַנגעפּיקעוועט ווי אַ מילגרוים מיטן גאַנצן וויסן פון זיין צייט און דורכגעדרונגען מיט די מוטיקסטע סאָציאַלע אידייען, משה העס, וואָס האָט שוין דעמאָלט פאַראויסגעפילט און פאַראויסגעזאָגט סיי דעם מאָדערנעם ציוניזם, סיי דאָס לעצטע וואָרט פון דעם היינטיקן גלות־נאַציאָנאַליזם. דער געדאַנק, אַז יידישקייט מיינט ניט רעליגיע אינעם קריסטלעכן זינען פון וואָרט, וועלכן די יידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ קען נאָך עד היום ניט איינבייסן, האָט משה העס, ביי וועמען מאַרקס אַליין האָט געלערנט אַ פּרק סאָציאַליזם, שוין אין 1862 אין זיין „רוים און ירושלים" אַזוי גלענצנדיק און טיף אַרויסגעבראַכט, אַז נאָך איצט בלייבט ניט קיין סך מוסיף צו זיין דערצו אָדער צו ענדערן. הערט, אַדרבא: „יידישקייט איז ניט קיין פּאַסיווע רעליגיע, נאָר אַן אַקטיווע דערקענטעניש, וועלכע איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן (פון מיר אונטערגעשטראָכן — י. ע.) מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט". „דער פרומער ייד איז קודם כל אַ יידישער פּאַטריאָט. דער „ניי־מאָדישער ייד", וואָס פּאַרלייקנט די יידישע נאַציאָ־

נאַליטעט, איז ניט בלויז אַ כופר, אַן אַפּטריניקער אין רעליגיעזן זינען נאָר אויך אַ בוגד אין זיין פאָלק, אין זיין פאַמיליע״. און ווייטער: „די שטרעבונגען פון די דייטשישע [יידישע] רעליגיע־רעפאָרמאַטאָרס זיינען געווען געווענדעט אויף צו מאַכן פון דער יידישקייט, וואָס איז אי נאַציאָנאַל אי מענטשלעך, אַ צווייט קריסטנטום, ראַציאָנאַליסטיש צוגעשניטן, אַן איבעריקן דובליקאַט, וואָרעם דער אָריגינאַל גופא ליגט שוין אין שווינדזוכט״.

אָט דאָ האָט משה העס אָנגעטאַפּט דעם סאַמע דופק פון דער גאַנצער פּראָבלעם. וואָלט עס דער דעמאָלטדיקער אַסימילאַטאָרישער, רעפאָרם־באַוועגונג געלונגען צו מאַכן פון יידישן לעבנס־געזעץ אַ רעליגיע ווי אַנדערע רעליגיעס, וואָלט שוין היינט מן הסתם קיין זכר פונעם יידישן פאָלק ניט פאַרבליבן. וואָלט, פון דער אַנדער זייט, די יידישע אומה געווען אַ פאָלק ככל הגוים פאַראייניקט ניט דורך אַן עטיש־רעליגיעזן אינהאַלט, נאָר ניט מער ווי דורך געוויסע אויסערלעכע אויסדרוק־פאָרמען, ווי שפּראַך למשל, וואָלטן מיר שוין אויך געווען אונטערגעגאַנגען, פּונקט ווי עס צעגייען זיך אַלץ מער אַלע אַנדערע שפּראַכלעכע מינדערהייט־גרופּעס, אויב זיי האָבן ניט קיין אייגענע טעריטאָריע, אינעם מלוכהשן שמעלץ־אויוון פון די מערב־לענדער און אַמעריקע. די ניט געלונגענע פּרוּוון פון יידישער אַסימילאַציע האָבן אָבער באַוויזן, אַז יידן זיינען ניט קיין רעליגיעזע עדה און ניט קיין נאַציע אין געוויינלעכן, נאָרמאַלן זינען פון וואָרט, נאָר ביידע צוזאַמען און נאָך עפּעס מער. יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקע ציוויליזאַציע, אַן איינציק־אַרטיקע גרויסע פאַמיליע, וואָס נעמט אַרום אַלץ — אינהאַלט און פאָרם, אידייען און אויפפירונג. וואָלטן געלונגען די פּרוּוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַנאַנדערצוטרענען די פעדעם, וואָס פאַרבינדן די לעבעדיקע יידישע מאָראַל מיט די לעבנס־פאָרמען פון פאָלק, רעליגיעז געהייליקט און סאַנקציאָנירט, ווי זיטן, מינהגים אאַז״וו, וואָלט די אָרגאַנישע גאַנצקייט פון אונדזער עקסיסטענץ צעשטערט געוואָרן. די בירגערלעכע אַסימילאַציע אין מערב האָט געפּרוּווט אויפהיטן דעם קערן — און אויך אים ניט אינגאַנצן (מאָנאָטעאיזם, יידישע עטיק) — און אַוועקוואַרפן די שאָלעכץ. די סאָציאַליסטישע אַסימילאַציע אין מזרח האָט, פאַרקערט, געוואָלט קאָנסערווירן נאָר די פאָרם, די שאָלעכץ — און דערפון אויך נאָר שטיקלעך און ברעקלעך (שפּראַך און פאָלקלאָר) — און פּטור ווערן פון קערן. ביידע פּרוּוון, אין דער קליינער מאָס, אין וועלכער זיי האָבן עפּעס דערלאַנגט, האָבן געקענט האָבן נאָר איין פּעולה: אָפּשוואַכן דעם פעסטן יידישן צוזאַמענ־

בונד און אונטערמינעווען דעם מאָראַלישן ווידערשטאַנד־כוח פון פאָלק. צערייסן דעם אָרגאַנישן געוואוקס, ברעכן דעם ווילן פון פאָלק צו לעבן און צו געדייען, דאָס האָבן ניט די, ניט יענע ניט געקענט פועלן.

אמת, עס באַווייזן זיך אויפן יידישן פאָלקס־קערפּער דאָ און דאָרט און פון צייט צו צייט סימפּטאָמען פון אַ קראַנקן־צושטאַנד. אָפט הויבט דער אָדער יענער אבר אָן צו פוילן און אָפּצופאַלן. אָפט מאָל אָבער איז דאָס ניט מער ווי אַ דוכטעניש. פאַראַן ביי אונדז אַ נטיה צו אידענטיפיצירן יידישקייט מיט געוויסע פאַרגליווערטע אידייען, מיט דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן שטייגער. בייטן זיך אידייען, ענדערט זיך דער שטייגער, מיינט מען, אַז די יידישקייט גופא גייט אונטער. אָבער דווקא אין דעם איז דאָך געלעגן איר כוח, וואָס ביי איר גאַנצן קאָנסערוואַטיזם, וועלכן עס איז ניט אויסצומיידן אין די תנאים פון גלות־לעבן, האָט די יידישקייט תמיד פאַרשטאַנען, ווען דאָס איז געווען אַבסאָלוט נויטווענדיק, אַריינצוגיסן נייעם ווייַן אין די אַלטע לאָגלען און צופּאַסן אירע לעבנס־פאָרמען צום אָרום, וואָס האָט זיך געביטן. און די אמתע יידישע רעפאָרמאַטאָרס זיינען געווען די, וועלכע האָבן גאָרניט געוואוסט, אַז זיי האָבן, ווי יענער העלד ביי מאָ־ליערן, „זייער גאַנצן לעבן גערעדט פּראָזע". זייערע רעפאָרמעס, ניט אויסערלעכע, נאָר אָרגאַנישע האָבן ניט איבערגעריסן מיט דער פאַרגאַנגענ־הייט, האָבן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט דער מסורה און מחמת דעם זיינען זיי במשך פון דער צייט אַליין געוואָרן פאַרהייליקטע טראַדיציעס. אַזוינע פּראָצעסן זיינען פאָרגעקומען ניט בלויז אַמאָל, נאָר זיי קומען אויך היינט פאָר פאַר אונדזערע אויגן. און אויב זיי זעען זיך ניט אָן, איז דאָס דער־פאַר, וואָס אָדער זייער באַוועגונג איז צו טיף און צו לאַנגזאַם, מען זאָל זיי באַנעמען מיט אַ פּשוטן אויג, אָדער ווייל מען פאַרשטייט ניט זייער אמתן מיין. ערשט אין דער היסטאָרישער רעטראָספּעקטיוו וועט מען אין אַ סך דערשיינונגען, וואָס דוכטן זיך איצט אויס ווי אַ דעקאַדענץ, ווי אַ ירידה, דערקענען סימנים פון אויפקום און אויפשטייג.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אַלע טענדענצן פונעם מאָדערנעם יידישן לעבן, וואָס מיר באַצייכענען געוויינלעך ווי אַסימילאַציע, זיינען אַרויס־גערופן דורך דער נאַטירלעכער עוואָלוציע פון אידייען און לעבנס־פאָר־מען. ס'איז ניטאָ קיין ספק, אַז געוויסע טיילן פון פאָלק זיינען אַריינגע־צויגן געוואָרן אין אַ שטראָם פון יידישער דעזאינטעגראַציע און זיי פאַר־לירן אַלץ מער זייער יידישן פּרצוף. אָבער אַ דין פעדעמל בינדט זיי נאָך צו צום כלל. און כל זמן דער לעצטער פאָדעם איז ניט איבערגעריסן, זיינען אפילו זיי נאָך פאַר יידישקייט ניט פאַרלאָרן און זיי קענען זיך נאָך

אומקערן צוריק אַהיים. געפּלעפּטע שטייען מיר דאָ פאַר דער רעטעניש פון יידישן קיום, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן מיטן שכל הישר און וואָס מאַכט באַגרייפלעך דעם איבערנאַטירלעכן געטלעכן גלויבן אין דעם נצח ישראל. מען קען ניט לייענען אָן אַ מיסטישן ציטער ביי סעסיל ראָט אין זיין געשיכטע פון מאַראַנען די סצענע, וואָס ער באַשרייבט, ווי אַזוי דער פּוילישער ייד פון לאָדזש, שוואַרץ, באַגעגנט זיך אין אַ פאַרוואָרפן פּאָרטוגעזישן באַרג־דאָרף מיט מאַראַנען, וואָס האָבן שוין הונדערטער יאָרן קיין יידן אין די אויגן ניט געזען און זיינען זיכער, אַז אָט די פּאָר הונדערט משפּחות זיינען דאָס די שארית הפּליטה פון אַלטן ישראל. ער קען די דאָזיקע ישובניקעס, וואָס דער פּחד פאַר אַ בייז אויג ליגט זיי אין בלוט, ניט געבן קיין סימן, אַז ער איז אַ ייד און געווינען אַזוי אַרום זייער צוטרוי, זיי זאָלן פאַר אים אויפמאַכן זייער הארץ. ער פּרוּווט מיט זיי רעדן העברעאיש — קענען זיי ניט, שמועסן וועגן יידישע דינים און מינהגים — האָבן זיי אָבער נאָך אַזוי פיל הונדערטער יאָרן פאַרלאָרן זייערע שפּורן, דערציילן זיי וועגן יידישע קהילות אין דער גרויסער וועלט — גלויבן זיי ניט, ווייל זיי זיינען זיכער, אַז זיי זיינען די איינציקע יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע. נאָר אַז די אַלטיטשקע, וואָס איז אי זייער ראש הקהל, אי זייער „מרא דאתרא״, דערהערט פון זיין מויל שמע ישראל ד׳ אלוהינו ד׳ אחד, פאַלט אָן אויף איר אַ שמחה און זי שרייט אויס: יאָ, דער מאַן איז אַ ייד! אויף אַ פּאָר יידישע מינהגים, פאַרדרייט און צעקאַלעטשעט צוליב דער שטענדיקער אימה פאַר רדיפות, און אויף דעם שמע ישראל איז הונדערטער יאָרן געהאַנגען די יידישקייט פון די דאָזיקע דאָרפס־מענטשן. קען אַ פאָדעם זיין נאָך דינער און דאָך האָט ער זיך ניט איבערגעריסן. און געקומען איז דער טאָג, ווען זיי האָבן מיט זייער גאַנצן ריינעם האַרצן זיך צוריקגעקערט צו דער אַלטער יידישער עדה, צו דער פאַרלאָרענער פאַמיליע.

אָט האָט איר אייך אַ צווייטע וואונדער־מעשה, דאָס מאָל אין מעקסיקע. געקומען אַהין אנוסים פון שפּאַניע נאָך קאָלומבוסעס אַנטדעקונג, זיך באַזעצט אין פאַרוואָרפענע דערפער, פאַר דער וועלט געווען פרומע קאַטאָליקן און אין געהיים געלעבט ווי יידן און אָפּגעהיט יידישע מצוות. האָט דער גורל מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער פאַרטראָגן אַהין פּוילישע יידן, וועלכע האָבן אויפגעזוכט דעם דאָזיקן יידישן שבט. און איינער פון זיי, בנימין לאַרעאַנא ראַמירעז, דערציילט אונדז וועגן זייער לעבן מיט פּשוטע ווערטער, וואָס דוכטן אייך אָבער אויס ווי פאַרכישופטע, אין יידישן זאַמלבוך „דער קאָנטינענט״ אַרויסגעגעבן אין מעקסיקע (דורך

מלך ראַוויטש), און ווי אַזוי די דאָזיקע פאַרשטויסענע און פאַרגעסענע יידן האָבן געפונען אַ וועג צו דער דאָרטיקער, מזרח־יידישער קהילה. ברידער, וואָס באַגעגענען זיך נאָך אַ צעשיידונג פון כמעט אַ האַלב טויזנט יאָר. וואו נאָך האָט אַזאַ נס געטראָפן ?

איך דערמאָן זיך, מיט אַ יאָר צען צוריק האָב איך דורכגעלייענט דעם ראָמאַן פון שפּאַנישן שרייבער בלאַסקאָ איבאַנעז „די טויטע באַפעלן״ וועגן לעבן פון די מאַראַנען אין פּאַלמאַ מאַיאָרקאַ („טשועטאַס״ — אויפן אָרטיקן דיאַלעקט) האָט עס מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז איך האָב באַשלאָסן פאָרן אַהין נאָר כדי זיי אָנצוקוקן. אַז איך בין אַריינגעקומען אינעם ענגן געסל, וואָס איז אין 15טן יאָרהונדערט געווען די יידישע געטאָ און וואו די אנוסים זיינען געבליבן לעבן עד היום הזה, האָט זיך מיר אין דער ערשטער מינוט געדוכט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם שול־געסל פון ווילנע, אַזעלכע ריינע, טיפּישע יידישע פּנימער, אַזעלכע טיף־טרויעריקע יידישע אויגן ביי די דאָזיקע טרייע קאַטאָליקן. דעמאָלט האָב איך פאַר־שטאַנען דעם פירוש פון „די טויטע באַפעלן״.

אַז איר פאַרטיפט זיך אין דער געשיכטע פון די מאַראַנען — ווי מיר דוכט זיך, דער שפּאַנענדיקסטער ראָמאַן פון אַלע ראָמאַנען — שפּירט איר צו דער יידישער אַסימילאַציע סותרדיקע געפילן. אַ געפיל פון שטילן צער און פון ברוויזנדיקן צאָרן און אַ געפיל פון טיפן גלויבן און האָפע־נונג. און איר קלערט ביי זיך : ווי קענען היינטיקע יידן, וואָס לעבן אין אַ ציוויליזירטער וועלט, וואו אין די קעלערן לויערט ניט מער די אינ־קוויזיציע און אויף די שטאָטישע פּלעצער ברענען ניט מער קיין שייטער־הויפנס, ווי אַזוי קענען זיי מיטן אייגענעם ווילן, צוליב עולם הזה — מאַ־טעריעלע אָדער רוחניותדיקע — אַלצאיינס, פאַרוואַרלאָזן אַזאַ זיכערע גייס־טיקע שטיצע ווי די יידישקייט איז, וואָס יידן האָבן אין איר אַזוי פיל אַריינגעלייגט, זי אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל און דורכגעטראָגן דורך לענ־דער און דורות, דורך יסורים און פּיין. אין דער זעלביקער צייט זאָגט איר זיך : אומזיסט זייער גאַנצע האָרעוואַניע. אָט זעט איר דאָך, ווי ניט לייכט, ווי כמעט אוממעגלעך עס איז צו אַנטלויפן פון יידישקייט. און איר הויבט אָן קוקן אויף זיי, אויף די דאָזיקע יידן, וואָס רייסן זיך מיט אַזאַ אימפּעט צו דער פרעמדער וועלט, ניט ווי אויף פאַרברעכער און בוגדים, נאָר ווי אויף אומגליקלעכע באַשעפענישן, ווי אויף פאַרבלאָנ־דזשעטע שעפעלעך, וואָס מיט גוטן אָדער מיט בייזן וועלן זיי אין אַ שעה פון נויט און פּיין אָדער פון האַרצקלעמעניש און געבראָכנקייט, זוכן דעם

וועג צוריק און ניט לייכט וועט זיי אויסקומען צו געפינען זיינע שפורן. אפשר שווערער און פיינלעכער ווי ס׳איז געווען זיי צו פאַרלאָזן.

איך בעט מחילה ביים לייענער פאַרן דאָזיקן לירישן „זייטנשפרונג״ און איך קער זיך אום צום פּראָזאאישן, טרוקענעם אַנאַליז פון דער יידישער אַסימילאַציע, ווי זי שטייט איצט, און די שאַנסן, וואָס זי האָט פאַר־ווירקלעכט צו ווערן. היינט־וועלטיקע יידן גלויבן קודם כל אַליין באמונה שלמה, אַז ראַסן־ און פעלקער־אַנטאַגאָניזמען מוזן בכלל פאַרשווינדן, ווי נאָר מענטשן וועלן איינזען ווי ניט־יושרדיק, ווי ניט באַגרינדעט זיי זיינען. אין זייער תמימות זיינען זיי איבערצייגט, אַז די דאָזיקע אַנטאַגאָניזמען ווערן אַרויסגערופן דורך די היינט־מאָדישע, פאַלשע ראַסן־טעאָריעס און ניט פאַרקערט, ווי דאָס איז אין דער אמתן. עס איז דעריבער אינטערע־סאַנט אַ קוק צו טאָן, וואָס האָבן וועגן דעם צו זאָגן קריסטלעכע דענקער און געלערנטע, וואָס האָבן די פּראָבלעם אָביעקטיוו שטודירט און האָבן ניט קיין אינטערעס צו פאַרגלעטן דעם ביטערן אמת. און אַז איר הערט זיך צו זיי צו, זעט איר, ווי אומזיסט עס איז די טרחה און ווי אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט אויף די אַלע ביכער און בראָשורן, וואָס יידישע טוער און יידישע חברות לאָזן שרייבן און דרוקן, כדי צו באַווייזן, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז די ראַסן־טעאָריע האַלט ניט אויס קיין וויסנשאַפטלעכע קריטיק. איז עס דען ניט קיין געוואַלטיקע נאַאיווקייט צו גלויבן, בפרט נאָך איצט, אַז דער כוח פון אַנטיסעמיטיזם און זיין ווירקונג הענגען אָפּ דערפון, צי קען מען זיין אידעאָלאָגיע וויסנשאַפטלעך באַגרינדן גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּראָבלעם פון וויסן און ניט פון ווילן. אָט האָט גראַף גאָבינאָ אָנגעשריבן אַ פראַנצויזיש בוך וועגן דער „אומגלייכקייט פון די מענטשלעכע ראַסעס״, אַ ווערק, וואָס איז פונקט אַזוי וויסנשאַפטלעך אָדער ניט־וויסנשאַפטלעך, ווי אַלע חיבורים וואָס פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַלע פענאָמענען. בכל אופן האָט דער מחבר אויסגענוצט אַ רייכן אַרסענאַל פון געשיכטלעכע געשעענישן און היינט־צייטיקע פאַקטן און אָנגעווענדט דעם געוויינלעכן וויסנשאַפטלעכן קלאָפּער־געצייג מיט ניט ווייניקער געשיקט־קייט, ווי די קעגנערס פון דער ראַסן־טעאָריע. איז גראָד אָט דאָס בוך, דאָס גרינטלעכע אין זיין מין, אָפּגעלעגן צענדליקער יאָרן באַדעקט מיט שטויב אויף די ביבליאָטעקן־פּאָליצעס. איז געקומען אַן עם־הארץ גמור און מיט אַ פּאָר דעמאַגאָגישע שלאָג־ווערטער, מיט אַ פּאָר פליגלדיקע, פאַלקלאָריסטישע ווערטלעך, אָן שום וויסנשאַפטלעכן אָנשטעל געשאַפן אַ מיליאָנען־מאַסן־באַוועגונג אויפן יסוד פון דער ראַסע און אָנגעצונדן מיטן ראַסן־פונק אַ וועלט־שריפה.

זאָגט טאַקע דאָנאַלד יאַנג, הגם אַליין ניט נאָר אַפּיקורס אין אַלערליי ראַסן־טעאָריעס, נאָר אויך אַ פאַרברענטער מתנגד פון וואָסערע ניט איז ראַסן־ און מיעוטים־דיסקרימינאַציעס, אַז היילן די דאָזיקע קרענק מיט פּראָפּאַגאַנדע פון ראַסן־פריינטשאַפט קען מען ניט פונקט אַזוי, ווי מען קען ניט היילן קיין קדחת מיט קאַלטע קאָמפּרעסן. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געהערט צו די מעדיקאַמענטן, וואָס שוואַכן אָפּ די סימפּטאָמען פון אַ קרענק, אָבער רירן ניט אָן איר וואָרצל. פון זיין אייגענער דערפאַרונג מיט סטודענטן, פאַר וועמען ער לייענט אַ קורס וועגן, ריכטיקער, קעגן ראַסן־טעאָריעס, ווייסט ער וואויל, אַז דאָס וויסן וועגן ראַסעס און די באַציאונג צו זיי געפינען זיך על פּי רוב אין אַ שרייענדיקער סתירה. מענטשן, וואָס ווייסן אַקוראַט, ווי ניט באַגרינדעט עס זיינען די ראַסן־פאַראורטיילן, האַלטן זיך פונדעסטוועגן ביי זיי געטריי אין זייער פּריוואַט־לעבן און פילן דאָ אפילו ניט קיין תרתי דסתרא. מער ווי 500 פון זיינע סטודענטן האָבן, נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט זיין קורס וועגן ראַסן־באַציאונגען, דאָך ניט אויפגעהערט צו קוקן אויף די אַמעריקאַנער פון אַלטן שטאַם, ווי אויף אַ „העכערער ראַסע". און ער באַמערקט מעלאַנכאָליש: „אַז שטאַרק איז דער 'ווילן צו גלויבן' אין דעם אויסטייטש פון דער געשיכטע, וואָס איז פּערזענלעך גינסטיק". יאַנג ציטירט דעם משל פון די „קוויקערס", איינע פון די פּרייסטע און פּראָגרעסיווסטע סעקטעס אויף דער וועלט, וואָס ווערן ניט מיד צו פּרידיקן ראַסן־דערנעענטערונג. פונדעסטוועגן ווערן אין זייערע שולן און בילדונג־אַנשטאַלטן נעגערס און יידן אָנגענומען נאָר אין זעלטענע פאַלן. גרופּן־אַנטאַגאָניזמען, זאָגט יאַנג, זיינען אומפאַרמיידלעך, ווען מען האָט צו טאָן מיט פעלקער, וואָס אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע אָדער פון געבורט אָדער דורך זייער קולטור, אויב, פאַרשטייט זיך, זיי געפינען זיך אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט און אויב זיי זיינען קאָנקורענטן איינער מיטן צווייטן בפועל אָדער בכוח. דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם קען נאָר דעמאָלט פאַרשווינדן, ווען עס וועלן פאַרשווינדן אָדער די ראַסן־ און נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייטן אָדער די קאָנקורענץ. ס'איז קלאָר, אַז הן אויף דעם ערשטן, הן אויף דעם צווייטן וועט מען נאָך דאַרפן לאַנג, לאַנג וואַרטן. און דער אויספיר, וואָס ער מאַכט אויפן סמך פון אַ גרינטלעכער שטודיע וועגן די ראַסן־ און מיעוטים־פּראָבלעמען און וועגן אַ לאַנגיאָריקער פּערזענלעכער דערפאַרונג אַלס פאַרטיידיקער פון אונטערדריקטע ראַסעס און פעלקער, איז גאָר ניט קיין היימלעכער. דער גלויבן פון אידעאַליסטן אין דער פילאָסאָפיע פון דעמאָקראַטיע פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז בעוונותינו הרבים ניט רעאַל, און מען קען

ניט אַרויסקוקן אויף ראַסן־ און פעלקער־גלייכקייט און טאָלעראַנץ אין דער נאָענטסטער צוקונפט. מיט דעם דאָזיקן פאַקט מוז מען זיך רעכענען ביי יעדער פּראָגראַם, וואָס מען וויל אויסאַרבעטן אויף צו רעגולירן מערהייט־ און מינדערהייט־באַציאונגען.

לערך צו די אייגענע מסקנות קומען אויך די פּאָר צענדליק מיטאַר־בעטער פונעם אַמעריקאַנער זאַמלווערק „אונדזערע ראַסן־ און נאַציאָנאַלע מיעוטים", אַרויסגעגעבן פון די פּראָפעסאָרן ברוין און רויסעק. איך וועל דאָ ברענגען, כדי ניט צו פיל צו ציטירן, נאָר די מיינונג פון פּראָפעסאָר דאָנאַלד ר. טאַפט, וואָס איז איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער פאַכ־לייט אויף דעם געביט. וועלכע עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקע־רונג, פרעגט ער, דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי מיעוטים, ווי פרעמדע. און זיין תשובה איז, אַז דאָס קען מען ניט באַשטימען לויט אויסערלעכע סימנים. וואָרעם מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן ענין פון באַציאונגען (אַטיטיוד), וועלכע קענען זיין פונקט אַזוי גוט באַגרינדעט אויף פאַקטן ווי אויף איינ־בילדונג. אַזוי צי אַזוי ענדערט עס גאָרניט אין דער פּאַקטישער לאַגע.

פונקט אַזוי האָבן ניט קיין שום ווערט די טענות פון געוויסע יידן, אַז מיר זיינען אין תוך גלייך מיט די איבעריקע פעלקער און זייערע דרשות מאַכן קיין שום רושם ניט אויף דער וועלט. אויך דאָ דעצידירן ניט די אויסערלעכע פאַקטן, נאָר די קעגנזייטיקע באַציאונגען. און אויב מיר, וואָס שטייען אינעווייניק און נאָענט, מאַכן אָפט דעם גרייז צו נעמען ערנסט די דאָזיקע רייד און מיר מיינען אָפט מאָל באמת, אַז יידישע אַסי־מילאַציע האָט שוין מנצח געווען, אַז ס'איז שוין „נאָך אַלעמען", זעען מיר אין אונדזער טעות, ווען מיר באַמערקן, ווי „זיי" קוקן אויף דעם „אַסימילירטן" יידן, מיט וואָס פאַר אַ אויגן זיי זעען אים. און אויב דער „זיי" זיינען ניט קיין פאַרבלענדטע אַנטיסעמיטן, באַקומט זייער עדות זאָגן נאָך אַ גרעסערע חשיבות.

פּראָפעסאָר הערצלער (זאַמלבוך „יידן אין אַ קריסטלעכער וועלט") הויבט אויף דעם שלייער, וואָס פאַרדעקט די אמתע באַציאונג פונעם אַמע־ריקאַנער צו זיינע יידישע מיטבירגער. יידן, האַלט ער, זיינען טאַקע ניט קיין ריינע ראַסע אין ביאָלאָגישן זינען, אָבער סאָציאָלאָגיש גענומען זיינען יידן אַ גרופּע, מיט וועלכע אַנדערע גרופּעס געפינען זיך אין אַ קאָנפליקט־צושטאַנד. און די אַנדערע פעלקער קוקן אויף זיי דווקא ווי אויף אַ ראַסע. אַט די באַציאונג ווי צו אַ ראַסע איז דאָס, וואָס באַשטימט זייער האַלטונג און אויפפירונג און ניט די וויסנשאַפטלעכע שקלא וטריא, צי זיינען יידן אַ ראַסע צי ניט און צי עס עקסיסטירן בכלל ריינע ראַסעס אויף דער

וועלט. און הערצלער שטעלט פעסט, אַז דער געוויינלעכער מענטש פון דער גאַס רעכנט יידן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַריין צווישן די ראַסן־קאַטעגאָריעס, ווי די נעגערס, כינעזער, יאַפּאַנער און אינדיאַנער. און אין אַט דער באַציאונג צום יידן, ווי צום שטאַרק־אַנדערן, ווי צום ווייט־פרעמדן, ליגט דער מקור פון אַנטיסעמיטיזם הן אין דער אַלטער, הן אין דער נייער וועלט. הערצלער, ווי אַ געלערנטער סאָציאָלאָג, ווייסט גאַנץ גוט, פּונקט ווי יאָנג, ווי שווער, אפשר אוממעגלעך, עס איז, סיידן מען זאָל אַרויסקוקן אויף אַן עוואָלוציע פון לאַנגע דורות, צו פאַרטרייבן ביי מענטשן טיף איינגעוואָרצלטע געפילן און באַציאונגען, וואָס ליגן איינגע־גראָבן אונטער זיין באַוואוסטזיין. און דערפון נעמט זיך זיין פּעסימיסטי־שער רעאַליזם, וואָס גלויבט ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם זאָל אַזוי גיך פאַרשווינדן, סיידן... יידן זאָלן בפועל זיך אַסימילירן אָן שום רעשטלעך. און כדי דאָס צו דערגרייכן, מוזן יידן קודם כל זיך אָפּזאָגן פון וועלכער ניט איז צוזאַמענגעבונדנקייט מיטן יידישן עבר, וועלכער איז אַ נאַציאָנאַ־לער עבר, פון וועלכע ניט איז יידישע צוקונפט־האָפענונגען, ווייל זיי זיינען נאַציאָנאַלע האָפענונגען, פון אחדות מיט יידן אויף דער גאָרער וועלט, ווייל אויך די דאָזיקע אחדות איז אַ נאַציאָנאַלע און גייט ברייט אַריבער די גרענעצן פון געוויינלעכער רעליגיעזער סאָלידאַריטעט, ווי מיר זעען זי ביי אַנדערע רעליגיעס. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ווייניק. יידן מוזן זיך עטניש, ביאָלאָגיש אויסמישן מיט די אַנדערע און געמישטע חתונות דאַרפן ווערן ניט דער יוצא מן הכלל, נאָר די נאָרמע.

ריימאָנד קענעדי פונעם יעיל־אוניווערסיטעט, וואָס שרייבט אינעם ציטירטן זאַמלבוך, ווייסט אויסגעצייכנט דעם טייטש פון ישראל ואוריתא חד הוא, וואָס אַ סך יידן האָבן שוין פאַרגעסן. יידן אין אַמעריקע זיינען, לויט זיין דעפיניציע, אַ „רעליגיעז־נאַציאָנאַלע גרופּע, וועלכע פאַרנעמט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט דעם סטאַטוס פון אַ כמו־קאַסטע (קוואַזי־קאַסטע)". און דערמיט דערקלערט ער די סאָציאַלע איזאָלאַציע פון יידן אין אַמעריקע, וואָס הגם זי דערגרייכט ניט דעם אייגענעם פאַר־נעם און טראָגט ניט דעם זעלביקן כאַראַקטער ווי בנוגע די שוואַרצע, איז זי אָבער ברייט גענוג הן אין איר פאַרשפּרייטונג און הן אין איר ווירקונג. ער קומט צו דער אייגענער מסקנה ווי הערצלער, אַז די סי־טואַציע פון די יידן ווי אַ באַזונדערע ראַסע אָדער קאַסטע קען נאָר פאַר־שווינדן, ווען יידן זאָלן באמת גרייט זיין אויף פולער אַסימילאַציע. און דאָס מיינט, צווישן אַ ריי אַנדערע זאַכן, אַ טיפע און גרינטלעכע רעלי־גיעזע רעפאָרם, וואָס זאָלן מאַכן פון דעם יידישן דת אַ רעליגיע פון

גלויבן־דאָגמעס און אויסשיילן די דאָזיקע אני מאמינס פון אַלע נאַציאָ־נאַלע אידייען און פאָלקס־שטייגערס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יידיש־קייט. דעמאָלט וועט אפשר פאַרווירקלעכט ווערן דער וואונטש פון קע־נעדי צו זען אַמאָל דעם אויפקום פון אַן „אַמעריקאַנער־יידישער קירך".

אָט אַזוי, אָדער לערך אַזוי, זעען אויס די מיינונגען פון אַלע קריסט־לעכע מיטאַרבעטער פון דעם ציטירטן זאַמלבוך, מיטן אויסנאַם פון איי־נעם — סטאַנקוויסט. פאַרקערט אָבער, פאַרטיידיקן די יידישע מחברים, ווי מען האָט עס געדאַרפט דערוואַרטן, דעם טראַדיציאָנעלן ליבעראַליס־טיש־אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפונקט, ווי ווייט זיי רירן בכלל אָן די גרונט־פּראָבלעמען פון יידן צווישן די פעלקער. נאָר צום אומגליק, אָדער ווי איך מיין צום גליק, איז דעצידירנדיק די מיינונג פון די קריסטלעכע אויטאָרן, וועלכע דריקן אויס די שטימונגען פון דער מערהייט, פון וועל־כער מיר הענגען אָפּ און וועלכע האָט אַליין צו באַשטימען, ביי וואָסערע באַדינגונגען די מערהייט איז גרייט אונדז אויפצונעמען אין איר „שויס". און איר האָט שוין געקענט זען, וואָס פאַר אַ פּרייז מען פאַרלאַנגט פאַר אַריינגעמען אונדז ווי גלייכע מיט גלייכע. דער וועקסל, וואָס יידישע שתדלנים האָבן אויסגעשטעלט סוף 18טן יאָרהונדערט, דאַרף באַצאָלט ווערן ביז דער לעצטער פּרוטה. זענט איר נאָר אַ רעליגיעזע געמיינ־שאַפט, טאָ זייט עס טאַקע, אָבער אַקוראַט אַזוי ווי מיר זיינען דאָס און ניט אויף אייער אייגענעם שטייגער און אין אייער אינטערפּרעטאַ־ציע, וואו רעליגיע מיינט עפּעס אַנדערש — דאָס, וואָס אויף אונדזער נאָרמאַלן מענטשלעכן לשון רופן מיר קולטור, פּאַטריאָטיזם, געשיכטע, מינהגים און וואָס נאָר איר ווילט אַליין. דער ווערטער־שפּיל נעמט אַ סוף און מען רעדט מיט אונדז תכלית: אויס יידישע געשיכטע, אויס יידישע אחדות, און פאַר רעליגיעזע צערעמאָניעס — אַ געקירצטע און ספּעציעל־צוגעשניטענע „אַמעריקאַנער־יידישע קירך".

נאָר היות ווי יידן האָבן קיינמאָל ניט געהאַט בדעה צו באַצאָלן אַזאַ טייערן מקח פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, זיינען זיי געבליבן יידן און האָבן טאַקע די דאָזיקע גלייכבאַרעכטיקונג ניט באַקומען אין איר פולן פאַרנעם, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן ניט אויסגעגליכן איר פולן עקוויוואַ־לענט. און טאָמער געפינען זיך יידן, וואָס לייקענען עס, און זאָגן, אַז זיי זיינען מוכן ומזומן זיך צו אַסימילירן, גלויבט זיי ניט די וועלט און זי איז גערעכט. און מיר, נאַציאָנאַלע יידן, וועלן טאָן גוט און קלוג, ווען מיר וועלן זיי אויך ניט גלויבן.

די אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט הן ביי אונדז גופא, הן ביי די

אַרומיקע פעלקער, באַנקראָטירט אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש. דאָס העכסטע, וואָס זי האָט געקענט דערגרייכן, איז דאָס, וואָס זי האָט צעקאַלעטשעט אַ טייל יידן, די אינטעליגענץ און די העכערע קלאַסן. צום טייל אָבער — און צו אונדזער אומגליק — האָבן זיי אויך דאָס פאָלק אָנגעשטעקט מיט זייערע אייגענע חולאתן, מיט כאַראַקטערלאָזיקייט, מאָראַלישער שפלות און מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקסן. די אַסימילאַציע־פּעסט האָט אַ היפּשע צאָל יידן געמאַכט פאַר גייסטיקע קאַליקעס און פאַרזעענישן. אָבער איר ענד־ציל — די פאַרניכטונג פון יידישקייט האָט זי ניט געקענט און אפילו ניט געוואָלט דערלאַנגען. „אַסימילירטע" יידן האָבן זיך אַליין דערשראָקן פאַר די לעצטע קאָנסעקווענצן און צוגעטראַכט כלערליי תירוצים, כדי זייער „יידן־זיין" צו באַרעכטיקן פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט. און געשען איז דאָס, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל פּאַסירט אין דער יידישער געשיכטע: ווידער אַמאָל ווי אין אַלעקסאַנדריע, רוים און ספרד זיינען די אויסערלעכע אָפּשטויסונג־טענדענצן געקומען צוהילף די אינעווייניקסטע יידישע צוצי־כוחות. וועמען האָבן מיר מער צו פאַרדאַנקען: דעם שונא אָדער אונדזער אייגענער קראַפט — איז אַ שאלה, וואָס וועט שוין מסתמא אַזוי בלייבן אָן אַ תשובה. איינס אָבער ווייסן מיר: די אַסימילאַציע ווערט תמיד צעשמעטערט פון כמעט גלייכצייטיקע אינערלעכע און אויסערלעכע אַטאַקעס גראָד דעמאָלט, ווען עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט קומט זי צום געווינטשטן ברעג, אַז אָט־אָט וועט זי אָפּהאַלטן איר לעצטן ניצחון. דער דאָזיקער ניצחון איז אָבער ביז איצט קיינמאָל ניט געקומען און וועט אויך ניט קומען. עס פאַלן קרבנות. די שוואַכע ווערן צעמאָלן צווישן די רעדער. אָבער דאָס פאָלק לעבט און גייט זיך ווייטער זיין שווערן און לאַנגן וועג.

קאַפּיטל פופצן

די קאָנפליקטן פון אַ פאַרשלייערטן מינדערהייט־מצב

די אַסימילאַציע האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי רעאַליסטיש, אַזוי פּראַק־טיש. האָט זיך דאָך געערעדט נאָר פון נוצן, פון טובות פאַר יידן. זי האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט פאַר דער גרעסטער אוטאָפּיע פון דער יידישער געשיכטע. יידן זיינען געווען און געבליבן אַ באַזונדערע מינדערהייט אין אַלע לענדער, אין אַלע צייטן און צווישן אַלע פעלקער. און אַ באַזונדערע ניט אין איין פּרט, אין אַ באַשטימטער באַציאונג, נאָר אין אַלע פּרטים און אין אַלע באַציאונגען. אַ מינדערהייט, וואָס אַלע אַרום איר האָבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי איז אין גרונט אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. דעם זייטיקן, דעם אויסנשטייענדיקן וואַרפט זיך אין די אויגן קודם כל די דאָזיקע אַנדערשקייט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זיינען גאָרניט, איבעריקנס קען עס קיין סאָציאַלער קאָלעקטיוו ניט זיין, פון איין גוס און פון איין שניט. אַלע אונ־דזערע אינעווייניקסטע מחלוקתן און מלחמות צווישן פרומע און פרייע, באַ־ציאָנאַליסטן און אַסימילאַטאָרן, ציוניסטן און גלותיסטן, וואָס, ווי אונדז דוכט זיך, שיידן זיי טיף פאַנאַנדער דאָס יידישע פאָלק אין פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע אָדער גאָר פיינטלעכע שבטים, פאַרשווינדן, עקסיסטירן ניט פאַר דעם זייטיקן, אין פאַרגלייך מיט דער גרונט־איינהייטלעכקייט, וואָס אין זיינע אויגן פאַראייניקט זי אונדז אַלעמען אין איין גאַנצער פאַמיליע. הערט אויף טשיקאַוועס פּראָפעסאָר הערצלער: „אַ סך יידן לייקענען, אַז עס עקסיסטירט אַזאַ זאַך ווי יידישע קולטור, אַזוי ווי זיי לייקענען אַזאַ מין, ווי אַ יידישע ראַסע. פונדעסטוועגן, בעת די יודעי דבר וועלן צוגעבן, אַז ס'איז טאַקע נישטאָ קיין יידישע ראַסע, וועלן אָבער גאָר ווייניק מסכים זיין, אַז ס'איז ניטאָ קיין יידישע קולטור מיט אירע וויכטיקע אונטערשיידן פון דער הערשנדיקער מערהייט־קולטור". „באַרמאַל איז איטלעכע קולטור אַ פּראָדוקט פונעם לאַנד, צו וועלכן זי איז צוגעבונדן און מיט וועלכן זי ווערט אידענטיפיצירט. אָבער די יידישע קולטור איז שטענדיק אַ פרעמדע קולטור — אַ ניט פאַרדייטער עלעמענט — אין ראַמען פון דער גרע־

סערער קולטור פון אַ באַשטימטן ערד־שטח". „דער גלות גופא האָט געמאַכט די יידן „אינטערנאַציאָנאַל" און זייער קולטור — אוניווערסאַל (פון מיר אונטערגעשטראָכן — י. ע.). אומעטום זיינען די באַזעס פון זייער לעבן די זעלביקע".

הערצלער קאָנסטאַטירט דאָס, וואָס מיר וויסן שוין לאַנג, אַז די פּאַר־בינדונגען פון דעם יידן, פון יעדן קלאַס יידן — אין פאַרגלייך מיט דעם זעלביקן קלאַס ניט־יידן — מיט פעלקער, לענדער און מענטשן, וואָס לעבן אין אַנדערע טעריטאָריעס, בפרט טאָקע מיט יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט, זיינען ניט לערך ברייטער און פעסטער ווי ביי ניט־יידן. דער דורכ־שניטלעכער אינטעליגענטער ייד לייענט מער אויף פרעמדע שפּראַכן, ווי דער דורכשניטלעכער אינטעליגענטער קריסט. דער געוויינלעכער יידי־שער סוחר האָט מער געשעפטלעכע פאַרבינדונגען אין אויסלאַנד און דער געוויינלעכער יידישער אַרבעטער — מער קרובים און פריינט אין אַנדערע לענדער. און אין אַן אַנדער אָרט שרייבט הערצלער: „...מען קען זאָגן, אַז די טרייקייט (לאָיעלטי) פון דעם יידן בנוגע יידן איז אַ שבט־לאָיאַלי־טעט, בנוגע אַנדערע איז זי אוניווערסאַל; די לאָיאַליטעט פון די מייסטע מאָדערנע ניט־יידן איז אַ בירגערלעכע און במילא אַ נאַציאָנאַלע. דערפון נעמט זיך, וואָס דער ייד איז כמעט אומעטום מער קאָסמאָפּאָליטיש, אומע־טום און אין ערגעץ ניט ביי זיך אין דער היים, וויניקער נאַציאָנאַליסטיש ווי די קריסטן, וועמענס עלטערן־היים, קולטור, שפּראַך און געפילן זיינען מער באַשרענקט דורך געאָגראַפישע און פּאָליטישע גרענעצן". אַ סך יידן, זאָגט הערצלער, מסתמא די מערהייט, ווילן ניט אויפהערן צו זיין יידן. זיי ווילן אָבער אין דער אייגענער צייט זיין פולע און גלייכע מיטבירגער פון די מדינות און פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע קער־פּערשאַפטן, וואו זיי באַוועגן זיך. אָבער אויף צו ווערן איינס מיט די אַנדערע, בפרט ביי דעם איצט־הערשנדיקן נאַציאָנאַליסטישן גייסט, מוז מען אויפהערן צו זיין עפּעס אַנדערש און ניט וועלן עס זיין. גרויסע טיילן פון אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס זאָגן זיך אָפּ פון זייער פריער־דיקער נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט, בעת זיי ווערן גלידער פון אַן אַנדער נאַציע. און ניט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך קולטורעל און גייסטיק שמעלצן זיי זיך צוזאַמען מיט דער נייער נאַציע. דער ייד אָבער, אפילו אין דריטן און פערטן דור, זאָגט זיך ניט אָפּ פון יידישקייט און ניט פון זיין סאָלי־דאַריטעט מיטן יידישן פאָלק אויף דער גאַרער וועלט.

אָט אויף דעם גרונט־חילוק צווישן יידן און די איבעריקע נאַציאָנאַלע מיעוטים פאַרמאַכט מען ביי אונדז די אויגן און מען פּרוּווט איינרעדן

זיך און די וועלט, אַז אין תוך זיינען מיר יידן אַן אַבסאָלוט נאָרמאַלע דערשיינונג. והראיה — די אַנדערע מיעוטים. און כדי נאָך מער צו פאַרפלאָנטערן די סוגיא, מישט מען צונויף אין איין קאָשע די צעשפרייטע יחידים, אָנגעהעריקע פון אַ באַשטימטער נאַציע, מיט די געשלאָסענע טעריטאָריאַל־פאַראייניקטע נאַציאָנאַלע מיעוטים אין די גרענעצן פון פיל־פעלקערדיקע מלוכות. מיט די לעצטע קען מען יידן וויפיל מען זאָל ניט אָנשטרענגען דעם ווילן און ווי פריי מען זאָל ניט לאָזן פליען די פאַנטאַזיע דאָך ניט פאַרגלייכן. דערפאַר אָבער ווערט עס „ליהודים", אַז מען דערמאָנט זיך אָן דער ערשטער קאַטעגאָריע. אַזוינע צעוואָרפענע מינדערהייטן געפינט מען אין אַ באַדייטיקער צאָל באמת נאָר אין איין לאַנד — אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, ד"ה אין אַ לאַנד פון איינוואַנדערונג, וואו מענטשן־שטראָמען האָבן זיך אַריינגעגאָסן פון כמעט אַלע לענדער פון דער וועלט. מען וויל אָבער ניט פאַרשטיין, אַז אויב מינדערהייטן זיינען דאָרט אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון איינוואַנדערונג, הייסט עס במילא, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאָראיבערגייענדיקער דערשיינונג. כל־זמן די מאַסן־איינוואַנדערונג איז געגאַנגען אָן אַ הפסקה, און די רחבות, די שפע פון דעם לאַנד האָבן געקענט אָט דעם גרויסן מענטשן־שטראָם איינזאַפן, זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געווען ניט מער ווי אַ מדינה, און קיין נאַציע האָט זיך נאָך ניט געקענט אויספורעמען, אויסקריסטאַליזירן. עס האָט אָבער געמוזט קומען אַ מאָמענט, ווען די „אומבאַגרענעצטע" מעגלעכקייטן האָבן זיך איינגעשרומפט און די אויפנאַם־פעאיקייט פון לאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַגרענעצט. שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט דער דאָזיקער פראָצעס אַלץ בולטער און גיכער, און ער וועט נאָך פאַרשנעלערט ווערן נאָך דער ליקווידאַציע פון דער איצטיקער מלחמה. פאַראַלעל דערמיט ווערט אַלץ מער פאַרשפרייט דאָס באַוואוסטזיין, אַז די אַמעריקאַנער מדינה מוז ווערן אויך אַ נאַציע, אַ גייסטיקע און קולטורעלע איינהייט. ווען דאָס ניט געשען, מוז איר פאָליטישע און מיליטערישע מאַכט בלייבן הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט איר ווירטשאַפטלעכער פאָטענץ און מיט דער גרויס פון איר באַפעלקערונג. די איצטיקע דיספראָפאָרץ צווישן אַמעריקאַנער כמות און איכות קען נאָר באַזייטיקט ווערן, ווען לאַנד און פאָלק וועלן זיך צונויפגיין, צוזאַמענגיסן. און פאַרקומען קען דאָס נאָר אויף איינעם פון די צוויי אופנים, קיין דריטן האָט נאָך די וועלט ניט צוגעטראַכט: אָדער אויפן סאָוועטישן שטייגער, ד"ה דורך דער פאָרמירונג פון אַ בונד פון פעלקער, אָדער דורך דער אַסימילאַציע פון יחידים. דער ערשטער וועג איז פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן פאַר־

שטעלט, ניט בלויז צוליב איר קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ־סיסטעם, נאָר אויך דערפֿאַר, ווייל אירע מיעוטים האָבן זיך ניט אויסגעפורעמט היסטאָריש צוזאַמען מיט באַשטימטע טעריטאָריאַלע איינהייטן, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אויפגעלאָף פון פעלקער, וואָס זיינען עד היום געבליבן אַ צונויפגעמישטער ערב רב. אַט פאַרוואָס די פאַראייניקטע שטאַטן פעלט דער סאַמע יסוד אויף צו קענען זיך פאַרוואַנדלען אין פאַראייניקטע פעל־קער. במילא קען דער וועג צו איינהייט פאַרן דאָזיקן לאַנד זיין נאָר דער וועג פון אַסימילאַציע, פון אַמעריקאַניזאַציע.

די אַמעריקאַנער יידן, לכל הפּחות אַ באַדייטיקער טייל פון זיי, ווילן ניט זען מיט אָפענע אויגן די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער דאָזיקער עוואָ־לוציע. מען כאַפּט זיך אָן אָן כלערליי פיקציעס און פשטלעך, וואָס האָבן נאָר איין פּעולה — צו פאַרשלייערן די רעאַליטעט. אָט הערט איר ביי אונדז אָפט שמועסן וועגן „קולטורעלן פלוראַליזם" ווי די באַזונדערע טענ־דענץ פון דער אַמעריקאַנער אַנטוויקלונג. דערביי איז מען, ווי דער מינהג איז, זיך סומך אויף גויאישע בר־סמכאס. וועט איר געוויס נייגעריק זיין צו הערן, וואָס זאָגן זיי טאַקע אין דער אמתן און וואָס יידן האָבן אין זייערע רייד אַריינגעלערנט, אַריינגעפּשטלט. שטעלט זיך אַרויס, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום פּרינציפּיעלער חילוק צווישן די „אַמעריקאַניזאַטאָרן" אָדער אַסימילאַציאָניסטן און די „פלוראַליסטן". עס איז ניט מער ווי אַן אונטער־שייד אין מעטאָד. דער ציל אָבער בלייבט דער אייגענער — די באַשאַ־פונג פון אַן איינהייטלעכער אַמעריקאַנער נאַציע, איינהייטלעך אין אַלע באַציאונגען, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט, חוץ יידן, פאַרשטייען עס.

די פלוראַליסטן, אָדער אויב איר ווילט די ליבעראַלע אַמעריקאַנער אַסימילאַטאָרן, האָבן איינגעזען, אַז די „בליץ"אַסימילאַציע, די געצוואונ־גענע פאַרניכטונג פון דער „קולטורעלער ירושה" פון די אימיגראַנטן, איז הן ניט יושרדיק, הן — און דאָס איז אפשר דער עיקר, ווייל אויף דעם שטעלן זיי דעם טראָפּ — ניט פּראַקטיש, און דערנעענטערט ניט, נאָר פאַר־קערט, דערווייטערט פון דעם ציל, פון דער אמתער אַמעריקאַנער איינ־הייט. זאָגט דזשאָרדזש פּיין („די שול און דער אימיגראַנט"), אַז די שפּראַך־אַסימילאַציע, די פולשטענדיקע און געצוואונגענע האָט געבראַכט צום פאַנאַנדערפאַלן פון דער אימיגראַנטישער פאַמיליע. די קינדער האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דער ירושה פון זייער היים און אויף איר שפּראַך, ווי אויף עפּעס מינדערווערטיקס. ווי אַ רעזולטאַט איז געפאַלן די אויטאָ־ריטעט פון די עלטערן און עס זיינען אומפאַרמיידלעך געוואַקסן די פאַר־ברעכנס צווישן דעם צווייטן אימיגראַנטן־דור. און לעאָנאַרד קאָוועלאָ („די

שפּראַך ווי אַ פאַקטאָר פון סאָציאַלער צופּאַסונג") דערציילט, ווי איטאַליענישע קינדער, וואָס האָבן זיך דורכגענומען מיט דער תורה פון דער אַמעריקאַנער שול, הויבן זיך אָן שעמען מיט זייערע עלטערן. עס דערגייט דערצו, אַז אַ קינד וויל ניט ענטפערן דער מאַמען, ווען זי רעדט צו אים איטאַליעניש. די דאָזיקע פאַלשע פּאָליטיק קען ניט געבן קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און קאַוועלאָ פירט אויס מיט רעכט, אַז די אַסימילאַציע וועט ניט דערגרייכן איר ציל כל־זמן מען וועט ניט פאַרשטיין, אַז אינעם איבערגאַנג־פּעריאָד מוז מען באַנוצן די מוטער־שפּראַך פונעם קינד און ניט זי פאַרמיאוסן אין זיינע אויגן. אָט דאָס איז דאָס ווירקזאַמע מיטל צו אַסימילאַציע.

דאָ האָט איר די שטים פון די איטאַליענישע קרייזן. אָבער אין דעם אייגענעם טאָן רעדן אויך די פאַרטרעטער פון אַ מער האַפּטיקער און מער האַרטנעקיקער נאַציאָנאַלער גרופּע, פון דער דייטשישער. קלאַראַ א. האַרדין און הערבערט א. מילער זאָגן („דער צווייטער דור"), אַז די פּאָליטיק פון די אַמעריקאַנער הונדערט־פּראָצענטיקע פּאַטריאָטן צו איגנאָרירן דעם קולטורעלן באַגאַזש, וואָס דער אימיגראַנט ברענגט אַריבער פון דער אַלטער וועלט, וועט נאָר אויפהאַלטן דעם נאַטירלעכן, פּאַמעלעכן, אָבער אומפאַרמיידלעכן אַסימילאַציע־פּראָצעס. אין דער קולטורעלער ירושה פון דעם אימיגראַנט שטעקט ניט קיין שום סכנה, ווייל אַזוי צי אַזוי איז זיין אָנטייל אין דער הערשנדיקער אַמעריקאַנער סיסטעם אַ נויטווענדיקייט, וואָס לאָזט זיך ניט אויסמיידן. מען דאַרף האָבן געדולד און רואיק אָפּוואַרטן די אַסימילאַציע, וואָס מוז קומען.

און אין דער פראַגע זיינען ניט פאַראַן קיין חילוקי־דעות צווישן די "עכטע" אַמעריקאַנער פון „אַלטן שטאַם" און די פאַרטרעטער פון דער „נייער אימיגראַציע". אַזוי קענט איר הערן דעם אייגענעם גלאָקן־קלאַנג ביי דאָנאַלד יאַנג. אויך ער האַלט, אַז די אַסימילאַציאָניסטן, וואָס ווילן מיט אַמאָל אויסראָטן די מוטער־שפּראַך פון אימיגראַנט, אַנשטאָט זי צו באַנוצן ווי אַ ווירקזאַם קולטור־מיטל, קענען נאָר דערגרייכן די אויבנאויפיקע פּאָלירונג און ניט קיין אמתע אַסימילאַציע.

די אַסימילאַציע בלייבט בכן פאַר אַלעמען דער ענד־ציל און דער קולטורעלער פּלוראַליזם איז ניט מער ווי אַ מיטל, אַן איבערגאַנג־שטופּע. די, וואָס גייען גאָר ווייט, האַלטן, אַז די קולטור־ירושה פון די אימיגראַנטן וועט ניט פאַרשווינדן שפּורלאָז, זי וועט אַריין ווי אַ באַשטאַנד־טייל אין דער צוקונפטיקער, איינהייטלעכער אַמעריקאַנער קולטור.

צי איז די דאָזיקע השערה באַרעכטיקט צי ניט; צי וועט די נאַציאָ־

נאַלע אַמעריקאַנער קולטור זיין אין איר תוך אַן אַנגלאַ־סאַקסישע, ווי דאָס לייגט זיך אויפן שכל, אָדער אַן אַמאַלגאַמע פון דער דאָזיקער קולטור מיט געוויסע איינגרעדיענטן פון די קולטורן פון די איבעריקע איינגעוואַנ־דערטע פעלקער — דאָס איז אַ פראַגע, וואָס אַן ענטפער אויף איר וועט ערשט געבן די געשיכטע. אָבער אַזוי צי אַזוי, אַלע האָבן אין זינען אַ גאַנצע, אַן איינהייטלעכע קולטור און קיינער לאָזט אפילו ניט צו דעם געדאַנק וועגן אַ פּאַראַלעלער, דויערנדיקער עקסיסטענץ פון פאַרשיידענע פעלקער, פון פאַרשיידענע קולטורן אויפן שטח פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי עס טייטשט עס אויס די יידישע מפרשים פונעם „קולטורעלן פלו־ראַליזם".

דזשאָרדזש פיין ברענגט אַרויס דעם דאָזיקן געדאַנק מיט אַן אַבסאָלוטער קלאָרקייט אין זיין אַרבעט איבער „דערציאונג און קולטורעלן פלוראַליזם". די ביז־איצטיקע אַסימילאַציע־טעאָריעס האָבן געהאַלטן, אַז די איינגעוואַנדערטע פעלקער דאַרפן זיך אונטערטונ־קען אינעם אַמעריקאַנער שטראָם. זיי האָבן אָבער זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם, אַז די אַמעריקאַנער קולטור גופא זאָל באַאיינפלוסט ווערן פון די דאָזיקע פרעמדע מיעוטים־קולטורן. פיין טרעט אַרויס קעגן דער טעאָריע פונעם „שמעלץ־טאָפּ" אינעם וואולגאַרן זינען. ער האַלט, אַז קולטורעלער פלוראַליזם מיינט אַ צוזאַמענשמעלצונג פון אַלע קולטורן, אַזוי אַז איטלעכע פון זיי זאָל צוטראָגן איר חלק צו דער באַשאַפונג פון אַ געמיינזאַמער אַמעריקאַנער קולטור. קולטורעלער פלוראַליזם, זאָגט ער אָבער, מיינט ניט, אַז די איינצלנע קולטורן זאָלן ווייטער בלייבן ניט פאַרענדערט אויף אייביק אינעם אַלגעמיינעם שטראָם. „די דאָזיקע טע־אָריע (פון קולטורעלן פלוראַליזם) איז דער עיקר כולל אין זיך אַ טעכניק פון סאָציאַלער צונויפּפּאַסונג, וועלכע וועט מעגלעך מאַכן אויפצוהאַלטן דאָס בעסטע פון אַלע קולטורן, דער עיקר כדי אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דעם קינדס פּערזענלעכקייט אין דער מיעוטים־גרופּע".

און מען זאָל ניט מיינען, אַז די דאָזיקע מיינונגען זיינען ניט מער ווי אַבסטראַקטע טעאָריעס. דווקא פאַרקערט, זיי שפּיגלען אָפּ נאָר אין אַ גאַנץ קליינער מאָס און אין אַן אָפּגעשוואַכטער וווּכער פאָרם די אַסימילאַציע־טענדענצן, וואָס זיינען באמת פיל שטאַרקער און אימפּעטיקער אינעם רעאַלן אַמעריקאַנער לעבן. פראַנסיס י. בראַון שטרייכט אונטער („די מיעוטים־גרופּעס און זייערע געמיינדעס") דעם געוואַלטיקן חילוק, וואָס איז פאַראַן צווישן דעם פריש־אָנגעקומענעם איינוואַנדערער און די אימי־גראַנטן, וואָס האָבן שוין צו ביסלעך זיך איינגעלעבט אין לאַנד. אַז זיי

קומען אַראָפּ פון שיף אָן שפּראַך און לאַנד־קענטשאַפט, גרופּירן זיי זיך אין באַשטימטע, אין די ביליקערע שטאָט־קוואַרטאַלן און בילדן דאָרט אמתע געטאָס. וואָס העכער אָבער דער אימיגראַנט שטייגט עקאָנאָמיש, וואָס מער ער וואָרצלט זיך איין אין לאַנד, אַלץ ווייניקער באַדאַרף ער אָנקומען צו דער הילף פון זיין נאַציאָנאַלער גרופּע. דאָס באַטייט אָבער פאַר אַ סך אימיגראַנטן די אָפּשוואַכונג אָדער אפילו די פולע איבעררייסונג פון זייער פריערדיקע נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען. די דאָזיקע טענדענץ באַווייזט זיך אָבער נאָך בולטער אין צווייטן, דריטן אימיגראַנטן־דור. און וואָס מער דורות עס גייען פאַרביי, אַלץ בלייכער ווערן די שפּורן פון דער „אַלטער ירושה”. די ווייטערדיקע אימיגראַנטן־דורות, ווי עס באַשטעטיקן די פאָרש־אַרבעטן פון דאָנאַלד יאָנג, הערן אויף צו קוקן אויף זיך ווי אויף פרעמדע, ווי אויף מינדערהייטן און זיי ווערן מער ניט באַטראַכט ווי אַזוינע פון די אַלט־איינגעזעסענע. אַזוי, למשל, האָבן די דייטשן און אירלענדער אויפגעהערט צו בילדן מינדערהייטן און די גאַנצע וועלט אָנערקענט זיי ווי אמתע אַמעריקאַנער.

און דאָס, וואָס האָט נעכטן פּאַסירט מיט אירלענדער און דייטשן, וועט מאָרגן פאָרקומען אויך מיט די איבעריקע „נייע אימיגראַנטן”, וואָס מער עס וועט זיך אָפּרוקן אין צייט די דאַטע פון זייער איינוואַנדערונג אין לאַנד. אייראָפּעאישע יידן מיינען געוויינלעך, אַז די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע ביי די יידן אין אַמעריקע איז אַן אויסנאַם־פאַל. אין דער אמתן אָבער קומט דער אייגענער פּראָצעס פאָר ביי אַלע איינגעוואַנדערטע פעלקער, הן אין דער פאַמיליע און הן אין עפנטלעכן לעבן. נעמט, למשל, די פרעמד־שפּראַכיקע פרעסע. באַווייזט מאַרק ווילטשור („די עמיגראַנטן־פרעסע”), וואָס האָט זי ספּעציעל אויסגעפאָרשט, אַז אפילו ביי די דייטשן, וואָס קומען קיין אַמעריקע מיט אַ שטאַרק איינגעפונדעוועטן ראַסן־געפיל און באַלאָדן מיט אַ רייכער קולטור, געפינט זיך זייער פרעסע אין אַ שטענדיקער ירידה. פאַר צוואַנציק יאָר צייט (1900—1920) איז די צאָל דייטשישע צייטשריפטן געפאַלן פון 750 ביז 276. אויב די איצטיקע באַשרענקונגען פון אימיגראַציע וועלן בלייבן אין קראַפט, איז עס לויט זיין מיינונג נאָר אַ פראַגע פון צייט, ווען די פרעמד־שפּראַכיקע פרעסע וועט אָנהייבן אינגאַנצן אונטערצוגיין. די ענגלישע „פּיידזשעס” אין דער פרעמד־שפּראַכיקער פרעסע איז איינע פון די קלאָרסטע סימנים, וואָס זאָגן עדות אויפן דאָזיקן פּראָצעס, און אַ צייכן דערפון, וועלכע מיטלען מען מוז אָננעמען, כדי כאָטש צייטווייליק אים אויפצוהאַלטן. דער ענגלישער טעקסט איז שוין איצט דאָמינירנדיק אין אַ באַדייטיקער צאָל דייטשישע, איטאַל־

יענישע און שפּאַנישע צייטונגען. אפילו די קירך, וואָס ביי איר געהערן דאָך די זיטן, די פאָרמען צו דער סאָמער הייליקייט, האָט, ווי עס באַווייזט בראַון („רעליגיע און די מיעוטים־פּעלקער”), ניט געקענט זיך אַנטקעגנ־שטעלן דעם אַסימילאַציע־דראַנג. אַזוי, למשל, האָט ענגליש די לעצטע יאָרן אַרויסגעשטויסן דייטש, ווי די תפילה־שפּראַך, אין אַ סך דייטשישע קירכן.

די געבראַכטע פאַקטן און די געדאַנקען, וואָס דרינגען פון זיי אַרויס, וואָלטן געדאַרפט זיין אַ קאַלטער דוש אויף די היציקע יידישע קעפּ, וואָס גלויבן נאָך עד היום, אַז מיר קענען און וועלן זיך צוזאַמענטרעפן, בפרט אין דער „פרייער אַמעריקע” מיט די אַנדערע מיעוטים און זיך מיט זיי מתחתן זיין צוליב געמיינזאַמע צילן פון אַ באַזונדערער נאַציאָנאַ־לער עקסיסטענץ פאַר איטלעכן פון זיי. פאַרקערט אָבער, וואָלט זיך געקענט דוכטן פון אויבנאויף, אַז די אייגענע פאַקטן קענען דינען פאַר אַ שטיץ־פונקט, פאַר אַן אַנדער יידישער אילוזיע, אַ קעגנזעצלעכע, כאָטש זי שטאַמט פונעם אייגענעם קוואַל, דהיינו, אַז מיר קענען זיך אויסגלייכן און במילא באַהעפטן מיט דער מערהייט אויף אַן אַנדער וועג — אויפן וועג פון אַסימילאַציע, אויף וועלכן עס גייען די אַנדערע איינגעוואַנדערטע מינדערהייטן אין לאַנד. איז אָבער די צרה, אַז אויב אונדזער לאַגע און די אויסערלעכע לעבנס־באַדינגונגען זיינען גלייכע מיט די אַנדערע מיעוטים, איז אָבער אונדזער גורל ראַדיקאַל פאַרשיידן. זייער מזל פירט זיי, ווי באַלד זיי פאַרלירן געוויסע אויסערלעכע סימנים פון אייגנאַרטי־קייט, צו אויסמישונג. אונדז אָבער איז צום גליק באַשערט צו בלייבן לעבן ביי אַלע תנאים. יידיש לשון קען ניט ראַטעווען די יידישקייט, ווי זייער לשון האָט ניט געהאָלפן די דייטשן, איטאַליענער און אַלע אַנדערע שבעים אומות העולם, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אויפן אַמעריקאַנער באָדן. פאַרקערט אָבער, קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז יידישקייט, אויב מיר וועלן איר בלייבן געטריי, און מיר וועלן עס בלתי שום ספק, וועט אויך אָפּראַטעווען אונדזער יידיש און אויסמיידן עס זאָל האָבן דעם זעלביקן סוף ווי די לשונות פון די אַנדערע פעלקער.

די פּערמאַנענטע יידישע מינדערהייט־עקסיסטענץ, וואָס לאָזט זיך ניט ברעכן און ניט בויגן, ניט געקוקט אויף אַלע קלעפּ, וואָס זי קריגט פון דער פרעמד און פון דער היים, אַן עקסיסטענץ, וואָס האָט זיך כמעט אומאָפּהענגיק געמאַכט פון אויסערלעכע, זיך בייטנדיקע לעבנס־תנאים, קען זיך ניט פאַרטראָגן מיט דער נאַטירלעכער טענדענץ פון יעדער טעררי־טאָריאַלער איינס צו זיין גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. און דאָס איז ריכטיק ניט נאָר בנוגע אַמעריקע. דאָ איז נישטאָ קיין שום חילוק צווישן

אַ נאַציאָנאַל איינהייטלעכער מלוכה און אַזוינער, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע נאַציעס. סיי די מלוכה און סיי איטלעכע נאַציאָנאַלע טעריטאָריע וועט תמיד שטרעבן צו איינהייט, כדי אַזוי אַרום צו שטאַרקן איר האַרמאָנישקייט און במילא איר קראַפט. די ספּעציפישע יידישע סיטו־אַציע פון אַ ניט־אַסימילירבאַרער מינדערהייט מוז פירן דערצו, אַז פאַר איר זאָל געשאַפן ווערן אַ באַזונדערער סטאַטוס. און עס האָט ניט קיין דעציזדירנדיקע פּראַקטישע וויכטיקייט, צי נעמט אָט דער סטאַטוס אָן אַ יורידישע פאָרם, צי באַקומט די ספּעציפישקייט פון דער יידישער מינדערהייט אַ יורידישע פאָרמולירונג אָדער זי בלייבט ניט מער ווי אַ דע־פאַקטאָ־צושטאַנד.

אַלע אונדזערע ״שיינע דרשות וועגן דעם, אַז עס דאַרפן ניט זיין אין לאַנד קיין פעלקער־בעלי־בתים און פעלקער־געסט ענדערן ניט דעם פאַקט, אַז אַזוינע זיינען פאַראַן און מוזן זיין, כל־זמן די וועלט איז אַזוי ווי זי איז, כל זמן דער יחיד און אַ פשיטא שוין דער כלל האָבן זאָכן און ווערטן, וואָס זיי רופן אָן „מיין״ און ווילן דאָס פאַר זיך אויפהאַלטן און באַשיצן. עס וועלן אויך ניט העלפן אַלע אונדזערע טענות און ראיות וועגן דעם אַנטייל, וואָס מיר האָבן גענומען אויף רייך צו מאַכן דאָס לאַנד און זיין קולטור. וואָרעם וואָס עס נוצט דעם לאַנד און וואָס עס שאַדט אים, באַ־שטימט עס אַליין, ד״ה זיין מערהייט און ניט מיר, די מינדערהייט. איבע־ריקנס זיינען מיר טאַקע אויך דעם דאָזיקן אַנטייל אָפט שטאַרק מגזם. נאָר ווי גרויס דער אַנטייל אונדזערער זאָל ניט זיין, בלייבט איין פאַקט אַבסאָלוט זיכער, דהיינו אַז דאָס מערהייט־פאָלק איז דאָס פאָלק, וואָס שאַפט און בויט די מלוכה אָדער דאָס לאַנד, און אַז מיר זיינען תמיד געבליבן און בלייבן עד היום אויפן ראַנד פון די גרויסע פאַקטן און גע־שעענישן פונעם פרעמדן נאַציאָנאַלן לעבן. וויפיל מיר זאָלן זיך ניט גרויסן מיט אַ חיים סאָלאָמאָן אָדער מיט אַ בערעק יאָסעלעוויטש, האָט ניט יענער געבויט די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און ניט דער — מדינת פוילן. אַנדערע זיינען דאָס געווען: וואַשינגטאָן, לינקאָלן, קאָס־ציושקאָ און פילסודסקי. זיי האָבן געמאַכט אַמעריקאַנער און פוילישע געשיכטע. אַקוראַט אַזוי ווי פרידריך דער גרויסער און ביסמאַרק זיינען געווען די, וואָס האָבן די דייטשישע לענדער שטאַרק און גרויס געמאַכט און פאַראייניקט. חיים סאָלאָמאָן און בערעק יאָסעלעוויטש געהערן ניט ניט צו דער אַמעריקאַנער, ניט צו דער פוילישער און ניט צו דער יידישער גע־שיכטע. זיי בלאָנדזשען צווישן זיי, ווי די נשמות כאַזלין ערטילאַין פון דער קבלה. און אויב מען וויל זיין גאָר גענוי, געהערן זיי בכלל ניט צו דער געשיכטע, און נאָר על פי הדחק צו יענער, וואָס די פראַנצויזן רופן

אַן די „קליינע געשיכטע", צו די פּאַסירונגען, וואָס ביים היינטיקן טאָג וואָלט מען וועגן זיי געשריבן אין די צייטונגען, אויב זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט קיין יידישע, אויף דער לעצטער זייט און מיט טל ומטר אותיותלעך.

דאָס יידישע פאָלק אין זיינע מאַסן, כאָטש זיי לעבן תמיד אויפן ראַנד פון דער געשיכטע פון די אַרומיקע פעלקער, האָבן אָבער נאַטירלעך אַ שייכות מיט דער דאָזיקער געשיכטע. יידן מוזן זיך צופּאַסן צום אַרום, אָבער זיי פּאַסן זיך אין אים קיינמאָל ניט אַריין. זיי דערפילן דאָרט, וואו זיי זיינען בירגער, אַלע בירגערלעכע התחייבותן, צאָלן שטייערן, ניט אויסגענומען דעם בלוט־שטייער. אָבער, ווי קלאָצקין האָט דאָס שוין פאַרמולירט נאָך דער ערשטער מלחמה, ניט די מלחמות פון די פעלקער זיינען יידישע מלחמות, ניט זייערע ניצחונות זיינען יידישע ניצחונות. ס'איז אַ בפירושע צביעות, ווען מען שרייט אין אַלע גאַסן, בעת עס ברעכט ערגעץ וואו אויס אַ מלחמה, אַז יידן זיינען אדרבא ואדרבא נאָר להוט זיך צו שלאָגן און פאַרגיסן זייער בלוט פאַרן „געליבטן פאַטערלאַנד". ווי אַ פאָלק, וואָס האָט אַליין מיטן אייגענעם ווילן קרוב צו צוויי טויזנט יאָר קיין מלחמות מער ניט געפירט, באַטייט פאַר אונדז מלחמה קודם כל בלוט־פאַרגיסונג. און אויב אַ גערעכטע מלחמה קען אויף דער עבירה מכפר זיין, האָבן מיר אָבער אין ניין און ניינציק פאַלן פון הונדערט ניט דאָס באַוואוסטזיין, אַז עס איז פאַראַן גערעכטיקייט אין די אַמאָליקע און היינטיקע מלחמות, וואָס קריסטלעכע פעלקער פירן צווישן זיך. און אויב מיר גייען אין מלחמה און דאַרפן פאַרגיסן בלוט, אַמאָל — אפילו יידיש בלוט, טוען מיר עס מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן, ווייל מיר מוזן עס טאָן. לעבט מען ווי אַ שכן ביי בעלי־בתים, וואָס פירן זיך לייטיש, וואָס באַגייען זיך ניט גראָב מיט דיר און וואַרפן דיך ניט אַרויס, איז עס אַן ענין פון עלעמענטאַרער מענטשלעכער סאָלידאַריטעט צו שטיין אויף זייער זייט אין אַ קריטישער שעה. עס איז אָבער נאַריש און ניט אויפריכטיק צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר שלאָגן זיך מיט דעם אייגענעם ענטוזיאַזם ווי אַנדערע פעלקער. נאַריש — ווייל סיי ווי גלויבט אונדז קיינער ניט און ווייל ס'איז אַ סך גלייכער, אַז די פעלקער זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ קרבן מיר ברענגען, ווען מיר קומען דערצו. ווער ווייס, אפשר וועט זייער געוויסן דעמאָלט גיכער זיך אויפכאַפּן און צוזאַמען מיט אונדז וועלן זיי זוכן אַן אויסוועג פון דער טראַגישער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך און פון דער פאַלשער לאַגע, אין וועלכער הן מיר און הן זיי ווערן אָוועקגעשטעלט דורך דער אומנאַרמאַלקייט פון אונדזער לעבן צווישן די פעלקער פון דער ערד.

אדרבא, מען דאַרף רעכענען, אַז די וועלט, איר בעסערער טייל, דער, וואָס איז נאָך פעאיק צו פאַרשטיין און צו פילן אַן אָנגעוויטיקטע, ליידנדיקע נשמה, וואָלט בעסער באַגריפן און מער געשאַצט אַן אויפריכטיקע, ערלעכע יידישע האַלטונג אין בלוטיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקט־סיטואַציעס. האָט דאָך, למשל, מאָריס באַרעס, דער פאָטער פונעם אינטעגראַלן פראַנצויזישן נאַציאָנאַליזם, געפונען ווערטער פון וואַרעמער סימפאַטיע און פון טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דעם רומענישן יידן ראָטשטיין, וואָס האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד, דעם דאָזיקן ענטוזיאַסטישן ציוניסט און יידישיסט, ווי באַרעס שילדערט אים. אין זיין בריוו צום פעלד־ראַבינער, געשריבן פאַר זיין טויט, זאָגט ראָטשטיין אין פשוטע, האַרציקע ווערטער, אַז ער האָט נאָר איין וואונטש — ווידער צו דינען זיין פאָלק, ווען די מלחמה וועט זיין צום סוף, און זאָל זיין גורל זיין צו שטאַרבן, וויל ער „שלאָפן זיין אייביקן שלאָף אין שאָטן פון ציונס סימבאָל", אונטער דעם מגן דוד אויף זיין קבר. און כאָטש ראָטשטיין איז געווען אַן אויסלענדישער ייד און אַ יידישער פאַטריאָט דערצו, האָט מאָריס באַרעס געפונען אין זיין מייסטער־שפראַך די רירנדיקסטע ווערטער פאַר אים, אין וועמען ער זעט אַ פאַרקערפערונג פון די נסיונות, וואָס דאָס וואַנדערנדיקע יידישע פאָלק האָט אַזוי פיל געהאַט אויסצושטיין.

מיט פשטלעך, צי פון דער גמרא צי פון היינט־וועלטיקע ספרים, קען מען ניט פאַרשיטן דעם תהום צווישן „אונדז" און „זיי" און פטור ווערן פון דער טראַגישער פראָבלעם פון טאָפלטער לאָיאַליטעט. די דאָזיקע פראָבלעם עקסיסטירט הן אין באַוואוסטזיין פון די פעלקער און הן אין אונדזער אייגענעם, הגם ניט אַלע מאָל קומט זי צו אַ קלאָרן אויסדרוק. ס'האָט געטראָפן אַ „גליק", וואָס גראָד ביי דער היינטיקער מלחמה געפינט זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אויף איין זייט פון דער באַריקאַדע. אָבער ניט אַלע מאָל טרעפט זיך דאָך אַזאַ „נס". פאַרקערט, מיר האָבן געהאַט, און הלוואי זאָלן מיר מער ניט האָבן, אַזוינע פאַלן, ווען די אינטערעסן פון דעם יידישן כלל איבער דער גאָרער וועלט זיינען געווען פאַר איין צד און אַ טייל יידן האָבן, כדי צו דערפילן זייער בירגערלעכן חוב, געמוזט זיך שלאָגן צוזאַמען מיטן צווייטן צד. אָט האָבן דאָ גאָר ניט לאַנג צום טייל געהאַט אַזאַ קאָנפליקט די סאָוועטישע יידן אין דער צייט פון רוסיש־דייטשישן אָפמאַך, בעת אין רוסלאַנד האָט מען קיין פיפס ניט געטאָרט טאָן וועגן יידישע רדיפות אין דייטשלאַנד. און יידישע קאָמוניסטן

אין רוסלאַנד האָבן פּונקט אַזוי, ווי בירגערלעכע יידן אין אַנדערע לענדער ביי גלייכע פאַרהעלטענישן, זיך געקניפּט אין באַק, עס זאָל שטיין פאַרב. אָבער וואָס ביי זיי אין האַרצן האָט זיך געטאָן, ווייסט איין גאָט אין הימל און אפשר — איך בין ניט זיכער — סטאַלין אין קרעמל.

געוויס האָבן די יידישע נאַציאָנאַלע דענקער, ווי שמעון דובנאָוו און זיינע תלמידים, אָדער אַזאַ גרויסער ייד ווי לואי בראַנדייס אין אַמעריקע געהאַט די בעסטע און אויפריכטיקסטע כוונות, ווען זיי האָבן געוואָלט צונויפפּאָרן נאַציאָנאַלע יידישקייט מיט לאַנד־פּאַטריאָטיזם און שאַפן אַ סינטעז פון ביידן. טעאָרעטיש לאָזט זיך אַזאַ סינטעז באַגרינדן און אין אַ געוויסער מאָס קען ער זיך אויך פּסיכאָלאָגיש האַלטן. אָבער ווען איז עס גערעדט געוואָרן, ווען מיר זאָלן אַליין די דאָזיקע פּראָבלעם דאַרפן פאַרענטפערן. אָבער מיר קענען ניט ענדערן די אַרומיקע וועלט און זיינען ניט באַרופן דערצו. און די דאָזיקע וועלט באַגנוגנט זיך ניט מיט אַ געוויסער מאָס און זי וויל דווקא די פולע מאָס און זי האַלט, אַז בירגערלעכע לאָיאַליטעט און טרייקייט דערלאָזן ניט קיין צווייטע, גלייכע און אַ פּשיטא שוין ניט קיין בילכערע און טיפער־איינגעוואָרצלטע גרופּן־לאָיאַלקייט. אַלע אונדזערע פּרואוון איינצורעדן זיך און די וועלט, אַז ס'איז בכלל קיין סתירה ניט פאַראַן צווישן די ביידע לאָיאַליטעטן, נאָר אַז אדרבא ואדרבא, זיי האַרמאָנירן אַזוי פיין און זיינען משלים איינע די צווייטע זיינען אַ ברכה לבטלה. ניט מיר האָבן צו באַשטימען, צי לאָזן זיי זיך צונויפפּאָרן אָדער ניט, נאָר זיי. פונקט אַזוי ווי ניט מיר, נאָר די מערהייט באַשטימט , ווער עס איז אַ פרעמדער אין לאַנד, ווי הערצל האָט דאָס נאָך מיט פופציק יאָר צוריק געזאָגט אויף זיין געניאַל־פּשוטן אופן.

כל זמן יידן בלייבן יידן און זיינען מקיים די מצווה פון יידישער סאָלידאַריטעט, מוז דער דאָזיקער קאָנפליקט זיין אַ פּערמאַנענטער, אָפּגעטעמפּט אין שלום־צייטן, פאַרשאַרפט אין צייטן פון צווישן־פעלקערלעכע צוזאַמענשטויסן. און זאָל מען ניט אַרויפוואַרפן, ווי דאָס פּרואוון אָפט טאָן אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע אַסימילאַטאָרן, דעם חטא אויף די בידנע ציוניסטן. אדרבא, פאַר געוויסע ציוניסטן, פאַר יענע, וואָס מען רופט ציוניסטן־פילאַנטראָפּן (ארץ ישראל פאַר די אָרעמע „גלויבנס־גענאָסן” אין מזרח) אָדער ציוניסטן־אַסימילאַטאָרן (פאַראַן אויך אַזאַ מין), וואָס זאָגן, (איך בין מסופק צי גלויבן זיי אַליין דערין אָדער גיכער נאַרן זיי זיך אַליין), אַז די יידן, וואָס וועלן ניט עולה זיין און בלייבן אין גלות, וועלן זיך מוזן אַסימילירן, ווערט דער דאָזיקער קאָנפליקט אָפּגעשוואַכט, טעאָרעטיש לכל הפחות. אָבער פאַר די גלות־נאַציאָנאַליסטן אָדער סאָציאָ־

ליסטן איז די דאָזיקע סתירותדיקע סיטואַציע אַ בלוטיקע וואונד. וואָס מער זיי פּלייסן זיך פון איר זיך אָפּצוטשעפּען מיט חקירות און פּלפּולים, אַלץ מער אייטערט זי, אַלץ מער גיט זי קיין מנוחה־רו ניט.

אונדזער לאַגע, ווי אַ פרעמדע מינדערהייט צווישן די מערהייט־פעלקער, ברענגט אונדז ניט נאָר אין אַ קאָנפליקט מיט זיי און מיט זיך אַליין. כל זמן מיר וועלן ניט אָפן און ערלעך זיך דערקלערן פאַר אַ באַזונדער און אָפּגעזונדערט פאָלק, וועלן מיר אָפּט זיין אַ מניעה פאַר זייער סאָציאַלן און גייסטיקן פּראָגרעס. לאָמיר האָבן דעם מוט צו קוקן דעם אמת אין די אויגן. מיר קענען דאָס ניט פאַרלאַנגען פון יידן, וואָס זוכן אין דרויסן אַ הכשר פאַר אונדזער קיום. פאַלט אָפּ דער נוצן, וואָס מיר ברענגען די פעלקער, גייט פאַר זיי פאַרלאָרן דער סאַמע זינען פון אונדזער עקסיסטענץ, ווערט צערונען „אונדזער מיסיע" צווישן די פעלקער, וואָס באַרעכטיקט הן דאָס, וואָס מיר בלייבן יידן, הן אונדזערע פּרעטענזיעס אויף בירגערשאַפט און רעכט. פאַר אונדז אָבער, וואָס שטייען אינעווייניק אין דער מחנה, איז ניטאָ קיין שום גרונט דעם דאָזיקן אמת צו באַהאַלטן אָדער צו פאַרשלייערן. עס בלייבט אַ פאַקט, אַז יידן זיינען געווען פאַר היטלערן די פאַסיקסטע שפּרונג־ברעט אויף זיך אַריינצוכאַפּן מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע לענדער פון דער וועלט און דאַרט די לופט צו פאַרסמען. יידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, די לייכטסטע פעסטונג צו נעמען, כדי דערנאָך אַריבערצוגיין צו שווערערע און בעסער באַשיצטע. איז דאָס אַ צופאַל? ניין! ניט קיין צופאַל און ניט קיין נאַרישקייט פון זיין זייט, נאָר דווקא אַ קלוג־דורכגעטראַכטע טאַקטיק פון אַ פלינקן פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס קען גוט זיין עולם, זיין אמתן פּנים. צווישן די גרויסע אַרגומענטן, וואָס דער נאַציזם האָט געהאַט אין זיין שפּיל, בין איך כלל ניט זיכער, אַז דער יידישער אַרגומענט איז ניט געווען פון די ווירקזאַמסטע. מיר האָבן טענות צו אונדזערע פריינט, צו די טשוירטשילס און רוזוועלטס, פאַרוואָס זיי פאַרשוויגן אָדער דערמאָנען ניט גענוג אָפט און ניט גענוג שטאַרק די תוכחה, וואָס האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן, די רציחות, וואָס די נאַצי־באַנדעס באַגייען קעגן אונדז. מיט רעכט ווייזן מיר אָן, אַז בעת די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע הערט ניט אויף צו שפּריצן גאַל און גיפט טאָג איין טאָג אויס, קען מען קוים מיט צרות פועלן ביי דער אַליאירטער פּראָפּאַגאַנדע, זי זאָל אונדז ווען ניט איז דערמאָנען, אויף אונדז מלמד זכות זיין. אונדזער טענה איז גראָד אַ גערעכטע, אָבער יוצא זיין מיט איר טאָרן מיר ניט. וואָלט עס געווען נאָר די פּערזענלעכע שולד פון טשוירטשילן און רוזוועלטן, וואָלט דער אומגליק נאָך

ניט געוווען אַזוי גרויס. היות ווי מען דאַרף אָננעמען, אַז זיי זיינען שכל־דיקע מענטשן, וואָלט מען געקענט האָפן זיי נעמען מיט אַרגומענטן און דערגרייכן, זיי זאָלן זיך אַנדערש אויפפירן. איז אָבער די צרה, וואָס די שולד ליגט ניט אין זיי אַליין, נאָר אין די פעלקער גופא, וועמענס קעפּ זיי זיינען. און אויב זיי זיינען שולדיק, און זיי זיינען עס, איז עס נאָר דערמיט, וואָס זיי קענען אָדער ווילן ניט פירן דאָס פאָלק און גיבן זיך אונטער זיינע אינסטינקטן און געפילן, וואָס אַנשטאָט פאָראויס צו גיין פאַרן פאָלק, גייען זיי נאָך דעם פאָלק.

זיי זיינען אויפריכטיק איבערצייגט, אַז די איינציקע און גרעסטע טובה, וואָס זיי קענען אונדז טאָן, איז אונדז צו פאַרשווייגן. שווייגן זיי טאַקע. יידן, אין זייער תמימות, גלויבן, אַז ווען זיי פאַרלאַנגען אַן ענער־גישן מוטיקערן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם מיינען זיי ניט בלויז די יידישע טובה, נאָר אויך דעם וואויל־זיין פון אַלע פעלקער. איז דען ניט דער אַנטיסעמיטיזם אַ געוואַלטיק נוצלעכער ווערקצייג אין די הענט פון די שונאים פון די דעמאָקראַטיעס, און איז דען ניט דער קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם גלייכצייטיק אַ קאַמף קעגן דער „פינפטער קאָלאָנע״? איז דאָס ווידער אַמאָל אַ הונדערט־פּראָצענטיק ריכטיקער אַרגומענט פאַר דענקער און וויזיאָנערן, וואָס קוקן אַריין אין דער ווייטער צוקונפט. אָבער פילאָ־סאָפן און נביאים פאַרנעמען זיך שוין פון לאַנגע צייטן ניט מער מיט פּאָליטיק. און די פּאָליטיקער פון די היינטיקע פעלקער ווייסן בעסער פון אונדז, וועלכער באָדן איז דער גינסטיקסטער פאַר זיי אויף בייצוקומען דעם שונא, וועלכע טרומפן זיי האָבן אין זייער שפּיל. און משמעות, אַז דער יידישער באָדן איז דער ניט גינסטיקסטער און יידן זיינען גאָר קיין טרומף ניט. און דעריבער האַנדלען זיי אַזוי, ווי זיי האַנדלען. דאָס איז טרויעריק פאַר אונדז. אָבער וואָס זאָל מען טאָן, אַז דיווירקלעכקייט ווייסט ניט פון קיין רחמנות און קיין אילוזיעס.

הייסט עס, אַז מיר דאַרפן אויפהערן טענהן און מאָנען? הייסט עס, אַז ס׳איז ניטאָ קיין האָפענונג און אַז מיר זיינען אַליין און איינזאַם אויף דער וועלט, אָן אַ פריינט און אָן אַ גואל? ניין, דאָס הייסט עס ניט. מיר האָבן זיכערע פריינט און עס זיינען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט ערלעכע און גוטע מענטשן. ס׳קען נאָר געמאָלט זיין, אַז מיר זוכן זיי על פּי רוב לויט פאַלשע אַדרעסן. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס איך וויל זאָגן איז, אַז מיר ווייזן זיי ניט דעם ריכטיקן וועג, ווי אַזוי מען קען אונדז העלפן. וואָרעם כדי געהאָלפן צו ווערן מיט פרעמדער שטיצע, דאַרפן מיר אַליין אויך עפּעס טאָן, און אפילו פריער און מער פון די פרעמדע, און גראָד

דערצו פעלט אונדז דער אַקטיווער ווילן. אַנטלויפֿן מיר פֿון די ריכטיקע וועגן, שרעקן מיר זיך אָפּ פֿאַר זיי און מיר שטעלן זיך דעריבער צופֿרידן מיט אַ כמו־הילף, אַנשטאָט צו פֿאַרלאַנגען און צו דערלאַנגען עפּעס ממשותדיקס. אַזוינע סוראָגאַטן זיינען, למשל, די פלאַם־פֿייערדיקע דרשות, וואָס אונדזערע פֿריינט האַלטן אויף יידישע אסיפֿות. יידן גייען אַוועק פֿון די מיטינגען איבערגליקלעך: „איי, האָט ער גערעדט, איי, האָט ער זיי אַריינגעזאָגט די רשעים, די רוצחים". און ווער רעדט נאָך, אַז הויכגעשטעלטע מענטשן געבן אונדז אַרויס אַ כתב, וואו עס שטייען געשריבן אַלע אונדזערע מעלות און אויפֿטוען און מען גיט אונדז פֿייערלעכע הבטחות אויף רעפּאַראַציעס און פֿולע רעכט אויף אם ירצה השם נאָך דער מלחמה, איז ווער קען זיך מיט אונדז דעמאָלט גלייכן?

אָט אַזוי באַקומען מיר אַלץ, וואָס אונדז קען זיך נאָר גלוסטן: דעם מאַקסימום רעכט אין וואָרט און שריפֿט. און אין וואָרט און שריפֿט בלייבן זיי טאַקע. די ווירקלעכקייט גייט זיך איר וועג, און זי איז קעגן אונדז מיט דעם כוח פֿון אַ בלינדער סטיכיע, קעגן אונדז, דעם פֿאָלק אָן באַזיץ און אָן מאַכט, דעם מינדערהייט־פֿאָלק צווישן מערהייט־פֿעלקער, דאָס פּראָלעטאַרישע פֿאָלק צווישן פֿעלקער־בעלי־בתים.

ערלעכע און אויפֿריכטיקע קריסטן גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון, אַז מיט דעקלאַראַציעס און סימפּאַטיע־דערקלערונגען וועלן מיר ניט געהאָלפֿן ווערן. אָט האָט איר דזשיימס פּאַרקס, איינער פֿון די זעלטענע ענגלענדער, וואָס האָט אָפּגעגעבן יאָרן אויף לערנען און פֿאָרשן יידישע געשיכטע און יידישע פּראָבלעמען. אין אַ שריפֿט וועגן דער יידישער פֿראַגע, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1941, דערקלערט ער, אַז עס איז די אויפֿגאַבע פֿון די ניט־יידן צו זוכן אין קאָאָפּעראַציע מיטן יידישן פֿאָלק צו באַשאַפֿן אַזוינע באַדינגונגען, וואָס זאָלן שווער מאַכן פֿאַר די צוקונפֿטיקע פֿאַשיסטישע אַגיטאַטאָרס צו עקספּלואַטירן די אומנאָרמאַלקייטן פֿון דער יידישער עקסיסטענץ אויף אונטערצוגראָבן די דעמאָקראַטיע.

אָט דאָ האָט איר דאָס ריכטיקע וואָרט: שאַפֿן באַדינגונגען. ווערבאַליזם וועט דאָ ניט העלפֿן. וואָס מיר באַדאַרפֿן, זיינען אַנדערע אָביעקטיווע באַדינגונגען פֿון אונדזער עקסיסטענץ. דער ערשטער לאָגישער אויספֿיר איז קלאָר: יידן דאַרפֿן אויפֿהערן צו זיין אַ מינדערהייט, אָבער כל־זמן מיר זיינען אין גלות, קענען מיר אויך דערלאַנגען אַזאַ ענדערונג פֿון אונדזער סיטואַציע ווי אַ מינדערהייט, וואָס זאָל פֿאַרקלענערן דעם רייבונגשטח מיט דער אַרומיקער וועלט. אַנשטאָט דער געצוואונגענער סעגרעגאַציע, וואָס קומט פֿון דרויסן און איז געווענדט קעגן יידישע יחידים, דאַרף

קומען די פּריוויליקע זעלבסט־איזאָלאַציע פון דעם יידישן כלל. אָנשטאָט דער אַנאָנימער מינדערהייט, וואָס טרעט תמיד אַרויס פון אירע גרענעצן און פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס, דאַרף באַשאַפן ווערן די דעקלאַרירטע אָפענע יידישע מינדערהייט. די גרענעצן צווישן זיי און אונדז דאַרפן זיין קלאָרע, ווי זיי זיינען געווען אַמאָליקע צייטן און ניט קיין פאַרטושטע, ווי זיי זיינען געוואָרן מיטן אויפקום פון דער עמאַנסיפּאַציע. אויב ניט קיין אייגענע היים, וואָס מען קען אין דער פרעמד ניט האָבן, טאָ זאָל דאָס כאָטש זיין אַן אייגן ווינקל. מיר קענען ניט קיין סך פאַרלאַנגען פון דער וועלט, כל זמן מיר בלייבן אַ מינדערהייט. אָבער דאָס, וואָס זי קען און וועט אפשר גרייט זיין אונדז צו געבן, זאָל זיין אונדזערס. און ווי קליין און ווי ענג דאָס דאָזיקע ווינקל זאָל ניט זיין, איז עס אַלץ בעסער ווי צו לעבן אויף דער גאַס, ווי מיר טוען עס איצט. און אפשר אַז די וועלט וועט איינזען, אַז מיר האָבן ניט קיין פּרעטענזיעס זיך צו אינפילטרירן, אַריינ־צודרינגען אומעטום, וועט זי אויפהערן זיך צו שרעקן פאַרן יידישן גע־שפּענסט, וואָס איז אומעטום און אין ערגעץ ניט.

אָבער, וועט מען זאָגן, דאָס איז דאָך אַ רוף צוריק צום געטאָ. לאָמיר זיך ניט שרעקן פאַר ווערטער. אַן אייגן ווינקל אין דער פרעמד קען זיין נאָר אַ געטאָ. מען זאָגט: געטאָ מיינט פאַרלירן דעם גלויבן אין דער מענטשהייט. הויבט זיך גאָר ניט אָן. פאַרלירט מען דעם דאָזיקן גלויבן, בלייבט פאַר אונדז נאָר שמד אָדער אויסראָטונג. אָבער גלויבן אינעם מענטשן הייסט ניט מאַכן פון אים אַ מלאך. דאָס טוען טאַקע אונדזערע בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע מאמינים אין „פּראָגרעס", וואָס מיינען, אַז צוליב אונדז וועלן מענטשן זיך אָפּזאָגן פון מאַכן אַ חילוק צווישן מיין און דיין און אייביק, טאָג איין טאָג אויס, טיילן צדקה דעם פרעמדן. וואָס מיר קענען און דאַרפן פאַרלאַנגען פון דער וועלט איז אַן איינמאָליקער אַקט פון גערעכטיקייט. און דאָס וועט זי טאָן, אויב זי וועט ניט איינגע־זונקען ווערן אין תהום פון חיהשקייט. זי מוז אונדז העלפן אויפבויען אַן אייגענע היים און דערווייל אונדז געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ דאָרט, וואו מיר געפינען זיך.

און ווייל מיר גלויבן אין דער מענטשהייט, זיינען מיר איבערצייגט, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַזוינס, וואָס מיר רופן מענטשלעך געוויסן. און וואָס מיר האָבן צו טאָן איז — ניט לאָזן דאָס דאָזיקע געוויסן איינשלאָפן און זיך באַרואיקן מיט דעקלאַראַציעס פון מענטשן־רעכט און גלייכע רעכט פאַר יידן, וואָס וועלן ניט, ווייל זיי קענען ניט, פאַרווירקלעכט ווערן.

קאַפּיטל זעכצן

די פאַרבלאָנדזשעטע

(אָדער די וואָס היטן פרעמדע גערטנער)

זינט מיר האָבן אָנגעהויבן צו לעבן ווי אַן אַנאָנימע, באַהאַלטענע מינדערהייט צווישן די פעלקער, ווערט אַלץ גרעסער די צאָל איינצלנע יידן, וואָס שפּרינגען אַריבער איבער די שוואַכע מחיצות, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון דער וועלט. אָבער וואָס מער און טיפער יידן יחידים אָדער קליינע יידישע גרופּעס אינפילטרירן זיך אין פרעמדע רייען, אַלץ שאַרפער און פאַרביסענער ווערט די רעאַקציע פון די מערהייט־פעלקער, די בעלי־בתים פון די לענדער. כל זמן עס רעדט זיך וועגן איינצלנע יידישע געלערנטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטן, וואָס לויט זייער עצם זיינען זיי קאָסמאָפּאָליטיש, רופט עס קיין טומל ניט אַרויס. די וויסנשאַפט איז אין די היינטיקע פאַרגרעבטע צייטן גאָר ניט אַזאַ גרויסע מציאה, מען זאָל שרייען, אַז יידן פאַרכאַפּן זי. ווי באַלד אָבער עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען, בפרט ווען מען קומט צו קולטורעלע ענינים, צו נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען, וואו דיליידנשאַפטן צעפלאַקערן זיך און דער פאַרשטאַנד ווערט אַנטשוויגן, דאָ קען די וועלט ניט אַריבערטראָגן דאָס אַריינמישן זיך פון פרעמדע. און ניט אָן גרונט. וואָרעם מיר אַליין וואָלטן אויך ניט געקענט ליידן, ווען ניט־יידן זאָלן וועלן אָנפירן מיט אונדזערע פּאַרטייען, זיך מישן און זאָגן דעות אין אונדזער ליטעראַטור, טעאַטער, שולן, צייטונגען וכדומה. אמת, ניטאָ אויף דעם קיין בעלנים צווישן די גויים. וואָרעם, מישטיינס געזאָגט, וואָס קענען זיי שוין ביי אונדז געפינען. די טבע פון רענעגאַטן איז צו אַנטלויפן פון אָרעמע און שוואַכערע צו רייכערע און שטאַרקערע. דערפון נעמט זיך, וואָס צום נאַטירלעכן געפיל פון פרעמדקייט, וואָס די קריסטלעכע פעלקער פילן אַנטקעגן די יידן־איבערלויפער, קומט נאָך צו די פּונקט אַזוי נאַטירלעכע באַציאונג צו זיי, ווי צו מאָראַליש ניט זייער האַפטיקע פאַרשוינען.

זיכער זיינען צווישן די יידישע איבערלויפער פאַראַן ניט נאָר קאַר־

יערע־זוכער, טאַלאַנטלאָזע אָדער האַלב טאַלאַנטלאָזע שמירער און פּאָלי־טיקאַנער. פאַראַן אויך, הגם אַ גאָר קליינע צאָל, גרויסע און אפילו געני־אַלע מענטשן. זיי זיינען אָבער אויך ניט מער ווי מענטשן און די גרויסע וועלט מיט איר גלאַנץ און שיין ציט זיי צו זיך און זיי מיינען איר צו דינען באמת ובלב תמים. אָבער קיין גאַנצע האַרמאָנישע פּערזענלעכקייטן זיינען אויך זיי ניט. מער ניט, אין די דאָזיקע אויסנאַם־פאַלן דערהויבט זיך די יידישע טראַגעדיע צו אַ גרויסער פּערזענלעכער טראַגעדיע. די דאָ־זיקע גרויסע מענטשן פילן זי אָט די טראַגעדיע. און זעלטן ווער עס גייט אַרויס פון איר אַ גאַנצער, ניט געבראָכן אונטער איר לאַסט. פון יוסף פלאַוויוס דורך דעם „יוד זיס״ און בנימין דיזראַעלי־ביקאָנספילד ביז צו לעאָן טראָצקי און לעאָן בלום אין אונדזערע צייטן ציט זיך די דאָזיקע טראַגישע ריי פון די גרויסע קרבנות פון דעם אייביקן קאָנפליקט ייד — וועלט.

אין זיין ווערק „די יידישע מלחמה״ באַשרייבט לעאָן פויכטוואַנגער, אַליין אַ תינוק שנשבה בין הגויים, די סצענע ווי דער רוימישער פעלד־האַר, אַלעקסאַנדער טיבער, שטייט מיט יוסף פלאַוויוס אין אַמעגנט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים און קלערט ביי זיך: יאָזעפוס וויל די ביידע וועלטן פאַר זיך, יידישקייט און גריכנטום, ירושלים און רוים, ישעיהו הנביא און עפּיקור. אָבער ביידע קען מען ניט האָבן און מען מוז אויס־קלייבן. אָט דער קאָנפליקט פון כמעט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט זיך אין תוך ניט געביטן ביזן היינטיקן טאָג, הגם ס׳האָבן זיך געקענט ענדערן זיינע פאָרמען לויט צייט און לאַנד. אָט נעמט דיזראַעלי. דעם בעסטן בוך וועגן אים האָט אָנגעשריבן דער ייד אַנדרעי מאַרואַ (הערצאָג). פאַראַן משמעות אַ געוויסע גייסטיקע קרובהשאַפט צווישן די אַלע יידן, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין דער פרעמד. ווען דיזראַעלי האָט געהאַלטן זיין „מיי־דען־ספּיטש״ (דעביוט־רעדע) אין ענגלישן אונטער־הויז, וועלכע איז אפשר געווען איינע פון די בעסטע רעדעס, וואָס דאָס הויז האָט ווען ניט איז גע־הערט, האָט מען אים באַגעגנט אָדער מיט פייניטלעכע צווישנרופן אָדער, אין בעסטן פאַל, מיט אַן אייז־קאַלטן שווייגן. אַן אינטימער פריינט זיינער האָט אים דערקלערט די סיבה פונעם פיינטלעכן קבלת־פּנים. און דער זין פון דער דאָזיקער דערקלערונג — איך האָב דאָ ניט דעם בוך פון מאַרואַ און גאַראַנטיר ניט פאַר דעם ווערטלעכן טעקסט — איז געווען, אַז דיזראַעלי איז באַגאַנגען דעם פעלער צו האַלטן אַ צו גוטע דרשה. די כלה, הייסט עס, איז געווען צו שיין. וואָס בעסער ער האָט גערעדט, אַלץ ערגער איז געווען פאַר אים, אַלץ מער ניט פאַסיק און טאַקטלאָז האָט זי

געמוזט אויסזען אין די אויגן פון די קאָנסערוואַטיווע, אין דער ענגלישער טראַדיציע איינגעוואָרצלטע, דעפּוטאַטן. פאַר זיי איז דיזראַעלי זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַ פּאַרוועניו, אַ הדיוט קופץ בראש. אַז אייער פרוי, זאָגט אים זיין פריינט (לויט מאַרואַ), וועט טראָגן עכטע שטיינער, וועט מען זאָגן, אַז דאָס זיינען שערבלעך. אָבער אַז די ליידי פון פלוני בן אלמוני, אַן עכטער ענגלענדער, וועט אָנטאָן גלעזלעך, וועט מען זיין זיכער, אַז דאָס זיינען עכטע דימענטן און בריליאַנטן. טאַלאַנט און פעאיקייט זיינען אַ מעלה נאָר פאַר אייגענע און אַ חסרון פאַר פרעמדע. אָט פּאַרוואָס מיר זעען אָפט יידן־פּאָליטיקער באַהאַלטן זיך מאחורי הפרגוד, ציען די שטריק־לעך הינטער די קוליסן און אויף דער סצענע באַוועגן זיך אויף זייער אָרט הילצערנע ליאַלקעס, דערפאַר אָבער כשרע גויאישע. אָבער דערמיט מאַכן זיי אָפט זייער לאַגע נאָך ערגער, וואָרעם מיט רעכט זאָגט מען, אַז עס פעלט זיי דער מוט אַרויסצוטרעטן אָפן. און באַווייזן זיי זיך אָן אַ מאַסקע, פאַרשטעלן זיי זיך ניט הינטער פרעמדע פּלייצעס, שרייט מען: יידישע חוצפּה! אָט אַזוי זיינען זיי תמיד אין אַ פאַלשער לאַגע. דאָרט, וואו ס'איז ניטאָ קיין נאַטירלעכקייט, ווערט איטלעכע האַלטונג אַ פּאָזע, איטלעכער געדאַנק און וואָרט — אַ גוזמא, דאָ אין איין זין, דאָ אין אַ קעגנזעצלעכן. און פאַראַן איז נאָר איין אויסוועג — זיך באַפרייען פון דער דאָזיקער פאַלשער סיטואַציע און זיין דאָס, וואָס מען איז. אָבער אַ ייד צו זיין, ווען מען איז שוין פאַרסמט פון דער אַסימילאַציע, דערויף דאַרף מען אַ סך אינערלעכן מוט, און דער מוט אויף דורכצומאַכן די דאָזיקע רעוואָלוציע פעלט אפילו די גרעסטע יידן, וואָס זיינען אַוועק פון דער יידישער היים.

אָט האָט איר אַ יידן, אַ באַדייטיקן פּאָליטיקער, וואָס הייסט סער הערבערט סעמיועל. שטאַמען שטאַמט ער פון גרויסן יידישן יחוס און איז אַליין דווקא אַ וואַרעמער ייד. לעבט ער אָבער אין אַן ענגלישער פּאָליטישער וועלט, איז ער דאָרט אַ געפאַנגענער און האָט ניט די נאַ־טירלעכע פרייהייט פון געדאַנק און באַוועגונג ניט פון אַ יידישן יידן, ניט פון אַן ענגלישן ענגלענדער. איז ער אַ הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל, פירט ער זיך דאָרט גאָר פיין־יידישלעך און גייט אפילו שבת אין שול דאַווענען. קומט עס אָבער צו ענגלישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, איז ער דער, וואָס מאַכט אַ יידן־פיינט און פּאָגראָמען־מאַכער פאַרן הויפּט־מופטי און אַזוי אַרום האָדעוועט ער אויס אויפן אייגענעם האַלדז איינעם פון די גרעסטע יידישע שונאים. און ס'איז ניטאָ קיין ספק, אַז אין דער דאָזיקער באַשטימונג האָט, חוץ טאַקטישע מאָטיוון, געשפּילט גאָר ניט קיין קליינע ראָלע דער פאַרלאַנג זיך אויסצופיינען און צו באַווייזן, אַז אַ ייד קען

גאָר אויפן קריסטלעכן שטייגער מוחל זיין און בלייבן אומפּאַרטייאיש, אומפּאַרטייאיש אין אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט צווישן זיין אייגענעם פאָלק און זיינע שונאים. פּונקט אַזוי האָט דער אייגענער הערבערט סעמיועל זיך שטענדיק געהאַלטן אויף אַ „אומפּאַרטייאישער הויך" נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט און איז געווען אין ענגלישן פּאַרלאַמענט איינער פון די הויפּט־פּאַרטיידיקער פון שלום מיט נאַצי־דייטשלאַנד. קענט איר נאָך אָט דעם אַלעמען זאָגן, אַז ער איז חלילה ניט קיין ייד, אַז יידישע מאָטיוון האָבן ניט קיין השפּעה אויף זיין פּאָליטישער אויפפירונג? אַ ייד איז ער גראָד און נאָך וואָס פאַר אַ ייד! נאָר וואָס זשע דען, אַ ייד אויף דער פאַר־קערטער זייט. יידישע מאָטיוון ווירקן אויף אים גרייל'עך, נאָר אויף קאַ־פּויר, ניט פאָר, נאָר קעגן יידן. און קומט אָט דער אייגענער הערבערט סעמיועל (היינט שוין אַ לאָרד) אויף יידישע אסיפות און קאָנגרעסן, איז ער ניט בלויז אַן אָנגעלייגטער גאַסט, נאָר מען זעצט אים אַוועק אין מזרח און מען איז אים מכבד מיט אַ פּעטער עליה. און דאָס טראַגישע אין דער געשיכטע איז, וואָס ניט ער און ניט זיינע גלייכע זיינען ניט קיין בוגדים אינעם געוויינלעכן, פּערזענלעכן זינען פון וואָרט. ווייל זיי אַלע זיינען פּראָדוקטן פון אַן אָביעקטיוו־פּאַרטעטרישער לאַגע, פון מענטשן, וואָס געהערן צו צוויי וועלטן און קענען מיט קיין איינער פון זיי זיך ניט אינ־גאַנצן באַהעפטן.

דער בעסטער און פּערזענלעך־ריינסטער אין דער דאָזיקער סעריע טראַ־גישע יידישע פיגורן איז בלי שום ספק לעאָן בלום. אַ קריסטאַל־ריינער מענטש, אַן אידעאַליסט אינעם איידלסטן זינען פון וואָרט, אַ ייד מיט אַ וואַ־רעם יידיש האַרץ און מיט אויפריכטיקע סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, בפרט אַרבעטער־ציוניזם. ווען ער איז 1937 געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער פון פראַנקרייך, דאָס מיינט דער פאַקטישער ראש פון לאַנד, האָט קסאַוויע וואַלאַ, דער שפּעטערדיקער קאָמיסאַר פאַר יידישע ענינים ביי דער ווישי־רעגירונג, אויסגערופן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער: „עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז דאָס דאָזיקע גאַלאָ־ראָמאַנישע לאַנד ווערט רעגירט פון אַ יידן". העריאָ, דער פּרעזידענט פון דער קאַמער, געטריי דער טראַדיציע פון פראַנצויזישן ליבעראַליזם, האָט אים טאַקע אָפּגעשטעלט, אָבער דאָס וואָרט איז שוין געזאָגט געווען און... פאַרבליבן, פליגלען באַקומען. וואָרעם אויסגע־דריקט האָט עס בלי שום ספק די שטימונג פון גאָר אַ היפּשער צאָל פראַנצויזן. האָט מען דען ניט אפילו אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי געמורמלט, אַז יידן האָבן „פאַרכאַפּט" דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם. און איך בין זיכער, אַז בלומען אַליין האָט דאָס געפּליגלטע

וואָרט פון קסאַוויע וואַלאַ לאַנג, גאָר לאַנג, געקלונגען אין די אויערן. האָט ער דאָך אויף איינעם פון די נעקסטע פּאַרטיי־קאָנגרעסן מעלאַנכאָליש געשטעלט די פראַגע, צי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַ ייד זאָל נאָך קענען אַמאָל זיין רעגירונג־שעף אין פראַנקרייך, און היות ווי בלום איז אַ מענטש פון מוט און איז צו פיין, צו ערלעך און צו קלוג, פּחדנותדיק צו באַהאַלטן זיין יידישן אָפּשטאַם, וואָרט ער ניט, מען זאָל אים וועגן דעם דערמאָנען, און ביי יעדער געלעגנהייט, אָפּט מאָל גאָר ניט צו דער זאַך, רעדט ער אַליין דערפון. און איר פילט, אַז דאָס איז ביי אים אַן אַנגעווייטיקט אָרט, אַ וואונד, וואָס אייטערט און לאָזט ניט רוען. קומט קיין פּאַריז צופאָרן שאַכט, ווי אַ פאַרטרעטער פון דער נאַצי־רעגירונג, איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז ער זעצט זיך מיט אים ביים טיש, פאַרהאַנדלט מיט אים און מאַכט פאַר אים אפילו אַ מהודרדיקן, יום־טובדיקן קבלת־פּנים. און שפּעטער, אויפן פראָצעס אין ריאָם, וואו בלום צוזאַמען מיט אַנדערע פראַנצויזישע פּאָליטיקער ווערט געמשפּט פאַר האָבן פּראָוואָצירט די אומגליקלעכע מלחמה, דערמאָנט בלום וועגן זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט שאַכטן. ווי איינער זאָגט: „מיין יידישקייט האָט מיר ניט געשטערט צו אַרבעטן פאַר אַ פראַנצויזיש־דייטשישער דערנעענטערונג". און אין דער אמתן האָט דען בלום געקענט זיך באַנעמען אַנדערש מיט שאַכטן, ווי ער האָט דאָס געטאָן? ער האָט נאָר געקענט טאָן איין זאַך: ניט ווערן קיין פראַנצויזישער פּרעמיער. נאָר אויף דעם האָט אפילו אָט דעם מוטיקסטן יידן קיין מוט ניט געסטייעט.

דער יידישער עולם האָט גאָר גרויס נחת, ווען אַ ייד איז עולה לגדולה ביי די גוים. אַ קלייניקייט עפּעס, אַ יידישער שר! און מען וואַרט דערפון ישועות ונחמות פאַר יידן. די ישועות באַווייזן זיך ניט און קענען ניט קומען, ווייל אַ ייד אַ גדול מוז זיין מער אַסעמיטיש ווי זיין קריסטלעכער קאָלעגע. נאָר וואָס זשע כבוד האָבן מיר דערפאַר אויפן פּוד. אָבער ווי טייער באַצאָלן מיר יידן פאַר דעם דאָזיקן כבוד! גייט אַלץ כשורה, טוט אַ יידישער פּאָליטיקער אויף גוטע פּעולות, ווערט דערמיט קרעדיטירט די קאָנטאָ פון זיין לאַנד. און מיט אַבסאָלוטן רעכט. וואָרעם דער ייד, דער מלוכה־מאַן, האָט דאָך כמעט אַלץ גענומען ביי זיי, ביי די אומות העולם. אין זייער גימנאַזיע איז ער געגאַנגען, אין זייער אוניווערסיטעט געלערנט, זייערע ביכער געלייענט און אין זייער געשיכטע, אין זייערע ראַנגלענישן געשעפּט זיינע אינספּיראַציעס און באַגייסטערונגען און זייער לאַנד איז געווען זיין אַרבעט־פעלד. אונדזער חלק איז דאָ אַ מינימאַלער: דער אָפּשטאַם און רעשטלעך פון גייסטיקער ירושה. גייט עס חלילה שלעכט,

ברעכט אויס אַ מלחמה און ברענגט אומגליק און חורבנות, פאַרשפּרייט נויט און פּיין, פאַרגעסט מען אָן דעם עיקר, אָן דער פּראָנצויזישקייט, ענג־לישקייט פון דעם יידן און מען דערמאָנט זיך נאָר אָן די פּיצלעך און ברעקלעך, וואָס זיינען ביי אים פאַרבליבן פון יידישקייט און מען פאַר־שרייבט אַלע צרות אויף אונדזער דעבעט־קאָנטאָ. פאַר גוטס איז דער ייד ניט מער ווי אַ יחיד, אַ בירגער מיט אַלע בירגער גלייך. פאַר שלעכטס ווערט ער דער אָנגעהעריקער פון דעם יידישן כלל. און זאָל מען אונדז ניט זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם באַדאַרף נאָר אַ תירוץ, איז וואָס איז די נפקא מינה, צי דער אָדער יענער תירוץ. אָבער מיר טאָרן אים קיין געדעכטע תירוצים ניט געבן. און דאָס איבערטרעטן אַ פרעמדן רשות קען ניט בלייבן ניט באַשטראָפט.

אַסימילירטע יידן קענען און ווילן דאָס ניט פאַרשטיין. אדרבא, ווען עס רעדט זיך וועגן יידישע רעכט גיבן זיי אין נדן אַריין די „גרויסע" יידן, וואָס האָבן אויפגעטאָן דאָס און יענץ פאַרן לאַנד. די צרה איז אָבער, אַז טובות קען מען ניט אָנבינדן און אַז וואָס איז אַ טובה און וואָס איז אַ רעה פאַר זיי, באַשטימען יענע און ניט מיר. וואָלטן מיר יידן געהאַט אמתע פרייהייט פון דענקען, וואָס איז געוואַלטיק שווער אין גלות, און פולע פרייהייט פון וואָרט, ניט מורא האָבנדיק פאַרן למה יאמרו הגויים, וואָלטן מיר אַליין מודה געווען, אַז די נוצן, וואָס יחידים יידן ברענגען דער וועלט איז צו אָפט קלענער ווי דער שאָדן. אָט גרויסן מיר זיך מיט קאַרל מאַרקס, דעם באַשאַפער פון מאָדערנעם, וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. און באמת איז דאָס איינער פון די זעלטענע פאַלן פון אַ געניאַלן אויפטו פון אַ יידן פאַר דער וועלט, בפרט פאַר דער וועלט פון די אונטערדריקטע און עקס־פּלואַטירטע. און פונדעסטוועגן לייגט אַרויף די האַנט אויפן האַרצן און פרעגט זיך, וואָס וואָלט געשען, ווען דער מאָדערנער סאָציאַליזם וואָלט געהאַט נאָר איין טאַטן, פרידריך ענגעלסן? דעם „קאַפּיטאַל" וואָלט ער מסתמא ניט געהאַט אָנגעשריבן. אָבער דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" וואָלט דערשינען, דער „אַנטי־דיורינג" און זיינע אַנדערע ווערק אויך. און עס איז אפשר גאָר אַ סברא, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וואָלט גע־וואונען, אויב דער פרעמדער, דער ייד, קאַרל מאַרקס, וואָלט ניט געקענט ווערן איינער פון די גרעסטע טרומפן פון דעם אַנטי־סאָציאַליסטישן טייוול־שפּיל. איך ווייס, אַז מען באַציט זיך ביי אונדז מיט ביטול צו אַרגומענטן, וואָס קומען פון נאַצי־פאַשיסטישן לאַגער. איז דאָס אָבער אַ גרויסער פעלער. וואָרעם וואָס־וואָס, רוצחים זיינען זיי טאַקע, אָבער קיין אידיאָטן

זיינען די נאַציס ניט און זיי וויסן בעסער פון אונדז, מיט וואָס מען קען זייערע „פריצן” נעמען.

שוין צייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער פוסטער פּרעטענזיע, באַזירט אויף דער וועלט־קאַריערע, וואָס שאול פון תרשיש האָט געמאַכט און איז געוואָרן דער הייליקער פּאַולוס, דהיינו אַז די וועלט קען זיך גאָר ניט באַגיין אָן אונדזערע משולחים און עמיסאַרן, וואָס נאָר זיי קענען לערנען די וועלט צו גיין אויף ריכטיקע און גערעכטע וועגן. אויב מיר האָבן אַ מיסיע אויסצופירן אויף דער וועלט, און יעדער קולטור־פאָלק האָט אַזאַ מיסיע און מוז אין איר זען דעם זין און די באַרעכטיקונג פון זיין עקסיסטענץ, קענען מיר זי אויספירן נאָר ווי אַ פאָלק און ניט דורך איינצלנע מיסיאָנערן. ניט דערמיט וועלן מיר דינען דער וועלט, וואָס מיר וועלן ביי איר שפּילן די ראָלע פון דרדקי־מלמדים און מיט איר קנעלן חכמה און אמונה. ניט זי דאַרף די דאָזיקע מלמדים און ניט זיי טויגן אויף עפּעס, חוץ אויף קאַליע צו מאַכן און קאָמפּראָמיטירן זייער תורה. נוצן, און אמתע נוצן, וועלן מיר ברענגען די פעלקער פון דער וועלט, ווען מיר וועלן קענען אַליין ביי זיך שאַפן אַזאַ לעבנס־סדר, וואָס זאָל דינען פאַר אַ מוסטער פון ריינקייט, ערלעכקייט און דערהויבנקייט. ישעיהו בן אָמוץ האָט געזען די זעאונג: „און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן: קומט לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהוה, צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן”. ניט סתם תורה לערנען, נאָר וועגן און שטעגן וויזן. מוז מען אָבער קודם כל אַליין אין זיי גיין, כדי אַנדערע זאָלן קענען מיטגיין.

קאַפּיטל זיבעצן

צי עקסיסטירט אַ יידישע פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד ?

דער יידישער קיבוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאַר הן לויט זיינע אויסערלעכע באַציאונגען מיט דער מלוכה און מיט די פעל־קער פון לאַנד, הן לויט זיין אינעווייניקסטער אָרגאַניזאַציע און באַזונדערן לעבנס־נוסח אַן איין־איינציקע דערשיינונג, וואָס האָט ניט איר גלייכן אין קיין שום אַנדערן לאַנד פון דער וועלט. מיר האָבן דאָ דעם איינציקן פאַל אין דער מאָדערנער צייט, ווען יידן האָבן באַקומען פולע עמאַנסיפּאַציע אָן דעם געוויינלעכן, בפירושן אָדער שטילן תנאי פון אַסימילאַציע. דווקא פאַרקערט, די מלוכה זאָרגט אַליין, פאַרשטייט זיך, אויף איר שטייגער, פאַר יידישע שולן, פאַרן יידישן בוך, טעאַטער און פאַר יידישע וויסנשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס. די מלוכה האַלט אויס פון איר בודזשעט כלערליי מוסדות, וואָס דאַרפן דינען יידישע גייסטיקע און בילדונגס־באַדערפענישן. מיר האַלטן נאָך ניט דערוויל ביי דער אָפּשאַצונג פון דעם תוכידיקן ווערט פון דער ספּעציפישער יידישקייט, וועלכע אָט די אַלע אינסטיטוציעס דאַרפן באַפרידיקן און אַנטוויקלען. דערצו וועלן מיר נאָך קומען. לעת עתה האַנדלט זיך עס נאָר אונטערצושטרייכן דעם ריין פאָרמעלן חילוק צווישן די באַדינגונגען, אין וועלכע און אונטער וועלכע די עמאַנסיפּאַציע איז געגעבן און צום טייל פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַלע איבעריקע לענדער און אין סאָוועט־רוסלאַנד. סאָוועט־רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט, וואו אַ יידישע טעריטאָריאַלע איינס (ניט דער גאַנצער יידישער כלל, וועלכער האָט אויך דאָרט ניט קיין רעכטלעכע עקסיסטענץ און קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט) ווערט פון דער קאָנסטיטוציע גופא אָנערקענט ווי אַ מלוכה־פאַר־מירנדיקע איינהייט. איך מיין די יידישע אויטאָנאָמע געגנט פון ביראָבידזשאַן, וועלכע ווערט באַטראַכט ווי איינער פון די באַשטאַנד־טיילן פון דער רו־סישער סאָציאַליסטישער פעדעראַטיווער סאָוועטישער רעפּובליק. (סעיף 22 פון דער פאַרבאַנד־קאָנסטיטוציע). די זעלביקע יידישע אויטאָנאָמע

געגנט האָט אָן אייגענע פאַרטרעטונג פון פינף דעלעגאַטן אינעם „ראַט פון די נאַציעס" — איינע פון די צוויי געזעצגעבערישע פּאַלאַטעס פון פאַרבאַנד. אין דער רעפּובליק פון ווייסרוסלאַנד און, אויב איך האָב ניט קיין טעות, אויך אין אוקראַינע איז יידיש אָנערקענט אַלס איינע פון די אָפיציעלע שפּראַכן פון דער מלוכה. אין די אייגענע צוויי רעפּובליקן, וואו עס האָט געלעבט די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, קען אַ ייד כמעט אומעטום זיך באַנוצן מיט יידיש אין דער אַדמיניסטראַציע, געריכט אאַז"וו.

מיט איין וואָרט, איר האָט דאָ די פולע רעאַליזירונג פון די מאַקסי־מאַלסטע פאָדערונגען פון די יידישע פּאַרטייען בנוגע די רעכט אויף יידישער שפּראַך און יידישע שולן. סאָוועט־רוסלאַנד איז אָבער געגאַנגען אַ סך ווייטער און האָט פאַרווירקלעכט אַזאַ ברייטע יידישע זעלבסט־פאַר־וואַלטונג און יידישע יורידיקציע, וואָס מיר האָבן שוין אפילו דעם טעם דערפון פאַרגעסן זינט דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין גלות. מיר זעען דאָ די ווידעראויפלעבונג פון יידישער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג, וואו קהל און מאַגיסטראַט פאַלן צוזאַמען. אמת, די קאָמ־פּעטענץ פון לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אַ באַגרענעצטע, הגם איך גלויב, אַז זי איז אין סאָוועט־רוסלאַנד ברייטער ווי ערגעץ אַנדערש־וואו, אפשר מיטן אויסנאַם פון ענגלאַנד. עס באַשטייען יידישע שטעטלשע, שטאָטישע און דאָרפישע סאָוועטן. יידן האָבן געקראָגן אַ דעה ניט נאָר אויף זייערע ספּעציפישע יידישע אינסטיטוציעס ווי שולן, צדקה־אַנשטאַלטן וכדומה, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט יידישע קהילות אין מזרח־איי־ראָפּע, בעת מען האָט זיי דאָרט נאָך געלאָזט עקסיסטירן, נאָר זיי זיינען געוואָרן פולע און גאַנצע בעלי־בתים פון דעם דאָרף, שטעטל אָדער שטאָט. אין די גרענעצן פון דער קאָמפּעטענץ פון די דאָזיקע טעריטאָריאַלע איינסן האָבן די יידן די סואווערעניטעט, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויך אויף די קריסטלעכע מינדערהייטן, וואָס לעבן דאָרט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יידן באַנוצן זיך ניט מיט זייער רעכט אויף צו אונטערדריקן די דאָזיקע מינדערהייטן.

לויט יעקב לעשצינסקי *, וואָס איז זיך סומך אויף סאָוועטישער און סאָוועטיש־יידישע מקורים, זיינען סוף 1939 געווען אין אוקראַינע 99

---

* די דאַטעס און ציפערן בנוגע יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס ווערן דאָ געבראַכט, זיינען גענומען פון זיין בוך „דאָס סאָוועטישע יידנטום". ווי מיר דוכט דאָס גרינט־לעכסטע ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע אין אויסלאַנד.

יידישע דאָרפישע סאָוועטן און 55 שטעטלשע. אין ווייס־רוסלאַנד האָבן עקסיסטירט אין 1931 — 27 יידישע סאָוועטן, אין קרים — 32 און אין די מערב־געגנטן פון גרויס־רוסלאַנד — 11. צוזאַמען זיינען אַזוי אַרום געווען 224 יידישע סאָוועטן. די באַפעלקערונג, וואָס איז געווען פאַר־איניקט דורך די דאָזיקע סאָוועטן, האָט באַטראָפן אַרום און אַרום העכער דריי הונדערט טויזנט נפשות, וואָס מאַכט אויס לערך צען פּראָצענט פונעם גאַנצן סאָוועטישן יידנטום. אַזוי ווי לויט די געזעצן פון איינצלנע סאָוועטישע רעפּובליקן, איז גענוג 500 נפשות אויף צו בילדן אַ נאַציאָנאַלן סאָוועט, איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז די צוקונפטיקע מעגלעכקייטן פאַר יידישער נאַציאָנאַל־מוניציפּאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג שטייגן אַ סך אַריבער דאָס, וואָס איז ביז איצט רעאַליזירט געוואָרן אויף דעם געביט. נאָר אויב אפילו נאָר אַ צענט־חלק פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אַזאַ גרויס לאַנד ווי דער סאָוועט־פאַרבאַנד געניסט פון אַזאַ ברייטער זעלבסט־פאַר־וואַלטונג, דאַרף דאָס ניט גרינג זיין אין אונדזערע אויגן. מיר זיינען אין דעם פּרט גאָר ניט צעבאַלעוועט. ווייסן מיר דאָך וואויל, ווי אין אַלע לענדער, אין די שטעטישע ישובים מיט אַ יידישער מערהייט האָבן איבער יידן, אויב ניט יורידיש איז פאַקטיש, תמיד געהערשט די קריסטלעכע מינ־דערהייטן.

איר האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַזוינע יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג־איינסן, וואָס דערמאָנען איך, אין געוויסע באַציאונגען, די וועדי־הארצות פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט, ווייל אויך זיי נעמען אַרום אַ גרעסערן קרייז פון קלענערע מוניציפּאַלע איינהייטן. דאָס זיינען די פינף יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אָדער קרייזן מיט אַ באַפעלקערונג פון לערך זעכציק טויזנט נפשות. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען האָבן זייער ברייטע זעלבסט־פאַרוואַלטונג־רעכט און ס'איז גענוג צען טויזנט נפשות, כדי צו בילדן אַ נאַציאָנאַלן ראַיאָן. דאָס דאָזיקע רעכט עפנט גאָר גרויסע פּער־ספּעקטיוון פאַרן סאָוועטישן יידנטום, אויב עס זאָל נאָר וועלן און פאַר־שטיין עס אויסצונוצן אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן אָנהויב 1931טן יאָר עקסיסטירט 67 יידישע געריכטס־קאַמערן, דערפון 46 אין אוקראַינע, 10 אין ווייסרוסלאַנד און 11 אין מערב־געגנט פון גרויס־רוסלאַנד. און וויכטיק איז דאָ ניט בלויז דאָס, וואָס די שפּראַך פון דער געריכט־פּראָצעדור איז יידיש. הגם די באַדייטונג דערפון אַליין איז אין לשער הן אין נאַציאָנאַלן זין און הן אין פּשוט־מענטשלעכן, ווייל אין אַ יידישן געריכט פילט זיך דער ייד ווי אַ מענטש און האָט דעם מוט צו פאַרלאַנגען גערעכטיקייט. וויכטיק איז

דאָ אָבער נאָך עפּעס אַנדערש. געוויס משפּטן די יידישע געריכט־קאַמערן לויטן געזעץ פון לאַנד. אָבער עס קען גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז אין דער אָדער יענער מאָס קען אין יידישע טריבונאַלן, אין אַ בית־דין, וואָס באַשטייט פון יידן און וואו די צדדים זיינען יידן, קען — זאָג איך — דאָס יידישע רעכט־באַוואוסטזיין אַזוי אָדער אַנדערש קומען צום אויסדרוק, אויב ס'איז נאָר פאַראַן דער גוטער ווילן דערצו און דאָס פאַרשטענדעניש דערפאַר. דער געריכט פון די בידעריקע אינסטאַנצן משפּט און פּסקנט אומעטום ניט אַזוי לויטן וואָרט פון געזעץ, נאָר לויטן פאַרשטאַנד, לויט די מינהגים און באַגריפן, וואָס זיינען אָנגענומען אין דער באַטרעפנדיקער סביבה. אין די יידישע געריכט־טריבונאַלן פון סאָוועט־פאַרבאַנד ליגט אַ קערנדל, וואָס מיט דער צייט און ביי גינסטיקע אומשטענדן, דער עיקר אָבער ביי אַ ריכטיקער יידישער פירערשאַפט, איז מסוגל פאַר אַ גרויסער פאַרברייטונג און רייכער אַנטוויקלונג.

דורך דער יידישער מוניציפּאַלער און געריכטלעכער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס יידן האָבן שוין אַזוי לאַנג פאַרלאָרן און אין ערגעץ ניט צוריקגעקראָגן, האָבן די סאָוועט־רוסישע יידן באַקומען געוויסע, הגם זייער באַגרענעצטע, עלעמענטן פון מלוכהשקייט און סואווערעניטעט. דער דאָזיקער פּונקט איז, ווי מיר דוכט, גאָר קנאַפּ אָפּגעשאַצט געוואָרן. ביי אונדז רעכנט מען זיך דער עיקר מיט ענינים, וואָס טראָגן אַ ספּעציפיש־יידישן כאַראַקטער. דערפאַר שטרייכט מען תמיד אונטער די גדולה, וואָס איז געשען אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט יידיש אין דער שול, אַדמיניסטראַציע און געריכט. אָבער ברוקירן אַ גאַס אין אַ יידיש שטעטל, אויסבויען אַ מרחץ, איינפירן גאַז און עלעקטרישע באַלייכטונג, אַריינגעמען אַ טראַקטאָר אין אַ יידישן דאָרף — אין דעם גופא, ווי באַלד אַלץ ווערט געטאָן פאַר יידן און פון יידן, פון יידישע פּרנסים, אויב זיי טוען די אַרבעט על פּי דעת הקהל, ליגט אַ גרויס שטיק יידישקייט, ווייל דאָס בינדט צונויף יידן און האַלט זיי צוזאַמען אפשר ניט ווייניקער, ווי דאָס רעכט צו באַנוצן יידיש אין דער פּאָליציי אָדער אויף דער פּאָסט.

דאָ האָט איר נאָך אַ ראיה פאַרן געדאַנק, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויבן, אַז יידישע היסטאָריקער און פּובליציסטן האָבן אַ טעות, ווען זיי מיינען, אַז יידישע אויטאָנאָמיע אין איר מיטל־עלטערלעכער פאָרם פון אַ געוויסער אויטאָריטעט פונעם יידישן כלל איבערן יחיד, איז מעגלעך געווען נאָר אין די ראַמען פון דער פעאָדאַלער, קאָרפּאָראַטיווער ווירטשאַפט. אין דער אמתן קען יידישע אויטאָנאָמיע הויזן מיט איטלעכן רעזשים, בייטנדיק אירע פאָרמען און זיך צופּאַסנדיק צו די אומשטענדן. זי

קען זיך נאָר ניט פּאָרן מיט איין־איינציקן רעזשים, גראָד אַ יידישן, מיטן רעזשים פון הפקרות, וואָס איז ביי אונדז געוואָרן איינגעפירט צוזאַמען מיט דער עמאַנסיפּאַציע. דאָס זאָל געזאָגט ווערן אין אַ מאמר המוסגר.

ביז איצט איז געווען די רייד וועגן די אויפטואונגען פונעם סאָוועט־רעזשים פאַרן יידישן כלל. פאַרשטייט זיך אָבער, אַז מען קען ניט פאַר־בייגיין פאַרביי די געוואַלטיקע פאַרדינסטן, וואָס דער אייגענער רעזשים האָט פאַרן הויבן און פאַרבעסערן דעם מעמד פונעם יידישן יחיד, נאַטיר־לעך — אויפן יסוד פון דעם נייעם סאָציאַליסטישן ווירטשאַפט־סדר, וואָס די רעוואָלוציע האָט איינגעפירט.

אָפּגערעדט דערפון, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט געגעבן יידן פולע ביר־גער־רעכט. דאָס איז געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט. אָבער געטריי צו איר גרונט־געדאַנק, אַז ניט דאָס פאָרמעלע רעכט איז דער עיקר, ווי דאָס איז אָנגענומען אין די ליבעראַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר די רעאַלע מעגלעכקייטן און שאַנסן, האָט סאָוועט־רוסלאַנד קודם כל גע־זאָרגט פאַרן עקאָנאָמישן וואויל־זיין פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז חרוב געוואָרן מיטן איינפירן פון סאָציאַליזם צוליב דער ספּעציפישער, צום גרויסן טייל פאַרמיטלערישער, סטרוקטור פון דער יידישער פאַר־רעוואָלוציע־ווירטשאַפט. די סאָוועט־רעגירונג האָט ניט יוצא געווען מיט פּראָקלאַמירן גלייכע רעכט פאַר יידן און האָט אויסגעאַרבעט אַ פּאָזיטיווע, קאָנסטרוקטיווע פּראָגראַם פון יידישן, ווירטשאַפטלעכן אויפבוי. און מיר קענען איצט משפטן די דאָזיקע פּראָגראַם לויט די רעזולטאַטן.

לאָמיר אָנהויבן פון לאַנדווירטשאַפט. אין 1939 זיינען געווען הונ־דערט טויזנט יידישע לאַנדווירטן, וואָס האָט אויסגעמאַכט 7,2 פּראָצענט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע יידן, בעת אין 1913 האָבן זיי אויסגעמאַכט ניט מער ווי 2 פּראָצענט. די צאָל יידן, באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט איז בכן זינט דער רעוואָלוציע געשטיגן כמעט פיר מאָל. סוחרים זיינען נאַטירלעך כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, געפאַלן איז אויך די צאָל פון אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס און לופט־מענטשן (פון 12 פּראָצענט אויף 7,1 פּראָצענט). וואו האָבן זיי זיך אַהינגעטאָן? דער גרעסטער טייל איז מסתמא אַריבער צו אַרבעט אין קאָנצעלאַריעס און אין ליבעראַלע פּראָ־פעסיעס, וואָס זייער צאָל איז געוואַלטיק געשטיגן. די ערשטע — פון 7 פּראָצענט אין 1913 ביז 37,2 פּראָצענט אין 1939, און די צווייטע — פון 3 פּראָצענט ביז 12,8 פּראָצענט. יעקב לעשצינסקי איז ניט צופרידן מיט דעם הויכן פּראָצענט פון יידישע באַאַמטע. און איז גערעכט. אין דעם ווייזט זיך אַרויס די אומנאָרמאַלקייט פון דעם סאָוועטיש־יידישן גע־

בוי. אָבער לעשצינסקי, זאָל ער מיר מוחל זיין, כאַפּט אַריבער די מאָס, ווען ער דערקלערט אַזוי קאַטעגאָריש, אַז די באַאַמטע „געהערן ניט צו די פּראָדוצירנדיקע קלאַסן". אויב אַזוי, נוצט ער דאָס וואָרט פּראָדוצירן אין אַ זייער באַגרענעצטן זינען, ווי דאָס האָט פאַרשטאַנען די פאַרעלטערטע שול פון די פיזיאָקראַטן. נאָר וויכטיק איז דאָ ניט די עקאָנאָמישע דעפיניציע, וויכטיק איז, אַז פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, איז דער פאַרבייט פון הענדלער און פאַרמיטלער אויף אָנגעשטעלטע אָדער באַאַמטע, וואָס אַרבעטן אין מלוכהשע אָדער קאָלעקטיוועווירטשאַפטן אָדער דינען אינעם מלוכה־אַפּאַראַט גופא, גאָר אַ גרויסער געווינס פאַר יידן.

די סאָוועט־רעגירונג האָט ניט נאָר געשטיצט מיט באַדייטיקע פינאַנציעלע מיטלען דעם איבערגאַנג פון יידן צו לאַנדווירטשאַפט. זי האָט יידישע הענדלער און קרעמער אויך געגעבן לאַנד און דאָס איז געווען בפירוש קעגן דעם אַלגעמיינעם געזעץ, וואָס לויט אים האָבן רעכט אויף ערד קודם כל לאַנדווירטן, איצטיקע אָדער געוועזענע, און דערנאָך אַנדערע אַרבעטנדיקע עלעמענטן. אָבער צוליב דער ספּעציפישער יידישער לאַגע אין צאַריסטישן רוסלאַנד, וואו דער צוטריט צו ערד איז פאַר יידן געווען אָדער אינגאַנצן פאַרמאַכט אָדער שטאַרק פאַרשווערט, האָבן די סאָוועטישע רעפּובליקן אַרויסגעגעבן ספּעציעלע געזעצן צו געבן יידן לאַנד, זיך ניט רעכענענדיק דערמיט, צי האָבן זיי פריער זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט אָדער מיט אַן אַנדער פּראָדוקטיווער פּרנסה, צי ניט. און לעשצינסקי איז אַבסאָלוט גערעכט, ווען ער רופט אָן דעם דאָזיקן געזעץ „אַן אויסנאַם־געזעץ אָבער לטובת די יידן", ד"ה עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז איצט אין קיין לאַנד און ביי קיין רעזשים ניט געזען געוואָרן. דעם אייגענעם קאָנסטרוקטיוון גייסט האָט די סאָוועט־רעגירונג אַרויסגעוויזן אויך אויפן געביט פון אינדוסטריע. זי האָט אָנגענומען מיטלען צו אינדוסטריאַליזירן דעם יידישן האַנטווערקער און געגרינדעט פאַבריקן אין יידישע שטעט און שטעטלעך און גלייכצייטיק אַריינגעצויגן די יידן אין דער גרויס־אינדוסטריע, וואו זיי האָבן ביז דער רעוואָלוציע קיין דריסת רגל ניט געהאַט.

יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד זיינען זיך סומך אויף די דאָזיקע ליכטיקע זייטן פונעם יידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אויף אַ באַווייז ווי אַזוי דער סאָציאַליזם פאַרענטפערט די יידישע פראַגע. פאַרענטפערט? ווען אַנשטאָט דעם וואָלט מען אונדז געזאָגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען, כדי זי צו פאַרענטפערן מער ווי אַ וואָסער עס איז לאַנד אויף דער וועלט, וואָלט דאָס געווען אַבסאָלוט ריכטיק. אָבער באמת פאַרענטפערן די יידישע

פראַגע האָט אויך דער סאָוועט־רעזשים ניט געקענט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט פאַרענטפערן אינגאַנצן די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל און מאַכן פאַר גלייכע די סאָציאַלע קאָלעקטיוון, וואָס זיינען אָביעקטיוו בעצם ניט גלייך. מאַכן פון אַ פאָלק אָן לאַנד און אָן מאַכט, צעזייט און צעשפּרייט, אַ פאַראייניקטן און קאָנצענטרירטן כלל — דאָס האָבן אפילו די סאָוועטן ניט געקענט דערלאַנגען. במילא האָבן זיי ניט געקענט גלייך מאַכן דאָס, וואָס איז פאַרקרימט זינט יידן לעבן אין גלות צווישן די פעלקער: די יידישע ווירטשאַפט־סטרוקטור. זיי האָבן זי פאַרריכט ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט. אָבער אירע יסודות גופא האָבן זיי ניט געקענט איבערמאַכן. שוין נאָכדעם ווי יידישע לאַנד־אַרבעטער זיינען געשטיגן ביז 7,1 פּראָצענט, איז נאָך אַלץ געבליבן אַ געוואַלטיקער מהלך צווישן יידן און דער אַרומיקער באַפעלקערונג, וואו דער פּראָצענט פון באַשעפטיקטע אין לאַנד־ווירטשאַפט דערגרייכט נאָך איצט, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן פּראָגרעס פון דער אינדוסטריאַליזאַציע, 63 פּראָצענט פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע. דער קאָמוניזם האָט אויך ניט געקענט משמעות אויסראָטן די טבע פונעם יידישן יחיד זיך צו שפּאַרן אומעטום און אַרויפצוקלעטערן וואָס העכער אויפן סאָציאַלן לייטער. דער פאַקט, אַז באַאַמטע, אָנגעשטעלטע און ליבעראַלע פּראָפעסיעס מאַכן ביי יידן אויס 49 פּראָצענט, אַ קנאַפּע העלפט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, בעת ביי ניט־יידן — סך־הכל עפּעס מער ווי אַ צענט חלק, איז, און אין דעם פּרט איז לעשצינסקי גערעכט, אַ טרויעריקע דערשיינונג פון יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. דאָס מוז אַרויסרופן און רופט טאַקע שוין אַרויס אומצופרידנקייט און קען זיך חלילה ענדיקן מיט געפערלעכע קאָנפליקטן.

אָדער נעמט, למשל, דעם אומנאָרמאַל הויכן פּראָצענט פון יידישע סטודענטן, וואָס מאַכן אויס צווישן 13 ביז 14 אויף יעדע הונדערט סטודענטן, בעת יידן זיינען נאָר צוויי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אויף יעדע טויזנט יידן ציילט מען לערך צוואַנציק סטודענטן און אויף יעדע טויזנט ניט־יידן — צווישן צוויי און דריי, פאַרשיידן לויט איינצלנע רוסלענדישע פעלקער. מען זאָגט אָפט, אַז דאָס יידישע שטרעבן נאָך בילדונג איז אַ סימן פון העכערן, גייסטיקן מעמד, פון אונדזער דאָרשט נאָך וויסן. צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, בין איך גאָר אַ גרויסער אפּיקורס דערין און בין גאָר ניט זיכער, וואָס דאָ שפּילט אַ גרעסערע ראָלע, צי דאָס לעכצן נאָך וויסן צי די יאָגעניש נאָך עולם הזה, נאָך אַ לייכטערן און באַקוועמערן לעבן. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, וואָלט דאָס געווען אַ מעלה ביי זיך אין דער היים, איז עס אָבער בפירוש אַ חסרון אין דער פרעמד. וואָס

באַווייזן אַט די אַלע פאַקטן און ציפערן, אַז קיין פולע יידישע ווירטשאַפט־לעכע אַסימילאַציע איז אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט פאָרגעקומען. יידן זיינען אויך דאָרט ניט אַבסאָרבירט געוואָרן אינגאַנצן פונעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, אַזוי אַז מען זאָל זיי מער ניט דערקענען. עס עקסיסטירט אויך דאָרט אַ באַזונדערע יידישע ווירטשאַפט־סטרוקטור מיט אַ ניט־נאָרמאַלער פאַרפּאַרץ פון אירע פאַרשיידענע עלעמענטן, הגם ניט די זעלביקע ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אמת, יידן זיינען ניט קיין יוצא מן הכלל, איטלעך פאָלק אין רוסלאַנד, גרויס־רוסן, ווייס־רוסן, אוקראַינער אאַז״וו, האָט זיך זיין באַזונדערן ווירטשאַפטלעכן געבוי. אָבער ווידער אַמאָל די אייגענע מעשה: זיי זיינען טעריטאָריאַלע פעלקער מיט אַן אייגענער ווירטשאַפט, מיר אָבער זיינען אַריינגעוועבט אין פרעמדע ווירטשאַפטלעכע געוועבן און בילדן דאָרט אַ מין שעטנז. און דער דאָזיקער שעטנז, די ספּעציפישע יידישע ווירטשאַפט אָן אַן אָנהאַלט און אָן אַ שטיצע אין באָדן מוז אַרויסרופן רייבענישן און קאָנפליקטן און אין קריטישע צייטן — קאַטאַסטראָפעס.

בכן, עקסיסטירט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַזוינס, וואָס הייסט געוויינלעך יידישע עקאָנאָמישע פּראָבלעם. אירע וואָרצלען ליגן אין אונדזער באַזונדערער אַנאָרמאַלער לאַגע, און מיט די בעסטע כוונות און מיט די פּאַסיקסטע מלוכה־מיטלען לאָזט זיך דאָס ניט באַזייטיקן, סיידן מען זאָל איבערבויען די יסודות גופא פונעם יידישן לעבן און זיי אויסגלייכן מיט די איבעריקע פעלקער.

פאַראַן אָבער אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ יידישע קולטור־פּראָבלעם. און ווידער אַמאָל — אַן אָביעקטיוו־געגעבענע, וואָס הענגט ניט אָפּ פון גוטן אָדער בייזן ווילן פון די אָדער יענע יידן און ניט־יידן. ניט געקוקט אויף אַלע פרייהייטן, רעכט און מעגלעכקייטן, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט געגעבן יידן, כדי זייער אייגענע קולטור זאָל קענען וואַקסן און בליען, זעען מיר פאַרקערט אַ שטענדיק פאַלן פון יידישער קולטור אפילו אין דעם ענגן זינען, ווי די יידישע קאָמוניסטן טייטשן זי אויס. דאָס הייסט אין זינען פון שפּראַך. בעת אין 1897 האָבן 97 פּראָצענט יידן פונעם אַמאָליקן רוסלאַנד אָנגעגעבן, אַז זיי רעדן יידיש, האָבן אין 1926 נאָר 72,6 פּראָצענט פון די יידן אין סאָוועט־פאַרבאַנד דערקלערט יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך. לויט די אויסרעכענונגען פון לעשצינסקי האָבן אין 1940 געדאַרפט זיין אין אַלע יידישע שולן פון סאָוועט־רוסלאַנד קרוב צו ניינציק טויזנט יידישע קינדער, וואָס מאַכט אויס אַרום 20 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער. דאָס הייסט אַז פיר פינפטל יידישע

קינדער גייען אין פרעמדע שולן, רוסישע, אוקראַינישע אאַז״וו. ווען מיר וועלן נאָך צורעכענען אַ געוויסע צאָל קינדער, וואָס גייען אין אומלעגאַלע חדרים אָדער לערנען אין דער היים מיט אַ רבין, וואָס זייער צאָל איז שווער פעסטצושטעלן, וועלן מיר אפשר באַקומען לערך 25 פּראָצענט, ד״ה כמעט דעם אייגענעם פּראָצענט ווי אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. מען טאָר אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז די יידישע שולן זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד אינטעגראַלע, בעת אין אַמעריקע האַנדלט עס זיך נאָר וועגן צוגאָב־שולן.

כדי צו זען קלאָר, ווי גרויס איז דער שפּרונג צו אַסימילאַציע, וואָס דאָס רוסישע יידנטום האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע פערציק יאָר, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז לויט דער ציילונג פון 1897 זיינען 375 טויזנט יידישע קינדער געגאַנגען אין חדרים, ד״ה, אַז עס האָבן געקראָגן אַ יידישע דערציאונג, לויטן דעמאָלטדיקן שטייגער, 80 פּראָצענט פון יידישע קינדער אין שול־עלטער. וואָס איז שייך יינגלעך, האָבן אַלע הונדערט פּראָצענט פאַרבראַכט אַ לענגערע אָדער קירצערע צייט אין חדר. מיר האָבן ניט קיין ציפערן פאַר דער צווישן־צייט, צווישן 1897 און 1917, כדי פעסטצושטעלן, וואָס פאַר אַ חלק פון דער אַסימילירונג פאַלט אויס אויפן צוואַנציק־יעריקן פעריאָד ביז דער רעוואָלוציע און אויף די לערך צוואַנציק יאָר נאָך איר. איך האָב דאָ אויך ניט קיין פאַרגלייכנדיקע ציפערן פאַר די איינצלנע טיילן פון צאַרישן רוסלאַנד און די זעלביקע טיילן, וואָס געהערן איצט צו סאָוועט־רוסלאַנד. אַ געוויסער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז זיכער פאָרגעקומען צווישן 1897 און 1917. עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז אין פּוילן איז דער דאָזיקער פּראָצעס געווען שוואַכער ווי אין די אייבעריקע טיילן פון דעם דעמאָלטדיקן רוסלאַנד. מען קען דעריבער ניט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד פאַרן איצטיקן מצב אויף דעם סאָוועט־פעריאָד, כאָטש פון דער אַנדער זייט איז קלאָר, אַז די פולע פרייהייט, וואָס יידן האָבן באַקומען אונטער די סאָוועטן, האָט דאָ געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע. אַ געוויסע מאָס צו פאַרגלייכן גיבן אונדז די ציפערן וועגן יידישן שול־באַזוך, וואָס באַציען זיך צו פּוילן. אינעם דאָזיקן לאַנד האָבן לערך 40 פּראָצענט פון יידישע קינדער אין שול־עלטער געקראָגן אַ יידישע דערציאונג אין די פאַרשיידענע יידישע שול־טיפּן. דאָס איז אין פּוילן, וואו די פאַראָרעמטע יידישע באַפעלקערונג האָט געמוזט טראָגן כמעט איבגאַנצן אויף אירע אייגענע שוואַכע פּלייצעס דעם בודזשעט פון די יידישע שולן. אַז 40 פּראָצענט זיינען כלל ניט באַפרידיקנד אין פאַרגלייך מיט די מסתמא אַכציק אָדער ניינציק פּראָצענט פון דעם אַנהויב פון דעם הייג־

טיקן יאָרהונדערט, איז קלאָר. מיר זיינען בנוגע דעם אלף־בית אין אַלע לענדער פון דער וועלט, חוץ ארץ־ישראל, גאָר שטאַרק הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אַ סך האַלב־ציוויליזירטע פעלקער טאַקע אין סאָוועט־רוסלאַנד, חוץ אפשר אַזוינע, וואָס האָבן ערשט דאָ ניט לאַנג בכלל קיין אַלף־בית ניט געהאַט. פאַרן „עם הספר" איז עס ניט קיין גרויסע גדלות, ווען ער קען קוים אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט קירגיזן, יאַקוטן וכדומה.

געוויס דאַרף מען ניט מגזם זיין. עס איז נאָך פרי צו זאָגן רבנן קדיש אויפן סאָוועטישן יידנטום. הגם שפּראַך איז ביי יידן ניט דער איינ־ציקער און אפשר אפילו ניט דער וויכטיקסטער סימן פון יידישקייט, איז אָבער שפּראַכלעכע אַסימילאַציע זיכער אַ טרויעריקע דערשיינונג און אַ צייכן פאַר דער אַטראָפירונג פון די יידישע נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנד־כוחות און פון יידישן נאַציאָנאַלן ווילן. אָבער אויך אין דעם פּרט האַלטן מיר נאָך ווייט פון אַ סוף. 72 פּראָצענט יידיש־רעדנדיקע (מען קען אָנ־נעמען, אַז די אַלע, וואָס האָבן דערקלערט אין סאָוועט־רוסלאַנד יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך, רעדן נאָך איצט יידיש, צום טייל לפּחות) איז נאָך ניט קיין אונטערגאַנג פון יידיש. הלוואי אויף די פאַראייניקטע שטאַטן געזאָגט געוואָרן. לויט דעם צענזוס פון 1940 האָבן דאָרט לערך אַ מיליאָן מיט דריי פערטל אָנגעגעבן יידיש אַלס די שפּראַך, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אין זייער היים בעת זיי זיינען געווען קינדער. ווי עס ווייזט אָן ה. מייקסין (ייוואָ־בלעטער, נאָוועמבער־דעצעמבער 1942), האָט מען על פּי טעות די ציפערן פונעם צענזוס אַזוי אויסגעטייטשט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער צאָל פון די, וואָס רעדן אַליין יידיש. די דאָזיקע צאָל איז לויט די אויס־רעכענונגען פון מייקסין גלייך לערך אַ מיליאָן מיט עפּעס, דאָס הייסט נאָר אַ פינפט־חלק פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד.

בכן, אויב מען נעמט אָן די פאַרשפּרייטונג פון יידיש ווי אַ סימן פון נאַציאָנאַלער האַפטיקייט, קען סאָוועט־רוסלאַנד מיט אירע עפּעס מער ווי 72 פּראָצענט יידיש־רעדנדיקע יידן זיך נאָך האַלטן גאָר האָפערדיק אין פאַרגלייך מיט די לערך 20 פּראָצענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דאָזיקער פאַרגלייך פון אַבסאָלוטע צאָלן איז גענוג איבערצייגנדיק ווי ווייט עס רעדט זיך וועגן דער סטאַטיק פון יידיש אין די צוויי לענדער. וואָס איז שייך דער דינאַמיק, דער אַנטוויקלונג פון יידיש, פאַרשטייט זיך, אין דער ריכטונג פון אַראָפּ און ניט פון אַרויף, איז אויך קלאָר, הגם איך האָב ניט קיין ציפערן פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד פאַר גלייכע צייט־פּעריאָדן, אַז ס'איז גאָר קיין פאַרגלייכעניש ניט צווישן דער קאַטאַסטראָפאַלער ירידה פון יידיש אינעם ערשטן לאַנד, וואו נאָר 3 פּראָ־

צענט פון די קינדער פון עלטערן געבוירענע אין אַמעריקע (דריטער דור) האָבן נאָך אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך און דער פאַר־מינערונג פון יידיש אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו עס איז נאָך אפילו ניט זיכער, אַז דאָס פאַלן פון יידיש איז דאָרט אַ שטענדיקע טענדענץ און ניט קיין צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס קען געענדערט ווערן ביי אַ פּאָסיקער פּאָליטיק פון די פּראָגרעסיווע פּאַרטייען בנוגע דער יידישער קולטור.

דער פאַרגלייך צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און סאָוועט־רוסלאַנד קען ניט פּרעטענדירן אויף אַבסאָלוטער פּינקטלעכקייט, ווייל מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ געוויסע צאָל (איך ווייס ניט, צי לאָזט זיך די דאָזיקע צאָל סטאַטיסטיש פעסטשטעלן) יידן איינגעוואַנדערטע פון לענדער, וואו יידיש איז בכלל ניט געווען די גע־ברויך־שפּראַך צווישן יידן, אַזוי אַז בנוגע זיי קען זיך ניט רעדן וועגן אַ זייער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. אַ ריכטיקערע אַנאַלאָגיע קען מען יאָ דורכפירן צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און מיט אַן אַנדער מזרח־אייראָפּעאיש לאַנד, מיט פּוילן. לויט דער פאָלקס־ציילונג, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אין 1931, האָבן 79,9 פּראָצענט יידן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. אמת מען וואָלט געקענט גאַנץ רואיק, ווי דאָס ווייזט ריכטיק אָן י. ל. אין זיין אַרטיקל „די מוטערשפּראַך פון די פּוילישע יידן" אין די ייוואָ־בלעטער, יאַנואַר־פעברואַר 1940, צורעכענען צו זיי אויך די 7,9 פּראָצענט, וואָס האָבן דערקלערט פאַר זייער מוטערשפּראַך העברעאיש. אָבער פון דער צווייטער זייט איז דער אייגענער מחבר אויך גערעכט, אַז הן אַ טייל פון דער לעצטער קאַטעגאָריע, ווי אויך אַ געוויסע צאָל פון צווישן די, וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש, זיינען געווען פּערזאָנען, וואָס זיינען דערביי אויסן געווען צו „דעמאָנסטרירן זייער צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק", הגם זיי רעדן פּויליש אָדער אַן אַנדער פרעמדע שפּראַך (רוסיש, אויף די קרעסן). איך בין אָבער זיכער, אַז וואָלט העברעאיש ניט געווען טריף אין סאָוועט־רוסלאַנד אין דער צייט פון דער פאָלקס־ציילונג, וואָלט זיך אויך דאָרט געפונען אַ היפשע צאָל יידן, וואָס רעדן רוסיש, וואָס פאַרשטייען אָבער צו לייענען אָדער אפילו צו רעדן העברעאיש. נאָר אפילו אַז מען זאָל זאָגן, אַז די דיפערענץ פון 8 פּראָצ. לטובת יידיש אין פּוילן איז אַ רעאַלע, איז זי אָבער ניט אויף אַזוי פיל גרויס, אַז מען זאָל קענען שרייען וועגן אַ קאַטאַסטראָפאַלער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע צווישן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין צענטראַל־רוסלאַנד, אויף קאַווקאַז און אין סיביר, האָבן יידן שוין לאַנג פאַר דער רעוואָלוציע קיין יידיש ניט גערעדט.

וואָס מען זאָל ניט זאָגן, איז נאָך אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַן אַ יידיש לעבן און אַ יידישע אַטמאָספערע, הגם מען זעט עס ניט אַזוי קלאָר אױי־סערלעך, ווייל עס פעלן די אָרגאַניזירטע, קאָלעקטיווע לעבנס־פאָרמען. ניטאָ דאָרט דער תהום, וואָס ווערט אויסגעגראָבן אין אַ סך אַנדערע לענ־דער, וואו יידישע קינדער, וואָס כאַפּן זיך אַריבער אין דער ברייטער וועלט, רייסן גייסטיק איבער מיט דער פאַמיליע, איר שפּראַך און לעבנס־שטייגער. איר וועט מסתמא אין ערגעץ ניט געפינען הויכע יידישע באַ־אַמטע, יידן פּאָלקאָווניקעס אָדער גענעראַלן, וואָס זאָלן נאַטירלעך, זיך ניט גרויסנדיק דערמיט, רעדן אַ זאַפטיקן געשמאַקן יידיש, ווי מען טרעפט עס אין סאָוועט־רוסלאַנד. יידן אין רוסלאַנד, ווי הויך זיי זאָלן ניט שטיין, מוזן ניט אַבסאָלוט בייטן די נעמען און מעגן הייסן, ווי מיר אַלע און ווי מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן. דאָס איז טאַקע אַ קליינִיקייט, אָבער פון יענע קלייניקייטן, וואָס זאָגן אַ סך, וואָרעם זיי זאָגן עדות, אַז עס שמעקט נאָך דאָרט מיט יידישקייט אין דער לופט ווי אומעטום, וואו יידן לעבן אין גרויסע מאַסן. רעכנט דאָך דער מדרש אַריין צווישן די פיר זאַכן, צוליב וועלכע יידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים דאָס, וואָס זיי האָבן זייערע נעמען ניט געביטן: יהודה האָט זיך ניט גערופן רופוס, בנימין האָט ניט געהייסן אַלעקסאַנדער אאַז"וו.

אויך דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן איז אין רוסלאַנד ניט אָפּגעשטאָרבן, ווי מען דערציילט עס אָפט אין ציי‍טונגען. די בתי־מדרשים, לויט אַלע עדות זאָגן, זיינען פול געפּאַקט אין יידישע שבתים און ימים־טובים און ניט נאָר איין מאָל אַ יאָר, צו כל־נדרי, ווי דאָס פּירט זיך „ביי לייטן". יידישע רעליגיעזע קהילות זיינען נאָך דאָרט פאַראַן אין די טויזנטער. לויט לעש־צינסקיס דאַטעס זיינען אין 1926טן יאָר געווען אין אוקראַינע אַליין 1003 יידישע קהילות מיט 137,437 מיטגלידער. און מען דאַרף רעכענען, אַז איצט, צוליב דעם נייעם מער ליבעראַלן קורס פון דער רעגירונג בנוגע רעליגיע און מיטן צושטראָם פון יידישע פליטים פון פוילן און ליטע, איז דאָס רעליגיעזע יידישע לעבן פון יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד געוואָרן פיל אינטענסיווער.

נאָר אויב דער שוואַרצער פּעסימיזם וועגן דעם ירידה־צושטאַנד פון יידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ בפירוש טענדענציעזע גוזמא, קען מען און טאָר מען דאָך ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף די שרעקלעכע חורבנות, וואָס די אַסימילאַציע — שפּראַכלעכע, רעליגיעזע און געזעל־שאַפטלעכע — האָט אַנגעמאַכט אין דעם דאָזיקן לאַנד פון פולער יידי־שער גלייכבאַרעכטיקונג. קיינמאָל אין דער יידישער געשיכטע איז די

אָביעקטיווע סכנה פון אַסימילאַציע ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. ביז איצט איז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס פאָרגעקומען אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער מיט אַ לפי ערך קליינער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט ניט אַריבערגעשטיגן די הונדערטער טויזנטער און איז דער עיקר באַשטאַנען פון בירגערלעכע עלעמענטן, פאַר וועמען די אַסימילאַציע איז געווען צוטריטלעכער ווי פאַרן יידישן מאַסן־מענטשן. אין מזרח־אייראָפּע, צום טייל איז עס ריכטיק אויך בנוגע אַמעריקע, האָט די אַסימילאַציע טאַקע מהאי טעמא פאַרכאַפּט נאָר דעם דינעם אויבערשטן טייל פון די יידישע ישובים. אַסימילאַציע איז תמיד געווען אַן עולם־הזה ענין און האָט דעריבער אַלע מאָל און אומעטום ביז איצט געמיינט אַן איבערגאַנג אָדער אַ דערנעענטערונג צו די העכערע קלאַסן פון די אַרומיקע פעלקער, צו די רייכערע און געבילדעטערע. דאָס אָבער איז געווען מעגלעך נאָר פאַר די יידישע קרייזן, וואָס סאָציאַל, לכל הפחות, זיינען זיי געווען גלייך צו די דאָזיקע הערשנדיקע קלאַסן. סאָוועט־רוסלאַנד איז דער ערשטער פאַל, וואו דווקא די מאַסע, די אַרבעטער און פּויערים, זיינען גלייכצייטיק די פּאָליטיש־ און קולטורעל־הערשנדיקע קלאַסן. במילא איז דאָ די אַסימילאַציע געוואָרן מעגלעך און צוטרעטלעך שוין ניט פאַר אַ קליין הייפל יידן, נאָר פאַר דעם גאַנצן פאָלק. דאָ ליגט איינער פון די טעמים, פאַרוואָס דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום אין דער גאַנצער וועלט, הגם ניט אַלע מאָל גיט מען זיך וועגן דעם אָפּ אַ קלאָרן חשבון, שרעקט זיך אינסטינקטיוו פאַר די מאַניפעסטאַציעס פון אַסימילאַציע־פּראָצעס אין סאָוועט־רוסלאַנד מער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. ניט ווייל אין רוסלאַנד איז די אַסימילאַציע בעצם אינטענסיווער ווי ערגעץ אַנדערש־וואו, נאָר ווייל זי איז דאָ אַ סך מער פאַרשפּרייט, אַ סך עקסטענסיווער. ביים היינטיקן טאָג איז אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַן מער יידישקייט ביי ניט רעליגיעזע יידן, ווי ביי די זעלביקע קרייזן, לאָמיר זאָגן אין פראַנקרייך, ענגלאַנד אָדער צפון־אַמעריקע. און נאָך ביים היינטיקן טאָג איז נאָך דאָרט דאָ מער טראַדיציאָנעלע פרומע יידישקייט ווי אין יענע לענדער. וואָס עס וואַרפט אַן אַ פּחד אויף נאַציאָנאַלע יידן איז דער מאַסן־פאַרנעם פון דער אַסימילאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד און די פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט.

די צווייטע סכנה פון דער סאָוועטישער אַסימילאַציע ליגט גראָד אין דער גרויסער מאָס גלייכקייט, וואָס אַלע שוואַכע פעלקער און בתוכם יידן געניסן אין דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד. נאָר דאָס, וואָס איז אַ ברכה פאַר פעלקער, וואָס זיצן אויף זייער ערד, איז אַ סכנה פאַר אונדזער צעזייט און צעשפּרייט פאָלק. גלייכקייט און סאָציאַליזם זיינען פאַר די באָדן־

פעסטע פעלקער געווען אַ תרופה זיך נאָך מער צו פאַרפעסטיקן אויף זייער ערד, נאָך מער אין איר זיך איינצואוואָרצלען און נאָך מער צו אַנטוויקלען זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. פאַר אונדז אָבער זיינען זיי דווקא גע־וואָרן די סיבה פון אַ נאָך גרעסערער צעבריקלונג און צעשפּליטערונג אין אַלע באַציאונגען, געאָגראַפיש, ווירטשאַפטלעך און נאַציאָנאַל.

סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע איז געבוירן געוואָרן ווי אַ פאַרבאַנד פון גלייכע פעלקער און האָט באַשאַפן אַ שותפות פון נאַציעס, האָט מיט אונדז, ווי אַ פאָלק, ניט צוליב איר שולד, נאָר צוליב אונדזער ביטערן היסטאָ־רישן מזל, אַזאַ שידוך ניט געקענט טאָן, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין נדן אַריינצוטראָגן, אויב מען זאָל ניט רעכענען די רעוואָלוציאָנערע פּראָ־פּאַגאַנדע פון יידן־סאָציאַליסטן, וואָס פלעגט אָבער פאַרשריבן ווערן בדרך כלל אויף אונדזער חשבון נאָר ביי פּראָגראַמען אָדער להבדיל ביי אָפיציעלע חגאות לכבוד דער רעוואָלוציע. אָבער אַלע אַנדערע פעלקער האָבן יאָ געקענט אַריינטראָגן זייער חלק — זייער באַזיץ און טעריטאָריע — און דעריבער האָבן זיי ווי פעלקער געקענט ווערן שותפים אין דער געמיינזאַמער מדינה. די סאָוועט־רעגירונג האָט געקענט טאָן טובות נאָר יידישע יחידים, זיי לאָזן פריי אַריינדרינגען אין די פרעמד־נאַציאָנאַלע קערפּערס און זיך אויסמישן מיט זיי. און געטאָן האָט זי דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז פון ריין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט וואָלט מען זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון איר גרויסהאַרציקייט. וואָרעם זי האָט אפילו ניט געצוואונגען יידן זיך אויס־צומישן. אדרבא, זי האָט זיי געגעבן אַלע שאַנסן און אַלע פּריווילעגיעס אויף צו בלייבן יידן. זי האָט זיי איבערגעלאָזט די ברירה. און יידן, אַ טייל יידן, האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם אייביקן יידישן יצר הרע און זיי האָבן זיך באַהעפט מיטן לעבן און מיט דער קולטור פון פרעמדע פעלקער.

טויזנטער יאָרן ראַנגלט זיך שוין דאָס יידישע פאָלק מיטן דאָזיקן יצר הרע און איז אים ביז איצט בייגעקומען. און וועט זיך אים מסתמא אויך להבא ניט אונטערגעבן. וואָס גרעסער דער נסיון, אַלץ שטייפער און האַרטער ווערט דער שטאַרקער כאַראַקטער. האַמער ברעכט גלאָז און פאַרהאַרטעוועט אייזן. אָבער אפילו אַזאַ הערויאיש פאָלק ווי דאָס יידישע באַשטייט ניט פון הוילע גבורים. פאַר די שוואַכע איז דער יידישער כוח המושך אַליין ניט גענוג. איז מער ניטאָ קיין אָפּשטויסונג־קראַפט פון אויסן, לאָזן זיך די שוואַכע, די יראים ורכי הלבב, לויפן און פליען צום פייער ביז... ביז זיי ברענען זיך ניט אָפּ די פליגלען.

אָט דאָס האָט פּאַסירט אומעטום, דאָס וועט אויך מוזן פּאַסירן אין

סאָוועט־רוסלאַנד. נאָר די צאָל קרבנות פון דער אַסימילאַציע וועט דאָ מיט דער צייט זיין גרעסער, ווייל די צוצי־קראַפט פאַרשפּרייט זיך דאָ אויף אַלעמען און ווייל די אָפּשטויסונג־קראַפט איז נאָך דערווייל ניטאָ. איך זאָג מיט אַ כיוון דערווייל. ווייל שוין פאַר דער איצטיקער מלחמה, ווי אַלע מאָל און אומעטום אין צייטן פון רואיקער און פרידלעכער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זיינען שוין אונטער דער אויבערפלאַך געווען פאַרזייט די זוימען פון צוקונפטיקע צוזאַמענשטויסן און קאָנפליקטן, וואָס קענען אויסוואַקסן אין קאַטאַסטראָפעס, ווען מען וועט ניט פאַרכאַפּן צו דער רעכטער צייט.

די אַסימילאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געקניפּט און געבונדן מיט צוויי דערשיינונגען: מיט אינעווייניקסטע יידישע איבערוואַנדערונגען און מיטן איבערגאַנג פון אַ גרויסן טייל יידן צו אַזוינע פּראָפעסיעס, ווי באַאַמטנ־טום און די אַזוי גערופענע ליבעראַלע פּראָפעסיעס. ווי לעשצינסקי האָט עס פאָרמולירט, איז די טענדענץ פון יידישע איבערוואַנדערונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד צו גיין פון געגנטן מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג (אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד) אין פּראָווינצן מיט אַ שיטערער יידישער באַפעלקערונג (גרויס־רוסלאַנד). בעת אין אוקראַינע מאַכן יידן אויס פינף פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג און אין ווייסרוסלאַנד — העכער אַכט פּראָצענט, דערגרייכן זיי אין גרויס־רוסלאַנד קוים איין פּראָצענט, ניט געקוקט אויף דער לערך גרויסער צאָל יידן, וואָס האָבן אַהין איבערגעוואַנדערט זינט דער רעוואָלוציע (700 טויזנט נפשות). אין נאַציאָנאַלן זינען מיינט די דאָזיקע פאַרשפּרייטונג, אַז עס ווערט אָפּגעשוואַכט די געדיכטקייט, די אינטענסיווי־קייט פון דעם דרוק פון דער יידישער סביבה אויפן יחיד, און עס ווערט פאַרקערט געשטאַרקט זיין ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אָפּהענגיקייט פון דעם פרעמדן אַרום. די נאַציאָנאַליזירנדיקע און דיסציפּלינירנדיקע השפעה פון יידישע אינסטיטוציעס פון זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אין גרויס־רוסלאַנד אויך ניטאָ. און מיר זעען טאַקע, אַז בעת אין גאַנץ רוסלאַנד שטייגט ניט אַריבער די צאָל יידישע קינדער, וואָס גייען אין יידישע שולן, אַ פינפט חלק פון זייער גאַנצער צאָל, איז דער דאָזיקער פּראָצענט אין די יידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען אַזוי הויך ווי פופציק פּראָצענט — זעכציק פּראָצענט, ד״ה, דריי מאָל מער, און אין פאַרגלייך מיט די גרויסע שטעט — פון פיר ביז פינף מאָל מער.

דאָס באַאַמטנטום און די ליבעראַלע פּראָפעסיעס זיינען פאַר יידן על פּי רוב פאַרבונדן מיט דער פּערזענלעכער באַדינונג פון אַ פרעמד־נאַציאָנאַ־לער באַפעלקערונג, ד״ה, אַז זיי ווערן נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ווי יידן

אין סאָוועט־רוסלאַנד בכלל, אָפּהענגיק ווירטשאַפטלעך און גייסטיק פונעם אַרום, צו וועלכן זיי מוזן זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק צופּאַסן צו זיין שפּראַך, צו זיינע מינהגים און צו זיין מענטאַליטעט.

אַט די צוויי־פּאַרמיקע אינפילטראַציע, די טעריטאָריאַלע און ווירטשאַפטלעכע, גרייט צו דעם באָדן פאַר קינפטיקע סעגרעגאַציע־טענדענצן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אמת, אידעאָלאָגישע מאָטיוון וועלן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווירקן שטאַרקער ווי אין די בירגערלעכע אויף אָפּצושוואַכן די דאָזיקע טענדענצן און ניט דערלאָזן זיי זאָלן אָננעמען ברוטאַלע געוואַלט־פאָרמען, אָבער זיי וועלן ניט זיין בכוח זיי צו פאַרטרייבן און אויסצוראָטן. זייער ווירקונג וועט אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק זיין פון דער עקאָנאָמישער עוואָלוציע פון רוסלאַנד און פון אירע אינטער־נאַציאָנאַלע באַציאונגען נאָך דער מלחמה, וואָס קיינער קען איצט ניט פאָראויסזען. מיר האָבן שוין אויבן געזען, אַז אויב סאָוועט־רוסלאַנד האָט געקענט אַזוי ברייטהאַרציק זיך באַגיין מיט אירע אָרעמע און הינטער־שטעליקע פעלקער און ניט נאָר זיי געבן רעכט, נאָר אויך דירעקט זיי העלפן צו אַנטוויקלען זייער מלוכהשקייט, זייער ווירטשאַפט און קולטור, איז דאָס געשען ניט בלויז צוליב אירע אינטערנאַציאָנאַלע און סאָציאַליס־טישע דאָקטרינען, נאָר אויך צוליב דער שפע פון אירע נאַטירלעכע רייכ־טימער און דער רחבות פון איר לאַנד. אָבער דאָס אייגענע איז ריכטיק אויך בנוגע יידן. ניט אַלע מאָל איז סאָוועט־רוסלאַנד אין מאַטעריעלן זינען געווען אַ גן־עדן פאַר יידן. יאָרן לאַנג האָבן לערך אַ מיליאָן יידן, כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער סאָוועט־יידישער באַפעלקערונג געלעבט אין גרעסטער דחקות און נויט. דאָס זיינען געווען די אַזוי־גערופענע דע־קלאַסירטע, געוועזענע הענדלער און פאַרמיטלער, וואָס זייערע אַלטע פרנסה־קוואַלן זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציע און צו קיין נייע האָבן זיי זיך ניט געקענט דערשלאָגן. ערשט בעת אין 1929 לערך האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרווירקלעכונג פון די גרויסע אינדוסטריאַליזירונג־פּלענער און עס איז מעגלעך געוואָרן אַריינצו־ציען אין דער נייער אינדוסטריע מיליאָנען רוסישע פּויערים, האָט די סאָוועט־רעגירונג אָנגענומען מיטלען, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם שרעקלעכן יידישן דלות. די פאַרברייטערטע אינדוסטריע האָט דעמאָלט לייכט גע־קענט איינשלינגען די הונדערטער טויזנטער פרנסה־ און אַרבעטלאָזע יידן. וואָס וויל דאָס זאָגן? ניט מער און ניט ווייניקער, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד גילט נאָך אויך דער אייביקער געזעץ פונעם יידישן גלות. איז דער באַ־פעלקערונג גוט, בעסערט זיך אויך אונדזער מעמד ביז אַ געוויסן גראַד.

איז איר חלילה שלעכט, זיינען מיר די אומגליקלעכסטע צווישן די אומ־גליקלעכע. ווייל אין שווערע צייטן מוז מען אונדז אָנהויבן פילן ווי אַ פרעמדע מינדערהייט. אַט האָט איר אַ ציטאַט פון אַ רוסישן בוך פון מ. גאָרעוו „קעגן אַנטיסעמיטיזם״, אַרויס אין סאָוועט־רוסלאַנד אין 1927: „אין צייטן פון אונדזערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן הויבט זיך די קוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. וואָס גרעסער די שוועריקייטן, אַלץ העכער די פּאָגראָם־כוואַליעס. דער אַנטיסעמיטיזם ציט זיין יניקה פון אונדזערע שוועריקייטן״ (ציטירט לויט לעשצינסקי). און פון זיין זייט איז לעשצינסקי מוסיף: „מעג דער רוס אָדער אוקראַינער צען מאָל שטיין אין דער ריי און ניט באַקומען אַ מין סחורה ביי אַ קריסטלעכן אָנגע־שטעלטן אין אַ מלוכה־מאַגאַזין, וועט אים ניט איינפאַלן צו באַשולדיקן דעם דאָזיקן אָנגעשטעלטן אין דוחק אין סחורות. טרעפט אָבער דאָס זעלבע מיט אַ יידישן אָנגעשטעלטן, איז . . . שולדיק דער ייד״.

אַ סאָציאַליסטישער רעזשים איז ביי גלייכע באַדינגונגען בלי ספק גינסטיקער פאַר יידן, ווי אַ מינדערהייט, ווייל עס פאַלן אַוועק געוויסע מאָטיוון פון אַנטיסעמיטיזם, ווי די פּריוואַטע קאָנקורענץ און דער נאַציאָ־נאַליסטישער שאָוויניזם. אָבער קיין גאַראַנטיע קעגן אַרויסשטויסן איז ער ניט מער אין דעם מאָמענט, ווען די מערהייט־באַפעלקערונג ליידט אַליין נויט. זי איז און וועט תמיד זיין בילכער אונטער אַלע רעזשימען, וואָס מענטשן ווי זיי זיינען איצט און ווי זיי וועלן נאָך לאַנג־לאַנג זיין וועלן זיך באַשאַפן.

סאָוועט־רוסלאַנד וועט אַרויס, ווי מיר האָפן אַלע און ווי עס ווייזט דער ביז־איצטיקער גאַנג פון די געשעענישן אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער מלחמה מיט אַ מיליטערישן ניצחון, אָבער גלייכצייטיק ווירטשאַפטלעך רואינירט ביז צום גרונט. די האָפענונגען, אַז „דער דייטש וועט באַצאָלן״, וועלן דאָס מאָל, ווי נאָך יענער מלחמה, מסתמא צערונען ווערן. ווי אַזוי וועט זי אויפשטעלן אירע חורבות? מען זאָגט אָפט — מיט דער הילף פון אויסלענדישן, דער עיקר אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. אויף דעם סמך זאָגט מען אפילו נביאות, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט צוליב דער פינאַנציע־לער הילף פון די „דעמאָקראַטיעס״ זיין געצוואונגען צוצופאַסן צו זיי איר פּאָליטישן, אויב ניט עקאָנאָמישן רעזשים. אַ פּוסטע אילוזיע. די, וואָס זאָגן עס, באַווייזן נאָר דערמיט, אַז זיי שאַצן ניט אָפּ די גרויסע מאָראַ־לישע קראַפט פון רוסישן פאָלק, ניט די אויסגעהאַלטנקייט און האַרטנע־קיקייט פון זיין סאָציאַליסטישן רעזשים. אַ פאָלק, וואָס וועט האָבן מקריב געווען צענדליקער מיליאָנען פון זיין בליענדיקער יוגנט, כדי אָפּצוהיטן

זיין פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, וועט קיין פּיצל דערפון ניט פאַרקויפן פאַרן טאָפּ לינדזן, וואָס וואָל־סטריט אָדער לאָמבאַרד סטריט וועלן איר געבן, אויב ניו־יאָרק און לאָנדאָן וועלן אפילו נאָך דעם דאָזיקן טאָפּ לינדזן האָבן, וואָס איז לעת עתה כלל ניט זיכער. וואָרעם עס ליגט אין גאָטס הענט ווי לאַנג די מלחמה וועט זיך ציען און ווי גרויס וועלן זיין די חורבות פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גופא.

נאָר אַזוי צי אַזוי, צי מיט צי אָן אויסלענדישער הילף, צי מיט צי אָן רעפּאַראַציעס, וועט דאָס אויפבויען די חורבות פאַרלאַנגען געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען פון רוסלאַנדס פעלקער גופא און נאָך יאָרן לאַנג וועלן זיי זיך מוזן אָפּזאָגן פון פוטער און מילך. די עקאָנאָמישע שוועריקייטן פון סאָוועט־רוסלאַנד וועלן זיין ניט קלענער, אויב ניט גרעסער, ווי אין די יאָרן ביז 1930. אַלע פּראָבלעמען, און די יידישע בתוכם, וועלן אומ־פאַרמיידלעך פאַרשאַרפט ווערן. און זאָל עס אַמאָל קומען אין סאָוועט־רוסלאַנד צו אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, וועלן זיי זיך דער עיקר דרייען אַרום איין פּונקט: דאָס באַאַמטנטום און די „ווייסע קאָלנער", ד"ה אַרום די איינציקע שיכטן, וואָס האָבן נאָך געוויסע פּריווילעגיעס אינעם עגאַלי־טאַרן סאָציאַליסטישן רעזשים. אינעם דאָזיקן צוקונפטיקן געראַנגל, וועל־כער וועט אַזוי צי אַזוי מוזן וווען ניט איז אויסגעקעמפט ווערן און וועלכן די מלחמה־חורבנות וועלן אפשר פאַרגיכערן, וועלן יידן שפּילן, ניט צום ערשטן מאָל, אַ טאָפּלטע און קעגנזעצלעכע ראָלע. פון איין זייט — ווי אַקטיווע און ערשט־רייעדיקע קעמפער קעגן פּריווילעגיעס, און פון דער אַנדער זייט — ווי די ערשטע פּאַסיווע קרבנות צווישן די פּריווילעגירטע. דער טראָצקיזם איז מיט טראָצקין ניט פאַרשוואונדן. די וואָרצלען פון דער אָפּאָזיציע ליגן אין דער נאַטור פון מענטשן, וואָס ליידן ניט קיין ניט־גלייכקייט אפילו דאָרט און דעמאָלט, ווען זי איז באַרעכטיקט אָדער נויט־ווענדיק. און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס בראש פון דער אָפּאָזיציע פון די „באַעוולהטע" זיינען געשטאַנען כמעט אויסשליסלעך יידן, טאַקע די אייגענע, וואָס האָבן געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער רעוואָלוציע, בעת מען האָט געדאַרפט צעשטערן דעם אַלטן סדר, און וואָס האָבן אָבער שפּעטער, ווען דער צענטער איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן אויפן אויפבוי פונעם נייעם, אַלץ מער געמוזט אָפּטרעטן אין שאָטן. דאָס איז ניט קיין צופאַל, וואָרעם דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אַבסאָלוטער צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון גלייכקייט פון יידן, וואָס האָבן ניט קיין אינטימען צוזאַמענבונד מיט די נאַציאָנאַלע רעאַליטעטן פון די פעלקער. אָבער די אַבסאָלוטע אידייען, אָנגעווענדט צו די רעלאַטיווקייטן

פון דעם קאָנקרעטן נאַציאָנאַלן לעבן, מוזן ווערן דעסטרוקטאַריש, ווירקן צעשטערעריש. אין דעם פאַקט, וואָס אין דער רעכטער אָפּאָזיציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט נאָך גרעסערע קאָנצעסיעס פאַר דער רוסישער ווירקלעכ־קייט, גרינטלעכע הנחות פאַרן פויערישן רוב פון לאַנד, מער ווי סטאַלין האָט אין יענער צייט געוואָלט און געקענט מאַכן, זיינען כמעט קיין יידישע פירער ניט געווען, בעת די פירערשאַפט פון דער לינקער אָפּאָ־זיציע, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די אינדיווי־דואַליסטישע נטיות פונעם פויערטום, איז כמעט באַשטאַנען פון הוילע יידן, — אין דעם דאָזיקן פאַקט האָט זיך נאָך אַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז יידן־פּאָ־ליטיקער טראָגן אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד אַריין אַ פרעמדן גייסט. און מעג ער זיין ווי ריין און דערהויבן, קען ער אָבער זיין נאָר שעדלעך ביי די געגעבענע, קאָנקרעטע אומשטענדן.

פון דער צווייטער זייט אָבער, וועט דער לערך גרויסער אַנטייל פון יידן צווישן די פּריווילעגירטע גיסן איבעריק אייל אויפן פייער, וואָס קען אַמאָל אין רוסלאַנד אויפפלאַקערן אַרום דער דאָזיקער פּראָבלעם, וואָס זיין ווייטיקדיקייט וועט זיך פילן אַלץ שאַרפער, וואָס גרעסער עס וועט זיין די נויט. פריער אָדער שפעטער וועט סאָוועט־רוסלאַנד און דאָס סאָוועטישע יידנטום אַוועקגעשטעלט ווערן פנים אל פנים מיט דער יידי־שער טראַגיק. און עס וועט אויך דאָ, ווי אין דער איבעריקער וועלט, נאָר בלייבן איין אויסוועג: סעגרעגאַציע פון אויסן, אויב ציל־באַוואוסטע זעלבסט־אָפּזונדערונג פון אינעווייניק וועט זיך ניט מקדים זיין.

אין תוך האָט זיך די דאָזיקע סעגרעגאַציע שוין אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק. טראָצקי האָט, ווי באַוואוסט, אפילו אָפן באַשולדיקט סטאַ־לינען, אַז ער האָט אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין זיין קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע. דאָס איז געווען, פאַרשטייט זיך, נאָר איינער פון טראָצקיס טעמפעראַמענט־עקסצעסן. סטאַלין איז ניט קיין אַנטיסעמיט, פונקט אַזוי ווי רוזוועלט און טשוירטשיל זיינען עס ניט, און אַ סברא נאָך ווייניקער. אָבער סטאַלין איז אפשר מער רעאַליסט אין פּאָליטיק און שטייט נעענטער צום פאָלק ווי זיי. און אויב ער האָט באַזייטיקט יידן פון דער פירערשאַפט און אויב יידן זיינען דורך דער צענטראַלער אַדמי־ניסטראַציע צום טייל אויך באַזייטיקט געוואָרן פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן באַאַמטנטום אין געוויסע שטעט און געגנטן, איז דאָס מסתמא געווען דער־פאַר, ווייל מען האָט דערשפּירט די סכנה, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ יידישער היפּאַטראָפיע אין די דאָזיקע פּאָזיציעס. אויף דעם וועג וועט די סאָוועטישע פּאָליטיק, צי מיט צי אָן סטאַלין, מוזן גיין אויך ווייטער. און

עס וואָלט געווען אַ גליק פאַר יידן, אויב די יידישע פירערשאַפט און סאָ־וועט־יידן בכלל וועלן פאַרשטיין די צייכנס און די וואָרנונגען פון דעם נאָענטן מאָרגן.

ס'איז ממש צו באַוואונדערן ווי רוסישע פאָלקס־מענטשן, ווי דער פרעזידענט פון פאַרבאַנד קאַלינין, האָבן אַרויסגעוויזן ניט בלויז ליבע צום יידישן פאָלק, נאָר אויך אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר די דאָזיקע צייכנס און וואָרנונגען, אַ סך אַ טיפערן ווי געוויסע יידישע אינטעליגענטן. די סאָ־וועט־פירער האָבן גראָד יאָ אַריינגעקוקט אין דעם יידישן תהום, וואָס שרעקט צוריק יידישע אַסימילאַטאָרן, און אָנגעכאַפּט „דעם אָקס ביי די הערנער״. זייער ענטפער אויף דער יידישער אומנאָרמאַלקייט איז געווען אונדזער ענטפער: טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע. דאָס מיינט אָבער אויך טעריטאָריאַלע אָפּגעזונדערטקייט, פאַרשטייט זיך, רעלאַטיווע אָפּגעזונדערטקייט, אין די גרענעצן פון אַ געמיינזאַמער מדינה. די סאָ־וועט־רעגירונג איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די שאַפונג פון אַ יידישער רעפּובליק אין דער ביראָ־בידזשאַן־געגנט. אויפן ערשטן צו־זאַמענפאָר פון „געזערד״ אין 1926 דערקלערט קאַלינין: „פאַרן יידישן פאָלק שטייט די גרויסע אויפגאַבע פון איינהיטן זיין נאַציאָנאַליטעט. צו־ליב דעם דאַרף מען פאַרוואַנדלען אַ באַדייטיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ פעסט־באַזעצטער מאַסע, וועלכע זאָל ציילן לכל הפחות הונדערטער טויזנטער״ (ציטירט ביי לעשצינסקי). און אין אַ שמועס מיט רוסישע און יידישע אַרבעטער פון מאָסקווער פאַבריקן, וועלכע זיינען גע־קומען פון אַ באַזוך אין ביראָ־בידזשאַן האָט קאַלינין געזאָגט: „איר פרעגט מיך, פאַרוואָס מען האָט אָרגאַניזירט די יידישע אויטאָנאָמע געגנט?... די הויפּט־סיבה איז, וואָס יידן איז ביי אונדז פאַראַן זייער פיל און קיין מלוכהשע אויסבילדונג האָבן זיי ניט. דאָס איז די איינציקע נאַציאָנאַליטעט אין פ. ס. ס. ר., וואָס פאַרמאָגט אַ דריי־מיליאָניקע באַפעל־קערונג און האָט ניט קיין מלוכהשע אויסבילדונג. איך האַלט, אַז שאַפן אַזאַ געגנט איז אין אונדזערע באַדינגונגען דאָס איינציקע מיטל פאַר אַ נאָרמאַלער מלוכהשער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַליטעט״.

אין די דאָזיקע צוויי רעדעס האָט איר דעם קערן פון אונדזער גאַנצער פּראָבלעם, וואָס קאַלינין האָט אַזוי גוט תופס געווען, הגם אפשר ניט גלענצנדיק פאָרמולירט (מיט אַן אחד־העמיסטישן אָפּנויג, וואָלט איך גע־זאָגט), דעם עיקר פון אַלע עיקרים פון דער דאָזיקער פּראָבלעם, וואָס הייסט לאַנד און מלוכהשקייט.

ווי האָבן יידן געענטפערט אויפן דאָזיקן גרויסמוטיקן פאָרשלאָג? די

תשובה פונעם סאָוועטישן יידנטום, פון דעם טייל, וועמענס שטים עס איז צו אונדז דערגאַנגען, געפינט איר אין אַ רעדע פון איינעם פון זייערע געוועזענע פירער, מערעזשין: „אין חבר קאַלינינס רעדע איז געווען אַן אָנווייזונג, אַז מען דאַרף שטרעבן 'איינהייטן די נאַציע'. דאָס איז אין זיין רעדע געווען אונטערגעשטראָכן עטלעכע מאָל. אָט דעם געבאָט קענען מיר ניט אָננעמען. חבר קאַלינין ווי אַ קאָמוניסט פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט קען אַזוי רעדן, אָבער מיר קאָמוניסטן פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט קענען עס ניט אָננעמען".

נאָר פאַרמשפּט די בירא־בידזשאַן־איניציאַטיוו און פאַרחתמעט איר גורל האָט ניט די דאָזיקע באַוווסטזיניקע אָפּאָזיציע פון יידישע קאָמוניסטישע פירער. ראשית, זיינען זיי צווישן זיך גאָרניט געווען איניק. עס זיינען געווען ניט ווייניק אַזוינע, וואָס זייער נאַציאָנאַלע און ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישע גרסא דינקותא האָט זיך ביי זיי אָפּגעשלוקערצט און זיי זיינען גראָד געווען מיטן גאַנצן האַרצן מיט קאַלינינען. אַנדערע ווידער האָבן „לויט באַפעל" זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן און אפילו מיט ברען זיך גענומען פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון בירא־בידזשאַן. דער אמתער דורכפאַל איז געקומען פון די יידישע מאַסן גופא, פון זייער שטילן, אָבער עקשנותדיקן סאַבאָטאַזש. פאַר די יאָרן 1928—1933 האָבן סך־הכל אויסגעוואַנדערט קיין בירא־בידזשאַן לערך צוואַנציק טויזנט יידן און אויך זיי זיינען על פי רוב געבליבן אין די פאָר שטעט. אַזוי אַז קאַלינין האָט מיט רעכט און ביטערניש געקענט זאָגן: „וואָס ווילן מיר דען? ווילן מיר דען שאַפן אַ נייעם מערב־קאַנט? אַ יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט און אַ ניט־יידישע אין די דערפער? וואָס זשע פאַר אַ נאַציאָנאַל־יידישע מלוכה וואָלט דאָס געווען?" (לעשצינסקי).

נאָר אפילו די יידן, וואָס האָבן שוין איינגעוואַנדערט אין בירא־בידזשאַן זיינען אויך דאָרט ניט פאַרבליבן. כמעט 60 פראָצענט זיינען אַנטלאָפן צוריק אין צענטראַל־רוסלאַנד, וואו דאָס לעבן איז גרינגער און די פאַרדינסטלעך לייכטער. און היות ווי די סאָוועטישע רעגירונג האָט צוליב כמה טעמים, ווירטשאַפטלעכע און מיליטערישע, דאָך געמוזט באַפעלקערן די געגנט, איז זי געצוואונגען געווען צו שיקן אַהין ניט־יידן. און דער רעזולטאַט איז, אַז אין 1939 האָט בירא־בידזשאַן שוין געהאַט אַ באַפעלקערונג פון לערך 108 טויזנט נפשות, אַזוי אַז די צוויי אָדער דריי־און־צוואַנציק־טויזנט יידן, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן האָבן אין זייער „נאַציאָנאַלער" געגנט אויסגעמאַכט קוים 20 פּראָצענט.

אָבער דאָס לעצטע וואָרט איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן. די לאָגיק

פון פאַקטן און געשעענישן וועלן ווידער, פריער אָדער שפּעטער, און ס׳קען געמאָלט זיין גאָר איינגיכן, אַרויפבּרענגען אויפן סדר־היום די פּראָבלעם פון יידישער קאָנצענטראַציע. און ווער קען די סודותדיקע וועגן פון יידישער געשיכטע ? — אפשר וועט גראָד סאָוועט־רוסלאַנד באַשערט זיין אויך אין דעם פּרט צו ווערן אַ מוסטער און אַ וועג־ווייזער פאַר אַנדערע פעלקער און לענדער ? און אויב די יידישע קאָמוניסטן וועלן מיטן גאַנצן האַרצן חוזר בתשובה זיין און אויסטרעטן אַ נייעם וועג פאַרן קיום פון סאָוועט־רוסישן יידנטום, וועט די געשיכטע זיי מוחל זיין אַ סך עבירות, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען און וואָס אַ היפּש פּעקל דערפון דריקט נאָך איצט אויף זייער געוויסן.

קאַפּיטל אַכצן

יידישע קאָמוניסטן אין דער היים און אין דער פרעמד

ס'איז נויטיק געווען אונטערצושטרייכן אינעם פאָריקן קאַפּיטל די אָביעקטיווע מאָמענטן פון דער יידישער פראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווייל ביי אונדז איז מען אָפט נוטה אַרויפצוּוואַרפן די גאַנצע שולד פונעם פאַלן פון יידישקייט און יידישער קולטור אין ראַטנלאַנד אויף די „יעווסעקן". דערמיט אָבער באַגייט מען אַ גרויסן פעלער. פונקט אַזוי ווי גויים מאַכן אונדז פאַרן שעיר לעזאזל פון אַלע זייערע צרות, פונקט אַזוי זוכט זיך אויס יעדע יידישע פאַרטיי איר אייגענעם שעיר לעזאזל צווישן אונדז גופא. זיך שלאָגן על חטא אויף יענעמס ברוסט איז אַן אַלטע יידישע רגילות. און אַקוראַט ווי אומעטום נוצט דער זינדבאָק ניט מער ווי אויף צו באַרואיקן דעם אייגענעם געוויסן און ווי אַ שירמע אויף פאַרדעקן אייגענע חטאים, אַקוראַט אַזוי דינט ער אויך ביי אונדז פאַר דעם זעלביקן צוועק. דאָס הייסט ניט, אַז אין איצטיקן מצב פון יידישן כלל לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען שולדיק נאָר בלינדע כוחות. באַוואוסטזיניקע טעאָריעס און געדאַנקענגענג פונעם קאָמוניזם בכלל און פונעם יידישן קאָמוניזם בפרט האָבן אין דעם אַ גאָר היפשן חלק שולד.

קודם כל דאַרף מען צעשטערן די אילוזיע, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט ביי אונדז, אַז מיט די „גויאישע" קאָמוניסטן וואָלט מען ווי ניט איז געקענט דורכקומען. די צרה איז נאָר מיט יידישע. מילא, אַז אַ נאַציאָנאַלער מגיד זאָגט עס, איז די סכנה נאָך ניט גרויס. וואָס וועט ניט טאָן אַ מגיד אויף אַריינצוּבראָקן אַזאַ טייערן פסוק ווי מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" ? אָבער אַז יעקב לעשצינסקי, וואָס איז אין אויסלאַנד זיכער דער בעסטער קענער פון סאָוועט־רוסלאַנד און פון סאָוועטישן יידנטום און וואָס ווייסט דווקא אויסגעצייכנט, וואָס עס הייסט יידישע גלות־רעאַליטעטן און וואָס איז נאָך חוץ לזה גאָר ווייט פון מגידות, לאָזט זיך אויך כאַפּן אויף דער דאָזיקער ווענטקע, איז עס באמת אַ שאָד. אָבער נאָך אַ גרעסערער איז עס, ווען פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע פּאָליטיקער אָריענטירן זיך אויף דער

דאָזיקער טעאָריע פון „גוטע גוים" און „שלעכטע יידן". איז דאָך די יידישע פּאָליטיק אין אויסלאַנד בנוגע דעם סאָוועטישן יידנטום באַשטאַנען ביז דער לעצטער צייט אין דעם, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער סאָוועט־רע־גירונג איבער די קעפּ פון דער לאָקאַלער יידישער פירערשאַפט און פאַר־טרעטערשאַפט (צי זיינען זיי דעמאָקראַטיש־געקליבענע אָדער זעלבסט־געקרוינטע איז וויכטיק און גאַר וויכטיק פאַר זיך אַליין, אָבער ניט אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג). און דער רעזולטאַט? — נול. און אַנדערש האָט עס אויך ניט געקענט זיין, ווייל ווי יעדע נאַציאָנאַלע רעגירונג רעכנט זיך די סאָוועט־רעגירונג בנוגע יידישע ענינים קודם כל מיט דער מיינונג פון אירע יידישע בירגער.

פאַרשטייט זיך, אַז מען שטעלט אַוועק, ווי דאָס טוט לעשצינסקי, די קאָנסעקווענט־נאַציאָנאַלע באַציאונג צו דער יידישער פּראָבלעם פון קאַלי־נינען אַנטקעגן דער ניט דערפאַרענער און אָפּט אפילו פּחדנותדיקער האַל־טונג פון אַ ריי יידישע קאָמוניסטן, קען מען באמת באַקומען דעם איינ־דרוק, אַז ווען ניט זיי, וואָלט יידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד געוואַקסן ווי אויף הייוון. קאַלינינס שטעלונג האָט אין זיך עפּעס גרויסעס. צווישן די באַרימטע חסידי אומות העולם שטייגט אים אַריבער נאָר איינער — לאָרד באַלפור. שטייגט אים אַריבער דערפאַר, ווייל ער האָט געשפּירט און אים האָט ווי געטאָן די גאַנצע יידישע טראַגיק פון אַלע צייטן און לענדער, בעת קאַלינין האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען נאָר איין לאַנד, איין צייט־פּונקט און נאָר איין יידישן קיבוץ. אָבער צום גרויסן באַדויערן דריקט קאַלינין אויס נאָר איין טענדענץ פון דער סאָוועטישער יידישער פּאָליטיק. פאַראַן אויך אַן אַנדערע, אַן אויסגעשפּראָכן אַסימילאַטאָרישע. און מען מאַכט אַ געפערלעכן גרייז, ווען מען פאַרמאַכט אויף איר די אויגן, כדי צו קענען „אַריינזאָגן" די „יעווסעקן". מערעזשין וואָלט זיכער ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן קאַלינינען און זיין געדאַנק קעגן „אָפּהיטן די נאַציע", ווען ער וואָלט זיך ניט געקענט אָנשפּאַרן אויף די ברייטע פּלייצעס פון ניט פון קיין קלענערע ווי לענין און סטאַלין אַליין.

עס איז אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז לענין איז געווען דער מחבר פון אַ גרויסן טייל אַרטיקלען קעגן דעם בונדישן „נאַציאָנאַליזם" און קעגן זיינע פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און פון אַ יידישער סעק־ציע אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער „איסקראַ". און דעם שווערסטן פאַר־וואורף, וואָס ער האָט געקענט מאַכן דעם „בונד" איז געווען, אַז ער האָט

זיך אונטערגעגעבן דער נאַציאָנאַליסטישער השפּעה פון ציוניזם, וועלכער איז פאַרשטייט זיך געווען כולו פּסול. איך באַדויער, וואָס מיר איז דאָ אוממעגלעך צו קריגן די פולע זאַמלונג פון לענינס ווערק און מוז דע־ריבער ציטירן על פּי זכרון און קען אַזוי אַרום האָבן אַ טעות אין פּרטים. אָבער אין תוך געדענק איך גאַנץ גוט, אַז לענינס שטעלונג אין דער יידישער פראַגע איז געווען אַ בפירוש אַסימילאַטאָרישע. וואָס שייך זיין באַצי־אונג צו די טעריטאָריאַליסטיש־סאָציאַליסטישע יידישע פּאַרטייען (ס. ס. און י. ס.) איז באַוואוסט, מיט וואָס פאַר אַ ביטערקייט לענין (צוזאַמען מיט טראָצקין) איז אַרויסגעטראָטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליס־טישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט אין 1907 קעגן די וואָרט־פירער פון דיביידע דעלעגאַציעס חיים זשיטלאָווסקי און לאַצקי־בערטאָלדי, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל זייערע פּאַרטייען אַרייננעמען אין אינטערנאַציאָנאַל. זיין פיינטלעכע שטעלונג האָט לענין שאַרף פאַרטיידיקט קעגן זשיטלאָוו־סקי אויף דער זיצונג פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגע־קומען אין בריסל נאָכן שטוטגאַרטער קאָנגרעס, און וועגן דעם דערציילט ער אַליין אין אַן אַרטיקל, איבערגעדרוקט אין זיין זאַמלבוך „וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג״.

סטאַלין, וואָס האָט זיך מער ווי לענין אינטערעסירט מיט די נאַציאָ־נאַלע פּראָבלעמען און איז נאָך פאַר דער רעוואָלוציע געווען אָנערקענט ביי די באָלשעוויקעס ווי אַ בר סמכא אויף דעם געביט, האָט אין אַ ריי פון זיינע שריפטן און רעדעס קלאָר און שאַרף פאָרמולירט זיין מיינונג, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע. אין זיין בראַשור וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַרויס אין 1913, פּאָלעמיזירט ער מיט אָטאָ באַוערן, וואָס אין איין אָרט פון זיין ווערק רעדט ער דרך אגב וועגן יידן ווי וועגן אַ פאָלק (הגם אין אַנדערע ערטער פון זיין בוך זאָגט אָטאָ באַוער קלאָר, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע) און שרייבט וועגן דעם אַט וואָס: „....וואָס פאַר אַ „גורל־געמיינשאַפט״, וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַלער צוזאַמענבונד קען, למשל, עק־סיסטירן צווישן גרוזינישע, דאַגעסטאַנער, רוסישע און צפון־אַמעריקאַנער יידן, וועלכע זיינען פולקום פאַנאַנדערגעשיידט איינע פון די אַנדערע, לעבן אין באַזונדערע לענדער און רעדן פאַרשיידענע לשונות״. און ווייטער: „אויב צווישן זיי איז נאָך פאַרבליבן עפּעס שותפותדיקס, איז דאָס די רעליגיע, דער געמיינזאַמער אָפּשטאַם און געוויסע רעשטלעך פון נאַציאָ־נאַלן כאַראַקטער. אין זייער עקסיסטענץ קען מען ניט צווייפלען. נאָר ווי אַזוי קען מען ערנסט אונטערשטיצן די מיינונג, אַז פאַרעלטערטע רעליגיעזע מינהגים און געוויסע פּסיכאָלאָגישע רעשטלעך, וואָס האַלטן

אין פאַרשווינדן ווי אַ רויך, זאָלן ווירקן אויפן „גורל" פון די דאָזיקע יידן מיט מער קראַפט, ווי דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן, וואָס איז אַרום און אַרום". פּאָלעמיזירנדיק ווייטער קעגן דער אידייע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, זאָגט סטאַלין, אַז „זי איז נאָך מער שעדלעך, ווען מען בינדט זי אָן אַ „נאַציע" (ס'רעדט זיך וועגן יידן. די געבנזנפּיסלעך — זיינע. י. ע.), וואָס איר עקסיסטענץ גופא און איר צוקונפט זיינען דיסקוטירבאַר. אין אַזוינע פאַלן מוזן די חסידים פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אויפהאַלטן און קאָנסערווירן אַלע באַזונדערקייטן פון דער „נאַציע", ניט נאָר די נוצלעכע, נאָר אויך די שעדלעכע, כדי צו „ראַטעווען די נאַציע" פון דער סכנה פון אַסימילאַציע, כדי זי אויפצוהאַלטן".

ספּעציעל מיטן ציוניזם האָט זיך סטאַלין ניט פאַרנומען. דאָס איז געלעגן צו ווייט פון זיין אינטערעסן־קרייז. אין דרך אגבדיקע באַמערקונגען אָבער האָט ער ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצודריקן זיין נעגאַטיווע שטעלונג צו דער יידישער רענעסאַנסבאַוועגונג. אַזוי למשל, רעדנדיק וועגן די דערשיינונגען פון „גראָבן שאָוויניזם", וואָס באַמערקן זיך צווישן פאַרשיידענע פעלקער, נעמט ער אַריין עם כל הנערים דעם ציוניזם צוזאַמען מיטן פּאַן־איסלאַמיזם און ענלעכע רעאַקציאָנערע באַוועגונגען. כדי צו דערקלערן די פרעמדע לייענער, וואָס עס מיינט אַזוינס ציוניזם, געפינט זיך צווישן די הערות צו סטאַלינס שריפטן און רעדעס וועגן „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגע" פאָלגנדיקע באַמערקונג : „ציוניזם : אַ רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטישע שטרעבונג, וואָס האָט געהאַט אָנהענגער צווישן יידישע סוחרים און בעל־מלאכהס, אין דער קליינער און מיטעלער בורזשואַזיע, צווישן דער אינטעליגענץ, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און די סאַמע אָפּגעשטאַנענע שיכטן פון די יידישע אַרבעטער. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אָרגאַניזירן אין פּאַלעסטינע אַן אייגענע בורזשואַזע יידישע מלוכה און האָט געשטרעבט אָפּצושיידן די יידישע אַרבעטער־מאַסן פונעם געמיינזאַמען קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט".

דאָ רעדט ניט די „יעווסעקציע", ניט די „עוכרי ישראל", נאָר סטאַלין, דער קאָפּ און דער פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד. און ניט כדי צו פּאָלעמיזירן ברענג איך די דאָזיקע ציטאַטן, נאָר גיכער מיט אַ געפיל פון פּאַרדרוס. ווי ביטער האַלטן מיר, אַז אפילו סטאַלין, דער פירער פון די סאָוועטישע פעלקער, דער אינספּיראַטאָר פונעם גיגאַנטישן געראַנגל קעגן אונדזער גרעסטן שונא, דער מענטש, וועלכער רופט אַרויס ביי מאַסן

יידן אַ נאַטירלעכע באַוואונדערונג, אַפילו ער ווייזט אַרויס אַזוי ווייניק פאַרשטאַנד פאַר אונדזער טראַגעדיע און פאַר די טייערסטע יידישע האָפענונגען.

סטאַלינס נעגאַציע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידייע אין אַלע אירע פאַרמען איז אַ לאָגישער פועל יוצא פון זיין שטעלונג צו דעם פענאָמען נאַציע, וועלכע מיר האָבן שוין אויבן כאַראַקטעריזירט. אויב נאַציע איז ניט קיין ווערט אין זיך, איז ניט קיין אינהאַלט, וואָרעם דער אינהאַלט איז סאָציאַליזם, קען די נאַציאָנאַלע פאָרם, ווי שפּראַך און געוויסע רגילותן, נאָר באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַקט און אין לעצטן סוף — אַפילו ווי אַ נעגאַטיווער פאַקט, וואָס נאָר כל זמן ער עקסיסטירט דאַרף מען זיך מיט אים באַנוצן ווי מיט אַ מיטל פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אָדער סאָציאַליסטישן אויפבוי. און סטאַלין האָט ריכטיק באַגריפן דעם חילוק צווישן די נאָרמאַלע פעלקער און דעם יידישן. אַלע פעלקער זיינען טאַקע קודם כל אַן אָביעקטיווער פאַקט, בעת אַלע אָביעקטיווע פאַקטן זיינען קעגן דעם קיום פון דער יידישער אומה. אַזוי אַרום איז די יידישע עקסיסטענץ אין איר עצם גופא אַן אויסדרוק פון אַ ווילנס־אַקט, אַן איינגעשפּאַרטקייט אויף צו להכעיס אַלע נאַטור־געזעצן. בכן קען דער יידישער נאַציאָנאַליזם ניט האָבן דעם כאַראַקטער פון ספּאָנטאַנישקייט און נאַטירלעכקייט און מוז זיין באַוואוסטזיניק, מוז במילא כולל זיין אין זיך געוויסע עלעמענטן פון „אָפּהיטן“ און „קאָנסערווירן“. נאָר פאַרוואָס און צוליב וואָס שעצן און אָפּהיטן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַליין פאַר זיך קיין חשיבות ניט און אדרבא שטערט נאָר די אויספורעמונג פון אַן איינהייטלעכן סאָציאַליסטישן פאָלק אויף איטלעכער טעריטאָריע אין דער דערוואַרטונג פון אַן איינהייטלעכער מענטשהייט.

אַזוי זעט אויס די טעאָריע. נאָר מיר ווייסן שוין, אַז די סאָוועטישע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל זיינען גאָר ניט שוה בשוה. פאַקטיש האָט די דאָזיקע פּראַקטיק געשאַפן די גינסטיקע תנאים פאַר דער באַפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון די פאַרשיידענע רוסלענדישע פעלקער. נאָר ביי יידן גייען זיך כמעט צונויף די טעאָריע מיט דער פּראַקטיק (כמעט, ווייל אויך דאָ זיינען פאַראַן גאָר גרויסע „אָפּבויגונגען“, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען) און די הויפּט־שולד פון די יידישע קאָמוניסטן ליגט דערין, וואָס זיי האָבן אָנגענומען די אַנטינאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע טעאָריע פאַר „תורת משה“, זיך געבוקט פאַר איר אַנשטאָט איר אַנטקעגנצושטעלן אַ פעסטן יידישן ווילן, אַקוראַט אַזוי ווי די אַנדערע פעלקער האָבן אויפגעשטעלט אַנדערע מחיצות, ווי טעריטאָריע

און איינהייטלעכע שפּראַך און אַזוי אַרום ניט דערלאָזט זיי זאָלן פאַר־ פלייצט ווערן דורך די קאָסמאָפּאָליטישע שטראָמען.

וואָרעם איין שבח מוז מען זאָגן אויף דער רוסישער קאָמוניסטישער פירערשאַפט און אויף סטאַלינען בפרט. גראַד זיי, וואָס זיינען געקומען צום לעבן פון טעאָריעס און דאָגמעס, זיינען ניט געבליבן קיין דאָקטרינערן און לערנען זיך פון פאַקטן מער ווי פון ביכער. נעמט, למשל, סטאַלינס שטעלונג צו די מוסולמענער. אַז ער האַלט ניט שטאַרק פון אמונה און פרומקייט, דערפון מאַכט ער קיין סוד ניט. פונדעסטוועגן, אַז ער האָט געזען, אַז די מוסולמענער וועלן זיך אַזוי לייכט ניט אָפּזאָגן פון זייער גלויבן, פון זייערע אינסטיטוציעס און מינהגים, האָט ער זיך מסתמא גע־ זאָגט, אַז מען קען ניט אַרויף, דאַרף מען אַראָפּ און זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין מלחמת מצווה, אין אַ „קולטור־קאַמף" מיטן קאָראַן. יאָרן לאַנג נאָך דער רעוואָלוציע (איך ווייס ניט ווי איצטער) האָט נאָך עקסיסטירט דער מוסולמענישער „מעדרעס" (אונדזער חדר, להבדיל). נאָך מער, פאַר די מוסולמענער האָט מען געענדערט דעם אַלגעמיינעם געזעץ, לויט וועלכן די חתונה־עלטער איז פעסטגעזעצט אויף אַכצן יאָר און פאַר זיי דערלאָזט ווי אַן אויסנאַם חתונה־עלטער פון זעכצן יאָר. אין גאַנצן פאַרבאָטן זיינען די „רויטע ווינקעלעך", די אַרבעטער־קלובן און אַלע אַנדערע אינסטיטו־ ציעס געמיינזאַמע פאַר מענער און פרויען, וואָרעם די גלייכקייט פון דער פרוי איז אַ גרונט־געזעץ פון פאַרבאַנד. אָבער ווידער אַמאָל — אַן אויס־ נאַם פאַר מוסולמענישע פרויען, פאַר זיי האָט מען געגרינדעט ספּעציעלע אינסטיטוציעס, אָפּגעזונדערטע פון די מאַנסבילשע. פרייטיק ווי אַ רו־ טאָג איז דורכגעפירט אין די פּראָווינצן פון אַזיאַטישן רוסלאַנד, וואָס זיינען באַפעלקערט דורך מאַכמעדאַנער. אין אַן אַרטיקל, וואָס סטאַלין האָט פאַר־ עפנטלעכט אין „פּראַוודאַ" אין אָקטאָבער 1920, ד"ה אין אַ מאָמענט, ווען טעאָריעס און דאָגמעס זיינען נאָך געווען פרישער און שטייפער אין מעמד ווי איצט, האָט ער, ריידנדיק וועגן געוויסע מוסולמענישע פעלקער אין סאָ־ וועטן־פאַרבאַנד, אַביסל איראָניש און אַ קאַפּיטשקע מעלאַנכאָליש באַמערקט, אַז אויב די דאָזיקע פעלקער ווילן ניט קומען צום קאָמוניזם מיטן געוויינלעכן, דירעקטן וועג, נאָר זיי „גייען נאָך די קאָמוניסטן אויפן יסוד פון „שאַ־ ריאַט" (מוסולמענישער געזעץ), איז ניטאָ וואָס צו מאַכן, ווייל „עס איז קלאָר, אַז דער דירעקטער וועג אינעם קאַמף קעגן רעליגיעזע פאָראורטיילן מוז אין די באַטרעפנדיקע געגנטן פאַרביטן ווערן דורך אומדירעקטע וועגן, מער פאָרזיכטיקע". ווי וואָלט עס אויסגעזען, ווען יידן וואָלטן זיך אויך אַזוי איינגעשפּאַרט ווי די מאַכמעדאַנער און וואָלטן זיך, ווי זיי, פעסט־

געהאַלטן אַן זייערע „פּאַראורטיילן" און ניט מקבל געווען דעם קאָמוניזם סיידן דורך אַן אייגענעם „שולחן ערוך"? איך ווייס זייער וואויל, אַז שטעלן אַזאַ פראַגע הייסט פאַנטאַזירן. איך לאָז זי אָבער שטיין. ווער ווייסט, אפשר וועט זי נאָך ווען ניט איז געשטעלט ווערן ניט נאָר רעטאָריש.

יידן אין רוסלאַנד האָבן ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן ווידערשטאַנד ניט קעגן דער דענאַציאָנאַליזירנדיקער אַטמאָספּערע, ניט קעגן געוויסע אַנטינאַציאָנאַלע טענדענצן פון דער קאָמוניסטישער טעאָריע, ווייל דאָס יידישע לעבן איז שוין פריער געווען שטאַרק צעטרייסלט און דער נאַציאָנאַלער ווילן אָפּגעשוואַכט ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. זיינען געקומען יידישע קאָמוניסטן און האָבן פון דער דאָזיקער שוואַכקייט געמאַכט אַן אידעאָלאָגיע, אַ הייליקע מצווה פאַרן גאַנצן פאָלק. ניט בלויז מיט פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך מיטן כוח פון מלכות האָבן זיי אונטערדריקט יעדן פּרוּוו פון יידן, ווי למשל, פון די חלוצים און די שול־יידן, אַרויסצוראַטעווען פון דער שריפה וואָס עס לאָזט זיך, איטלעכער אויף זיין שטייגער. די יידישע קאָמוניסטן האָבן סטאַלינס טעאָריע וועגן סאָציאַליזם, ווי אַן איינציקן אינהאַלט, און דעם נאַציאָנאַלן, ווי אַ פאָרם, אָנגעווענדט בוכשטעבלעך צו אַ פאָלק, וואָס אינהאַלט געהערט צום סאַמע עצם פון זיין עקסיסטענץ. קיין חידוש ניט, אַז בעת דער אינהאַלט האָט אָנגעהויבן אויסצורינען, האָט די פאָרם געגומען פּלאַצן. אַ יידישע שול אָן יידישקייט (צי איז מען זי תופס ווי אַ איבערנאַטירלעך־רעליגיעזע אָדער ווי אַ נאַטירלעכע און סאָציאַלע לערע, איז פאַר אונדזער ענין דאָ ניט וויכטיק), אָן יידישע מינהגים, אָן יידישע ימים־טובים, אָן העברעאיש און אָן יידישער געשיכטע, מיט איין וואָרט — אָן דעם אַלעמען, וואָס מאַכט פון אונדזער היינטיקן לעבן אַ המשך און ניט קיין אָנהויב, וואָס גיט דעם יידישן לעבן פאַרב און סטיל, אַזאַ שול זאָגט גאָרניט דער יידישער נשמה. און אויב תכלית, איז שוין גלייכער אַ רוסישע אָדער אוקראַינישע שול. און אויב ס'איז נאָך פאַראַן אַ היפּשע צאָל יידישע שולן און 20 פּראָצענט יידישע קינדער גייען נאָך אַהין, איז דאָס מסתמא דערפאַר, וואָס אפילו יידישע קאָמוניסטן האָבן ביז צום סוף, ביז פולער כפירה, ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט דערגיין. אינגאַנצן אויסראָטן יידישע טראַדיציע און יידישע אַטמאָספערע פון אַ שול, וואו לערער און תלמידים זיינען יידן, איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך, איבער די כוחות פון דעם שטאַרקסטן מלוכה־אַפּאַראַט.

מען מוז אַריינפאַלן אין די גרעסטע טעותן, ווען מען משפט יחידים

און קאָלעקטיוון לויט זייערע רייד און ניט לויט זייער טאָן. פאַרשיידענע סיבות, בפרט פּסיכאָלאָגישע, ברענגען די סתירות צווישן זיי אָפטמאָל אַזוי ווייט, אַז איינס איז ממש דער היפוך פון דעם צווייטן. נעמט, למשל, דעם פאַקט, אַז דווקא דער פילאָסאָפישער מאַטעריאַליזם האָט אין זיין שויס אויסגעהאָדעוועט די סאַמע אידעאַליסטישע באַוועגונג פון אונדזער צייט, די פרייהייט־באַוועגונג פון דעם אַרבעט־מענטשן. אָדער אַז גראָד דאָס לאַנד, סאָוועט־רוסלאַנד, וואו דער מאַטעריאַליזם איז כמעט בבחינת מלוכה־רע־ליגיע, וואו רעליגיע און מאָראַל זיינען אַ לאַנגע צייט געווען חס מלהזכיר, אַז גראָד אָט דאָס לאַנד האָט אין זיין לעבן פאַרווירקלעכט אין אַ ביז איצט אין ערגעץ ניט דערגרייכטער מאָס די געבאָטן פון אַלע רעליגיעס און מאָראַל — דעם סאָציאַלן יושר. און ס׳איז ווידער אַמאָל געווען דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס האָט בעת דער איצטיקער מלחמה באַוויזן דער וועלט נאָך ניט געזעענע טאַטן פון אידעאַליזם און מסירת נפש, וואָס קענען גאָר ניט געמאָלט זיין אָן אַ טיפן גלויבן אין עפּעס, וואָס איז איבער און אויסער דעם מאַטעריעלן דאָ־זיין פון דעם מענטשן. וואָרעם האַלט מען זיך נאָר דערביי, קען מען ניט האָבן קיין פּאַטאָס פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט ווייטער פון דער ערדישער עקסיסטענץ פון יעדן איינעם פון אונדז. אַמאָ־ליקע יאָרן פלעג איך ניט קענען פאַרשטיין די רוסישע פּועלי־ציון און זייער פירער בער באָראָכאָוו ז״ל, צוליב וואָס און ווי אַזוי זיי פלעגן צו־נויפבינדן די ציוניסטישע באַוועגונג, לויט איר גאַנצן מהות אַן אידעאַ־ליסטישע, מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. קרום פלעגן זיך מיר אויס־ווייזן זייערע גזירה־שוות און קל וחומרס אויף צו באַווייזן, אַז ניט חלילה זיי ציט עס צוריק צום יידישן היסטאָרישן באָדן, אַז ניט זיי לעכצן אַהין מיט זייער גאַנצער נשמה, נאָר אַז אַן אָביעקטיווער, אומפאַרמיידלעכער סטיכישער פּראָצעס טרייבט די יידן אַהין. געוויס האָט דאָ געשטעקט אַ שפּאָר ביסל אַסימילאַציע, אַ הנחה פאַר די אידייען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע אין דער אַרומיקער גאַס. ס׳איז דאָ אָבער אויך געווען פאַרבאַהאַלטן, ווי מיר איז דאָס קלאָר געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב אין ארץ ישראל גופא געזען דאָס טאָן און די אויפ־טוען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַ נאַטירלעכע רעאַקציע אין אַ פאַרקרימטער פּילפּוליסטישער פאָרם פון דעם געזונטן יידישן אינסטינקט קעגן די כולו רוחניות־יידישקייט פון דעם „בונד״ און פון די רעפאָרם־ראַ־בינערס. אַקוראַט אַזוי האָט די רעאַקציע קעגן דעם „אידעאַליזם״ פון די בירגערלעכע אידעאָלאָגן, וואָס האָט אַזוי געשמאַק געהויזט מיט מאַטע־ריאַליזם און נאַקעטן עגאָאיזם אין רעאַלן לעבן, צום טייל געפירט דערצו,

אַז אַזאַ עכט־עטישע און טיף־אידעאַליסטישע באַוועגונג ווי דער סאָציאַ־ליזם, זאָל זיך אַזוי ווי אויף צו להכעיס דערקלערן טעאָרעטיש פאַר מאַטע־ריאַליסטיש.

בפרט אָבער מוז מען זיך ביי אונדז יידן היטן פון משפטן און פאַר־משפטן יידן יחידים און גרופּעס לויט זייערע טעאָריעס און ריידענישן, וואָס זיינען, „צום גליק", גאָר אָפט ניט מער ווי איינריידענישן. ביי אונדז איז די סתירה צווישן אומר און עושה אָפט דער אויסדרוק פון דעם אומ־פאַרמיידלעכן טראַגישן קאָנפליקט צווישן אונדזער אמתן, עכטן „איך" און דער אויסערלעכער מאַסקע, וואָס אַ ייד מוז אָפט אָנטאָן. די צופּאַסונג, די מימיקריע, איז, צו אונדזער אומגליק, אַ קאַטעגאָרישער געבאָט פון אונ־דזער סאַמער עקסיסטענץ. דאָס איז ניט קיין שווינדל אויף עמיצן אָפּצו־נאַרן, נאָר אַ מיטל זיך אַליין צו נאַרן, ריכטיקער — צו באַרואיקן דאָס אויטענטיש־פּערזענלעכע. דאָס אָרגאַנישע פאַריאָגט מען טיף־טיף און מען הויבט אַליין אָן באמת צו גלויבן, אַז די מאַסקע איז דאָס פּנים. ביז עס קומט די צייט, ווען מען כאַפּט זיך אַליין, אָדער פרעמדע דערמאָנען אונדז, ווי מיר זעען אין דער אמתן אויס.

יידישע קאָמוניסטן האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס'איז זיי גאָר קיין נפקא מינה ניט, צי ווילן יידן לעבן ווי אַ פאָלק אָדער חלילה אונ־טערגיין. געווען אפילו אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אדרבא וואָס גיכער יידן ווילן פאַרשווינדן, אַלץ בעסער פאַרן פּראָגרעס פונעם סאָציאַליזם. אָבער אויף צו פאַרשפּרייטן קאָמוניזם צווישן יידן האָט מען זיך מיט ברען גענומען פאַר דרוקן צייטונגען און ביכער אויף יידיש, אָרגאַניזירן יידישע סאָוועטן, יידישע סעקציעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גע־בויט יידישע שולן, טעאַטערס אאַז"וו. און דווקא אַזוי אַרום אויפגעהאַלטן דעם סטיכישן און געפערלעכן שטראָם פון אַסימילאַציע, וואָס האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד געקענט אַרומכאַפּן די מאַסן גופא פון אונדזער פאָלק. אַזוי ווי די בירגערלעכע אַסימילאַטאָרישע השכלה אין אַ פריערדיקער עפּאָכע האָט געהאַט ניט קיין קליינעם פאַרדינסט אינעם אויפקום פון דער מאָדערנער, העברעאישער ליטעראַטור, אַזוי האָט דער אַסימילאַטאָרישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם ניט ווייניק געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער היינטיקער ליטעראַטור אויף יידיש.

די ערגסטע אַסימילאַציע איז ניט די, וואָס מאַכט קולות, ניט די, וואָס אָרגאַניזירט יידן צוליב אַסימילאַציע, נאָר גראָד יענע, וואָס שווייגט. די באמת געפערלעכע זיינען באמת ניט די אַסימילאַטאָרן, נאָר די אַסימי־

לירטע, וואָס פאַרשווינדן פון דעם יידישן אויבערפלאַך און ניט מען הערט זיי, ניט מען זעט זיי.

על פּי רגילות גיסן נאַציאָנאַלע יידן עד היום אויס זייער כעס אויף דער „יעווסעקציע", הגם עס זיינען שוין אַוועק דרייצן יאָר זינט מען האָט זי פאַרמאַכט. איז די אַסימילאַציע זינט דעמאָלט אָפּגעשוואַכט געוואָרן? הויבט זיך ניט אָן. ס'איז אפילו אַ סברא, אַז דאָס קאַטאַסטראָפאַלע פאַלן פון דער צאָל יידישע שולן און יידישע תלמידים, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט 1931, איז צום טייל לכל הפחות געווען גראָד אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די „יעווסעקציע", ווי אַלע סעקציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, איז אין 1930 פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן. אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, אַ וועלכע זי זאָל ניט זיין און וואָס פאַר אַ שלעכטע כוונות זי זאָל ניט האָבן, איז אָביעקטיוו אַ גדר קעגן פולער אַסימילאַציע.

מיטן אונטערגאַנג פון דער „יעווסעקציע" און פון יידישן קאָמיסאַריאַט איז אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַרשוואונדן יעדער שפּור פון אַ צענטראַלער יידישער אָרגאַניזאַציע אָדער, צוליב פּינקטלעכקייט, פון יעדן צענטראַלן יידישן אַפּאַראַט. יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן אפילו מער קיין אַדרעס ניט געהאַט. דאָס יידישע פאָלק איז דאָס איינציקע אין לאַנד, וואָס איז ניט אָרגאַניזירט, אפילו ניט אויף סאָוועטישע יסודות, און וואָס האָט ניט במילא קיין שום פאַרטרעטערשאַפט. אמת, די איבעריקע פעלקער האָבן פאַרמעל אויך ניט קיין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און קיין נאַציאָנאַלע פאַרשטייערשאַפט. ניט דאָס אוקראַאינישע פאָלק פיגורירט אין מלוכה־לעבן פון פאַרבאַנד, נאָר דאָס אוקראַאינישע לאַנד, די אוקראַאינער רעפּובליק. נאָר אַזאַ פאָרמעלער תירוץ קען נאָר גילטן אין די ליבעראַליסטיש־קאַ־פּיטאַליסטישע לענדער, אָבער ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו מען ווייסט גאַנץ גוט, בעת עס האַנדלט זיך ניט וועגן יידן, דעם נישטיקן ווערט פון יורידישע פאָרמולעס. אַז דאָס לאַנד אוקראַאינע, אַז ווייס־רוסלאַנד זיינען מלוכהש אָרגאַניזירט, זיינען דאָס אוקראַאינישע און ווייס־רוסישע פעלקער — די פעלקער, וואָס וואוינען אין די דאָזיקע לענדער און זיינען דאָרט אין אַ גע־וואָלטיקער מערהייט סואווערענע פעלקער. פאַרשטייט זיך, אין געוויסע גרענעצן.

זיי האָבן פרייהייט און אָביעקטיווע מעגלעכקייטן הן זיך צו פאַר־טיידיקן, הן צו אַנטוויקלען זייער ווירטשאַפט און זייער קולטור. יידן זיינען אַ יוצא מן הכלל און דערפאַר וואָלט אויך דער געזעץ וועגן זייער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע געדאַרפט זיין אַן אויסנאַם־געזעץ, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געשען בנוגע ערד־פאַרטיילונג. סאָוועט־רוסלאַנד איז דאָס

לאַנד, וואָס האָט שוין באַוויזן, אַז זי שרעקט זיך ניט אָפּ צו גיין אויפן וועג פון אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן. זי האָט קיין מורא ניט, מען זאָל זי פאַרשרייען פאַר „פאַריידישט". פון יידן אַליין הענגט עס אָפּ אין אַ גאַר גרויסער מאָס צו דערגרייכן אַ ספּעציעלן סטאַטוס פאַר דער צעשפּרייטער יידישער מינדערהייט, אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, צוגעפּאַסט צו איר באַזונדער לאַגע אין לאַנד. וואָס פאַר אַ פאָרם דאַרף די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אָננעמען, איז ניט קיין טעאָרעטישער ענין, אַז אויסנשטייענדיקע זאָלן עס קענען באַשליסן. דאָס איז אַ קאָנקרעטע פּראָבלעם פון אָרט און צייט און ריכטיק עס באַגרייפן און פאַרענטפערן קענען נאָר די, וואָס געפינען זיך אינעווייניק און נאָענט. פון דערוויטנס קען מען נאָר זען די הויפּט־ליניעס. אַזוי, למשל, דוכט זיך מיר, אַז עס זיינען פאַראַן גאָר ווייניק שאַנסן, ביים היינטיקן טאָג לכל הפּחות, צו דערלאַנגען אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ יידישע קהילה־אויטאָנאָמיע אויף פּערסאָנאַלע יסודות. פאַרקערט אָבער, וואָלט לייכטער געווען דאָרט צו קריגן אַן עפנטלעכע רעכטלעכע אָנערקענונג פאַר אַ פאַרבאַנד פון יידישע ראַיאָנען און לאָקאַלע סאָוועטן, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד. וואָס גרעסער עס וואָלט געווען די טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע פון יידן, אַלץ ברייטערע מאַסן וואָלט אַזאַ פאַראייניקונג אַרומגענומען און אַלץ מער באַרעכטיקט וואָלט געווען איר ראָלע ווי אַ יידישע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטערשאַפט. ס'איז ניט קיין לייכטער ענין צו באַשאַפן אַזאַ יידישן פאַרבאַנד. עס לוינט לייגן אויף דעם אַ סך כוחות הן צוליב פּראַקטישע צילן, הן צוליב דער געוואַלטיקער פּרינציפּיעלער באַדייטונג, וואָס עס וואָלט געהאַט די אָנערקענונג פון אַזאַ יידישן פאַרבאַנד, ווי אַ קאָנסטיטוציאָנעלן באַשטאַנד־טייל פון דער סאָוועטישער פעדעראַציע.

פון דער אַנדער זייט גלויב איך אויך, אַז ביים היינטיקן טאָג זיינען די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין רוסלאַנד גינסטיק פאַרן אויפקום פון אַ פאַרבאַנד פון רעליגיעזע יידישע קהילות. זעלבסטפאַרשטענדלעך קען מען ניט רעכענען דערמיט, אַז רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, אפילו ביי דער פאַרווירקלעכונג פון פולער רעליגיעזער פרייהייט, זאָלן קענען אַריבערטרעטן דעם תּחום פון אמונה־ענינים און זאָלן ווערן אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן רעכט. ס'איז אָבער כּלל ניט אויסגעשלאָסן, אַז די רעליגיעזע עדהס אין רוסלאַנד זאָלן באַקומען די אָנערקענונג פון דער מלוכה ווי אינסטיטוציעס, וואָס באַדינען די באַדערפעענישן פון אַ געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, פון די גלוביקע, און ווי אַזוינע אפילו געניסן פון אַ געוויסער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג.

איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז דער פּרינציפּ פון „אָפּטיילן מלוכה און קירך", אויף וועלכן עס שטייט די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע פון 1936, איז טעאָרעטיש ניט אויסגעהאַלטן און פּראַקטיש ניט רעאַליזירבאַר אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. פרייהייט פון אַסאָציאַציעס איז אַ לאָגישע נאָרמע אין אַ ליבעראַל־קאַפּיטאַליסטישער מדינה, אין סאָוועט־רוסלאַנד אָבער קען עס נאָר הייסן: אָסור אָדער מותר. און אויב מותר, קען די מלוכה ניט בלייבן אָן אַ זייט און זאָגן, מיר איז דאָס ניט נוגע. אויב עס זאָלן זיך באַשטעטיקן די צייטונגס־ידיעות, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט געבילדעט אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט פאַר רעליגיעזע ענינים, איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז זי וועט ניט מאַכן קיין שום חילוק צווישן דער אָרטאָדאָקסער (פּראַוואָסלאַוונער) קירך און די איבעריקע רעליגיעזע עדהס. און אויב אַזוי, עפענען זיך נייע מעגלעכקייטן אויך פאַר אַ צענטראַליזירטער יידישער רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע. און אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן ווערט ניט נאָר פאַר פרומע יידן. גלייכצייטיק וואָלט זי געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר יידישע נאַציאָנאַלע כוחות. דער כלל, אַז איטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציע, צוליב וואָס זי זאָל זיך ניט גרינדן און וואָס עס זאָלן ניט זיין אירע צילן, איז אַ פאַקטאָר פון נאַציאָנאַלער צונויפגעבונדנקייט, איז אַ פּשיטא שוין ריכטיק אויפן רעליגיעזן געביט, וואָס איז דאָך אַזוי געקניפּט און געבונדן מיטן יידישן לעבנסשטייגער און מיטן גאַנצן יידישן נאַציאָנאַלן קיום.

אַ מין סוראָגאַט פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע איז אין סאָוועט־רוסלאַנד געשאַפן געוואָרן איצט, בעת דער מלחמה. אַ גרופּע יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך צונויפגענומען און געגרינדעט דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. לאָגיש גענומען איז ניט צו באַגרייפן מה טיבו של עובר זה. קעגן וועלכע פאַשיסטן קלייבט ער זיך צו קעמפן? אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען אַזוינע בכלל ניטאָ און מכל שכן ניט צווישן יידן. מיטן דייטש־איטאַליענישן פאַשיזם שטייט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ ביטערן געראַנגל אויף לעבן און טויט. וואָס פאַר אַ באַזונדערע מיסיע קען דאָ האָבן אַ יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט? איז טאַקע דער ענין קשהדיק. פון די איינצלנע נומערן „איניקייט", דעם אָרגאַן פון דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען על פּי צופאַל, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער איז געשאַפן געוואָרן צוליב אַ ריי קאָמפּליצירטע אינערלעכע און אויסערלעכע טעמים. קודם כל איז משמעות געווען נויטיק צו שאַפן אַן אַפּאַראַט אויף צו רעגיסטרירן דעם יידישן אַנטייל אין דער מלחמה, פּונקט אַזוי ווי דאָס טוען יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

בפועל ממש פאַר יידן, איז טאַקע סדנא דארעא חד הוא. ווייזט אויס, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד, ניט געקוקט אויפן שטרענגן פאַרבאָט פון ראַסן־העצע, בלאַנדזשען דאָך אַרום די געוויינלעכע טענות, אַז יידן מיידן אויס זיך צו שלאָגן. איז מען געצוואונגען אויך דאָרט צו פירן אַ באַזונדערע בוכהאַלטעריע פון יידישע קרבנות. והשנית, זעט זיך אַרויס, אַז אין דער יידיש־סאָוועטישער אינטעליגענץ האָט אין דער איצטיקער גרויזאַמער צייט אויפגעוואַכט דער אַלטער יידישער באַגער, זיך צוצוטוליען איינער צום צווייטן, זיך פאַרבינדן מיט יידן פון דער גאַרער וועלט. אָבער אויך די דאָזיקע ריין־יידישע באַדערפעניש האָט געמוזט זוכן, ווידער אַמאָל דאָס אייגענע ווי אין אַלע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט, אַ פּאַטריאָטישן תיקון פאַר זיך און אַ הכשר פון דער מלוכה. דער יידישער אַנטיפאַשיס־טישער קאָמיטעט האָט געדאַרפט שטאַרקן צווישן יידן פון דער וועלט די סימפּאַטיעס פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און די יידישע הילף פאַרן סאָוועטן־לאַנד אין זיין קאַמף קעגן זיינעם און אונדזערן בלוטיקסטן שונא. דער דאָ־זיקער ציל איז קלאָר פאַרמולירט און עס איז באמת ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַהאַלטן. שווער צו געפינען אַ יידן אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט באַגרייפן, אַז רוסלאַנד האָט כשר פאַרדינט הן אונדזער סימפּאַטיע און הן אונדזער מאַקסימאַלע הילף. ס׳איז אָבער ניט געווען צו פאַרמיידן, אַז עס זאָלן זיך געפינען ביי אונדז איבערגעשפּיצטע חכמים, וואָס האָבן זיך ממש געריסן פון דער הויט אויף צו באַוויזן, ווי אומלאָגיש און ניט קאָנ־סעקווענט עס זיינען די יידישע קאָמוניסטן, וואָס הגם זיי לייקענען די עק־סיסטענץ פון אַן איינהייטלעכן יידישן וועלט־פאָלק, ווענדן זיי זיך פונ־דעסטוועגן צו יידן אין אויסלאַנד אין נאָמען פון יידישער סאָלידאַריטעט, אין נאָמען פון כלל ישראל. אַזוי ווי אַלץ אויף דער וועלט וואָלט יאָ געווען לאָגיש! אַזוי ווי בפרט מיר יידן וואָלטן זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס צו זיין אַלע מאָל און אומעטום לאָגיש, בעת אונדזער עק־סיסטענץ גופא איז די אומלאָגישקייט אַליין. אָבער חוץ די דאָזיקע אויי־בער־חכמים און אַ קליינעם קרייז פאַרטיי־סעקטאַנטן, וואָס האָבן זייערע זייטיקע, ניט יידישע חשבונות מיט רוסלאַנד, מיט זיין סאָציאַל־פּאָליטישן רעזשים, איז דער אָפּקלאַנג אויף דער סאָוועטיש־יידישער פּראָפּאַגאַנדע ביי די יידישע מאַסן געווען אַ געוואַלטיקער און פאַרדינטער ביים סתם יידן, ביים שול־יידן, ביי פרומע און פרייע, ביי ציוניסטן און ניט ציוניסטן.

עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז אַ חוץ די אויבן אויסגערעכנטע מאָטיוון האָט ביי דער גרינדונג פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט אויך געקענט שפּילן אַ געוויסע ראָלע די באַדערפעניש צו באַשאַפן אַ

װעלכע ניט איז ייִדישע אָרגאַניזאַציע און אַזױ אַרום ממלא זײַן דעם חלל, װאָס האָט זיך אױסגעבילדעט זינט עס איז פֿאַרשװאונדן ד ייִדישע סעקציע און דער קאָמיסאַריאַט. אױב דאָס זאָל זײַן אַזױ, װאָלט דאָס געװען נאָך אַן איבעריקער גרונט פֿאַרן נאַציאָנאַלן ייִדנטום װאַרעם צו באַגעגענען די גרינדונג פֿונעם דאָזיקן קאָמיטעט. אָנשטאָט די אַלטע באַקאַנטע פּנימער, די אַמאָליקע דעה־זאָגער אין ייִדיש־סאָװעטישן לעבן, זעען מיר אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט אַ רײ ייִדישע שרײַבער און געלערנטע, אַרטיסטן און קינסטלער, מענטשן פֿון אַ גאָר אַן אַנדער שניט. הן צוליב דעם, הן בעיקר צוליב דער עװאָלוציע, װאָס דער רוסישער קאָמוניזם מאַכט דורך די לעצטע יאָרן, אַן עװאָלוציע װאָס איז געװאָרן באַזונדערס בולט זינט דער מלחמה, הערשט אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט אַ ייִדיש־פֿאָלקסטימלעכע אַטמאָספֿערע און עס בלאָזן דאָרטן נײַע נאַציאָנאַלע װינטן.

די אײגענע עװאָלוציע פֿון פּאַרטײאישקײט און קלאַסן־מאָטיװן צו איבערפּאַרטײאישקײט און צו כלל־ישׂראל־שטימונגען זעען מיר אױך בײ ייִדישע קאָמוניסטן אין די לענדער מחוץ סאָװעט־רוסלאַנד. זײ מאַכן דורך דעם זעלביקן װעג װי די קאָמוניסטן בכלל, זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. דער חילוק באַשטײט נאָר אין דעם, װאָס צו דער פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלער אײניקײט װערן זײ געשטױסן ניט נאָר פֿון אַלגעמײנע מאָטיװן, נאָר אױך פֿון ספּעציפֿיש־ייִדישע. משמעות, אַז די שטים פֿון ייִדישער גורל־געמײנשאַפֿט קען דורך קײן אױסערן גערױש, װי הילכיק ער זאָל ניט זײַן, ניט פֿאַרטױבט װערן. עס איז שױן אױבן אָנגעװיזן געװאָרן, אַז די ענדערונגען, װאָס דער קאָמוניזם מאַכט דורך די לעצטע יאָרן, זײַנען ניט קײן צופֿעליקע. אַקוראַט אַזױ ערנסט איז אױך די נײַע װענדונג פֿון דעם ייִדישן קאָמוניזם אין דער ריכטונג פֿון אַ ייִדישן פֿאָלקיזם, הגם מען קען נאַטירלעך ניט שװערן פֿאַר דער האַפֿטיקײט פֿון דער דאָזיקער איבערקערעניש און פֿאַר איר לאַנגיעריקײט. אין אַ גרױסער מאָס הענגט דאָס אָפּ פֿון דעם אױסגאַנג פֿון דער מלחמה, פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, װאָס װעט זיך דעמאָלט שאַפֿן און פֿון דעם אָרט, װאָס סאָװעט־רוסלאַנד װעט פֿאַרנעמען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער כּוחות־קאָמבינאַציע, װאָס װעט זיך אױספֿורעמען נאָך דער מלחמה. עס קען גרײלעך פּאַסירן, אַז מאָסקװע זאָל װידער געצװאונגען זײַן זיך צו איזאָלירן פֿון די דעמאָקראַטישע לענדער. און פּאַסירן װעט עס כמעט אױף זיכער, אױב דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, װאָס קען זיך נאָך אַלץ ניט באַפֿרײַען פֿון דער קאָמוניסטן־פּאַניק, װעט אױך װײַטער, װי ביז איצט, דיקטירן דער רעגירונג אַ פּאָליטיק פֿון איזאָלאַציע בנוגע סאָװעט־רוסלאַנד, אױב דאָס

„וויסע הויז״ וועט אויך אויף להבא בלייבן אַ פליגל פון דער מעכטיקער וואָל־סטריט־געביידע. אויב עס זאָל קומען צו אַזאַ מצב, קען דער רו־סישער קאָמוניזם ענדערן פון גרונט אויס זיין איצטיקע פּאָזיציע און ווידער איבערגיין צו אַן אָפענער פיינטשאַפט צום מערב. זאָל דאָס געשען, וואָלט דאָס געווען איינער פון די גרעסטע אומגליקן פאַר דער וועלט, בפרט אָבער פאַר יידן. אויב עס זאָל קומען דערצו, קען מען פאַראויסזען, אַז יידישע קאָמוניסטן אין און אויסער רוסלאַנד זאָלן ווידער „בייטן דעם פראָנט״.

אין דער דאָזיקער מורא פאַר נייע ענדערונגען אין אַן אַנטי־נאַציאָנאַ־לער ריכטונג ליגט איינער פון די מאָטיוון פון דעם חשד, מיט וועלכע גע־וויסע יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן באַציען זיך צו יידישע קאָמוניסטן. דער דאָזיקער חשד איז דערקלערלעך און די יידישע קאָמוניסטן אַליין האָבן מיט זייער האַלטונג אין דער צייט פון רוסיש־דייטשישן פּאַקט אים געגעבן גענוג גרונט. נאָר דערקלערלעך, מיינט ניט באַרעכטיקט. ראשית, זיינען פאַרבינדונגען פון גרופּעס מיט פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע שטרעבונגען בכלל ניט קיין אייביקע זאַך. קען מען דען, למשל, גאַראַנטירן פאַר דער איי־ביקייט פון דעם שידוך, וואָס ציוניסטן און ניט־ציוניסטן האָבן געמאַכט אין דער „יידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל״? והשנית, אויב אונדזערע אידייען וועגן יידן און יידישקייט זיינען, ווי מיר נאַציאָנאַלע יידן גלויבן, טיף פאַרוואָרצלט הן אין דער יידישער ווירקלעכקייט, הן אין יידישן געפיל קען ניט געמאָלט זיין, אַז אפילו אַ צייטווייליקע צוזאַמענאַרבעט מיט אונדז פון די יידישע קאָמוניסטן זאָל אויף זיי ניט האָבן קיין שום השפעה און ניט איבערלאָזן קיין שום שפּורן. איך בין פאַרקערט איבערצייגט, אַז אין דעם „מתוך שלא לשמה בא לשמה״ ליגט נאָך עד היום אַ שטיק לעבנס־חכמה. אַ טייל פון די יידישע קאָמוניסטן לכל הפחות וועלן ניט פון היינט אויף מאָרגן „איבערקערן דעם פעלץ״, בכל אופן ניט די אומפּאַרטייאישע יידישע מאַסע, וואָס שטיצט זיי איצט גראָד דערפאַר, ווייל זי זעט אין זיי, און מיט רעכט, חברים פון די סאָוועטישע יידן און ניט־יידן, וואָס שטייען דאָרט, אין דעם ווייטן רוסלאַנד, אין אַ געראַנגל, וואָס פון זיין אויסגאַנג הענגט אָפּ דער יידישער מזל אין דער נאָענטער עפּאָכע. און נאָך עפּעס. זיי זעען אין די יידישע רויטע אַרמייער און אין די יידישע פּאַרטיזאַנען אַן אָפּ־גלאַנץ פון יידישער העלדישקייט און ניצוצות פון יידישער מסירת־נפש. רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד, אויב ניט גערעכנט זעלבסטפאַרשטענדלעך ארץ־ישראל, וואו יידן זאָגן בפה מלא, און אַזוי אַז אַלע זאָלן דאָס הערן, אַז זיי שלאָגן זיך ניט נאָר פאַר זייער געמיינזאַמען פאָטערלאַנד, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, נייערט אויך אַלס יידן, כדי נקמה

צו נעמען פאַר יידישע קרבנות. און דער עיקר, וואָס אויך אַנדערע פעלקער און די סאָוועטישע מלוכה אַליין פאַרבאַהאַלט אונדז ניט אונטער פסיידאָ־נימען, נאָר אדרבא שטרייכט אונטער ביי איטלעכער געלעגנהייט דעם מלחמה־אַנטייל פון יידן אַלס יידן. און איך גלויב, אַז עס איז געווען פאַר יעדן יידן אַ שטיקל טרייסט צו הערן, למשל, היינטיקן פרילינג אין דער מאָסקווער ראַדיאָ, אַז צווישן די רוסלענדישע פליער, וואָס האָבן דעמאָלט גראַד באָמבאַרדירט בערלין, איז געווען אַ היפּשע צאָל יידן. אין ענגלישער און אַמעריקאַנער ראַדיאָ גלויב איך ניט, אַז מען זאָל דאָס האָבן געהערט, הגם זיי דערמאָנען איטלעכס מאָל לשבח און באַזונדער טשעכישע, פּוילישע פליער, ווי בכלל די העלדישע מעשים פון שלאַכט־מענער פון אַנדערע פאַרבינדעטע נאַציעס.

אָט די אַלע יידן, און איך גלויב, אַז זייער צאָל איז באַדייטיק, וואָס זיי ציט צום קאָמוניזם אָדער וואָס זיי סימפּאַטיזירן מיט אים דער עיקר צוליב נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון, וועלן זיך אַלץ שאַרפער אָפּקערן פון אים, אויב עס זאָל קומען צו אַן איבערקערעניש אין זיין שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען, וואָס ענגער און אויפריכטיקער עס וועט זיין אין דער איצטיקער גורל־שעה פאַר אונדזער פאָלק די מיטאַרבעט פון די יידישע נאַציאָנאַלע קרייזן און פאַרטייען מיט די יידישע קאָמוניסטן אויפן באָדן פון אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן. און פאַרקערט, אַן אָפּזאָג מיטצואַרבעטן מיט זיי נאָר צוליב דעם טעם, וואָס דאָס זיינען קאָמוניסטן, קען מיט רעכט דערוועקן ביי די ערלעכע און נאַציאָנאַל־געשטימטע מאַסן, נאָענטע צום קאָמוניזם, דעם חשד, צי זיינען די כוונות פון די נאַציאָנאַלע יידישע קרייזן אַבסאָלוט ריין פון יעדן סאָציאַלן שמץ, פון פּאָליטיש־פּאַרטייאישער פּסולת, צי זיינען די דאָזיקע מאָטיוון באמת נאַציאָנאַל און נאָר נאַציאָנאַל.

נעמט, למשל, די שטעלונג פון יידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־קרייזן אין אַמעריקע צו די יידישע קאָמוניסטן און צום סאָוועטישן יידנטום. אין קיין יידישן קיבוץ און ביי קיין יידישער פּאַרטיי אין אייראָפּע וועט איר ניט באַמערקן אַזאַ ווילדע קאָמוניסטן־פרעסעריי ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ניט חלילה ווייל די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער זיינען דורכ־געדרונגען מיט אַ הייסערער נאַציאָנאַלער קנאות ווי אַנדערש־וואו, ווי אין ארץ־ישראל, למשל, און דערפאַר קענען זיי ניט מוחל זיין די יידישע קאָמוניסטן זייערע חטאות־נעורים. האָבן זיי דאָך אַליין, צווישן אונדז גערעדט, ניט ווייניק געזינדיקט אין זייערע יונגע יאָרן. די זאַך איז פּשוטער: קיין לאַנד אויף דער וועלט האָט ניט אַזאַ קורצזיכטיקע רעאַק־ציאָנערע, אַזאַ קליין־קעפּלדיקע באַלעבעסלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג ווי

אַמעריקע. אַ לייטישער אייראָפּעאישער קאָנסערוואַטאָר איז אַקעגן געוויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער אַ רעוואָלוציאָנער, אַ וועלט־איבערקערער. און משמעות, אַז דער כלל „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך" איז ביי אַמעריקאַנער יידן מער תקיף ווי אומעטום. טוען יידישע סאָציאַליסטן אַריין די טומאה אין דער יראה און זאָגן אמן נאָך פרעמדע, פאַלשע און צביעות־דיקע תפילות.

לאָמיר רעדן קלאָרע דיבורים. צי זיינען דען די יידישע קאָמוניסטן די איינציקע יידן, וואָס פאַלן אין זייער אויפפירונג אַרונטער אונטער דער השפעה פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, פון פרעמדע רעגירונגען, פון אַ פרעמ־דער געזעלשאַפט? האָבן וויניק יידן אין אַמעריקע אין 1939—1940, טאַקע אין דער צייט פון רוסיש־דייטשן פאַקט, בעת אַ באַדייטיקע שטימונג אין לאַנד איז נאָך דעמאָלט געווען פאַר נייטראַליטעט, ניט מיטגעזונגען דעם אייגענעם ניגון? פונדעסטוועגן האָב איך עפּעס ניט געהערט, אַז מען זאָל זיי אַריינלייגן אין חרם, זיי דערקלערן פאַר עוכרי ישראל. און צווישן אונדז גערעדט, צי האָבן ניט יידישע אַסימילאַטאָרישע קרייזן אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע זיך געלאָזט באַאיינפלוסן אין יידישע פראַגן, אַפילו בנוגע באַציאונגען מיט יידישע קיבוצים אין אַנדערע לענדער, דורך דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון זייער לאַנד, און צי ווערט ניט אַמאָל זייער שטעלונג טאַקע דירעקט דיקטירט פון זייער אויסערן־מיניסטעריום? האָט זיך דען ניט אַזוי געפירט די „אַליאַנס איזראַעליט" אין פראַנקרייך און די „אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישאָן" אין ענגלאַנד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה? און אַמעריקאַנער יידן פרעגן טאַקע גאָר קיינמאָל ניט קיין דעה ביי דעם „סטייט־דעפּאַרטמענט" אין אויסלענדישע יידישע אַנגעלעגנהייטן? און גיבן דען ניט כמעט אומעטום יידישע אָרגאַני־זאַציעס אַריין אין נדן זייערע רעגירונגען, אַז זיי וועלן אויסנוצן זייער השפעה ווי יידן אויף זייערע ברידער אין אַנדערע לענדער לטובת די אינ־טערעסן און דער פּאָליטיק פון דעם באַטרעפנדיקן לאַנד?

מיר האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די אָפטע דערקלערונגען פון אַסימי־לאַטאָריש־יידישע פירער און אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זיינען פריער אַמעריקאַ־נער, פראַנצויזן אאַ"וו און דערנאָך יידן. אָט האָט דאָ גאָר ניט לאַנג דער רב הכולל פון פראַנקרייך, אין נאָמען פון פראַנצויזישן יידנטום, אין אַ בריוו צו מאַרשאַל פּעטען, וואו ער פּראָטעסטירט קעגן יידישע באַגרענע־צונגען און וואַרפט אָפּ די באַשולדיקונג, אַז יידן זיינען ניט קיין אמתע פראַנצויזן, ווייל זיי זיינען סאָלידאַריש פאַרבונדן מיט פרעמדע, ד"ה מיט יידן אין אַנדערע לענדער, דערקלערט, אַז די דאָזיקע סאָלידאַריטעט איז

אַ בלבול, וואָרעם זי איז ניט עפּעס אַנדערש און ניט עפּעס מער ווי, למשל, די סאָלידאַריטעט פון פראַנצויזישע קאַטאָליקן מיט די קאַטאָליקן פון די אַנדערע לענדער. נאָר מילא, צו דעם דאָזיקן ניגון פון דער מערב־אייראָפּע־אישער אַסימילאַציע זיינען מיר שוין געוואוינט. אָבער אַ גילגול פון דעם דאָזיקן סקאַרבאָוון ניגון הערן מיר גאָר אָפּט אויך פון מזרח־יידישע פירער. וויפיל גערעכטע טענות מען זאָל ניט האָבן צום „בונד“, און אַ סך פון די דאָזיקע טענות האָב איך דאָ גופא אַרויסגעבראַכט, דאַרף מען זיין בלינד ניט צו זען, אַז אָביעקטיוו גענומען איז דער „בונד“ אַ יידיש־נאַציאָ־נאַלע מאַסן־פּאַרטיי. פונדעסטוועגן האָבן בונדישע פירער פון ערשטער מדרגה ניט איין מאָל דערקלערט, פּונקט אַזוי ווי קאָמוניסטישע יידישע פירער, אַז זיי זיינען „נייטראַל“ אין דער שאלה פון אַלע אונדזערע שאלות, וועגן קיום אָדער אונטערגאַנג פונעם יידישן פאָלק. און צי האָט דען ניט דער „בונד“ תמיד געחוזקט פון כלל־ישראל און זיך האַרטנעקיק אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין וועלכע ניט איז אינטערנאַציאָנאַלע יידישע צוזאַמענ־קונפטן און פאַראייניקונגען? פאַר אים, ווי פאַר דעם פראַנצויזישן „גראַן ראַבענן“, איז די צייטווייליקע פאַרבינדונג פון יידן מיט דעם לאַנד, היינט מיט דעם, מאָרגן מיט יענעם, לויט דעם ווי עס ענדערט זיך די פּאָליטישע מאַפּע פון דער וועלט אָדער לויט דעם וואו דער מזל פאַרוואָרפט יידן, בילכער און חשובער ווי די אייביקע גורל־באַהעפטונג מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

דאָס זיינען אַלץ טרויעריקע פאַקטן, אָבער פאַקטן זיינען זיי. מיר, נאַציאָנאַלע יידן, האָבן דאָס רעכט און דעם חוב אַזעלכע דערקלערונגען צו קוואַליפיצירן ווי זיי פאַרדינען, קודם כל ווי אַ שקר און, והשנית, ווי אַנטי־נאַציאָנאַלע אַקטן. מאַכן אָבער יידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען דערפון דעם אויספיר, אַז מען טאָר מיט די דאָזיקע יידישע פירער און אָרגאַני־זאַציעס זיך ניט זעצן ביי איין טיש? ניין. זיי טוען עס ניט און דאַרפן עס אויך ניט טאָן. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל, ערשטנס, האָבן מיר קיין ברירה ניט און ווייל, צווייטנס, בלייבן מיר אין דער טיפעניש פון אונדזער געפיל ביי דעם אַלטן גלויבן, אַז „וואָס זיי זיינען, אָבער יידן זיינען זיי“. מיר פילן אַלע, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט אַזוי מיט בייזע כוונות, ווי מיט אַ טראַגישן קאָנפליקט פון אונדזער לעבן, מיט דער יידישער טראַ־געדיע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אומעטום. די צעשפּליטערונג־טענדענצן פון אונדזער גלות־לעבן פירן דערצו, אַז איטלעכער יידישער קיבוץ זאָל זיך פאַרמעסטן אויף צו שאַפן זיין באַזונדערע קולטור און צו ווערן אַ שבט פאַר זיך און פּאָליטיש זיך צו איזאָלירן פון דעם גאַנצן פאָלק איבער דער

װעלט און זיך פֿאַרװאַנדלען אין אַן אינטעגראַלן טייל פֿון דעם אַרומיקן פֿאָלק. מיר דאַרפֿן מיט אַלע כּוחות זיך אַנטקעגנשטעלן די דאָזיקע טענדענצן פֿון צעברעקלונג און צעשפּליטערונג. אָבער מיר קענען ניט און טאָרן ניט אַריינלייגן אין חרם גאַנצע יידישע קאָלעקטיװן און זיי אָפּזאָגן פֿון זייער חלק ונחלה בישראל. װען מיר װאָלטן געהאַט, װי מיר װאָלטן געדאַרפֿט צו האָבן, אַ יידישן הויכן טריבונאַל מיט אַן אָנערקענטער אויטאָריטעט, װאָלט ער טאַקע געדאַרפֿט אויסשליסן פֿון יידישן כּלל יידן, װאָס באַגייען אויסגעשפּראָכענע און קלאָר־דעפֿינירטע אַקטן פֿון בגידה. אָבער אויך אַזאַ טריבונאַל װאָלט געװיס געװען גענוג פֿאָרזיכטיק און גאַנצע יידישע קהילות, קיבוצים און אָרגאַניזאַציעס װאָלט ער אין חרם ניט אַריינגעלייגט, פּשוט כּדי ניט צו שפּאַלטן דאָס פֿאָלק. בפֿרט אָבער, אַז מיר האָבן ניט קיין אויטאָריטעט און ניט קיין שופֿטים אויף צו משפּטן יידן, מוזן מיר געװיס און געװיס זיין פֿאָרזיכטיק.

פֿרעגט זיך נאָר, פֿאַרװאָס װענדן מיר אָן אַן אַנדער מאָס און װאָג צו יידישע קאָמוניסטן װי צו בירגערלעכע און סאָציאַליסטישע יידן־„פּאַטריאָטן" פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער, װאָס זיינען אָפֿט אויך מקריב יידישע אינטערעסן אויפֿן מזבח פֿון זייער „געליבטן פֿאָטערלאַנד" ? פֿאַרװאָס האָבן סאָװעטישע יידן געזינדיקט מער װי אַנדערע ? און פֿאַרװאָס איז פּאַטריאָטיזם יאָ מכפּר אויף אַלע עבֿירות און אינטערנאַציאָנאַליזם ניט ? מיר האָבן אומעטום בעלי־עבֿירות און בעוונותינו הרבים איז זייער צאָל אַזוי גרויס, אַז מיר קענען גאָר ניט אָנװענדן צו זיי אַ צו האַרבע שטראָף. מיר האָבן גאָר ניט אַזוי פֿיל „תּפֿיסות", װאָס זאָלן קענען אַריינעמען אַלע זינדיקע יידן. שטראָף אַליין באַשאַפֿט נאָר שׂנאת ישׂראל צװישן יידן גופֿא, און דאָס איז סם פֿאַר אונדזער קיום. דעריבער דאַרפֿן מיר לאָזן פֿריי און אָפֿן דעם װעג פֿון תּשובֿה. מיר קענען זיך ניט דערלויבן דעם לוקסוס מוציא צו זיין מן הכּלל הונדערטער טויזנטער יידן־קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער. און עס איז בכן בפֿירוש אַנטי־נאַציאָנאַל, װען מען שטויסט זיי אַרויס פֿון אַלגעמיין־יידישע אינסטיטוציעס, װאָס פּרעטענדירן צו פֿאַרטרעטן ניט איין גרופּע און איין טענדענץ ביי יידן, נאָר דעם כּלל־ישׂראל, װי דאָס איז געשען אין 1937 אויפֿן יידישן װעלט־קאָנגרעס אין גענף און דאָ ניט לאַנג אויף דער יידישער קאָנפֿערענץ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. קומען זיי צוריק צו אונדז, דאַרף יעדער געטרייער ייד זיי אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט. װעלן זיי װידער אָנהויבן זינדיקן, װעלן מיר דעמאָלט זען. אַ נבֿואה אויף קומענדיקע זינד איז אַ בייזע נבֿואה, אפֿילו אויב זי זאָל װען ניט איז, חלילה, מקוים װערן.

אַז יידישע קאָמוניסטן קומען צו אונדז מיט אונדזער לאָזונג פון יידי־שער אחדות, טענהט מען צו זיי: סטייטש, ווי קומט איר, שקצים, דערצו! אחדות איז אונדזער מאָנאָפּאָל. יידישקייט שטייט איין נאָר ביי אונדז. און אויב שוין יאָ אחדות איז נעמט, זייט מוחל, אָן אונדזער פּראָגראַם אַזוי ווי זי שטייט און גייט. מיט אַזוינע דרכים קען מען אָבער דערגרייכן נאָר איין רעזולטאַט: אָפּשטויסן די, וואָס מאַכן דערוויל נאָר איין טריט צו אונדז. דאָס איז די חשודיקע קנאות, וואָס האָט שוין ניט איין מאָל גע־בראַכט צו חורבנות אין יידישן לעבן. מען באַגעגנט זיי מיט דער האַרבער קשיא: מיטן פאַשיזם און מיט היטלערן קעמפן מיר סיי ווי סיי און מיר דאַרפן אייך דערצו ניט האָבן. וואו איז אָבער אייער פּראָגראַם וועגן אַנדערע יידישע פּראָבלעמען פון נאָך דער מלחמה? בפרט וואָס הערט זיך עפּעס מכוח שותפותדיקער יידישער קולטור־אַרבעט? און וואָס וועט איר זאָגן וועגן צולייגן אַ האַנט צום אויפבוי פון ארץ־ישראל? די דאָזיקע טענה איז געוויס אַ גערעכטע און די יידישע קאָמוניסטן קענען ניט אייביק, און אפילו ניט לאַנג, בלייבן ביי דעם איניקייט־לאָזונג נאָר פאַרן קאַמף מיטן שונא. אָבער די לאָגיק פון לעבן וועט זיי צווינגען נאָך דעם דאָזיקן ערשטן טריט, דעם לייכטסטן פאַר זיי, צו שטעלן ווייטערדיקע און שווערערע טריט. מענטשן זיינען צענדליקער יאָרן געווען כמעט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם יידישן כלל און פּרינציפּיעל מיט אים ניט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא. קלאָר, אַז זיי קענען ניט קומען מיטאַמאָל מיט פאַרטיקע תשובות אויף אַלע פּראָבלעמען, מיט וועלכע דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום ווייטיקט שוין זינט יאָרן, טאָג איין טאָג אויס.

באַגעגנט מען די דאָזיקע טענות אין פּאָלעמישע צייטונג־אַרטיקלען, איז מילא. ערשטנס, ווער איז דאָס מחויב צו לייענען אַזוינע אַרטיקלען? והשנית, זיינען זיי דאָך ניט מער ווי אַ „קיקיון דיונה". ווער וועט זיי מאָרגן דער־מאָנען? אָבער אַז איר זעט, אַז לייוויק, אונדזער גרויסער לייוויק, אַ דיכ־טער מיט אַזאַ העלער און ווייטער וויזיע, אָדער אַזאַ גלענצנדיקער יידישער פּובליציסט ווי שמואל ניגער, ניגער מיט זיין קלוגן, קלאָרן קאָפּ — אַז זיי שפּאַרן זיך אויך איין און ווילן דווקא, אַז יידישע קאָמוניסטן זאָלן תיכף אָננעמען די גאַנצע נאַציאָנאַל־יידישע תורה, איז ניט אַנדערש, אַז זיי געהערן צום בית־שמאי. אויך פאַר זיי איז, משמעות, ווייניק דער ואהבת לרעך, אין פעסטן גלויבן, אַז דאָס איבעריקע וועט שוין קומען. ווילט זיך זיי זאָגן: זאָל די פּראָגראַם זיין אייער לעצטע דאגה, אָבי דער עיקר זאָל נאָר זיין. און דער דאָזיקער עיקר איז — דאָס געפיל פאַר יידישער גורל־געמיינזאַמקייט, פון יידישער סאָלידאַריטעט און איניקייט.

און וואָס לענגער עס וועט אָנהאַלטן די נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַציע ביי יידן, אַלץ מער וועט דאָס דאָזיקע געפיל וואַקסן און וועט מוזן אַריבערשטייגן דעם ענגן גבול, וואו מען וויל איצט איינצאַמען די יידישע אייניקייט. מיט יידן מוז מען האָבן אַ סך געדולד און אַ גאָר גרויסע מאָס פון אהבת ישראל און ניט קומען כסדר מיט דער רוגזה פונעם מדת הדין.

קאַפּיטל ניינצן

יידישקייט און גלייכבאַרעכטיקונג

דער אלף און דער תיו פון דער יידישער פּאָליטיק אין גלות איז, זינט דער עמאַנסיפּאַציע, געווען און געבליבן — גלייכבאַרעכטיקונג. גלייכבאַרעכטיקונג איז געוואָרן אַ ציל פאַר זיך, דער העכסטער און דער לעצטער ציל. אַלע יידישע שטרעבונגען האָבן געדאַרפט זיין געווענדט אויף דעם ציל, אַלע יידישע כוחות און רעסורסן האָבן באַדאַרפט אויסגענוצט ווערן, כדי אים צו פאַרווירקלעכן. נאָך מער. אונדזער גאַנצע אויפפירונג האָט געדאַרפט זיין צוגעפּאַסט דערצו, כדי צו פאַרדינען די גלייכע רעכט, און וואו מיר האָבן זיי שוין באַקומען — זיי אָפּצוהיטן, זיי זאָלן חלילה ניט געמינערט ווערן. מען דאַרף ניט רעדן יידיש, גיין יידיש געקליידט, מען טאָר בכלל זיך ניט אָפּזונדערן אין לעבן, און דענקען פון דעם בעל־הבית־פאָלק, כדי ניט צו שטעלן אין סכנה „אונדזער פּאָזיציע ווי בירגער" פון לאַנד. מאָראַל, רעליגיע, טראַדיציע האָבן פאַרלאָרן זייער חשיבות פאַר זיך און אין זיך. זיי האָבן געמוזט זיך צונויפקאָרטשען און צוגעפּוצט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען לעבן בשלום מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג. די קריטעריומס פון אונדזער לעבן און אויפפירונג, וואָס זיינען תמיד געווען אינערלעכע, זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף אויסערלעכע.

גלייכע רעכט איז ניט געווען קיין ענין פון נוצלעכקייט און צוועקמעסיקייט. זיי זיינען דערהויבן געוואָרן צו אַ מאָראַלישער קאַטעגאָריע, צו דער העכסטער מצווה, וואָס אַ ייד מוז מקיים זיין, צי לוינט עס אים צי ניט, צי נוצט עס אים, צי פאַרקערט, שאַדט אים. אפילו אַזאַ נאַציאָנאַל־יידישער מנהיג ווי זשאַבאָטינסקי ז"ל, וועלכער האָט גראָד זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן חשבון, ווי קליין ס'איז דער רעאַלער ווערט פון יידישע רעכט און האָט עס ניט איין מאָל בפירוש געזאָגט, האָלט פונדעסטוועגן אין זיין לעצטן בוך „די מלחמה און דער ייד", אַז יידן דאַרפן קעמפן ביזן לעצטן פאַר גלייכע רעכט, ווייל דאָס איז אַ פראַגע פון מענטשלעכער ווערדע. עפּעס אַזוינס, וואָס אָן דעם וואָלט דאָס לעבן געווען מאָראַליש אַ דערנידעריקונג.

עס זיינען געווען און עס זיינען פאַראַן באַזונדערס איצט מאָמענטן און ענינים, ווי מיר וועלן עס זען בעת מיר וועלן האַלטן ביי דער יידישער עקאָנאָמישער פּראָבלעם, ווען גלייכע רעכט מיינט בפירוש אַ שאָדן פאַר יידישעווירטשאַפטלעכע אינטערעסן און ווען גראַד אַ באַזונדערער סטאַטוס, ספּעציעלע געזעצן פאַר יידן, וואָלטן געווען פון העכסטן נוצן. אָבער מען וואָלט עס באַטראַכט, ווי דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן דער הייליקייט פון דער גלייכבאַרעכטיקונג אפילו צו שטעלן די פראַגע, צי איז ניט אַ סברא בעסער צו געבן יידן חיונה איידער רעכט. בשעת עס האַנדלט זיך וועגן ברויט פאַר יידישע מאַסן, ווערן די יידישע „אויבערשטע צען טויזנט", די רייכע יידישע קלאַסן און די שיכטן פון דער אינטעליגענץ, וואָס גייען מיט זיי האַנט אין האַנט, מיטאַמאָל געוואַלטיק אידעאַליסטיש און זיינען מיט לייכטקייט מקריב דעם פרעמדנס לעצטן ביסן ברויט אין נאָמען פון „פרייהייט" און פון „רעכט".

קומט עס צו אַ ווידעראַנאַנד צווישן גלייכבאַרעכטיקונג און יידישקייט, דעמאָלט איז אַפילו קיין פּראָבלעם ניטאָ. קלאָר, ווער עס דאַרף אָפּטרעטן דעם אָרט. יאָרן לאַנג, נאָך פאַרן סוף פון דער ערשטער מלחמה, איז ביי אונדז געשטאַנען אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן רעכט פאַר יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. אמת, אַזוי ווי די דאָזיקע רעכט זיינען פאָר־מולירט געוואָרן פון נאַציאָנאַלע יידישע פּאַרטייען, וואָלט זייער חשיבות פאַרן יידישן כלל געווען גאָר אַ קנאַפּע. נאָר ניט דאָס בין איך אין דעם מאָמענט אויסן. אינטערעסאַנט איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז — די קעגן־אַרגומענטאַציע פון די מתנגדים און די פּאַר־אַרגומענטאַציע פון די חסידים פון די דאָזיקע רעכט. די קעגנער האָבן געטענהט, אַז נאַציאָנאַלע רעכט וועלן מאַכן פון יידן אַ מינדערהייט (אַזוי ווי אָן דעם וואָלטן מיר עס ניט געווען!), זיי זונדערן אונדז אויס און שיידן אונדז אָפּ פון די אַנדערע פעלקער און במילא שטעלן זיי אין סכנה אונדזער בירגערלעכע פּאָזיציע. די פּאַרטיידיקער האָבן געטענהט, אַז דאָ איז קיין סתירה ניטאָ און אַז בירגעררעכט און נאַציאָנאַלע רעכט הויזן אויסגעצייכנט צוזאַמען. אָבער ווען פון די יידישע פירער און טוער איז איינגעפאַלן צו באַשטרייטן די סאַמע שטעלונג פון דער פראַגע, די בכורה פון בירגעררעכט, זייער פרע־טענזיע צו זיין דאָס העכסטע קריטעריום פון אונדזער לעבן?

דער אימפּעט, מיט וועלכן יידן יאָגן זיך נאָך גלייכע רעכט און זייער גרייטקייט צו באַצאָלן פאַר זיי, וואָס פאַר אַ פּרייז מען זאָל ניט פאַרלאַנגען, איז פּסיכאָלאָגיש געבויט אויף איין הנחה, וועלכע מען שעמט זיך אָפן אַרויסצוזאָגן. דאָס איז די הנחה, אַז דער, מיט וועמען מען וויל זיך

אויסגלייכן, איז העכער פון דיר און אַז ווערן גלייך מיט אים הייסט זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. אַזוי, למשל, האָט זיך קיין ווייסער אַמעריקאַנער ניט געפילט באַליידיקט, בעת מען האָט אים געהאָט פאַרבאָטן זיך צו באַזעצן אויף דער „אינדיאַנער טעריטאָריע”, אויף דעם געביט, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט געהאָט אָפּגעגעבן פאַר די אינדיאַנער ווי אַ רעזערוואַט. אַקוראַט אַזוי וועט קיין ווייסער ניט פּראָטעסטירן קעגן דעם אויסנאַם־געזעץ פון דער נעגער־רעפּובליק אין ליבעריע, לויט וועלכן אַ ווייסער קען דאָרט ניט באַקומען קיין בירגער־רעכט. און צי פילן זיך די אַמעריקאַנער דערנידעריקט דערמיט, וואָס אין ניין און צוואַנציק שטאַטן פון דער גרויסער אַמעריקאַנער רעפּובליק זיינען געמישטע חתונות מיט פאַרביקע געזעצלעך פאַרבאָטן. דיסקרימינאַציע ווערט אַ באַליידיקונג ערשט דאָרט און דעמאָלט, ווען זי ווערט אָנגעווענדט פון אַ העכערן, אַ בעסערן צו אַ נידעריקערן, אָן ערגערן, לויט די השגות פון געקריוודעטן. דאָס יאָגעניש פון יידן נאָך גלייכע רעכט שטאַמט במילא פון דעם געפיל, אַז די גויים געהערן צו אַ מער געהויבענער, מענטשלעכער קאַטעגאָריע. און עס איז משונהדיק, ווי דער דאָזיקער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס פּאָרט זיך מיט אַ פּוסט־גאווהדיקער פּרעטענזיע אויף אַ יידישער מיסיע צווישן די פעלקער, כדי זיי צו מאַכן פאַר אמתע גלויביקע און זיי צו לערנען אמונה און מאָראַל. היינט גיי זוך לאָגיק אין יידישע אידעאָלאָגיעס, צונויפגעשטוקעוועטע פון רעשטלעך פון אייגענער ירושה מיט ברעקלעך און שטיקלעך, וואָס קלעפּן זיך צו צום יידן אויף אַלע וועגן און שטעגן פון דער גרויסער וועלט און אויף אַלע שבעה ימים, דורך וועלכע עס פירן אים זיינע וואַנדערונגען.

פאַרקלערט מען זיך ביי אונדז דעריבער, אַז גלייכע רעכט מיינט גלייכע התחייבותן, מיינט גלייכע אחריות פאַר די צילן, וואָס די קריסטלעכע פעלקער, אָרגאַניזירט אין מלוכות, שטעלן זיך, און פאַר די אופנים און מעטאָדן ווי זיי דערגרייכן זיי, מיינט מיטפאַראַנטוואָרטונג פאַר רויב און מלחמות, פאַר רציחה און טעראָר, פאַר מיליאָנען געל־ברויך־ און שוואַרץ־הויטיקע מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס ווערן אונטעריאָכט פון די ווייסע פעלקער. צי איז מען מסכים מיט די אַלע עוולות, וואָס די קריסטלעכע מלוכות טוען אָפּ, צי ניט, האָט ניט קיין שום ווערט. דער יחיד, וואָס געהערט צום קאָלעקטיוו, טראָגט — צי וויל ער, צי וויל ער ניט — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים, סיידן ער פאַרלאָזט דעם קאָלעקטיוו, אָדער אויב ער בלייבט, דריקט ער אויס זיין אָפּאָזיציע צו אים ניט מיט ווערטער, נאָר מיט טאָטן. ערשט דעמאָלט קען דער יחיד באמת זיך באַ־

פרייען פון דער קאָלעקטיווער אחריות. און היות ווי דאָס איז ניט דער פאַל פאַר דעם רוב יידן, בפרט פאַר די אַסימילירטע, וואָס גרויסן זיך אדרבא מיט זייער „פּאַטריאָטיזם", טראָגן מיר יידן במילא אַ טייל פון פאַראַנטוואָרטונג. „זיך וואַשן די הענט" אַזוי ווי אונדז וואָלט עס ניט אָנ־געגאַנגען, איז ניט מער ווי צביעות אָדער נאָך ערגער — מאָראַלישע גלייכגילטיקייט, ד"ה אַמאָראַלישקייט.

דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז ווען יידן זאָלן לעבן באַזונדער פון די קריסטלעכע פעלקער, צי אינגאַנצן אומאָפּהענגיק אין זייער אייגענעם לאַנד, צי ניט מער ווי אָפּגעזונדערט אין געטאָס אין גלות, דאָס הייסט אויב יידן וועלן האָבן אַליין פאַר זיך אַ גרעסערע אָדער קלענערע מאַכט, וועלן זיי אין אַלץ זיך פירן לויטן אַבסאָלוטן יושר און קיינעם קיין קריוודעס ניט טאָן. דער באַרימטער שווייצאַרישער דענקער און היסטאָריקער יאַקאָב בורקהאַרדט האָט אַמאָל געזאָגט: „די מאַכט איז אַלע מאָל אוממאָראַליש". שטעקט אין דעם געוויס אַ גרויסער קערן אמת, נאָר, ראשית, איז עס אַ פראַגע פון מאָס און פאַרנעם, ווי אין אַלע סאָציאַלע באַציאונגען. און מיר ווילן גלויבן און האָבן אַ סך גרונט דערצו, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט טויזנטער יאָרן קיין מלחמות ניט געפירט, ביי וועמען דער לא תרצח איז אַ גרונט־שטריך טאָקע פון זיין לעבן גופא, וועט ביי זיך אין דער היים פירן אַ מער יושרדיקן און ריינערן שטייגער ווי די פעלקער, ביי וועמען דאָס לעבן „על חרבם ועל קשתם" איז אַ לאַנגע טראַדיציע, פון זייער רעליגיע סאַנקציאָנירט און אפילו געהייליקט. והשנית, איז געגוג פאַר אַ יידן דער פאַראַנט־וואָרטונג־יאָך פון אייגענע זינד, ער זאָל נאָך פרייוויליק נעמען אויף זיך די אחריות פאַר פרעמדע, און ניט נאָר פון איין פאָלק, נאָר פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָרעם צווישן זיי אַלעמען לעבן מיר און מיט זיי אַלעמען ווילן מיר דאָך גלייך זיין, אין זייערע אַלעמענס מלוכה־לעבן שותפים ווערן. ווער מיט וועמען און צוליב וואָס זאָל זיך ניט שלאָגן, זיינען מיר דערביי. וואו נאָר אַ פאָלק באַגייט אַן עוולה, זיינען מיר אין דער מיטן.

גלייכבאַרעכטיקונג וואָלט בכן קודם כל געדאַרפט זיין אַ שווער־וואָ־גיקע מאָראַלישע פּראָבלעם פאַר יידן, וואָס זיינען געבליבן געטריי דער יידישער טראַדיציע, דער יידישער מאָראַל און דער יידישער אַכטונג פאַר יעדן לעבעדיקן מענטשן, געבוירן בצלם אלוקים. אָבער אָט די פּראָבלעם אין דער דאָזיקער פאָרם קען זיך אפילו ניט שטעלן פאַר יענע יידן, וואָס האָבן אָפּן אָדער שווייגנדיק אָנערקענט די קריסטלעכע ציוויליזאַציע פאַר אַ העכערער און אירע מאָסשטאַבן פאַר די ריכטיקע.

געוועזן ביי יידן אין פאַריקן יאָרהונדערט אַ גרויסער וויזיאָנער, משה העס האָט ער געהייסן. האָט ער שוין אין 1862 געשריבן: „וואָלט עס געוועזן אמת, אַז די עמאַנסיפּאַציע פון יידן אין גלות לאָזט זיך ניט פאַר־אייניקן מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט (פאַר משה העס האָט יידישע נאַציאָנאַליטעט, ווי ס'איז צו זען פון זיין גאַנצן ספר, געמיינט יידישקייט — י. ע.), וואָלט דער ייד געדאַרפט מקריב זיין די ערשטע פאַר דער צווייטער". אין דעם דאָזיקן זאַץ האָט העס נאָר געשטעלט די פראַגע, אָבער קיין תשובה אויף איר האָט ער ניט געגעבן. אָבער אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער קלאָר, אַז יידן, הגם זיי לעבן אין דער מיט פון די פעלקער שוין צוויי טויזנט יאָר, קענען זיך אָבער אָרגאַניש מיט זיי ניט צונויפוואַקסן. און אין אַנדער אָרט: „... צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? די אייראָפּע־אישע פעלקער האָבן קיינמאָל ניט געקוקט אויף דער עקסיסטענץ פון די יידן צווישן זיי אַנדערש ווי אויף אַן אַנאָמאַליע. מיר וועלן תמיד בלייבן פרעמדע צווישן די נאַציעס, וועלכע עמאַנסיפּירן אונדז צוליב הומאַניטעט און גערעכטיקייט, אָבער וועלכע וועלן אונדז קיינמאָל ניט אַכטן, כל זמן מיר וועלן דעם שפּרוך „אובי בענע איבי פּאַטריאַ" (דאָרט וואו איינעם איז גוט, דאָרט איז דאָס פאָטערלאַנד) שטעלן אין פאָראויס, ווי אַן עיקר פון אני מאמין און אָוועקרוקן היינטערוויילעכטס אונדזערע אייגענע גרויסע נאַציאָנאַלע זכרונות".

משה העס האָט די דאָזיקע ווערטער געשריבן, בעת די עמאַנסיפּאַציע איז נאָך ווייט ניט געווען פאַרענדיקט, בפרט אין זיין וואוינלאַנד, אין דייטש־לאַנד, בעת עס האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן די סם־קרייטעכער, וואָס זיינען פון איר אויסגעוואַקסן אויף אונדזער פאַרוואָרלאָזט פעלד, ניט דאָס ווילדגראָז, וואָס זי האָט פאַרפלאַנצט אין די פעלקערס גערטנער. ער האָט נאָך געמעגט האָבן ספיקות, וואָס היינט זיינען זיי מער ניט דערלויבט, סיידן מען קוקט אויף דער וועלט און אויף וואָס אין איר קומט פאָר מיט בלינדע אָדער פאַרמאַכטע אויגן. אויב די פעלקער האָבן, געבנדיק אונדז גלייכבאַ־רעכטיקונג, געמאַכט אַ טעות אין חשבון, און די ספעקולאַציע אויף אונ־דזער אַסימילאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַלשער, האָבן יידן פאַר דעם דאָזיקן טעות באַצאָלט מיטן טייערסטן, וואָס אַ מענטש האָט — מיט זיין פערזענלעכקייט. דער היינטיקער ייד הערט ניט אויף צו עקסיסטירן און זעט אויס ווי אַ נאָרמאַלער מענטש. אָבער זיין פנים פאַרלירט ער. און ווי דער שלעמיל ביי שאַמיסאָ, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין שאָטן און יאָגט זיך נאָך אים אומעטום נאָך, אַזוי יאָגט זיך דער ייד נאָך זיין פאַר־לאָרענעם פנים, געפינט אים ניט און געפינט קיין רו ניט.

ניטאָ קיין יידישקייט אָן אַ באַזונדער און אָפּגעזונדערט יידיש לעבן. אין יורידישע טערמינען, אין מלוכה־באַגריפן, אַזוי ווי זיי עקסיסטירן איצט און ניט ווי זיי וועלן אויסזען לעתיד לבוא, מיינט עס ניט גלייכע רעכט, נאָר באַזונדערע רעכט.

איך וויל דאָ געבן אַ קאָנקרעטן משל, ווי אַזוי יידישע פירער און אָרגאַניזאַציעס, אפילו נאַציאָנאַלע, זיינען אָפּט מקריב יידישקייט צוליב דעם הייליקן פּרינציפּ פון גלייכע רעכט. אַ משל, וועלכער וועט, ווי מיר דוכט, קלאָרער מאַכן דעם ענין און די אַלגעמיינע פאָרמולירונג, וואָס איז דאָ געגעבן געוואָרן. עס האָבן געלעבט הונדערטער יאָרן יידן אין אַלזשיר צווישן זייערע מוסולמענישע שכנים, אַמאָל בשלום, אַמאָל צעקריגט, ווי עס פירט זיך אויף דער גאָרער וועלט. יידן האָבן געהאַט זייערע אויטאָנאָמע קהילות, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט זייער קהלשן לעבן, צום טייל אָבער אויך מיטן פּריוואַטן. האָבן יידן געהאַט אַ סכסוך צווישן זיך, איז מען געגאַנגען צום יידישן בית־דין, וואָס האָט געפּסקנט לויטן יידישן דין. מיט איין וואָרט, ס'איז געווען אַ פול און גאַנץ יידיש לעבן. יידן האָבן זיך געפירט אַזוי, ווי מען איז זיך אַמאָליקע צייטן נוהג געווען בכל תפוצות ישראל. אין 1830 האָבן די פראַנצויזן אַנעקסירט אַלזשיר, און כאָטש אַלזשיר איז געוואָרן דערנאָך אַ טייל פון פראַנקרייך, זיינען אָבער ניט די מוסולמענער און ניט די יידן ניט אָנערקענט געוואָרן פאַר פראַנצויזישע בירגער. דערפאַר אָבער האָט די פראַנצויזישע רעגירונג זייביידן איבערגעלאָזט זייערע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס און זייער יוריסדיקציע. ערשט די דריטע רעפּובליק האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען און עצות, ווי אַזוי צו אַסימילירן די איינגעבוירענע באַפעלקערונג און זיי מאַכן פאַר פראַנצויזן. די מוסולמענער אָבער האָבן זיך איינגעשפּאַרט. זיי וואָלטן בכבוד גדול אָנגענומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט, אָבער בתנאי, אַז זיי זאָלן ווי פריער, ווי זייערע זיידעס און עלטערן, לעבן לויט זייער דת, זייער געזעץ, וועלכע אונטערשיידט זיך פונעם פראַנצויזישן קאָדעקס, בפרט אין פאַמיליע־רעכט, ירושה־רעכט, חתונה־רעכט (פּאָליגאַמיע) אאַז"וו. און היות ווי דאָס איז ניט געווען אין הסכם מיט דער צענטראַליסטישער טענדענץ פון דער נאָך־רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך, איז די פראַנצויזישע רעגירונג אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. און די מוסולמענער זיינען געבליבן פאַרעקשנט און בשום אופן ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זייער אויטאָנאָמען לעבן צוליבן כבוד פון ווערן פראַנצויזישע בירגער. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט געגעבן אַלע מינים פּריווילעגיעס די מוסולמענער, וואָס זיינען גרייט געווען אינדיווידועל אָנצונעמען פראַנצויזישע בירגערשאַפט, אָבער

אויך דאָס איז געווען אַ ברכה לבטלה. העכסטנס געפינען זיך יערלעך אַ פּאָר צענדליק צווישן די מיליאָנען מוסולמענער, וואָס דערלאַנגען בקשות וועגן איינבירגערן זיך. און עס איז נאַטירלעך, אַז די מוסולמענישע באַפעלקערונג קוקט אויף זיי ווי אויף אַפּטריניקעס. די טרייקייט פון די מוסולמענער צו זייער דת און זייערע טראַדיציעס האָט סוף כל סוף געמוזט ברעכן די צענטראַליסטישע עקשנות פון די פראַנצויזישע געזעלשאַפט־ און רעגירונג־קרייזן. פּראָפעסאָר מילאַ, איינער פון די בעסטע קענער פון אַלזשיר, שטעלט אינעם קאָלעקטיוון ווערק לכבוד דעם הונדערט־יעריקן יובל פון דער אַנעקסירונג פון אַלזשיר צו פראַנקרייך אָפן די פראַגע, צי איז בכלל באַרעכטיקט די פראַנצויזישע אַסימילאַציע־פּאָליטיק און צי איז ניט דאָס מוסולמענערטום אַזאַ פּאָזיטיווע שטאַרקע קראַפט, אַז ס'וואָלט געווען אַ טעות צו רעכענען מיט זײַן פאַרשווינדן. די דאָזיקע פראַגע האָט געמוזט אויפקומען, ווייל די פראַנצויזן האָבן איינגעזען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ קאָלעקטיוו, וואָס מאַטעריעלער וואוילטאָג שטעלט אים ניט אין נסיון זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע הייליקייטן. איז טאַקע די פראַנצויזישע רעגירונג מיט דער צייט געצוואונגען געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אירע פרואוון צו אַסימילירן די מוסולמענער. אין 1905 האָט זי אַליין געמוזט דורכפירן אַ קאָדיפיקאַציע פון דעם מוסולמענישן קרימינאַל־רעכט, לויט וועלכן מוסולמענער ווערן געמשפט פון פראַנצויזישע טריבונאַלן מיט מוסולמענישע בייזיצער, בעת פּאָר דיני ממונות איז געבליבן קאָמפּעטענט אַ ריין מוסולמענישער בית־דין. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין 1937, בעת לעאָן בלום איז געוואָרן פרעמיער־מיניסטער, האָט ער ביי דער מיטאַרבעט פון מאָריס וויאָלע, דעם געוועזענעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אַלזשיר, אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ־פּראָיעקט צו געבן פראַנצויזישע בירגערשאַפט אַ גאַנצער גרופּע מוסולמענער פון קרוב צו דריי טויזנט מאַן, וואָס האָבן געהאַט באַזונדערע פאַרדינסטן פאַר פראַנקרייך, און ניט פאַרלאַנגען פון זיי זיך אָפּזאָגן פון זייער באַזונדערן סטאַטוס. די רעגירונג האָט זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרברייטערן ביסלעכווייז דעם דאָזיקן פּראָיעקט, אַזוי ער זאָל ווערן דער כלל. אַ סך מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט, בפרט סאָציאַליסטן, האָבן מסכים געווען דערמיט, אַז מען דאַרף איבערלאָזן די מוסולמענער זייער ביז איצטיקע אויטאָנאָמיע, אָבער גלייכצייטיק זיי געבן פּאָליטישע רעכט ווי פראַנצויזישע בירגער. דאָס רוב פון פּאַרלאַמענט איז אָבער געבליבן געטריי די צענטראַליסטיש־אַסימילאַטאָרישע טראַדיציעס און האָט דעם דערמאָנטן געזעץ־פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן. ס'איז אָבער ניטאָ קיין שום ספק, אַז פריער אָדער

שפּעטער וואָלט פראַנקרייך געמוזט, היות ווי די מוסולמענער ווייזן ניט אַרויס קיין מינדסטע נטיה צו קאַפּיטולירן, זיך אָפּזאָגן פונעם פּרינציפּ פון גלייכע רעכט און אָנערקענען אַ ספּעציעלן סטאַטוס פאַר די מוסולמענער. אַצינד וועט אינטערעסאַנט זיין צו פאַרגלייכן די אויפפירונג פון יידן מיט דער האַלטונג פון די מוסולמענער.

בעת נאָך דער מפּלה, וואָס פראַנקרייך האָט געליטן אין דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה, איז אין 1870 פּראָקלאַמירט געוואָרן די דריטע רעפּובליק און אַדאָלף קרעמיע איז געוואָרן יוסטיץ־מיניסטער אין דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, האָט ער דורכגעפירט דעם דע־קרעט וועגן גלאָבאַלער נאַטוראַליזאַציע פון די אַלזשירער יידן. מיט דעם דאָזיקן דעקרעט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען פאַרבונדן דער אָפּזאָג פון אַלע ספּעציעלע רעכט, וואָס דער יידישער קהל האָט ביז איצט געהאַט און בפרט פון יידישער יוריסדיקציע. צי האָט קרעמיע און די „אַליאַנס איזראַעליט", וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, געפרעגט אַ דעה ביי די אַלזשירער יידן גופא, און אויב יאָ — ביי וועמען, קען איך דאָ איצט ניט פעסטשטעלן. מסתמא איז שוין דעמאָלט אין אַלזשיר געווען אַ געוויסע צאָל „אויפגעקלערטע" יידישע סוחרים און אַדוואָקאַטן, מיט וועמען מען האָט זיך מישב געווען און וואָס זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען איבערגליקלעך צו געניסן דעם כבוד פון פראַנצויזישער בירגערשאַפט. איך גלויב אָבער ניט, אַז די פירער פון די יידישע קהילות, רבנים און עולמישע מענטשן און בפרט די יידישע מאַסן, וואָס האָבן געפירט אַ שטרענג־טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער, וואָלטן, ווען מען וואָלט ביי זיי געפרעגט, אַזוי נאָכגעלאָפן נאָך פראַנצויזישער בירגערשאַפט און באַצאָלט פאַרן דאָזיקן כבוד מיט דעם פּרייז, וואָס מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט.

נאָר פראַנצויזישע בירגערשאַפט פאַר אַלזשירער יידן איז געווען ניט אַזוי בויטיק פאַר זיי גופא, ווי פאַר די יידן פון דער מעטראָפּאָליע. היות ווי אַלזשיר איז געוואָרן אַ טייל פון דער מעטראָפּאָליטאַנער טעריטאָריע, האָבן זיי משמעות מורא געהאַט, אַז דער פאַקט, וואָס אַלזשירער יידן זיינען ניט אָנערקענט ווי בירגער, קען, די שעה זאָל ניט זיין, נאָך אַמאָל זיך אָפּרופן אויף זייער אייגענער „בירגערלעכער פּאָזיציע" און זי אַוועק־שטעלן אונטער אַ פראַגעצייכן. דאָס אַסימילירטע פראַנצויזישע יידנטום האָט ניט געקענט צולאָזן, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אין דער רעפּובליק יידן אָן בירגעררעכט. אָט דאָס איז געווען דער באַוועג־מאָטיוו פון דעם קרע־מיע־דעקרעט.

אָבער דאָס, וואָס די „אַליאַנס איזראַעליט" האָט דעמאָלט געוואָלט

פאַרמיידן, איז דאָך מקוים געוואָרן נאָך אַ צווייטער מפּלה פון פראַנקרייך אין 1940. די ווישי־רעגירונג האָט בטל געמאַכט דעם קרעמיע־דעקרעט און געמאַכט די אַלזשירער יידן פאַר אויס בירגער. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זי אויך די יידן פון דער מעטראָפּאָליע דערקלערט פאַר בירגער פון דער צווייטער מדרגה און ביי זיי אָפּגענומען ניט בלויז זייערע פּאָליטישע רעכט, נאָר אפילו אַ ריי ציווילע.

אַז אַלזשיר איז באַפרייט געוואָרן דורך די אַליאירטע אַרמייען און דער גענעראַל זשיראָ האָט צוריקגעגעבן די יידן זייערע ציווילע רעכט, אָבער ניט אויפגעשטעלט צוריק דעם קרעמיע־דעקרעט, זיינען יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע באַשטאַנען דערויף, אַז דער דאָזיקער דעקרעט זאָל ווידער אויפגעריכט ווערן. קיין שום רעאַלער אינטערעס פון די אַלזשירער יידן שטייט ניט הינטער דער דאָזיקער פאָדערונג. דער חילוק צווישן יידן, וואָס זיינען פראַנצויזישע בירגער (סיטואיען), און די מוסולמענער אונטערטאַנען (סיוזשע) איז קאָנקרעט באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס יידן קענען שטימען צוזאַמען מיט די פראַנצויזן ביי וואַלן אין די אָרגאַנען פון דער לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פאַרלאַמענט, בעת די מוסולמענער קענען זיך גאָר ניט באַטייליקן ביי די פאַרלאַמענט־וואַלן, אָבער זיי האָבן אַ פאַרטרעטונג אין די מוניציפּאַליטעטן און אין דער פּראָווינץ־פאַרוואַלטונג, אמת, ניט אַלס יחידים, נאָר ווי אַ קאָלעקטיוו, וואָרעם זיי קלייבן זייערע פאַרטרעטער אין אַ באַזונדער וואַל־קוריע. הגם פאַרמעל איז די מוסולמענישע פאַרטרעטונג אַ באַגרענעצטע, וואָרעם זייענדיק אַ מערהייט אין לאַנד האָבן זיי דאָרט אַ מינדערהייט־פאַרשטייערשאַפט, האָבן זיי אָבער זייערע אייגענע שליחי־ציבור, וואָס זייער עובדה איז צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער מוסולמענישער באַפעלקערונג און זיי טוען עס אגב מיט גרויס דערפאָלג, בעת יידן, ווי יידן, זיינען בכלל ניט פאַרטראָטן, וואָרעם די פּאָר אויסגעקליבענע יידן ווערן באַטראַכט נאָר ווי יחידים, ווי פראַנצויזן.

אָט אַזוי זעט אויס די פּאָקטישע לאַגע. פרעגט זיך, צי וואָלטן יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס ניט געדאַרפט אַ קלער טאָן, צי איז ניט אַ סברא, אַז אַנשטאָט ווידער איינצופירן דעם קרעמיע־געזעץ, זאָל מען אויפריכטן די יידישע אויטאָנאָמיע, ווי זי האָט עקסיסטירט פאַרן דעקרעט, אויסגעבעסערט און צוגעפּאַסט צו אונדזערע היינטיקע השגות און באַדערפענישן. מיר האָבן שוין געזען, אַז קיין שום רעאַלע יידישע אינטערעסן זיינען מיט דער אויפריכטונג פון דעם דעקרעט ניט פאַרבונדן. די באַציאונגען מיט די מוסולמענער אָבער זיינען צוליב אים שטאַרק קאַליע גע־

ווארן. ווארעם די מוסולמענער האבן אין דעם, וואס יידן האבן אנגענומען די פראנצויזישע בירגערשאפט געזען אן אקט פון ניט לאיאלקייט בנוגע זיי, זייערע הונדערט־יאריקע שכנים. ס'וואלט אויך כדאי געווען א קלער צו טאן וועגן דער צוקונפט. דאס לאנד איז מוסולמעניש. די באפעלקע־רונג וועט דארט בלייבן אייביק, בעת די פראנצויזן זיינען היינט דא און מארגן קענען זיי אוועקגיין. מען וואלט אפשר נאך געקענט געפינען, ווען מען זאל בכלל זיך וועלן פארקלערן, א געמיינזאמע פלאטפארמע פאר יידן און מוסולמענער: פאליטישע רעכט אין א ספעציעלער פארם, מיט באזונדערע וואל־קוריעס פאר יידן, מוסולמענער און פראנצויזן־קריסטן הן פאר דער לאקאלער זעלבסטפארוואלטונג, הן פארן פארלאמענט, און דערביי ניט אנ־רירן די אויטאנאמע רעכט פון ביידע עדהס*. גאר וויכטיק זיינען דא ניט די פרטים. וויכטיק איז, אז דא האבן יידישע ארגאניזאציעס געהאט פאר זיך אן ערנסטע פראבלעם פארן קיום און פאר דער צוקונפט פון א באַ־דייטיקן יידישן ישוב. און ס'איז אפילו ניט צו זען, אז די דאזיקע פראַ־בלעם האט פאר זיי עקסיסטירט, אז זיי האבן זיך וועגן איר פארטראכט. ווארעם באמת, וואס איז שייך קלערן און טראכטן, אז אויף דער קארט שטייט די נשמה גופא פון דער יידישער פאליטיק, איר קדשי קדשים — גלייכבארעכטיקונג ווי א צוועק פאר זיך, ווי דער העכסטער געבאט.

---

* ווען דאס בוך איז שוין געווען אין דרוק, האט דער פראנצויזישער קאמיטעט פאר נאציאנאלער באפרייאונג בראש מיטן גענעראל דע גאל ארויסגעגעבן א דעקרעט, וואס באַרעכטיקט פולקום די דא ארויסגעזאגטע היפאטעזע. לויט דעם דעקרעט וועט א גרויסע צאל מוסולמענער, צענדליקער טויזנטער, בפרט די, וואס קענען לייענען און שרייבן פראנצויזישע אותיות, אויטאמאטיש באקומען די פראנצויזישע בירגער־שאפט און דערביי ניט פארלירן זייער באזונדערן מוסולמענישן סטאטוס. עס ווערט אויך פאראויסגעזען די ווייטערדיקע פארברייטערונג פונעם דאזיקן דעקרעט אויף א גרע־סערער מאסע מאכמעדאנער. וועגן יידן איז זעלבסטפארשטענדלעך קיין רייד ניט, וויל יידן האבן די פאדערונג פון אן אויטאנאמען לעבן ניט פארמולירט.

קאַפּיטל צוואַנציק

רעכט פאַרן יחיד און פאַרן כלל

אויב גלייכבאַרעכטיקונג איז די מאָס און די וואָג פון דער איצטיקער יידישער פּאָליטיק, איז דער יחיד — איר אויסגאַנג־פּונקט. רעכט זיינען נויטיק פאַרן וואוילזיין פונעם איינצלנעם יידן. און קומט עס צו אַ קאָנ־פליקט צווישן זיין וואוילשטאַנד און די אינטערעסן פונעם יידישן כלל, געהערט אים תמיד די בכורה.

די דאָזיקע טענדענץ צו געבן דעם יחיד דאָס פאָררעכט איבער דעם כלל איז צום טייל געווען דער אויסדרוק אין דער יידישער סביבה פונעם „גייסט פון דער צייט", פונעם אינדיווידואַליזם, וואָס האָט געהערשט אין אייראָפּע זינט דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. נאָר אויב ביי די אומות העולם האָט די פרייהייט פון דעם יחיד קיינמאָל ניט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן אין אַ פולער מאָס, ווייל די דאָזיקע פעלקער זיינען אָרגאַניזירט און דער כלל האָט אין זיין רשות די מלוכה אויף איינצואַמען דעם יחיד און אים האַלטן אין געוויסע גרענעצן, האָבן מיר, מיטן אָנהויב פון דער ליבעראַליסטישער עפּאָכע, פאַרלאָרן אַלע רעשטלעך פון אַ צוואַנג־אָרגאַניזאַציע. די אַנאַרכיע איז געוואָרן דער אידעאַל פון דעם יידישן לעבן. וואָרעם נאָר די דאָזיקע אַנאַרכיע האָט געגעבן דעם יחיד די מעגלעכקייט זיך אָפּצורייסן פון דעם כלל און זיך לאָזן שווימען אין דער ברייטער וועלט אַריין, זיך דאָרט דורכשטופּן מיט זיינע אייגענע עלנבויגנס און אויף אייגענער אחריות.

די רעכט, וואָס די עמאַנסיפּאַציע האָט אונדז געבראַכט, זיינען דער־ריבער, לויט זייער אָביעקטיוון זינען, געווען דאָס רעכט זיך אויסצוטאָן פון דעם יאָך פון יידישקייט. און דער גרעסטער פּאַראַדאָקס פון אונדזער מאָדערנער געשיכטע ליגט אין דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן די פּרעטענזיע צו זיין יידישע כלל־אָרגאַניזאַציעס, האָבן באַטראַכט ווי איינע פון זייערע עיקר־פונקציעס צו העלפן דעם יחיד צו אַנטלויפן וואו די אויגן טראָגן און אים געבן הן די מאָראַלישע סאַנקציע פאַר אָפּטריניקייט, הן די נויטיקע מיטלען דעם אַקט פון בגידה צו באַגיין.

גייט און גיט אויף טשיקאַוועס אַ קוק, מיט וואָס פּאַר אַ ברען יידישע אָרגאַניזאַציעס, בתוכם אויך יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ נאַציאָנאַלע עטי־קעטקע, האָבן פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון יידישע קינדער צו גיין אין פרעמדע, קריסטלעכע שולן. איטלעכע פרעמדע שול, מיטן אויסנאַם אפשר פון סאָוועט־רוסלאַנד, איז אין איר עצם אַ קריסטלעכע, אפילו דאָרט, וואו רעליגיע איז פאַרמעל אָפּגעטיילט פון דער שול. דאַרף מען עס נאָך באַווייזן? מען האָט וועלטן איינגעליגט און כמעט געבראַכט צו אַן אָפענער שפּאַל־טונג צווישן יידן גופא, כדי צו דערלאַנגען, אַז אין ווערסאַליער טראַקטאַט זאָלן פאַרשריבן ווערן די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט פאַר יידן. און אויסגעלאָזט האָט זיך דאָס דערמיט, אַז שוין תיכף נאָך דער מלחמה האָבן אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, הן די, וואָס זיינען געווען פאַר נאַציאָ־נאַלע מינדערהייט־רעכט, און הן די, פאַרשטייט זיך, וואָס זיינען געווען קעגן, ווידער וועלטן איינגעלייגט, כדי יידן זאָלן האָבן דאָס רעכט זיך ניט צו באַנוצן מיט זייער שפּראַך, ניט צו גיין אין יידישע שולן, נאָר דווקא צו לערנען זיך אויף פרעמדע לשונות און אין פרעמדע שולן. איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען די פּילצאָליקע פּעטיציעס און מעמאָראַנדומס (איטלעכע אָרגאַניזאַציע, פאַרשטייט זיך, — איר מעמאָראַנדום, הגם זיי האָבן אַלע געזאָגט דאָס אייגענע, נאָר מיט אַנדערע ווערטער), מיט וועלכע מען האָט באָמבאַרדירט דעם פעלקער־בונד, בעת אונגאַרן האָט איינגעפירט אַ נו־מערוס קלאַוזוס אין אירע הויכשולן און ווען פּוילן האָט געטאָן דאָס איי־גענע, כאָטש ניט אויף אַ פאָרמעלן אופן. און איך געדענק עפּעס ניט, מען זאָל האָבן דערלאַנגט ספּעציעלע מעמאָראַנדומס און פּעטיציעס קעגן דעם, וואָס די רעגירונגען, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען, לויט די מינדערהייט־טראַקטאַטן אויסצוהאַלטן יידישע שולן, האָבן זיך דערנאָך פון דער דאָזיקער הבטחה אָפּגעזאָגט. קען זיין, אַז דרך אגב איז אפשר יאָ אַמאָל געווען די רייד דערפון, אָבער קיין אָרגאַניזירטע קאַמפּאַניע איז בכל אופן קעגן דעם ניט געפירט געוואָרן, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין אַלע פאַלן, ווען רעגירונגען האָבן געוואָלט באַגרענעצן די יידישע רעכט אויף „בילדונג". קעגן יידישע „בענק" אין די פּוילישע אוניווערסיטעטן האָט מען אויפגעהויבן אַ שטורעם איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז אָבער, דוכט זיך, קיינעם ניט איינגעפאַלן צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פּראָטעסט־קאַמפּאַניע אין אַ פּאָזיטיווער פאָדערונג פון אַ יידישער הויכשול. פרעגט זיך, וואָס זאָל די וועלט האַלטן פאַר מער ערנסט, צי אונדזערע ווערבאַלע פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע רעכט, צי אונדזער רעאַלע יאָגעניש נאָך אַ פרעמד לעבן? און עס פרעגט זיך נאָך, צו וואָס דער טומל און די הי־

ציקע מחלוקת צווישן נאַציאָנאַליסטן און אַסימילאַטאָרן, צו וואָס די טרחה פון די פאַרשיידענע יידישע פאַרש־אינסטיטוטן מכוח יידישע פאָדערונגען נאָך דער מלחמה, אַז אין תוך האָבן מיר אַלע נאָר איין איינציקע פאָדערונג אין גלות: מען זאָל דעם יידן איבערלאָזן פולע פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון נאַציאָנאַלער יידישער דיסציפּלין און אַוועקוואַרפן דעם שווערן באַלאַסט פון דער יידישער ירושה.

די וועלט, בכל אופן די בעסערע וועלט, האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז אומבאַגרענעצטע אינדיווידועלע פרייהייט מיינט הפקרות, מיינט די שליטה פון דעם שטאַרקן איבער דעם שוואַכן. געווען צייטן, ווען מען האָט געזען אין דער אַרבעטער־געווערקשאַפט אַ סתירה צו ליבעראַליזם און צו דער פרייהייט פון דעם יחיד. סטייטש, מען וויל דעם אַרבעטער שטערן צו פאַרקויפן זיינע הענט דאָרט, וואו ער וויל, און פאַר דעם פרייז, וואָס מען באַט אים אָן און וואָס ער נעמט אָן מיט זיין „פרייען" ווילן. ווי לאַנג איז עס, אַז אפילו אין ענגלאַנד האָט מען פאַרגעשלאָגן צו דערקלערן די „טרייד־יוניאָס" ווי ניט געזעצלעך, ווי אַ מניעה פאַר דער אינדיווידועלער פרייהייט פון די בירגער. איצט וועט איר אַזוינע פאַרטיידיקער פון „פריי־הייט" מיט אַ ליכט בייטאָג מער ניט אויפזוכן. נאָר היינט־וועלטיקע יידן און נאָר בנוגע יידישע ענינים זיינען געבליבן געטריי דער ליבעראַליס־טישער פּראַזעאָלאָגיע און זיי האַלטן נאָך אַלץ, אַז מען דאַרף קעמפן פאַר רעכט לשם רעכט, פאַר פרייהייט לשם פרייהייט, אפילו אויב זיי ווערן בפירוש באַנוצט פאַר אַנטי־סאָציאַלע, אַנטי־נאַציאָנאַלע צוועקן. יידישע אָר־גאַניזאַציעס זיינען אָבער באמת ניט בלויז ניט מחויב, נאָר זיי טאָרן ניט פירן קיין קאַמף פאַר רעכט גלאַט איז דער וועלט אַריין, זיך ניט פאַנאַנ־דערקלייבנדיק אינעם רעאַלן תוך פון די דאָזיקע רעכט. פון אַן אַלגעמיי־נעם ליבעראַלן שטאַנדפּונקט קען מען ניט פאַרבאָטן דעם יידן, למשל, זיך צו שמדן. קען אָבער אַ יידישע אָרגאַניזאַציע קעמפן פאַרן דאָזיקן רעכט דאָרט, וואו עס איז באַגרענעצט? און אַזוינע באַגרענעצונגען זיינען לעצטנס דאָך איינגעפירט געוואָרן אין אַ רייע לענדער.

צו זייער גליק זיינען אָבער יידישע פירער ניט אַזוי לאָגיש אויסגע־האַלטן און ביז איצט האָבן זיי דאָס רעכט אויף שמד ניט פאַרטיידיקט. אָבער פאַרן רעכט „אַ ביסל" זיך אונטערצושמדן האָבן זיי בפירוש זיך איינגעשטעלט. נאַצי־דייטשלאַנד האָט פאַר און נאָך די נירנבערגער־גע־זעצן אַרויסגעלאָזט אַ ריי אַנטי־יידישע דעקרעטן און תקנות, צווישן זיי אַזוינע, וואָס האָבן צוגענומען ביי יידן ממש זייער ביסן ברויט פון מויל. געווען אַ געזעץ, וואָס האָט צעשטערט יידישע קהילות, זיי דערקלערט פאַר

פריוואַטע חברות, בעת זיי זיינען פריער געווען אָנערקענט פאַר אינסטיטו־ציעס פון עפנטלעכן רעכט. און אַז מען האָט קעגן די לעצטע פאַראָרדענונגען אין אויסלאַנד ניט געמאַכט קיין איין פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, ווייסט איר אַקוראַט ווי איך. ווען ליגן אין קאָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי יידיש־קייט, יידישע קהילות וכדומה? וואָס פאַר אַ באַדייט האָט עס אין פאַר־גלייך מיטן צונעמען, לאָמיר זאָגן, ביי יידן דאָס רעכט צו זיין מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן אאַז״וו. קעגן די עקאָנאָמישע באַגרענעצונגען האָט מען דווקא יאָ פּראָטעסטירט, אָבער קיין איין געזעץ האָט ניט אַרויסגערופן אַזאַ אויפ־ברויז און ניט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, ווי די נירנבערגער געזעצן, וואָס זיינען געוואָרן דער שם־דבר, דער סימבאָל פון יידישער רעכטלאָזיקייט. ווייל מען זאָגן אַנטי־יידישע געזעצגעבונג, זאָגט מען — נירנבערגער גע־זעצן. ניט אַלע יידן ווייסן מסתמא אַקוראַט, וואָס עס שטייט אין די דאָ־זיקע געזעצן. אָבער די שרייער און די שרייבער האָבן עס גראָד וואויל געוואוסט. איז עס אפשר כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע געזעצן „צום שוץ פון דייטשישן בלוט און ראַסע" זיינען געווענדט אויף דעם, כדי צו פאַרמיידן געמישטע חתונות און בכלל סעקסועלן פאַרקער צווישן יידן און קריסטן. מיט אַנדערע ווערטער, זיי פאַרבאָטן דאָס, וואָס דער יידישער דת האָט שוין לאַנג געאסרט. און דעם דאָזיקן לאו היטן דער־ווייל נאָך אַפּ אפילו ניט פרומע יידן, בכל אופן די מערהייט. עס איז איטלעכן קלאָר, אַז קיין זאַך קען ניט איבעררייסן דעם המשך פון יידישן לעבן, פון יידישער אַנטוויקלונג, ווי דער אונטערגאַנג פון דער יידישער משפחה. און פונדעסטוועגן שטעלן זיך יידישע פירער איין און קעמפן ממש ווי די לייבן דערפאַר, אַז אויב ניט די טאַטעס, טאָ זאָלן כאָטש יידי־שע קינדער קענען גיין אין שמד אַריין.

ווען עס נאָך אָט דעם אַלעמען זיין אַ גוזמא צו זאָגן, אַז מיר האָבן יידישע נאַציאָנאַלע פירמעס, אָבער מיר האָבן ניט קיין יידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. אויפן שילד שטייט מיט גרויסע, גלאַנצנדיקע אותיות „כשר", אינעווייניק האַנדלט מען אָבער געשמאַק אונטער מיט טריפס.

ווען איך שטעל דעם טראָפּ אויף יידישע כלל־אינטערעסן, מיינט עס, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז אַ יידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק דאַרף ניט זאָרגן פאַרן איינצלנעם יידן. ניטאָ קיין קיום האומה אָן יידן. קודם כל דאַרפן מיר זאָרגן פאַר יידישער פרנסה און פאַרלאַנגען די רעכט, וואָס זאָלן זיכערן דעם יידן זיין אויסקום. זיינען מיר איינוואוינער פון אַ לאַנד, בפרט אַז מיר לעבן דאָרט פון דורות, צאָלן מיר שטייערן און דערפילן בכלל לאָיאַל אונדזערע בירגערלעכע התחייבותן, האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַר־

לאַנגען קודם כל ציווילע רעכט, וואָס אפילו אויסלענדער געניסן. למשל, גלייכקייט פאַרן געזעץ און דעם שוץ פון די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס האָבן די השגחה, אַז דער געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. מיט איין וואָרט, אונדזער לעבן, אונדזער האָב און גוטס, טאָרן ניט זיין קיין הפקר. מיר האָבן אויך דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז דאָרט, וואו עס זיינען פאַראַן ציווילע באַ־גרענעצונגען פאַר אויסלענדער בנוגע פאַרמעגן, רעכט אויף אַרבעט וכדומה, זאָלן זיי אויף אונדז ניט חל זיין, און אַז אין אַט דער באַציאונג זאָלן מיר געניסן די רעכט פון בירגער פון לאַנד.

צו דער אייגענער קאַטעגאָריע געהערן אין תוך אויך די רעכט־גאַ־ראַנטיעס, וואָס דאַרפן געגעבן ווערן דעם יידישן יחיד אין זיין אייגנשאַפט ווי אַ גליד פון דעם יידישן פאָלק. הגם מען רופט געוויינלעך די דאָזיקע רעכט נאַציאָנאַלע, זיינען זיי אָבער באמת אינדיווידועלע. די דאָזיקע רעכט־נאָרמעס דאַרפן זיכערן דעם יידן, ער זאָל קענען פריי אָפּהיטן דעם יידישן דת און פירן זיין לעבנסשטייגער. זיי נעמען אַרום פולע פרייהייט פון רע־ליגיע און רעאַלע מעגלעכקייטן צו היטן יידישע שבתים און ימים־טובים, זיך צו באַנוצן הן אין פּריוואַטן און הן אין עפנטלעכן לעבן מיט זיין שפּראַך און אַזוי ווייטער.

צו די קאָלעקטיווע רעכט, ד"ה נאַציאָנאַלע אין דעם אייגנטלעכן זי־נען פון וואָרט, געהערט קודם כל דאָס רעכט פון קהל אויטאָנאָם צו פאַר־וואַלטן מיט זיינע אייגענע קולטורעלע, ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע ענינים און אויפשטעלן אויף דעם דאָזיקן געביט נאָרמעס, וואָס זאָלן האָבן אַ צוואַנגס־כאַראַקטער פאַרן יידישן יחיד. איינער פון די וויכטיקסטע עלע־מענטן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע רעכט איז דער יידישער רעכט־שפּרוך (יוריסדיקציע), אין הסכם מיטן יידישן רעכט־באַוואוסטזיין, מיטן יידישן דין און יידישע מינהגים, אין אַלע אינטערעסן־סכסוכים (דיני ממנות) צווישן יידן און אין די קאָנפליקטן צווישן יחיד מיטן כלל און מיט די יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין קאָמ־פּעטענץ פון יידישן בית־דין זאָל אויך געהערן דער משפּט איבער געוויסע, פון לאַנד־געזעץ דעפינירטע, עבירות בין אדם לחברו, אויב ביידע פאַר־טייען זיינען יידן. אין אַן אַנדער אָרט וועלן מיר נאָך באַטראַכטן דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון דער יידישער אויטאָנאָמיע און אירע באַציאונגען מיט די געזעצן פון לאַנד און מיט די מלוכה־אָרגאַנען, געזעצגעבונג און פאַרוואַלטונג. דערווייל איז גענוג געווען אָנצומערקן די גרונט־ליניעס פון דער דאָזיקער אויטאָנאָמיע.

די פּאָליטישע רעכט פאַר יידן מוזן אין הסכם מיט אונדזער אייגענער

פּאָזיציע און מיט אונדזער לאַגע צווישן די פעלקער טראָגן אַ ספּעציפישן, און אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצטן, כאַראַקטער. דער יידישער כלל האָט ניט קיין שום אינטערעס, אַז איינצלנע יידן, ניט אָרגאַניזירטע און ניט פאַרבונדענע צווישן זיך, אָדער אפילו באַזונדערע יידישע גרופּעס, וואָס פאַרטרעטן נאָר טיילן פון פאָלק און נאָר טייל־אינטערעסן און ניט דעם קאָלעקטיוו אין זיין גאַנצקייט און זיינע כלל־אינטערעסן, זאָלן קענען אויף זייער אחריות נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. אדרבא, דער יידישער כלל איז בלוטיק פאַראינטערעסירט, אַז די דאָזיקע אַנאַרכיע זאָל אויפהערן, אַז די גרענעצן צווישן יידן יחידים אָדער גרופּעס און דעם יידישן כלל זאָלן קלאָר אָנגעצייכנט ווערן און זיין דייטלעך פאַר יעדן אויג. דער יידישער קאָלעקטיוו האָט אַ לעבנס־אינטערעס ניט צו דאַרפן טראָגן די אחריות פאַר פּאָליטישער אַקטיווקייט, וואָס ווערט גע־פירט אָן זיין מאַנדאַט, און ער דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען, אַזאַ מין אַק־טיווקייט ניט מעגלעך צו מאַכן. אָבער אַזאַ אָפּגרענעצונג פון די רשויות איז רעאַליזירבאַר נאָר, ווען יידן וועלן זיך באַטייליקן אין פּאָליטישע וואַלן, צי פאַר די אָרגאַנען פון לאָקאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, צי פאַרן מלוכה־פּאַרלאַמענט, ווי אַ באַזונדער קאָלעקטיוו. דאָס מיינט קאָנקרעט, אַז יידן זאָלן וויילן אין אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער קוריע, וואָס קריגט די צאָל מאַנדאַטן, וואָס קומט אויס אויף זייער חלק, לויט זייער פּראָפּאָרץ צווישן דער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, פּראָווינץ, מדינה. דאָס מיינט אָבער גלייכצייטיק, אַז דער ציל פון דער יידישער באַטייליקונג אין די פּאָליטישע אָרגאַנען דאַרף קודם כל זיין — דער שוץ פון יידישע אינטערעסן דורך אַן אייגענער פאַרשטייערשאַפט. אין וואָס פאַר אַ מאָס און אויף וואָס פאַר אַ אופן וועט די דאָזיקע פאַרשטייערשאַפט ווי אַ גאַנצע, ד״ה לויט החלטות פון איר מערהייט, נעמען אַן אָנטייל אין אַלגעמיינע ענינים, וואָס רירן אָן די גאַנצע טעריטאָריע אָדער מדינה, איז אַן ענין, וואָס לאָזט זיך ניט טעאָרעטיש און אין פאָראויס באַשטימען. דאָס הענגט אָפּ פון צייט־ און אָרט־באַדינגונגען. מען דאַרף רעכענען, אַז אָפט וועט די יידישע פאַרטרע־טערשאַפט דורך זעלבסט־דיסציפּלין זיך אָנבינדן געוויסע באַשרענקונגען און אַליין זיך אָפּזאָגן פון זאָגן אַ דעה אין געוויסע מלוכה־ענינים. למשל, אין אַזוינע, וואָס זיינען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט דער רעליגיע פון דער מערהייט פון פאָלק. אויך דאָרט, וואו די רעליגיע איז אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, קען אומדירעקט אַזאַ פאַרבינדונג עקסיסטירן, ווי דהיינו אין דער פראַגע פון באַציאונגען מיט דעם וואַטיקאַן. אַ יידישע פאַרשטיי־ערשאַפט וועט אויך מוזן זיין צוריקגעהאַלטן אין פראַגן, וואו עס שטייען

אין קאָן וויכטיקסטע לעבנס־ענינים, ווי מלחמה און שלום, אַרום וועלכע עס קומט פאַר אַ שאַרפער, פאַרביסענער קאַמף צווישן די לאַנד־פאַרטייען און וואו די אחריות פאַר דער צוקונפט פון לאַנד איז באַזונדערס גרויס. די דאָזיקע פאַלן וועלן דאָ געבראַכט נאָר ווי אַן אילוסטראַציע, עס האַנדלט זיך דאָ כלל ניט אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר יידישע פאַרטרעטונגען אין די פּאַרלאַמענטן. וואָס איך וויל דאָ בעיקר אַרויסברענגען איז נאָר איינס: יידישע פּאָליטישע רעכט דאַרפן מער ניט בלייבן רעכט פון יחידים, וואָס באַנוצן זיך מיט זייער לויט זייער וואויל־געפעלן, נאָר דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין רעכט פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן כלל. די יידישע פאַרשטייער־שאַפט טרעט אַרויס קודם כל צו פאַרטרעטן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק און בייצושטייערן, אין די גרענעצן פון זיינע מעגלעכ־קייטן און אין אַ באַשיידענער און פאַרזיכטיקער מאָס, ווי עס דערלאָזן די באַדינגונגען פון צייט און אָרט, צום אַלגעמיינעם וואויל פון די איבעריקע פעלקער פון לאַנד און פון דער גאַנצער מדינה.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

רעכט און פּרנסה

ס'איז געווען ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז יידישע פּאָליטיק, וואָס איז אויפגעקומען אין אַ ליבעראַליסטישער עפּאָכע און אויסגעוואַקסן אויפן שויס פון ליבעראַליסטיש־אינדיווידואַליסטישע תורהס, האָט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף ריין פּאָליטישע פּראָבלעמען. די יידישע פראַגע אין גלות איז פאַר איר געווען דער עיקר, אויב ניט איינ־גאַנצן אַ פּראָבלעם פון רעכט, פון קאָנסטיטוציאָנעלע נאָרמעס. צו דעם אייגענעם רעזולטאַט האָט אויך געמוזט פירן איר גרונט־קריטעריום פון אַבסטראַקטער גלייכבאַרעכטיקונג ווי אַן אידעאַל, ווי אַ ציל פאַר זיך, וואָס דערלאָזט ניט קיין שום באַגרענעצונגען און באַשרענקונגען צוליב צוועק־מעסיקייט־ און נוצלעכקייט־מאָטיוון.

ליבעראַליזם ווי אַ תורה און גלייכבאַרעכטיקונג ווי אַן אָפּגאָט האָבן גורם געווען דערצו, אַז יידישע פּאָליטיקער האָבן ערב און בעת דער פּאַריזער שלום־קאָנפערענץ די יידישע ווירטשאַפט־פּראָבלעם אין גלות אַזוי ווי גאַרניט באַמערקט. בירגעררעכט און ברעקלעך פון אומקלאָרע און גראָד די ווייניקער וויכטיקע נאַציאָנאַלע רעכט, אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן אין די שלום־טראַקטאַטן, ווי אַ רעזולטאַט פון די שתדלנותן און אינטערווענצן פון יידישע פאָרשטייער. זיי האָבן נאָך געלעבט אין דער געדאַנקען־וועלט פון סוף 18טן ביז מיטן 19טן י"ה, ווען די מלוכה האָט געהאַט צו טאָן נאָר מיט פּאָליטישע ענינים און איבערגעלאָזט די ווירט־שאַפט דעם פרייען איינזען פון יחידים און זייער פרייער קאָנקורענץ. דע־מאָלט האָט מען נאָך געגלויבט, אַז די מלוכה דאַרף זיך גאָר אין די דאָזיקע ענינים ניט מישן, ווייל זיי וועלן שוין אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין, האַרמאָניש גערעגלט ווערן דורך „געזעץ פון נאָכפרעג און אָנבאָט". יידישע טוער האָבן אַזוי ווי גאַרניט באַמערקט, אַז אַ נייע צייט האָט זיך אָנגערוקט, אַז אין די לענדער פון אייראָפּע פליסט שוין לאַנג ניט מער „מילך און האָניק", אַז ענג ווערט אין דער וועלט, אַרבעטלאָזיקייט שטייגט און די דאגות פּרנסה פאַרנעמען דעם אויבן אָן. פּאָליטישע רעכט אַליין קענען דאָ קנאַפּ

וואָס העלפֿן. דער אויסגעשריי פֿונעם רוימישן פּעבל „ברויט און פֿאַר־ווײַלונג" איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם רוף פֿון די הײַנטיקע מאַסן „ברויט און רעכט". דער „פּאָליטישער מענטש" פֿונעם 19טן יאָרהונדערט טרעט אַלץ מער אָפּ זײַן אָרט דעם נײַעם מענטשן, דעם „האָמאָ עקאָ־נאָמיקוס". במילא איז געוואָרן נאַטירלעך, אַז הן די מלוכה און הן די געזעלשאַפֿט האָבן אָנגעהויבן זיך באַוועגן אין דער דאָזיקער נײַער ריכטונג, אין דער ריכטונג פֿון ווירטשאַפֿט — אַ באַוועגונג, וועלכע איז נאָך עד היום ניט פֿאַרענדיקט, אָבער וואָס איר אימפּעט שטײַגט אַלץ מער און זי וועט ניט קומען צו קיין שטילשטאַנד ביז איר ציל — די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע פֿון דער ווירטשאַפֿט — וועט ניט דערגרייכט ווערן.

די יידישע פּירער האָבן, ווי חוני המעגל פֿון דער אגדה, די דאָזיקע עוואָלוציע פֿאַרשלאָפֿן. באַקומענדיק פֿון די גרויסע מלוכות הבטחות פֿאַר יידישע רעכט, זײַנען זיי געוועזן זיכער, אַז זיי האָבן דאָ אָפּגעהאַלטן אַ געוואַלטיקן ניצחון און זיך גאָרניט אַרומגעזען, אַז זייערע טראָפֿעען זײַנען סך־הכּל שטיקלעך פּאַפּיר. אויסגעטשוכעט פֿון שלאָף האָט מען זיך באמת גאָר גיך. וואָרעם שוין תּיכּף נאָך דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס, וואָס די אַנטיסעמיטישע און האַלב־אַנטיסעמיטישע רעגירונגען פֿון מזרח־אייראָפּע, אויפֿן ערשטן אָרט פּוילן, זײַנען אויסן געווען, איז ניט אָפּצונעמען בײַ יידן זייערע פֿאָרמעלע רעכט. אדרבא, זאָלן זיי די יידן וואויל באַקומען. די באַטרעפֿנדיקע פּאַראַגראַפֿן קענען זיך רואיק בלײַבן שטיין אין די קאָנסטיטוציעס. זייער כּוונה איז געווען אַן אַנדערע: פֿאַר־שטאָפּן די קוואַלן פֿון יידישער פּרנסה. זיי האָבן גראָד פֿאַרשטאַנען, אַז פּרנסה איז דער עיקר, און דעריבער האָבן זיי אַלע זייערע פֿײַלן געצילט אינעם דאָזיקן עיקר. ענדערן די געזעצן האָט מען צוליב דעם גאָרניט געדאַרפֿט. עס איז גענוג געווען, למשל, אָנצושרײַפֿן די שטייער־שרויף אין אַ באַשטימטער ריכטונג, צוקוועטשן ווי עס באַדאַרף צו זײַן דעם מסחר, אַזוי אַז דעם יידן זאָל שוין במילא ווײ טאָן. אַ ייד קריגט ניט קיין קרעדיט ניט ווײַל ער איז אַ ייד, חס מלהזכּיר. נאָר אָט דער ייד און יענער ייד, און במילא כמעט אַלע יידן, דער אָדער יענער יידישער קרעדיט־קאָאָפּע־ראַטיוו אָדער באַנק, און ווידער אַמאָל במילא כמעט אַלע יידישע בענק, זײַנען ניט קיין בטוחים. קען מען על פּי יושר פֿאַרלאַנגען פֿון דער מלוכה, זי זאָל ריזיקירן דעם פֿאָלקס־גראָשן? אַ ייד ווערט ניט אַרײַנגענומען אין האַנט־ווערקער־צעך ניט ווײַל ער איז אַ ייד, חלילה וחס, נאָר ווײַל ער איז אַ פֿאַרטאַטש און קען ניט זײַן פֿאַך. מיר ווייסן אַלע צו גוט דעם דאָזיקן מעטאָד, וואָס איז מיט אַזאַ דערפֿאָלג אָנגעווענדט געוואָרן אין גאַנץ מזרח־

אייראָפּע. און יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען דאָ געשטאַנען פאַרלאָרן און הילפלאָז. ווייל אַנטקעגן אָט דעם שונא האָבן זיי קיין שום וואָפן ניט צוגע־גרייט. ניט געווען אַן וואָס זיך אַנצוכאַפּן און פאַר וועמען זיך צו קלאָגן. וואָרעם, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ סמיכות הפרשה האָבן קרעדיטן, שטייערן און צעכן מיט גלייכע רעכט און מיט מינדערהייט־רעכט?

און פּאַסירט האָט אייגנטלעך דאָס, וואָס האָט געמוזט פּאַסירן און וואָס האָט זיך שוין ניט איין מאָל איבערגעחזרט אין דער יידישער געשיכטע, אַזוי אַז מען קען זאָגן, אַז דאָס איז געוואָרן איר אימאַנענטער געזעץ. די מלחמה קעגן ייד קומט אין אַלע צייטן פאַר אויף דעם באָדן און אין דער ריכטונג, וואָס האָבן אַ באַזונדערע חשיבות אין דעם מאָמענט, וואָס זיינען דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס אין דער געגעבענער עפּאָכע. איז רעליגיע דער מיטלפּונקט פון מענטשנס דענקען און טאָן, ווערט דער קאַמף קעגן יידן געפירט אויפן רעליגיעזן יסוד. איז אין דעם אָדער יענעם לאַנד דער צענטער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף נאַציע אָדער ראַסע, האָט מען יידן דערקלערט מלחמה אין נאָמען פון „נאַציאָנאַלע הייליקייטן", פון „ראַסע און בלוט". אָט אַזוי דרייט זיך די ראָד. און דאַרף מען זי דרייען אויף צוריק, איז דאָס אויך ניט פון די שווערע מלאכות. אָט קענען מיר ניט באַגרייפן ווי אַזוי מענטשן קענען דערגיין, איצט בעת דער מלחמה, צו אַזאַ גרויזאַמקייט פּראָסט ניט צו געבן יידן קיין עסן, כאָטש אויף אונטערצוהאַלטן די נשמה, זיי צוצוטיילן וויניקער שפּייז־קאַרטן, צו פאַר־באָטן איינצוקויפן אין די געווינלעכע שעהן אויפן מאַרק אָדער אין קראָם, זיי איבערצולאָזן אַזוינע איינקויף־שעהן, ווען עס סטייעט מער ניט די קנאַפּע פּראָוויזיע, וואָס איז בכלל פאַראַן. און מיר מיינען, אַז דאָס איז אַ שפּאָגל־נייע דערפינדונג, אַן אָנרעגונג פון די נאַציס. לייענט איר אָבער די יידישע געשיכטע, זעט איר, אַז דאָס איז שוין אויך געווען. באמת, פאַר יידן איז טאַקע אין כל חדש תחת השמש. אָט האָט דער מאַגיסטראַט פון לינץ (עסטרייך) אין אָנהויב 17טן יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז קיין ייד טאָר זיך ניט באַווייזן אויפן מאַרק פאַר ניין אַזייגער אין דער פרי און זיי מעגן ערשט קומען נאָכדעם, ווי די קריסטן זיינען שוין פאַרזאָרגט מיט שפּייז. פאַרוואָס? ווייל געווען איז דעמאָלט אַ דחקות אויף עסנ־וואַרג, פּונקט אַזוי ווי היינט אין אייראָפּע. און אַקוראַט ווי דעמאָלט, נעמט מען היינט אָן די אייגענע מיטלען.

היינט זיינען ווירטשאַפט־פּראָבלעמען געוואָרן דער נערוו פון סאָציאַלן אינטערעס און לעבן. און נאָך דער מלחמה, נאָך די חורבות, וואָס זי וועט איבערלאָזן, מיט דער נויט, וואָס וועט וואַקסן, וועלן די דאָזיקע

פּראָבלעמען אין נאָך אַ גרעסערער מאָס פאַרשאַרפט ווערן. און אויב מיר גרייטן זיך שוין יאָ צו דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד, דאַרפן מיר קודם כל צוגרייטן אַן ענטפער און אַ פּראָגראַם פאַר יידישער ווירטשאַפט. און עס איז ממש אַ האַרצווייטיק זיך צוצוקוקן, ווי די יידישע פירערשאַפט שטייט נאָך אַלץ דאָרט, וואו זי איז געשטאַנען מיט 25, אָדער אויב איר ווילט, מיט 100 יאָר צוריק. אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט געשען. אַזוי ווי די וועלט וואָלט זיך ניט געהאַט פאַר דער צייט ראַדיקאַל געביטן, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געווען קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, קיין פאַשיסטישע רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד און איטאַליע, קיין ניו־דיל אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אַלץ דערשיינונגען, וואָס ניט געקוקט אויף זייער פאַרשיידנאַרטיקייט און אַפּט מאָל קעגנזעצלעכקייט, זיינען זיי אָבער אַלע אַ קלאָרער סימן פונעם באַנקראָט פון דער ליבעראַליסטיש־אינדיווידואַליסטי־שער עקאָנאָמיע און אַן אָנזאָג אויפן אויפקום פון אַ נייעם סאָציאַל־אָרגאַ־ניזירטן ווירטשאַפט־סדר.

מיר האַלטן נאָך אַלץ ביי דער פּרשה גלייכע רעכט און מינדערהייט־רעכט און אין אַזאַ פאָרם, וואָס מאַכט פון זיי ניט מער ווי ווערטער. אָבער די וועלט האַלט שוין העט־העט ווייט, ביי גאָר אַן אַנדער סדרה. און די דאָזיקע סדרה הייסט — חיונה. אין דער ליטעראַטור, וואָס די יידישע פאַרש־אינסטיטוטן, כן ירבו, וועגן יידישע נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען האָבן ביז איצט אַרויסגעגעבן, האָב איך ניט געפונען קיין רמז אויף אַ יידישער ווירטשאַפט־פּראָגראַם (קען זיין, אַז איך האָב ניט אַלץ געזען, און אויב איך האָב זיך טועה געווען, בעט איך אין פאָרויס מחילה). אַ יוצא מן הכלל איז א. מענעס, אַ ייד, וואָס פאַרשטייט גראָד צו טראַכטן און זיך צו פאַרטראַכטן, הגם ניט אַלע מאָל דערדענקט ער זיינע געדאַנקען ביזן סוף. אין זאַמלבוך „יידן נאָך דער מלחמה", אַרויסגעגעבן פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָט ער אָפּגעגעבן אַ גאַנצן אַרטיקל פאַר די „פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי". עס איז ניט וויכטיק, וואָס ער האָט מיט זיינע תשובות אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען אָפּט ניט גע־טראָפן. עס איז שוין אָבער אַ גרויס פאַרדינסט, וואָס ער האָט די פראַגן געשטעלט און תשובות געזוכט.

משמעות, אַז יידישע פירער קלערן זיך, אַז גלייכבאַרעכטיקונג איז שוין כולל אין זיך אויך גאַראַנטיעס פאַר דער יידישער ווירטשאַפט־טעטיקייט און במילא דאַרף מען עס ניט אָנרופן באַזונדער. נאָר צו טייטשט מען עס אויס בפירוש אָדער מען האַלט עס פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ענ־דערט עס ניט דעם תוך פון דער זאַך. וואָרעם ניט עס איז זעלבסטפאַר־

שטענדלעך, ניט דאָס אויסטייטשן וועט עפּעס העלפן. גלייכע עקאָנאָמישע רעכט (אָדער עקאָנאָמישע פולבארעכטיקונג, ווי דאָס וויל דר. מ. ווײַנרייך) מוז אָדער בלייבן אַ פּוסט וואָרט, וואָס מיינט גאָרניט פּראַקטיש, אָדער, אויב מען זאָל עס באמת פּרוּוון רעאַליזירן, וואָלט מען, ניט געקוקט אויף אַלע דעקלאַראַציעס און געזעץ־פּאַראַגראַפן, אַרויסגערופן אַזאַ ווידערשטאַנד, ווי דאָס איז שוין פאָרגעקומען ביז דער מלחמה און וועט אַ פּשיטא שוין זיך איבערחזרן מיט נאָך מער אימפּעט נאָך דער איצטיקער מלחמה, אַזאַ שטאַרקע אָפּאָזיציע, וואָס וועט צערייסן אויף שטיקלעך אַלע פּאַפּירענע גאַראַנטיעס און באַוואָרענישן. און באמת, וואָס מיינט גלייכע רעכט ביי ניט גלייכע עקאָנאָמישע שאַנסן, ביי ניט גלייכער פאַרטיילונג פון פּראָפעסיעס און קלאַסן צווישן יידן און ניט־יידן? אַזוי ווי די זאַך איז געשטאַנען פאַר דער מלחמה, מיינט גלייכע עקאָנאָמישע רעכט פאַר יידן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, מיט אַ גרויסער, אויב ניט מיט אַ מערהייט, פּוערים־באַפעלקערונג, מיט האַנדל און אינדוסטריע, וואָס געפינען זיך ערשט אין די וויקעלעך, אַ העכערע, פּריווילעגירטע פּאָזיציע פאַר יידן ווי אַ שטאָטישע באַפעלקערונג מיט אַן אָנזעעוודיקן סוחרישן און אינדוסטריעלן עלעמענט. נאַטירלעך באַטראַכט מען די גאַנצע מדינה אָדער טעריטאָריע ניט נאָר פאַר אַ ווירטשאַפטלעכער איינס, וואָס זי איז טאַקע באמת, נאָר אויך פאַר אַ ווירטשאַפטלעך־סאָלידאַרער איינהייט, קען מען די פראַגע פּרינציפּיעל ניט שטעלן, אַזוי ווי זי איז דאָ אַוועקגעשטעלט. וואָרעם וואָס איז טאַקע די נפקא מינה פאַרן גאַנצן לאַנד און זיין ווירטשאַפט, צי דאָס רוב סוחרים און פאַבריקאַנטן וועלן זיין די פיינגאָלדס און די ראָזנבלומס און דאָס רוב פּויערים די איוואַנס און די יאַנעקס. פאַר דער דאָזיקער טעאָריע עקסיסטירן אין דער ווירטשאַפט נאָר יחידים און קלאַסן, אָבער ניט קיין נאַציאָנאַלע גרופּעס. איז דאָס אַ טעאָריע ווי יעדע טעאָריע, וואָס קען זיין ריכטיק אָדער ניט, און מיר האָבן שוין געזען, אַז דערווייל לכל הפּחות איז זי נאָך ווייט פון צו זיין ריכטיק. די עיקר צרה אָבער איז, וואָס עס איז ניט גענוג, וואָס יידן, אפילו אַלע יידן, זאָלן מיט איר מסכים זיין. פאַר אַ שותפות דאַרף מען כידוע לכל הפּחות צוויי, און דער צווייטער צד, ווי ווייט מיר האָבן צו טאָן מיט לענדער, וואָס זייער ווירטשאַפט איז געבויט אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום, איז מיט דער דאָזיקער טעאָריע לחלוטין ניט מסכים און מיינט, אַז פאַר אים איז גראָד אַ גרויסע נפקא־מינה, ווער עס וועט האַלטן אין האַנט די בעסערע פּרנסות, אָט יענע, וואָס ברענגען מער אַריין דעם יחיד און וואָס מאַכן רייכער דעם כלל, צי אייגענע ברידער צי די פרעמדע יידן. וואָרעם טאַקע דערין זיינען זיי דאָך מיט אונדז מחולק,

וואָס זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף פרעמדע. און ניט נאָר די אַנטיסעמיטן, נאָר טאַקע די גאַנצע באַפעלקערונג מיטן אויסנאַם פון אַ קליינעם קרייז אידעאַליסטן און פאַרטיי־מענטשן פון געוויסע ריכטונגען. און אויך דאָס איז ניט געזיכערט פאַר אייביקע צייטן.

מיר האָבן שוין אויבן ציטירט די איינדרוקן פון וואַשינגטאָן, פון דעם באַוואוסטן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט קיפּלינגער און מיר האָבן געזען, אַז עס איז זיין אומפּאַרטייאישע איבערצייגונג, אַז די יידישע אינטערעסן גופא פאַרלאַנגען, אַז דער פּראָצענט יידן אין דער אַדמיניסטראַציע זאָל ניט זיין צו הויך. אין אייראָפּע, און איך בין זיך משער — אויך אין אַמעריקע, הערט איר גאָר אָפט די אייגענע מיינונג און דווקא ניט פון אַנטיסעמיטן, וואָרעם זיי ווילן דאָך אונדז בכלל ניט זען און ניט הערן, אַז יידן דאַרפן אין זייער אייגענעם אינטערעס „זיך ניט שטופּן צו הויך", „זיך ניט צופיל וואַרפן אין די אויגן". פּראָפעסאָר הערצלער, אין זיין שוין ציטירטן אַרטיקל, ווייזט אָן, אַז יידן וועלן דאַרפן אַליין מיט זייער גוטן ווילן, כדי ניט צו זיין דערצו געצוואונגען, זיך אָפּרוקן אין הינטערגרונט פון דערווירטשאַפט און זיך ניט רייסן צו גרויסע דערפאָלגן, וואָס שטעכן די אויגן, ניט בילדן קיין אַגלאָמעראַציעס אין באַשטימטע פּראָפעסיעס און באַשעפטיקונגען. און דאָ רעדט זיך, פאַרגעסט ניט, וועגן דער גרויסער רייכער אַמעריקע. הײנט וואָס זאָל מען שוין זאָגן וועגן די ווייניקער פאַרגעשריטענע און דער עיקר אַ סך, אַ סך אָרעמערע לענדער אין מזרח־אייראָפּע? זאָגט טאַקע פּראָפעסאָר דזשיימס פּאַרקס, אַן אויפריכטיקער פריינט פון יידן, אַז ער האַלט פאַר נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך, וואָס די פּוילישע רעגירונג נעמט אָן מיטלען, כדי די יידן זאָלן ניט איבערפילן די הויכשולן און די פרייע פּראָפעסיעס, און די דאָזיקע מיטלען צום שוץ פון פּוילישע אינטערעסן באַטראַכט ער ווי נויטווענדיקע און ניט ווי אומגערעכטע.

עס איז ביי אונדז אַן אַלטער מינהג צו פאַרשרייען פאַר אַנטיסעמיטן יענע קריסטן, וואָס זיינען ערלעך מיט אונדז, וואָס חנפענען אונדז ניט. און טוט עס אַ ייד, וואָס וויל ניט באַרואיקן דעם יידישן געוויסן מיט חלשות־טראָפּנס, איז — הימל עפן זיך. ווערט ער תיכף דערקלערט פאַר אַ שותף פון די שונאי ישראל, פאַר אַ רעאַקציאָנערן ציוניסט, וואָס פאַרקויפט „בלוטיקע יידישע אינטערעסן" פאַרן „חלום פון דעם הייליקן לאַנד". משמעות, אַז אמתע פרייהייט פון געדאַנק און וואָרט קענען אפילו מאַנכע יידישע ראַדיקאַלן ניט פאַרטראָגן און זיי, וואָס קעמפן מיט אַזאַ ברען קעגן צענזור בכלל, האָבן ביי אונדז איינגעפירט די שטרענגסטע צענזור איבער אמתן, וואָס יידן ברויכן צו וויסן ווי דאָס לעבן.

מיר מוזן זען די לאַגע אַזוי ווי זי איז און אַזוי ווי זי וועט נאָך לאַנג זיין. און כל זמן זי איז אַזאַ, וועט דאָס הויפּט־פּאָלק, בפרט אַ ווירט־שאַפטלעך־היגטערשטעליק, מיט אַלע כוחות זיך ראַנגלען קעגן דער רעאַ־ליזירונג פון אַזוינע עגאַליטאַרע רעכט־פאָרמולעס, וואָס וואָלטן אים געגעבן קלענערע רעאַלע שאַנסן פאַר ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, ווי דעם יידן. אַזאַ פאָלק וועט ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך קריסטאַליזירן אויף לאַנג אָדער גאָר אויף תמיד זיין מצב ווי אַן אַגראַר־פאָלק מיט אַ קלײנער האַנדלס־און אינדוסטריע־שיכט צוליב דעם, וואָס יידן האָבן צי צוליב געניטקייט אין מסחר און אינדוסטריע, צי צוליב גרעסערע פעאיקייטן אָדער צוליב קאַפּיטאַל, וואָס זיי באַזיצן, פאַרנומען פעסטע פּאָזיציעס אין די דאָזיקע ווירטשאַפט־צווייגן. עס וועט מוזן געפינען עצות, ווי אַזוי דעם יידן אַרויסצושטויסן פון די פאָדערשטע העכערע פּאָזיציעס און אַליין פאַרנעמען זיין אָרט. און וועט עס ניט געפינען קיין ציוויליזירטע מיטלען, וועט עס דורכרייסן אַלע מחיצות מיט אַ סטיכישער קראַפט. און וואָס מיינט די סטיכיע פון קריסטלעכן המון, ווען זי לאָזט זיך אויף אונדז, ווייסן מיר צו גוט, וואָרעם ניט איין מאָל האָבן מיר שוין פאַרזוכט דעם טעם דערפון.

מיר קענען אָבער האָפן, אַז עס וועט ניט קומען דערצו. און ניט אַזוי צוליבן ניצחון פון דעמאָקראַטיע, אויף וואָס יידן קוקן אַרויס, נאָר פשוט דערפאַר, ווייל די נייע צייט, די צייט פון ווירטשאַפטלעכן פּלאַן און פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט, גרייט שוין אַליין צו די רפואה, שמידט אַליין אויס דאָס געווער און דווקא לייטיש, „הומאַן", וואָס זיינען נויטיק, כדי דעם יידן צוריקצושטויסן אויף אַ נידעריקערן ווירט־שאַפטלעכן מעמד, אויב ניט אינגאַנצן אים אַרויסוואַרפן און פאַרהונגערן.

כל־זמן די ווירטשאַפט האָט זיך געפירט אינדיווידואַליסטיש, האָט דער ייד, הגם אָפט מיט געוויסע שוועריקייטן, געקענט זיך דורכשלאָגן אַהין אַ וועג. די לאַגע בייט זיך ראַדיקאַל אין דעם מאָמענט, ווען זי ווערט אָרגאַניזירט טיילוויז פון דער מלוכה, טיילוויז פון דער געזעלשאַפט גופא. וואָס איז דער פשט פון פּלאַן־ווירטשאַפט אין די לענדער, וואָס האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעזאָגט פון פּריוואַט־אייגנטום? דאָס קען נאָר מיינען צוויי זאַכן: נאַציאָנאַליזאַציע פון געוויסע אינדוסטריעס, לאָמיר זאָגן — די באַזיס־אינדוסטריעס, פון איין זייט, און אינטערווענץ, קאָנטראָל פון דער מלוכה איבער די פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, פון דער אַנדער זייט.

דאָס לעצטע קען בשום אופן ניט פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך אַ ריין אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט. פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע געשעפטן לאָזן זיך

ניט ביוראָקראַטיש אָנפירן און אפילו ניט קאָנטראָלירן דורך באַאַמטע. (אגב איז דאָס געווען איינער פון די פעלערן פון דעם אַמעריקאַנער ניו־דיל, בפרט פון זיין וויכטיקסטן פּראָדוקט, דעם „נעשאַנעל אינדאַסטריעל ריקאָווע־רי אַקט", און איינע פון די סיבות פון זיין דורכפאַל). כדי די פּלאַנירונג זאָל האָבן דערפאָלג, מוז די מלוכה שאַפן אַ צווישן־גליד צווישן זיך און דעם יחיד, ד"ה אָרגאַניזירן די פּראָפעסיעס און די סאָציאַלע קלאַסן אין דער פאָרם פון געזעלשאַפטן, קאָאָפּעראַטיוון אאַ"וו, און אויפן ערשטן פּלאַן מוזן קומען די קאָרפּאָראַציעס, וואָס זאָלן אַרומנעמען אַלע באַטייליקטע אין דער געגע־בענער פּראָפעסיע, וואָס פאַר אַן אָרט זיי זאָלן אין איר ניט פאַרנעמען אין סאָציאַלן זינען. אַפילו אַ סאָציאַליסטישע מלוכה, ווי די סאָוועטישע, האָט אויך געמוזט שאַפן, חוץ די מלוכהשע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט־איינהייטן, בפרט אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואו די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן (קאָלכאָזן) זיינען אַפילו די פאַרהערשנדיקע, בעת די מלוכהשע (סאָווכאָזן) זענען זיך לערך גאָר ווייניק אָן. און אויב, ווי מיר האָפן, דער סאָוועטישער רעזשים וועט וואָס ווייטער אַלץ מער דעמאָ־קראַטיזירט ווערן, וועט עס קודם כל הייסן — אויפבויען וואָס מער ווירט־שאַפטלעכע איינהייטן מיט אַ ברייטער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און מיט ווייניקער אָפּהענגיקייט פון דעם הויפּט־בעל־הבית פון דער פּראָדוקציע — דער מלוכה און פון איר ביוראָקראַטיע. אין דער עוואָלוציע פון דער סאָציאַליסטישער צענטראַליזירטער סאָוועטישער ווירטשאַפט צו דעצענטראַ־ליזירטער ווירטשאַפטלעכער זעלבסט־פאַרוואַלטונג ליגט די גרעסטע האָפענונג פון אַ פאַרברייטערטער, פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אין לאַנד.

דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז די גאַנצע ווירטשאַפט אין אַלע לענדער וועט אָדער נאַציאָנאַליזירט אָדער געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט און פון דער מלוכה קאָנטראָלירט ווערן. זיכער וועלן געוויסע פאַקטאָרן בלייבן פריי פאַר דער ניט־קאָנטראָלירטער אינדיווידועלער ווירטשאַפט. אָבער דאָס וועלן זיין די סעקטאָרן, וואָס שפּילן גאָר אַ קנאַפּע ראָלע אין דער נאַציאָ־נאַלער עקאָנאָמיע. די ווירטשאַפטלעכע שטחים, וואָס האָבן אַ באַדייטונג אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע פון לאַנד, וועלן זיכער פריער אָדער שפּעטער אַרויסגענומען ווערן פונעם פרייען רשות פון דעם יחיד.

אין די דאָזיקע וויכטיקע סעקטאָרן וועט דער ייד, דער יחיד, שוין האָבן צו טאָן ניט מיט דעם קריסט, דעם יחיד, נאָר מיט אַן אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו אָדער מיטן מלוכה־אַפּאַראַט. אין ביידע פאַלן וועט זיין גאָר לייכט אים ניט אַריינצולאָזן אין דער קאָאָפּעראַציע, אין צעך, אין דער קאָרפּאָראַציע, אין מלוכה־אונטערנעמונגען אָדער אין רעגירונג־ביוראָס. אין אַ בירגער־

לעכער געזעלשאַפט, בפרט אין אַ ווירטשאַפטלעך־אַפּגעשטאַנענעם לאַנד, אָדער אפילו אין אַ רייכן לאַנד, וואָס ליידט אין געגעבענעם מאָמענט פון נויט און קריזיס, איז גאָר גרויס די סכנה, אַז יידן זאָלן עלימינירט ווערן פון דער ווירטשאַפט פון לאַנד, בכל אופן פון אירע העכערע און גינסטיקערע צווייגן.

אין אַן „עקאָנאָמיע פון דחקות", און די ווירטשאַפט פון דער וועלט וועט נאָך גאַט וויס ווי לאַנג ניט זיין קיין „עקאָנאָמיע פון שפע", וועלן די סאָציאַליזאַציע, דער מלוכה־קאָנטראָל פון דער ווירטשאַפט און איר געזעלשאַפטלעכע, דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג ניט אָפּשוואַכן, נאָר פאַרקערט פאַרשאַרפן די קאָנקורענץ צווישן די גרופּעס, בפרט צווישן ראַסישע, עטנישע און נאַציאָנאַלע. און אין דעם פרט וואָלט געווען ניט רעאַליסטיש צו מאַכן אַ חילוק צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים. דאָס מיסטישע גלויבן אין פּראָלעטאַריאַט איז געווען באַרעכטיקט אין דער העראָאישער תקופה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, בעת זי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון קליינע קרייזלעך. זינט דעמאָלט האָבן מיר אָבער געליטן אַזוי פיל דעז־אילוזיעס, אַז עס איז כ׳לעבן שוין צייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער מיסטיק. און די ערשטע, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון דער אילוזיע, אַז דער פּראָלעטאַריער איז אַ מענטש פון אַ באַזונדערן, העכערן מין, זיינען געווען די באָלשעוויקעס. זייערע האָפענונגען אויף דער רעוואָלוציע זיינען געווען געבויט אויף און רעאַליזירט געוואָרן דורך אַן אַקטיווער, רעוואָלוציאָנערער מינדערהייט, געשטאַרקט מיט די סימפּאַטיעס פון די מאַסן־אַרבעטער, אָבער ניט דורך זיי גופא. מען מישט ביי אונדז אָפט צונויף צוויי באַזונדערע דערשיינונגען און באַגריפן: די סאָציאַליסטישע אידייע, אַ טיף הומאַניסטישע, וואָס אירע פאַראויסזאָגער און אירע הערעאָען זיינען גאָר על פי רוב געווען אינטעלעקטועלן, און דעם קאָנקרעטן אַרבעטער, וואָס ליידט פון אַלע שוואַכקייטן און זינד פון דעם געוויינלעכן מין מענטש, קודם כל פון דעם מענטשלעכן עגאָאיזם. עס איז געוויס ריכטיק, אַז בדרך כלל איז דער אַרבעטער גיכער מסוגל אויף ברייטהאַרציקייט, אויף אַלטרואיזם, אויף מיט־געפיל מיטן שוואַכן און באַדריקטן, ווי דער דורכשניטלעכער רייכער און זאַטער מאַן. אָבער מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער הייגטיקער אַרבעטערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בפרט פון די אַנגלאָ־סאַקסישע, באַשטייט שוין גאַרניט פון דער דאָזיקער אידעאַליסטישער שיכט פון דעם „קליינעם מאַן", וואָס אַזעלכע גאונים־קינסטלער און הומאַניסטן ווי דיקענס, הוגאָ, גאָרקי און אַנדערע האָבן אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל, וואָס שיינט עד היום הזה. איר טרעפט שוין

הײנט אויף איטלעכן טריט דעם זאַטן, זעלבסט־צופרידענעם אַרבעטער, וואָס שטייט אין קיין פּרט ניט אָפּ פון דעם בירגערלעכן „אַלרייטניק", דעם בעל־גוף. און אָט דער טיפּ אַרבעטער איז גראָד דער בעסט־אָרגאַניזירטער. פון זײַנע רייען קומט אַרויס די פירערשאַפט פון די געווערקשאַפטן און פון אַלע אַנדערע ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

דער אַרבעטער, כל־זמן ער לעבט אין דער בירגערלעכער קפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איז בדרך כלל, אין זײַן מאַסע, פּונקט אַזוי להוט אַרויס־צושטויסן זײַן קאָנקורענט, ווי דער בעל־הבית, און אָפט מאָל — נאָך מער פון אים, ווייל זײַן נויט איז גרעסער און טרײַבט אים צו מעשים, וואָס זײַנען קעגן זײַן אייגענעם געוויסן. אָבער גראָד ווען זײַן קאָנקורענט געהערט אַן אַנדער ראַסע אָדער פֿאָלק, און וואָס טיפער די דאָזיקע אונטערשיידן זיך פון זײַן אייגענעם שטאַם, אַלץ לײַכטער ווערט אים זײַן צו פאַרטרײַבן, לײַכטער סאָציאַל און גרינגער מאָראַליש. זעען מיר טאַקע, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט שטייט כמעט אומעטום בראש פון די אַנטי־אימיגראַציאָניסטישע באַוועגונגען און אַז אפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מוזן זיך אונטערגעבן דער דאָזיקער קסענאָפאָבישער שטימונג פון די מאַסן. די אַמעריקאַנער ווייסע אַרבעטערשאַפט געפינט זיך אויך ניט אין די לעצטע רייען פון דער מחנה אַמעריקאַנער, וואָס האַלט מלחמה מיטן שוואַרצן. ווערליק ווי עס זאָגן די ציפערן, וואָס עס ברענגט דאַנאַלד יאַנג, זײַנען נאָר צוויי פּראָצענט פון די נעגערישע שטאָטישע אַרבעטער אָרגאַניזירט אין טרייד־יוניאָנס, בעת צווישן די ווייסע דערגרייכט דער דאָזיקער פּראָצענט ביז צען. די יוניאָנס פירן דורך אַ קלאָרע טענדענץ צו האַלטן דעם נעגער ביי דעם ערגסטן מין אַרבעט, ביי דער שוואַרץ־אַרבעט. „בלייבט דער נעגער אויף זײַן אָרט", ווי די עכטע אַמעריקאַנער זאָגן, ד"ה, ביי אַ שלעכט באַצאָלטער אַרבעט, האָט ער נאָך שאַנסן, מען זאָל אים אַרײַננעמען אין אַן אַרבעטער־סינדיקאַט, כדי אויסצומיידן שטרייק־ברעכעריי. פּרואווט ער אָבער איבערגיין צו אַ קוואַליפיצירטער אַרבעט, וועט ער באַגעגענען דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד מצד די ווייסע אַרבעטער גופא, בפרט פון זייערע יוניאָנס. דאָ זעט מען באַשיימפּערלעך, אַז גראָד די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט איז די, וואָס ווייזט אַרויס די גרעסטע ענערגיע אויף אָפּ־צושטויסן דעם פרעמדן קאָנקורענט און גראָד זי באַזיצט די בויטיקע מיטלען דערצו — דעם כוח פון איר אָרגאַניזאַציע.

אויב די נעגערס זײַנען איצט די ערשטע קרבנות פון דער אַרבעטער־קאָנקורענץ, הייסט עס נאָך כלל ניט, אַז זיי זײַנען, און אַ פשיטא שוין ניט אַז זיי וועלן שטענדיק בלײַבן, די איינציקע. דער נעגער איז פאַר דעם

וויסן דער פּרעמדסטער צווישן אַלע פּרעמדע און גלייכצייטיק אויך די לייכטסטע ציל־ברעט, ווייל זיין פּאַרב פּאַרראַט אים און שיידט אים שאַרף אָפּ פונעם ווייסן מענטשן. דער קאַמף פון דעם איינגעבירטיקן אַרבעטער קעגן פּרעמדע ווייסע קאָנקורענטן וויזט זיך ניט אַרויס אין דעם אייגענעם פּאַרנעם. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ער עקסיסטירט ניט. האָבן דאָך יידישע אַרבעטער געמוזט פּאַרלאָזן די „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס״, ווייל מען האָט זיי דאָרט שלעכט באַהאַנדלט און זיי האָבן געמוזט גרינדן אייגענע געווערקשאַפטן, די באַוואוסטע „אַמאַלגאַמייטעד קלאָטהינג וואָרקערס״. אין דעם צוזאַמענהאַנג וועט ניט איבעריק זיין צו דערמאָנען, אַז די גרעסטע מניעה פּאַרן איבערגאַנג פון יידישע אַרבעטער אין פּוילן צו מעכאַנישע וועבשטולן זיינען טאַקע אויך געווען די פּוילישע אַרבעטער גופא.

די צווייטע מדרגה, נאָך די נעגערס, אין זינען פון פּרעמדקייט פּאַרנעמען זייער אָפּט די יידן. כדי דער קאַמף קעגן זיי זאָל אָננעמען אַזוינע אָדער לערך אַזוינע פּאָרמען ווי קעגן די פּאַרביקע, דאַרף אָדער די מאָראַל פון דער געזעלשאַפט נאָך מער זינקען אָדער דער דרוק פון דער נויט אויף דעם ווייסן אַרבעטער שטייגן. און עס איז פּאַראַן אַ סך גרונט אָנצונעמען, אַז הן דאָס און הן יענץ וועט פּאַסירן, אויב ניט תיכף נאָך דער מלחמה איז אַביסל שפּעטער, ווי אַ רעזולטאַט פון אירע מאָראַלישע און ווירטשאַפטלעכע נאָכווייענישן.

עס קען זייער געמאָלט זיין, און איך מיין, אַז עס איז נאַטירלעך און גוט, וואָס מיר יידן גלויבן אין דעם, אַז בעת עס וועט קומען דער טאָג, ווען דער אינטעגראַלער סאָציאַליזם וועט פּאַרווירקלעכט ווערן, מסתמא ווי אַ לעצטער עטאַפּ, אַ פרידלעכער צי אַ רעוואָלוציאָנערער, פון אַ לאַנגער ווירטשאַפטלעכער און מאָראַלער עוואָלוציע, וועט ער ווי אַ שטורעם־ווינט אויסרייניקן די אַטמאָספּערע און שאַפן נייע מאָראַלישע באַציאונגען צווישן מענטשן, נייע מאָסן און נייע קריטעריומס. אָבער דערווייל האַלטן מיר נאָך ניט דערביי. און אין די ראַמען פון אַ פּלאַנירטער נאָך־מלחמה־ווירטשאַפט, וואָס וועט אָבער בלייבן פונדירט אויפן פּריוואַט־אייגנטום, וועט די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט באַקומען אין איר רשות אַזאַ געוואַלטיק געווער קעגן דער יידישער קאָנקורענץ, וואָס דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט האָט זיך אפילו ניט געקענט חלומען.

נו, פּרוּאוּוט דעמאָלט אַרויסלאָזן דעם איינצלנעם שוואַכן יידן אין דער וועלט אַריין, טאַקע באַוואָפנט מיט גלייכע רעכט און פולע רעכט און וועלכע רעכט איר ווילט נאָר, און לאָזט אים איבער איינעם אַליין, פּנים אל פּנים מיט דער אָרגאַניזירטער מאַכט פון דער מלוכה און פון דער געזעלשאַפט.

אַ שיינעם פּנים וועט ער האָבן! און ווי אַזוי וועט ער זיך פאַרטיידיקן, אַז מען וועט אים, למשל, ניט אַריינגעמען אין דער קאָרפּאָראַציע און ניט געבן קיין דערלויבעניש אויף עקספּאָרטירן סחורות אָדער אימפּאָרטירן, אַז מען וועט אים ניט אַריינגעמען אין אַ קאָאָפּעראַטיוו אָדער אויף אַ מלוכה־שטעלע? טויזנטער פּאַר וואָס און פאַר ווען וועט מען געפינען, ניט אָנ־רירנדיק דעם יידן ווי אַ ייד. וועט ער טאַקע בלייבן ביי זיינע רעכט, אָבער צו פּרנסה וועט עס ניט קומען.

היוצא מדברינו, דאָס יידישעווירטשאַפטלעכע לעבן איז איצט ניט מער קיין פּראָבלעם פון רעכט, נייערט פון רעאַלע מעגלעכקייטן, במילא קודם כל אַ פּראָבלעם פון יידישער אָרגאַניזירטקייט. אויב אין אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע און אין די שפּעטערדיקע בלי־יאָרן פונעם קאַפּיטאַליזם, האָט די עקאָנאָמיע געשטויסן דעם יידישן יחיד זיך צו באַפרייען פון דעם כלל, ווייל נאָר ווי אַ יחיד, אויב נויטיק — אונטער אַ פרעמדן פּאַטענט אָדער פאַרבאַהאַלטן זיך אין אַן אַקציען־געזעלשאַפט — האָט ער זיך געקענט אַרויסהעלפן, וועט איצט דער אייגענער עקאָ־נאָמישער מאָטיוו ווירקן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און שטויסן דעם יידן צוריק צום כלל, ווייל נאָר דורך אים וועט ער קענען געהאָלפן ווערן. דער אייגענער געדאַנק, נאָר מיט אַנדערע ווערטער אויסגעדריקט, מיינט, אַז דער טרעגער פון די עקאָנאָמישע רעכט, וואָס דאַרפן גאַראַנטירט ווערן יידן, וועט מוזן זיין, כדי די דאָזיקע רעכט זאָלן בכלל האָבן אַ ממשות, דער אָרגאַניזירטער יידישער כלל און ניט יידן יחידים.

נאָר דערפון דרינגט קלאָר אַרויס, אַז די דאָזיקע רעכט מוזן לויט זייער טבע גופא זיין באַשטימטע, קלאָר באַשריבענע, במילא — שרעקט זיך ניט פאַר דעם וואָרט — באַגרענעצטע. דער יידישער כלל וועט דאַרפן באַקומען אַ געוויסן חלק אין דער לאַנד־עקאָנאָמיע און דער חלק וועט מוזן אומפאַרמיידלעך באַשטימט ווערן — און הלוואי זאָל דאָס אַזוי אַרויסקומען — דורך דער פּראָפּאָרץ פון יידן אין דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג, מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס, וואָס שטאַמען אַרויס פון אונדזער ניט נאָרמאַלער עקאָנאָמישער פאַרגאַנגענהייט פון דער פאַרקרימטער און הויקערדיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור, וואָס דער איצטיקער דור האָט געירשנט פון אונדזערע אייגענע פריערדיקע דורות און פון די נגישות פון פרעמדע. מיר האָבן אויבן געזען, ווי די סאָוועט־רעגירונג האָט זיך מיט דער דאָזיקער ירושה גערעכנט און מאָדיפיצירט פאַר יידן איר אַגראַר־פּאָליטיק. דאָס אייגענע וועלן מיר דאַרפן פאַרלאַנגען פון די איבעריקע פעלקער. אָדער מען זאָל אונדז געבן אונדזער חלק ערד, אָדער אויב

דאָס איז ניט מעגלעך — און מסתמא וועט דאָס אין אַ סך פאַלן ניט מעגלעך זיין — אונדז געבן אַ קאָמפּענסאַציע אין אַנדערע ווירטשאַפט־לעכע צווייגן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן ניט זיין די איינציקע בעלי־דעות און מיר וועלן ניט קענען אויסקלייבן די בעסטע חלקים. מען דאַרף זיך וועגן דעם קיין אילוזיעס ניט מאַכן. אַזאַ איינטיילונג פון אַ חלק פאַר יידן, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, וועט פאַר אונדז באַדייטן אַן עקאָנאָמישע ירידה, אין פאַרגלייך מיט דעם ביז איצטיקן מצב, ווען מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אָפן דאָס ברייטע עקאָנאָמישע פעלד פון דעם גאַנצן לאַנד, לכל הפחות באַשטימטע שטחים פונעם דאָזיקן פעלד, וואָרעם פון אַנדערע, ווי למשל, לאַנדווירטשאַפט און צום טייל גרויס־אינדוסטריע זיינען מיר אינגאַנצן אָדער כמעט דערוווייטערט. יידן וועלן אָרעמער ווערן. דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס מיר קענען אים ניט אויסמיידן סיי ווי סיי. וואָס מיר קענען אָבער יאָ דערגרייכן דורך אַ דורכגעטראַכטער און פאַראויסזעעוודיקער פּאָליטיק, דאָס איז פאַרמיידן קאַטאַסטראָפעס. גלייכער אָרעמקייט איידער אויסראָ־טונג אָדער הונגער־טויט.

מען וועט זאָגן: דאָס שמעקט דאָך מיט נומערוס קלאַוזוס. ריכטיק. ניט נאָר עס שמעקט, עס איז אַ בפירושע ווירטשאַפטלעכע פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן. נאָר גלייכע ווירטשאַפטלעכע רעכט מיינט ביי די נייע קאָנ־קרעטע אומשטענדן און אין דער נייער רעאַלער ווירקלעכקייט — נומערוס נולוס. נאָר צווישן אָט דעם נומערוס נולוס און אַ נומערוס קלאַוזוס בלייבט אונדז איבעריק די וואַל. און אויב אַזוי, איז קלאָר, וואָס מיר דאַרפן אויס־קלייבן און צו וואָס מיר דאַרפן זיך שוין היינט טאָקע גרייטן.

שוין צענדליקער יאָר, ווי מיר רעדן וועגן נאָרמאַליזאַציע פון דער יידישער ווירטשאַפט. יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען זיך גאָר פליסיק מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם. אייניקע פון זיי האָבן געטאָן גוטע אַרבעט, ווי דער „אָרט", די „איקאַ" און דער „דזשאָינט". דער רעזולטאַט אָבער, ניט געקוקט אויף אַ שלל ענערגיע און באַדייטיקע פינאַנציעלע מיטלען, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט, איז ממש אַ טראָפּן אין ים. העכסטנס האָט מען דערגרייכט מיט דער דאָזיקער אַרבעט צענדליקער טויזנטער צווישן די פופצן צי זעכצן מיליאָן יידן אויף דער וועלט. איך זאָג עס ניט חלילה, כדי צו מינערן די ווירטיקייט פון דער יידישער טעטיקייט, געוועגדט אויף איבערצובויען די יידישע עקאָנאָמישע סטרוקטור. אדרבא, עס איז צו באַוואונדערן, וואָס מען האָט געקענט כאָטש אַזוי פיל אויפטאָן נאָר מיט געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו, מיטן פרייען ווילן און מיט פרייוויליקע נדבות. מער האָט זיך זיכער ניט געלאָזט דערגרייכן, ווייל עפּעס גרויס

און באַדייטנדיקס קען מען דערלאַנגען נאָר מיט אַ מלוכה־אַפּאַראַט, דורך אויטאָריטעט און מאַכט, וואָס פאַרשטייט ניט נאָר צו איבערצייגן דעם יחיד, נאָר קען, אויב מען דאַרף, אויך אים צווינגען צו טאָן דעם ווילן פון כלל.

דעם טאָג, ווען קהל וועט ווערן אַ צד ביי דער מלוכה אין ווירטשאַפטלעכע פראַגן, און ער וועט האָבן די דעה, ווי אַזוי צו פאַרטיילן צווישן יידן דעם חלק, וואָס וועט פאַר זיי אויסגעטיילט ווערן אין דעם אָרגאַניזירטן סעקטאָר פון דער לאַנד־עקאָנאָמיע, וועט ער באַקומען אין זיינע הענט די נויטיקע מאַכט אויף דורכצופירן אַ מער ראַדיקאַלע ענדערונג פון דער יידישער ווירטשאַפט, אין הסכם מיט זיין אויבערשטן און העכסטן ציל — דער קיום און די צוקונפט פון אונדזער פאָלק — און אין איינקלאַנג מיט די אַלט־נייע פרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס מיינט, אַז מיר וועלן דאַרפן קודם כל זאָרגן דערפאַר, אַז די יידישע ווירטשאַפט זאָל זיין אַ חי הנושא את עצמו, זי זאָל קענען זיך אַליין באַפרידיקן אין אַ מאַקסימאַל־מעגלעכער מאָס, ד"ה אין די גרענעצן, וואָס זיינען באַשטימט דורך אונדזער לאַגע פון אַ גרופּע, וואָס איז אַריינגעשניטן אין אַ פרעמדן ווירטשאַפט־אָרגאַניזם. כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז די יידישע ווירטשאַפט ווערן פּילזייטיקער, ווי זי איז געווען ביז איצט, אַזוי פּילזייטיק, ווי דאָס איז נאָר אָביעקטיוו מעגלעך. דער עיקר אָבער דאַרף זי באַקומען באַזעס אין די אָנהייב־ און גרונט־פּראָצעסן פון דער פּראָדוקציע — אין דער לאַנדווירטשאַפט און די מיט איר פאַרבונדענע מלאכות און אינדוסטריעס. אָבער די סתירות פון אונדזער גלות־לעבן וועלן אונדז צווינגען צו אַ סותרדיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. צוליב דער אומזיכערקייט און ניט סטאַבילקייט פון אונדזער מצב וועט די דאָזיקע פּאָליטיק גלייכצייטיק מוזן איינוואָרצלען, איינפונדעווען אין דעם לאַנד אונדזער ווירטשאַפט און גלייכצייטיק מאַכן געוויסע טיילן פון פאָלק און געוויסע צווייגן פון דער ווירטשאַפט אַזוי לייכט באַוועגלעך, אַז זיי זאָלן קענען, די שעה זאָל ניט זיין, איבערגעפלאַנצט ווערן מיט אַ מינימום היזיקות און מיט אַ מאַקסימום צוגעפּאַסטקייט צום נייעם אָרט. דאָס וועט מוזן געטאָן ווערן דורך פאַרברייטערן און פאַרפעסטיקן די באַציאונגען פון איין יידישן ישוב מיט די אַנדערע, בפרט מיט דער יידישער היים אין ארץ־ישראל. בדיעבד וועלן זיך אַזוי אַרום ציען פעדעם צווישן יידישע ישובים, וואָס וועלן זיי בכלל פעסטער צונויפבינדן.

וועט קהל האָבן צו זאָגן איבער יידישער ווירטשאַפט, וועט ער שוין במילא מוזן זאָרגן ניט בלויז פאַר דער פּראָדוקציע און פאַרן ריווח, ווי דאָס

טוט דער פּריוואַטער בעל־הבית, נאָר אויך דערפאַר, אַז די פּאַרטיילונג פון די גיטער זאָל זיין אַ יושרדיקע און אין די אינטערעסן פונעם רוב. און אפשר וועט גראַד די אָפּזונדערונג פון דער יידישער ווירט־שאַפט, וואָס פאַר יידישע ראַדיקאַלן פון אַ געוויסן סאָרט קען זי זיך לכתחילה אויסווייזן פאַר רעאַקציאָנער און אַנטי־סאָציאַליסטיש, בדיעבד זיך אַרויסשטעלן פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט און פאַר אַ יסוד פון אַ רעאַלן סאָציאַליסטישן פּראָגרעס אין דער יידישער סביבה. צוליב דער אוממעכ־טיקייט פונעם יידישן יחיד אין דער אַרומיקער, אָרגאַניזירטער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וועט די יידישע ווירטשאַפט זיין אַלץ שטאַרקער, וואָס מער קאָלעקטיוויסטיש זי וועט זיין, וואָס מער עס וועלן אין איר קומען צום אויסדרוק סאָציאַלע עלעמענטן אויפן חשבון פון אינדיווידועלע. די אינטענ־סיפיצירונג פונעם געפיל פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס וועט מוזן קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזערע ליידן אין די מלחמה־יאָרן, וועט אויך משפיע זיין אויף צו שטאַרקן די סאָציאַלע סאָלידאַריטעט ביי דער יידישער מאַסע און צוריק פון איר באַאיינפלוסט ווערן. די דאָזיקע קעגנזייטיק־ווירקנדיקע פאַקטאָרן וועלן פאַרלייכטערן די פאַרשפּרייטונג און אַנטוויקלונג פון קאָלעקטיווער און קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט ביי יידן. מען דאַרף האָפן, אַז אין דער מאָס, אין וועלכער יידן וועלן בלייבן ביי זיך און אוּמאָפּהענגיקער ווי ביז איצט קענען אָנפירן מיט זייער ווירטשאַפט, וועלן יידן אין אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם, ווי אין דער אַרומיקער סביבה, דורכ־פירן ביי זיך די פּרינציפּן פון יושר און חברישער סאָלידאַריטעט. אַ ראיה האָבן מיר, אַז אין קיין יידישער ווירטשאַפט אויף דער וועלט האָבן די דאָזיקע סאָציאַלע מאָטיוון, און במילא נאַציאָנאַלע אין דער אייגענער צייט, ניט געפונען אַזאַ גינסטיקן באָדן, ווי אין דער יידישער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, וואָס איז דערוויל, און זי וועט עס מסתמא נאָך מער זיין אין דער צוקונפט, דאָס לאַנד, וואו די יידישע ווירטשאַפט האָט דער־גרייכט דעם מאַקסימום פון רעאַליזירבאַרער זעלבסטשטענדיקייט. און אפשר וועט גאָר אַזוי אַרום די רעלאַטיוו־געשלאָסענע, קליינע יידישע ווירטשאַפט ברענגען דעם וועלט־סאָציאַליזם אַ גרעסערן רעאַלן צושטייער, דורך פאַקטן און מוסטערן, ווי די וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע פון יידישע „מיסיאָנערן” אין אַ פרעמדער סביבה.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אינפילטראַציע אָדער קאָנצענטראַציע פון יידישע וואַנדערונגען ?

איינער פון די הויפּט־תנאים פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישערווירט־שאַפט איז די געאָגראַפישע קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן. פּאַק־טיש האָבן מיר אַזאַ קאָנצענטראַציע אין אַ באַדייטיקער מאָס געהאַט פאַר דער לעצטער מלחמה אין אַלע לענדער מיט אַ גרויסער יידישער באַ־פעלקערונג. די קעגן־טענדענצן פון יידישער צעשפּרייטונג זיינען געווען דער עיקר אַרויסגערופן און געשטאַרקט געוואָרן דורך די מעגלעכקייטן, וואָס יידן האָבן געהאַט זיך צו אינפילטרירן ווי יחידים אין דער ניט אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אַן אויסנאַם איז ביז איצט געווען נאָר סאָוועט־רוסלאַנד, וואו די דאָזיקע אינפילטראַציע איז נאָך דערוויילֿ, צוליב די ספּעציפישע סיבות, וועלכע מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, מעגלעך געווען אויך אין דער אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, און אפילו אין אַ נאָך גרעסערער מאָס ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער. וואָס מער עס וועלן זיך אַנטוויקלען די סאָציאַלע עלעמענטן אין דער בירגערלעכער ווירטשאַפט, אַלץ ווייניקער זינען וועט עס האָבן פאַרן יידן צו פאַרלאָזן געדיכטע יידישע ישובים און איבערוואַנדערן אין שטעט און פּראָווינצן מיט אַ שיטערער יידישער באַפעלקערונג. די אייגענע טענדענצן, וואָס וועלן פירן צו יידישער עקאָנאָמישער איזאָלאַציע, וועלן אויך ברענגען צו אַ גרעסערער געאָגראַפישער קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן. עס איז אָבער קלאָר, אַז מיר מוזן באַוואוסטזיניק און אַקטיוו ווירקן אין דער זעלביקער ריכטונג, וואָרעם זי איז גלייכצייטיק ווירטשאַפטלעך־ראַציאָנעל און נאַציאָנאַל־נויטווענדיק. וואָס קאָנצענטרירטער, געדיכטער יידן לעבן צוזאַמען, אַלץ בעסער קענען זיי פאַרטיידיקן זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס און אַלץ ווייניקער שאַנסן האָט די אַסימילאַציע. יידישע קאָנצענטראַציע איז די בעסטע סגולה קעגן איר.

און גראַד די מלחמה, וואָס האָט מיליאָנען יידן אויסגעוואָרצלט פון זייערע וואוינערטער, חרוב געמאַכט זייערע היימען, זייערע קלייטן און וואַר־

שטאַטן, וועט פירן דערצו, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע, וואָס וועט בלייבן ביים לעבן, וועט זיין רירעוודיקער, באַוועגלעכער ווי זי איז געווען ביז דער מלחמה. במילא וועט אַ יידישע ציל־באַוואוסטע טעטיקייט קענען האָבן מער השפעה ביים אויסקלייבן פרנסות און וואוינערטער. בפרט אויב קהל וועט באַזיצן הן גענויסע פינאַנציעלע מיטלען, הן די נויטיקע יורידישע און מאָראַלישע אויטאָריטעט, וועט ער זיין בכוח צו ווענדן די איבעוויניקסטע נאָך־מלחמה־איבערוואַנדערונגען אין דער ריכטונג, וואָס זאָל זיין גינסטיקער סיי פאַר דער יידישער ווירטשאַפט, סיי פאַר די אַלגעמיינע יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. און היות ווי די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע לענדער איז אויך אין גרויסע צאָלן פאַרטריבן געוואָרן פון אירע וואוינערטער און אירע היימען זיינען אויך צעשטערט געוואָרן, באַקומט זיך אַ מעגלעכקייט צו רעגולירן די איבערוואַנדערונג אין לאַנד־מאָסשטאַב — און אפשר אין אַ געוויסער מאָס דורכצופירן אפילו אַ באַפעלקערונג־אויסבייט פרידלעך און אויף אַזאַ אופן וואָס זאָל זיין נוצלעך פאַר ביידע צדדים, פאַר יידן — אין דער ריכטונג פון אַ מעגלעך גרעסערער קאָנצענטראַציע.

צוליב דעם איז אָבער נויטיק, אַז דער יידישער כלל גופא זאָל אַקוראַט וויסן, וואָס ער וויל, ריכטיקער — ער זאָל וויסן, אַז ער דאַרף דאָ עפּעס וועלן, אַז ער האָט אינטערעס דערביי און אַז דער אויסקלייב פון וואוינערטער רירט ניט בלויז אָן קודם כל דעם יחיד, נאָר איז אויך אַ כלל־ענין, וואו כלל־אינטערעסן מוזן אַריין אין חשבון. מיט אַנדערע ווערטער, די יידישע פירערשאַפט דאַרף זיך אָפּזאָגן פון איר געוויינלעכער ליבעראַליסטיש־אַנאַרכיסטישער האַלטונג איבערצולאָזן דעם יידן ווי אַ פרייען פויגל, אויסצוזוכן און זיך אויסצוקלייבן זיין נעסט. מען דאַרף אים ניט בלויז העלפן, נאָר אויך פירן ביי דעם דאָזיקן אויסוואַל. ביז איצט זעען מיר, אַז די יידישע אָרגאַניזאַציעס פאָרמולירן די דאָזיקע פראַגע אין דעם אַלטן, אינדיווידואַליסטישן נוסח. אַלע פאַרלאַנגען זיי נאָר איין זאַך: יידן פון די אָקופּירטע לענדער זאָלן האָבן דאָס רעכט זיך אומצוקערן אין זייערע פאַר־מלחמה־היימען (זע די באַשלוסן פון דער „קאָנווענשאָן” פון אַרבעטער־רינג פון מאַי 1942 און די פּראָגראַם פונעם יידיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס). פרעגט זיך: צי איז פון אַן אַלגעמיין יידישן שטאַנדפּונקט געוואונטשן, אַז, למשל, פּוילישע יידן, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן צוריק קיין פּוילן פון מערב־אייראָפּע (פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד אאַז״וו) זאָלן דווקא צוריקפאָרן אין די דאָזיקע לענדער, אויב זיי זיינען על פי נס לעבן געבליבן? קלאָגן מיר דאָך אַלע ניט בלויז אויפן טויט פון מיליאָנען

פוילישע יידן, נאָר אויך אויפן אונטערגאַנג פונעם פוילישן יידנטום. האָבן מיר דאָך בכן אַ גרויסן אינטערעס, אַז אַ פויליש־יידישער קיבוץ זאָל פאַר־בלייבן און, פאַרקערט, האָבן מיר קיין שום אינטערעס ניט ווייטער אויפ־צוהאַלטן די קליינע, אוממעכטיקע און הילפלאָזע יידישע אינדזלען אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, וואו זיי זיינען פאַרמשפּט אויף אַסימילאַציע און וואו אַפילו זייער עקאָנאָמישע צוקונפט איז, אין אַ ווייטערער פּער־ספּעקטיוו, ווייניקער געזיכערט, ווי אין די לענדער פון יידישע מאַסן־ישובים.

אין תוך גערעדט, וואָלט געווען דער חוב פונעם יידישן כלל, אויב ער זאָל נאָר באַזיצן די נויטיקע אויטאָריטעט צו טאָן דאָס, וואָס עס טוען אַלע געזונטע פעלקער, ד"ה מיט צוואַנג־מיטלען אָנפירן מיט דער וואַנ־דערונג אָדער צוריק־וואַנדערונג, אַזוי ווי דאָס פּאַסט זיך פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אָט האָט די איטאַליענישע רעגירונג תמיד, און ניט נאָר אין מוסאָליניס צייטן, געפירט די איטאַליענישע אויסוואַנדערונג אין די לענדער, וואו לויט איר מיינונג איז געווען מער שאַנסן, די איטאַ־ליענער זאָלן זיך ניט אָפּרייסן פון זייער מוטער־לאַנד און פון זיין קולטור. נאָר אויב די יידישע פירער זיינען ניט גרייט צו גיין אַזוי ווייט, וואָלטן זיי לכל הפחות געדאַרפט פאַרשטיין, אַז אויך וויפיל די וואַנדערונג אָדער צוריק־וואַנדערונג דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט געזעלשאַפטלעכער שטיצע, מוז זי געפירט ווערן אין אַזאַ ריכטונג, ווי דאָס פאַרלאַנגען אונדזערע כלל־אינטערעסן און ניט די ציטווייליקע אינטערעסן פונעם יחיד, אַזוי ווי ער פאַרשטייט זיי. און ווי אָפט פאַרשטייט ער זיי דווקא פאַלש און קורצזיכטיק.

דער אייגענער פּרינציפּ פון קאָנצענטראַציע, וועלכן מיר האָבן דאָ אויפגעשטעלט בנוגע אינעווייניקסטע וואַנדערונגען, צי אויפן שטח פון דער מדינה גופא, צי אויפן גאַנצן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, דאַרף אויך אָנגעווענדט ווערן בנוגע יידישער מעבר־לים־עמיגראַציע. דער עמיגראַנט איז ביז איצט געווען דער, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן דאָס לאַנד, וואוהין צו גיין. די ראָלע פון די יידישע עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אים געהאָלפן צו פאָרן אַהין, וואו ער האָט געוואָלט און געקענט גיין, אים אויסגעהאָלפן מיט אינפאָרמאַציעס, מיט אַ שיפס־קאַרטע וכדומה. רייך־מענטשלעך פילאַנטראָפּיש גענומען, האָבן זיי געטאָן אַ גוטע, נוצלעכע זאַך, אָבער קיין נאַציאָנאַל טאָן איז דאָס קיינמאָל ניט געווען. פאַרקערט, אויב ניט זייער טעטיקייט גופא, איז אָבער זייער טענדענץ אָפט געווען בפירוש אַנטי־נאַציאָנאַל. וואָרעם אויב אַ סך יידישע עמיגראַנטן האָבן ביים אויסקלייבן אַן איינוואַנדערונג־לאַנד זיך שטאַרק גע־רעכנט ניט בלויז דערמיט וואו „מען קען מאַכן אַ לעבן", נאָר אויך דערמיט,

וואו מען קען לעבן צווישן יידן און ווי יידן, און דעריבער האָט זיי אינ־סטינקטיוו געצויגן צו לענדער מיט יידישע מאַסן־ישובים, האָבן אָבער אייניקע יידישע אָרגאַניזאַציעס געהאַלטן פאַרקערט, אַז דאָס בעסטע לאַנד איז דאָס יעניקע, וואו יידן זיינען ניטאָ — אַ מעלה צו פרנסה, אַ תרופה קעגן אַנטיסעמיטיזם און אַ קאָפּעטשקע טאַקע אויך, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — אַ סגולה פאַר אַסימילאַציע.

געוויס טרעפן זיך אין אונדזער לעבן מאָמענטן, און אַזאַ מאָמענט האָבן מיר אין אייראָפּע איבערגעלעבט זינט 1939 און מיר האַלטן נאָך אויך איצט דערביי, ווען מיר מוזן קלערן קודם כל פיזיש צו ראַטעווען דעם יידן. ברענט אַ הויז, לעשט מען קודם כל דאָס פייער און דערנאָך קלערט מען ווי עס ווידער אויפצובויען. פקוח נפש איז ניט נאָר אַ מענטשלעכער חוב, נאָר אויך די ערשטע נאַציאָנאַלע מצווה, וואָס איז דוחה אַלע אַנדערע. אין אַזוינע צייטן מוז מען, אויב מען קען ניט שיקן יידן, וואו מען וויל און דאַרף, זיי שיקן אַהין, וואו עס לאָזט זיך. און די טעטיקייט פון די יידישע עמיגראַציע־אָרגאַניזאַציעס מיט „היצעם" בראש איז אין דעם פּעריאָד געווען אַ באמת נאַציאָנאַלע, אויב אפילו זיי האָבן געהאָלפן פאַר־שפּרייטן יידן איבער אַלע לענדער און מדינות. די שעה פון זייער כינוס וועט קומען שפּעטער, דאַרט און דעמאָלט, ווען דאָס לעבן פון דעם יידן וועט מער ניט שטיין אין סכנה. אָבער דעמאָלט וועט מען מוזן מאַכן אַ סוף מיט דער פּאָליטיק פון אינדיווידועלער אינפילטראַציע — אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע, און אַביסל וויטער געקוקט — אפילו אַ ווירטשאַפטלעך שעד־לעכע.

עס איז במילא דערפון קלאָר, אַז די יידישע וואַנדערונג קיין ארץ־ישראל האָט אַ באַזונדערע חשיבות ניט בלויז פאַר די, וואָס גלויבן, אַז ארץ־ישראל איז דאָס יידישע לאַנד, דאָס לאַנד פון אונדזער צוקונפט, נאָר אויך פאַר אַלע יידן, פאַר וועמען ארץ־ישראל פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער יידישער געאָגראַפיע און איז דאָס לאַנד, וואָס גיט מער מעגלעכקייטן ווי אַ וואָסער ניט איז אַנדער לאַנד פאַר אַ גאַנץ יידיש לעבן און פאַרן קיום פון יידישקייט.

האַלטן מיר שוין דערביי, זאָל, דרך אגב, געזאָגט ווערן, אַז קיינמאָל זיינען נאָך די אינעווייניקסטע, די ריין יידישע שאַנסן פאַר מאַסן־איינוואַנ־דערונג אין ארץ־ישראל ניט געשטאַנען אַזוי הויך, ווי זיי וועלן שטיין נאָך דער מלחמה. ערשטנס, וועלן פּסיכאָלאָגישע טעמים משפּיע זיין אויפן יידן אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל. יידן, וואָס וועלן לעבן בלייבן, וועלן ניט בלויז האָבן צו באַוויינען די מיליאָנען קברים און די חורבות פון זייערע

היימען, זיי וועלן אויך האָבן איבערגעלעבט אַ זעלישן צוזאַמענברוך. ווי ניט האָפּטיק האָט זיך דאָס יידיש לעבן אַרויסגעוויזן ביים שיין פון דער גרויסער שריפה, ווי שוואַך עס איז דער יידישער אָנהאַלט, דער מאַטעריעלער און גייסטיקער אין די פרעמדע לענדער!

אָבער אויך אָביעקטיווע מאָמענטן וועלן אין אַ גרויסער מאָס אָפּשוואַכן די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל. איך מיין טאַקע די אויסגעוואָרצלטקייט פון יידן פון זייערע אַלטע היימען, וועגן וואָס עס איז שוין געווען די רייד. אַ גרויסע צאָל יידן וועלן ניט האָבן וואָס צו באַדויערן, ווייל אָדער עס וועט זיי בכלל גאָרניש ניט בלייבן אין זייער היימלאַנד, אָדער נאָר אַזוינע ברעקלעך, וואָס זיי וועלן פאַרלאָזן מיט אַ לייכטן געמיט. פון דער אַנדער זייט וועט דאָס לעבן, וואָס יידן האָבן געפירט די לעצטע יאָרן און וואָס גרענעצט לויט זיין פרימיטיווקייט כמעט מיטן צושטאַנד פון אַ חיה אין טיפן וואַלד, געמוזט מאַכן דעם יידן פאַר אַזאַ מסתפק במועט, אַז ווי נידעריק עס זאָל ניט זיין דער לעבנס־סטאַנדאַרד, וואָס דער יידישער כלל וועט אים קענען פאַרשאַפן אין ארץ־ישראל, וועט דאָס נאָך זיין אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט זיין מעמד אונטער דער אָקופּאַציע. עס וועט מעגלעך זיין צו באַזעצן גרויסע יידישע מאַסן מיט באַגרענעצטע מיטלען, וואָס וואָלטן ביי נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן געקענט קוים קלעקן פאַר טויזנטער. נאַטירלעך וועט די איינוואַנדערונג פון יידן מיט אַ נידעריקן, פרימיטיוון לעבנס־סטאַנדאַרד מוזן אַראָפּדריקן דעם איצטיקן אַלגעמיינעם לעבנס־ניוואָ פון ישוב. ניטאָ קיין ברירה: ארץ־ישראל וועט ווי אַלע מאָל אויך להבא טיילן דעם גורל פונעם גאַנצן פאָלק און ווי תמיד וועט זי דאָס טאָן מיטן פולן האַרצן. יידן זיינען אָרעמער געוואָרן, ארץ־ישראל וועט אויך מוזן ווערן אָרעם. זי וועט אָבער ווערן רייכער אין צאָל און פעסטער אין האָפענונג.

אויב ארץ־ישראל וועט ניט קענען אויפנעמען דעם גאַנצן שטראָם פון דער יידישער נאָך־מלחמה־אויסוואַנדערונג, וועט מען אַ טייל יידן מוזן אָנווייזן אַנדערע לענדער, אָבער נאָר אַהין, וואו עס האָבן זיך שוין געשאַפן באַדייטיקע יידישע ישובים און וואו עס זיינען במילא פאַראַן גינסטיקע באַדינגונגען אויף אָפּצוהיטן יידישקייט. פאַרשטייט זיך, יידישע עמיגראַציע הענגט ניט אָפּ פון אונדז אַליין. פאַראַן אַנדערע בעלי־בתים, וואָס האָבן מער דעה ווי מיר. און עס פרעגט זיך, וואָס דאַרפן און קענען מיר פאַרלאַנגען פון די איינוואַנדערונגס־לענדער?

פונקט אַזוי ווי ביי עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, איז אויך דאָ די פאַרמולע פון גלייכע רעכט אַ פּוסט וואָרט. אַקוראַט אַזוי ווי גלייכע רעכט

קען אין דערווירקלעכקייט באַדייטן פולע רעכטלאָזיקייט, אַזוי מוז אויך דער לאָזונג פרייע אײנוואַנדערונג זיך פאַרוואַנדלען אין איר היפוך, ד"ה אין פאַרמאַכטע טירן פאַר יידן.

פרייע אײנוואַנדערונג איז אַבסאָלוט ניט רעאַל, ווייל ניט רעאַליזיר־באַר. זי איז אָבער אַפילו ניט יושרדיק ביי די היינטיקע מאָראַלישע מאָסן פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן. איר וועט ניט געפינען קיין איין לאַנד אין דער וועלט, סאָוועט־רוסלאַנד ניט אויסגענומען, און קיין איין פאַרטיי אין קיין איין לאַנד, אויך ניט די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע, וואָס זאָל אין אַזאַ אַבסאָלוטער פאָרם דערלאָזן דעם געדאַנק וועגן פרייער אומבאַ־גרענעצטער אײנוואַנדערונג. עס איז פשוט זיך ניט פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ פאָדערונג, ווי ד"ר ווײנרײכס: „אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונג דאַרף גאַראַנטירן די פרייהייט פון עמיגראַציע און אימיגראַציע אין אַלע לענדער" (פון מיר אונטערגעשטראָכן — י. ע.) זאָל וואו ניט איז, חוץ ביי אונדז, גאָר קענען אָנועקגעשטעלט ווערן. לייגט אַרויף די האַנט אויפן האַרצן און פרעגט זיך אַליין, צי קען מען, למשל, פאַרלאַנגען פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָדער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט, אַז זיי זאָלן צולאָזן אַ ניט־באַגרענעצטע אײנוואַנדערונג פון כינעזער, יאַפּאַנער, הינדוסן אָדער שוואַרצע? קלאָר, אַז ניט. וואָרעם די דאָזיקע פרייהייט וואָלט אין אַ פּאָר דורות דערפירט צום אונטערגאַנג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אַ פאַר־באַנד פון מענטשן אויפן יסוד פון אַ געוויסן מלוכה־סדר, און סוף כל סוף — צו אַ פאַרשקלאַפונג פון דער ווייסער מינדערהייט דורך דער פאַרביקער מערהייט. פאַרשטייט זיך, נעמט מען ווידער אַמאָל ווי אַן אײנהייט ניט אײנצלנע מדינות אָדער פעלקער, נאָר די גאַנצע מענטשהייט, איז עס קיין שום נפקא מינה ניט, צי וועלן די פאַראייניקטע שטאַטן זיין אַמעריקאַניש אָדער יאַפּאַניש און, אין דער אמתן, פאַרוואָס טאַקע אײנצאַמען דעם אינ־טערנאַציאָנאַליזם, אויב מען איז שוין אינטערנאַציאָנאַליסטיש, אין די גרענעצן פון איין מדינה, פוילן, למשל, און דערקלערן, אַז דאָ זיינען ניטאָ קיין פעלקער־בעלי־בתים און פעלקער־שכנים? פאַרוואָס ניט גיין ווייטער און נעמען אַ גרעסערע אײנהייט, דעם ערד־קוגל, וואָס האָט לכל הפחות די מעלה, וואָס ער איז אַ נאַטור־פאַקט און אייביק, בעת די מדינה־גרענעצן זיינען צייטווייליקע און קענען זיך אַ ליאַדע טאָג ענדערן. די צרה איז אָבער, וואָס די פאָרמולע גופא „ניטאָ קיין פעלקער־בעלי־בתים און פעלקער־געסט" איז אַקוראַט אַזוי רעאַל, ווי דאָס עוואַנגעלישע: „ניטאָ קיין העלענער, ניטאָ קיין יידן". אָט פאַרוואָס עס איז פאַר די אַמעריקאַנער דווקא אַ גרויסער חילוק, ווער עס וועט באַוואוינען זייער קאָנטינענט. און

אַלע אַמעריקאַנער אָן אויסנאַם וועלן זיך מיט אַלע כוחות אַנטקעגנשטעלן
אַזאַ פרייער איינוואַנדערונג. איך האָב בכיוון גענומען אַזאַ דראַסטישן ביי־
שפּיל. נאָר דער פּרינציפּ בלייבט דער זעלביקער, צי האַנדלט עס זיך
וועגן אַ ראַסע מיט אַן אַנדער הויט־פאַרב אָדער וועגן אַ פאָלק מיט אַן
אַנדער קולטור און אַן אַנדערן לעבנס־ניוואָ. און דעריבער קענט איר
טאַקע ניט געפינען אין דער גאַנצער ליטעראַטור וועגן די נאָך־מלחמה־פּראָ־
בלעמען קיין איין איינציקן מחבר, וואָס זאָל ניט אָננעמען די פאָרמולע
פונעם קאָנסערוואַטאָר הערבערט הואווער, וואָס דערקלערט, אַז „פרייע
אימיגראַציע איז אַ זאַך פון אוממעגלעכקייט", אָדער די מיינונג פונעם
ראַדיקאַל און לייבאָריסט נאָרמען ענדזשעל, אַז „די טעג פון פולקום פרייער
אימיגראַציע פאַר אַ וועלכן ניט איז פאָלק זיינען פאַרביי". און אויב
צווישן יידן געפינט איר מענטשן און דווקא מיושבדיקע, וואָס רעדן ערנסט
וועגן אַזאַ מין פרייהייט, צי איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל אַזוי אַרום ווערן
זיי פטור פון אַ נודנער פּראָבלעם וואָס פאַר אַ שטעלונג אַנצונעמען צו דער
פאָדערונג פון פרייער יידישער איינוואַנדערונג אין ארץ־ישראל. מען מיינט
אויף אַזאַ אופן יוצא צו זיין פאַר אַלע צדדים: אי מען „לאָזט" יידן אַריין אין
ארץ־ישראל, אי מען ווערט פטור אָנערקענען די באַזונדערע מאָראַלישע
רעכט פון יידן אויף זייער היסטאָריש לאַנד, וואָרעם די אַלגעמיינע פאָרמולע
פון פרייער איינוואַנדערונג אין אַלע לענדער איז שוין במילא חל אויך אויף
ארץ־ישראל. מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז סתם פרייע איינוואַנדערונג אין
ארץ־ישראל, ד"ה פאַר אַלעמען, במילא אויך פאַר די אַראַבער פון סיריע
און חורן, וואָלט רעאַל באַדייט פאַקטיש פאַרשליסן די טויערן פון לאַנד
פאַר יידן, מיטן אויסנאַם פון יידישע קאַפּיטאַליסטן, ווייל פאַר יידישע
אַרבעטער וואָלט קיין אָרט ניט געווען אין אַ לאַנד, וואו וואָלוועלע אַראַבישע
אַרבעט־ה,ענט וועט זיין לרוב. מיינען אָט דאָס יידישע סאָציאַליסטן, אָדער
זיי האָבן מורא צו דערטראַכטן דאָס ביזן סוף?

אויפן דאָזיקן משל קענט איר זען, ווי מען דאַרף אַנטלויפן, ווי דער
שטן פון ווייראַך, פון אַזוינע ליבעראַליסטישע ווערטער ווי פרייהייט, גלייכ־
הייט וכדומה, ווען מען שטייט אין מיטן פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט,
וועלכע איז, ליידער, ווייט נאָך צו זיין פריי און נאָך ווייטער פון צו זיין גלייך.

יידישע פרייע איינוואַנדערונג איז אַ טאָפּלטע אוממעגלעכקייט, אויב
מען גלויבט, ווי מיר נאַציאָנאַלע יידן גלויבן, אַז אַסימילאַציע איז אַ חלום
און אַז אין די נייע לענדער, וואו יידן וועלן אַריין, וועלן זיי בלייבן ביי
זייער אייגענעם פּרצוף, ביי זייער ציוויליזאַציע. נאַציאָנאַל־פרעמדע און ניט
אַסימילירנדיקע עלעמענטן וויל מען ניט פאַרטראָגן, אפילו ווען זיי געפינען

זיך שוין אין לאַנד הונדערטער יאָרן. אַ פּשיטא שוין וועט קיין לאַנד ניט וועלן זיי אַריינלאָזן פון דאָס ניי. ניט אַריינלאָזן איז דער פּשט אין אַ גרויסער צאָל, וואָס קען שטעלן אין סכנה די איינפאָרמיקייט, וואָס איז דער אידעאַל פון אַלע לענדער. דאָס מאַכט אָבער ניט אוממעגלעך אַ באַגרענעצטע יידישע איינוואַנדערונג אין לענדער, וואָס זייער געוויסן דערלאָזט זיי ניט אויסצושליסן יידן אינגאַנצן, פאָרמעל זיי אויסצושליסן אין לענדער, וואו מען האָט נאָך אַ מענטשלעך געפיל פאַרן אונטערדריקטן און געפלאָגטן יידן.

כדי אָבער דער יידישער אַרגומענט זאָל פון אונדז קענען אויסגענוצט ווערן, און איך מיין, אַז פאַר געוויסע פעלקער איז עס נאָך אַן אַרגומענט אָדער קען אַזוינער ווערן, דאַרפן מיר קודם כל אַרויסטרעטן אָן אַ שום מאַסקע, ד״ה ניט ווי פּאָליאַקן, טשעכן, דייטשן וכדומה, נאָר ווי יידן. איך ווייס, „פּראַקטישע“ יידן מיינען פאַרקערט, אַז מיר קענען ווי ניט איז זיך דורכגליטשן אין די איינוואַנדערונגס־לענדער נאָר אַנאָנים. ניט פון היינט אָן האַלטן מיר אין איין נאָכמאַכן דעם קלאַסישן טעות פון דעם שטרויספויגל. ווי מיר זאָלן זיך ניט רופן, דערקענט מען אונדז פון מיילן ווייט. און דעריבער זעט איר לענדער, ווי בראַזיל, למשל, וואָס שעמען זיך און פאַרמעל אָנערקענען זיי, אַז יידן קענען איינוואַנדערן אויף די אייגענע יסודות ווי אַלע אַנדערע. וואָס זשע דען, הינטן אַרום און בשתיקה גיט מען קאָנפידענציעלע אינסטרוקציעס די קאָנסולאַטן יידן קיין וויזעס ניט צו געבן. די אייגענע חכמה מאַכן מיט קליינע אויסנאַמען כמעט אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. די פאָרמולע פון גלייכע רעכט פאַר יידן איז פאַר זיי ווי צוגעפּאַסט. אי זיי זיינען פיינע לייט און שטייען שטאָל און אייזן פאַר דעמאָקראַטישער גלייכקייט און קעגן ראַסן־האַס, אי זיי ווערן פּטור פון יידן. איז לאָמיר לכל הפּחות אַזוינע „קלוגע“ לענדער ניט טאָן די טובה און זיי לאָזן ווייטער שפּילן די צביעותדיקע קאָמעדיע. לאָמיר זיי שטעלן שאַרף, פּנים אל פּנים, הן מיט זייער אייגענעם געוויסן, הן מיט דער וועלט־מיינונג.

און ווייל איך גלויב, אַז ניט אַלע לענדער און ניט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג זיינען שוין אַראָפּגעזונקען אין דעם נאַציסטישן תהום, גלויב איך אויך, אַז אויב אונדזער עמיגראַציע־פּראָבלעם וועט געשטעלט ווערן מוטיק און אָפן, אָבער גלייכצייטיק באַשיידן און רעאַליסטיש, ד״ה אין אַ ראַם פון רעאַליזירבאַרע מעגלעכקייטן, וועלן מיר אין אַ ריי לענדער זיך קענען דערשלאָגן צו אַ באַגרענעצטער, אָבער רעאַלער יידישער איינוואַנדערונג־קוואָטע. דאָס אָבער קען דער יחיד ניט דערלאַנגען. קיין אינדי־

ווידועלע עמיגראַציע וועט מסתמא נאָך דער מלחמה בכלל מער ניט זיין. און אויב יאָ — אין אַ גאָר באַשרענקטער מאָס. די אימיגראַציע וועט זיכער זיין אַ סעלעקציאָנירטע און אָרגאַניזירטע. במילא קען נאָר דער אָרגאַניזירטער יידישער כלל זיין אַ פאַרהאַנדלונג־פּאַרטנער מיט די רע־גירונגען פון די איינוואַנדערונג־לענדער. נאָר ער וועט קענען איבערנעמען די נויטיקע פינאַנסיעלע התחייבותן, געבן גאַראַנטיעס, אַז די יידישע איינ־וואַנדערער וועלן זיך באַזעצן אין די געגנטן, וואו זייער אַרבעט־קראַפט קען נוצלעך אָנגעווענדט ווערן לטובת דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַז זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט אַזוינע מלאכות און פראַפעסיעס, וועלכע דאָס לאַנד, לויט זיין אייגענער מיינונג, און זיין מיינונג איז דאָ דעצידירנדיק און ניט אונדזער, האָט נויטיק. „פרייע", כאַאָטישע יידישע וואַנדערונגען מוזן פירן צו פאַרמאַכטע טויערן. אַ באַגרענעצטע אימיגראַציע פון דעם יידישן כלל רעגולירט און אָרגאַניזירט, וועט, פאַרשטייט זיך, ניט קענען ברייט פאַנאַנדערפראַלן די דאָזיקע טויערן. אָבער אַן אָפענע טיר וועלן מיר אפשר דאָך געפינען. אַלץ בעסער ווי גאָרניט.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

יידישע אויטאָנאָמיע און יידישע דיסציפּלין

יידישע פּאַרטייען האָבן, בעת זיי זיינען צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן די פּראָגראַם פאַר נאַציאָנאַלע יידישע פאָדערונגען, זיך געלאָזט פאַרפירן פון פאַלשע אַנאַלאָגיעס מיט אַנדערע מינדערהייט־פעלקער. זוכנדיק שותּפים צווישן זיי, האָבן זיי פאַרמאַכט די אויגן אויף די גרונט־פאַקטן, וואָס שיידן אונדז אָפּ פון אַנדערע מינדערהייטן. וואָלטן זיי זיך אינספּירירט פון יידישער געשיכטע און ניט פון טעאָריעס, אויפגעקומענע ביי גאָר אַנדערע באַדינגונגען, וואָלטן זיי באַגריפן, אַז מען דאַרף ווידער אָנהויבן שפּינען דעם פאָדעם פון יידישער אויטאָנאָמיע דאָרט, וואו ער האָט זיך איבערגעריסן. וואָרעם די דאָזיקע אויטאָנאָמיע, געשאַפן און אויסגעוואַקסן אָרגאַניש פון דעם יידישן לעבן גופא, איז געווען און געבליבן די פאָרם פון אונדזער כלל־לעבן, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער ספּעציפישקייט פון אונדזער גלות־סיטואַציע.

די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען פון די יידישע פּאַרטייען באַשטייען פון צוויי חלקים: א) רעכט פונעם יידישן יחיד צו באַנוצן זיך מיט זיין מוטער־שפּראַך אין פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן; ב) רעכט פון די יידן זיך צו פאַראייניקן אין אַ פּערסאָנאַלן, עפנטלעך־רעכטלעכן פאַרבאַנד, כדי צו באַפרידיקן זייערע קולטורעלע באַדערפענישן אין שולן, אין בילדונג־אַנשטאַלטן וכדומה. די סיימיסטן, פּועלי־ציון און פאָלקיסטן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אַ מער ברייטער פּראָגראַם, האָבן צו דער קאָמפּעטענץ פון לאָקאַלן פאַרבאַנד און פון זיינע לאָקאַלע אָרגאַנען — די קהילות, מוסיף געווען עמיגראַציע און צדקה. גערופן האָט מען דאָס מיט אַ בעסער־קלינגענדיקן נאָמען „סאָציאַלע פאַרזאָרגונג”, וואָס בייט אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט דעם תוך.

ווען מיר אַנאַליזירן די דאָזיקע פּראָגראַם, זעען מיר, אַז די ערשטע גרופּע האָט אין זינען די רעכט פון דעם יחיד און איז בעצם אַן עלעמענטאַרער טייל פון איטלעכער דעמאָקראַטישער פאַרוואַלטונג. נאָר די צווייטע

קאַטעגאָריע איז שייך צו נאַציאָנאַלע רעכט אין אמתן זינען, ד"ה רעכט פון דעם קאָלעקטיוו. אָבער זייער רעאַלער אינהאַלט מיינט ניט מער, ווי אַז די לאָקאַלע קהילות און דער צענטראַלער פאַרבאַנד וואָלטן געהאַט אויס־צופילן אַקוראַט די אייגענע פונקציעס, ווי יעדע פּריוואַליקע בילדונג־געזעלשאַפט אָדער צדקה־חברה. דאָס הייסט אינסטיטוציעס, וואָס ווידער אַמאָל קענען זיי פרייַ און ניט געשטערט געבילדעט ווערן אין איטלעכן לאַנד, וואָס ווערט רעגירט אונטער אַ דעמאָקראַטישן רעזשים. דאָס, וואָס די רעגירונג און די מוניציפּאַליטעטן האָבן געדאַרפט דעקן אַ טייל פון זייערע הוצאות, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט אַליין אויסגעבן לערך צו דער צאָל יידן, איז אויך ניט מער ווי אַן עלעמענטאַרע, דעמאָקראַטישע פאָדע־רונג, וואָס אפילו ניט דעמאָקראַטישע רעגירונגען און מוניציפּאַליטעטן האָבן — אמת, אין אַ זייער קאַרגער מאָס, אָבער דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער מאָס, נאָר וועגן פּרינציפּ גופא — אָפּט געטאָן בנוגע פּריוואַטע יידישע חברות און פּרייוויליקע קהילות. בכן, בלייבט נאָר איין פּרינציפּיעלער חילוק צווישן די נייע קהילות, וואָס וואָלטן געדאַרפט געגרינדעט ווערן אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און די אַלטע — אַן אונטערשייד, אַ ריין פאָרמעל־יוריסטישער, וואָס די ערשטע וואָלטן אָנערקענט געוואָרן, ווי אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן רעכט, און וואָס די אָנגעהעריקייט צו זיי וואָלט געווען אָבליגאַטאָריש פאַר יעדן יידן. אָבער די דאָזיקע אָנגעהעריקייט גופא איז דעם יידן צו גאָרנישט ניט מחייב, אַ חוץ צו צאָלן שטייערן אויף ספּעציעל יידישע הצטרכותן. דער דאָזיקער פּונקט איז דער איינציקער ממשותדיקער אין דער גאַנצער פּראָגראַם פון די יידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען.

זייער פּרינציפּיעלער, און כלל ניט צופעליקער פעלער, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן דער יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע ניט געגעבן קיין שום אויטאָריטעט, קיין שום שליטה איבערן יידישן יחיד. אַזוי, למשל, וואָלטן יידישע קהילות געהאַט דאָס רעכט צו גרינדן און אויסצוהאַלטן שולן מיט העברעאיש אָדער יידיש ווי די שפּראַך פון די לימודים. אָבער זיי וואָלטן גאָרניט געקענט טאָן, ווען די דאָזיקע שולן וואָלטן געפּוסטעוועט, ווייל יידישע עלטערן וואָלטן געשיקט זייערע קינדער אין פרעמדע שולן. מיט אַנדערע ווערטער, דער חוב פון דעם בירגער צו שיקן זיין קינד אין שול, וואָלט דער ייד געקענט דערפילן לויט זיין וואויל־געפעלן. ער וואָלט געהאַט די ברירה צו שיקן זיין קינד אין אַ יידישער אָדער אין אַ פרעמדער שול. און טעאָרעטיש קען מען זיך גאַנץ לייכט אויסמאָלן, אַז די יידישע „קולטורעלע אויטאָנאָמיע" זאָל בלייבן אַן אויטאָנאָמיע אָן קולטור, אַ רעכט אויף שולן — אָן שולן און אָן תלמידים.

ביי לייטן, ווען מען זאָגט אויטאָנאָמיע, פֿאַרשטייט מען דערונטער גאָר עפּעס אַנדערש. אויטאָנאָמיע, לאָקאַלע אָדער פּראָווינציעלע, מיינט, אַז די מדינה גיט אָפּ, אונטער געוויסע באַדינגונגען, דער באַטרעפֿנדיקער איינהייט אַ באַשטימטן חלק פֿון איר אויבערשטן רעכט איבערן בירגער. אויטאָנאָמיע עקסיסטירט רעאַל נאָר דאָרט און דעמאָלט, וואו און ווען זי איז פֿאַרבונדן מיט געוויסע אַטריבוטן פֿון מלכות, פֿון סואווערעניטעט. און אַזוי האָט טאַקע אויסגעזען די יידישע אויטאָנאָמיע אין גלות ביז זי איז אונטערגעגאַנגען מיטן אויפֿקום פֿון דער עמאַנסיפּאַציע. און אַזוי וועט זי אויך מוזן אויסזען, אויב איר איז באַשערט ווען ניט איז ווידער אויפֿצולעבן.

אויטאָנאָמע רעכט אויפֿן יידישן שולוועזן מיינט ניט אַזוי דאָס רעכט פֿון דער קהילה צו בויען שולן, ווי איטלעכע פּריוואַטע חברה, נייערט דעם חוב פֿון די יידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער נאָר אין די יידישע שולן. דאָס מיינט די אָבליגאַטאָרישקייט פֿון דער יידישער שול. יידישע אויטאָנאָמיע אויפֿן געביט פֿון עמיגראַציע מיינט ניט דאָס רעכט צו געבן שטיצע דעם עמיגראַנט אויף זיינע הוצאות הדרך און גוטע עצות ווי צידה לדרך. דאָס קען פּונקט אַזוי גוט אָדער שלעכט טאָן איטלעכער עמיגראַנטן־הילף־פֿאַראיין. דאָס מיינט עפּעס מער און עפּעס וויכטיקערס: דאָס רעכט צו זאָגן דעם עמיגראַנט אַ דעה — צי פֿאָרן אָדער צי דאַרף ער בכלל ניט פֿאָרן, און אויב יאָ — איז וואוהין. רעכט אויף שבת־רו מיינט ניט, אַז דער ייד, אויב ער וויל, קען ער רוען שבת, און אויב ער וויל — זונטיק אָדער גאָר פֿרייטיק. דאָס מיינט, אַז אויב קהל נעמט אָן, און ער וועט עס זיכער אָננעמען, אַז שבת איז ניט נאָר אַ רעליגיעזע מצווה, נאָר אַ סאָציאַל־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן, אויב דער יידישער לעבנס־שטייגער זאָל בכלל האָבן אַ המשך, דאַרף קהל האָבן דאָס רעכט מחייב צו זיין דעם יידן צו היטן שבת, אויף דעם אופֿן ווי עס פּאַסט לויט אונדזערע היינטיקע באַגריפֿן און וועדליק די איצטיקע לעבנס־תנאים. דאָס הייסט קודם כל, אַז שבת דאַרף דער ייד פֿאַרמאַכן זיין געשעפֿט, ניט אַרבעטן אין זיין וואַרשטאַט. פּונקט אַזוי ווי די רעגירונגען ווענדן אָן דעם געזעץ פֿון זונטיק־רו און לאָזן ניט יעדן יחיד איבער די פֿרייהייט צו אַרבעטן זיבן טאָג אין וואָך אָדער אַליין זיך אויסצוקלייבן זיין רו־טאָג, ווי אים וועט פּאַסן און געפֿעלן. אַקוראַט ווי זונטיק־רו איז אָבליגאַטאָריש פֿאַר קריסטן, פּונקט אַזוי דאַרף הער שבת־רו זיין אַ חוב פֿאַר יידן. אַי וואָס, אַ געוויסער מין יידישע ראַדיקאַלן, וואָס רימען גראָד די אינסטיטוציע פֿון אָבליגאַטאָרישן זונטיק־רו, ווי אַ גרויסע דערגרייכונג פֿון סאָציאַלן פּראָגרעס, וועלן מאַכן געוואַלטן, אַז שבת־רו מיינט פֿאַרגעוואַלטיקן „געוויסן־פֿרייהייט”, מיינט, גאָט

זאָל שומר ומציל זיין, רעאַקציע, פינצטערניש און אָבערגלויבן, אַז צווינגען דעם יידן רוען שבת הייסט איבערגעבן דעם „קלער״ די ממשלה, איבערן יידן, אים צווינגען צו זיין פרום — איז פאַרפאַלן. וויניק טענות האָבן די דאָזיקע ראַדיקאַלן צו יידישקייט בכלל, וועלן זיי האָבן נאָך אַ טענה.

בעת איך זאָג, אַז אַ נאַציאָנאַלע יידישע פּראָגראַם דאַרף זיך אינספּירירן פון יידישער געשיכטע און פון דעם מאָדעל פון יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט, מיין איך, פאַרשטייט זיך, ניט ,אַז מיר דאַרפן היינט נעמען די דאָזיקע מוסטערן און זיי ווידער איינפירן ביי אונדז, ווי זיי שטייען און גייען. קאָפּירן בלינדערהייט פרעמדע מאָדעלן איז שעדלעך. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מען דאַרף שטענדיק קאָפּירן דעם אייגענעם עבר. מער ניט וואָס דען, מיר קענען האָבן מער פאַרטרויען אין אונדזער אייגענער היסטאָרישער דערפאַרונג ווי אין פרעמדער. און די גרונט־פּרינציפּן, וואָס די דאָזיקע דערפאַרונג האָט אויסגעשמידט, דאַרפן אונדז דינען פאַר אַ באַזיס פון אונדזער דור. אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ באַזיס. בויען דאַרף מען אין הסכם מיט אונדזערע היינטיקע השגות און אין אונדזער היינטיקן אַרום. און גראָד אָט דער פּרינציפּ פון יידישער אויטאָריטעט איז אויך איצט אַן אמת ניט נאָר דערפאַר, ווייל ער שטימט מיט דער יידישער טראַדיציע, נייערט אויך דערפאַר, ווייל ער ענטפערט אויף אונדזערע היינטיקע גייסטיקע און מאַטעריעלע נויטן און ער וועט זיך קענען איינפּאַסן אין ראַם פון דער נייער צייט, וואָס האַלט אין קומען.

איך ווייס וואויל, אַז אַזאַ פאָרם פון יידישער אויטאָנאָמיע וועט מוזן אַרויסרופן אַ שאַרפע אָפּאָזיציע אין געוויסע יידישע קרייזן. אַז די מלוכה קען צווינגען דעם יחיד צו טאָן דאָס און ניט צו טאָן יענץ, אַז זי קען זיך אַריינמישן אין מיינע פּריוואַטע „ביזנעס״ און מיר זאָגן אַ דעה, וואָס פאַר אַ מקח איך קען פאַרלאַנגען פאַר מיין סחורה, וואָס פאַר אַ ריווח איך וויל האָבן אויף מיין קאַפּיטאַל — צו דער צרה איז מען שוין געוואוינט, און דאָס זעט שוין אויס נאַטירלעך. אָבער אַז יידישער קהל זאָל זיך מישן אין „מיינע עסקים״, דאָס קען דער היינט־מאָדישער ייד אפילו ניט צולאָזן אויפן געדאַנק. וואָרעם יידישקייט איז דאָך פאַר אים נאָר די „סינאַגאָגע״ און אין בעסטן פאַל וועט ער זיך פון איר לאָזן דיקטירן מצוות בין אדם למקום, אָבער ניט בין אדם לחברו. אַפילו צווישן יידן, וואָס בדרך כלל דענקען זיי יאָ סאָציאַל און אפילו סאָציאַליסטיש, וועט איר אויך געפינען ניט וויניק, וואָס אויף יעדער אינטערווענץ פון יידישן כלל אינעם לעבן פונעם יחיד, וועלן זיי קוקן ווי אויף אַן אַטענטאַט אויף זייער פּערזענלעכער „פרייהייט״. אין יידישע ענינים זיינען זיי געבליבן ליבעראַליסטיש און זיי

צעמישן נאָך אַלץ די באַגריפן פון געזעצלעכער אינדיווידועלער פרייהייט מיט פשוטער עגאָאיסטישער הפקרות. מען וועט אַרויסרופן די געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט און שרעקן יידן מיט מלקות, מיט דער קונע און מיט „אין פּאָליש אויף דער קייט". און מיט וואָס ניט?

ביז איצט האָבן מענטשן נאָך ניט געזען קיין אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך קענען האַלטן אָן שום עלעמענטן פון צוואַנג נאָך ווייניקער, ווי זי קען זיך באַגיין אָן אַ מאָראַלישן יסוד. אָן אַ מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון שלעכט און גוט, פון רעכט און אומרעכט וואָלטן אַלע תּפיסות אויף דער וועלט ניט געקלעקט פאַר אַלע פאַרברעכער, אָבער אָן תּפיסות וואָלטן פאַרברעכער זיך געמערט און געפּרוכפּערט. איר געדענקט דאָך מסתמא דעם שפּרוך פון אַלטן פּאַסקאַל: „גערעכטיקייט אָן כּוח איז אוממעכטיק, כּוח אָן גערעכטיקייט איז טיראַניע". ניט אומזיסט האָט לענין, וועלכער איז געווען ניט בלויז אַ טעאָרעטיקער און רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַ געוואַלטיקער מענטשן־קענער געמאַכט פאַר זיין לאָזונג: „איבערצייגן און צווינגען". וואָרעם ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז מיט איבערצייגן אַליין קען מען ווייט ניט גיין. אונדזערע משכּילים האָבן אָפּגעשפּאָט פונעם חרם און זיינען געווען געוואַלטיק אויפגעבראַכט אויף דער „אינקוויזיציע", וואָס יידן האָבן מיט אייגענע הענט איינגעפירט ביי זיך. נאָר וואָס איז דען געווען דער חרם, אויב ניט אַן עלעמענטאַר שוץ־מיטל, צו וועלכן יעדער אָרגאַניזירטער כּלל מוז אָנקומען, כּדי אַרויסצושפּייען פון זיין מיט פאַררעטער און בוגדים. חרם האָט געמיינט אָפּנעמען ביים יידן, וואָס האָט זיך שווער פאַרזינדיקט, זיינע ציווילע און פּאָליטישע רעכט, די רעכט פון דער יידישער בירגערשאַפט. נאָר דאָס, וואָס ביי יעדער געזונטער, אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט ווערט אָנערקענט, ווי איר נאָרמאַלע פונקציע, ווערט איצט ביי אונדז דערקלערט ווי „אינקוויזיציע", ווייל פאַר דער צייט איז די יידישע „בירגערשאַפט" אונטערגעגאַנגען, ווייל אינצווישן האָט די אַסימילאַציע טריאומפירט, און אַסימילאַציע איז גלייך — הפקרות.

זיינען מיר טאַקע זינט דער עמאַנסיפּאַציע דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט, וואָס איז אַבסאָלוט הילף־ און מאַכטלאָז קעגן זיינע אייגענע פאַררעטער. יעדע מלוכה, צי אַ בירגערלעכע, צי אַ סאָציאַליסטישע, קען דעם באַגריף פון „לאַנד־פאַרראַט", פון נאַציאָנאַלער בגידה. און אַלע האָבן זיי צוגעגרייט פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן די שאַרפסטע שטראָפן. נאָר ביי אונדז קען דאָס געמאָלט זיין, אַז יידן זאָלן עפנטלעך פאַרראָטן זייער פאָלק און מען זאָל גאָרנישט קענען טאָן קעגן זיי און על פּי רוב — גאָר ניט וועלן עפּעס טאָן. מיר פאַרלירן ביסלעכוויז דאָס באַוואוסטזיין, אַז פאַרראַטן

דעם יידישן פאָלק איז בכלל אַ זינד. נעמט, למשל, יענע יידן, וואָס לעבן אין נייטראַלע לענדער און וואָס מיליאָנען יידישע קרבנות שטערן זיי נאָך עד היום ניט צו האַנדלען מיט נאַצי־דייטשלאַנד. וויפיל יידן פיגורירן, צו אונדזער חרפה און בושה, אויף די „שוואַרצע ליסטעס" פון די אַליאירטע; געשעט זיי עפּעס? אין בעסטן פאַל זאָגט מען זיי מוסר אין די צייטונגען און ניט שטענדיק האָט מען אפילו דעם מוט זיי אָנצורופן ביי זייער כשרן נאָמען. איר וועט זיי אַפילו געפינען אין יידישע חברות און קאָמיטעטן. און אַ פעטע נדבה איז דאָך אוודאי מכפר אי אויף שמד, אי אויף בגידה. אָט אַזוי האָט זיך די הפקרות פון דעם יחיד איינגעגעסן אויך אין דעם כלל, דעמאָראַליזירט אויך אים און זיינע אינסטיטוציעס.

נעמט דאָס טרויעריקע און מיאוסע קאַפּיטל שמד. ווייניק משומדים דרייען זיך אַרום צווישן אונדז. און ווי? — ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. ניט מען רייסט מיט זיי איבער דעם געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט און אַ פשיטא שוין, אַז מען באָיקאָטירט זיי ניט געשעפטלעך, ד"ה מען לייגט זיי ניט אין חרם אַריין. שמד האָט פאַרלאָרן זיין אַמאָליקן מיין הן ביי די געשמדטע, הן ביי די טריי־געבליבענע יידן. דער משומד פילט זיך אַפילו גאָר האָפערדיק: אי ער האָט פאַרסטראַכירט זיך אָדער לכל הפחות זיינע קינ־דער און קינדס־קינדער קעגן ליידן, קעגן יידישע יסורים, אי ער דאַרף אפילו ניט איבעררייסן מיט זיין סביבה, צו וועלכער ער פילט זיך נאָך פאַרבונדן און אין וועלכער ער נויטיקט זיך נאָך. פאַרשטייט זיך, עס וואָלט אים געווען פרייעלעכער און רואיקער אויפן האַרצן, ווען די איבעריקע יידן זאָלן נאָכטאָן זיין ביישפיל. נאָר וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, אַז זיי זיינען אידיאָטן און ווילן דווקא ליידן פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין טעם און קיין זינען. איז ער טאַקע אַ קלוגעטשקער און קויפט זיך אייןביידע וועלטן.

אָט אין וואָס עס האָט דעגענערירט די געלויבטע און באַזונגענע „פריי־הייט" פון דעם יידישן יחיד. קען נאָך געמאָלט זיין, אַז ערלעכע מענטשן און פרייע יידן זאָלן נעמען אונטער זייער שוץ די דאָזיקע „פרייהייט" אויך איצט, אין דעם טראַגישסטן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע, ווען אונדזער פיין און לייד זיינען אַריבער אַלע גרענעצן?

אויף צו מאַכן אַ סוף צו יידישער הפקרות מוז מען קודם כל ווידער אויפריכטן יידישע אויטאָריטעט, אַ מאָראַלישע — אומעטום, אַ געזעצלעכע — דאָרט, וואו דאָס איז נאָר מעגלעך. אַלטע כללים און תקנות דאַרפן ווידער אַריין אין קראַפט, נייע — אויסגעאַרבעט ווערן, כדי אויסצוראָטן מיטן וואָרצל די פעסט פון בגידה צווישן יידן. יידישע אויטאָנאָמיע מיינט דערי־בער קודם כל איבערדערציען דעם יידישן עולם און אים לערנען דעם

פשט פון דיסציפלין, דעם יסוד פון יעדן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. און ־שפּאַרט זיך אַ ייד אײַן און וויל דעם פּסוק ניט הערן, מוז קהל געפינען די מיטלען אים צו צווינגען.

מען וועט זאָגן: סטייטש, צי איז דען ניט דער קיום גופא פון דער יידישער אומה אַן אַקט פון פרייוויליקייט, צווינגט אונדז דען עמעצער צו בלייבן יידן, צי האָבן מיר דען ניט אין לויף פון אונדזער געשיכטע ניט געהאַט קיין גינסטיקע געלעגנהייטן זיך צו פאַרשמעלצן מיט די פעל־קער און צו פאַרשווינדן פון דער וועלט? און אויב מיר האָבן עס ניט געטאָן, צי איז דאָס ניט געווען דערפאַר, ווייל מיר האָבן עס ניט געוואָלט און מיט אונדזער פרייען ווילן געליטן צוליב דעם? הונדערט מאָל ריכטיק, אָבער מ׳טאָר ניט צונויף, איך בעט אייך, דעם פאָלקס־ווילן, ווי ער ווערט אויפן טיפסטן אופן אויסגעדריקט דורך די בעסטע און שטאַרק־סטע פון פאָלק, מיט דער פרייוויליקייט פון דעם יחיד. דער כלל מוז באַ־זיצן דעם ווילן און דעם כוח בייצוקומען די יחידים, וואָס זייער פרייער ווילן שטעלט זיך אַקעגן דעם פאָלקס־ווילן. געוויס דאַרף דער כלל זיין שליטה אַנווענדן מיט מאָס און מיט רחמנות, ווייל מיר זיינען אין גלות, אָבער דאָך מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון זיין מאָראַלישער קראַפט און מיט דער גאַנצער צוואַנגס־אויטאָריטעט, וואָס ער קען נאָר באַזיצן.

א. גאָלאָמב, וואָס פון אַלע אונדזערע היינט־צייטיקע יידישע שרייַ־בער איז ער געווען יענער, וואָס האָט ווייט און טיף פאַרפאָלגט די יידישע אַסימילאַציע און זי אַרויסגעשלעפּט פון אַלע אירע פאַרבאָרגנסטע באַהעל־טענישן, זי אויפגעדעקט אונטער אַלע אירע מאַסקעס, דערונטער נאַציאָנאַ־ליסטישע, סאָציאַליסטישע, ציוניסטישע און כלערליי „איסטישע״, צעשניטן אָן רחמנות די דאָזיקע אַסימילאַציע מיט אַ שאַרפן חלף אויף שטיקלעך, צע־טרייבערט און אונדז באַוויזן אירע שמוציקע אינגעווידן, האָט, ווי מיר דוכט, איין זאַך פאַרזען: אַז מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן נאָר אויף דעם כוח השפעה פון דעם כאַראַקטער־שטאַרקן יידישן מיעוט. צו וואָס איז ער געגליכן דער דאָזיקער מיעוט, אויב ער בלייבט אַליין — צו היוון אָן טייג, וואו ער זאָל קענען יוערן און אויפגיין. און טאָקע מחמת דעם האָט שטענדיק דער דאָזיקער מיעוט, אונדזערע לומדים און פּרנסים, געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם יחיד פון זינדיקן און געמאַכט האָבן זיי גדרים צו גדרים און סיגים צו סיגים. זיי האָבן תמיד געוואוסט, אַז יידישקייט איז געגעבן געוואָרן ניט פאַר מלאכים אין הימל, נאָר צו זינדיקע מענטשן אויף דער ערד. און דערפאַר טאָקע זעען מיר, אַז די יידישע אויטאָנאָמיע האָט אין משך פון אונדזער גאַנצן גלות, ביז צו דער עמאַנסיפּאַציע, זיך קיינמאָל

ניט פאַרלאָזט נאָר אויפן גוטן יידישן ווילן און האָט געזוכט צו שאַפן תנאים, אָביעקטיווע באַדינגונגען, כדי דער ווידערשפּעניקער זאָל געבראַכט ווערן צו תשובה, און אויב ער וועט זיך איינשפּאַרן — איזאָלירט ווערן, אַרויסגעשפּיגן ווערן פון דער יידישער מחנה. ובערת הרע מקרבך — דאָס שלעכטס זאָל אויסגעראָמט, אויסגעראָטן ווערן פון צווישן אונדז. גראָד אויף דעם, אויף דער באַשאַפונג פון אינערלעכע און אויסערלעכע באַדינגונגען פאַרן קיום האומה איז געווען געווענדט דער אייזערנער ווילן פון די שטאַרקע יידישע פערזענלעכקייטן. אַלע מאָראַלישע און אַלע צוואַנגסמיטלען האָבן זיי אָנגעווענדט אויף אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן יידישקייט. זיי האָבן זיך ניט באַגנוגנט נאָר מיט זאָגן מוסר דעם עולם און אויך ניט דערמיט, וואָס זיי אַליין האָבן מקיים געווען אַלע תרי״ג מצוות, הגם עס איז אויך זיכער, אַז אָן מוסר און אָן דעם פּערזענלעכן ביישפּיל וואָלט זייער גאַנצער בנין, ווי שטאַרק געבויט ער זאָל ניט געווען זיין, זיך צעשאָטן ווי אַ זאַמד־פעסטונג, וואָס קינדער בויען אויפן ברעג פון אַ שטורעמדיקן ים.

איז די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין ביי נאָרמאַלע פעלקער אַן אייזערנע, מוז זי ביי אונדז געגאָסן זיין פון ריינעם שטאָל. מיר מוזן ביי אונדז איינפירן די דיסציפּלין פון מלחמה־צייט, די דיסציפּלין פון אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד. וואָרעם איז דען אונדזער יידישע היים ניט תמיד באַלאַגערט פון אַלע זייטן, אַרומגערינגלט פון פיינט, וואָס ווילן פאַרניכטן אונדזער גוף אָדער אונדזער נשמה, אָדער ביידע צוזאַמען?

וואָס זשע זעען מיר אָבער? ביי אונדז איז ביים היינטיקן טאָג דער מין נאַציאָנאַלע דיסציפּלין ניט בנמצא און גראָד יענע, וואָס לאָזן פון מויל ניט אַרויס, ביים אויפשטיין און ביים לייגן זיך, די נאַציאָנאַלע פראַזעאָלאָגיע, זיינען אָפט די ערשטע אויף עובר צו זיין אויף יידישער דיסציפּלין, ווי באַלד נאָר דער רוב יידן איז מיט זיי ניט מסכים. אָט פאַרוואָס דער סאַמער פאַרברענטער יידישער „שאָוויניסט" איז בפועל וויניקער נאַציאָנאַל, ווי דער סאַמער פאַנאַטישער אינטערנאַציאָנאַליסט ביי אַנדערע פעלקער. אַ סאָציאַליסטישער אָדער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט מעג טאַקע היינט צוליב פּרינציפּיעלע טעמים שטימען אין פּאַרלאַמענט קעגן דעם בודזשעט פון דער בורזשואַזער קלאַסן־מלוכה, אָבער אַז אויף מאָרגן וועט צו אים קומען דער אינספּעקטאָר אויפצומאָנען זיינע שטייערן, וועט אים אפילו אויפן געדאַנק ניט קומען צו באַנוצן דעם תירוץ, באשר בכן ער איז קעגן בודזשעט, איז ער פריי ניט צו צאָלן פּאַדאַטקעס. ניט בלויז דערפאַר, וואָס מען וועט אים אָפּשרייבן זיינע לעצטע בעבעכעס, נאָר עס וועט זיך אים בפירוש ניט לייגן אויפן שכל, אַז זיין קעגנערשאַפט צו דער

מלוכה־פירונג קען האָבן אַ וועלכע ניט איז שייכות מיט זיין פּערזענלעכן בירגערלעכן חוב. ביי אונדז אָבער איז עס אַזוי „נאַטירלעך", אַז אויב איך בין ניט מסכים מיטן רוב. נעם איך מיר מיין הוט און זאָג יידן „זייט געזונט", אָדער איך גיי אַוועק אָן אַ זייט געזונט, און במילא בין איך פּטור פון אַלע התחייבותן. געפעלט מיר ניט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מאַך איך מיר שבת פאַר זיך און גרינד מיר אַ נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. און דאָס שטערט מיר ניט זיך צו קלאַפּן אין האַרצן און צו שרייען אין אַלע גאַסן: איך און נאָר איך בין דער אמתער ייד, דער עכטער ציוניסט, און אַלע אַנדערע פאַרראַטן דעם „הייליקן אידעאַל". ניט שפּרינגען קדוש, ווען מען איז אין כעס אויפן חזן, פּראַקטיצירט זיך ביי אונדז ניט נאָר אין שול. דאָס איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער, איך וואָלט געזאָגט — אַ יידישלעכער מינהג. אַמאָליקע יאָרן, אַז דער יצר־הרע האָט זיך אָנגעזעצט אויף אַ יידן אים אָפּצוקערן פון יידישקייט, האָט דער ייד געמוזט ווערן אַ פּורץ גדר. היינט איז דאָס אינגאַנצן איבעריק. אַז ס'איז קיין גדר ניטאָ, איז מען פּטור פון דער טרחה צו ברעכן צוימען.

נעמט די אַרומרייסעניש, די מחלוקתן צווישן יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. מיינט איר דען באמת, אַז די אידעאָלאָגישע, פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות צווישן „אַסימילאַטאָרן" און ציוניסטן, צווישן פרומע און „פרייע", פּועלי־ציון און בונדיסטן, זיינען וויכטיקער און טיפער ווי, לאָמיר זאָגן, צווישן די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן און דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי. דאָרט, אין ענגלאַנד, שטייען אין קאָן הן פּרינציפּן, הן בלוטיקע לעבנס־אינטערעסן פון קלאַסן און סאָציאַלע שיכטן. קומט אָבער אַן עת צרה, און אָפט מאָל אפילו אין פרידלעכע נאָרמאַלע צייטן, רעדן זיי זיך צונויף און גייען האַנט אין האַנט. קענט איר אַזאַ אויסטערלישע „אידיליע" זיך אויסמאָלן ביי אונדז? אַנשטאָט אהבת ישראל וואַקסט ביי אונדז מיט איטלעכן טאָג די שנאה צו יעדן יידן, וואָס דענקט ניט אַקוראַט, אַזוי ווי איך אין אַלע פּרטים און נעמט ניט אָן מיין פּראָגראַם מיט אַלע אירע פּישטשעווקעס. ניגער האָט שוין, דוכט זיך, ערגעץ אָנגעוויזן, אַז דאָס מותר זיין אויף איינעמס דעה צוליב אחדות און שלום צווישן יידן ווערט ביי אונדז באַטראַכט ווי אַ סימן פון לעבלעכע איבער־צייגונגען. און טאַקע אויף קיין זאַך קוקט מען ביי אונדז ניט מיט אַזאַ ביטול, קיין זאַך ווערט ניט אַזוי געמאַכט צו שפּאָט און לייטישן געלעכטער ווי „פּשרות". האָבן מיר טאַקע אַ פּאַרטיי־דיסציפּלין און האָבן פאַרלאָרן די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. האָבן מיר פּאַרטיי־פּאַטריאָטן און ניטאָ ביי אונדז קיין יידישע פּאַטריאָטן.

לאָמיר נעמען נאָך אַ געביט, וואו די יידישע פּריוואַטקייט האָט אונדז פאַרשלעפּט אין אַ בלאָטע, פון וואַנען מען קען נאָך עד היום ניט אַרויסקריכן. איך מיין די יידישע קהלשע פינאַנסן. ווי קלאָגעדיק זעען זיי אויס, אָט די די דאָזיקע פינאַנסן, געבויט אויף פּריוואַטע נדבות! געפעלט ניט אַ יידן, ווי מאַנכע יידישע יונגעלייט און מיידלעך פירן זיך אויף אין ארץ־ישראל, האָט ער אַ ברירה און הערט אויף צו צאָלן אויפן קרן היסוד. געפעלט ניט אַ צווייטן גביר, וואָס אין יידישע שולן אין פוילן לערנט מען צופיל תורה אָדער ווייניק תורה, פאַרקלאַפּט ער די טיר און פאַרמאַכט די קעשענע. היינט די אָפּהענגיקייט פון אַלע אונדזערע קהלשע אינסטיטוציעס פונעם גביר! זיין גאַנצע עם הארצות און אַלע זיינע פאַנטאַזיעס מוזן מיר אויסשטיין. וואָרעם טאָמער חלילה ניט, וואָס וועט ווערן מיט אונדזער „תקציב" (בודזשעט) ? קוקט זיך צו צו די יידישע משולחים, וואָס דאַרפן נעבעך קלייבן געלט ביי יידן. ממש טראַגישע פיגורן זיינען זיי. ביי יעדער „חכמה", וואָס דער גביר מאַכט, מוז מען צולאַכן, צו יעדער וואָרט, וואָס ער זאָגט, מוז מען צובאָמקען, אַבי ניט אַוועקצוגיין ליידיק. היינט די גאַנצע „סטראַטעגיע" פון זאַמלונגען אויף יידישע צוועקן, וועגן וואָס גאָלאָמב האָט געשריבן מיט אַזאַ ביטערן סאַרקאַזם און אמתן האַרצווייטיק. די אַלע נידעריקע און דערנידערנדיקע פּשרות, וואָס מען מוז מאַכן מיטן געבער. אגב, די דאָזיקע פּשרות זיינען די איינציקע, וואָס זיינען געכשרט פון אַלע יידישע פּאַרטייען. וואָרעם דאָס זיינען דאָך ניט חלילה קיין קאָמפּראָמיסן מיט דער פּראָגראַם, נאָר סך־הכל מיטן מענטשלעכן און יידישן געוויסן. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט געוויסן אַקעגן די פּראָגראַם הקדושה ? האָט מען דען ניט אין דער גרעסטער און העכסטער יידישער אינסטיטוציע, וואָס מיר האָבן איצט, די יידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, געמוזט ניט בלויז אַריינ־נעמען, נאָר אַפילו אַוועקזעצן אין מזרח גבירים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום יחוס און קיין שום זכות חוץ זייער פּותיקאַ (איך מיין, פאַרשטייט זיך, ניט דערמיט צו זאָגן, אַז אַלע יידישע גבירים אין דער אַגענץ זיינען אַזוי. אדרבא, אַהין זיינען גראָד אַריין די בעסערע עקזעמפּליאַרן פון די יידישע פינאַנציעלע פּני).

די פּריוואַטקייט פון נאַציאָנאַלן ביישטייער מאַכט פּאַקטיש פאַר אַן אילוזיע די דעמאָקראַטיע אינעם יידישן קהלשן לעבן, וואָס איז פאַרשקלאַפּט ביים געלט־בייטל. ניט אומזיסט זיינען אויך די קריסטלעכע קאַפּיטאַליסטן אומעטום געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר פילאַנטראָפּיע אַנשטאָט מלוכה־פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטלאָזע און נויטבאַדערפטיקע (זע וועגן דער האַל־טונג אינעם דאָזיקן ענין פון די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן ביי דזשאָרדזש

סאול אין זיין בוך „דהי קאמינג עמעריקען רעוואלושאן"). אי מען שפארט געלט, אי מען איז א פיינער, רעכטפערטיקער מאן. נאר ביי די גוים האט דאס ניט געהאלפן, ווייל זיי זיינען ארגאניזירט אין מלוכות. ביי אונדז אבער איז די צדקה־פושקע עד היום געבליבן אונדזער מלוכה־באנק. קיין אנדערע האבן מיר ניט. איז טאקע אז אך און וויי צו אונדזערע פינאנסן און צו די יידישע חברות און אינסטיטוציעס, וואס דארפן צו זיי אנקומען און לעבן אין זייער חסד.

מיט דער דאזיקער פריווילעקייט וועט ניט געבויט ווערן דער גלות און ציון וועט דורך איר ניט אויסגעלייזט ווערן. אפילו אן ארעם יידיש פאלק, ווען זיינע פינאנץ־מעגלעכקייטן וועלן אנגעשטרענגט און אויסגענוצט ווערן אין א פולער מאס, איז אלץ נאך רייכער, ווי די פאר טויזנט יידישע גבירים. קהילות מיט צוואנג־שטייער־רעכט וועלן זיין א זיכערע קרעדיט־באזע און וועלן קענען שאפן די נויטיקע פאנדן פאר גרויסע נאציאנאלע אונטערנעמונגען, וואס וועלן ערשט אין דער צוקונפט ברענגען פרוכטן. פונקט אזוי ווי דאס טוען אלע פעלקער אויף דער וועלט. יידישע פינאנצן און א דעמאקראטישע פארוואלטונג וועלן מיר האבן ערשט דעמאלט, ווען עס וועט אויפהערן ביי אונדז צו גילטן דער כלל, אז ווער עס האט די מאה, דער האט די דעה, ווען דער יידישער כלל וועט אליין האבן א פארמעגן און טאקע אויך די דעה איבער דעם דאזיקן פארמעגן.

פונקט אזוי ווי מיר האבן מיטן אויפקום פון דער עמאנסיפאציע גלייכ־צייטיק פארלארן סיי די מאראלישע יידישע אויטאריטעט, סיי די רעכטלעכע מאכט, וואס קהל האט אויפגעהיט אין משך פון אונדזער גאנצער געשיכטע, פונקט אזוי מוזן זיי ביידע גלייכצייטיק אויפגעריכט ווערן. צוליב דעם זיינען נויטיק אינערלעכע און אויסערלעכע תנאים. און פאר זיי ביידע דארפן מיר זארגן. אינערלעך מיינט עס קודם כל, יידן זאלן קריגן צוריק די פארלארענע אכטונג צו זיך אליין און די ליבע צו זייער אייגענער קולטור, צו זייער אייגענער ציוויליזאציע, צו זייער אייגענעם אופן, ווי אזוי צו לעבן און ווי אזוי זיך אויפצופירן. אויסערלעך מיינט עס, שאפן אזוינע באדינ־גונגען, אז דער צעברעקלטער און צעקרישלטער יידישער ערב רב זאל קענען ווערן א פעסט פאראייניקטער און צוזאמענגעבונדענער יידישער כלל.

אויפן ערשטן ארט צווישן די דאזיקע אויסערלעכע באדינגונגען שטייט די מעגלעכסט גרעסטע געאגראפישע קאנצענטראציע פון יידן. וואס געדיכ־טער עס וועט אויף א באשטימטן ארט זיין די יידישע באפעלקערונג, אלץ שטארקער וועט זיין די ווירקונג פון יידישן דעת־הקהל. נאר די דאזיקע קאנצענטראציע וועט נאך ווירקן אויך אין אן אנדער באציאונג: זי וועט

צוגרייטן דעם באַדן פאַר יידישער מוניציפּאַלער, לאָקאַלער זעלבסטפאַר־וואַלטונג און במילא אויך שטייגערן די יורידישע מאַכט פונעם קיבוץ. אַ געוואַלטיקע השפעה אין דער אייגענער ריכטונג קען אויך האָבן די יידישע ווירטשאַפט. און די דאָזיקע השפעה וועט זיין אַלץ גרעסער, וואָס ענגער יידן וועלן זיין צונויפגעבונדן איינער מיטן צווייטן אין זייער ווירט־שאַפטלעכער טעטיקייט, וואָס געשלאָסענער און גאַנצער עס וועט זיין די יידישע ווירטשאַפט. אַז יידן וועלן אין פרנסה אָפּהענגיק זיין איינער פון דעם צווייטן, אַז זיי וועלן זיך מפרנס זיין איינער פון דעם צווייטן, וועלן שטאַר־קער ווערן אויך די גייסטיקע פעדעם, וואָס פאַרבינדן זיי, און פעסטער ווערן די כלל־דיסציפּלין. אין די לענדער, וואו און בעת עס וועט מעגלעך זיין צו דערלאַנגען, אַז קהל זאָל ווערן דער בעל־הבית איבער דעם יידישן טייל אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, וועט זיך צוליב דעם באַקומען אַזאַ שטייגערונג פון זיין איינפלוס, וואָס לאָזט זיך גאַרניט אָפּשאַצן. יידישע יורידיקציע, צי וועט זי אין געוויסע לענדער אָנערקענט ווערן דורכן מדינה־געזעץ אָדער זי וועט אין אַנדערע לענדער טראָגן דעם כאַראַקטער פון משפט השלום, וועט זיך דאַרפן פאַרשפּרייטן אויך אויף עבירות, וואָס דער יחיד באַגייט קעגן דעם יידישן כלל. געוווען ביי אונדז אַמאָל אַ לעבעדיקער באַגריף (איצט געוואָרן אַ וואָרט) פון חילול השם. אַ ייד פירט זיך ניט אויף שיין און פאַרמיאוסט דערמיט דעם יידישן נאָמען צווישן אונדזערע קריסטלעכע שכנים. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער מדינה איז עס ניט קיין פאַרברעכן, אַזוי ווי עס איז ניט קיין פאַרברעכן אין אירע אויגן, אויב זי איז נייטראַל, דאָס האַנדלען מיט נאַצי־דייטשלאַנד. ביידע אָבער זיינען יאָ פאַרברעכנס אין די אויגן פון דעם יידישן כלל, עבירות קעגן דער נאַציאָנאַלער מאָראַל, קעגן דעם עלעמענטאַרן יסוד פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. מיר מוזן האָבן אַזאַ יידישן טריבונאַל, וואָס זאָל האָבן געווגוג מאָראַלישע, און אויב מעגלעך אויך יורידישע, אויטאָריטעט, כדי די דאָזיקע פאַרברעכנס צו באַשטראָפן און אויך אויסצוראָטן. אין אַ געדיכטן יידישן ישוב, עקאָנאָמיש צוזאַמענגעבונדן, איז שוין דער חרם אַליין, אָדער רופט עס באָיקאָט, אויב עס קלינגט שענער אין אייערע אויערן, אַ געווגוג ווירקזאַם מיטל.

היוצא מדברינו, יידישע אויטאָנאָמיע הייסט ניט אינסטיטוציעס און אויך ניט שפּראַך אַליין. יידישע אויטאָנאָמיע הייסט אויטאָריטעט. און דער ערשטער און וויכטיקסטער ציל, וואָס דאַרף זיך שטעלן אַ יידישע נאַציאָ־נאַלע פּאָליטיק, איז דערלאַנגען די דאָזיקע אויטאָריטעט אין דער מאַקסי־מאַלער מאָס, וואָס איז נאָר מעגלעך אין פרעמדע לענדער און צווישן פרעמדע פעלקער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אויספירן און אויסזיכטן

עס איז ניט דער מיץ פון דער דאָזיקער שריפט צו געבן אַ פּראָגראַם פון יידישער אַקטיווקייט פאַר דער נאָך־מלחמה־צייט, נייערט אָנצומערקן אין גרויסע שטריכן די שטענדיקע, די מער־דויערנדיקע צילן פון אַ יידישער פּאָליטיק. עס איז נאַטירלעך, אַז ווי באַלד מען שטעלט אַוועק באַשטימטע צילן, באַקומען זיך שוין במילא אויך געוויסע פּראַגראַמאַטישע אויספירן. מען קען אָבער ניט מאַכן קיין גראָבערן פעלער, ווי אָנצוואַווענדן אויטאָמאַטיש אַלגעמיינע פּרינציפּן צו איטלעכער קאָנקרעטער סיטואַציע און זיך ניט רעכענען מיט אירע באַזונדערקייטן, ניט בלויז אויסערלעכע, נאָר אויך, און אפשר הויפּטזעכלעך, אינערלעכע, ד"ה די שטימונגען און די געפילן פון די מענטשן, וואָס דורך זיי אָדער צוליב זיי דאַרפן די דאָזיקע פּרינציפּן דורכגעפירט ווערן.

איך וועל מיך דאָ באַגנוגענען דערמיט צו כאַראַקטעריזירן די דריי הויפּט־סעקטאָרן, וואו די דאָ אויפגעשטעלטע יסודות פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק דאַרפן אָנגעווענדט ווערן, אַרויסצוברענגען די גרונט־דיפערענצן צווישן זיי און במילא דעם חילוק, וואָס מוז זיין אין דער אָנווענדונג פון די אויפגעשטעלטע פּרינציפּן. די דאָזיקע דריי סעקטאָרן זיינען: א) דער סאָציאַליסטישער (סאָוועט־רוסלאַנד און די געביטן, וואָס וועלן מיט איר זיין פאַרבונדן); ב) דער סעקטאָר פון פּלאַן־ווירטשאַפט (מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע); ג) דער קאַפּיטאַליסטישער (די פאַראייניקטע שטאַטן און די איבעריקע לענדער פון דער מערב־העמיספער).

א) סאָוועט־רוסלאַנד. אין סאָוועט־רוסלאַנד קען אין דעם דאָזיקן מאָמענט די יידישע אויטאָנאָמיע זיך אַרויסוויקלען בעיקר פון יידישער לאָקאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס עקסיסטירט שוין צו ביסלעך און איז מסוגל זיך נאָך ווייטער צו פאַרברייטערן אין דער צוקונפט. די יידישע אויטאָנאָמיע קען דאָרט וואַקסן און געדייען נאָר מיט דער פאַרגרעסערונג פונעם שטח פון דער דאָזיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג און מיטן וואוקס פון איר קאָמפּעטענץ, פּאַראַלעל מיט אַ גלייכן וואוקס, וואָס וועט זיכער פאַרקומען

אויף דער גאַנצער סאָוועטישער טעריטאָריע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער באַשטענדיקער דעמאָקראַטיזאַציע פון לאַנד — אַ פראָצעס, וואָס וועט, לויט אַלע אויסזיכטן, פאַרגיכערט און פאַרטיפט ווערן נאָך דער געוואַלטיקער אָנשטרענגונג פון די סאָוועטישע פאָלקס־כוחות, וואָס די מלחמה האָט פאַרלאַנגט. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער מוניציפּאַלער און רעגיאָנעלער זעלבסטפאַרוואַלטונג הענגט אָפּ כמעט אינגאַנצן פון דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג גופא. אין קיין לאַנד האָבן יידן ניט אַזוינע געוואַלטיקע שאַנסן פון טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע, פון איין זייט, און פון זעלבסט־רעגירונג פון די יידישע טעריטאָריאַלע איינסן, פון דער אַנדערער זייט, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. אומענדלעכע שטחים פריי לאַנד און אַ גוטער ווילן פון דער לאַנד־רעגירונג — דאָס איז אַזאַ גינסטיקע קאָמבינאַציע, וואָס איר גלייכן איז כמעט ניט מעגלעך אַנדערש־וואו צו געפינען. אינעם דאָזיקן לאַנד קענען יידן ניט בלויז גענישן פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין איינצלנע פונקטן, פאַנאַנדערגעוואָרפענע אין פאַרשיידענע געגנטן און פראָווינצן, אָן אַ געאָגראַפישן המשך און אָן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן זיך, נאָר עס איז אַפילו פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו דערלאַנגען אַ יידישע טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע אין אַ גרויסן פאַרנעם, צי וועט דאָס זיין אין בירא־בידזשאַן, צי אין אַן אַנדער סאָוועטישער־פראָווינץ. עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז יידן פון די נייע געגנטן, וואָס ווען מסתמא אינקאָרפאָרירט ווערן אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי בעסאַראַביע, די באַלטישע פראָווינצן און די געוועזענע מזרח־קרעסן פון פוילן, אָט די יידן ,וואָס זיינען דאָרט לעבן געבליבן אָדער די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון אויסראָטונג קיין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָרט זיך נאָך ניט אינטעגרירט אויף אַ סטאַבילן אופן, וועלן אויך אַריינגעצויגן ווערן אין דער קאָלאָניזאַציע פון אַן אויטאָנאָמער יידישער פראָווינץ.

די קאָנצענטראַציע פון באַדייטיקע יידישע מאַסן אין אַן אויטאָנאָמער יידישער געגנט מוז זיך באַגעגענען מיט אַ שטילן סאַבאָטאַזש אָדער מיט אַן אָפענער אָפּאָזיציע פון די יידישע מאַסן צוליב זייערע טענדענצן פון געאָגראַפישער און ווירטשאַפטלעכער פאַרשפרייטונג און אינפילטראַציע, וואָס האָבן געבראַכט צום קראַך פונעם בירא־בידזשאַנער פראָיעקט. קעגן אָט דעם ווידערשטאַנד וועט מיט דערפאָלג קענען זיך ראַנגלען נאָר אַן אויטאָריטעטע יידישע פאַרטרעטערשאַפט, וואָס זאָל זיך קענען שטיצן גלייכצייטיק סיי אויף איר אייגענעם מאָראַלישן אָנזען, סיי אויף דעם כוח פון דער מלוכה. ניטאָ דאָ קיין אַנדער עצה, ווי צו באַגרענעצן די באַוועגונג־פרייהייט פון יידישע יחידים אויפן שטח פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער

אזוינע באַגרענעצונגען וועלן נאָר דעמאָלט ניט האָבן פּאַר יידן דעם שלעכטן בייטעם פון דעם אַמאָליקן צאַריסטישן תחום־המושב (טשערטאַ אָסעדלאָסטי), ווען זיי וועלן איינגעפירט און דורכגעפירט ווערן פון אַן אייגענעם אָרגאַן פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי למשל, פון אַ פאַרבאַנד פון יידישע סאָוועטן וכדומה. דער פּרינציפּ גופא איז פאַר סאָוועט־רוסלאַנד ניט קיין נייער. אין פאַרשיידענע צייטן האָט די רעגירונג בטל געמאַכט, ווען מען האָט געדאַרפט, דעם ליבעראַליסטישן פּרינציפּ פון באַוועגונג־פרייהייט (די אַזוי גערופענע „אינעוויינקסטע פּאַספּאָרטן״ און ענלעכע מאָסמיטלען). די ראַטן־רעגירונג האָט איבעריקנס אַליין שוין דורכגעפירט אַ גראַנדיעזע איבערוואַנדערונג פון ניט־יידן פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד אין די אַזיאַטישע פּראָווינצן. לויט די אָנגאַבן פונעם ציטירטן בוך „סאָוועט אייזשיא״ האָט די סאָוועט־רעגירונג אַריבערגעפירט צווישן 1926—1939 פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד, בפרט פון אוקראַינע קיין אוראַל, סיביר, צענטראַל־אַזיע און וויטן מזרח, מער ווי דריי מיליאָן נפשות. אין אָנהויב פון דער מלחמה זיינען נאָך מערערע מיליאָנען עוואַקואירט געוואָרן צוליב דער סכנה פון דער דייטשער אינוואַזיע צוזאַמען מיט פאַבריקן, שולן און אַנדערע אינסטיטוציעס.

עס זיינען פאַראַן גאָר ווייניק שאַנסן, אַז די רוסלענדישע פּראָווינצן, וואָס האָבן מקדמונים געהאַט יידישע ישובים, ווי אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע, זאָלן נאָך דער מלחמה ווידער אויפלעבן אין זייער גאַנצן פריערדיקן גלאַנץ אַלס יידישע צענטערס. הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן נאָכן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי, זיינען שוין אויפן עולם האמת. דאָס סאָוועטישע חייל, וואָס האָלט איצט אין פאַרנעמען צוריק די דאָזיקע פּראָווינצן, געפינט דאָרט מער קיין יידן ניט. ניצל געוואָרן זיינען נאָר די יידן, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט עוואַקואירט און אַזוי אַרום געראַטעוועט. ווי מען זאָגט, לערך אַ מיליאָן יידישע נפשות, דער עיקר יונגוואַרג. צי וועלן זיי אַלע זיך צוריקקערן צו זייערע אַלטע היימען, איז גאָר אַ גרויסער ספק. וואָס וועלן זיי דאָרט געפינען חוץ חורבות? די סאָוועט־רעגירונג פון איר זייט, וואָס פירט שוין מכמה יאָרן אַ פּאָליטיק, וועלכע איז געווענדט אויף צו באַפעלקערן אירע אַזיאַטישע פּראָווינצן, וועט אדרבא זיין פאַראינטערעסירט, אַז די עוואַקואירטע יידן זאָלן דאָרט אויף שטענדיק פאַרבלייבן און מיטהעלפן צו זייערווירטשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג.

אַ יידישע טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע אין אַ וועלכער ניט איז פּראָ־ווינץ פון אַזיאַטישן רוסלאַנד, בפרט אויפן וויטן מזרח, וואָלט אַזוי אַרום

מעגלעך געוואָרן, און כאָטש זי וועט קענען אַרומנעמען נאָר אַ טייל פון רוסלענדישן יידנטום, וואָלט זי פונדעסטוועגן געווען גאָר אַ גרויסער געווינס, ווייל זי וואָלט הן געזינטער און פעסטער געמאַכט די יידישע עקאָנאָמישע סטרוקטור, הן געשאַפן אַ סאָלידע באַזע פאַר יידישער קולטור און יידישער מלוכהשקייט.

צי וועט זיך אָבער בייטן, און ווי עס זאָל זיך ניט בייטן נאָך דער מלחמה די יידישע געאָגראַפיע אין סאָוועט־רוסלאַנד, מוזן מיר אָבער, אַלע יידן צוזאַמען, וואו מיר זאָלן ניט וואוינען, זען, אַז איין זאַך זאָל ניט געשען: די יידישע געשיכטע זאָל זיך ניט בייטן, ניט איבערגעריסן ווערן; די באַהעפטונג מיטן פרעמדן לאַנד זאָל ניט אַרויסשטויסן די אייביקע באַהעפטונג מיט אונדזער אייגענעם פאָלק. דאָ קענען ניט זיין קיין פשרות. סאָוועטישע יידן טאָרן ניט בלייבן קיין אבר המדולדל אינעם יידישן פאָלקס־אָרגאַניזם. און ווען זיי וועלן עס אַליין באַגרייפן, און אַקטיוו באַגרייפן, וועט די סאָוועט־רעגירונג אונדז פאַרשטיין און עס אַריינגעמען אין איר חשבון פון נאָך־מלחמה־אויפבוי. אַ רמז אויף אַזאַ פאַרשטענדעניש איז דער פאַקט גופא, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט דערלויבט און געשטיצט די שליחות פון יידישע פאַרשטייער קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער מיט אַ קלאָרער פּאָליטישער מיסיע. האָט זי דאָך ניט געקלערט, דערוויל לכל הפחות, צו שיקן אַזאַ דעלעגאַציע פון אַרמעניער, אוקראַינער אָדער פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אויך ברידער־באַפעלקערונגען מעבר לים. דערמיט אַליין האָט זי באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז די יידישע וועלט־ברודערשאַפט איז עפּעס מער, עפּעס טיפערס ווי די קרובהשאַפט צווישן די אַנדערע סאָוועטישע פעלקער מיט זייערע מעבר־לים קרובים. לאָמיר אַליין דאָס נאָר וועלן, וועט די ראַטן־רעגירונג שלום מאַכן מיטן פאַקט פון יידן ווי אַ וועלט־פאָלק, מיטן געדאַנק פון יידישער גאַנצקייט ניט בלויז אין רוים, נאָר אויך אין צייט. און צייט מיינט ניט בלויז עבר, נאָר אויך צוקונפט. וואָרעם זי בלייבט דאָך קיינמאָל ניט שטיין, די צייט.

און זאָל נאָר אָט דאָס בילד פון וועלט־יידישקייט זיך איינקריצן אינעם באַוואוסטזיין פון יידן און ניט־יידן אין דער סאָוועטישער מדינה, וועלן שוין דערפון במילא אַרויסקומען כלערליי קאָנסעקווענצן אין דער יידישער פּאָליטיק. אַזוי, למשל, קען דעמאָלט ניט געמאָלט זיין, אַז מען זאָל פאַרבאָטן די יידן, וואָס ווילן זיך משתף זיין מיטן נייעם יידישן לעבן, וואָס וועבט זיך אין ארץ־ישראל, זיך צוצוגרייטן דערצו (הכשרה) און עולה צו זיין

צום יידישן לאַנד; אַז מען זאָל ניט לאָזן רוסישע יידן זיך באַטייליקן אינעם אויפבוי פון אָט דעם לאַנד, אויב ניט פאַר זיך, איז פאַר די יידן פון די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זעט דאָך די סאָוועט־רעגירונג ניט קיין סתירה, און די דאָזיקע סתירה עקסיסטירט טאַקע באמת ניט צווישן אירע פּאָדערונגען פון דעמאָקראַטיע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און דער אויפהיטונג פון אַ מער אָדער ווייניקער דיקטאַטאָרישן רעזשים אינעם אייגענעם לאַנד, ווייל עס האָט נאָך אויסגעשטיין דעם היסטאָרישן געראַנגל פאַר דעם נייעם סאָציאַליסטישן סדר. פונקט אַזוי וועט ניט זיין קיין פּראַקטישע סתירה (די זאָרג פאַר טעאָרעטישער האַרמאָניע לאָמיר זיי אַליין איבערלאָזן, זיי זאָלן זי צורעכט מאַכן ווי זיי פאַרשטייען) צווישן דעם גלויבן פון יידישע קאָמוניסטן, אַז די יידישע פּראָבלעם איז פאַר דעם סאָוועטישן יידנטום ענדגילטיק פאַרענטפערט, און דער דאגה פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר די יידן פון די איבעריקע לענדער פון דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פילאַנטראָפּישער פּאַלעסטיניזם (לכם ולא לו) קען ניט זיין צום גוסט פון קאָנסעקווענטע נאַציאָנאַלע יידן. כ'מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז פאַר מיר וואָלט עס געווען ניט נאָר געגנוג, נאָר גאָר אַ סך, לכל הפחות פאַרן אָנהויב. און הלוואי האָלטן מיר שוין דערביי. און צו וואָס זאָל איך לייקענען, עפּעס האָב איך דאָס געפיל, אַז סאָוועטישע יידן, ווי „באָן זיאָניסט"־שותפים אין אַ יידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל, קענען אַמאָל זיין ליבער און בילכער ווי אַ סך אַנדערע איצטיקע שותפים, בפרט אַז קיינער קלערט חלילה ניט די דאָזיקע צו פאַרטרייבן, וואָרעם אַלע, וואָס קומען צו אונדז „אין נאָמען פון פאָלק", זיינען פאַר אונדז די ברוכים הבאים בשם ה'.

איז דער דאָזיקער געדאַנקען־גאַנג אין פּרינציפּ ריכטיק און רעאַליזירבאַר, קען מען אויך האָפן, אַז סאָוועטישע יידן וועלן נאָך דער מלחמה ווידער אויפנעמען די פעדעם פון קולטורעלער און סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע מיט יידן פון דער גאַרער וועלט. מען דאַרף רעכענען, אַז אַזאַ מין נאָנסענס, ווי עס איז פאַרגעקומען אויפן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „איקוף", צונויפגערופן לויט דער איניציאַטיוו פון יידישע קאָמוניסטן אין אויסלאַנד און וואו דאָס סאָוועטישע יידנטום גופא האָט געשיינט מיט זיין אַפּוועזנהייט, וועט זיך מער ניט איבערחזרן. וואָס מער די סאָוועט־רעגירונג וועט אין דער פּראַקטיק זיך אָפּזאָגן פון דער טאָטאַלער שליטה אויפן יחיד, אַ פּראַקטיק, וועלכע איז אין אַ שרייענדיקער סתירה צו איר אייגענער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, און טאַקע מחמת דעם קען זי גילטן נאָר אין דעם איצטיקן איבערגאַנג־פּעריאָד, אַלץ פעסטער און אינטימער וועט דאָס סאָוועטישע יידנטום זיך קענען פאַרבינדן מיטן גאַנצן יידישן פאָלק. פרעגט זיך נאָר,

צי וועט עס אַליין האָבן דעם אַקטיוון ווילן דערצו? דאָ און ניט ערגעץ אַנדערש־וואו ליגט די פּראָבלעם.

ב) די לענדער פון יידישן חורבן. אַ סך ווייניקער שאַנסן, ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד, וועט יידישע אויטאָנאָמיע אין דער פאָרם פון לאָקאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג געפינען אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, ווי פּוילן, אונגאַרן, רומעניע א״אַ. אָבער פונדעסטוועגן איז מעגלעך, אַז אויך דאָרט וועלן די דאָזיקע שאַנסן ווערן גרעסער נאָך דער מלחמה, מחמת דער צע־שטערונג פון היימען און גאַנצע ישובים, וואָס די מלחמה האָט מיטגעבראַכט. מען דאַרף אָננעמען, אַז די צוריקוואַנדערונג אָדער די עטאַבלירונג אין נייע ערטער וועלן ניט אינגאַנצן דורכגעפירט ווערן אינדיווידועל און אויף דער אייגענער אחריות פון איטלעכן פאַר זיך, נאָר פאַרקערט, צום גרויסן טייל אין אַן אָרגאַניזירטער פאָרם, אונטערן קאָנטראָל און מיט דער מאַטעריעלער הילף פון דער אַליאירטער מיליטער־אַדמיניסטראַציע, צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַציע. אין אַזאַ סיטואַציע וואָלט אַ יידישע פאַר־שטייערשאַפט, ווען זי זאָל טאַקע איצט שוין צוגעגרייט ווערן, אַזוי אַז זי זאָל קענען אָנהויבן פונקציאָנירן תיכף אין מאָמענט גופא פון דער באַפרייאונג, געקענט ניט ווייניק פועלן און אויפטאָן אין דער ריכטונג פון יידישער קאָנ־צענטראַציע, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די שאַפונג און אויסברייטונג פון יידי־שער שטעטלשער און שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דעמאָלט שוין און גלייכצייטיק דערמיט וואָלטן געדאַרפט געמאַכט ווערן די ערשטע שריט פון אַן עקאָנאָמישער איבערקלאַסירונג (אומשיכטונג) פון דער רואינירטער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע וועט געצוואונגען זיין זיך צו שאַפן אַ נייעם מעמד, אָנהויבן, קען מען זאָגן, פון אָנהויב אָן.

איך מיין אפילו, אַז עס וואָלט שוין געווען איצט צייט אָנצוהויבן פּרינ־ציפּיעלע פאַרהאַנדלונגען אין דעם זינען מיט די אַליאירטע רעגירונגען, און בפרט מיט סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס צו אים געפינען זיך די באַטרעפנדיקע לענדער געאָגראַפיש נאָענט און מיט וועמען זיי וועלן אַזוי אָדער אַנדערש שפּעטער צו אויך פּאָליטיש זיך מער פאַרבינדן. מען וואָלט אויך געדאַרפט שוין איצט זיך דורכשמועסן וועגן די אַלע פּראָבלעמען מיט די פאַראינטע־רעסירטע גלות־רעגירונגען און מיט דער אונטערגרונט־פירערשאַפט, וועמען עס געהערט אפשר די צוקונפט אין די מזרח־לענדער. אַזוי, למשל, וואָלט געווען זייער גלייך, ווען די יידישע פאַרטרעטער אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט זאָלן ניט אָפּגעבן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע אויף אַרויסצו־באַקומען פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אַלגעמיינע דעקלאַראַציעס וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און ווען זיי וואָלטן אויסגעאַרבעט ראשי־פּרקים

(מער ווי דאָס קען דערווייל בכלל ניט געטאָן ווערן) הן פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער צוקונפט אין לאַנד, הן טאַקע וועגן אַ מעגלעכער יידישער מוניציפּאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פונקטן מיט אַ גרויסער יידישער מערהייט, און צום סוף — וועגן אַ יידישער קהילה־אויטאָנאָמיע.

עס איז קלאָר, אַז אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, וואו די שאַנסן פאַר אַ טעריטאָריאַלער יידישער קאָנצענטראַציע זיינען אַזוי קנאַפּ, וועלן די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען — דער יידישער אָנטייל אין דער ווירטשאַפט, פון איין זייט, און די יידישע קהילה־אויטאָנאָמיע, פון דער אַנדערער, דאַרפן זיין די צענטראַלע און לעבנסוויכטיקסטע פאַר די יידישע קיבוצים פון די דאָזיקע לענדער.

די פינאַנסירונג פון יידישער אינלענדישער און אויסלענדישער וואַנ־דערונג און באַזעצונג און פאַר דער דורכפירונג פון דער יידישער עקאָנאָ־מישער פּראָגראַם בכלל וועט זיך אין די דאָזיקע לענדער שטעלן גאָר אַנדערש ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד. געוויס דאַרפן מיר אומעטום פאָדערן פון די רעגירונגען, זיי זאָלן דעקן לכל הפחות אַ טייל פון די הוצאות, וואָס די פאַרווירקלעכונג פון אַזאַ ברייטער פּראָגראַם וועט פאַרלאַנגען. אָבער קיין פייגעלעך אין בוזעם דאַרף מען זיך ניט לייגן. צופיל האָפן אויף דעם דאָזיקן קוואַל פון הכנסות קענען מיר ניט, אפילו אויב מען זאָל רעכענען מיטן גוטן ווילן פון די רעגירונגען גופא, וואָס דאָס אַליין איז נאָך אויך ניט אומעטום געזיכערט. די דאָזיקע לענדער וועלן יאָרן־לאַנג ניט קענען קומען צו זיך נאָכן גרויסן חורבן, און זיי וועלן ניט האָבן קיין גענוג מיטלען אויף צו היילן די וואונדן פון זייער באַפעלקערונג. נאָר אויב מיר זאָלן זיך אפילו דערשלאָגן, אַז יידן זאָלן באַקומען אַ טייל פונעם רעקאָנסטרוקציע־בודזשעט, וועט מען בכל אופן ניט קענען פאַרלאַנגען מער וויפיל אונדז קומט לויט אונדזער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג, כך וכך אויף אַ קאָפּ. קלאָר, אַז דאָס וועט אונדזערע נויטן באַפרידיקן נאָר אין אַ גאַנץ קליינער מאָס. וואָרעם ביי קיין שום באַפעלקערונג־טייל, ווי אַ גאַנצעס גענומען, וועלן די חורבנות ניט זיין אַזוי גרויס ווי ביי יידן. דעם פויערס שטיקל ער־ האָבן אַפילו די דייטשן ניט געקענט פאַרניכטן, בעת דאָס גאַנצע יידישע האָב און גוטס איז אַוועק ווי מיטן רויך. דאָס הייסט במילא, אַז אין בעסטן פאַל וועלן מיר פון ערגעץ דאַרפן באַקומען הוספה־קאַפּיטאַלן, און דווקא גאָר נישקשהדיקע, כדי די יידישע ווירטשאַפט כאָטש אין אַ וועלכער ניט איז מאָס צו רעסטאַווורירן. יידישע צדקה־פאָנדן, אָן וועלכע יידן וועלן, פאַר־שטייט זיך, זיך ניט באַגיין, קענען דאָ קיין גרויסע ראָלע ניט שפּילן. דאָס זיינען אויפגאַבן, וואָס שטייגן איבער אַלע מעגלעכקייטן פון פרייוויליקער

צדקה, ווי ברייט און גרויסהאַרציק זי זאָל ניט זיין. מיר דאַרפן דעריבער אויך רעכענען זיך מיט די פּאָגדן פון די רייכע אַליאירטע לענדער, וואָס וועלן באַשטימט ווערן אויף הילף־ און רעקאָנסטרוקציע־צוועקן. און עס וועט זיין איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער יידישער פּאָליטיק — איך וואָלט געוועזן אַן אפּיקורס און געזאָגט: אפשר וויכטיקער ווי פּראָטעסט־מיטינגען — צו זיכערן, אַז יידן זאָלן באַקומען אַ יושרדיקן טייל פון די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָנדן. אָבער עס דאַרף קלאָר זיין פון אָנהויב אָן, אַז מיר קענען דערגרייכן אַזאַ טייל נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אַראָפּוואַרפן אַלע מאַסקעס און פיגורירן ניט ווי סתם פּאָליאַקן, רומע־נער, אונגאַרן וכדומה, נאָר ווי יידן. כדי די יידישע באַפעלקערונג, ווי אַזוינע, זאָל קענען אויפטרעטן, דאַרף זי קודם כל עקסיסטירן ווי אַן איינהייט. און עס באַקומט זיך אַ מאָדנע זאַך: יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען וועלן זיין פאַר יידן ניט, ווי מען מיינט עס אָפט, עפּעס אַ מין לוקסוס־ענין. זיי וועלן אפילו זיין אַ סך מער ווי אַ גייסטיקע נאַציאָנאַלע באַדערפעניש. זיי וועלן פּשוט זיין אַן אַבסאָלוטע לעבנס־נויטווענדיקייט, פּונקט אַזוי נויטיק ווי דער ערשטער פּעניץ ברויט, וואָס מען וועט דאַרפן דערלאַנגען דעם הונגעריקן. און אַזוינע אָרגאַנען דאַרפן טאַקע געשאַפן ווערן ניט ווען ניט איז לכשירחיב, בעת הונגער און דאַרשט וועלן שוין געשטילט זיין, נאָר טאַקע גלייכצייטיק. וואָרעם יידן וועלן זיי באַדאַרפן ניט ווייניקער ווי ברויט און אפשר נאָך מער, ווייל אָן דער דאָזיקער „תורה" וועט טאַקע בפּועל ממש קיין קמח ניט זיין, דאָס מאָל גראָד פּאַרקערט ווי עס שטייט אין פּרק.

מען מוז אָבער, צום באַדויערן, קאָנסטאַטירן, אַז אין אונדזערע אייגענע רייען ,אפילו נאַציאָנאַלע, קוקט מען נאָך עד היום אויף יידישער אויטאָ־נאָמיע, אויף יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, ווי אויף אַ מהיכא־תיתי־ענין און ניט ווי אויף אַ קאַרדינאַלער פּאַראויסזעצונג פון אונדזער קיום גופא, ניט נאָר גייסטיקן נאָר אויך מאַטעריעלן. זעט, למשל, ווי די דאָזיקע פראַגע ווערט פאָרמולירט אין דער פּלאַטפאָרמע פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו דער יידישער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ: „אין די לענדער, וואו מען (דער „מען" מיינט מסתמא אַנדערע פעלקער — י. ע.) וועט געניסן גרופּן־רעכט און וואו די יידישע באַפעלקערונג פאַרלאַנגט פאַר זיך אַזעלכע רעכט, פאָדערן מיר, אַז זיי זאָלן עס קריגן". דאָס אייגענע, און כמעט מיט די אייגענע ווערטער זאָגט די פּראָגראַם פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס: „גרופּן־רעכט פאַר יידן אין אַלע לענדער, וואו אויך אַנדערע געניסן פון אַזעלכע רעכט" (ציטירט לויטן „טאָג", פון 31טן אויגוסט 1943).

וואָס אַ וואָרט — איז דאָ ממש אַ פּערל. ראשית, וואָס איז שוין ווערט די פּרום־אָפּגעהיטע נייטראַליטעט פון דער דאָזיקער פּראָגראַם. אַבי איך האָב כל ימי געמיינט, אַז נאַציאָנאַלע יידן און ציוניסטן, אפילו די, וואָס האָבן די „פּריווילעגיע" צו זיין אַמעריקאַנער בירגער, פילן זיך פונדעסט־וועגן קודם כל ווי ברידער מיט יידן פון אַנדערע לענדער און במילא האָבן זיי דאָס רעכט און דעם חוב „אַריינצורעדן" אין זייערע לעבנס־פראַגן און אַז דאָס וועט ניט באַטראַכט ווערן ווי אַן „אינטערווענץ" אין די ענינים פון אַ פרעמדער, „סואווערענער מאַכט". וואָלטן מיר בכן געקענט פרעגן ביי די דאָזיקע אַמעריקאַנער יידן: נו, און וואָס מיינט איר אַליין, דאַרפן די יידן אין מזרח־אייראָפּע טאַקע פאַרלאַנגען נאַציאָנאַלע רעכט צי אַ סברא, אַז זיי וועלן זיך באַגיין אָן זיי? (פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען שטעלט אַזאַ „געפערלעכע" פראַגע, מוז מען לכתחילה מוסר מודעה זיין, אַז מען מיינט חלילה ניט די אַמעריקאַנער יידן גופא, נאָר אונדזערע „ליידנ־דיקע אייראָפּעאישע ברידער").

והשנית, זינט ווען קוקן עס נאַציאָנאַלע יידן די גויים אין מויל אַריין? און ווי איז דער דין, אַז אַנדערע פעלקער ווילן ניט אָדער באַדאַרפן ניט און בכל אופן פאַרלאַנגען זיי ניט קיין מינדערהייט־רעכט, זייגען מיר שוין במילא פטור דערפון? שיין וואָלטן יידן אויסגעזען אין משך פון טויזנט ביין הונדערט יאָר, אויב ניט מיט אַ שמיציק, ווען זיי וואָלטן תמיד געוואַרט אויף אַנדערע מיעוטים־פעלקער און לעת עתה ניט געבויט קיין יידישע קהילות, ניט אָרגאַניזירט קיין יידישן בית־דין, ניט אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל אין אויג די יידישע אויטאָנאָמיע אין גלות. שוין לאַנג וואָלט פון אונדז קיין שפור ניט געבליבן. און ביי דער געלעגנהייט איז עס פאַר מיר אַן אַנגענעמער חוב דאָ אָפּצוגעבן אַ שבח ד"ר מ. וויינרייך, בפרט אַז איך האָב אים דאָ אַ פּאָר מאָל קריטיקירט, אַז גראָד ער, וואָס געהערט ניט צו די פּאַטענטירטע יידישע נאַציאָנאַליסטן און איז, צו מיין גרויסן באַדויערן, אויך ווייט פון ציוניזם, האָט ניט פאַרבונדן דעם גורל פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט מיט די אַנדערע מיעוטים. און דעם דאָזיקן גע־דאַנק האָט ער פשוט אָבער זייער קלאָר פאָרמולירט אין פאָלגנדיקע ווער־טער, אונטער וועלכע איך שרייב זיך אונטער מיטביידע הענט: „און וואָס וועלן מיר טאָן, אויב אין אַ געוויסער מלוכה וועלן יידן זיין די איינ־ציקע עטנישע מינאָריטעט? צי וועלן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע פאָ־דערונגען דערפאַר, ווייל עס איז ניטאָ קיין צווייטער צו אונדז, וואָס פאָ־דערט אויך דאָס אייגענע? אויב חוץ מיר זייגען אַלע זאַט, איז מיין הונגער קיין הונגער ניט?" עס בלייבט נאָר צו ווינטשן, אַז ד"ר וויינרייך

זאל זיך אליין מער אריינטראכטן אין זיין אייגענעם געדאנק פון „הונגער" און „זאט", וועט ער זיכער באגרייפן, אז אויף שטילן דעם יידישן הונגער דארף מען טאקע האבן אויטאנאמיע, אבער נאך עפעס דערצו...

ביי אט דער נייטראלער מהיכא תיתי באציאונג צו יידישער אויטאנאמיע מצד „נאציאנאלע" יידישע פארטייען איז קיין חידוש ניט, וואס די אמעריקאנער יידישע קאנפערענץ האט געמאכט אזא אייז־קאלטן קבלת־פנים פאר די יידישע נאציאנאלע פאדערונגען און זיך באגנוגנט מיט א גארניט זאגנדיקער, הגם הויך קלינגעדיקער ליבעראלער פראזע וועגן „די אומצעשטערבארע רעכט פון אלע רעליגיעס, עטנישע און רעליגיעזע גרופעס אויפצוהאלטן און צו אנטוויקלען זייער רעספעקטיווע גרופן־אידענטיטעט אויפן גרונט פון גלייכקייט". (דער „טאג" פון 3טן סעפטעמבער 1943). פארשטייט איר דעם פירוש המילות פון דעם דאזיקן הארבן שייטל עברי? אסור, אויב איך פארשטיי אווארט. איין זאך ווייס איך, אז די אויסבעסערונג פון דער דעלעגאציע פון ארבעטער־קאמיטעט, „אז עס זאל געפאדערט ווערן מינדערהייט־רעכט פאר יידן אין יענע לענדער, וואו יידן וואוינען אין קאמפאקטע מאסן", איז דורכגעפאלן און, ווי די צייטונג דערציילט, האבן א גרויסע צאל דעלעגאטן געשטימט קעגן (איך נעם אן, אז די פועלי־ציון האבן געשטימט פאר). עס איז ניט וויכטיק אינעם דאזיקן פאל, וואס די יידישע גרופעס, וואס האבן די דאזיקע אויסבעסערונג אריינגעטראגן, בלאנדזשען אליין און פארמולירן אומבאהאלפן די פראבלעם פון יידישע מיעוטים־רעכט. וויכטיק איז אבער ניט דאס ווארט, נאר דאס געפיל, וואס ליגט הינטער אים. די, וואס האבן פארלאנגט יידישע נאציאנאלע רעכט, האבן בכל אופן געהאט דאס באוואוסטזיין, אז יידן זיינען א באזונדער פאלק. אין זייערע אויגן האבן יידישע כלל־רעכט א חשיבות פאר זיך, בעת זייערע קעגנער מיינען, אז אין לך דבר העומד בפני גלייכבארעכטיקונג, כביכול, און אז נאציאנאלע רעכט איז לאוו דווקא. און זיי ווילן גאר ניט איינזען דעם עלעמענטאר־קלארן אמת, אז אלע אנדערע יידישע רעכט, די רעקאנסטרוקציע פונעם יידישן לעבן אין די לענדער פונעם איצטיקן יידישן חורבן און אפילו דער אויפבוי פון א יידישן לאנד שטייען און פאלן מיט אן ארגאניזירטן יידישן כלל־לעבן. פולווערייזירטע, אטאמיזירטע יידן־יחידים קענען ניט אקטיוו זיך שטעלן גרויסע נאציאנאלע אויפגאבן און א פשיטא שוין זיי ניט פארווירקלעכן. נאר אפילו די דרינגענדיקע מאטעריעלע נויטן אויף מארגן נאך דער מלחמה קענען ניט פארענטפערט ווערן אן יידישער אויטאנאמיע, ווי אן אויסגאנג־ און שטיץ־פונקט.

פאַרשטייט זיך, אַז עס קען קיין רייד ניט זיין צו באַשאַפן אין איין טאָג דעמאָקראַטיש־געקליבענע יידישע קהילות, ווי עס וועט אויך ניט מעגלעך זיין תיכף אויסצואַרבעטן גענויע תקנות פאַר זייער טעטיקייט און פונקציאָנירונג. דאָס, זעט איר, זיינען גראָד ענינים, וואָס קענען וואַרטן. אָבער די סאַמע פאַרשטייערשאַפט, לאָקאַלע און צענטראַלע, און זאָל דאָס זיין אין אַן עמבריאָנאַלער פאָרם, מוזן טאַקע ממש אויפן צווייטן טאָג פון דער באַפרייאונג אָנהויבן צו פונקציאָנירן און באַקומען די אָנערקע־נונג פון די רעספּעקטיווע מאַכט־פאַקטאָרן. מען דאַרף האָפן, אַז דער יידישער אונטערגרונט, וואָס האָט שוין אין דער וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס אַרויסגעוויזן אַזאַ געוואַלטיקן מאָראַלישן ווידערשטאַנד־כוח, וועט אויך צוגעגרייט זיין צו לייגן דעם פונדאַמענט פון אַזאַ יידישער פאַרטרע־טערשאַפט.

און כדי ניט צו פאַרגעסן דעם עיקר, דאַרפן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דער פּראָבלעם פון יידישע רעפּאַראַציעס. די הערשנדיקע מיינונג וועגן דער דאָזיקער פראַגע, אין איר אַלגעמיינעם פאָרנעם, איז, אַז די קאָמפּענ־סאַציעס, וואָס די אינוואַזאָרן וועלן דאַרפן געבן פאַר די חורבנות און אומ־גליקן, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן אין די אָקופּירטע לענדער, וועלן קענען רעאַליזירט ווערן און האָבן אַ ממשות בלויז דעמאָלט, ווען זיי וועלן גע־געבן ווערן ניט דירעקט צו די געליטענע יחידים, נאָר צו די באַטרעפנדיקע מלוכות. און מען דאַרף גאָר ניט זיין צו פּעסימיסטיש, כדי מורא צו האָבן, אַז יידן, די מייסט־געליטענע, קענען דאָ אַרויס בשן ועין. בכל אופן איז זיכער, אַז „מען" וועט טאָן אַלץ, כדי אָפּצוקומען בנוגע יידן מיט שה"י פה"י. און ווידער אַמאָל, אין בעסטן פאַל, אויב מען זאָל נעמען פאַר אַ יסוד באַפּעלקערונג־צאָלן, וועלן מיר בלייבן געקריוודעט צוליב דעם שוין אָנגעוויזענעם טעם, וואָס אונדזערע שאָדנס וועלן זיין ניט לערך גרעסער און אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער צאָל יידן צווישן דער גאַנצער באַ־פעלקערונג. מהאי טעמא דאַרפן יידן אויך אין דעם דאָזיקן ענין אַרויס־טרעטן, ווי אַ צד פאַר זיך און צושטעלן זייער אייגענע טרויעריקע בוכ־האַלטעריע. די רעפּאַראַציע־פאָנדן פאַר יידן דאַרפן איבערגעגעבן ווערן דעם יידישן קהל. אַ טייל פון די דאָזיקע פאָנדן וועט, פאַרשטייט זיך, דאַרפן גיין אויף צו פאַרגיטיקן די געליטענע גופא. אָבער איך מיין, אַז נאָך אַזאַ געוואַלטיקן חורבן מעג קהל זיך מתיר זיין און זיך ניט האַלטן שטרענג ביי דער הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום. עס וועט, למשל, ניט זיין קיין גרויסער חטא, ווען פאַרמעגלעכע מענטשן וועלן ניט באַקומען צוריק הונ־דערט פּראָצענט פון זייער שאָדן. און טאָמער חלילה וועט אַן אָרעמאַן

אַריינפּאַלן עפּעס מער, וויפיל עס זיינען ווערט געווען זיינע בעבעכעס, און אַ פּשיטא שוין אויב ער האָט בכלל גאָרניט פאַרמאָגט, וועט דאָס אויך קיין געוואַלטיקע עוולה ניט זיין. דאָס מיינט, אַז אַ טייל פון דער קאָמ־פּענסאַציע וועט דאַרפן ווערן אַ יידישער כלל־אייגנטום, וואָס זאָל קענען אויסגענוצט ווערן פאַר יידישע כלל־הצטרכותן: פאַרן אויפבוי פון דער יידישער ווירטשאַפט בכלל, פאַר דער גרינדונג פון יידישע קאָאָפּעראַטיווע און קהלשע אונטערנעמונגען, פאַר איבער־ און אויסוואַנדערונג, פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, פאַר קולטור־אינסטיטוציעס אאז״וו.

אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אַלגעמיינער פּראָבלעם גייט אויך אַריין די ספּעציעלע פראַגע פון די איבערגעבליבענע יידישע אומבאַ־וועגלעכע גיטער, ווי לאַנד, הייזער, קלייטן וכדומה. אַ סך פון זייערע בעלי־בתים וועלן האָבן „פאַרשוואונדן״ געוואָרן און ניט אַלע וועלן האָבן איבערגעלאָזט יורשים. קהל וועט במילא דאַרפן בלייבן דער טרויעריקער יורש פון די דאָזיקע פאַרמעגנס. ער וועט אָבער אויך האָבן צו זאָרגן דערפאַר, אַז די גיטער פון די לעבן־געבליבענע זאָלן צוריקגעגעבן ווערן. און מיינט ניט, אַז דאָס איז אַזאַ פּשוטער און גרינגער ענין, בפרט דאָרט, וואו די נייע בעלי־בתים אָדער באַזיצער געהערן אַליין צו דער געליטענער באַ־פעלקערונג און זיי זייַנען געבליבן די גאַנצע פינצטערע און ביטערע צייט אויף אַן אָרט. עס קען אויך גריילעך געמאָלט זיין, אַז דעם יידן, דעם פריערדיקן בעל־הבית, וועט גאָר ניט אַזוי לייכט זיין, ניט בלויז יורידיש, נאָר אויך מאָראַליש און פּסיכאָלאָגיש אַרויסצוואַרפן דעם שכן און פאַר־נעמען זיין אָרט. בפרט אַז אַרום און אַרום זיינען דאָ אַנדערע שכנים, מיט וועלכע מען וועט דערנאָך דאַרפן פרידלעך לעבן צוזאַמען. אַנדערש איז, ווען קהל מאָנט צוריק דאָס אייגנטום. אַזאַ פאָדערונג וועט גיכער קענען דורכגעפירט און פאַרטיידיקט ווערן אין די באַטרעפנדיקע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע אינסטאַנצן. חוץ לזה קען קהל קריגן אַ פאַרגיטונג אויף אַן אַנדער אופן, אויפן יסוד פון אַ קאָמפּענסאַציע־סיסטעם דורך גיטער און ווערטן, וואָס קענען ניט דירעקט אומגעקערט ווערן זייערע פריערדיקע אינדיווידועלע, קריסטלעכע בעלי־בתים. קהל דאַרף ווערן דאָס קלירינג־הויז פאַר יידישע תביעות, אַזוי אַז די חשבונות זאָלן קענען זיין ניט אינ־דיווידועלע, נאָר קאָלעקטיווע. צי וועט לאחר המעשה קהל אומקערן דאָס פאַרמעגן דעם בעל־הבית אָדער וועט אים געבן אַן עקוויוואַלענט אַנדערש־וואו — אין לאַנד גופא אָדער מחוץ לארץ — דאָס איז אַ שפּעטערדיקער ענין. קהל וועט זיך נאַטירלעך דאַרפן רעכענען קודם כל מיט די נויטן פון דעם באַטרעפנדיקן יחיד, מיט זיין מאַטעריעלן און גייסטיקן מצב, אָבער

אויך מיט אַלגעמיינע יידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון בנוגע דער ווירטשאַפט, וואַנדערונגען און אַז״וו.

אויף די דאָזיקע קאָנקרעטע ביישפּילן האָבן מיר געקענט זען, ווי ענג די לאַגע פונעם יידישן יחיד נאָך דער מלחמה וועט זיין געקניפּט און געבונדן מיטן עיקר פון אונדזערע אַלע פּראָבלעמען, מיט דער אָרגאַניזאַציע פונעם יידישן כלל. נאָר מיט זיין הילף וועלן די געבראָכענע און צעבראָ־כענע לעבן־געבליבענע יידן זיך קענען ראַטעווען און געהאָלפן ווערן.

די דאָזיקע צוזאַמענגעבונדנקייט פונעם גורל פון דעם יידישן יחיד מיטן יידישן כלל אין דער תיכפדיקער נאָך־מלחמה־צייט וועט דינען פאַר אַ גינסטיקן אויסגאַנג־פונקט פאַר דעם אויפקום פון יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַ־נען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אינעם ערשטן פּעריאָד וועט זייער צענטראַלע אויפגאַבע זיין — הילף און רעקאָנסטרוקציע, און שפּע־טער — די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער ווירטשאַפט און איר איינפּאַ־סונג אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער ראַם. די דאָזיקע אָרגאַנען וועלן זיך וואָס טיפער איינפונדעווען, וואָס ברייטער זיי וועלן שטעלן און פאַרענטפערן די פראַגן וועגן דעם איבערבוי פון דער יידישער ווירטשאַפט אויף קאָלעקטיווע און קהלשע יסודות און וואָס בעסער זיי וועלן דערלאַנ־גען די דאָזיקע ווירטשאַפט צו פאַרטיידיקן אין די גרענעצן פון דער נייער קאָנטראָלירטער און דיריגירטער עקאָנאָמיע, וועלכע וועט מסתמא זיין די הערשנדיקע אין די מזרח־לענדער. זיכער וועט אָט דער פּראָצעס ניט גיין גלאַטיק, אָן שטרויכלונגען, אָן שווערע מניעות. די שווערסטע וועלן קומען גראָד מצד געוויסע יידישע קרייזן, קאַפּיטאַליסטישע אָדער אַסי־מילאַטאָרישע (על פי רוב פאַלן זיי צונויף). פאַרקערט אָבער איז אָנצונע־מען, אַז די רעגירונגען וועלן ניט מאַכן קיין עקשנותדיקע אָפּאָזיציע דער יידישער אויטאָנאָמיע און דער פאַרברייטערונג פון איר קאָמפּעטענץ און פון איר אַקטיווקייט ווי באַלד די דאָזיקע פאַרברייטערונג גייט ניט אויפן חשבון פון דער מלוכה און פון איר אייגענער באַפעלקערונג, נאָר אויפן חשבון פונעם יידישן יחיד. די שליטה פונעם יידישן קהל איבער יידן איז אַן אינעוויייניקסטע יידישע אָנגעלעגנהייט, וואָס איז דער מלוכה אייגנטלעך ניט נוגע. אַ שווערן און האַרטנעקיקן קאַמף וועלן יידן מיט איר האָבן צו פירן נאָר אין איין וויכטיקן ענין, דהיינו וועגן דעם פאַרנעם און אינ־האַלט פון דעם יידישן אַנטייל אין דער ווירטשאַפט פון דעם לאַנד. צו דעם דאָזיקן קאַמף דאַרפן מיר זיך גרייטן. אָבער ניט אין איין טאָג וועט ער זיך פאַרענדיקן. גיכער וועט ער זיך קיינמאָל ניט פאַרענדיקן און קהל

וועט דאַרפֿן כסדר, טאָג איין טאָג אויס, מוטיק און עקשנותדיק פֿאַרטיידיקן יידישע ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס.

ג) דער קאַפּיטאַליסטישער סעקטאָר. וואָס פֿאַר אַ לאַגע וועט זיך שאַפֿן אין די לענדער פֿון מערב־אייראָפּע אויפֿן קאָנטינענט און אויף די בריטישע אינדזלען מיט זייערע קליינע יידישע ישובים, איז איצט, פֿאַרשטייט זיך, שווער צו זאָגן. מען וואָלט זיי גיכער באַדאַרפֿט צורעכענען צום מזרח־אייראָפּעאישן סעקטאָר פֿון קאָנטראָלירטער ווירטשאַפֿט, ווי צו דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישן, בפֿרט אַזוינע לענדער, ווי פֿראַנקרייך און בעלגיע, למשל, וואָס האָבן שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון פֿאַשיזם און נאַציזם. אין אַן אַנדער פֿאָרם, אין אַן אָפּגעשוואַכטער, וועלן די יידן פֿון די דאָזיקע לענדער אויך שטיין לערך פֿאַר די זעלביקע פּראָבלעמען, ווי דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום. און אויב מען וועט מסתּמא ניט קענען אָנווענדן צו זיי די זעלביקע אינטעגראַלע יידישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וועלן זיי אָבער אַ סך עלעמענטן פֿון דער דאָזיקער פּאָליטיק מוזן איבערנעמען. יידישע קהילות און פֿאַרבאַנדן פֿון קהילות וועט מען אויך דאָרט מוזן גרינדן נאָך דער מלחמה אויפֿן אָרט פֿון די ביז איצטיקע סינאַגאָגאַלע קאָנסיסטאָריעס, אויב זיי וועלן ניט קענען מיטאַמאָל ווערן אויטאָריטעטע יידישע אָרגאַנען, ווי אין מזרח, וועלן זיי לכל הפּחות דאַרפֿן האָבן די קאָמפּעטענץ, וואָס יידישע קהילות האָבן פֿאַר היטלערן געהאַט אין די לענדער פֿון צענטראַל־אייראָפּע, ד״ה ניט זיין קיין פּריוואַטע חברות, נאָר עפֿנטלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס, מיט אַ געוויסער צוואַנגס־געוואַלט. שאַרף וועט אויך שטיין פֿאַר די דאָזיקע יידישע קיבוצים די פּראָבלעם וועגן שאַפֿן נייע יסודות פֿאַר יידישער ווירטשאַפֿט־טעטיקייט. און אויך דאָרט וועט די דאָזיקע פּראָבלעם ניט קענען פֿאַרענטפֿערט ווערן, סיידן אין דער ריכטונג, וואָס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן פֿאַר דעם מזרח־יידנטום, הגם נאַטירלעך מיט געוויסע מאָדיפֿיקאַציעס, לויט די אומשטענדן פֿון יעדן לאַנד. בכל אופֿן קיין פֿולער צוריקקער צו די אַלטע לעבנס־פֿאָרמען, צו די אַלטע יידישע פּראָפֿעסיעס פֿון באַנקירן און אַדוואָקאַטן וועט אויך דאָרט ניט פֿאָרקומען. אַזאַ לאַנד ווי פֿראַנקרייך, וואו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פֿון יידישער אַסימילאַציע, וועט איצט, האָב איך „מורא", ווערן איר קבֿר. און קיין תּחית המתים וועט זי דאָרט שוין ניט אויפֿשטיין. די „אַליאַנס איזראַעליט" איז פֿאַרמאַכט געוואָרן פֿון דער ווישי־רעגירונג. די זעלביקע רעגירונג האָט געגרינדעט אַן „אַלגעמיינעם פֿאַרבאַנד פֿון די פֿראַנצויזישע יידן" מיט אַן אָבליגאַטאָרישער מיטגלידערשאַפֿט. צי וועט זיך די אַליאַנס ווידער עפֿענען, ווען די פּאָליטישע אומשטענדן וועלן דאָס

דערלויבן, נעם איך מיר ניט אונטער צו זאָגן. מסתמא, יאָ. זיכער איז אָבער, אַז קיין נעסט פון אַסימילאַציע וועט זי מער ניט קענען ווערן, אפילו ווען זי וועט עס פּרוּוון. די דאָזיקע נעסט איז בכל אופן צעשטערט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן, אויב ניט אויף אַלע מאָל. צי וועט דער דערמאָנטער פאַרבאַנד איבערלעבן די ירידה פון ווישי, גלויב איך ניט. אָבער אַן אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון פראַנצויזישן יידנטום וועט מוזן אויפשטיין. צום פריערדיקן צעבראָקלטן צושטאַנד איז דער וועג צוריק פאַרשאָטן. אויך דאָ וועט נאָר אַן אָרגאַניזירטער יידישער כלל זיין בכוח אויפצובויען די חורבות פון יידישע בעלי־בתישקייטן און העלפן יידן זיך צו שאַפן אַ נייעם מעמד.

וויניקער שאַנסן, ווי אין אַלע אַנדערע צענטערס פון יידישן ישוב, האָט די יידישע אויטאָנאָמיע אין דער מערב־העמיספער, אין די לענדער פון קאַפּיטאַליזם און ליבעראַליזם. אין די דאָזיקע לענדער איז דערווייל ניט בלויז ניט מעגלעך צו קלערן וועגן דעם אויפבוי פון יידישער אויטאָנאָמיע, נאָר עס איז אפילו אויסגעשלאָסן, אַז דער סאַמע געדאַנק זאָל געפינען אַ ווידערקול אפילו צווישן יידן גופא. אויפן ערשטן פּלאַן שטייען דאָ די פאַראייניקטע שטאַטן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל מיר האָבן דאָרט איינעם פון די צוויי גרעסטע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט, און, צווייטנס, ווייל דאָס איז דאָס לאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליזם לויט אַלע סימנים קלייבט זיך נאָך ניט צו קאַפּיטולירן.

די צוקונפט פון צפון־אַמעריקאַנער יידנטום איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון דעם לאַנד גופא. און דאָ שטייען מיר פאַר אַ גרויסן פראַגע־צייכן. קוואָ וואַדיס, אַמעריקע? אויף דעם וועלן אייך אפילו אַמעריקאַנער ניט קענען ענטפערן. אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט אויך דאָרט קיין לאַנגן קיום ניט האָבן, אין דעם קען מען כמעט זיכער זיין. וואָס וועט קומען אויף זיין אָרט? צי אַ נייער, מער געלונגענער פּרוּוו פון אַ ניו־דיל אין די ראַמען פון אַ דעמאָקראַטישן מלוכה־סדר, צי אַ פּלאַנירטע, קאָנטראָלירטעווירטשאַפט אויף אַ פּאָליטיש־ און אידעאָלאָגיש־פאַשיסטישן אונטערשלאַק? ווער קען זיך אונטערנעמען איצט דאָס צו זאָגן. ביידע עווענטואַליטעטן האָבן אַ סך פאַר זיך. צוזאַמען מיט פיל אַמעריקאַנער, גלויב איך, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז גראָד אין צפון־אַמעריקע האָט דער פאַשיזם נאָך דער מלחמה מער שאַנסן ווי אויפן אַלטן קאָנטינענט. ניטאָ קיין פרוכטבאַרער באָדן פאַרן דאָזיקן ווילד־געוויקס, ווי דער ראַסן־האַס און די ראַסן־קאָנפליקטן און ווי דער בלינדער פאַנאַטישער אַנטי־

קאָמוניזם. און גראָד אין אָט דיביידע באַציאונגען איז אַמעריקע צייטיק פאַרן פאַשיזם.

ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע מדינה שניידט זיך שוין איצט אויף אַ ...ציע. דער היינטיקער תוהו־ובוהו־צושטאַנד, הן אין ווירטשאַפטלעכן און ...ן נאַציאָנאַלן זינען, קען זיך ניט ציען אָן אַ סוף. דער איבערגאַנג ...ון ...ייער ווירטשאַפט צו אָרגאַניזירטער, און פון דעם אַמאָרפן לאַנד צו אַ קריסטאַלי...ירטער נאַציע, מוז ברענגען מיט זיך אַ רעוואָלוציע אויך אינעם ווירטשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן פון די יידן אין לאַנד. ניט געקוקט אויף זיין גאַנצער רחבות און רייכקייט, וועט די ענגשאַפט אין אַמעריקע מוזן שטייגן, צום טייל, ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה. די גוזמאדיקע האָפענונגען אויף קונים און אויף מערק אין אייראָפּע און אויפן וייטן מזרח וועלן לערך גיך צערונען ווערן. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט ...טאַרק פאַרשפּעטיקט. אַז דער קאָלאָסאַלער ספינקס, וואָס הייסט אַזיע, ...עט אַנטפּלעקן זיינע סודות, וועט די וועלט פאַר זיך דערזען הונדערט־מיליאָניקע פעלקער, וואָס וועלן גיך האָבן געלערנט ביי די קריסטלעכע אומות אַלע זייערע חכמות און קונצן, און דאָך וועלן זיי בלייבן אַ באַזונדערע פרעמדע וועלט, אַ וועלט פאַר זיך. יאַפּאַן וועט צעקלאַפּט ווערן, אָבער פּאַראַלעל מיט איר וועט אויפשטיין אַ מער געפערלעכער קאָנקורענט פאַר דעם ווייסן מענטשן, געפערלעכער, ווייל פינף מאָל גרעסער — די כינעזער. שוין איצט, בשעת דער מלחמה, ווערן דאָרט געלייגט יסודות, טאַקע מיט דער הילף פון די אַנגלאָ־סאַקסן (אַ ברירה האָבן זיי?) פון אַ נאַציאָנאַלער אינדוסטריע, וועלכע האָט גאָר גרויסע אויסזיכטן אין דער צוקונפט.

און אַז אין אַמעריקע וועט ווערן ענגלעך אָדער ממש ענג, און אַז דאָס פאָלק וועט אין דער אייגענער צייט אַלץ מער קומען צום באַוואוסטזיין פון זיין אייניקייט און פון זיין פאַררעכט אויפן לאַנד, דעמאָלט וועט מען אויך אָנהויבן זיך באַקלערן, ווער איז עלטער און בילכער. שוין איצט מאַכט מען אַ חילוק צווישן די, וואָס זיינען געקומען אויפן „מייפלאַוער" און יענע פון דעם צווישן־דעק פון די מאָדערנע טראַנסאַטלאַנטישע גיגאַנטן. אַ פשיטא שוין נאָך דער מלחמה און אין קריזיס־צייטן. די שפּעטגעקומענע קענען דאָס אויסמיידן נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן באַוואוסטזיניק מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה זיך אָפּטרייסלען פון זייער פאַרגאַנגענהייט, זיך באַהעפטן מיט די „ראשונים" און דערמיט גופא אויפהערן צו עקסיסטירן אין זייער אייגענעם באַוואוסטזיין און אין די אויגן פון אַלע אַרומיקע ווי „אחרונים". אָט פאַרוואָס עס וועט ווערן אַלץ

דעליקאַטער און שווערער די לאַגע פון דער ניט אַסימילירטער און ניט אַסימילירבאַרער יידישער מינדערהייט. אַמעריקאַנער יידן פאַרטראָגן ניט, אַז מען מאָלט זיי זייער צוקונפט מיט שוואַרצע פאַרבן. ווען דער יידישער מזל וואָלט היינט אַהין פאַרוואָרפן אַ קעלמער מגיד, וועלכער וואָלט זיי געמאָלן זייער צוקונפטיקן גיהנום, וואָלטן זיי אים זיכער פאַרשטיינערט. אַמעריקאַנער יידן האָבן באמת ליב אַמעריקע, ריכטיקער — דאָס בילד פון דעם פרייען לאַנד, וואָס זיי האָבן זיך געשאַפן אין פריערדיקע צייטן. געקומען זיינען זיי על פי רוב פון לענדער, וואו יידן פלעגן גערודפט ווערן אויף איטלעכן שריט און מיטאַמאָל דערזעט מען פאַר זיך אַ לאַנד, וואָס האָט אין יענער עפּאָכע ניט געוואוסט ניט פון דחקות און ניט פון יידישע רדיפות, פון דיסקרימינאַציעס. אפילו אויב די לעצטע האָבן יאָ עקסיסטירט סאָציאַל, האָט דאָס דער יידישער עמיגראַנט ניט געשפּירט, ווייל סיי ווי האָט ער כמעט קיין סאָציאַלן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג ניט געהאַט און ניט געזוכט. אַזוי אַרום איז איינגעקריצט געבליבן אין זייער זכרון דער ערשטער און שטאַרקער איינדרוק פון פרייהייט און שפע. און עס איז ניט מער ווי מענטשלעך, אַז דעם יידן איז שווער זיך צו שיידן מיט דעם דאָזיקן בילד, וויפיל ביטערע אַנטוישונגען ער זאָל ניט האָבן איבערגעלעבט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דער ייד מיינט נאָך היינט, אַז ער גייט אין אַמעריקע, ווי אויף אַן אייזערנעם בריק. וואָס זאָל מען טאָן! אַמעריקאַנער יידן זיינען ניט ערגער און ניט בעסער פון אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים. איטלעכער פון זיי האָט געמוזט פּאָקן און מאָזלען פאַר זיך און אַליין פונדאָסניי דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג פון יידישער דערפאַרונג, פון יידישער געשיכטע און ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען און באַגריפן אירע אימאַנענטע געזעצן. ווען יענע מערב־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן, אַקוראַט ווי די אַמעריקאַנער, סך־הכל נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט דעם אייגענעם געפיל פון פעסטקייט און זיכערקייט און דערנאָך מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי זייערע פעסטונגען האָבן זיך צעשאָטן ווי קאָרטן־הייזלעך, וואָלטן געקענט אַריינהויכן אין אַמעריקאַנער יידנטום כאָטש אַ פונק פון דעם אייביקן יידישן אומרו, פון זייער אייגענער נשמה־צערודערונג, וואָלטן זיי דערמיט גאָר אַ גרויסע טובה געטאָן דעם יידישן קיבוץ פון דער גרויסער רעפּובליק. יידן אין אייראָפּע ווייסן שוין היינט דעם סוד, אַז ס'איז ניטאָ קיין איינגעזעסנקייט, קיין זיכערקייט פאַר יידן אין קיין לאַנד אויף דער וועלט, אַז אַ ייד מוז בכל יום ויום גרייט זיין אין וועג אַריין. ניטאָ בכן קיין שום גאַראַנטיעס, אַז אַמעריקע, דאָס לאַנד פון דער גרעסטער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג זאָל ניט ווערן אַ

לאַנד פון יידישער אויסוואַנדערונג. אויב אַמעריקאַנער יידן האָבן נאָך ניט פאַרגעסן דעם פסוק „שלח לחמך", וואָלטן זיי שוין היינט געדאַרפט צו־גרייטן אַ מקום־מקלט, אויב ניט פאַר זיך, איז — פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער. און וועט דאָס ניט זיין ארץ־ישראל, וועט נאָר איבער־בלייבן, ווי אַ גערעכטע שטראָף, דער ווייטער מזרח, אַ כינע, למשל, אויב ביז דעמאָלט וועלן די געל־פאַרביקע זיך ניט האָבן אויסגעלערנט פון די ווייס־פאַרביקע צווישן אַנדערע חכמות אויך די קונץ צו פאַרקלאַפּן טיר און טויער — אַ תורה, וואָס מען לערנט זיך אויס אַזוי גיך און גרינג, טאַקע אויף איין פוס.

ס'איז אָבער גאָר אַ קנאַפּע האָפענונג, אַז אַמעריקאַנער יידן, אין זיי־ערע גרויסע מאַסן, זאָלן שוין איצט, כל זמן די נייע טענדענצן האָבן זיך נאָך ניט אַנטפּלעקט אין אַ פולער מאָס, אַזוי אַז מען זאָל זיי קענען מיט די הענט אָנטאַפּן, קומען צום באַוואוסטזיין, אַז אַ רעוואָלוציע אין זייער אייגענעם לעבן איז אַ אומפאַרמיידלעכקייט. ממילא קען דערווייל קאָנ־קרעט נאָך ניט זיין קיין רייד וועגן פיקסירן דאָרט יורידיש און פאָרמעל נייע יידישע לעבנס־פאָרמען. נאָר אויב אַמעריקע איז נאָך ניט צייטיק אויפצונעמען אַ פּראָגראַם פון יידישער ווירטשאַפט, פון יידישער אויטאָ־נאָמיע — דעם גרויסן געבאָט פון אינטעגראַלער יידישקייט, הייסט עס אָבער ניט, אַז שוין איצט קען ניט און דאַרף ניט אָפּגערייניקט ווערן דער וועג צו אַ ניי יידיש לעבן און אַז די הערצער דאַרפן זיך ניט שוין מכין זיין דערצו. קען מען דערווייל ניט האָבן קיין יידישע אויטאָריטעט, אַן עפנטלעך אָנערקענטע, דאַרף מען כאָטש איינפירן און פאַרפעסטיקן צווישן יידן אַ שטאַרקע מאָראַלישע אויטאָריטעט, שאַפן פּריווילעגיע לאָקאַלע קהילות און אַ צענטראַלע פּערמאַנענטע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָלן ביסלעכ־ווייז און מיט דער צייט זיך פאַרוואַנדלען אין דער העכסטער אויטאָריטעט פון דעם קיבוץ.

מען דאַרף דאָך זאָגן דעם אמת. ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס, איז די יידישע דעזאָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַזאַ, אַז קיין גלייכעניש צו איר וועט איר אין קיין לאַנד מיט אַ גרויסן יידישן ישוב ניט געפינען. און אין קיין לאַנד ווערן יידישע קהלשע ענינים ניט אָנגעפירט אַזוי אַנטי־דעמאָקראַטיש ווי דאָרט. איז דער כלל ניט אָרגאַניזירט, פאַלט די ממשלה אויטאָמאַטיש אריין אין די הענט פון פינאַנציעל־שטאַרקע גרופּעס. און עס איז איינע פון די יידישע פּאַראַ־דאָקסן, וואָס איר וועט ביי קיין פאָלק אין דער וועלט ניט זען, אַז יידישע

דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַלע קרייזן, אפילו „סאָציאַליסטישע", שטעלן זיך אַקעגן יעדן פּרואוו צו באַשאַפן צענטראַליזירטע, שטענדיקע און דע־מאָקראַטישע פאָלק־אָרגאַנען. משמעות, אַז אין דער איצטיקער אַנאַרכיע פילן זיי זיך ווי פיש אין וואַסער. האָבן מיר דאָרט הונדערטער חברות און קאָנגרעגיישאָנס און ניטאָ די איין חברה, די חברה פון כל ישראל חברים.

עס וואָלט געווען כ'לעבן אַ יושר, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום זאָל זיך באַפרייען פון דער ממשלה פון קליקעס אין קהלשן לעבן. דערצו אָבער איז קודם כל נויטיק, אַז אַמעריקאַנער יידן זאָלן אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אַליין. ביז איצט האָבן זיי נאָר געקלערט וועגן יידן מעבר לים. און צו זייער שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן דערמיט פאַרשריבן אַ שיין בלאַט אין דער יידישער געשיכטע. וועלן זיי אָבער אָנהויבן קלערן אויך וועגן זיך אַליין און וועגן זייער אייגענער צוקונפט, וועלן זיי דערמיט דאָרט אַריינשרייבן נאָך אַ שענער בלאַט. וואָרעם קומען וועט זיכער די צייט, ווען זיי וועלן, אַקוראַט ווי די אייראָפּעאישע יידן פאַר זיי, זיך דאַרפן ערנסט פאַרטראַכטן איבער יידישע פּרנסות, איבערשיכטונג, וועגן יידישע שולן (טאַקע שולן ממש, אינטעגראַל יידישע און ניט די איצטיקע „ער־זאַץ" — צוגאָב־שולן) — אַלץ אַזוינע באַגריפן, וואָס זיי האָבן געוואוסט פון זיי נאָר צוליב די אייראָפּעאישע יידן. און ווער ווייס, אפשר איז די צייט ניט ווייט, ווען זיי וועלן זיך דאַרפן דערמאָנען דאָס לאַנג פאַרגעסענע ליד פון דער אַלטער היים, וואָס זאָגט, אַז „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה"?

ד) די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פּאָליטיק. מיר האָבן שוין געזען, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס איז און מוז זיין דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון יידישער פּאָליטיק לויט לענדער און פעלקער, ניט געקוקט אויף אירע איינהייטלעכע יסודות און צילן, שותפותדיקע פאַרן גאַנצן כלל ישראל. דערפון איז געדרונגען, אַז דער צענטער פון יידישער פּאָליטישער אַקטיווקייט מוז ליגן אין די איינצלנע לענדער. אינטערנאַציאָנאַל קענען אויפגעשטעלט און פאָרמולירט ווערן נאָר געוויסע אַלגעמיינע פּרינציפּן, וועלכע דאַרפן אָבער רעאַליזירט ווערן אין די איינצלנע לענדער דורך פאַרהאַנדלונגען מיט די לאַנד־רעגירונגען און דורך אַן אויסגלייך מיטן פאָלק פון איטלעך לאַנד. צי וועט עס בכלל נאָך דער איצטיקער מלחמה קומען צו אַן אינ־טערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, איז נאָך ניט אַבסאָלוט זיכער. איז דאָך די איצטיקע וועלט פאַקטיש אַ סך ווייניקער דעמאָקראַטיש און עגאַליטאַריש, ווי נאָך יענער מלחמה. עס קען דעריבער גרייעלעך געמאָלט זיין, אַז אַלץ

וועט, אפילו פֿאַרמעל און אויסערלעך, ווערן כתוב וחתום צווישן די פּאָר גרויסע לענדער. אַזוי צי אַזוי דאַרף מען זיך פֿאָרשטעלן, אַז געוויסע גרונט־פּרינציפּן וועלן אויפֿגעשטעלט און דעקלאַרירט ווערן. אין אַזאַ מין פּרינציפּן־דעקלאַראַציע קען בנוגע יידן, פֿאַרשטייט זיך, זיין די רייד נאָר וועגן אַלגעמיינע הנחות. דהיינו, גלייכע רעכט פֿאַר בירגער פֿון אַלע ראַסעס, רעליגיעס, רעכט פֿון די מינדערהייטן אויף זייער שפּראַך, שולן וכדומה. מסתמא וועט דער אַלטער פּזמון פֿון ווערסאַל, טריאַנאָן, נעיאי און די אַנדערע מקומות, וואו מען האָט מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק אונטערגעשריבן די שלום־טראַקטאַטן, ווידער אַמאָל איבערגעחזרט ווערן. די דאָזיקע דעקלאַראַציע וועט האָבן, ווי יעדע דעקלאַראַציע, איר פּרינציפּ־יעלן ווערט. מגזם זיין איר חשיבות לוינט ניט. און יידן זאָלן זיך שפּאַלטן צוליב יעדן קוצו של יוד פֿון אַזאַ מין דעקלאַראַציע, ווי דאָס האָט פּאַסירט ביי דער פֿאַריקער שלום־קאָנפֿערענץ — לוינט אוודאי און אוודאי ניט. צי וועט מען יידן אָנרופֿן אַ „נאַציאָנאַלע” אָדער אַ „עטניש־רעליגיעזע” מינדערהייט, וועט זיך אין תוך גאָרנישט ניט ענדערן. רופֿט אונדז אַזוי, רופֿט אונדז אַנדערש, אַבי די וועלט און מיר גופֿא ווייסן דעם סוד, אַז ניט געגליכן זיינען מיר צו די איבעריקע פֿעלקער. און דאָס איז דאָך דער עיקר, דער תכלית פֿון דעם גאַנצן ענין.

אָט, זעט איר, וואָלט גראָד געווען אַ גרויסער אויפֿטו, ווען די יידישע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס (דערונטער פֿאַרשטיי איך הן די, וואָס זיינען אָרגאַניזאַטאָריש געבויט ווי אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פֿאַראייני־קונגען, ווי למשל, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, הן יענע, וואָס זיינען נאָר לאַנד־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי” און קאָנ־גרעס, „דער באָאַרד אָוו דזשואיש דעפּיוטיס” אין ענגלאַנד און אַזוי ווייטער, אָבער וואָס זייער אַקטיווקייט און זייערע אויפֿגאַבן זיינען יידיש־אינטערנאַציאָ־נאַל) וואָלטן געפּועלט, אַז אין דעם צוקונפֿטיקן טשאַרטער זאָל בפּירוש דערמאָנט ווערן דאָס רעכט פֿון אַלע יידישע קיבוצים צו בילדן קהילות און קהילות־פֿאַרבאַנדן, און דער חוב פֿון די רעגירונגען איז זיי אָנער־קענען און באַהאַנדלען זיי, ווי אינסטיטוציעס פֿון עפֿנטלעכן רעכט. און דאָ איז ווידער אַמאָל ניט וויכטיק, צי וועט געזאָגט ווערן בפּירוש וואָס פֿאַר אַ קהילות מען מיינט: רעליגיעזע, נאַציאָנאַל־וועלטלעכע אָדער גע־מישטע. כשאני לפֿי עצמי מיין איך, אַז גראָד דאָס האָט ניט קיין גרויסע באַדייטונג, ווייל איך האַלט זיך ביים אַלטן יידישן כלל, אַז לא התורה עיקר אלא המעשה. אַ פּשיטא שוין איז דער דאָזיקער כלל גילטיק, בעת עס רעדט זיך וועגן חולין־דאָקומענטן. מפּני דרכי שלום קען

מען, אויב עס זאָל נויטיק זיין, רואיק לאָזן דעם אויסדרוק קהילות סתם און איבערלאָזן איטלעכן יידישן קיבוץ אָנצופילן דאָס דאָזיקע וואָרט מיטן פּאַסיקן אינהאַלט, לויט די אומשטענדן פון צייט און אָרט. איבעריקנס, אין די פּאַריקע שלום־אָפּמאַכן מיט פּוילן און די איבעריקע לענדער גע־פינט איר טאַקע דעם זעלבן יורידיש־אומבאַשטימטן אויסדרוק „יידישע קהילות". נאָר דאָרט ווערן זיי דערמאָנט דרך אגב, ווי אַ פאַקט, וואָס עקסיסטירט, בעת מיר דאַרפן איצט נאָך עפּעס, דהיינו — דער חוב פון די רעגירונגען צוצולאָזן, אַז זיי זאָלן געגרינדעט ווערן און זיי געבן עפנט־לעכע אָנערקענונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע דערקלערונג וועגן דעם רעכט פון יידן אויף קהילות דאַרף ניט, ווי דאָס איז געשען אין ווערסאַל בנוגע מינדערהייט־רעכט, באַגרענעצט ווערן אויף דעם אָדער יענעם לאַנד, נאָר זי דאַרף טראָגן אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, אַזוי אַז יעדער יידישער קיבוץ זאָל קענען דאָס דאָזיקע רעכט באַנוצן, אויב ער האָט דעם ווילן דערצו. אַזאַ פאָרמולירונג וועט באַזייטיקן דעם ווידערווילן פון די קלענערע פעלקער, וועלכע זעען אין ספּעציעלע התחייבותן, וואָס מען לייגט אַרויף נאָר אויף זיי, דעם אויסדרוק פון אַ באַזונדערער באַציאונג צו זיי, ווי צו מינדער־ווערטיקע פעלקער. איבעריקנס, ווער קען אַריינקוקן אַזוי וויט, טאָמער קומט אַ טאָג, און הלוואי זאָל ער טאַקע קומען, און וואָס גיכער — אַלץ בעסער, ווען אַמעריקאַנער יידן וועלן קריגן חשק, אויב זיי וועלן ניט געצוואונגען זיין דערצו, אויסצובויען טאַקע פאַר זיך גופא אַ יידישע קהילה־אויטאָנאָמיע אויף זייער שטייגער.

אַ צווייטער וויכטיקער אויפטו וואָלט געווען, ווען מיר דערלאַנגען ביים פעלקער־אַראָפּאַג די אָנערקענונג פון דעם יידישן וועלט־פאָלק, ווי אַ יורידישע פּערזענלעכקייט פונעם עפנטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן רעכט. וואָס איך מיין דערמיט איז ניט קיין יידישע רעגירונג, וועגן וועלכער מען שמועסט אין געוויסע יידישע קרייזן, און ביים שמועס וועט עס מסתמא בלייבן. ניט מיר קענען האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע רעגירונג, ניט מיר קענען דאָס דערגרייכן. איבעריקנס, די כוונה גופא פון די, וואָס האָבן דעם דאָזיקן לאָזונג צוגעקלערט, קען האָבן אַ רייץ נאָר פאַר יענע, וואָס דער נהיה ככל הגוים איז פאַר זיי געוואָרן אַ פעטיש. פאַר זיי איז דער עיקר, מיר זאָלן קענען זיצן ווי אַ צד אַרום שלום־טיש צוזאַמען מיט די פאַרטרעטער פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער מלחמה, און ווי „גלייכע מיט גלייכע". מוז איך זיך מודה זיין, אַז

איך, און מסתמא נאָך אַ סך אַנדערע יידן, בין איך מוחל במחילה גמורה דעם דאָזיקן כבוד, צוזאַמען מיט דער אחריות פאַר דער „בעסערער וועלט", וואָס דאַרף געבוירן ווערן ביים דאָזיקן טיש. וואָס יידן באַדאַרפן אָבער יאָ האָבן, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרטרעטערשאַפט, וואָס זאָל באַקומען אַ לעגאַלע עקסיסטענץ און קענען ריידן מיט דער וועלט אינעם נאָמען פונעם יידישן פאָלק, פאַרטיידיקן זיינע כלל־אינטערעסן, בפרט בנוגע דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, און העלפן די איינצלנע יידישע קיבוצים אין זייער געראַנגל פאַר זייער קיום און פאַר זייער פרייהייט אין אַלע פאַלן, ווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינטערווענץ קען זיי צונוץ קומען. גלייכצייטיק מיט דער דאָזיקער פונקציע כלפי חוץ, וואָלט אַ יידישער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַן געהאַט אויסצופירן יענע סאָציאַלע און קולטורעלע יידישע אויפגאַבן, וואָס שטייגן איבער דעם רשות, די מעגלעכקייטן און די קאָמפּעטענץ פון איינצלנע יידישע קבוצים, ווי רעגולירונג פון יידישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, גרינדונג פון יידישע הויכשולן און ענלעכע אינסטיטוציעס אויף צו באַדינען יידן פון פאַרשיידענע לענדער אאַז"וו.

וואָס פאַר אַ ראָלע אַזאַ אָנערקענטע יידישע אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט וואָלט געקענט שפּילן תיכף נאָך דער מלחמה אויף אויפצושטעלן דעם נויטיקן קאָנטאַקט און מיט דער געהעריקער אויטאָריטעט מיט די אַליאירטע רעגירונגען אין אַלע ענינים פון דער מיליטערישער אָקופּאַציע, הילף־ און רעקאָנסטרוקציע־טעטיקייט אין די באַפרייטע לענדער — אויף דעם האָב איך שוין אויבן מרמז געווען. אויך אין אונדזער אינטערנאַציאָנאַלן לעבן מוז אויפהערן די איצטיקע הפקרות, וואָס פירט דערצו, אַז ווער עס פוילט זיך נאָר ניט, קען רעדן אין יידישן נאָמען. בפרט וואָלט געדאַרפט נעמען אַ סוף צו די אינטערוועניצן פון אונדזערע „קרובים למלכות", וואָס פירן די גרענדע אָן שום אויטאָריזאַציע פון יידישע פאַראַנטוואָרטלעכע קערפּערשאַפטן. אויך דאָ מוזן מיר דערגיין דערצו, אַז די פעלקער זאָלן זען קלאָרע גרענעץ־ליניעס צווישן איינצלנע יידן, ווי הויך עס זאָל ניט זיין זייער פּאָזיציע, און דעם יידישן כלל.

ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז פריער אָדער שפּעטער זאָל די אויטאָריטעט פון אַזאַ יידישער קערפּערשאַפט אָנערקענט ווערן פון די איינצלנע רעגירונגען אין אַ ריי לענדער און אַז אירע דאָרטיקע פאַרטרעטער זאָלן קענען אָפיציעל ווירקן און אינטערווענירן ווי שליחים פונעם גאַנצן יידישן ציבור. אָט אַזוי, למשל, ווי דעם פּויבסטס נונציעס פירן שוין איצט אויס אַזאַ פונקציע בנוגע קאַטאָליקן, בירגער פון די איינצלנע

לענדער כלפי זייערע אייגענע רעגירונגען. אמת, וואָס עס איז מותר פאַר קאַטאָליקן, איז אסור פאַר יידן. דער געשפּענסט פון „טאָפּלטער לאָיאַלי־טעט” לויערט אומעטום אויפן יידן און וואַרפט אויף אים אַן אַ שרעק. נאָר אויב מיר וועלן תמיד ציטערן פאַרן דאָזיקן שד, וואָלטן מיר געמעגט בכלל זיך אָפּזאָגן פון יעדער האָפענונג צו לעבן, ווען ניט איז, אָפּן ווי יידן און זיך ניט דאַרפן באַהאַלטן פאַר דער וועלט און פאַר דער ליכטיקער שיין.

נאָכוואָרט

מיר זיינען געקומען צום סוף פון דעם בוך. זיין כוונה איז געווען קודם כל צו געבן אַ ניכטערן אַנאַליז פון דער היינטיקער וועלט, פריי פון אילוזיעס און ווי ווייט מעגלעך אָביעקטיוו. אָביעקטיוו ניט דערפאַר, ווייל די געשעענישן פון דער וועלט און איר גורל זיינען אונדז גלייכגילטיק. קיין שותפים פון דער קריסטלעכער וועלט זיינען מיר יידן טאַקע ניט. מיר זיינען בנוגע איר תמיד געווען און דאַרפן אויך אויף ווייטער בלייבן „אַוטסיידערס". קיין שותפים מיט דער וועלט זיינען מיר ניט, אָבער אַ צד זיינען מיר יאָ. במילא קענען מיר ניט זיין צו איר אינדעפערענט און מוזן צו איר האָבן אַ באַציאונג און ניט נאָר אַן אינטערעסן־באַציאונג. מיר גייען צו איר צו אויך מיט מאָראַלישע קריטעריומס, מיר מעסטן לענדער און פעלקער אויך מיט אַ מאָראַלישער מאָס, אָבער מיט אונדזער אייגענער. איין פאָלק, איין סאָציאַלער און פּאָליטישער רעזשים קען ביי אונדז אַרויס־רופן סימפּאַטיעס, די אַנדערע — גלייכגילטיקייט און די דריטע — אַנטי־פּאַטיע. אָבער אין קיין איינעם פון די אַלע פאַלן ווערן מיר ניט נשמהדיק באַהעפט מיט וועמען ניט איז. מיר בלייבן און וועלן תמיד בלייבן אַליין פאַר זיך געטריי אונדזער אייגענער פערזענלעכקייט, אונדזער אייגענער מאָס און וואָג.

אין תוך גענומען איז אָט דאָס די באַציאונג פונעם געטאָ־יידן. אָבער סיי אונדזער אייגענע עוואָלוציע, סיי די ראַדיקאַלע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אינעם לעבן פון די פעלקער און זיינען אַן אָנזאָג אויף אַ נייער תקופה, שטויסן אונדז צוריק צו אונדזער אַלטער יידישער היים, וואָס מיר האָבן, ווי עס האָט זיך געקענט דוכטן, אויף אַלע אייביקייטן פאַרלאָזן.

אָבער לאָמיר זיך ניט מאַכן קיין נייע, אייגענע אילוזיעס אָנשטאָט די אַלטע און פרעמדע. געטאָ איז אַ נויטווענדיקייט פאַרן יידישן גלות־לעבן, וואָרעם הינטער אירע טויערן לויערן אויף אונדז כרובים מיט פלאַמיקע שווערדן פון פרעמדער שנאה און פון אייגענער בגידה. אַן אייגן, פול יידיש

לעבן אין גלות, קאָן געמאָלט זיין נאָר אין אַ גייסטיק־אָפּגעזונדערטער וועלט. געטאָ איז אַן אומפאַרמיידלעכקייט, אָבער ניט קיין אידעאַל. דער יידישער אידעאַל האָט זיך ניט געביטן. ער איז תמיד געווען און וועט בלייבן — גאולה, די אויסלייזונג פון גלות און במילא פון דעם געטאָ־לעבן. ביז אָבער די דאָזיקע גליקלעכע שעה וועט קומען, זאָל די געטאָ געבענטשט זיין. זי, און נאָר זי אַליין, קען אונדז געבן די אינערלעכע, די אמתע פרייהייט. נאָר זי קען אָפּהיטן פון אונטערגאַנג אונדזער יידישקייט, ד״ה אונדזער פערזענלעכקייט, וואָס מוז אונדז זיין טייערער, ווי אַלע אוצרות פון דער וועלט.

אָבער געטאָ הייסט מאַטעריעלע דחקות און גייסטיקע ענגשאַפט. ביטערע טעג און פינצטערע צייטן וואַרטן אויף אונדז. יידן, אָפּגעשניטן פון די רייכקייטן פון אַ גרויסער וועלט, וועלן ווידער ווערן, ווי זיי זיינען עס אַמאָל געווען, אַן אָרעם פאָלק. קאַבצאַנסק וועט ווידער אויפגעריכט ווערן, ווי די הויפּט־שטאָט פון דער יידישער גלות־מדינה. און די אַלטע יידישע טאָרבע, וואָס מען האָט געמיינט, אַז מען קען זי שוין באַהאַלטן אין מוזיי, וועט אונדז ווידער באַגלייטן אין אונדזערע וואַנדערונגען, איבער די וועגן און שטעגן פון דער וועלט. געטאָ מיינט תמיד אָפּהענגיק זיין פון דעם חסד פון די פעלקער, תמיד ציטערן הן פאַרן יידישן יחיד, פאַר זיין לעבן און עקסיסטענץ, הן פאַרן גורל פון דעם כלל. געטאָ מיינט אָבער אויך — שטענדיק אָטעמען גייסטיק מיט אַ פאַרשטיקטער לופט. איינגעשפּאַרט אין אונדזערע אייגענע ד׳ אמות און באַלאַגערט פון אַ סך זייטן, הלוואי ניט פון אַלע! — מוזן מיר אַליין מיטן גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון אַ סך פרייהייטן. ניטאָ קיין פולע פרייהייט אין אַ באַלאַגערטן פעלד. הלוואי זאָל עס ניט דערגיין אַזוי ווייט, אַז אויב צווישן אונדז זאָל ווידער אַמאָל אויפשטיין אַ ברוך שפינאָזאַ, זאָל מען אים אין חרם ניט אַריינלייגן.

געטאָ איז אַ האַרבע שטראָף, אָבער אַ פאַרדינטע און מיר מוזן זי מקבל באהבה זיין. אַ שטראָף פאַר אַ חטא, וואָס דויערט שוין צו לאַנג, כמעט גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, פאַר דער זינד פון בלייבן אין גלות. אַז די מיטלעלטערלעכע גלחים פלעגן אין וויכוחים מיט, להבדיל, יידישע רבנים כסדר אַרויסברענגען דעם אַרגומענט פון גלות ווי אַ באַווייז, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר זיין גאָט, האָבן זיי, אין אַן אַנדער פאָרם און מיט בייזע כוונות שלעכט איבערגעחזרט אַן אַלטן, טיף־יידישן געדאַנק. אונדזערע זינד האַלטן אויף די גאולה. דאָס גערעכטסטע פאָלק אויף דער וועלט קען באַפאַלן ווערן פון פעלקער רשעים און, אויב זיי זיינען שטאַרקער פון אים, פאַרשקלאַפט ווערן צו זיי. אָבער אַ גערעכט

פאָלק וועט קיינמאָל מיט זיין גורל ניט שלום מאַכן אויף אייביק און וועט זיך רייסן פון תפיסה צו דער פרייהייט, מעבדות לחירות. טוט ער דאָס ניט, איז די וועלט באַרעכטיקט צו צווייפלען אין זיין גערעכטיקייט און קודם כל טאָקע ער גופא. אָט פאַרוואָס אַלע יידן קוקן אַרויס, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, מיט אַזאַ ליבשאַפט, מיט אַזאַ הארץ־בענקשאַפט צו דעם לערך קליינעם ישוב אין ארץ־ישראל. אין דעם דאָזיקן יידישן אַוואַנגאַרד זעען מיר דאָס אויפגעוואַכטע יידישע געוויסן, פון אים פליסט אין אַלע יידישע אָדערן דער גלויבן, אַז יידן ווילן און קענען באמת תשובה טאָן. באַפרייאונג פון גלות מיינט, אַז יידן וועלן זיך אויסלייזן און איינאיינעם דערמיט אויסקויפן זייערע זינד, וואָס זיי באַגייען ניט בלויז קעגן זייער גאָט, נאָר אויך קעגן זיך אַליין יעדן איבעריקן טאָג, וואָס זיי בלייבן לעבן אונטער אַ פרעמדן יאָך אין די לענדער פון שקלאַפעריי.

ביבליאָגראַפֿיע

LIN YUTANG: My Country and My People, London 1942, pp. 57, 331, 339, 344.

J. STALIN: La gran guerra patria de la Union Sovietica, Moscu 1942.

ANUP SINGH NERUH: The Rising Star of India, New York 1939, pp. 113, 120.

LEONARD BARNES: The Uprising of the Indian and Colonial Peoples.

:אין זאַמלבוך

WHERE STANDS DEMOCRACY, London, 1940, p. 71.

PEARL S. BUCK: Asia and Democracy, London, 1943, p. 16.

THE CITY OF MAN, A Declaration on World Democracy, New York 1941.

FRANCIS WILLIAMS: War by Revolution, New York 1941, pp. 11, 84-85, 142.

HOWARD K. SMITH: Last Train from Berlin, London 1942, pp. 246-248.

NORMAN ANGEL: Let the People Know, New York 1943, VI, pp. 42, 43, 50, 56, 77, 239.

NICHOLAS DOMAN: The Coming Age of World Control, New York 1942, pp. 5, 31, 33, 41, 168, 208-09, 258, 260.

J. DONALD KINGSLEY and DAVID V. PETEGORSKY, editors: Strategy for Democracy, New York 1942, pp. 36, 38.

D. G. H. COLE: Europe, Russia and the Future, New York, 1942, pp. 3, 13, 40, 41, 78, 83, 123, 126-127-28, 132-33, 141-42, 148, 167.

FRANK MUNK: The Legacy of Nazism, New York 1943, pp. 71-72, 86.

PROF. ANTON LARGIADER: Historia de Suiza, Barcelona, 1935, pp. 8, 43, 50, 59, 63, 114-15.

OSCAR I. JANOWSKY: Towards a Solution of the Minorities Problem.

ALBERT GUERARD: Culture and Territory.

:אין זאַמלבוך

STRATEGY FOR DEMOCRACY. New York 1942, pp. 93, 94, 95, 99.

JOHN MAYNARD KEYNES: The Economic Consequences of the Peace, London 1920, pp. 26, 34, 39, 50, 52, 56, 57, 211-12.

E. H. CARR: Conditions of Peace, New York 1942, pp. 27, 58, 59, 65-67.

MICHAEL STRAIGHT: Make This the Last War, New York 1943, p. 35.

PIERRE FRANCES: Comment gagner la paix, Buenos Aires 1943, pp. 11-12.

HERBERT HOOVER and HUGH GIBSON: The Problems of Lasting Peace, New York 1942, pp. 222, 233.

HAROLD J. LASKI: Reflections on the Revolution of Our Time, New York 1943, pp. 190, 384-5, 391.

J. STALIN: El Marxismo y el Problema Nacional y Colonial, Moscu 1941, pp. 4, 8, 10, 31, 56, 57, 81,

84, 97, 99, 100, 101, 108, 153, 204, 254, 296.

WILLIAM TEMPLE, ARCHBISHOP OF CANTERBURY: Christianity and Social Order, London 1942, p. 57.

A. C. F. BEALES: The Catholic Church and International Order, London 1942, pp. 142, 146.

HUBERTUS PRINZ zu LOEWENSTEIN: Kaempfende Kirche, Freies Deutschland, Januar Heft 1943, Mexico.

ANDRE MAUROIS: Tragedie en France, New York 1940.

YVES SIMON: La Grande crise de la Republique Francaise Montreal 1941, pp. 105, 106, 135, 158.

JACQUES MARITAIN: A travers le desastre, New York 1941, p. 16.

LOUIS LEVY: The Truth About France, London 1941, pp. 93, 120, 123.

KARL MARX UND FRIEDRICH ENGELS: Manifest der kommunist'schen Partei, Moskau 1933, pp. 13, 21, 22, 32.

ADOLF STURMTHAL: The Tragedy of European Labour, New York 1943, pp. 236, 237, 243, 244, 248.

KINGSBURY SMITH: The American Plan for a Reorganized World, The American Mercury. November 1942.

THE NEW REPUBLIC, 31/5, 21/6, 19/6 1943.

SIR STAFFORD CRIPPS: Democracy Up to-date, London 1939, p. 54.

FRIEDRICH ENGELS: Del Socialismo Utopico al Socialismo Cientifico, Moscu 1941, pp. 33, 70, 71, 74.

D. G. H. COLE: Socialism in Evolution, New York 1938, p. 66.

GEORGE SOULE: The Coming American Revolution, New York 1936, pp. 99, 109, 110, 113, 169, 170, 293, 294.

W. M. ESCHMAN: El Estado Fascista en Italia, Santiago de Chile 1936, p. 148.

JUAN BENEYTO PEREZ: Nacionalsocialismo, Barcelona 1934, pp. 77, 94, 95.

JAMES BURNHAM: The Managerial Revolution, New York 1941, pp. 46, 237, 238, 241, 242.

FRITZ THYSSEN: I Paid Hitler, London 1941, p. 253.

ADOLF HITLER. Mein Kampf, Muenchen 1934, pp. 48, 69, 87, 149, 195, 311, 312, 314, 322, 323, 335.

ALFRED ROSENBERG: Der Mythos des 20. Jahrhunderts, Muenchen 1935, pp. 22, 23, 34, 35, 55, 56, 158.

JOHN L. CHILDS and GEORGE S. COUNTS: America, Russia and the Communist Party in the Post War World, New York 1943, p. 52.

ROBERT DE SAINT JEAN: Democratie, beurre et canons, New York 1941, pp. 180, 235.

PAUL VIGNAUX: Traditionalisme et syndicalisme, New York 1943, p. 113.

LEON TROTSKY: La Revolucion Traicionada, Santiago de Chile 1937, pp. 18, 112, 125, 139, 140, 213, 216.

N. LENIN (f. J. Ulianoff): Kommunistichesky Internazional, oMskva 1924, p. 27. .(רוסיש)

N. LENIN: El Estado y la Revolucion. Moscu 1940, pp. 39, 40, 82.

GOTTFRIED FEDER: Der deutsche Staat auf nationaler und sozialer Grundlage. Muenchen 1933, p. 37.

J. STALIN: Informe sobre el Proyecto de la Constitucion de la U.R.S.S., Buenos Aires 1941, p. 17.

KARL MARX: Kritik des Gothaer Programms, Moskau 1941, p. 23.

ANDRE GIDE: Retour de l'U.R.S.S., Paris 1936, pp. 71-72.

RAYMOND ARTHUR DAVIES and ANDREW J. STEIGER: Soviet Asia, New York 1942, XII, pp. 50, 51.

JOSEPH E. DAVIES: Mission to Moscow, New York 1941, pp. 101, 163, 412, 587.

MAX EASTMAN: Stalin's Russia. New York 1940, pp. 39, 40, 41.

REV. HEWLETT JOHNSON: El Poder Sovietico, Buenos Aires 1941, pp. 117, 219, 220, 221, 262, 263, 290.

SIDNEY and BEATRICE WEBB: The Truth about Soviet Russia, New York 1942, pp. 32, 33, 34, 47, 48.

HANS KOHN: Revolutions and Dictatorships, Cambridge, Mass. 1941, pp. 174, 175.

DONALD YOUNG: American Minority Peoples, New York 1932, pp. 16, 51, 52, 134, 135, 138-139, 141, 243, 245, 465, 466, 479, 579, 586, 587, 590.

AMERICAN JEWISH COMMITTEE, EDITORS: The Position of the Jews in the Post-War World, New York, pp. 25, 26.

SALO WITTMAYER BARON: The Jewish Community, Philadelphia 1942, Vol. I, pp. 38, 50, 51, 66, 71, 72, 77, 78, 89, 110, 111, 114, 115, 121, 129, 130, 157, 161, 162, 216, 245, 271, 272, 292, 367, 371; Vol. II., pp. 6, 7, 9, 11, 13, 116, 221, 226, 248, 249, 251, 253, 260, 261, 262, 293, 302, 304.

P. JOSE LOPEZ ORTIZ: Derecho Musulman, Barcelona 1932, pp. 17, 100.

HERMAN VOGELSTEIN: Rome, Philadelphia 1940, pp. 26, 32.

THE AMERICAN JEWISH YEAR-BOOK, Volume 44, Philadelphia 1942, p. 487.

THEODOR HERZLS ZIONISTISCHE SCHRIFTEN: Leroy Baulieu ueber Antisemitismus, p. 203.

W. M. KIPLINGER: Washington Is Like That, New York 1942, pp. 370-75.

MOSES HESS: Rom und Jerusalem, 2. Auflage, Tel-Aviv 1935, pp. 12, 16-17, 29, 40.

CECIL ROTH: Historia de los Marranos, Buenos Aires 1941, pp. 312-13.

RONALD R. TAFT: Problems Arising from Minorities.

אין זאַמלווערק:

OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, Francis J. Brown and Joseph S. Roucek, editors, New York 1939, p. 18.

J. O. HERTZLER: The Sociology of Anti-Semitism through History.

אין זאַמלבוך:

JEWS IN A GENTILE WORLD: New York 1942, pp. 67, 73, 74, 75, 77, 78, 79, 80, 81, 89, 98, 99, 100.

RAYMOND KENNEDY: The Position and Future of the Jews in America.

אין זאַמלבוך:
JEWS IN A GENTILE WORLD, New York 1942, pp. 419, 420, 422, 428.

E. GEORGE PAYNE: 1. The School and the Immigrant: 2. Education and Cultural Pluralism.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, pp. 602. 760, 761, 762, 763.

LEONARD COVELLO: Language as a Factor in Social Adjustment.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, pp. 689, 692, 696.

CLARA A. HARDINAND, HERBERT A. MILLER: The Second Generation.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, pp. 711, 712, 720, 721.

FRANCIS J. BROWN: Minority Groups and their Communities.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, pp. 561, 569.

MARO VICHUR: The Immigrant Press.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, pp. 575, 592, 593.

GORDON M. RIDENOUS and FRANCIS J. BROWN: Religion and Minority Peoples.
אין זאַמלווערק:
OUR RACIAL AND NATIONAL MINORITIES, New York 1939, p. 608.

MAURICE BARRÈS: Les diverses familles spirituelles de la France, pp. 48-50.

THEODOR HERZL'S ZIONISTISCHE SCHRIFTEN: Der Judenstaat, p. 48.

V. I. LENIN: O. mezdunarodnom rabotchem dvizenii, tom. 1, Leningrad 1925, p. 84. (רוסיש).

L. MILLOT, M. MORAND, F. GODIN, M. GAFFIOT: L'Oeuvre Legislative de la France en Algerie, Paris, 1930, pp. 58, 64, 65, 68, 173, 174, 175, 176.

JAMES PARKES: The Jewish Question, Oxford 1941, pp. 22-23.

WLADIMIR JABOTINSKY: The War and the Jew, New York 1942, p. 122.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, פעברואַר 1943.

א. גאָלאָמב: אומוועגן און אויסוועגן, ווינ־ פעג 1942.

א. גאָלאָמב: יידן און יידישקייט אין אַמע־ ריקע, וויניפעג 1940.

ד״ר מ. גידעמאַן: יידישע קולטור־געשיכ־ טע אין מיטלאַלטער (יידיש פון נחום שטיף), בערלין 1922, ז״ז 68, 122.

נתן נטע האַנאָווער: יון מצולה (יידיש פון וו. לאַצקי־בערטאָלדי), אינם ספר גזרות ת״ח, אַרויסגעגעבן פון ייוואָ, ווילנע 1938, ז' 84.

יידן נאָך דער מלחמה: אַרויסגעגעבן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1942. אַרטיקלען פון א. מענעס און ד״ר מ. ווײַנרייך.

בנימין לארעאנא־ראַמירעז: די ערשטע שפּאַ־ נישע יידן אין מעקסיקע, זאַמלבוך „קאָנ־ טינענט״, מעקסיקע 1941.

יעקב לעשצינסקי: דאָס סאָוועטישע יידנטום, ניו־יאָרק 1941, ז״ז 47, 167, 170, 171,

173, 182, 183, 195, 197, 198, 229, 232, 233, 248, 249, 260, 286, 287, 288, 295, 321, 323, 329, 342, 344, 348, 351.

י. ל.: די מוטערשפּראַך פון די פּוילישע ייִדן, ייוואָ־בלעטער, יאַנואַר־פעברואַר, ניו־יאָרק 1940.

ה. מייקסין: וואָס קענען מיר אָפּלערנען פון די צענזוס־צאָלן וועגן מוטער־שפּראַך? ייוואָ־בלעטער, נאָוועמבער־דעצעמבער, ניו־יאָרק 1942.

יחזקאל קויפמן: גולה ונכר, תל־אביב, תרפ״ט, תר״ץ, תרצ״ב; כרך ראשון: 108—118, כרך שני: 306—308.

ד״ר יעקב קלאַצקין: די פּראָבלעמען פון מאָדערנעם ייִדנטום, וואַרשע 1930, ז״ז 103, 151, 171.

ט. רוזנבוים: שגיאות מקובלות, המשפט העברי, תל־אביב תרצ״ג, דף 114.

ל. שפּיזמאַן: ייִדן אין נאַצי־פּוילן, ניו־יאָרק 1942, ז״ז 312, 358, 359, 367.